STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04338

PERZENLEKHKAYTN UN FOLK

Nahum Sokolow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחום סאָקאָלאָוו: פערזענלעכקייטן און פאָלק

נחום סאָקאָלאָוו

פערזענלעכקייטן און פאָלק

הספריה הציונית
על יד הנהלת ההסתדרות הציונית
ירושלים תשכ״ו

רעדאַקציע און אַריינפיר: ג. קרעסעל

איבערזעצונגען: ל. אָליצקי

כל הזכויות שמורות ל„ספריה הציונית״
Printed in Israel, 1966

נדפס בדפוס „ארזי״, תל־אביב

באמצעות הוצאת הספרים של הסוכנות היהודית

אינהאַלט

ג. קרעסעל / נחום סאָקאָלאָוו, זיין וועג און טעטיקייט . 9

פערזענלעכקייטן

אַנרי בערגסאָן * 85
חיים יחיאל באָרנשטיין 100
ד״ר מיכאַל פרידלענדער 152
יוסף כהן צדק 163
ש. י. אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מו״ס) 177
י. ל. פרץ 203
אליעזר בן־יהודה 247
ר׳ נחמן קראָכמאַל * 265

דערציילונגען און פעליעטאָנען

דער הויכער משה 271
ביבל־בבל 291
ביים זיידן * 309
אונטער דער באַנק * 315
די אַלטע הגדה * 322
פאָליטישע סעודות * 325
די ליכטעלעך * 331
אין גלות * 341
דער מלאך פון רעגן * 344
יידישע פרוי * 355

אין דינסט פון פאָלק

וואָס ווילן מיר ? * 361
דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס 367
צי קאָן א״י לייזן די יידן־פראַגע ? 389

* די אַרבעטן וואָס זענען באַצייכנט מיט אַ שטערנדל — אין אָריגינאַל ייִדיש. די נישט באַצייכנטע — איבער־געזעצט פון ל. אָליצקי.

ג. קרעסעל

נחום סאָקאָלאָוו, זיין וועג און טעטיקייט

צו שרייבן אַ סאָקאָלאָוו־מאָנאָגראַפּיע, און באַזונדערס אַ מיניאַטור־מאָנאָ־גראַפּיע, ווי די דאָ פאַר אונדז, איז פון די זייער שווערע זאַכן. סאָקאָלאָווס שרייבערישע טעטיקייט האָט אַרומגענומען אַ פּעריאָד פון פינקטלעך צוויי און זעכציק יאָר, און נישט נאָר אין העברעיִש, נאָר אויך אין אייניקע אַנדערע שפּראַכן (פּויליש, דייטש, פראַנצייזיש, ענגליש א.אַז.וו.). דערצו איז ער נאָך געווען אַקטיוו אין משך פון צענדליקער יאָרן אין דער ציוניס־טישער באַוועגונג און געווען אויפן דאָזיקן טעטיקייטס־געביט פון די בולטסטע געשטאַלטן. און נישט בלויז דאָס, אַלס שרייבער האָט זיך סאָקאָלאָוו אַרויסגעוויזן מיט זיין אייגנאַרטיקייט שוין ביי זיינע ערשטע טריט, און שפּעטער איז כמעט נישט געווען קיין שיִעור צו זיינע פיל און פאַרשיידענע שרייב־געביטן. ביאַליק האָט אַ מאָל וועגן אים געזאָגט: „סאָקאָלאָווס געשטאַלט, מיט אַלע אירע פיל און פאַרשיידענע פיזיאָנאָמיעס און מיט אירע גאָרע ענדערונגען, האָט זיך אַדורכגעבראָכן און אַריבער־געשפּאַנט נישט נאָר די באַשטימטע גרענעצן, וואָס זענען סטאַביל פאַר יעדער ראַם פון סתם א שרייבער־געשטאַלט ביי יידן, נאָר צעשטערט אַלע צוימען און איז אַרויס מחוץ אַלע מחיצות וואָס האָבן אַרומגענומען און באַגרענעצט, על פּי גורל, די געביטן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור גופא. סאָקאָלאָוו האָט אַבסאָלוט געענדערט די גאַנצע סיסטעם פון אירע דימענסיעס און אַריינגעבראַכט אַ צעמישעניש אין אַלע אירע ווערטן־מאָסן... און ווען ס׳וואָלט זיך געפונען עמעצער, וואָס זאָל גערן זיין צונויפצו־זאַמלען סאָקאָלאָווס אַלע ווערק, זיינע מאַמרים און עסייען, פעליעטאָנען, רייזע־באַשרייבונגען, פאַרשאַרבעטן, ביכער און אַזוי ווייטער, און זיי צוזאַמענברענגען אויף איין פּלאַץ, וואָלט ער זיך דערצו געניייטיקט אין דריי הונדערט קעמלען".

אָבער סאָקאָלאָוון איז געשען, וואָס ס׳איז געשען גדולים און חשובים אויפן געביט פון דער ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט: איין דור נאָך זיין טויט — און זיין ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט, וואָס איז געווען ווי אַ שטאַרקע איבערלעבעניש אין די הערצער פון זיין דור און זיינע ענטוזיאַסטישע לייענער, איז כמעט אין דער בחינה פון אַ פאַרשווונדענער פאַרן נייעם דור, וועלכער האָט זיך דערצויגן אויף נייע געטער. דערפאַר האָט זיך דער שרייבער פון אָט די שורות אָנגענומען מיט

מוט צו סקיצירן אויף העברעיש סאָקאָלאָווס וועג און טעטיקייט, אויס־דריקנדיק דעם ווונטש ברייטער וועגן דעם צו שרייבן ביי אַ פּאַסיקער געלעגנהייט. ס'איז נאָך נישט געקומען אָט די צייט, און אַנשטאָט דעם ווערט דאָ געגעבן די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע אַ פּאַרקירצטע, אָבער ס'ווערט אויך צוגעגעבן עפּעס וואָס, וואָס איז אין דער העברעישער מאָנאָגראַפיע נישט געווען, וועגן סאָקאָלאָווס שרייבן אויף יידיש. דאָ איז אויך אויסן געלאָזן, צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, דער מראה־מקום־מעכאַניזם, און דער פאַראינטערעסירטער וועט קאָנען אויפזוכן די מקורות אין דער העברעישער מאָנאָגראַפיע.

קאַפּיטל איינס: די ערשטע יאָרן

[א]

ווישעגראָד (אויף פּויליש: Wyszogród), וואָס האָט זוכה געווען צו אַן ערנפּלאַץ אין אונדזער נאַציאָנאַלער און ליטעראַרישער ביבליאָגראַפיע, ווי סאָקאָלאָווס געבוירנאָרט, איז אַ קליין שטעטעלע. אויף דער מאַפּע געפינט עס זיך אין צענטער פון „גרויס פּוילן", פון איין זייט נאָענט צו וואַרשע, און צו פּלאָצק און פּלאָנסק פון דער צווייטער. דאָס שטעטעלע ווישעגראָד האָט זוכה געווען, אין סאָקאָלאָווס זכות פאַרשטענדלעך, צו אַ סך שילדערונגען, נאָר סאָקאָלאָוו אַליין האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט מיטגעריסן ווערן מיט זיינע יוגנטלעכע זכרונות, און דערפאַר עס געשילדערט בלויז איין מאָל, בקיצור און איינגעהאַלטן. שלום אַש, אַ געבוירענער אין קוטנע, וואָס איז נאָענט צו ווישעגראָד, האָט אַ מאָל געשילדערט סאָקאָלאָווס גע־בורטשטעטל: „אויפן הויכן ווייסל־ברעג, אויפן רוקן פונעם באַרג, האָט זיך אויסגעשפּרייט דאָס שטעטל ווישעגראָד (די יידן האָבן אַרויסגערעדט דעם שין מיט אַ סגול). פון צווישן דעם צווייגן־פּלאָנטער קוקן אַדורך די רויטע דעכער, די ווייסגעקאַלעכטע ווענט פון די הייזער און די גרינע לאָדנס. אום זומער, ווען מע פאָרט פאַרביי דאָס שטעטל מיט דער שיף וואָס שווימט פון פּלאָצק קיין וואַרשע, זעט מען אויפן ברעג פון דער ווייטן אַ וווּנדערלעך בילד: פּאַזע דעם טייך שטייען זייער הויכע טאַפּאָליעס. זיי זענען שוין אַ סך יאָרן פאַרטריקנט. זייערע צווייגנקרוינען צעשיטן זיך פון אַלטקייט. אָבער פון זייערע דורכגעפוילטע און אויסגעטריקנטע צווייגן וואַקסן אַרויס נייע ריטלעך, און ס'גלאַנצן אויף זיי גרינע בלעטלעך".

וועגן דעם משפחה־אָפּשטאַם האָט אַ מאָל סאָקאָלאָוו דערציילט בקיצור. די משפחה שטאַמט פון אַ דינאַסטיע רבנים און גדולים אין תורה. דעם פאַמיליענאָמען סאָקאָלאָוו האָט די משפחה אָנגענומען נאָך איר באַזעצן זיך

אין דער שטאָט סאָקאָלאָוו, שעדלעצער קרייז. שפּעטער איז די משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין ווישעגראַד. דאָ זענען געבוירן געוואָרן: סאָקאָלאָווס זיידע, רב אפרים יצחק, באַקאַנט אונטערן נאָמען רב איטשע ווישעגראַדער, פון די שטאָט־נכבדים, און זיין זון, רב שמואל יוסף — סאָקאָלאָווס פאָטער. זיין אַנדערער זיידע, פון דער מוטערס צד, איז געווען רב שמואל הכהן פון די פּלאָצקער קהילה־פירער, וועלכער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין פּטירה (1880) אַ הונדערט פּופּציק אייניקלעך. אָבער אַ גרעסערע השפּעה אויף נחומען האָט געהאַט זיין זיידע פון פאָטערס צד, דער דערמאָנטער רב אפרים יצחק. ער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיטן דאָזיקן אייניקל און אים געלערנט אַ סך יאָרן תורה. סאָקאָלאָווס פאָטער האָט מאריך־ימים געווען און געהאַט די זכיה צו זען זיין זון אַ באַרימטן אין דער יידישער וועלט אַלס רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה". זיין מוטער אָבער איז געשטאָרבן, ווען דער זון האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט.

ביי אַ די עלטערן איז נחום סאָקאָלאָוו (אין זיינע ערשטע יאָרן פלעגט ער זיך אונטערחתמענען: נחום טוביה, אָדער: נתן טוביה) געבוירן געוואָרן פינף טאָג אין שבט, אין יאָר תרי"ט (10.1.1859), אָדער, לויט סאָקאָלאָווס גירסא אַליין אין זיינע לעצטע יאָרן — פינף טאָג אין שבט, אין יאָר תרכ"א (16.1.1861).

ער איז דערצויגן געוואָרן, ווי געזאָגט, דורך זיין זיידן, אויפן שויס פון דער תורה, און אויך טיילווייז דורך זיין פאָטער. זיי ביידן זענען נישט פרעמד געווען קיין אַלגעמיינע ידיעות, און זיי האָבן געגעבן פון זיי אַ נאָש צו טאָן אויך דעם קינד און דעם יינגל, וועלכער האָט זיך שוין אין זיין יוגנט געלאָזט דערקענען מיט זיינע זעלטענע פעיקייטן. אין סאָקאָלאָווס ביאָגראַפיע פעלט אַזוי־אַרום דער געוויינלעכער גרעַנגל, וואָס אין דער ביאָגראַפיע פון כמעט אַלע שרייבער און געלערנטע פון דעם דור. די תורה און די בילדונג האָבן געהויזט בשלום ביי סאָקאָלאָוון דעם קינד, און אונטערוואַקסנדיקן יינגל. דערפון יענע סאָקאָלאָווישע באַקאַנטע געזעצטקייט אין זיין ליטעראַרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט שפּעטער.

צו זעקס יאָר אַלט האָט ער פאַרלאָזט זיין עלטערן־הויז, ווישעגראַד, און איז אַריבערגעפאָרן קיין פּלאָצק. דאָ האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט דער נאָמען: „דער ווישעגראַדער עילוי", וואָס צוליב דעם האָט זיך זיין נאָמען ווייט צעקלונגען. ער האָט אויך אָנגעהויבן לערנען אַלגעמיינע לימודים, אין שטוב פאַרשטענדלעך, וואַנדערנדיק כסדר קיין ווישעגראַד, צום זיידן רב איטשע, ווו ער איז געווען אַריינגעטאָן אין לערנען גמרא און פּוסקים. און אַזוי איז ער געוואָרפן געוואָרן צווישן ווישעגראַד און פּלאָצק, צווישן

לימודי־קודש און וועלטלעכע לימודים. נאָך סאָקאָלאָוו האָט זיך דערמיט נישט באַגנוגנט, נייערט אָוועקגעוואַנדערט אויך אין אַנדערע תורה־מקומות: לוּיוויטש און באַזונדערס קוטנע, ווו ער איז געווען אַ תלמיד פון רב ישראל יהושע טרונק און שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דאָזיקן רבין, וועלכער איז געווען פון די באַוווּסטע חובבי־ציון אין זיינע צייטן. אַ דריי יאָר האָט ער געוויילט אין קוטנע, און דאָ אויך געפונען השכלה־ביכער און ביכער אין אַנדערע שפּראַכן. אויך דערין האָט אים דאָס מזל צוגעשפּילט, וואָס רב שיעלע קוטנער האָט דערויף נישט שטאַרק מקפּיד געווען.

דערווייל האָט ער זיך אַלץ מערער געלאָזט הערן, און אַ סך האָבן אים גענומען נאָכגיין צוליב אַ שידוך. אָבער הצלחה דערין האָט געהאַט בלויז אַ ווייטער קרוב, רב יצחק הערש סעגאַל, וואָס מיט זיין טאָכטער האָט סאָקאָלאָוו חתונה געהאַט אין עלטער פון זיבעצן יאָר. און ווירקלעך, נחום סאָקאָלאָוו איז געווען גליקלעך מיט זיין דאָזיקער פרוי, רבקה סעגאַל, איר גאַנץ לעבן. און ווען זי איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין יאָר 1924, האָט איר צווישן אַנדערע אויך מספּיד געווען פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן, וועלכער האָט וועגן איר געזאָגט: „זי איז געווען דער סימבאָל פון דער יידישער פרוי, אַ געטרייע פרוי פון אַ געלערנטן, וועלכע האָט פאַרשטאַנען צו שעצן איר מאַן און זיין אים אַ הילף אין זיין לעבן און אַרבעט, אין טעג פון פּיין, ווי אין טעג פון גליק״. אויך האָט איר סאָקאָלאָוו געווידמעט זיין בוך וועגן שפּינאָזען, און אין איינעם פון זיינע בריוו באַלד נאָך איר טויט שרייבט ער: „זינט איך לעב האָב איך נישט געשפּירט אַזאַ דערדריקנדיקן ווייטיק, וואָס באַטריבט דעם גוף מיט דער נשמה, ווי פון יענעם ביטערן טאָג, אין וועלכן ס׳איז מיר צוגענומען געוואָרן מיין יוגנטווייב״.

זיין שווער איז געווען אַ גוטבאַזיצער אין מאַקאָוו, און סאָקאָלאָוו האָט פאַרבראַכט ביי אים אין הויז אַ זעקס יאָר, און אָט די יאָרן זענען געווען, לויט סאָקאָלאָווס רייד, די בעסטע אין זיין לעבן. דאָ האָט ער געלייענט און אַ סך געלערנט, און דאָ האָט ער זיך אויך איינגעשאַפן די קענטעניש פון אַכט שפּראַכן, אַלטע און נייע, און דאָ האָט זיך אויך אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישער וועג.

[ב]

ווי געוויינלעך האָט זיך זיין וועג אין דער ליטעראַטור אָנגעהויבן נאָך אַ פלייסיק שרייבן. און ווירקלעך, אין זיין ליטעראַרישן עזבון האָבן זיך אָפּגעפונען פאַרשיידענערליי שאַפונגען, וועלכע זענען פאַר יענער צייט אָנגעשריבן געוואָרן. און אָט דאָס שרייבן איז געווען אַ זייער פּילפּאַרביקס:

חידושי־תורה, שירים, דערציילונגען, פּיעסן און וויסנשאַפטלעכע מאמרים פון אַ סך און פאַרשיידענע געביטן. ער האָט זיכער געשיקט פון די דאָזיקע זאַכן אויך צו דער פּרעסע, און נאָר צופעליק איז אָפּגעדרוקט געוואָרן בלויז איין קאָרעספּאָנדענץ, און דאָס איז די ערשטע פּרוכט פון זיין פעדער, געדרוקט אין דער העברעיִשער וואָכנבלאַט, וואָס איז דערשינען אין גאַליציע: „עברי אָנוכי" אין יאָר 1874. ס'זענען אונדז באַקאַנט דער־אַ סאָרט קאָרעספּאָנדענצן אין דער פּרעסע פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין דער יידישער וועלט, וועלכע האָבן דערציילט וועגן שרפות, ווילטעטיקע מעשים און נאָך אַזעלכע גרויסע „פּאַסירונגען" אין יענע מקומות. אויך סאָקאָלאָווס דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ גייט נישט אַרויס פון דאָזיקן גדר. אַדרבא, זי שטייגט נאָך איבער מיט דער שפע פון תנ"כישע מליצות, וואָס ס'איז שווער דורך זיי אַרויסצואָנטפּלעקן דעם ממשותדיקן אינהאַלט.

איין קאָרעספּאָנדענץ שלעפּט נאָך זיך אַ צווייטע. אָבער נישט שטענדיק שמייכלט צו די הצלחה. אַ מאָל זאָגט זיך דער רעדאַקטאָר אָפּ צו דרוקן. אָבער דער קאָרעספּאָנדענט שרעקט זיך נישט אָפּ און שיקט ווייטער פון זיין שאַפונג. ווער ס'לייענט אויפמערקזאַם די ענטפערס פונעם רעדאַקטאָר, וועט געפינען נישט ווייניק נעמען (אמת מיט ראשי־תיבות, אָבער דער מבין כאַפּט זיך שוין, ווער ס'ווערט געמיינט), וואָס זייערע „שאַפונגען" זענען צוריקגעוויזן געוואָרן, און צווישן זיי אויך סאָקאָלאָווס, וועלכער איז איין מאָל זוכה צו דעם ענטפער: „מיר האָבן אין זיי נישט איינגעזען עפּעס דרוקפעיִקס". אָבער סאָקאָלאָוון איז נישט לייכט מדחה צו זיין, און אַזוי טרעפן מיר סאָקאָלאָוון אין דעם ערשטן נומער „הצפירה" פון איר דריטן יאָרגאַנג — און דאָס מאָל אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פּלאָצק.

די „הצפירה" איז נאָך געווען אַ יונגע צייטונג אין יענעם דריטן יאָר, הגם זי האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַ סך יאָרן פריִער, אין יאָר תרכ"ב (1862). דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז געווען דער באַרימטער געלערנטער רב חיים זעליג סלאָנימסקי, מער באַקאַנט אין דער פאַרקירצונג פון זיין נאָמען: „חז"ס" (1810—1904). ער איז געווען אַ מומחה אין מאַטעמאַטיק, נאַטור־וויסנשאַפטן און טעכניק; האָט אויף אַט די געביטן פאַרעפנטלעכט ביכער און פאַרשאַרבעטן אין העברעיִש, וואָס האָבן שטאַרק באַאיינדרוקט די העברעיִשע לייענער אין משך פון עטלעכע דורות. דאָ איז זיי אונטערגעטראָגן געוואָרן די השכלה גופא אין אַ פאָלקסטימלעכער פיינער אויסטייטשונג און קאָנקרעטיזירט מיט צייכענונגען און אויסרעכענונגען. חז"ס האָט אויך געמאַכט טעכנישע דערפינדונגען, וועלכע האָבן באַרימט געמאַכט זיין נאָמען אין דער נישט־יידישער וויסנשאַפט־וועלט. ער האָט

זיך נישט באַגנוגנט מיט זיינע ביכער און געוואָלט אַרויסגעבן אַ צייטשריפט פאַר נאַטור־וויסנשאַפט אויף העברעיִש. לסוף האָט זיך אים איינגעגעבן צו גרינדן, ווי געזאָגט, אין יאָר 1862, די וואָכנבלאַט „הצפירה", וואָס איז געווען בעיקר געווידמעט די נאַטור־וויסנשאַפטן און דער טעכניק, ס'הייסט די מאַמרים פון חז"סן אַליין. אָבער די צייט איז נישט געווען פּאַסיק פאַר דעם. אין פּוילן זענען דעמאָלט אויסגעבראָכן מהומות, וואָס האָבן לסוף דערפירט צום אויפשטאַנד פון יאָר 1863, און די „הצפירה" האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָכן דערשיינען פון פינף און צוואַנציק נומערן.

אויסער דעם איז חז"ס גערופן געוואָרן צו פאַרטרעטן דאָס אָרט פון דעם העברעיִשן דיכטער יעקב אייכנבוים אַלס דירעקטאָר פון דעם רבנים־סעמינאַר אין זשיטאָמיר. אמת, חז"ס האָט די גאַנצע צייט פון זיין וווינען אין זשיטאָמיר זיך באַמיט צו באַנייען די „הצפירה", זאָל זיין אפילו מיט שותפים (איינער פון זיי איז געווען מענדעלע). אָבער די שטערונגען האָבן אַראָפּגענומען אָט דעם פּלאַן פון דער טאָגאָרדענונג. ערשט ווען דער רבנים־סעמינאַר אין זשיטאָמיר איז געשלאָסן געוואָרן (1873), איז חז"ס אַריבערגעפאָרן קיין בערלין און האָט דאָרט באַנייט די „הצפירה" (1874). אין דער באַנייטער „הצפירה" איז חז"ס געווען געצווונגען אַ ביסל מוותר צו זיין לטובת דעם צייטגייסט און אָפּגעבן פּלאַץ אין דער צייטונג נישט נאָר פאַר די נאַטור־וויסנשאַפטן, נאָר אויך פאַר צייטפראַגן. בערלין איז נישט געווען דאָס פּאַסיקע אָרט פאַר אַרויסגעבן אַ העברעיִשע צייטונג, און דערפאַר האָט זיך חז"ס באַמיט די גאַנצע צייט אַריבערצופירן זיין צייטונג קיין וואַרשע. אָבער דערויף האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש, וואָס ס'איז שווער געווען צו באַקומען. לסוף איז די דערלויבעניש דערהאַלטן געוואָרן, און פון איר צווייטן יאָר (1875), נומ' 34, האָט די „הצפירה" אָנגעהויבן דערשיינען אין וואַרשע. דער אָנהייב פון סאָקאָלאָווס באַטייליקונג האָט זיך אַזוי אָרום אָנגעהויבן אינעם ערשטן נומער פון דער „הצפירהס" דריטן יאָר, ס'הייסט אייניקע חדשים נאָכן אַריבערפירן די „הצפירה" פון בערלין קיין וואַרשע.

ער האָט אָנגעהויבן אינעם געוויינלעכן נוסח פון אַ קאָרעספּאָנדענץ, שילדערנדיק אַלע גרויסע געשעענישן אין פּלאָצק. אָבער וויפל קאָן מען דערציילן וועגן פּלאָצק? דערפאַר געפינען מיר באַלד אַ ריי מאַמרים וועגן קאַיר פון מצרים און דערנאָך פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע מאַמרים וועגן אַזיע און אַפריקע, די רעליגיעזע סעקטעס אין רוסלאַנד און דעסטגלייכן. און אַזוי האָט פּאַסירט, אַז יענער אומבאַקאַנטער קאָרעספּאָנדענט פון פּלאָצק, וועלכער עפנט דאָס „הצפירה"־יאָר מיט אַ קאָרעספּאָנדענץ

פון פלאָצק, פאַרענדיקט עס ווי אַ זייער פּרוּכטבאַרער שרייבער, וועלכער שרייבט וועגן אַלערליי וויסנשאַפטן אין דער וועלט און מיט אַן אויסער־געוויינלעך וויסן, וואָס זאָגט עדות, אַז דער שרייבער זאָל זיין שוין נישט קיין יונגער בחור.

אָבער גלייך ביי די ערשטע טריט ווייזט זיך שוין אַרויס דער הויכ־געלערנטער סאָקאָלאָוו, וואָס ביינאַנד מיט וויסנשאַפטלעכע מאַמרים הייבט ער אָן שרייבן אַזעלכעס, וואָס וועט פאַרנעמען אַ זייער חשוב אָרט אין זיין אַלגעמיינער ליטעראַרישער טעטיקייט — פּובליציסטיק. און סאָקאָלאָוו דיסקוטירט מיט די גדולי־הדור, ווי אַ באַהאַוונטער און דערפאַרענער און מיט אַ מין זיכערקייט, וואָס נאָר עלטערע שרייבער צייכענען זיך אויס דערמיט. און אויך דאָ קלעקט אים נישט דער צייטונגס־שטח, און ער גייט איבער צום שרייבן ביכער. ער פאַרקלענערט זיין באַטייליקונג אין דער „הצפירה" און פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1878 זיין ערשט בוך, אויף העברעיש פאַרשטענדלעך, וואָס טראָגט דעם מאָדנעם מליצהדיקן נאָמען „מצוקי־ארץ" — די גרונטפעסטן פון דער ערד, און איז אין גאַנצן געווידמעט דער לערע פון דער פיזישער געאָגראַפיע. בלויז דריי יאָר זענען אַריבער זינט חז"ס האָט אים געענטפערט, אין דעם אָפּטייל תשובות פון דער רעדאַקציע, אַז זיינע זאַכן וועלן נישט געדרוקט ווערן, ווייל „ער האָט אין זיי נישט געפונען עפּעס, וואָס פאַרדינט זיך געדרוקט צו ווערן". אָבער איצט שרייבט חז"ס אַ באַגייסטערט פאַרוואָרט צו די „מצוקי ארץ", אין וועלכן ער רימט און לויבט דעם יונגן געלערנטן פאַר זיין באַמיִונג אונטערצוטראָגן די העברעיִשע לייענער אַ וויסנשאַפט, וועגן וועלכער מ'האָט ביז היינט נישט געשריבן און אין אַזאַ פאָרעם אויף העברעיִש. אויך דער יונגער סאָקאָלאָוו ווערט פאַרשיכורט פון די נאַטור־וויסנשאַפטן און דער טעכניק און רעדט אין חז"ס הויכן סטיל, אַז קיין זאַך איז נישט אין שטאַנד אויפצוקלערן די מאַסן, ווי די נאַטור־וויסנשאַפטן און באַזונדערס — און דאָ קומט אַ שיקלבליק צו די גאָטספאַרכטיקע און חז"סן אַליין — אַז זי שטעלט נישט פאַר מיט זיך קיין שום געפאַר פאַר דער אמונה און דער רעליגיע.

און אַזוי, מיט אייליקע טריט ברייטערט אויס אָט דער יונגער־מאַן דעם שטח פון זיין שרייבן, און ס'קלעקט אים שוין נישט דאָס העברעיִש, און הייבט אָן שרייבן אויף פרעמדע שפּראַכן. איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס סאָקאָלאָוו געווינט אין משך פון אַ קורצער צייט אַ ריזיקע פּאָפּולאַריטעט, און אַלע באַוווּנדערן דעם יונגן טאַלענט, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן. אָבער וויי־ניקע שטויסן זיך אָן, אַז אָט דער יונגער־מאַן גרייט זיך נאָך און וועט איבעראַשן סיי מיט די זשאַנערן פון שרייבן און סיי מיט שפּראַכן.

ג. קרעסעל

קאַפּיטל צוויי: „הצופה לבית ישראל" און רעדאַקטאָר פון „הצפירה"

[א]

דערווייל וווינט סאָקאָלאָוו אין מאַקאָוו, און פון טאָג צו טאָג ווערט אים ענגער דער פּלאַץ פאַר זיינע ווייט פאַנאַנדערגעוואַקסענע שטרעבונגען, ווייל דער היקף פון זיין פאַראינטערעסירונג אין שרייבן כאַפּט איצט אַרום די גאַנצע וועלט. „ס'איז מיר ענג דער פּלאַץ אין מאַקאָוו" — שרייבט ער צום גרעסטן העברעישן דיכטער פאַר יענער צייט, יהודה לייב גאָרדאָן (יל"ג). ער הייבט אָן זיך צו פאַרנעמען מיט מסחר, ווייל דאָס שרייבן איז נאָך ווייט פון צו זיין אַ מקור פון פרנסה, און דערווייל גיט עס נישט מער ווי כבוד און אַ שרייבערקרוין. דער־אַ מסחר ברענגט אים אין שטעט און אין ווייטע מקומות. אָבער אויך אינעם דאָזיקן מסחר איז נישט פאַראַן קיין גרויסע ברכה, און צוליב זיינע פּאָליגלאָטישע ידיעות פאַרנעמט ער אַ קורצע צייט דעם אויסטערלישן פּאָסטן: איבערזעצער אין דעם שפּאַנישן קאָנסולאַט אין וואַרשע. דערווייל זענען דאָס מלאָכות אָן ברכות, און דער איינציקער רעזולטאַט איז סעריעס מאַמרים אין דער „הצפירה" (פרילינג 1880) וועגן שפּאַנישע ענינים און וועגן אַ רייזע אין טיף רוסלאַנד. און אַזוי קומט ער צוריק אין דער „הצפירה" מיט אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע און פיל ענינים, ביז ער פאַרעפנטלעכט פאַר ראש־השנה 1880 זיין מאַמר „הצופה לבית ישראל" — דער יידישער באַאָבאַכטער, דער מאַמר וואָס האָט געשאַפן אַ נייע תקופה אין דער געשיכטע פון דער העברעישער פרעסע. און פאַר־שטענדלעך, אַז ווייניק לייענער און סאָקאָלאָוו אַליין האָבן פאַרויסגעזען, אַז דער דאָזיקער מאַמר וועט נישט ווייניק באַשטימען זיין וועג אין דער העברעישער ליטעראַטור און פרעסע.

חז"ס איז געווען, ווי געזאָגט, אַ מענטש וואָס די וויסנשאַפט־ענינים, און בעיקר די דאָזיקע ענינים, זענען אים געווען נאָענט צום האַרצן. נאָר ווי ער האָט איינגעזען, אַז סע שיקט זיך נישט קיין צייטונג אָן אַן אָפּטייל פאַר טאָגפראַגן, ס'הייסט נייס און פּובליציסטיק, האָט ער זיך גענומען מיט־אַרבעטער, פעיקע שרייבער, וועלכע האָבן אויסגעפילט די־אַ אָפּטיילן. ווען חז"ס איז אַריין אין אַ סיכסוך מיט אַ מיטאַרבעטער פון דעם סאָרט (שאול פּנחס ראַבינאָוויטש, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין פאַרקירצטן נאָמען: שפּ"ר, וועלכער איז שפּעטער באַוווּסט געוואָרן אין דער וועלט פון די העברעישע לייענער ווי דער איבערזעצער פון צבי גרעצס גרויס, פילבענדיק היסטאָריש ווערק), איז צו אים געקומען סאָקאָלאָוו מיט אַט דעם דערמאָנטן

מאַמר, — און ביידע, חז״ס און סאָקאָלאָוו, האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. אָנהייבס האָט דער־אָ ציקל „הצופה לבית ישראל״ זיך פאַרנומען מיט זאַמלען ידיעות פון דער יידישער וועלט, און דער אָפּטייל איז נאָך נישט קיין סטאַבילער. אָבער נאָך אַ ביסל זאַנדירונגען געפינט סאָקאָלאָוו דעם ריכטיקן טאָן און זיך אַליין, און דער „הצופה לבית ישראל״ פאַרוואַנדלט זיך בהדרגה אין אַ סטאַבילן פּובליציסטישן אָפּטייל און ווערט פון די פאַרלאַנגטסטע דורך די לייענער. און אַזוי אַרום, בהדרגה, אָבער אין אַ קורצער צייט, פאַרוואַנדלט זיך דער יונגער־מאַן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ענינים פון וויסנשאַפט און טעכניק, אין אַ פּייערדיקן און אויפשטורעמדיקן פּובליציסט, וועלכער שטעלט אין שאָטן די גאַנצע העברעיִשע פּובליציסטיק ביז זיינע יאָרן.

אמת, אין דער דאָזיקער פּובליציסטיק איז פאַראַן מער אויסטייטשונג ווי פאַראויסגאַנג און אָנווייזן אַ וועג. דערין זענען אַנדערע שטאַרקער. אָבער סאָקאָלאָוו באַלייכט די ענינים קלאָר, סיי די יידישע, סיי די אַלגעמיינע, און איבער אַלץ צייכנט ער זיך אויס מיט אַ סטיל, וואָס אַזעלכער איז כמעט נישט געווען ביז אים. דאָס איז אַ סטיל אַ געמישטער פון שיכטן פון דער העברעיִשער שפּראַך זינט די ערשטע צייטן ביז צו זיינע. פּסוקים פון תנ״ך און שפּראַכשפּורן פון די ברייטע שטחים פון דער תלמודישער ליטעראַטור, פון דער דענקערישער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, פון די ספרי יראים וחסידים, דאָס לשון פון דעם פּיוט און דער השכלה, — די אַלע שיכטן גייען פאַרביי ווי אַ פאַרביקע מאָזאַיִק, און מער ווי מיט דעם ענין פון די מאמרים קוויקט זיך דער לייענער מיט דעם לשון און געפינט אין אים צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור אַלע אוצרות פון דעם העברעיִשן לשון. אמת, אָט די סטיליסטישע אַנטוויקלונג סאָקאָלאָווס איז אַ הדרגהדיקע און פאַמעלעכע. אין אָנהייב זעט עס אונדז אויס, אַז ער שרעקט זיך אַריבערצוטרעטן די אָנגענומענע גרענעץ פון זיין צייט, דעם תנ״ך־סטיל. אָבער ביסלעכווייז־ביסלעכווייז ברייטערט ער אויס דעם שטח און נעמט איין אַ שיכט נאָך אַ שיכט, און ס׳דאַכט זיך, אַז מיט יעדן צוגעקומענעם שטח ווערט אויך איינגענומען דער לייענער, וועלכער שפּירט, אַז די שרייבער פון זיין צייט זענען מצמצם דעם העברעיִשן אויסדרוק בלויז צו איין שיכט, דעם תנ״כישן, און באַוועלען און רייסן אַפילו איבער זיין המשך, אַלע שפּעטערדיקע סטילן.

מיט איין מאָל איז סאָקאָלאָוו געוואָרן דער ראש־המדברים אין דער „הצפירה״, און ס׳דאַכט זיך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום ענין אויף דער וועלט, וועגן וועלכן ער זאָל נישט רעדן פון איין זייט מיט געלאַסנקייט און באַדאַכטקייט, און מיט אַן אויפרודערנדיקן און פלייסיקן סטיל פון דער

צווייטער. דער אָפּטייל „הצופה לבית ישראל" איז אַזוי אַרום געוואָרן פון סוף יאָר 1881 דער אָפּטייל אין דער „הצפירה" און דורך דעם באַקומט די צייטונג אַ לעבעדיקן און ענערגישן כאַראַקטער, וועלכער באַאײַנפלוסט אויך די אַנדערע אָפּטיילן, אין דער מערהייט אויך געשריבענע פון סאָקאָלאָוון. סאָקאָלאָוו פאַרלאָזט אַזוי אַרום פולשטענדיק די עקזאַקטע וויסנשאַפטן, צו חז"ס גרויסן האַרצווייטיק. דערפאַר באַפרייט ער דעם אַלטן פונעם יאָך פון דער „הצפירה" דורך זיין נוצלעכער הילף און פרוכטבאַרער און פילפאַר־ביקער מיטאַרבעט. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז איין מאָל האָט אַ שאַרפער שרייבער זיך געוואָנדן מיט אַ פאָרשלאָג מיטצואַרבעטן אין דער „הצפירה", האָט אים דער רעדאַקטאָר חז"ס געענטפערט: „איך האָב סאָקאָלאָוון, און געגוג פאַר מיר!". ווירקלעך, סאָקאָלאָוו איז אימשטאַנד געווען אויסצופילן די נומערן „הצפירה", און האָט עס געטאָן שוין פון לאַנג און אין משך פון יאָרן שפּעטער. אמת, די „הצפירה" איז געגאַנגען אונטער חז"ס בכבודיקן נאָמען, אָבער די צייטונג איז שוין פון לאַנג געווען כמעט אין גאַנצן סאָקאָלאָווס רשות־היחיד. איינצייטיק דערמיט שרייבט ער אויך אין אַנדערע שפּראַכן און אַרבעט אויך איבער אַן אַרומנעמענדיק ווערק, וואָס זיין אינהאַלט איז אַ געמיש פון טאָגפראַגן מיט געשיכטע.

[ב]

די צייט, אין וועלכער מיר שטייען, אָנהייב אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז געווען די צייט פון פּאָגראָמען אויף די ייִדן פון דרום־רוסלאַנד. די פּאָגראָמען האָבן פאַרווונדעט די הערצער פון אַ סך ייִדן, און צווישן זיי גרויסע און וויכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געטראַכט צו געפינען אַ לייזונג פאַר דער פּיין פון די ייִדן אין גלות גופא. היינט האָבן זיי זיך אויסגעניכטערט פון זייער אילוזיע, און ס'האָבן זיך איצטער געפאָדערט נייע לייזונגען, און ס'האָט זיך דעריבער געשטאַרקט דאָס נאָכדענקען און די בלאָנדזשעניש. חיבת־ציון, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען די באַוועגונג און דאָס אייגנטום פון יחידים, איז איצט געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער מאַסע, און באַזונדערס פון זינט ס'זענען צו איר צוגע־שטאַנען אויסדערוויילטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען ביז דעמאָלט גע־שטאַנען ווייט פון איר און אַפילו קעגן איר. צווישן אַלע העברעיִשע צייטונגען איז די צייטונג „המגיד" געווען אַן ענטוזיאַסטישער טרומייט פאַר חיבת־ציון — אַ סך יאָרן פאַר די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אויך דער „המליץ" איז צוגעשטאַנען צום „המגיד" נאָך די פּאָגראָמען. איז איבערגעבליבן די

„הצפירה״, וועלכע האָט אויך געדאַרפט אָננעמען אַ שטעלונג. אַזוי אַרום האָט סאָקאָלאָוון דערוואָרט אַ זייער וויכטיקע אויפגאַבע, וואָרעם צו יענער צייט איז ער שוין געוואָרן דער פאַקטישער רעדאַקטאָר און אויך, און דאָס איז דער עיקר, דער וואָס שרייבט די גאַנצע „הצפירה״. האָט סאָקאָלאָוו הייסט עס באַשטימט די שטעלונג, און דאָס איז געווען א לעבלעכע שטעלונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון דיסקוסיעס אין יענער צייט און אַ סך יאָרן שפּעטער.

ווי אַ רירעוודיקער מענטש, וועלכער וואַרפט זיך אַריין אין דעם לעבנס-שטורעם, האָט סאָקאָלאָוו נישט נאָר נאָכגעפאָלגט די טאָג-געשעענישן פון דעם רעדאַקציע-טיש פון דער „הצפירה״. ער האָט באַזוכט גאַליציע, לעמ-בערג, און בראָד, די קאָנצענטראַציע-ערטער פון די פּליטים-מאַסן, וועלכע זענען אַהער אַנטלאָפן פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. האָט אויך פאַר-עפנטלעכט וועגן די-אָ געשעענישן סעריעס מאַמרים אין דער „הצפירה״, וועלכע שטעלן היינט פאַר מיט זיך אַ וויכטיקן מקור צו באַקענען די צייט-געשעענישן. סאָקאָלאָוו האָט אויך נאָכגעפאָלגט די רעאַקציעס אין דער וועלט און זייער אויספירלעך באַהאַנדלט די אַלע וועגן צו לייזן די ליידן פון די פּליטים און ריכטן די עמיגראַציע. אין קעגנזאַץ צו די חובבי-ציון מובהקים, וועלכע האָבן געפאָדערט צו שיקן די פּליטים קיין ארץ-ישראל, האָט זיך סאָקאָלאָוו אָפּגעגרענעצט פון דער דאָזיקער שטע-לונג. אָבער דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז זיין אָפּגרענעצן זיך דאַרף נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ קעגנערשאַפט צו חיבת-ציון, נאָר ווי אַ מאָטיוו צום תוך פון דער זאַך, ס׳הייסט, אַז פאַקטיש זענען נאָך דאָס לאַנד און די צייט נישט פּאַסיק פאַר אַ מאַסן-עליה קיין ארץ-ישראל און פאַר דער אַבסאָרבירונג פון די דאָזיקע עולים.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די שטעלונג פון דער דאָזיקער אָפּגרע-נעצונג האָט אַרויסגערופן אַ פּאָלעמישן שטורעם. אָבער סאָקאָלאָוו האָט זיך צוליב דעם נישט צוריקגעצויגן און אַפילו געענטפערט מיט אַ שאַרפן מאמר די אַלע וועלכע טרייבן איבער אין דער אַגיטאַציע פאַר יישוב-ארץ-ישראל און שטעלן אַרויס די קעגנער פון דער איבערטרייבונג אַלס קעגנער פון יישוב-ארץ-ישראל בכלל. אין דעם שטורעם פון יענער צייט, און ווי צו באַרעכטיקן זיין מעסיקע און זיך אָפּגרענעצנדיקע שטעלונג, האָט ער אַרויסגעגעבן זיין צוויייט בוך „שנאת עולם לעם עולם״ (וואַרשע, 1882) — אייביקער האַס צום אייביקן פאָלק. אין קעגנזאַץ צו זיין ערשט בוך, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די נאַטור-וויסנשאַפטן, פאַרנעמט זיך דאָס דאָזיקע בוך דורכאויס מיט די ענינים פון

דער צייט און אירע באַדערפעניש. דאָ ווערט דערציילט די געשיכטע פון דעם האַס צו די יידן פון זיין אָנהייב ביז דער קעגנוואַרט. אומזיסט וועט דער לייענער זוכן אַ וועלכע לייזונג פונעם אויטאָר. אין דעם גאַנצן בוך איז סאָקאָלאָוו געבליבן אין דעם תחום פון דער אָביעקטיווער היסטאָרישער שילדערונג, ער באַשולדיקט נישט און באַרעכטיקט נישט. נאָר מרה־שחורהדיק איז דער ענטפער: דער האַס וועט פאַרבלייבן אויף אייביק. אַ סך האָבן פאַרלאַנגט אַ וועלכן אַקטועלן אויספיר, און אַנשטאָט דעם איז געקומען דער זאַץ: „הלוואַי אונדזערע רייד זאָלן זיך נישט באַשטעטיקן" בנוגע דעם אייביקן האַס צו יידן אין דער צוקונפט. נישט אומזיסט האָט דאָס בוך אַרויסגערופן אַ באַשולדיקונג מצד גדולים און אַנגעזעענע, טענהנדיק, אַז דאָ איז געווען דאָס אָרט אָנצוווייזן אויף חיבת־ציון ווי אויף אַן אויסוועג און לייזונג. אָבער סאָקאָלאָוו איז באַשטאַנען אויף זיינעם, אַז ער איז אַ חובב־ציון נישט ווייניקער פון אַנדערע, און דער „בלבול, אַז איך בין אַ קעגנער פון יישוב־ארץ־ישראל איז דער בלבול פון טיסא־עסלאַר (אַ באַוווּסטער עלילת־דם אין יענער צייט)".

ער איז ווידער און ווידער אַ מאָל אַרויסגעטרעטן קעגן די חובבי־ציון, אַז זיי איבערטרייבן אין דער פּראָפּאַגאַנדע, און מאַכן דערפאַר מער קאַליע איידער פאַרריכטן — און מיט זיינע ווערטער: „דער רעיון פון יישוב־ארץ־ישראל איז זייער אַ גוטער. נאָר אַ בייזער אומגליק איז אין מיינע אויגן די איבערגעטריבענע התלהבות — — — דאָס וועל איך איבערחזרן נאָך אַ מאָל און אָבער אַ מאָל. און די טויבע, די וואָס ווילן נישט הערן, וועלן נישט פאַרשטיין מיינע רייד, וועלן פאַרדרייען מיין אורטייל, פאַרקריפּלען מיינע געדאַנקען און מיך מאַכן פאַר אַ קעגנער פון יישוב־ארץ־ישראל, אַ זאַך, וואָס איז מיר קיין מאָל אויפן זינען נישט געקומען". צום העכסטן אויפברויז איז עס געקומען אין סאָקאָלאָווס קריטיק איבער דעם בוך פון י. ל. פינסקער: „אויטאָעמאַנציפּאַציע", אין וועלכער ער האָט אויסגעגאָסן אַן עמער קאַלט וואַסער אויף יענע, וועלכע האָבן ערשט איצט אַנטדעקט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם (ווי באַוווּסט, איז פינסקער ביז דעמאָלט געווען פון די אַסימילאַציע־אָנהענגער) און פריידיקן וועגן אים מיט גרויסער איבערטרייבונג. און ער האָט ווידער געשריבן אין יענער צייט וועגן אָט דער שאַרפער קריטיק, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ סך ווידערקלאַנגען: „טויזנטער מאָל האָב איך געשריבן לטובת יישוב־ארץ־ישראל. האָב געשריבן און וועל נאָך שרייבן און בין גרייט צו טאָן פאַר דער דאָזיקער דערהויבענער זאַך מיט מיין גאַנצן האַרצן און מיט אַלע מיינע כוחות. אָבער וואָס קער זיך דאָס אָן צו דער שיטה פון די איבערגעטריבענע ענטוזיאַסטן? צי דען

צוליב דעם וואָס איך האָב געשריבן קעגן דער דערמאָנטער בראָשור (פינסקערס) בין איך אַ קעגנער פון יישוב־ארץ־ישראל ?״.

[ג]

אַלע זיינע יאָרן איז סאָקאָלאָוו געווען אַ שרייבער און אַ קעמפער, דאָס מיינט: די צייטלעכע און די אייביקייט־ענינים זענען געווען אָרגאַניש באַהאָפטן. פאַקטיש בילדעט זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אַ האַרמאָנישע באַהעפטונג פון אָט דיביידע יסודות. בעת ער שטייט נאָך אויף זיין וואַכ־פּאָסטן אין דעם „הצופה לבית ישראל״, גיט ער זיך אָפּ פלייסיק מיט יידישער געשיכטע, דעם וויסנשאַפטלעכן געביט, מיט וועלכן ער האָט זיך באַשעפטיקט פון לאַנגאָן און ביזן סוף פון זיינע יאָרן. אויך זיינע טאָג־אַרטיקלען זענען פאַרפלאָכטן און פאַרוועבט מיט דערמאָנונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט, באַגרינדעט אויף אַן אַרומנעמענדיק קענען די מקורות און וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. און ווען ס׳יוערן אים ענג די תחומען פון דער פובליציסטיק און דער וויסנשאַפט, פאַראייגנט ער זיך אַ צוגאָב־תחום — די בעלעטריסטיק.

אין יענעם יאָר, 1882, פון די שטורעמדיקסטע יאָרן אין אונדזער געשיכטע פון ניינצנטן יאָרהונדערט, פאַרעפנטלעכט ער אַ דערציילונג מיטן נאָמען: „צדיק ונשגב״ — אַ צדיק און באַשיצטער, לויט דער היסטאָרישער דערציילונג אויף דייטש פון ל. פיליפסאָן. די דאָזיקע היסטאָרישע דערציילונג איז וועגן רב יום־טוב ליפמאַן העלער, דער פאַרפאַסער פונעם באַרימטן פירוש אויף דער משנה: „תוספות יום טוב״. סאָקאָלאָוו האָט זיך דאָ אונטערגעשריבן בלויז מיט אַ פּסעוודאָנים: „מנוח״, ס׳מיינט צו זאָגן, אַז ער האָט זיך נאָך געקווענקלט צו דערשיינען עפנטלעך מיט בעלעטריסטיק. אָבער אַלע האָבן געוווּסט ווער סע באַהאַלט זיך אונטער אָט דעם אויסגעטראַכטן נאָמען. דער סטיל פון דעם בוך איז נאָך ווייט פון יענעם סאָקאָלאָווישן מאָזאַישן סטיל, אין וועלכן ער וועט פּאָפּולער ווערן אין דער צוקונפט. דאָ היט ער נאָך אָפּ, ווי כמעט אַלע העברעאישע שרייבער פון יענער צייט, דאָס „ריינע״ תנ״כישע לשון. אָבער אַפילו דאָ שטייגט סאָקאָלאָוו איבער די גרעסטע מערהייט פון די וואָס באַנוצן זיך מיטן תנ״כישן לשון פאַר דער בעלעטריסטיק. ביי אים איז פאַראַנען אַ פילפאַרביק אויסנוצן די תנ״ך־מליצות. און נאָך וואָס, דער היסטאָריקער אין אים דערלאָזט אים נישט צו שאַפן אַ סיפּור־המעשה, וואָס איר תוך איז פאַנטאַזיע, און דערפאַר קומט צום סוף בוך אַ התנצלות: „אַז דער לייענער וועט אונטערשיידן צווישן אמת און פאַנטאַזיע, כדי ער זאָל, חלילה, נישט געשטרויכלט ווערן

מיט אויסגעטראַכטע פּאַקטן". פון יענעם פּעריאָד איז אויך זיין יידיש לערנבוך פאַר ענגליש, אַ בוך וואָס איז געמאַכט געוואָרן צו באַדינען די עמיגראַנטן קיין אַמעריקע. אָבער וועגן דעם בוך וועט נאָך קומען צו רייד, ווען מיר וועלן רעדן וועגן סאָקאָלאָוון דעם יידישן שרייבער. נאָר אויך דאָ איז אונדזער חוב צוצוגעבן, אַז דאָס דאָזיקע בוך האָט זוכה געווען צו אַ סך אויסגאַבעס און אויך צו איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן, אַ סימן אַז ס'איז זיך צונויפגעקומען מיט אַ צייט־נויטווענדיקייט, און אויך דערפילט זיין אויפגאַבע אין משך פון כמעט צוויי דורות. אָבער צו דעם מערסטן און גרעסטן פּירסום פון צווישן אַלע זיינע ערשטע ביכער האָט זוכה געווען דאָס בוך „ארץ חמדה" (וואַרשע, 1885) — אַ גלוסטיק לאַנד, צוליב די ספּעציעלע מאָטיוון דאָס אָנצושרייבן.

אין אָנהייב פון דער חיבת־ציון זענען די טיטלקעפּ פון דער יידישער און נישט יידישער פּרעסע פול געווען מיט אַ קריסט אַן ענגלענדער, וואָס זיין נאָמען לאָרענס אָליפאַנט. ער האָט פאַרטראַכט דעם געדאַנק וועגן יישוב־ארץ־ישראל נאָך פאַרן אויסבראָך פון די פּאָגראָמען און נאָך איידער דער דאָזיקער ענין איז געוואָרן אַקטועל פאַר דער מאַסע. ער האָט פאַרבונדן דעם פּלאַן פון באַזעצן ארץ־ישראל דורך יידן מיט זיין אַלגעמיינעם פּלאַן צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון דעם נאָענטן מיזרח. דאָס רעאַליזירן דעם פּלאַן האָט ער אַרויפגעלייגט אויף די יידן, ווייל די אַראַבער זענען די, לויט זיין מיינונג, וועלכע האָבן דאָס לאַנד חרוב געמאַכט אין משך פון די הונדערטער יאָרן, וואָס זיי האָבן געוווינט דערין. אָליפאַנט האָט אַרומגערייזט דאָס לאַנד און באַזונדערס ארץ־הגלעד, אין וועלכן ער האָט געזען דעם אָנהייב פון דער פאַרווירקלעכונג פון זיין געדאַנק און פּלאַן. זיין בוך וועגן ארץ־הגלעד, וואָס איז דערשינען אויף ענגליש אין יאָר 1880, האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די חובבי־ציון־קרייזן. ווען ס'האָבן אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען, איז אָליפאַנט געווען דער איינציקער קריסט, וואָס איז געקומען צו די קאָנצענטראַציע־פּלעצער פון די פּליטים אין גאַליציע און האָט אויך אַ סך פון זיי געשטיצט מיט זיינע פּריוואַטע מיטלען. ער איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין יענער צייט, און זיין פּלאַן פון באַזעצן ארץ־ישראל האָט דעמאָלט אויסגעפילט די שפּאַלטן פון דער יידישער פּרעסע און באַזונדערס יענע, וועלכע איז געגנייגט געווען צו חיבת־ציון.

אויך סאָקאָלאָוו האָט מפרסם געווען אָליפאַנטס נאָמען אין דער „הצפירה" און אָנגעהויבן איבערזעצן זיין בוך וועגן גלעד אויף העברעיש. ער האָט אַפילו אָנגעבונדן זייער פעסטע קאָנטאַקטן מיט אָליפאַנטן. צום סוף, ווען

דער שטורעם האָט זיך אָפּגעזעצט און נאָך דעם ווען דער גאַנצער עניך־אָליפאַנט איז אַראָפּ פון דער טאָגאָרדענונג, איז דערשינען אָט דאָס בוך סאָקאָלאָווס: „ארץ חמדה״, וואָס אַנטהאַלט עלעמענטאַרע ידיעות וועגן די פיזישע באַדינגונגען פון ארץ־ישראל, מיט אַ צוגאָב פון דעם תמצית פון אָליפאַנטס רייזעבוך, מיט הוספות געשריבענע דורכן אויטאָר, און ס׳איז אויך צוגעגעבן געוואָרן צום בוך אַן ארץ־ישראל־מאַפּע, באַצירט מיט אַ בילד פון ראשון לציון, „די נייע קאָלאָניע״.

אין צווישן זענען אויפגעקומען די ערשטע קאָלאָניעס און האָבן זיך באַלד גענומען ראַנגלען פאַר זייער קיום, וועלכער איז געשטאַנען אונטער אַ גרויסן פרעגצייכן, ווען עס וואָלט זיך נישט געווען איינשטעלן דער „נדיב הידוע״, באַראָן עדמונד ראָטשילד פון פּאַריז, וועלכער האָט גענומען אונטער זיין שוץ די מיינסטע קאָלאָניעס און זיי אויסגעהאַלטן מיט זיינע פּריוואַטע מיטלען. דאָ האָט סאָקאָלאָוו באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך אָפּצו־רעכענען מיט דער חיבת־ציון, וועלכע האָט אויפגערודערט אַ וועלט מיט איר געטומל, און נישט אימשטאַנד געווען אויסצוהאַלטן די ערשטע קאָלאָ־ניעס, וואָס האָט אויך באַשעפטיקט די פירער פון חיבת־ציון. ער טענהט איצטער, אין ליכט פון דער קנאַפּער דערפאַרונג, אַז די גאָרע איבערגעטרי־בענע רייד פון די חובבי־ציון האָבן נישט געלאָזן קיין גרעסערן שפור אויפן שטח פון דער פּראַקטיק.

ווער עס טראַכט זיך אַריין אין דעם „ארץ חמדה״, וועט לייכט איינזען, ווי סאָקאָלאָוו ווערט דאָ געוואָרפן צווישן דער וויסנשאַפטלעכער שילדערונג און דער פּובליציסטישער טענדענץ, וועלכע קומט דאָ אין גאַנצן צום אויסדרוק אין דעם זייער הייסן טוליען זיך צום רעיון פון יישוב־ארץ־ישראל. אָט, למשל, די מאַפּע און דאָס בילד פון דער קאָלאָניע ראשון לציון, וואָס ער געפינט פאַר נייטיק צוצוגעבן מיט דער דערקלערונג, אַז „נישט קיין פּרעכטיקע פּעסטונגען און מירמלענע פּאַלאַצן וועלן מיר זעען אין דער דאָזיקער קאָלאָניע, נאָר קליינע און רויקע וווינהייזלעך, אַ שטיל וווינאָרט פאַר ייִדישע פּויערים אויף דער ערד פון זייערע אָבות, אַ מקלט פאַר אומגליקלעכע, וואָס זייער געבוירן־לאַנד רומעניע (ער האָט אָנגערופן רומעניע און געמיינט אויך רוסלאַנד, און בעיקר איר, ווייל די גרינדער פון ראשון לציון זענען געווען רוסישע) האָט זיי פון זיך אויסגעשפּיגן, און זיי זענען געגאַנגען און אויסגעקוקט פאַר זיך אַ רופּלאַץ אין אַ פּרוכ־פּערדיק ווינקעלע, האָבן זיך באַזעצט, פאַרזייט פעלדער און געבויט הייזלעך״. און אַזוי דערהייבט זיך סאָקאָלאָוו צום הויכפּונקט פון דער וויזיע, מיט וועלכער ער געפינט פאַר פּאַסיק אויסצולאָזן דעם אַריינפיר

אין בוך: „אפשר וועט קומען אַ טאָג, ווען דער ייִשוב פון ייִדן אין לאַנד פון זייערע אָבות וועט זיך פאַנאַנדערשפּרייטן און פאַרגרעסערן, און נישט מיט ציטעריקע קני וועלן זיי קומען צו זייער נחלה, נאָר שטאָלצע אַרומ־שפּאַצירן אין די שטעט פון יהודה, און אויף די הויכע ערטער פון שטאָט וועט מען זען זייער טעטיקייט און זייער פּראַכט — דעמאָלט וועט דער נייגעבוירענער דור אַ קוק טאָן אויפן בילד אין אונדזער בוך און וועט זען קלאָר און דייטלעך אַט דאָס קנאַפּלעכע און עס פאַרגלייכן מיט דעם גרויסן אחרית־הימים און אָפּגעבן אַ לויב דעם אייבערשטן פאַר אַלע זיינע חסדים".

און פון ראשון לציון גייט סאָקאָלאָוו אַריבער צו די קאָלאָניעס בכלל (אין דעם יאָר, ווען ס'איז דערשינען דאָס בוך, האָבן שוין עקזיסטירט עטלעכע קאָלאָניעס, אויסער מקוה ישראל און פּרדס מונטיפיורי), און שרייבט צווישן אַנדערן: „פון דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם איבערבליק וועלן די לייענער זען, אַז די וויכטיקע און גרויסע אַרבעט, דאָס גרינדן קאָלאָ־ניעס פאַר אונדזערע ברידער ייִדן אין לאַנד פון זייערע אָבות — איז נאָך דערווייל ווי אַ טראָפּן אין ים. אָבער פון אַ ביסל מיט אַ ביסל ווערט אַ פולע שיסל. ס'איז די הייליקע פליכט פון אונדזערע ברידער, אומעטום ווו זיי זענען, אונטערצושטיצן און פאַרפעסטיקן דעם פונדאַמענט פון דער עליה און צו הילף צו קומען". אין יאָרן שפּעטער האָט ער דערציילט וועגן זיינע זאָרגן און גראַנגלעניש אין יענער צייט:

> „איך פּריש אָפּ אין געדאַנק די גאַנצע שטימונג, די גאָרע אַרבעט פון דער מחשבה, וואָס האָט מיך דעמאָלט באַוויגן צו קריטיקירן דאָס בוך „די אויטאָעמאַנציפּאַציע" (פון פּינסקערן) איך פּאָרש און קאָנטראָליר מיינע מיינונגען דעמאָלט און היינט: צי די זאַכן, וואָס איך האָב געשריבן דעמאָלט האָבן נישט קיין אָרט היינט (זיי זענען געשריבן געוואָרן אַנהייב איצטיקן יאָרהונדערט), צי בין איך נישט געשטרויכלט גע־וואָרן דעמאָלט, אָדער ווער נישט נכשל היינט מיט דעם אָדער אַנדערן טעות, מיט דעם אָדער אַנדערן אָפּנייג, און געפין איין, אויסער אַ סך פּרטים, צוויי הויפּטזאַכן: א) אַז אין אַ סך זאַכן, אויף וועלכע איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט דעמאָלט, זענען אַ סך ציוניסטן מודה היינט; ב) אַז אַ סך זאַכן, וואָס כ'האָב געשריבן דעמאָלט זענען פעסט גילטיק אויך היינט, פאַלן צוזאַמען אַקוראַט מיטן נייעם ציוניזם".

אין המשך פון די רייד דערציילט ער אויך, אַז דאָס פאַרנעמען זיך מיט

אַליפאַנטס בוך איז פאַקטיש געווען צוליב דעם פּאָליטישן געדאַנק, וואָס שטעקט אין אים, אַ מין ערשטער גילגול פון הערצלס טשאַרטער.

סאָקאָלאָוו האָט דעם היסטאָרישן פאַרדינסט, וואָס ער איז געווען, אָן מינדסטן ספק פון איבערטרייבונג דער הויפּט־באַשעפער פון דעם העב־רעיִשן מאָמענט־לייענער, דעם לייענער, וועלכער האָט כמעט נישט עקזיסטירט ביז אים. דער העברעיִשער לייענער איז דער עיקר געווען אַ ליבהאָבער וועלכער טוליעט זיך צו „אונדזער טייערער טראַדיציע", און נישט קיין מענטש פון קולטור־באַדערפענישן וואָס זוכט זיין באַפרידיקונג דווקא אין העברעיִש. אין צוויי אינסטיטוציעס האָט סאָקאָלאָוו באַשאַפן אָט דעם העברעיִשן לייענער: א) אין דער צייטונג „הצפירה", וועלכע האָט דער־גרייכט כמעט צו אַ לעגענדאַרער פאַרשפּרייטונג אין פאַרגלייך מיט העברעיִשע צייטונגען ביז צו יענער צייט; ב) אין זיינע שווער־וואָגיקע זאַמלונגען — די יאָרביכער: „האסיף".

סאָקאָלאָווס אַדלערישע פליגל שפּרייטן זיך פאַנאַנדער, און ער אַנטדעקט יעדן טאָג נייע וועלטן פאַר זיך אַליין און פאַר דעם העברעיִשן לייענער. סאָקאָלאָוו איז געוואָרן פון די ערשטע העברעיִשע זשורנאַליסטן און אויך פון די ערשטע העברעיִשע שרייבער, וועלכע זענען נישט צוגעשמידט צום שרייבטיש, ווייל דער באַגער זיך צו באַגעגענען מיט פּערזענלעכקייטן און לאַנדשאַפטן אין אַלע עקן וועלט איז זיך אין אים צעוואַקסן, און ער באַזוכט פון מאָל צו מאָל די אייראָפּעיִשע הויפּטשטעט פון איין זייט און די רוסישע שטעטלעך פון דער צווייטער. דער עולם סאָקאָלאָווס פאַרערער וואַקסט פון טאָג צו טאָג — און צו יענער צייט וועגדן זיך שוין צו אים, מיט אים זיך צו באַראַטן אין יידישע ענינים נישט ווייניק קריסטן. ער ווערט אויסגעבונדן מיט דער יידישער און אַלגעמיינער וועלט, און די העברעיִשע ליטעראַטור האָט, דאַכט זיך, נישט געקענט ביז דעמאָלט אַזאַ בן־בית אין דער יידישער קולטור און אין דער וועלטקולטור איינצייטיק. ער איז פון די איינציקע, וועלכע רעדן נישט וועגן אייראָפּע, נאָר פראַלן טאַקע אויף אַ פענצטער צו אייראָפּע. און דאָס ווערט געטאָן נישט פון התפעלות פאַר יענעם און גרינגשעצונג צו זיך, נאָר שטייענדיק אויפן יסוד פון דער יידישער טראַדיציע און דער וואָרצלדיקער יידישער קולטור, וואָס ער אַליין איז געווען איר אידעאַלע פאַרקערפּערונג.

דורך די נייע באַגעגענישן און די נייע בילדער ווערט זיין שרייבן פיל־פאַרביקער און נעמט ערשט אַריין רייזע־באַשרייבונגען, פעליעטאָנען, שילדערונגען פון באַגעגענישן און דיאַלאָגן, און ס'דאַכט זיך, אַז ס'איז איצט נישטאָ קיין ליטעראַרישער זשאַנער, צו וועלכן ער זאָל זיך נישט

נעמען. די לייענער געניסן און ווערן פֿאַרשיכורט. סאָקאָלאָוו איז פֿאַר זיי געוואָרן אַ מין אַמבאַסאַדאָר אָן אַן אָפֿיציעלן טיטל, פֿון דעם יִידישן פֿאָלק אין דער נישט־יִידישער וועלט. אַלע ווייסן, אַז סאָקאָלאָווס שרייבן איז נישט קיין איבערזעצונג פֿון דער פֿרעמדשפּראַכיקער פּרעסע, נאָר אַ רעזול־טאַט פֿון זיין אוממיטלבאַרן דערקענען די דרויסנדיקע וועלט מיט אירע אינטערעסן. די „הצפירה" צעוואַקסט און שפּרייט זיך פֿאַנאַנדער צווישן די מאַסן, און דער אַלטער חז"ס דערזעט זיין צייטונג, אַז זי איז נישט עפּעס אַנדערש ווי דער פֿולשטענדיקער קעגנזאַץ פֿון דעם וואָס ער האָט אין אָנהייב געטראַכט. אָבער בדיעבד איז ער צופֿרידן פֿון די נסימדיקע אויפֿטוען פֿון דעם נ"ס ((דאָס איז געווען סאָקאָלאָווס נאָמען אין דער „הצפירה", און אויך ביי זיינע מאַסן לייענער). סאָקאָלאָוו פֿאַרערט זייער חז"סן, אָבער גייט זיך מיט זיין אייגענעם וועג. די צייטונג ווערט פֿון טאָג צו טאָג סאָקאָלאָווס אויסשליסלעכער באַזיץ, הגם דער חשובער נאָמען פֿון רב חיים זעליג סלאָנימסקי פֿיגורירט נאָך אויף דער צייטונג.

און די שפּאַלטן פֿון דער „הצפירה" געננגען שוין נישט מער פֿאַר סאָקאָלאָווס שטייגנדיקער שפּע, און ער הייבט אָן זיין סטאַבילע באַטייליקונג אין דער פּוילישער פּרעסע. פֿון דאַנען וועט אים דער וועג פֿירן אין עטליכע יאָר אַרום צו דער פּויליש־יִידישער צייטונג „איזראַעליטאַ", אַ צייטונג, אין וועלכער ער וועט זיין דער סטאַבילער פּובליציסט, און אויך דאָרט צוציִען מיטן צויבער פֿון זיין פּוילישן סטיל טויזנטער לייענער. אָבער דאָס אַלץ איז פֿאַר אים נישט קיין באַטרעף, פֿאַר סאָקאָלאָוון, און אין יאָר 1884 ווערט ער אַן אַרויס־געבער און איניציִאירט דאָס אַרויסגעבן דאָס יאָרבוך: „האָסיף", אונטער זיין רעדאַקציע. און אויב סאָקאָלאָוו האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז „די נייע העברעיִשע ליטעראַטור איז געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר תר"ם—תרמ"ה (1880—1885)" — און געזאָגט האָט ער דאָס וועגן פֿרישמאַנען — איז קיין ספק נישט, אַז די זעלבע ווערטער קאָן מען זאָגן וועגן סאָקאָלאָוון אַליין און באַזונדערס וועגן די שווער־וואָגיקע יאָרביכער: „האָסיף".

סאָקאָלאָוו האָט געוווּסט, און דערין איז ער געווען פֿון די איינציקע אין דעם דור, אַז אַ סך כוח־אוצרות זענען פֿאַרבאָרגן אין די העברעיִשע לייע־נער, נאָר מע דאַרף זיי אַקטיוויזירן. ער האָט עס מיטגעצויגן נאָך זיך אָט די לייענער אין דער „הצפירה" און אויך פֿאַרשטאַנען ווי זיי צוציִען צו אַ סטאַבילער ליטעראַריש־וויסנשאַפֿטלעכער בינע פֿון אַן אַנדער מין און פֿולשטענדיק פֿאַרשיידנדיקער פֿון דער „הצפירה". ס'איז באַוווּסט און ברייט באַקאַנט דער נעבעכדיקער גורל פֿון דעם העברעיִשן בוך אין יענער תקופה. אַזאַ מין ספר פֿלעגט ווערן געדרוקט אין אַ זייער קנאַפּער

צאָל און פאַרשפּרייט אין אַ נאָך קלענערער מאָס פון אָט דער צאָל. ס׳איז אויך נישט גלענצנדיק געווען די לאַגע פון דער העברעיִשער פּעריאָדיק. דער פּאָפּולערסטער פון די ליטעראַרישע זאַמלונגען פאַר יענער צייט, דער „השחר", איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין בלויז זיבן הונדערט עקזעמפּלאַרן, און די ווייניקער פּאָפּולערע אין נאָך אַ קלענערער צאָל. אָבער סאָקאָלאָוו האָט פאַרמאָגט אַ צויבער־שליסל, וואָס מיט זיין כוח האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצופירן די העברעיִשע ליטעראַטור פון איר איינזאַמקייט און זי מאַכן פאַר אַ לעבנסוויכטיק אייגנטום און אַ נויטבאַדערפטיקייט פאַר די מאַסן.

צום יאָרבוך האָט סאָקאָלאָוו פאַרבעטן די בעסטע העברעיִשע שרייבער און געלערנטע פון יענער צייט. אין דעם „האָסיף"־פּעריאָד איז ער אַלט געווען עטלעכע און צוואַנציק יאָר. אָבער זיין ווענדונג צו די אָנטיילנעמער איז געווען ווי פון אַ פּראַקטישן און דערפאַרענעם. פון די תשובות און דער אויפמערקזאַמקייט פון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע כוחות אויף העברעיִש אין יענעם דור קאָן מען לערנען ווי גרויס ס׳איז געווען דער נאָמען פון הנ"ס אין דער וועלט פון די לייענער, שרייבער און געלערנטע גלייכצייטיק. און ער איז דאָך בלויז געציילטע יאָרן געווען אין דער „הצפירה". אָבער אָט די יאָרן זענען גענוג געווען צו מאַכן אים ברייט באַוווסט אַלס אַ געלערנטן און זעלטן טאַלענטירטן שרייבער אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און פּרעסע. די פינף בענד „האָסיף", וואָס זענען דערשינען נאָך אַנאַנד אַ יאָר נאָך אַ יאָר (תרמ"ה—תרמ"ט), דער זעקסטער איז דערשינען אין תרנ"ד, ס׳הייסט פינף יאָר נאָכן פינפטן, און אויך געווען דער לעצטער, זענען געווען פון די גאָר גרויסע געשעענישן אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — און נישט נאָר פון יענער צייט. צום ערשטן מאָל איז די העברעיִשע ליטעראַטור אַרויסגעפירט געוואָרן פון אַן ענגן לייענער־קרייז און געוואָרן אַ מאַסן־באַדערפעניש, אַ זאַך וואָס נישט די שרייבער און נישט די לייענער זענען דערצו נישט געווען צוגעוווינט.

און סאָקאָלאָוו האָט דערציילט אין יאָרן אַרום, אַז אָט דאָס יאָרבוך, דער „האָסיף", איז געווען דאָס ערשטע זאַמלבוך אויף דער נייער העברעיִשער שפּראַך, וואָס אין אַ קורצער צייט, ס׳הייסט אין משך פון עטלעכע חדשים, זענען פון דעם פאַרקויפט געוואָרן אַ צען טויזנט עקזעמפּלאַרן, וועלכע האָבן דערגרייכט צו דער ענלעכער צאָל פון אַבאָנענטן (און מע דאַרף נישט צוגעבן, אַז יעדער אַבאָנענט האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל לייענער). דאָס צווייטע איז פאַרקויפט געוואָרן אין צוועלף טויזנט עקזעמפּלאַרן. און סאָקאָלאָוו שטרייכט אונטער, אַז נישט דער פאַרקויף איז דאָ געווען דער

עיקר, נאָר די ריזיקע צאָל לייענער. דערפון איז צו זען, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע זאַמלבוך אויף העברעיִש וואָס איז געוואָרן אַ פאָלקסבוך אין פולן זין פון וואָרט. און פון שטאַנדפונקט פון אינהאַלט איז דאָך עס לחלוטין נישט געווען קיין פאָלקסבוך. ער האָט אַריינגענומען פאַרשטענד־לעך לידער און דערציילונגען. אָבער ס'זענען געווען אין אים אין אַ קענטיקער מאָס אָפּהאַנדלונגען אויף אַלע געביטן פון דער תורה און דער וויסנשאַפט, דער אַלגעמיינער און דער יידישער, פּראַקטישע ידיעות און נאָך און נאָך. אויף די דאָזיקע שווערוואָגיקע זאַמלביכער איז אויך געלעגן סאָקאָלאָווס שטעמפּל: תורה־פּילפּולים האָבן זיך געפונען לעבן פּראַקטישע ענינים, מליצות פון משכילים פון אַלטן דור לעבן דערציילונגען און לידער פון די שעפער פון נייעם סטיל אין אונדזער ליטעראַטור. אָט אָ־די פאַרבנרייכקייט האָט עס גערעדט צו די הערצער פון די מאַסן און אַזוי אַריינגעבראַכט די העברעיִשע ליטעראַטור אין ברייטערע קרייזן.

סאָקאָלאָוו אַליין האָט זיך, פאַרשטענדלעך, אויך באַטייליקט אין די דאָזיקע יאָרביכער און קודם־כל אָנהייבנדיק מיט אַרומנעמענדיקע פּראַגראַ־מאַטישע מאַמרים, פּובליציסטישע פאַרשטייט זיך. זיין הויפּט־מיטאַרבעטער אין דעם „האָסיף" איז געווען דוד פרישמאַן. אָבער די עיקר לאַסט האָט אויסגעטראָגן סאָקאָלאָוו אַליין. נאָר אויך דער שטח פון דעם „האָסיף" איז ענג געוואָרן פאַר זיינע פליגל, און ער איז צוגעשטאַנען צו דעם אַלטן חז"ס, צו פאַרוואַנדלען די „הצפירה" אין אַ טאָגצייטונג. אוןווירקלעך, ס'איז פאַראַן אַ שטאַרקער צוזאַמענהאַנג צווישן אָט דער מאַסנפאַרשפּריי־טונג פונעם „האָסיף" און סאָקאָלאָווס געדאַנק צו פאַרוואַנדלען די „הצפירה" אין אַ טאָגצייטונג. ווייל דער „האָסיף" האָט אַנטדעקט די מאַסן לייענער, און זיי ווילן דאָס, לויט סאָקאָלאָוון, אויסטראָגן אויף זייערע פּלייצעס די טאָגצייטונג. דער פּיאָנער אין אַרויסגעבן אַ טאָגצייטונג אויף העברעיִש איז געווען ד"ר יהודה לייב קאַנטאָר, וועלכער האָט אין יאָר 1886 אָנגעהויבן אַרויסגעבן די טאָגצייטונג: „היום". פאַקטיש אָבער האָט זיך סאָקאָלאָוו געפעדערט פאַר אים מיט אָט דעם געדאַנק, נאָר ער האָט קיין דערלויבעניש נישט באַקומען. און ווען ס'האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער טעגלעכער „היום", זענען אויך דער „המליץ" און די „הצפירה" געוואָרן טאָגצייטונגען (1886). דערמיט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן סאָקאָלאָווס חלום צו מאַכן די „הצפירה" פאַר אַן אמתע צייטונג, ווי יעדע טאָגצייטונג אויף דער וועלט. און מיט אָט דער איבערקערעניש איז געקומען די צווייטע: אָנהייב 1886 האָט אָנגעהויבן צו פיגורירן סאָקאָלאָווס נאָמען, לעבן חז"ס נאָמען, אַלס איינער פון די רעדאַקטאָרן. דאָס איז געווען אַ פאָרמעלע

באַשטעטיקונג לאחר־המעשה, ווייל פּאַקטיש איז סאָקאָלאָוו געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה״ שוין פון אַ סך יאָרן.

אין דער טעגלעכער „הצפירה״ האָט סאָקאָלאָוו אַריינגעפירט אַ סך אויסבעסערונגען, וואָס זענען בעיקר געקומען צו מאַכן לעבעדיקער די צייטונג און איר צוציונגס־צויבער פאַר די מאַסן. ער האָט געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט דעם פעליעטאָנען־אָפּטייל, און אַז ער האָט אַנט־פּלעקט טאַלענטן, האָט ער זיי אַריינגעפירט אין דער „הצפירה״. און אַז אָט די זענען אַוועק, ווי געוויינלעך אויפן פּרעסע־געביט, און אַריבער אין אַנדערע צייטונגען, האָט זיך סאָקאָלאָוו נוהג געווען פאַרצוזעצן דעם שרייב־נוסח פון אַנדערע, אַזוי אַז קיין אַנדערע זאָלן עס נישט דערפילן (אין די פאַלן פלעגט ער זיך אונטערשרייבן מיט אַ פּסעוודאָנים).

אַן אַנדער וויכטיקע און פּיאָנערישע זאַך פאַר יענער צייט איז געווען זיין איניציאַטיוו צו פאַרפאַסן אַ לעקסיקאָן פון די לעבעדיקע ייִדישע שרייבער, ביי דער מיטאַרבעט פון י. ח. זאַגאָראָדסקי, דאָס איז דער „ספר הזכרון״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1888, און ביז היינט צו טאָג איז פאַר דעם בוך אָפּגעהיט דער זכות פון ערשטיקייט. פון פאַרמעלן שטאַנדפּונקט איז דאָס בוך געגעבן געוואָרן ווי אַ פּריז פאַר די אַבאָנענטן פונעם „האָסיף״. אָבער זיין ווערט שפּאַנט אַריבער ווייט־ווייט פון זיין צייט און תקופה און ביז היינט איז פאַראַן אין אים טייערער און וויכטיקער מאַטעריאַל, וואָס כמעט נישט צו געפינען זיינס גלייכן אין קיין אַנדער בוך.

אויסער די לייענער פון דער „הצפירה״ זענען ב״סך צוגעקומען לייענער אויף אַנדערע שפּראַכן: דייטש, ענגליש, פראַנצייזיש און פּויליש. אין יעדער שפּראַך האָט ער זיך איינגעשטעלט זיין אייגענעם סטיל. און באַזונ־דערס האָט ער פאַרמאָגט די פעיִקייט אויפצוכאַפּן דעם אַרכאַיִשן טאָן פון יעדער שפּראַך, גלייך ער וואָלט גערעדט אויף יעדער שפּראַך מיט זיין שיינרעדנערישן העברעיִש. ס׳איז נישט אַריבער קיין סך צייט, און ער איז געוואָרן אויך דער רעדאַקטאָר פון דער ייִדיש־פּוילישער צייטונג: „איזראַעליטאַ״, די צייטונג פון די ייִדישע אַסימילאַטאָרן, וואָס סאָקאָלאָוו האָט זי אויסגענוצט אויף צו פאַרשפּרייטן די ייִדנטום־וויסנשאַפט מיט אַ פיינעם סטיל און מיט אַ סך טאַלענט.

מיט קווענקלענדיקע טריט איז סאָקאָלאָוו אַריינגעטרעטן אין די טויערן פון דער „הצפירה״, ווי אַ סך אַנדערע, און צום סוף פון אַ יאָר צענדליק איז ער שוין געווען איר הויפּט־רעדאַקטאָר מיט דער קרוין פון ריזיקער פּאָפּולאַריטעט אויפן קאָפּ, די קרוין, וועלכער ס׳וועלן נאָך צוקומען אַ סך שאַצבאַרע שטיינער און פּערל.

ג. קרעסעל

קאַפּיטל דריי: פון חיבת־ציון צו ציוניזם

[א]

אַ זייער „גרויע" אַרבעט האָט סאָקאָלאָוו געטאָן אין דער „הצפירה". דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן, מיזרח־אייראָפּע בכלל און פון דעם וועלט־ייִדנטום איז אים געווען נאָענט צום האַרצן און ער האָט עס נאָכגעשפּירט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. עדות דערויף זענען הונדערטער נומערן „הצפירה" וועגן סאָקאָלאָווס באַלדיקן רעאַגירן, סיי מיט באַזונדערע מאַמרים און סיי מיט פאַרצייכענונגען, פעליעטאָנען, ביכער־קריטיק און אַז. וו. אויף אַלץ איז געלעגן זיין האַנט, און ער האָט אַלץ געטאָן צו מאַכן די „הצפירה" פאַר אַ שפּיגל פונעם ייִדישן לעבן אויף דער גאַנצער וועלט. אָבער ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט פון זיין בליק־אָנציל די וועלט־געשעענישן, און זיין זשורנאַליסטישער ספּריט האָט פאַרשטאַנען כהרף־עין אַרויסצובאַקומען דאָס וואָס איז אים נייטיק איבערצוגעבן דעם העברעישן לייענער. און ווייל אונדזער ייִדיש וועלטל איז געבענטשט געוואָרן תמיד מיט גרויסע און אויפרודערנדיקע געשעענישן, איז סאָקאָלאָוו געווען אַ וועגווייזער פאַר אַ דור לייענער.

אַזוי איז געשען אויך אין דער פּאָלעמיק. איבער דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, צום סוף אַכציקער יאָרן און אָנהייב די ניינציקער. דער ענין־אַרגענטינע איז געווען, ווי באַוווסט, אַ דאָרן אין אויג פון אַלע חובבי־ציון, וואָרעם דער ריזיקער פינאַנצפאָנד פון דעם באַראָן הירש, וואָס איז געשטאַנען אין רשות פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, האָט דאָך וויל געקאָנט העלפן דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. סאָקאָלאָוו האָט פאַר אַלעם געוואָלט איבערגעבן אַ פולע אינפאָרמאַציע וועגן דאָזיקן ענין בכלל. ער האָט דאָס געטאָן אין אַ סעריע מאַמרים און קאָרעספּאָנדענצן פון די ערשטע קאָלאָניסטן, אַ וויכטיקער און זעלטענער מאַטעריאַל ביז היינט צו טאָג. סאָקאָלאָוו האָט נישט באַקעמפט דעם דאָזיקן פּלאַן. אָבער פון מאָל צו מאָל האָט ער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דאָס קאָלאָניזירן ארץ־ישראל געפעלט אים בעסער איידער דאָס קאָלאָניזירן די אַרגענטינער סטעפּעס. איינצייטיק דערמיט האָט ער אָנהייב די ניינציקער יאָרן געעפנט די טויערן פון „הצפירה" פאַר דעם אַלץ — אין וועלכן ס'איז פאַראַן פאָדע־רונג צו באַזעצן ארץ־ישראל. דערויף זאָגט אויך עדות דער שלל קאָרעס־פּאָנדענצן וועגן ארץ־ישראל און די קאָלאָניעס, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „הצפירה"" און אינעם „האָסיף". אין דעם ענין איז סאָקאָלאָוון בייגעשטאַנען דער ירושלימער קאָרעספּאָנדענט, דער שריפט־

שטעלער יעקב גאָלדמאַן, וואָס זיינע מאַמרים און רעפּאָרטאַזשן פון ארץ־ישראל זענען נאָך ביז היינט אַ לעבעדיקער קוואַל פאַר דער געשיכטע פונעם ייִדישן יישוב אין ארץ־ישראל אין ניינצנטן יאָרהונדערט. נישט איין מאָל האָט זיך סאָקאָלאָוו באַרימט מיט אָט די קאָרעספּאָנדענצן און דעם שריפטשטעלער וועלכן ער האָט דערמוטיקט און באַשטימט אַלס סטאַבילן קאָרעספּאָנדענט פון ארץ־ישראל.

אין סוף פון די אַכציקער האָט אויסגעבראָכן אַ פּאָלעמיק צוליב די זאַמלביכער פון דער „פאָלקסביבליאָטעק", אַרויסגעגעבן דורך שלום־עליכמען. די פּאָלעמיק העברעיִש־ייִדיש האָט אַראָפּגעשטורעמט פון די שפּאַלטן פון דעם „המליץ" און דער „הצפירה". און ס'איז כאַראַקטעריסטיש די דערשיינונג, וואָס דער שאַרפסטער מאַמר קעגן ייִדיש איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דווקא אין דער „הצפירה" (פון א. קאַמינקאָ). אָבער סאָקאָלאָוו אַליין האָט געפילט אַ ליבשאַפט צו ייִדיש און אויך געשריבן ייִדיש אין משך פון צענדליקער יאָרן. דערפאַר האָט ער ערשט אָנגענומען אַ שטעלונג, וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט אויך שפּעטער, בעת דער באַנייונג פון דער פּאָלעמיק העברעיִש־ייִדיש, אַז פאַר ייִדיש איז באַשטימט אַ חשוב אָרט אין ייִדישן לעבן און מע טאָר נישט דערגיין צו עקסטרעמיטעט, ווי קאַמינקאָ. אדרבא, ייִדיש איז נישט קיין שענדלעך לשון, ווי ס'איז אָנגענומען ביי די משכילים. האָט זיך אויך דאָ אַנטפּלעקט דער אמתער סאָקאָלאָווישער כאַראַקטער־שטריך, די געזעצטקייט און דאָס נישט דערגיין צו עקסטרעמקייט, ווי אויך די פעיִקייט אָפּצוקילן דעם שטורעם פון פּאָלעמיק און וויכוח. בנוגע ייִדיש האָט סאָקאָלאָוו זיך געהאַלטן ביי אָט דעם כלל, ווייל ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט פולשטענדיקער פאַרשטענדעניש און אויך מיט אַ ספּעציעלער וואַרעמקייט צו ייִדיש און צום שעפערישן ווערט פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די ענינים פון ליטעראַטור, ייִדישע געשיכטע און ייִדנטום־וויסנשאַפט זענען אים געווען נאָענט צום האַרצן, און ווען ס'זענען נישטאָ קיין „אויפברויזנדיקע" טעמעס, איז עס נישט געווען קיין וווּנדער צו טרעפן אויף דער ערשטער זייט פון דער „הצפירה" מאַמרים און שמועסן איבער די־אָ ענינים, אויף וועלכע די לייענער־מאַסע האָט דאָך באַזונדערס געוואַרט. און אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן דערצו די צענזור, וועלכע האָט געמוזט יעדן פרייען אויסדרוק, וועלן מיר איינגעפינען, אַז נישט ווייניק נומערן פון דער טעגלעכער „הצפירה" זענען ענלעך צו אונדזערע היינטיקע ליטעראַרישע ביילאַגעס, און קריטיק איבער אַ לידערבוך ווערט געדרוקט אויף דער ערשטער זייט פון אַ וואָכעדיקן נומער דווקא,

פון די שבתדיקע און יומטובדיקע נומערן איז שוין אָפּגערעדט. ווען ס׳ווערט אין אָדעס אָנהייב די ניינציקער יאָרן געגרינדעט די געזעלשאַפט פאַר ייִשוב ארץ־ישראל, די צענטראַלע פון די חובבי־ציון אין רוסלאַנד, מיט דער באַשטעטיקונג פון דער רעגירונג, אינספּירירט סאָקאָלאָוו אַ סך פון זיינע שרייבער צו ווידמען זייער פען דעם ייִשוב־ארץ־ישראל.

און אָט האָט פּאַסירט אַ געשעעניש, וואָס האָט אַרויסגעפירט דעם גע־לאַסענעם סאָקאָלאָוון און די רויִקע „הצפירה" פון זייער גדר.

[ב]

די העברעיִשע פּרעסע האָט בדרך־כלל נישט מיט צופרידנקייט אויפגענומען דאָס דערשיינען פון הערצלען. ס׳זענען געווען אַ סך מאָטיוון פאַר דעם און דער עיקר: די פאַרדאַכטן פון די מיזרח־מענטשן צו דעם מערב־מענטשן, וואָס איז ערשט נעכטן־אייערנעכטן געווען אַן אַסימילאַטאָר און אויך היינט איז ער זייער ווייט און דערווייטערט פון די מקורות פון דעם ייִדנטום. אָט די אָפּגעריסנקייט הערצלס פון די קוואַלן פון דער ייִדישער מסורה האָט עס דערווייטערט גרויסע און אָנגעזעענע העברעיִשע שרייבער אין מיזרח פון הערצלען. סאָקאָלאָוו, דער זשורנאַליסט, האָט געזאָרגט איבערצו־געבן מיט גרויסער אויספירלעכקייט וועגן הערצלס ערשטע טריט אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. ס׳איז אָבער נישט אַריבער קיין לאַנגע צייט און אָט דער ענין האָט אָנגעהויבן אַריבערצושפּאַנען די ראַם פון איבערגעבן זשורנאַליסטישע אינפאָרמאַציע, און סאָקאָלאָוו האָט אָנגעהויבן צוצוגעבן צו די ידיעות אויפקלערונגען. צום סוף, ווען ס׳איז דערשינען הערצלס „יודענשטאַט", האָט די „הצפירה", ס׳הייסט סאָקאָלאָוו, געגעבן דעם תמצית פון דעם ביכל, צוגעבנדיק אָט די ווערטער: „אויב אַפילו מע קאָן הערצלס פאָרשלאָגן שטעלן אונטער אַ צווייפל — צי וועלן זיי קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן, פון דעסטוועגן זענען זיי פאַר זיך אַליין חשוב און ווערטפול".

אָבער אָט דאָס ווערק הערצלס האָט גענומען אויפרודערן די ייִדישע וועלט, און מ׳האָט שוין מער נישט געקאָנט זיך באַגנוגן מיט געבן אינפאָר־מאַציע און אַ לעבלעכע רעאַגירונג צום אויסלאָז פון דער אינפאָרמאַציע. ווען די רעאַגירונגען אין דער וועלט האָבן זיך געמערט, שריפטלעך און מינדלעך, האָט סאָקאָלאָוו פאַרעפנטלעכט אַן אויספירלעכן מאַמר מיטן נאָמען: „ווונדערלעכע קלאַנגען וועגן דער ייִדישער מדינה, וואָס איז אויפגעקומען אין דער מחשבה פון דעם ד״ר הערצל באַשאַפן צו ווערן". דער אָנהייב מאַמר איז געווידמעט דער צענזור, וואָס איר אויג איז

תמיד וואָך נאָכצושפּירן די מאָס פֿון טרייהייט צום צאַר ירום הודו. דערפֿון סאָקאָלאָווס אונטערשטרייכן, אַז „מיר ייִדן, וואָס וווינען אין רוסלאַנד, האָבן קיין שום שייכות און פֿאַרבינדונג נישט מיט אַזאַ פּאָליטישן פֿאָרשלאָג, איידער ער איז פֿאָרגעבראַכט געוואָרן פֿאַר אונדזער הויכער רעגירונג אים צו באַטראַכטן און אַרויסזאָגן וועגן אים איר מיינונג — און דער גאַנצער פֿאָרשלאָג איז דערווייל נאָר צו די ייִדן אין די מערבֿ־לענדער: אין רומעניע און גאַליציע א. אַ. וו., ווו ס'געפֿינען זיך אַ סך מענטשן, וואָס פֿאַרלאַנגען אַרויסצופֿאָרן (ווי באַוווּסט האָט מען אויף מערבֿ דערקלערט, אַז די מיזרח־ייִדן זענען עס די קאַנדידאַטן אַרויסצופֿאָרן). נאָכן אָפּצאָלן שטייער דער „הויכקייט", קומט סאָקאָלאָוו צו צום עיקר — און דאָ דערהערן מיר דעם ווידערקלאַנג פֿון זיינע קריטישע באַמערקונגען אויף פּינסקערן מיט געענדערטער שאַטירונג און צוגעפּאַסטער צו הערצלען און זיינע פּלענער.

ס'איז די פֿליכט פֿון דער „הצפֿירה" און די פֿליכט פֿונעם רעדאַקטאָר צו ברענגען אַלע ידיעות וועגן הערצלען. אָבער סאָקאָלאָוו זאָגט זיך נישט אָפּ צו באַמערקן, „אַז די זאַך איז אויטעריליש און זייער צו באַוווּנדערן, אַז אין אָט דער צייט פֿון כאַאָטישקייט אין טערקיי זאָל די דאָרטיקע רעגירונג זיך איילן איינצופֿירן נייסן מיט גרינגדן קאָלאָניעס, און ס'איז אויך ווייט צו גלייבן, אַז די טערקישע רעגירונג זאָל שנעל אונטערהאַלטן אָט דעם גאַנצן רעיון — אַחוץ די הויפּט־באַוועגונג וועט קומען פֿון ענגלאַנד. און מיר ווייסן אויך נישט אויף וועלכן אָרט אין סיריע טראַכט עס דער ד"ר הערצל צו גרינדן די ייִדישע מדינה, און די אַלע פּסוקים זאָגן: „דרשנו" — קלערט אונדז אויף". דערפֿאַר רופֿט סאָקאָלאָוו ווידער און אָבער אַ מאָל צו געלאַסנקייט. דאָס זעלבע מיטן קאָרעספּאָנדענט פֿון לאָנדאָן, וועלכער שיקט סטאַביל ידיעות וועגן הערצלס אַקטיוויטעטן אין לאָנדאָן, און ער גיט צו צו זיי אַ באַמערקונג בזה־הלשון: „דער געדאַנק פֿון ד"ר הערצל איז אַ קינד פֿון בהלה און איבערײַלער, און דערפֿאַר פֿעלט אין אים די מידה פֿון באַדעכטקייט, באַרעכנטקייט און געזעצטקייט, און ס'איז פֿאַר אונדז אַ גרויסער ספֿק, צי ער וועט פֿאַנגען דאָס האַרץ פֿון אונדזערע ברידער־ייִדן, די געלאַסענע ענגלישע בירגער. נאָר יעדנפֿאַלס האָט הערצל מעכטיק צעבלאָזן דאָס פֿייער פֿון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, וועלכער האָט זיך פֿאַר די לעצטע יאָרן דערוואָרבן אַ מאָסע פֿאַרערער און סימפּאַטיקער. אָבער צי וועט דער דאָזיקער געדאַנק ברענגען אַ שטאַרקן און גרויסן אַקט וואָס זאָל ענדערן פֿולשטענדיק דעם מצבֿ פֿון די ייִדן אין די מערבֿ־לענדער (לייען פֿאַרשטענדלעך: מיזרח־לענדער. די שרעק פֿון דער צענזור האָט

דאָ געענדערט דעם מיזרח אויף מערב), אָדער ער וועט פאַרבלייבן צום אָנדענק, ווי פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס זענען שוין אַ מאָל אויפגעקומען ביי ייִדן אין פאַרשיידענע דורות — דאָס וועט די צייט זאָגן".

און סאָקאָלאָוו האָט זיך נישט באַגנוגנט מיטן רוף צו געלאַסנקייט, און איז אַרויס אַ צווייט מאָל מיט אַ מאַמר, אַ שאַרפערן פונעם ערשטן, אין וועלכן ער האָט בעיקר אָנגעוויזן אויף דער שעדלעכקייט, וואָס שטעקט אין דעם גאַנצן עצם פון הערצלס פּלענער. דאָס איז אויך געווען דער מאַמר, וועלכער האָט באַוויזגן הערצלען אַליין אַרויסצוגיין אויף דער דיסקוסיע־אַרענע אין דער „הצפירה".

„איך שפּיל זיך דאָך — אַזוי איז דער נאָמען פון סאָקאָלאָווס מאַמר, וואָס הייבט זיך אָן מיטן באַוווסטן משל וועגן יענעם שייער, די לעבנס־האָפענונג פון אַן אָרעמען פויער, וועלכער ווערט פאַרברענט צוליב אַ שפּיל פון קינדער. דער נמשל איז, הערצל און זיין טרוים וועגן מלכות־ישראל. ס'איז אונדז נישט אָנגענעם דאָס צו זאָגן — אָבער נישט תמיד איז דערפילן אַ פליכט אַן אָנגענעמע זאַך". מיט די קלענסטע פּרטים קומט דער נמשל, אַז די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל זענען די לעצטע האָפענונג פון די ייִדן אין גלות, און ס'לויערט אויף זיי אַ גרויסע סכנה צוליב הערצלען. די גזירות וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף די קאָלאָניעס, נעמען זיך פון דער מורא פון דער טערקישער רעגירונג פאַר אַ ייִדישער מדינה און די קלאַנגען וועגן איר. דערפאַר האָט הערצל נישט געטאָרט אַרויסלאָזן קלאַנגען וועגן אַ ייִדישער מדינה. און נישט בלויז דאָס האָט הערצל געטאָן ער איז אויך מבשר „עפנטלעך וועגן געזעלשאַפטן, וואָס ער גרייט זיך צו גרינדן... דער עושה־נפלאות איז אויך מבשר, אַז ער איז פאַרבייגעפאָרן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און מ'האָט אים דאָרט אויפגענומען בסבר־פּנים־יפות, — אָבער וואָס האָבן אויפגעטאָן הערצלס רייד? דער פונק האָט שוין אָנגעריַרט דעם שייער. אין זיין תמימות האָט הערצל אַריינגעלייגט אַ שווערד אין די הענט פון דער טערקישער פּאַרטיי, וואָס האַסט די ייִדישע קאָלאָניעס. דערפאַר וועלן מיר דערפילן אונדזער חוב צו באַמערקן, דיסקוטירן און מיטטיילן, אַז די גאַנצע וויזיע דעם ד"ר הערצלס און זיין טועכץ איז בלויז אַ שפּיל. און צוליב דעם וועלן מיר עצהן דעם ד"ר הערצל, ער זאָל פאַרהאַלטן זיין נביאות, און אויב ער וועט זי נישט פאַרהאַלטן, וועלן מיר אויפהערן צו דערפילן אונדזער חוב און מיטטיילן, אַז בלויז זיין אייגענע וויזיע, און נישט די וויזיע פונעם פאָלק, טיילט מיט דער דאָזיקער געאַכטעטער טרוימער".

אָט דער מאַמר סאָקאָלאָווס איז זייער אַ שאַרפער און האָט באַוויגן

הערצלען אַליין צו ענטפערן סאָקאָלאָוו דורך זיין העברעיִשן סעקרעטאַר ד"ר מיכאַל בערקאָוויטש. הערצל דערקלערט אין זיין ענטפער דעם גאַנצן וועג זיינעם אין דעם ציוניזם, דעם ענין פון עפנטלעך־רעכטלעך, וואָס ער וויל דערגרייכן, און אַז אויך ער איז באַזאָרגט פאַר דעם עקזיסטירנדיקן יִישוב אין ארץ־ישראל נישט ווייניקער פון אַנדערע. און דווקא צוליב אָט דער גרויסער זאָרג, וויל ער אַרויספירן דעם געדאַנק פון יִישוב־ארץ־ישראל פון זיין באַהעלטעניש און אים מאַכן פאַר אַ זאַך פון דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק פון איין זייט און פון די וועלטנאַציעס פון דער צווייטער. און וואָס שייך זיין וויזיע, אַז זי איז, כלומרשט, אין גדר פון פאַנטאַזיע, — האָט הערצל נישט קיין אַנדער ענטפער פון דעם, אַז זיין וויזיע איז די וויזיע פון גאַנצן פאָלק און זיין שטרעבונג, און דערפאַר וועט זי מיט דער צייט מקויים ווערן.

סאָקאָלאָוו האָט געענטפערט הערצלען אויפן ראַנד פון זיין מאַמר. אין זיין ענטפער לאָזט ער זיך אַוועק אויפקלערן דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם, אַז ער איז לחלוטין נישט געבונדן מיט אַ וועלכן באַשטימטן לאַנד, ווייל „ווען אונדזערע אַלע פאָלקסזין וואָלטן זיין צונויפגענומען און אויפגעזאַמלט אויף איין אָרט, ווער ווייס, צי ס'וואָלט נאָך פון זיי געבליבן אַ שריד־ופליט און צי וואָלט זייער סוף נישט געווען ווי דער סוף פון גרעסערע און מעכטיקערע פעלקער פון זיי".

סאָקאָלאָווס קעגנערשאַפט צו הערצלען האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. און די „הצפירה", וועלכע האָט דערפילט איר זשורנאַליסטישע פליכט מיטצוטיילן ידיעות וועגן הערצלס אַלע טעטיקייטן און וועגן די שריט צום ערשטן קאָנגרעס, איז אויך געווען די אכסניה, וואָס האָט פאַרטיידיקט די שאַרפע בראָשור פון ווינער רב, דר משה גידעמאַן קעגן הערצלען. אויף די גרויסע צוגרייטונג צום ערשטן קאָנגרעס האָט זי באַגלייט די באַמערקונג פון איינעם אַ שרייבער בזה־הלשון: „צו דעם צוזאַמענקום וועלן קומען נאָר הערצלס פאַרטרויונגס־לייט, די „נאַציאָנאַליסטן", וועלכע חלומען חלומות אויף דער וואָר. און אַלע געזעצטע חובבי־ציון, וועלכע באַווייזן איר בראָך און פאַרוויסטונג און גאַרן צו זען ווי אירע זין זאַמלען זיך צונויף אָן רעש און אָן טומל, וועלן זיך צוריקציען פונעם דאָזיקן צונויפקום". דאָ האָט סאָקאָלאָוו איינגעזען, אַז זיין שרייבער האָט איבער־געכאַפּט די מאָס, און האָט דערפאַר צוגעגעבן אַן אייגענע באַמערקונג, צו פאַרווייכן אַ ביסל דעם נעגאַטיוון טאָן: „לויט די לעצטע ידיעות האָט דער צוזאַמענקום זיך אַ נייג געטאָן צו די מעסיקע, איז ערשט פאַראַן אַ האָפענונג, אַז ס'וועלן זיך אין אים באַטייליקן אויך אַ מאַסע".

די דאָזיקע באַמערקונג איז פון גרויסער חשיבות, ווייל זי האָט געעפנט
אַ שמאָל טירל צו אַן ענדערונג אין סאָקאָלאָווס שטעלונג, אַן ענדערונג,
אַן אויסגעלאָזטע מיט אַ דעצידירטן ווענד, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן
ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל בעתן פערזענלעכן קאָנטאַקט
מיט הערצלען.

[ג]

אין סאַמע די טעג פונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, ווען
די גאַנצע יידישע פרעסע, און נישט נאָר זי אַליין, האָט גערודערט מיט די
קאָנגרעס־באַהאַנדלונגען און דעם דערשיינען פון הערצלען, האָט אויפגע־
ריסן „אַ באָמבע" קעגן סאָקאָלאָוון, וועלכע האָט געשמעקט מיט פערזענ־
לעכער באַליידיקונג, מצד דער קאָנקורירנדיקער צייטונג: „המליץ". אָבער
אָט די באָמבע האָט אויך גורם געווען, אַז סאָקאָלאָוו זאָל נאָך אַ מאָל
אויפקלערן זיין באַציונג צום נאַציאָנאַליזם בכלל און צו הערצלען בפרט.

ווען סאָקאָלאָוו האָט רעדאַקטירט די „הצפירה", איז ער אויך געווען
דער רעדאַקטאָר פון דער פויליש־יידישער צייטונג „איזראַעליטאַ", וועלכע
איז אויך אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע. אין דער דאָזיקער צייטונג האָט ער
זיך באַטייליקט סטאַביל, וואָך־איין, וואָך־אויס, סיי מיט אַלגעמיינע אי־
בערבליקן וועגן דעם לעבן פון די יידן אין דער וועלט, סיי וועגן ענינים
פון יידישער ליטעראַטור אויף אַלע שפראַכן און באַזונדערס אויף דער
העברעישער. איז אין אָט די טעג פון קאָנגרעס אין באַזעל, ווען סאָקאָלאָוו
איז געפאָרן אַלס שרייבער פון דער „הצפירה", געדרוקט געוואָרן אין אייבער
אַ צייטונג אַ שאַרפער מאַמר קעגן סאָקאָלאָוון, מיטן נאָמען: „אַ רעדאַקטאָר
אויף צוויי שטולן", און ס'איז אין אים געזאָגט געוואָרן וועגן סאָקאָלאָוון,
אַז ער אַרבעט אין צוויי צייטונגען גלייכצייטיק, אָבער ווונדערלעך און אויך
זייער משונהדיק איז די זאַך, וואָס דאָס זעלבע, וואָס אָט דער רעדאַקטאָר
איז מתיר אין איין צייטונג, אַסרט ער אין דער צווייטער, און פאַרקערט.
אין אָט דער „ראָזשינקע" האָט זיך אָנגעכאַפּט דער „המליץ", סאָקאָלאָווס
קאָנקורירנדיקע צייטונג, וועלכע האָט איבערגעזעצט דעם מאַמר און אויך
געבראַכט אַנטשפּרעכנדיקע ביישפּילן צו סאָקאָלאָווס שרייבן אין דער
„הצפירה" פון איין זייט, און אין דער „איזראַעליטאַ" פון דער צווייטער.

סאָקאָלאָוו האָט געענטפערט, און פון זיין ענטפער דערוויסן מיר זיך, אַז
„די טעמע פון די ענינים, דער סטיל און דער אופן פון באַהאַנדלען, דאָס
איבערצייגן און דאָס אויפקלערן אין אַן אייראָפּעישער שפּראַך פאַר אַן אויפ־
געקלערטן יידישן עולם קאָן נישט זיין דורכאויס גלייך מיטן העברעישן סטיל

פאַר אַ העברעיִשן עולם. אָבער דער גייסט און דער ציל איז דער זעלבער! און די פוילישע מאַמרים אַנטשפּרעכן דער טענדענץ פון די העברעיִשע מאַ־מרים". און באמת, ווער עס לייענט אויפמערקזאַם יענעם פראַגמענט, וואָס ווערט געבראַכט אין דער „איזראַעליטאַ", וועט לייכט אויסגעפינען, אַז ער איז ענלעך מיט זיין סטיל און גייסט צום ענטפער, וואָס ער האָט געגעבן הערצלען אין דער „הצפירה". אָבער דער עיקר אין אָט דעם ענטפער סאָקאָלאָווס קומטביים אויסלאָז. דאָ זעען מיר דעם אָנהייב פון דער איבער־קערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין האַרץ פאַר דער צייט פון זיין ווײַלן אויפן קאָנגרעס: „מע דאַרף אונטערציִען אַ געהעריקן שטריך צווישן דעם געשריבענעם פאַר דעם צוניופּקום (דעם קאָנגרעס) און דעם געשרי־בענעם נאָך איִם (די אונטערשטרייכונגען זענען סאָקאָלאָווס)' ווייל די מיינונגען און אָנשויונגען האָבן זיך געענדערט צום בעסערן; ווייל אין אָנהייב זענען אַ סך פון די חובבי־ציון געווען קעגנער פון דאָזיקן צוניופּקום, און איצט, ווען די זאַכן זענען אויפגעקלערט געוואָרן — ווערט מיט אַן אַנדער לשון גערעדט אויפן צוניופּקום". און דאָ זענען מיר געקומען צו יענער דעצי־דירנדיקער ווענדונג אין סאָקאָלאָווס שטימונג, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן ערשטן קאָנגרעס.

פון באַזעל, ווו ס'איז זיך צוזאַמענגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, האָט סאָקאָלאָוו געשיקט „בריוו" צו דער „הצפירה", און שוין אין זיין ערשטן בריוו געפינען מיר דעם אָנהייב פון דער ווענדונג. ער איז מודה, אַז אין אָנהייב האָט ער זיך ווידערגעשטעלט הערצלען און אויך אַ סך דיסקוטירט. און נאָך מער, ער וועט נאָך ווייטער מיט איִם דיסקוטירן. אָבער פון שורה צו שורה פאַרשטאַרקט זיך אין זיין דאָזיקן מאַמר און אין סאָקאָלאָווס שטימונג די פאַרערונג צו הערצלען, דער פערזענלעכקייט און דעם פירער. ס'דאַכט זיך, שרייבט ער, אַז דער ד"ר הערצל אַליין פאַרלאַנגט נישט צו שטעלן זיך העכער פון דער מאָס פון קריטיק און זיך האַלטן ווי דער פויפּס, וואָס איז אומפעלערהאַפט. אָבער דער אמת טרייבט מיך מודה צו זיין, אַז אין אָט דער פערזענלעכקייט האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מעלות און מידות, פּאַסיקע פאַר אַ פאַרטיי־פירער. דער ד"ר הערצל, חוץ זיין גרויסער באַגאַבונג אַלס איירָאָפּעיִשער שריפטשטעלער, איז אויך אַ האַרציקער מענטש, אַ מאַן פון גוטן געשמאַק און פיינער באַנעמונג. זיין הויכע און שיינע פיגור, זיינע שוואַרצע אויגן, זיין פיין געשטאַלט און גאַר זיין אופן רעדן און שמועסן זענען פול מיט חן און באַשיידנקייט, גייסטיקער איידלקייט און געמיט־דער־הויבנקייט. לויטן גלאַנץ פון זיינע שוואַרצע אויגן זעט דער דאָקטאָר הערצל אויס אַ פאַנטאַזיאָר און טרוימער. אָבער ער איז גובר זיין פאַנטאַזיע און

באַמיט זיך מיט זיין גאַרער קראַפט מבטל צו זיין דעם גייסט פון דיכטונג און וויזיע פאַר די לעבנס־באַדינגונגען.

און אַזוי האַלט סאָקאָלאָוו אין איין אויסלויבן און רימען הערצלען, אַז פון זיך אַליין פאַרשווינדן אַלע מאָטיוון קעגן אים, וועלכע ער האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק געלאָזט הערן וועגן אים. און סאָקאָלאָוו, וועלכער איז אין אָנהייב שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן הערצלס וויזיאָנערישע און פאַנטאַסטישע רייד, צעזינגט זיך איצט מיט התפעלות וועגן הערצלס וויזיע: „דעם ציוניזם קאָן שאַפן נאָר אַ פייטן בחסד־עליון” — האָט ער געשריבן אין יאָרן שפּעטער וועגן זיינע איבערלעבונגען אויפן ערשטן קאָנגרעס. מיר האָבן מיט אַ מיין מאַריך געווען וועגן אָט דער סאָקאָלאָווס מעטאַרמאָפאָזע, וועלכע איז אין אים פאָרגעקומען אין די טעג פון ערשטן קאָנגרעס און בעת זיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט הערצלען. און ווירקלעך, נאָכן קאָנגרעס האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ סעריע מאַמרים אין דער „הצפירה”, וואָס בילדן אַ גאַנץ בוך, און זיי זענען דורכאויס דורכגעדרונגען און אַרומגענומען מיט אַ גייסט פון התפעלות פאַר הערצלען און זיין ווערק. און סאָקאָלאָוו האָט זיך בישט געשעמט צו דערציילן אין יאָרן אַרום וועגן דער איבערקערעניש, וואָס איז אין אים פאָרגעקומען אויפן ערשטן קאָנגרעס: „ציוניזם איז מער ווי ישוב־ארץ־ישראל. אָט דער „מער” איז דאָס וואָס האָט מיר פריער געפעלט, און ערשט האָב איך אים געפונען”.

און אַז סאָקאָלאָוו האָט געפונען דעם וועג צו הערצלען, האָט ער אויך די „הצפירה” פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפּאַגאַנדע־אינסטרומענט פאַר דעם פּאָלי־טישן ציוניזם און קודם־כל, פאַרשטענדלעך, פאַר הערצלען. און נאָך דעם ווי סאָקאָלאָוו איז געוואָרן הערצלס אַן איבערגעגעבענער אָנהענגער, איז ער געווען זיין פאַרטיידיקער אויך אין די שווערסטע קריזיסצייטן, וואָס האָבן געטראָפן הערצלען אין זיינע לעצטע יאָרן און באַזונדערס אין די טעג פון דעם אוגאַנדע־קריזיס. און ס'איז איבעריק צוצוגעבן, אַז סאָקאָלאָוו איז זינט דעמאָלט געוואָרן אַ סטאַבילער אָנטיילנעמער אין אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן און האָט מיטגעאַרבעט באַזונדערס אין די ענינים פון דער העברעיִשער קולטור. הערצל איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט אַריינבאַקומען אַזאַ כוח, וועלכער באַווירקט גרויסע מאַסן. און ווירקלעך, פון דעמאָלט אָן איז די „הצפירה” געוואָרן אַ מין העברעיִשע אויסגאַבע פון דער צענטראַלער ציוניסטישער וואָכנבלאַט: „די וועלט”. פון היינט אָן האָט די „הצפירה” געהאַט אַ מיסיע, פאַר וועלכער זי האָט געקעמפט מיט קעגנער און פיינד פון דרויסן און אינעווייניק. און דער אָנפירער מיט דער דאָזיקער קאַמפּס־פּאָזי־ציע, שוין גאָרנישט קיין לייכטע, איז געווען, פאַרשטענדלעך, סאָקאָלאָוו.

[ד]

דער פּאָליטישער ציוניזם, וועלכער איז איצט געוואָרן אַ לאָזונג פאַר סאָקאָלאָוון און דער „הצפירה", איז אויך געוואָרן אַ ברענפּונקט פון די בעסטע פּובליציסטן אין דער „הצפירה" און באַזונדערס פון אַ יונגן דור שרייבער און פּובליציסטן: ראובן בריינין, שמואל ראָזענפעלד און אַנדערע. ס'דאַכט זיך, אַז די־אַ ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין סאָקאָלאָוון, האָט אַריינגעבראַכט אַ לעבעדיקן אָטעם אויך אין דער „הצפירה", און צום סוף פאַריקן יאָרהונדערט און אָנהייב היינטיקן טרעפן מיר סאָקאָלאָוון גרייכן צו די העכסטע הייכן פון זיין שאַפונג אין עטלעכע געביטן, ווו פריִער איז ער געווען אַ גאַסט. צווישן די דאָזיקע סאָרטן דאַרף מען דערמאָנען זיינע רייזע־רעפּאָרטאַזשן, ערשטע פּרוּוון פון סקיצירן פּערזענלעכקייטן, וואָס שפּעטער, אין זיינע לעצטע יאָרן, האָט ער זיך אין דעם זשאַנער אויסגעפּלאַסטערט אַן אייגענעם וועג און סטיל, דעם פעליעטאָן, וואָס אין אָנהייב האָט ער זיך געפּרוּווט אין אים בלית־ברירה, אַנשטאָט זיינע סטאַבילע פעליעטאָניסטן, וואָס האָבן אים פאַרלאָזט, און האָט דערגרייכט אויך אין אים צו הייכן און צו אַן אומגעווינלעכן צוציִונגס־פּונקט פאַר מאַסן לייענער.

אָט די פעליעטאָנען („משבת לשבת"), וועלכע פלעגן דערשיינען אין די פרייטיקס, אונטערגעשריבן: „אורח לשבת", האָבן זיך קודם כל אויס־געצייכנט מיט אַ שלל אידיאָמען און אויסדרוקן, וואָס צוליב זייער בייקייט זענען זיי געווען פּונקטירט. און אַזוי פלעגן די פעליעטאָנען דערשיינען כמעט מיט אַ טיילווייזער פּונקטירונג. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז נישטאָ קיין גרענעץ און קיין שיעור צו די שפּראַך־און וואָרטבאַהעפט־אויפטועון פון אָט דעם שפּראַך־צויבערער. דאָס זענען נישט געווען שפּראַך־אויפטועון לחלוטין נייע, אין סטיל פון בן יהודהן, נאָר אַלטע וואָרטבאַהעפטן, אַרויס־געבראַכט פון די אַרכיוון פון פאַרגעסעניש. סאָקאָלאָוו האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן אָט די אַלטע ווערטער כדי אויסצודריקן נייע באַגריפן. די לייענער פלעגן אויסקוקן אָט די וואָכן־פעליעטאָנען מיט לעכצונג און זיך „קוויקן" מיטן סאָקאָלאָווישן „לשון־קודש", דעם באַחנטן, וואָרצלדיקן און זאַפטיקן, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין שום פּרעצעדענט אין דער העב־רעִישער ליטעראַטור, און נישט נאָר אין יענע צייטן זענען אָט די פעליעטאָנען געווען אַ וואָך־געשעעניש אינעם לעבן פון די העברעִישע לייענער און באַזונ־דערס אין דעם געבילדעטן שיכט זייערן, וועלכע זענען געווען היימיש אין די העברעִישע מקורות. יענע נומערן, אין וועלכע ס'זענען געדרוקט געווען די פעליעטאָנען, פלעגן גיין פון האַנט צו האַנט און זענען געווען אַ מעין

אמתער „עונג שבת" פאַר צענדליקער טויזנטער, אַ זאַך, פאַר וועלכער מע קאָן נישט געפינען עפּעס ענלעכס אין דער נישט־העברעיִשער פּרעסע.

צו אָט די דערמאָנטע סוגים האָט סאָקאָלאָוו צוגעגעבן קאָמפּאָזיציעס, פּאָעזיע אין פּראָזע, און צייטנווייז אויך פּאָעזיע ממש, וואָס אויך אין זיי איז דאָס העברעיִש דערשינען אין אַ נייעם לבוש, אַ גלאַנצנדיקן מיט זיין נייקייט און שיינקייט. ס'איז נישט געווען נאָך אַ שרייבער, ווי סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט געגעבן אין זיין רייכפאַרביקער שאַפונג אַ מוסטער־אילוסטראַציע פון דער גרויסער עשירות און פיל מעגלעכקייטן פון דער העברעיִשער שפּראַך, און נאָר שפּראַכקענער מובהקים זענען אימשטאַנד געווען אָפּצושאַצן אָט די אומגעוויינלעכע שפּראַכרייכקייט, וואָס איז אינוועסטירט אין אַ פאַרשיידנאַרטיקן און אין פלוג איילן פּרעסע־שרייבן.

אין אָנהייב יאָרהונדערט האָט זיך סאָקאָלאָוו איינגעשפּאַנט אין נאָך אַן אויפגאַבע: געווינען די הערצער פון די פרומע יידן פאַר דעם פּאָליטישן ציוניסטישן געדאַנק. דער לאַגער פון די פרומגלייביקע איז אויך געווען פאַרגלייבט אין סאָקאָלאָוו, און נישט וויינציק צווישן זיי האָבן שטילערהייט פאַרערט דעם „אפּיקורס" סאָקאָלאָוו, וועלכער רעדט מיט אַ למדנישער שפּראַך און טרעפט, ווי ווייניקע ווי ער, אין זייער מענטאַליטעט און שפּילט אויף די סטרונעס פון זייערע הערצער, נישט געקוקט אויף דער גרויסער ווייטקייט צווישן זיין וועלט און זייערער. סאָקאָלאָוו האָט אויך מצליח געווען צו דערנענטערן עטלעכע רבנים צו דער „הצפירה", און זיי האָבן זיך דאָרט באַטייליקט סיי אונטער פּסעוודאָנימען און סיי אונטער זייערע בפירושע נעמען. סאָקאָלאָוו האָט זיי אויך דערלויבט צו רעדן און שרייבן זאַכן, וועלכע ער איז געווען פולשטענדיק דאַקעגן, כדי ער זאָל דערנאָך קאָנען זייערע רייד אָפּפרעגן און זיי דערנענטערן צום ציוניזם.

צוליב אָט די מאָטיוון זענען פאַרפאַסט געוואָרן די ביכער, וועלכע סאָקאָלאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „הצפירה" אין עטלעכע סעריעס („לכו נא ונווכחה" און „למרנן ורבנן", בלויז די אַנדערע זענען אַרויס אין בוכפאָרעם, אין וואַרשע, תרס"א). דאָ האָט גערעדט צו די רבנים און די אָרטאָדאָקסישע קרייזן נישט אַ מענטש פון דרויסן און מיט אַ נוסח פון פון־אויבן־אַראָפּ, נאָר אַן אינעווייניקסטער מענטש, וואָס איז אויסגעבונדן מיט דער וועלט פון דער יידישער מסורה מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה, און וועלכער פאַרשטייט אויך אויפצוכאַפּן די אינטימע סטרונע, וואָס איז ספּעציפיש פאַר דער וועלט פון רבנות און פרומקייט. „איך קען נישט קיין סך רבנים משכילים, זאָגט ער אין אָנהייב פון זיין בוך „למרנן ורבנן", אָבער איך קען אַ סך רבנים, ריינע און זויבערע פון אויסנוצעריי־פּסולת

און תאווה צו כבוד, מענטשן, וואָס זענען נישט פאַרריסן קעגן זייערע ברידער, מענטשן, וואָס דער אמת האָט געשטעקט אין זייערע מחשבות, און זיי האָבן אים ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן. אַזעלכע גאונים קאָן איך אַכטן און ערן זייערע פאַרעלטערטע מיינונגען, ווייל זיי זענען מענטשן, אַלע קינדער פון אמת, מענטשן פון גלויבן, אָפּגעשיידטע פון אומרעכט".
דער דאָזיקער סטיליסטישער נוסח האָט נישט אין זיך אַפילו קיין טראָפּן פון פּראָפּאַגאַנדיסטישער סטראַטעגיע, ווייל ס'איז דאָך איבער יעדן ספק, אַז סאָקאָלאָוו האָט פאַרערט די דאָזיקע וועלט און זיך אַלע יאָרן באַטראַכט פאַר אַן אומצעשיידבאַרן טייל פון איר, הגם ער האָט פון איר אַוועקגע־וואַנדערט צוליב די צייט־באַדינגונגען.

ס'איז כדאי ברייטער צו באַהאַנדלען אָט דעם „למרנן ורבנן", ווי אַ מוסטער און ביישפּיל פון אויפקלערונג־ליטעראַטור, וועלכע איז מצליח זיך צוצופּאַסן פולשטענדיק צו דער וועלט, צו וועלכער זי טראָגט איר וואָרט. ער דערווייזט די רבנים, אַז דער עצם נאַציאָנאַלער געדאַנק וועגן יישוב־ארץ־ישראל איז אויסגעטראַכט און געבוירן געוואָרן אין דער וועלט פון רבנות און מסורה, און דער נייער יישוב אין ארץ־ישראל איז נישט, ווי עס דענקט זיין לאַגער (און דעם געדאַנק האָט סאָקאָלאָוו אָנגעהאַלטן אין אַלע זיינע היסטאָרישע ביכער וועגן ציוניזם), אַ רעזולטאַט פון דער ביל"ו־עליה און אַנדערע, נאָר פון דער עליה פון רבי משה בן נחמן (דער רמב"ן) און זיינע תלמידים אין מיטלאַלטער, ווי אויך פון זייערע תלמידים און אַלע עולים, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן אַ נאָכאַנאַנדיקן יידישן יישוב אין ארץ־ישראל מחמת גייסטיק־דערהויבענער איבערגעגעבנקייט. דערפאַר זענען מיר קיין זאַך נישט מחדש, נאָר מע באַנייט די אַלטע קרוין. אין אַזאַ נוסח רעדט סאָקאָלאָוו מיט די קרייזן פון די פרומפּאָרקטיקע באַדאַכט און געלאַסן, און ס'איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס צו יענער צייט איז נישט געווען קיין בוך, וואָס זיין שפּור זאָל זיין אַזוי שטאַרק, ווי אָט דאָס בוך סאָקאָלאָווס, און אין משך פון צוויי־דריי דורות „לעקן נאָך די פינגער" די רעשטלעך פון יענער תקופה. דער אויספיר פון דעם בוך, וואָס איז מעין סאָקאָלאָווס פערזענלעכער „אני מאמין", איז דערום: „מיר באַטראַכטן דעם ציוניזם ווי אַ גרויסע און וויכטיקע באַוועגונג, וועלכע וועט מיט דער צייט משפּיע זיין ווירקלעך און ליכט, השכלה און שלמות אויף די יידן, אונדז צו דערנענטערן צום געווונטשענעם ציל, סיי אין ארץ־ישראל און סיי אין די תפוצות־ישראל, אונדז צו הילף און צו הייבן אונדזער מערכה אויף יעדן אופן".

אויסער סאָקאָלאָווס שטיין אין טויער פון דער נאַציע און דעם פּאָליטישן

ציוניזם פאַרנעמט ער זיך נאָך פלייסיק מיט דער געשיכטע פון די ייִדן אין פוילן, אַ געביט, וואָס איז אים באַליבט געווען אַלע זיינע יאָרן און וועלכן ער האָט זייער גוט געקענט פון פערזענלעכן פאַרקער מיט גרויסע און פיל משפחות, וואָס האָבן מיט זייערע שטאַם־געשיכטעס פאַרקערפּערט די ייִדישע געשיכטע אין פוילן. צוליב דעם איז ער געקומען צום איבערזעצן דאָס בוך פון אַלכסנדר קרויזהאַר וועגן פראַנקן מיט זיין עדה (צוויי טיילן. וואַרשע, תרנ״ו—תרנ״ז). נישט וויייניק משפחות אין פוילן, און באַזונדערס פון איר אַריסטאָקראַטיע, האָבן געצויגן זייער ייִחוס פון די פראַנקן, און סאָקאָלאָוו האָט דאָ געפונען אַ ברייט פעלד פאַר זיינע פיל ידיעות אין גענעאַלאָגיע, וואָס אַ ביסל האָט ער פאַרנוצט אין זיינע באַמערקונגען און הוספות צו דער דאָזיקער איבערזעצונג.

פון יאָר צו יאָר ברייטערט סאָקאָלאָוו אויס די גרענעצן פון זיין שאַפן, און זיינע אָדלער־פליגל שפּרייטן זיך פאַנאַנדער אַלץ מער און מער. ער גייט אַריבער אויפן געביט פון דער בעלעטריסטיק, אַ צעצווייגטע אויף די פאַרשיידנסטע מינים. ער שרייבט אַ שלל סקיצן, בילדער און באַגעגענישן, ער סקיצירט אויך, און אַלץ אין דער „הצפירה״ פאַרשטענדלעך, דיאַלאָגן און שילדערונגען, וועלכע זענען ספק־דערציילונגען, ספק־רעפּאָרטאַזשן, ספק־־ווירקלעכקייט און ספק־פאַנטאַזיע — און אַלץ אין זיין סטיל, אויף סאָקאָלאָווישן העברעיִש, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעגאָסן זיין פּקחותדיקער הומאָר. צייטנווייז מאַכט ער אַ פּרווו צונויפצושמעלצן אַ היסטאָרישע אָפּ־האַנדלונג מיט בעלעטריסטיק און פאַרעפנטלעכט אין דער „הצפירה״ אַ היסטאָרישע דערציילונג מיטן נאָמען: „די יוגנט פון אַן אָדלער״ (אין אַ באַזונדער בוך איז אַרויס בלויז דער ערשטער טייל. וואַרשע, 1901). די דאָזיקע דערציילונג איז וועגן דער תקופה פון בר־כוכבאס אויפשטאַנד און שפּרייט פאַנאַנדער אַ ברייטן שטח פון דעם ייִדישן און רוימישן לעבנס־שטייגער, אַרויסברענגענדיק שטאַרק בולט די ספּעציפישע שטריכן פון יעדן פאָלק.

ס׳איז גרויס געווען סאָקאָלאָווס היסטאָרישע דערקענטעניש, און ס׳איז נישט קיין שום ספק, אַז דער פּעריאָד פון זיין אַקטיוויטעט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט נאָך צוגעגעבן פרישקייט זיין ערשטיקער וואָרצלדיקייט. דערמיט דערקלערט זיך אויך זיין טיפע צוגעבונדנקייט צו גרעצן, צוליב וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען מיט איבערזעצן גרעצס גרויס בוך אויף העברעיִש. לכתחילה האָט ער געשטרעבט צו אַ נייַ היסטאָריאָ־גראַפיש ווערק, אַן אַנדערס און פולשטענדיק פאַרשיידנס פון יענעם, אויף וועלכן ס׳ליגט דער חותם פון מערב בכלל און פון גרעצן בפרט. אַן עדות

דערויף איז דער סקיץ פון אַט דעם היסטאָריאָגראַפישן פּלאַן אינעם ערשטן „האָסיף". אָבער ס'איז געווען אַ מאַנגל אין כוחות, און אויך יענע וואָס זענען געווען האָט געפעלט אָט די רו, וועלכע ס'האָבן בדרך־כלל פאַרמאָגט די יידישע געלערנטע אויפן מערב. איז צוליב דעם דער פּלאַן נישט פאַר־ווירקלעכט געוואָרן. באין־ברירה האָט סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן איבערזעצן גרעצס מאָנומענטאַל ווערק, דאָס איז די איבערזעצונג, וועלכע איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן, און בלויז אַ טייל פון איר איז אַרויס אין יאָר תרס"ח. און אַז מיר וועלן נאָך דערצו מוסיף זיין זיין ריזיקע פּרוכטבאַרקייט אויף אַנדערע שפּראַכן, זיינע ביכער און העברעיִשע איבערזעצונגען און אויך דעם „ספר השנה", וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, און ער איז אַרויס אין משך פון פינף יאָר, און אין זיי, אויסער דער מי פון רעדאַגירן און זאַמלען דעם מאַטעריאַל — אויך אַ שלל זיינע אייגענע מאַמרים, — וועלן מיר האָבן פאַר זיך אַ רייכפאַרביקע שאַפונג, וואָס ס'איז שווער צו געפינען אַזעלכע אויף העברעיִש.

[ה]

מע דאַרף אונטערשטרייכן, אַז ביי דער גאָרער לייכטקייט, מיט וועלכער סאָקאָלאָוו האָט באַהערשט עטלעכע שפּראַכן, און ביים גאַנצן דרוק אויף אים מצד רעדאַקציעס פרעמדשפּראַכיקע און יידישע, איז אים קיין זאַך נישט געווען מער צום האַרצן ווי דאָס שרייבן אויף העברעיִש. „איך קאָן נישט אויפהערן שרייבן העברעיִש" — האָט ער איין מאָל געשריבן אין אַ פּריוואַטן בריוו, ווייל נאָר אויף העברעיִש האָט ער געקאָנט אַנטפּלעקן אין דער גאַנצער פולקייט און טיפקייט זיין יידישע וואָרצלדיקייט. און ווען ער איז אַריין ראשו־ורובו אין דער ציוניסטישער טעטיקייט, האָט ער געוואָלט אַנקליידן מיט העברעיִשער טראַכט די קלאַסישע ליטעראַטור וועגן ציוניזם, און באַזונדערס די, וואָס איז אַרויס פון דער האַנט פון זיין פאַרערטן — הערצל. ווען הערצל האָט פאַרעפנטלעכט זיין אוטאָפּישן ראָמאַן: „אַלט־נײַלאַנד", איז סאָקאָלאָוון איבערגעגעבן געוואָרן די העברעיִשע איבער־זעצונג. ער איז אויך געווען דער אויפזעער איבער דער יידישער איבערזעצונג, דורך בעל־מחשבותן (ד"ר א. אלישיב). אויף דער העברעיִשער איבערזעצונג, וואָס איז אַרויס צוזאַמען מיטן דייטשישן אָריגינאַל (1920) האָט סאָקאָלאָוו אַ סך געאַרבעט אויף צו געבן איר אַן אָריגינעלע העברעיִשע פאָרעם. איין ביישפּיל, זיינע מאַטערנישן אויפן נאָמען פון דער איבערזעצונג, וועט אונדז לערנען וועגן אַלעם איבעריקן.

אין זיין בריוו צו הערצלען (פון ערשטן סעפּטעמבער 1902) שרייבט ער:

„מאָרגן וועט דערשיינען דער ערשטער העפט (די איבערזעצונג איז אין אָנהייב אַרויס העפטנווייז) פון דער איבערזעצונג פון אייער בוך „אַלט־ניילאַנד". אמת, איך בין איצט זייער און זייער פאַרנומען, ווייל אויסער מיין זשורנאַליסטישע אַרבעט, וואָס איך מוז טאָן, שטעק איך איצטער ראשי־ורובי אין דער אַרבעט פון אַ גרויסער היסטאָרישער דערציילונג פון דער תקופה פון בר־כוכבא (דאָס איז די דערציילונג: „די יוגנט פון אַן אָדלער", די אויבן־דערמאָנטע), וואָס איך שרייב ערשט איר צווייטע טייל. פון דעסטוועגן שעץ איך אייער דערציילונג אַזוי פיל, אַז איך לייג אַוועק אַלע מיינע באַשעפטיקונגען און פאַרנעם זיך מיטן איבערזעצן מיט גרויס ליבשאַפט. הגם איר זענט נישט באַהאַוונט אין העבריש, וועט אייך אפשר אינטערעסירן צו וויסן, אַז די גרעסטע שוועריקייט האָב איך געהאַט ביים איבערזעצן דעם נאָמען פונעם בוך: אַ נאָמען, צוזאַמענגעשטעלט פון דריי ווערטער, אַ זאַך וואָס אויף דייטש מאַכט זיך עס לייכט, אָבער אויף העברעיש קאָן מען עס נישט מאַכן, און צוזאַמענצושטעלן דריי לאַנגע ווערטער — באַקומט זיך עס נישט שיין און האָט נישט קיין פיינעם קלאַנג, און באַזונדערס וואָס העברעיש איז געווינט מער צו פאַרקירצן און גראָבן טיפער פון דייטש. אָבער לסוף האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געפינען אַ נאָמען, וואָס האָט מיך ממש אַנטציקט, ווייל ער איז קורצער, ווי דער דייטשישער (אַ דרייטראַפיקער) און פאַרמאָגט אויך אַ טיפן געדאַנק, נעמלעך אַ היסטאָריש־סימבאָלישן. דער העברעישער נאָמען פון דעם בוך איז: „תל־אביב". דאָס איז אַ העברעיש־תנ"כישער נאָמען פון אַן אָרט אין ארץ־ישראל (דאָס איז סאָקאָלאָווס אַ פּענגרייז, ווייל דאָס אָרט געפינט זיך אין בבל. און אפשר האָט עס סאָקאָלאָוו געשריבן מיט אַ כוונה, ס'זאָל שטאַרקער רעדן הערצלען צום האַרצן) און פאַרמאָגט דערום מער פאַרצייטישקייט פון אַ נייעם נאָמען, און האָט די זעלבע באַדייטונג פון נייס און אַלטס גלייכ־צייטיק. „תל" באַדייט אַ חורבה, און „אביב" — די בליצייט פון דער נאַטור. ובכן: אַ חורבה — צוריק אין צושטאַנד פון בליִען: אַלטניילאַנד.

אויף אַזאַ אופן פון ראַנגלעניש האָט סאָקאָלאָוו אַרויפגעבראַכט פאַר־צייטישע ווערטער פון פאַרגעסעניש־תהום און אַריינגעבלאָזן אין זיי פרישע לעבן. און אַזוי איז דער וואָרטבאַהעפט: „תל אביב"" געוואָרן פריִער דער נאָמען פון דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל לעבן נס ציונה און שפּעטער דער נאָמען פון דער ערשטער יִדישער שטאָט.

סאָקאָלאָווס כוח איז גרויס אין זיין פען, און אין דער צייט פון די ערשטע קאָנגרעסן איז ער נאָך נישט פון די אָנגעזעענע רעדנער. דער ערשטער קאָנגרעס, אויף וועלכן ער איז דערשינען אַלס אַ דעלעגאַט, איז דער צווייטער

קאָנגרעס (אויפן ערשטן איז ער געווען, ווי דערמאָנט, אַלס אַ שרייבער פון דער „הצפירה"), אין וועלכן ער האָט זיך ווייניק באַטייליקט אין דער דיסקוסיע. אָבער אין אַ צייט אַרום, ווי אויפן פערטן קאָנגרעס, איז ער שוין פון די הויפּטרעדנער. נאָר אויך איצט טרעט ער נישט אַריבער צו דער ציוניסטישער פּאָליטיק, נייערט פאַרבלייבט בלויז אין דעם תחום פון קולטור. און דאָ שפּיצט הערצל אָן שטאַרק אויפמערקזאַם די אויערן, ווייל ווער ווי סאָקאָלאָוו רעפּרעזענטירט דאָס וואָרצלדיקע מיזרח־יידנטום ? אויפן פינפטן קאָנגרעס רעדט סאָקאָלאָוו וועגן דער היסטאָריע און די ווויסנשאַפטן פון דעם יידנטום, — און נאָר דאָ איז ער אין דער אייגענער הויט און אין זיין געביט. ס'איז דאַכט זיך צווישן אַלע געקומענע אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן קיינער נישט אַזוי באַהאַוונט צו רעדן וועגן די ענינים, ווי ער. ער זוכט די אויפריכטונג פון דעם יידישן גייסט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ ווי ער צו סימבאָליזירן מיט זיך גופא דעם גייסט פון ישראל סבא.

אין צווישן ברעכן אויס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ שטורעם נאָך אַ שטורעם. הערצלס בוך: „אַלטנייילאַנד" רופט אַרויס, ווי באַוווסט, אַ שווערע באַשולדיקונג מצד אחד־העמען און נאָך אַ שאַרפערן ענטפער אַחד־העמען מצד נאָרדויען. סאָקאָלאָוו האָט זיך דאָ געפונען אין אַ קלעם, פון וועלכן ס'איז אים שווער געווען זיך אַרויסצובאַקומען. פון איין זייט איז ער געווען דער העברעיִשער איבערזעצער פון דעם בוך, וואָס מיינט, אַ פאַרברענטער חסיד פון זיין אינהאַלט. פון דער צווייטער זייט איז ער געווען אַ העברעיִשער שרייבער, אַ חבר און פריינד פון אחד־העמען, און זיין געמיט האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון די שאַרפע ווערטער, וואָס נאָרדוי האָט געוואָרפן קעגן אַחד־העמען, הגם נאָרדוי האָט נישט געקענט לייענען אחד־העמס רייד אין זייער העברעיִשן אָרגינאַל, נאָר פון אַ דייטשישער איבערזעצונג. די „הצפירה" האָט דערום פאַרעפנטלעכט די רייד פון ביידע צדדים און דערביי ברייט געעפנט אירע שפּאַלטן פאַר דער „פּראָטעסט"־באַוועגונג קעגן אחד־העמען. אָט די באַוועגונג איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווער ס'האָט געוואָלט זען זיין נאָמען געדרוקט אין דער „הצפירה", איז געגאַנגען געווען פאַר אים אַ פּראָטעסט קעגן אַחד־העמען, בכדי די טויערן פון דער צייטונג זאָלן זיך עפענען פאַר אים. און סאָקאָלאָוו איז דאָך געווען אַ פּיקח און האָט זייער גוט געוווסט דעם כאַראַקטער פון אָט די פּראָוויִנציעלע פּראָטעסטן. אָבער צוליב זיין צוגעבונדנקייט צו הערצלען איז ער געווען געצוווּנגען צו געבן אַן אָרט פאַר די דאָזיקע „פּראָטעסטן". און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האָט אויסגעבראָכן אַ צווייטע פּאָלעמיק, אַ נאָך שאַרפערע

און האַרבערע, וואָס אויך אין איר איז סאָקאָלאָוו נישט לייכט געווען צוליב אָט דעם געפיל פון אַכפּערונג און פּאַרערונג צו הערצלען און זיין וועג.

אין יאָר 1903 האָט אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם אויף יידן אין קעשעניעוו, און הערצל איז געפאָרן קיין רוסלאַנד אָפּצוהאַלטן אַ שמועס מיטן רוסישן מיניסטער, פּלעווע, וואָס זיינע הענט זענען געווען איינגערייכט אינעם בלוט פון די קעשעניעווער קרבנות. זיך אומגעקערט פון אָט דעם וועג, דערהאַלט הערצל אין מיטן דער רייזע די ידיעה, אַז די ענגלישע רעגירונג לייגט פאָר דער ציוניסטישער באַוועגונג אַ יידישע קאָלאָניזאַציע אין אוגאַנדע, וואָס אין אַפריקע. די זאַך האָט פּאַסירט אייניקע טעג פאַרן צונויפקום אויפן זעקסטן קאָנגרעס, דער לעצטער, אין וועלכן ס׳האָט זיך באַטייליקט הערצל. די אוגאַנדע־פּאָלעמיק, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעבראָכן אויפן קאָנגרעס און געשטורעמט אַ סך צייט נאָך אים, האָט מען געקאָנט אויפנעמען פאַרשיידן. לויט די אָנהענגער פון דעם פּלאַן איז אין דעם פּלאַן געווען נישט בלויז די טעריטאָריע, נאָר אויך די זאַך פון אייגהייטן די גאַנצקייט פון דער יונגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס אָט די פּאָלעמיק האָט באַדראָט זי צו צעשטערן. און ווידער האָט זיך דאָ סאָקאָלאָוו געפונען צווישן צוויי וועלטן: לויט זיין מהות און דעם קלימאַט פון זיין דערציִונג איז ער געווען דורכאויס אַ מיזרח־מענטש, פּאַקטיש אַ מיזרח־שבמיזרח־מענטש. אָבער צוזאַמען דערמיט איז ער געווען הערצלס פאַרערער און חסיד מובהק און האָט אויך געוווסט, אַז אָן הערצלען שיקט זיך נישט קיין ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז דורך אים אויפגעבויט געוואָרן מיט אַזעלכע גרויסע גייסטיקע אָנשטרענגונגען. דאָס איז געווען דער מאָטיוו, וואָס אין דער היסטאָרישער אָפּשטימונג אויפן אוגאַנדע־קאָנגרעס, דעם זעקסטן, איז סאָקאָלאָוו מיט נישט וויניק אַנדערע אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן געווען פון די זיך־אָפּהאַלטנדיקע, אַ זאַך, וואָס אַ סך האָבן געטאַדלט.

„איך באַטראַכט יעדן מינדסטן אָפּנייג פונעם פּאָליטישן ציוניזם אין ארץ־ישראל פאַר אַ זאַך וואָס איז עלול אָפּצושוואַכן אונדזער כוח" — האָט ער געשריבן צו נחום סלושץ אָנהייב 1905. ער איז אויך אַרויסגעטרעטן מיט אַ ציקל מאַמרים קעגן דעם טעריטאָריאַליזם, אין דער „הצפירה" פאַרשטענד־לעך. און ווען ס׳איז אַרויסגעטרעטן דער וואָרטזאָגער פון די טעריטאָריאַ־ליסטן ה. י. חזן (דער פּאָטער פונעם כנסת־מיטגליד און פון די פירער פונעם „השומר הצעיר" יעקב חזן) צו ענטפערן סאָקאָלאָוון אין דער „הצפירה", האָט זיך סאָקאָלאָוו אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיינע רייד, און זיי זענען אַרויס אין אַ באַזונדער בראָשור, אין וועלכער ס׳איז פאַראַן אַ שאַרפער אַטאַק

אויף סאָקאָלאָוון. און בעת סאָקאָלאָווס פּטירה האָט וועגן אים צווישן אַנדערן געזאָגט יצחק גרינבוים ווערטער, וואָס באַלאַנגען צו דער תּקופֿה:

ווען ס׳איז אַנטשטאַנען די פּאָלעמיק אין דעם ענין־אוגאַנדע, האָט זיך סאָקאָלאָוו געשטעלט בראש פֿון יענע וואָס זאָרגן קודם־כּל פֿאַר דער גאַנצקייט און אייניקייט פֿון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט נישט געוואָלט זיך פֿאַרנעמען מיט דעם־אָ ענין און זיך דערווייטערט פֿון דעם גאַנצן קאַמף, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין הערצלס לעצטע טעג און אויך נאָך זיין טויט. מיט זיינע געלאַסענע און קילע רייד האָט ער ווי געגאָסן קאַלט וואַסער אויף אונדזערע צעהיצטע קעפּ. און איבער אַלץ האָט ער געפֿאָדערט איינ־צוהיטן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, איר אייניקייט און גאַנצקייט. אַקטיוויטעטן און פּלענער קאָנען זיך ענדערן, אָבער די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע דאַרף באַשטיין אייביק. די אָרגאַניזירונג פֿונעם פֿאָלק איז קודם פֿאַר די אַקטיוויטעטן און פּלענער. דאָס פֿאָלק קאָן בלאָנדזשען אויף זיינע וועגן, אָבער אויב די אָרגאַניזאַציע איז דאָ — איז אַלץ פֿאַראַן.

סאָקאָלאָוו איז אפשר געווען דער איינציקער וואָגיקער העברעיִשער שרייבער וואָס אין דער גרויסער פּאָלעמיק צווישן אַחד־העם און הערצלען האָט ער נישט נאָכגעפֿאָלגט אַחד־העמען. ער איז געפֿאָרן אויף דער קאָנ־פֿערענץ פֿון די רוסישע ציוניסטן (1902), די קאָנפֿערענץ וועלכע האָט דעמאָנסטרירט דעם כּוח פֿון דעם רוסישן ציוניזם און איז בעיקר געווען געווידמעט קולטור־פּראָבלעמען. אויף דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ האָט, ווי באַוווּסט, אַחד־העם געהאַלטן זיין פֿאָרטראָג וועגן „דער אויפֿלעבונג פֿון גייסט", אָבער סאָקאָלאָוו איז אַרויסגעטרעטן קעגן אים און דעפֿינירט זיין רעדע, אין אַ בריוו צו הערצלען, ווי אַ „פֿאַרטיידיקן דעם פּאָליטישן ציוניזם קעגן דער פֿאַנטאַסטישער אַבסטראַקציע אַחד־העמס".

און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם רויִקן און געלאַסענעם סאָקאָלאָוון, וואָס נאָך דער שטורמישער אָפּשטימונג אויפֿן זעקסטן קאָנגרעס אין דעם ענין־אוגאַנדע, האָט ער אָנגעהויבן די קומענדיקע זיצונג מיט אַ פֿאָרטראָג, וואָס איז געווען פֿולשטענדיק ווייט פֿונעם גאַנצן טומל און רעש אויפֿן קאָנגרעס — מיטן שילדערן די צדקה־און חסד־טעטיקייט פֿון די מיזרח־ייִדן. און דאָס איז געווען אַ פֿאָרטראָג, אין וועלכן ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין די טיפֿענישן פֿון דער ייִדישער געשיכטע און אַרויפֿגעבראַכט פֿון דאָרט די רעכטפֿאַרטיקע מעשׂים פֿון אונדזער פֿאָלק אין משך פֿון דורות. און אויך דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר סאָקאָלאָוון: אויף יענעם קאָנגרעס איז ער אַרויסגעטרעטן און מיטגעטיילט, ביי שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, וועגן דעם פֿאָרשריט פֿון זיין גרויס ליטעראַריש ווערק: אַן ענציקלאָפּעדיע פֿאַר

די ייִדנטום־וויסנשאַפטן און אַלגעמיינע אויף העברעיִש, דאָס ווערק, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט שוין אַ סך יאָרן און דערגרייכט צום שטאָפּל פון רעאַליזירונג.

[ו]

ס׳זענען געמאַכט געוואָרן אַ סך פּרוּוון אַרויסצוגעבן אַן ענציקלאָפּעדיע אויף העברעיִש, סיי וועגן ייִדישע ענינים און סיי וועגן אַלגעמיינע. די דאָזיקע פּרוּוון זענען באַקאַנט נאָך פון סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט. סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט מצליח געווען צו דערוווערבן מאָסן לייענער פאַר דער „הצפירה" און דעם „האָסיף"", האָט געוואָלט אויסנוצן אָט די אויפלעבונג און אונטער־טראָגן דעם העברעיִשן לייענער אַ פולע ידיעות־זאַמלונג פון דער גרויסער און נישט־ייִדישער וועלט, אין דער פאָרעם פון אַן אַלגעמיינער און ייִדישער ענציקלאָפּעדיע אין דער העברעיִשער שפּראַך.

אַ סך יאָרן האָט ער זיך פאַרנומען מיט צוגרייטונגען צום דאָזיקן ווערק און אויך וואַרבירט ייִדישע געלערנטע פון דער גאַנצער וועלט, צו וועלכן ס׳האָבן אים געדינט זײַנע פאַרצווייגטע פאַרבינדונגען מיט די ייִדישע געלערנטע פון דער גאַנצער וועלט ווי אויך מיט נישט־ייִדישע געלערנטע. דער גרעסטער טייל איז אַנטקעגן געקומען זײַן ווענדונג, און סאָקאָלאָוו האָט געמאַכט אַ גרויסן פּירסום פאַר זײַן דאָזיקן ווערק אין דער „הצפירה". און נאָך וואָס, ער האָט נישט געוואָלט „מאָכן" די אַלגעמיינע וויסנשאַפטן „פאַר אַ הויפּן איבערזעצונגען, נאָר פאַר אַן אמתדיקן ערשטן אָריגינאַל". דער־אַ פּלאַן האָט אויסגעזען אין די אויגן פון אַ סך פאַנטאַסטיש, און נישט ווייניק פון זײַנע פרײַנד האָבן זיך געוווּנדערט, ווי טרעט ער דאָס צו צו אַזאַ מין ווערק, בעת דאָס העברעיִש איז נאָך נישט צוגעפּאַסט פאַר דעם, און ס׳זענען נישטאָ געניגנוג כוחות. אָבער סאָקאָלאָוו איז געווען אַ מאַן פון דרייסטקייט און שווונג, און איז צוגעטרעטן צו דער זאַך מיט אַ סך ענערגיע. ער האָט געמאַכט רייזעס איבער אייראָפּע צו ווערבירן געלטמיטלען און אויך מיטאַרבעטער — און דאָס אַלץ אין סאַמע שטורעם פון דער אוגאַנדע־פּאָלעמיק און דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, און די צייטשטורעמס האָבן איינגעוואַלגערט איבער סאָקאָלאָוון זײַן וועלט און אים געצוווּנגען צו פאַרמאַכן די „הצפירה", און ממילא איז באַגראָבן געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער ענציקלאָפּעדיע. נאָך צענדליקער יאָרן איז געשלאָסן געוואָרן די „הצפירה", אין וועלכער ס׳זענען אַרײַנגעלייגט געוואָרן אַ דרייסיק יאָר סאָקאָלאָווס טעטיקייט ווי אַ זשורנאַליסט און שרײַפטשטעלער.

אָבער סאָקאָלאָוו האָט זוכה געווען, אַז אַ קורצע צייט פאַרן שליסן איז אויף דער גאַרער וועלט פון די העברעיִש־לייענער געפייערט געוואָרן דער יובילײ פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָס איז געווען אַ פאָלקס־יום־טוב, אין וועלכן ס׳זענען אָנגעקומען צייכנס פון פאַרערונג און באַגריסונגס־בריוו פון דער גאַנצער וועלט צו סאָקאָלאָוון דעם שרייבער און רעדאַקטאָר. אַ געוויסער אויסדרוק פון שרייבער און געלערנטע איז געגעבן געוואָרן דעם דאָזיקן יובילײ מיטן אַרויסגעבן אַ יובילײ־בוך פאַר סאָקאָלאָוון (וואַרשע, תרס״ד) און אַ שיינעם אָפּקלייב פון זיינע שריפטן, אַן אָפּקלייב וואָס איז באַשטאַנען כמעט פון אַלע זשאַנערן פון זיין שרייבן, הגם אויפן שפּיץ מעסער, ווייל מע וואָלט דאָך געקאָנט אויספילן גאַנצע וועגנט מיט די בענד, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט פאַרעפנטלעכט — און נישט נאָר אויף העברעיִש אַליין.

צו סאָקאָלאָווס ביטערן מזל איז די „הצפירה״ געשלאָסן געוואָרן גראָד אין די טעג, ווען זי איז געווען אין איר סאַמע גלאַנץ. אין יאָר 1904 האָט סאָקאָלאָוו אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירטע ליטעראַרישע ביילאַגע צום ערב־שבתדיקן נומער „הצפירה״ — און דאָס איז געווען אַ נייס אין דער העב־רעיִשער פּרעסע, ווייל אָט די ביילאַגע איז שיין געווען מיט איר אויסער־לעכקייט. דאָ האָט סאָקאָלאָוו פאַרעפנטלעכט זיין זאַמלונג „פּערזענלעכ־קייטן״, און ס׳האָבן אויך זיך באַטייליקט און מיטגעאַרבעט מיט אים די בעסטע העברעיִשע שרייבער און געלערנטע פון דער צייט. אָבער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון רוסלאַנד קיין פּוילן, און ס׳איז שווער געווען צו דערהאַלטן די צייטונג אַפילו מיט די זיכערסטע מיטלען פון פּאַרזיכטיקייט, ווייל די צענזור האָט געלויערט אויף יעדן זאַץ, אפשר קומען אין אים צום אויסדרוק די געשעענישן פון דער שטורעמדיקער צייט. אָנהייב 1906 האָט זיך אָפּגעשטעלט די „הצפירה״ וואָס איז שפּעטער באַנייט געוואָרן אונטערן נאָמען: „הצופה״ און איז נאָך עטלעכע נומערן אין גאַנצן געשלאָסן געוואָרן. „אַלץ האָט זיך איינגעוואָלגערט און איז צעשטערט געוואָרן, האָט סאָקאָלאָוו דעמאָלט געשריבן, דורך דער אַלגעמיינער צעשטערונג אין אונדזער לאַנד״.

דערמיט איז סאָקאָלאָוון זיין וועלט אונטערגעגאַנגען. און ער איז דאָך אויסער רעדאַקטאָר און שרייבער אויך געווען דער צענטער פונעם געזעל־שאַפטלעכן ייִדישן לעבן אין ייִדישן וואַרשע. אַ סך פון זיינע שטוב־אַריינגייער דערציילן מיט אַ סך בענקשאַפט וועגן די „מאָנטיקס־צונויפקומען״ Poniedziałki ביי אים אין שטוב, ווו ס׳פלעגן זיצן שריפטשטעלער און געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייטן און פירן שטורמישע וויכוחים וועגן טאָגפּראַגן און דער עיקר וועגן די ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

און אַזוי דערציילט איינער פון די באַטייליקטע: „מענטשן פון פאַרשיידענע אָנשויונגען, וואָס אין זייער האַרץ האָט זיך נאָך נישט אויסגעלאָשן דער פונק פון ליבשאַפט צו דער פּרעקטיקער פאַרגאַנגענהייט פונעם מכבייער־פאָלק, קומען פרייוויליק יעדן מאָנטיק, אין באַשטימטע שעהען אין אָוונט, צו סאָקאָלאָוון אין דער וווינונג, אויסצוהערן זיינע פאָרטראָגן און פאָרטראָגן פון אַנדערע און זיך באַטייליקן אין דיסקוסיעס וועגן ענינים, וואָס באַלאַנגען צום קיום פונעם יידישן פאָלק און זיין צוקונפט. פון דער־אָ בינע איז אַרויס די ציוניזם־לערע און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין אַלע שיכטן״. צווישן די בייזייענדיקע האָבן זיך צווישן אַנדערע געפונען ש. א. פּאָזנאַנסקי, שפּעטער אַ מטיף אין דער שול פון די אויפגעקלערטע אין וואַרשע, זאַמעג־האָף, דער שעפער פון עספּעראַנטאָ, י. ל. פּרץ, ה. ד. נאָמבערג, בעל מחשבות, י. גרינבוים. י. קירשראָט, זביכאָווסקי, זעליג ווייצמאַן און נאָך און נאָך פון די פּערזענלעכקייטן פונעם יידישן פּוילן. אָבער די צייטשטורעמס האָבן ליקווידירט אויך אָט דעם קלוב, ווייל די זאַך איז דערגאַנגען צו דער רעגי־רונג, און זי האָט פאַרבאָטן דאָס צונויפקומען זיך און אויך פאַרשפּאַרט אין אַרעסט עטלעכע פון די אָנטיילנעמער.

אָט די־אָ ביטערע מערכה אין סאָקאָלאָווס לעבן, וועלכע איז פאָרגעקומען אָנהייב 1906, האָט אויך געבראַכט אַ גרויסע ענדערונג אין זיין לעבן און אין לעבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

קאַפּיטל פיר: דער אויפשטייג אויף די לייטונג־שטאַפּלען

[א]

הערצלס טויט אין יאָר 1904 האָט מיט אַ מאָל געענדערט דעם גאַנג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ערשט איז קלאָר געוואָרן פאַר אַלע, די קעגנער הערצלס אַריינגערעכנט, ווי גרויס ס׳איז די אַבידה פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ווי ס׳פעלט איצט אַ וואַכזאַמע אָנפירונג. דוד וואָלפסאָן, וועלכער איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף הערצלס אָרט, איז, ווי באַוווסט, אויסגעוויילט געוואָרן אויף אָט דעם הויכן אַמט קעגן זיין ווילן. אַלע האָבן געוווּסט, און מער פון אַלע וואָלפסאָן אַליין, אַז ס׳איז נישט לייכט צו פאַרטרעטן הערצלען און אַז נישט ער איז דער מאַן, וואָס איז ראוי צו ירשענען הערצלס פּלאַץ. וואָלפסאָן איז געווען אַ מענטש מיט אַ הייס האַרץ, אַ מיזרח־אייראָ־פּעער, וואָס האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט אין מערב־אייראָפּע. אָבער ער האָט זיין פּלאַץ נישט געפונען נישט אין מיזרח און נישט אין מערב און האָט אַלע זיינע יאָרן ווי געשוועבט צווישן דיביידע וועלטן. ווי אַ סוחר

איז ער געווען הערצלס פינאַנץ־מוח פון זיינע ערשטע שריט אָן, און אַ דאַנק זיין דאָזיקער אייגנשאַפט איז ער אויך אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דער צענטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אין עסטרייך, נעמלעך אין ווין, ווו הערצל האָט געוווינט, איז איצט איבערגעגאַנגען קיין דייטשלאַנד, קיין קעלן, ווו ס׳האָט געוווינט וואָלפסאָן. וואָלפסאָן האָט געטאָן אַלץ אויסצופילן אויף וויפל דאָס איז מעגלעך דעם בלויז אין דער באַוועגונג נאָך הערצלס פּטירה, און דער עיקר דעם שיינ־גלאַנץ פון דער באַוועגונג. ער האָט געזוכט די מיטהילף פון אויסדערוויילטע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זאָלן צוריקגעבן דעם צענטער, אין וועלכער עס איז מאָס, דעם כוח פון באַווירקונג. און זוכנדיק דאָ און דאָרט, איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה, אַז סאָקאָלאָוו איז געוואָרן אָוועקגעריסן פון זיין וועלט און פאַרטריבן פון דער „הצפירה״, וואָס אָן איר איז זיין לעבן קיין לעבן נישט. אויך סאָקאָלאָוו האָט ערשט געזוכט פאַר זיך אַ נייעם אָנהאַלט, ווייל זיין וואַרשע איז ווי אויסגעליידיקט געוואָרן, נישט האָבנדיק דאָרט די „הצפירה״. און אַזוי האָט פּאַסירט די גרויסע געשעעניש אינעם לעבן פון סאָקאָלאָוון און דער ציוניסטישער באַוועגונג: וואָלפסאָן האָט פאַרבעטן סאָקאָלאָוון צו אַמטירן ווי דער אַלגעמיינער סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און סאָקאָלאָוו איז אים אַנטקעגן געקומען. אָבער סאָקאָלאָוו איז אים אַנטקעגן געקומען מיט דעם איינאונאיינציקן באַדינג, אַז ער וועט אויפשטעלן אַ העברעיִשע אַכסניה פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַר אים אַליין. ביז דעמאָלט האָט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרמאָגט בלויז איין צענטראַלע בינע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך הערצלען, אויף דייטש פאַרשטענדלעך, די „וועלט״. וואָלפסאָן איז איינ־געגאַנגען אויף דעם באַדינג, און סאָקאָלאָוו איז אַריין אין זיין אַרבעט אום סעפּטעמבער 1906, און אָנהייב 1907 איז געשאַפן געוואָרן די העברעיִשע וואָכנשריפט: „העולם״ — די וועלט, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין אין קעלן אונטער דער רעדאַקציע פון סאָקאָלאָוון און איז אַרויסגעגאַנגען מיט איבעררייסן ביז נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל.

און סאָקאָלאָוו האָט שפּעטער דערציילט, ווי ער איז געצוווּנגען געווען, ביים אַנטשטיין פון דער צייטשריפט, אויסצופילן כמעט דעם גאַנצן „העולם״ מיט אייגענע מאמרים און פעליעטאָנען. און מע דאַרף נישט צוגעבן, אַז די שטאָט קעלן איז נישט וואַרשע און אין איר איז קיין מאָל נישט געדרוקט געוואָרן קיין העברעיִש אות. סאָקאָלאָוו איז בכן געווען געצוווּנגען צו רעדאַגירן די צייטשריפט אין קעלן און זי דרוקן אין בערלין. אָבער ער האָט

זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום שוועריקייט און אַפילו נישט דערפון, וואָס אָט אויף דער צייטשריפט האָבן געקוקט מיט אומצופרידנקייט אַלע פירנדיקסטע פערזענלעכקייטן פון מערב, וועלכע האָבן זיך בדרך־כלל נישט געניטיקט אין העברעיִש. יענע האָבן נישט געקאָנט באַנעמען צוליב וואָס און ווען שפּאַרט זיך דאָס איין דער נייער אַלגעמיינער סעקרעטאַר צו פאַרשווענדן געלט אויף אַזאַ מין „לוקסוס". אָט די אומצופרידנקייט האָט סוף־כל־סוף דערבראַכט צום אַריבערפירן דעם „העולם"״ קיין רוסלאַנד, דעם ווינפלאַץ פון די העברעיִש־לייענער. דערווייל האָט סאָקאָלאָוו פרייער אָפּגעאָטעמט אין דער נייער ליטעראַרישער אַכסניה, אין וועלכער ער האָט פאַרעפנטלעכט אַלץ, פון לייטאַרטיקלען ביז פעליעטאָנען, ווי אויך אַ פאַרבנ־רייכע כראָניק, באַגלייט מיט רעאַגירונגען.

אין אָנהייב ערשטן נומער פונעם „העולם" (צווייטער יאַנואַר 1907) גייט סאָקאָלאָווס אַ לייטאַרטיקל, אין וועלכן ס'איז פאַראַן צווישן אַנדערן אַ פערזענלעכער ווידוי:

„מיר קאָנען שוין מער נישט איבערטראָגן דעם הונגער — ס'איז נישטאָ כמעט קיין העברעיִש וואָרט. נישטאָ קיין אויס־דרוק פאַר דעם לעבעדיקן דור. די ווייניקע, וואָס האָבן אַ שטאַרקע בענקשאַפט צום העברעיִשן וואָרט, זענען ווי גע־פלעפטע. און ווער ווייס, צי אין אַ קורצער צייט אַרום וועלן זיי נישט פאַרגעסן זייער בענקשאַפט? מיר זענען פאַנאַנדער־געשפּרייטע גולים, פאַנאַנדערגעשפּרייט אין אונדזערע שפּראַכן און אין אונדזערע ווינטערער — זאָל אָט דאָס ווינקעלע זיין פאַר אונדז אַן אָרט פון קיבוץ־גלויות פאַר דער שפּראַך און פאַר דער אויפלעבונג".

באַקומט זיך בכן, אַז וווהין סאָקאָלאָוו זאָל נישט אויסוואַנדערן, נעמט ער מיט מיט זיך די העברעיִשע נשמה־יתירה, די העברעיִשע צייטשריפט, און אַפילו אין דעם דייטשישן קעלן, וואָס איז פולשטענדיק ווייט פון העברעיִש, איר קולטור און ליטעראַטור. ער ראַנגלט זיך עקשנותדיק מיט דער ציוניסטישער לייטונג און קעמפט פאַר דער נשמה פון דעם „העולם" און דעם העברעיִשן וואָרט אין נאָמען פון דער צענטראַלע פון דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע. ער וויל איצט באַווייזן באַשיימפּערלעך, אַז די אַלע שיינע רייד אויף די ציוניסטישע קאָנגרעסן וועגן יידישער און העברעיִשער קולטור זענען נישט געווען גלאַט אין דער וועלט אַריין. ער איז בכן דער ערשטער, וועלכער זעצט איבער די דאָזיקע רייד אויף דער שפּראַך פון מעשים. עס האַלטן אים אונטער אויך די מערהייט העברעיִשע שריפט־

שטעלער און געלערנטע פון יענער צייט און שיקן זייערע זאַכן צו סאָקאָלאָוון קיין קעלן, און זיי ווערן געדרוקט אין דעם „העולם" זייער שיין און באַגלייט מיט צייכענונגען.

סאָקאָלאָוס רייד וועגן דעם העברעיִש זענען נישט הוילע רייד. נישט געקוקט אויף זיין אייגענער פיל־שפּראַכלעכער באַקאַנטקייט, גלייבט ער מיטן גאַנצן האַרצן, אַז די יידישע אייביקייט איז פאַרזיכערט בלויז פאַר העברעיִש, און אַל דאָס איבעריקע וועט זיך צעפליִען ווי פּלעווע און זיין ווי קיין מאָל נישט געווען. „ס'איז אַ שאָד, שרייבט ער צו זיין ידיד ש. א. פּאָזנאַנסקי, וועלכער באַטייליקט זיך סטאַביל אין דעם „העולם", די כוחות, וואָס מיר פאַרשווענדן אין פרעמדע שפּראַכן! דאָס אַלץ וועט ווערן שטויב אין אַרכיוו פון פרעמדע. בלויז די אַרבעט אויף העברעיִש, אַפילו אויב וויניקע וועלן עס בויען — אָבער אָט יענע וויניקע זענען דאָך אונדזערע!".

און כאָטש דער „העולם" איז די אָפיציעלע צייטשריפט פון דער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאַרלאַנגט ער, אַז דער „העולם" זאָל האָבן אַ מער ליטעראַרישן כאַראַקטער, איידער אַ פובליציסטיש־דיסקוטירנדיקן".

אָבער, נישט געקוקט אויף די פיל אָנשטרענגונגען, האָט זיך סאָקאָלאָוו אין אַ קורצער צייט אַרום איבערצייגט, אַז מע קאָן נישט פאַרפלאַנצן אין דעם באָדן פון קעלן אַ פלאַנץ, וואָס פּאַסט זיך פאַרן באָדן פון וואַרשע. דערצו זענען נאָך צוגעקומען די כסדרדיקע אונטערגראָבונגען פון די מענטשן פון דער אָנפירערשאַפט, כמעט אַלע מערבדיקע, אונטער דעם קיום פון אַ העברעיִשער צייטשריפט לויטן אָנוויז פון דער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך סאָקאָלאָוו פון יאָר צו יאָר אַלץ מער אַריינגעטאָן אין די לייטונגס־ענינים פון דער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע און באַזונדערס אין אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים, אַז ער איז שוין מער נישט אימשטאַנד געווען אַליין צו רעדאַגירן און האָט געמוזט עס איבערגעבן צו מיטאַרבעטער. לסוף איז דער „העולם" אַריבערגעפירט געוואָרן, ענדע 1908, קיין ווילנע, און פון דעמאָלט אָן האָט ער איבערגעוואַנדערט פון אָרט צו אָרט, ביז ער איז אין זיינע לעצטע יאָרן אַרויסגעגאַנגען אין ירושלים. זיינע אַלע יאָרן האָט סאָקאָלאָוו איינגעהיט זיינע קאָנטאַקטן מיטן „העולם", און זיינע בעסטע זאַכן זענען אַריין אין אָט דער אַכסניה, — צווישן זיי איז דאָ אויך געדרוקט געוואָרן אין המשכים זיין בוך וועגן שפּינאָזען — ביז זיינע לעצטע טעג ממש.

[ב]

פון יענעם פעריאָד איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם עפּיזאָד אין סאָקאָלאָווס לעבן, זיין קאַנדידירן צו דער מלוכהשער דומע אין רוסלאַנד, וואָס איז בטל געוואָרן דורך דער אַריינמישונג פון דער רעגירונג. אין צווישן איז ער אַלץ מער און מער אַריין אין די ענינים פון דער ציוניסטישער לייטונג. די וואָלפסאָן־תקופה אין דער ציוניסטישער באַוועגונג צייכנט זיך אויס מיט דעם שווערן און שאַרפן קאַמף צווישן די מענטשן פון דעם פּראַקטישן ציוניזם, וועלכע האָבן געוואָלט אָנהייבן מיט אַקטיוויטעטן און מעשים אין ארץ־ישראל, און צווישן יענע, וועלכע האָבן ווייטער געצויגן הערצלס פּאָליטישע ליניע, אַז אויב נישט עפנטלעך רעכטלעך, דאַרף מען נישט אָנהייבן צו טאָן. דער זיבעטער קאָנגרעס (1905), וועלכער האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל ליקווידירט די סדרה־אוגאַנדע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז געווען דער ערשטער צו באַשליסן וועגן פּראַקטישער אַרבעט, נישט וואַרטנדיק אויף אַ טשאַרטער. אָבער וואָלפסאָן, וועלכער איז געווען אַ געשעפטסמאַן, האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויפן כאַראַקטער פון אָט דער „פּראַקטישער אַרבעט", זי זאָל זיין עפעקטיוו פון געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט, און צוליב דעם איז פאַרהאַמעוועט געוואָרן די גאַנצע טעטי־קייט, וועלכע האָט זיך גראָד געניייטיקט אין אַ פעריאָד פון דורכפאַל־נסיונות און „נישט־עפעקטיווע" געלטאויסגאַבן.

צוליב דעם איז אויפגעקומען אַן אָפּאָזיציע צו וואָלפסאָנען, אָנגעפירט פּ.ון די מענטשן פון דעם „פּראַקטישן ציוניזם" פון רוסלאַנד, מיט אָטאָ וואַרבורג און אַנדערע פון מערב. אָט די אָפּאָזיציע האָט זיך פאַרפעסטיקט פון יאָר צו יאָר, און אויפן ניינטן קאָנגרעס, דער ערשטער וועלכער איז זיך צונויפגעקומען אויפן דייטשישן באָדן, אין האַמבורג (1909) האָט אויסגעבראָכן דער ווידערשטאַנד אין זיין גאַנצער קראַפט. בלויז צופעליק האָט וואָלפסאָן ווייטער פאַרנומען זיין אַמט נאָך אַנדערטהאַלבן יאָר, און אויפן צענטן קאָנגרעס (האַאַג, 1911) האָט וואָלפסאָן ענדגילטיק דעמי־סיאָנירט, און די הויפטביוראָ איז אַריבער פון קעלן קיין בערלין. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע לייטונג פון פינף מענטשן: אָטאָ וואַרבורג (פאָרזיצער), אַרטור האַנטקע, אַביגדור יאַקאָבסאָן, שמריהו לעווין און נחום סאָקאָלאָוו. די דאָזיקע לייטונג איז אויסגעוויילט געוואָרן צום צווייטן מאָל אויפן עלפטן קאָנגרעס (ווין, 1913), צוקאָאָפּטירנדיק דעם ד"ר י. טשלענאָוו.

אויף אַזאַ אופן האָט סאָקאָלאָוו געשטיגן פון דעם הויפּט־סעקרעטאַר־

אָמט צו אַ לייטונגס־מיטגליד, ס׳הייסט אַ מיטגליד פון דעם ענגן ועד־הפּועל (מעין אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד שפּעטער), און פון דעם אַמט פון אַ שרייבער־זשורנאַליסט צו איינעם פון די וועגווייזער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַוודאי איז דאָס געווען אַ וועג מיט פיל שטרויכלונגען צו זיין דער מיטנזייל אין דער אָפּאָזיציע צו וואָלפסאָנען. „צום ערשטן מאָל, האָט שפּעטער געשריבן יצחק גרינבוים, און אויך צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן איז סאָקאָלאָוו געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אָפּאָזיציע און האָט געפירט איר קאַמף״. אָבער ס׳האָט שוין באַמערקט ריכאַרד ליכטהיים, וועלכער איז צו יענער צייט געווען אין דער סאַמער געדיכטעניש פון די טעטיקייטן פון דער ציוניסטישער צענטראַלע אין בערלין, אַז „מיטן כוח פון זיין עלאַסטישער און פּאָרזיכטיקער נאַטור, דורך וועלכן ער פלעגט זיך דערוווייטערן אויף וויפל ס׳איז מעגלעך פון מחלוקתדיקע ענינים, האָט ער מצליח געווען צו לעבן בשלום מיט וואָלפסאָנען און דערביי בלייבן אין שטאַרקער פאַרבינדונג מיט די פירער פון ציוניזם אין רוסלאַנד, וועלכע האָבן אים אויסגעוויילט, נאָך וואָלפסאָנס דעמיסיע, אין דער הויפּטלייטונג״.

אין יענעם יאָר האָט פּאַסירט נאָך אַ וויכטיק געשעעניש אין סאָקאָלאָווס לעבן — דאָס באַנייען די „הצפירה״. די צייטונג איז באַנייט געוואָרן ענדע 1910. אָבער ערשט איז שוין די צייטונג מער נישט געווען אויסשליסלעך סאָקאָלאָווס באַזיץ. היינט איז אין שפּיץ פון דער „הצפירה״ געשטאַנען אַ גרופּע שריפטשטעלער, אָבער מע דאַרף נישט צוגעבן, אַז ס׳איז זיך נישט פּאַרצושטעלן די „הצפירה״ אָן סאָקאָלאָוון, און אויך סאָקאָלאָוו אַליין האָט געהאַט גרענער די באַשעפטיקונג אין דער „הצפירה״, איידער זיינע אַלע אַנדערע ענינים, אַפילו די דרינגלעכסטע. דער ערשטער נומער פון דער באַנייטער „הצפירה״ הייבט זיך אָן מיט סאָקאָלאָווס אַ מאמר, אין וועלכן ער צייכנט אָן די טענדענץ פון דער אַלט־־נייער צייטונג, אויפקלערנדיק די יסודות פון דער זשורנאַליסטיק בכלל און דער יידיש־העברעישער בפרט.

און הגם סאָקאָלאָוו שטעקט שוין בראשו וברובו אין די ענינים פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איז שוין אין אָנהייב פון זיין דיפּלאָמאַטישן וועג גאָר ממשותדיק און ער הייבט אָן אויסמעסטן מיט זיין טראָט לענדער און מדינות, בכדי צו דערוואַרבן הערצער פון מיניסטאָרן און מלוכה־פירער פאַרן ציוניזם — איז ער ווידער פון די פּלייסיקע באַטייליקטע אין דער „הצפירה״, צי מיט פּובליציסטיק, צי מיט „פּערזענלעכקייטן״, צי מיט אַ סך און אַנדערע ליטעראַרישע זשאַנערן. ווי ס׳איז תמיד זיין שטייגער, פאַרעפנטלעכט ער סעריעס מאמרים און עסייען, וואָס אין זייער גרויסער מערהייט זענען זיי גרויסע ביכער און אַ טייל פון זיי נאָך מער ווי באַזונדערע

ביכער. אַלץ דאָס איבעריקע געפינט זיך נאָך ביז היינט צו טאָג אין די נומערן פון דער צייטונג, און ווען זיי וואָלטן צונויפגעזאַמלט געוואָרן, וואָלטן זיי צוגעגעבן זייער לאַנגע פּאַליצעס צו דער העברעיִשער ליטעראַטור.

ביסלעכווייז דרינגט סאָקאָלאָוו אַריין אין דער וועלט, אין וועלכער ער איז ביז היינט געווען אין דער בחינה פון אַ גאַסט. אָט די יאָרן פון דער סעקרעטאַרישער אַרבעט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און שפּעטער די מיטגלידערשאַפט אין דער לייטונג זענען פאַר אים יאָרן פון צוגרייטונג צו אַ פּערזענלעכן פאַרקער מיט די וועלט־הערשער, די קאַפּיטאַנען און פירער פון מלוכות. נאָר דערביי איז ער געבונדן מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה מיטן יידישן תחום־המושב אין פּוילן און רוסלאַנד. ער מאַכט ברייטע פּראָפּאַגאַנדע־רייזעס איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך פון איין זייט און איבער אייראָפּעיִשע לענדער פון דער צווייטער. צו אָט די לענדער קומען ערשט צו אַמעריקע און קאַנאַדע, וועלכע ער באַזוכט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1913, כדי צו געווינען די הערצער פון יידישע און נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק. און אין יענער צייט, אין וועלכער ער פאַרנעמט זיך מיט אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט פּערזענלעכקייטן, וועלכע זענען ביז איצט ווייט געווען פון אונדזערע ענינים, הייבן אַרויס זיינע אַלטע פריינד אַ טייערע און ווּכטיקע דאַטע אינעם לעבן און אין די איבערלעבענישן פון צענדליקער טויזנטער יידישע לייענער אין מיזרח־אייראָפּע און אויף דער גאַנצער וועלט: דאָס פּופציקסטע יאָר פון דער „הצפירה" (1862—1912). אַ סך פייערונגען ווערן איינגעאָרדנט אין דעם יאָר. עס גייט אויך אַרויס אַ יובילײ־זאַמלבוך, און אין אים דער פיינער מאַמר פון דעם רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" וועגן די צענזאָרן. מיט אַ סך חן און הומאָר און מיט טיפער פּסיכאָלאָגישער פאָרשטענדעניש צייכנט ער די געשטאַלטן פון אָט די צענזאָרן און אַנטבלויזט דורך דעם קאַפּיטלען לעבנסשטייגער פון הינטער די קוליסן אינעם לעבן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און פּרעסע פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

אַ מעכטיקן איינדרוק האָט סאָקאָלאָוו געמאַכט אין אַמעריקע, און באַזונדערס אויף בראַנדייסן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן פון די אַקטיווע פּערזענלעכקייטן פון דעם ציוניזם אין אַמעריקע. מיט סאָקאָלאָווס עפּנטלעכע אַרויסטריטן און מיט זיינע פילשפּראַכיקע פאָרטראַגן האָט זיך געעפנט אַ נייע תקופה אין זיין לעבן און אין לעבן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער וועג צו געווינען הערצער דורכן פּערזענלעכן חן און צויבער פון סאָקאָלאָווס שמועסן. דאָ זענען אים בייגעשטאַנען זיינע אומבאַגרענעצטע ידיעות אין אַלע געביטן פון דער קולטור און דער אַלגעמיינער ליטעראַטור.

און אַז מיר ווילן נאָך דערצו צוגעבן די אייגנשאַפט, מיט וועלכע ער איז געווען געבענטשט: זיך קאָנען צופּאַסן צום געשמאַק און שטייגער פון יעדן מענטשן, אַ דאַנק זיין גרויסער פּיקחות, ווילן מיר פאַרשטיין, אַז אין אַט דער נייער אַנטפּלעקונג זיינער איז נ״ס געוואָרן אין דער בחינה פון אַ גרויסן נס פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווייל מיט אים האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעפילט דער חלל, וואָס איז פאַרבליבן נאָך הערצלס פּטירה. חיים ווייצמאַן איז נאָך געשטאַנען ביים אָנהייב פון זיינע זאַנדירונגען און באַגעגע־נישן מיט די ענגלישע פּערזענלעכקייטן. נאָר שטאַפּלווייז האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען אויפן האָריזאָנט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג די צוויי נעמען: סאָקאָלאָוו און ווייצמאַן, דער ערשטער — וועלטבאַרימט, אָבער דער צווייטער נאָך אין תחום פון זיין ווינקל און אַ זיך גרייטנדיקער צו גרויסער און הויכשוואונגיקער טעטיקייט.

[ג]

קודם דאַרף מען דערמאָנען דעם פאַקט, אַז פון יאָר 1911 ביזן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געפירט געוואָרן דורך אַ לייטונג פון פינף פּערזאָן: וואַרבורג, האַנטקע, יאַקאָבסאָן, שמריהו לעווין און סאָקאָלאָוו. און מע דאַרף אויך צוגעבן, אַז קיין מאָל האָט נישט געהערשט אין דער ציוניסטישער לייטונג אַזאַ וווּנדערלעכע האַרמאָניע, ווי אין דאָזיקן פּעריאָד. וואַרבורג און האַנטקע האָבן אָנגעפירט מיט דער לויפנדיקער ביוראָ־אַרבעט, דערונטער מיט דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. שמריהו לעווין איז געווען דער אָראַטאָר בחסד־עליון, און דעם פּאָליטישן געביט האָט אָנגעהויבן צואייגענען נחום סאָקאָלאָוו. ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו דערווערבן הערצער פאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק דורך פּערזענלעכן פאַרקער מיט די פּערזענלעכקייטן, וועלכע באַהערשן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, און רעגירונגס־לייט. דער דאָזיקער געביט סאָקאָ־לאָווס איז געווען אַ פּאָליטישער און אויפקלערערישער אייגנצייטיק, דער געביט, וואָס אָן אַ שום פאַרבערייטונג האָט אויף אים אויסגעפלאַסטערט אַ וועג דער גרויסער פאַרגייער: הערצל. נאָר דאַן האָבן זיך געענדערט די צייטן, און אויך די פּאָליטישע קאָנסטעלאַציע האָט זיך געענדערט צוליב דער רעוואָלוציע פון די יונג־טערקן אין יאָר 1908. אויך די פּערזענלעכקייטן האָבן זיך געטוישט און נישט נאָר אין טערקיי, האָט מען דערום גע־דאַרפט עפענען אַ כמעט ניי בלאַט. די דאָזיקע מיסיע האָט אויף זיך גענומען נ. סאָקאָלאָוו.

מע דאַרף צוגעבן, אַז נאָך פאַר דער צייט פון וואָלפסאָנס אַמטירונג האָט

סאָקאָלאָוו אָנגעהויבן אָט די פּאָליטישע טעטיקייט, און סיי מיט זיין רייזע קיין רוסלאַנד, זיך צו באַגעגענען מיטן פּרעמיער סטאָליפּין (1908), סיי מיט זיין רייזע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נאָך דער רעוואָלוציע פון די יונג־טערקן, אויסצופאָרשן די פּאָליטישע ענדערונג אין טערקיי און איר השפעה אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם יישוב. בעת דער־אָ לעצטער רייזע גרינדעט סאָקאָלאָוו אַ ציוניסטישע פּרעסע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און דערונטער די העברעישע וואָכנצייטונג: „המבשר". ער זעט איין אין דער פּרעסע אַן אויסגעצייכנטן אויפקלערונגס־אינסטרומענט און שרייבט וועגן דעם צו יאַקאָבסאָנען: „אַלע באַאָבאַכטונגען דאָ (אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל) האָבן מיך געלערנט, אַז מיר וועלן נישט קאָנען דאָ איצט ווירקן ווי נאָר דורך דער פּרעסע. דער ציוניזם קאָן נאָר אויף דעם אופן האָפן דאָ אויף אַ בעסערע צו־קונפט". אָבער, ס'וועט אַריבער נישט קיין לאַנגע צייט, און אָט דער אָפּטימיזם פון אַ פּרעסעמאַן, וועלכער זעט אַלץ מיט אַנאַנדער אין דער פּרעסע, וועט פאַרשווינדן אויף זיך נישט אומצוקערן, און אויף זיין אָרט וועט אויפקומען די דערקענטעניש, אַז ס'איז נישטאָ קיין בעסערס פון פּערזענלעכן קאָנטאַקט און דער פאַרטרוילעכקייט פון שמועס. מיטן כוח פון דער דאָזיקער פאַרטרוי־לעכקייט פאַנגט ער הערצער אין ענגלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן און האַלט אָפּ גרויסע און וווּנדערלעכע נצחונות אין דער נישט־יידישער וועלט פאַרן ציוניסטישן געדאַנק.

ער טראַכט אַ סך וועגן דעם כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אויפקלערונג און טענהט די גאַנצע צייט, אַז מיר האָבן נאָך נישט קיין פּאַסיקע אויפקלע־רונגס־ליטעראַטור. און, ווי זיין שטייגער, איז ער דער פאַרלייגער, און ער איז דער פאַרווירקלעכער. דעמאָלט האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח צו־צוגרייטן אַ ציוניסטישן „שולחן־ערוך", וועלכן ער האָט אַרויסגעגעבן אין עטלעכע יאָר אַרום אויף ענגליש (איז אויך דערשינען אויף דייטש אַן דעם ווינסשאַפטלעכן געווערק), אַ בוך אַ יחיד־במינו ביז היינט צו טאָג און אַ וויכטיקער נישט אָפּצושאַצן: „די געשיכטע פונעם ציוניזם", וועלכער האָט זוכה געווען צו אַ הקדמה פון לאָרד באַלפור און געהאַט אַ ריזיקע השפעה אויף דער יידישער וועלט און אויף דער נישט־יידישער, וועלכע רעדט ענגליש. ער איז דאָ נישט געגאַנגען מיטן רוטינוועג פון דער ציוניסטישער היסטאָ־ריאָגראַפיע, נאָר האָט געזוכט און געגישטערט אין משך פון יאָרן אין דעם בריטישן מוזיי און אַרויסגעבראַכט אַ פאַרגעסענעם און אין דער מערהייט אומבאַקאַנטן מאַטעריאַל וועגן דער פאַראינטערעסירונג פון נישט־יידן מיט ארץ־ישראל און זייער גינציקייט צום געדאַנק פונעם יידישן אומקער קיין ציון.

אָט די באַגעגענישן סאָקאָלאָווס מיט מלוכה־מענער אויף דער וועלט מערן זיך, און די פּרעסע איז פול געווען מיט ידיעות וועגן די דאָזיקע באַגעגענישן, און דאַכט זיך, אַז פון זינט הערצלס באַגעגענישן מיט רעגירונגס־פירער איז נאָך נישט געווען קיין גלייכן צו אָט די באַגעגענישן. געוויינלעך קומט ער אַרויס פון אָט די באַגעגענישן מיט אַ „דעקלאַראַציע" אין האַנט. אָבער ווייניקע האָבן געוווּסט, אַז די דאָזיקע „דעקלאַראַציע", נישט בלויז זי איז נישט לייכט אָנגעקומען, נאָר ס׳ליגט אויף איר דער חותם פון סאָקאָלאָווס באַנעמונג און פּערזענלעכקייט. אַזוי דערציילט ער, למשל, וועגן זיין ערשטן באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן (אין זיין באַריכט צום ציוניסטישן עקזעקוטיוו):

> צום ערשטן מאָל געשעט עס אין דער געשיכטע פונעם ציוניזם, ס׳זאָל געמאַכט ווערן אַזאַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע. איך אַראַנזשיר מיטינגען פון טויזנט, צוויי טויזנט, דריי־און־פיר טויזנט פּערזאָן, און קליינע מיטינגען פון פינף־אַכט הונדערט פּערזאָן, ראַט־פאַרזאַמלונגען, שמועסן, באַראַטונגען, אומצאָליקע באַזוכן אין אינסטיטוציעס, טויזנטער מאַמרים און רעפּאָרטאַזשן, אומצאָליקע אינטערוויוען מיט די פּרעסעלייט. קיינער צווייפלט נישט דערין, אַז דער געדאַנק האָט אַריינגעדרונגען אין קרייזן, וועלכע האָבן וועגן אים קיין באַגריף נישט געהאַט. איך בין געגאַנגען אין די בתי־מדרשים פון אָרטאָדאָקסן, אין די קלויזן פון די חסידים און אין די זונטיקדיקע טעמפּלען פון די רעפאָרמער, וועלכע זענען כמעט האַלב־קריסטלעכע, און כ׳האָב פאַרגעטראָגן אַ מאָל אויף יידיש און אַ מאָל אויף העברעיִש וועגן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק, וואָס איז פרעמד און פאַרהאַסט אויף מענטשן. די־אַ אַרבעט איז פאַר מיר מעגלעך געווען נאָר צוליב דעם, וואָס כ׳האָב דעם דאָזיקן ענין געווידמעט מיין גאַנצע פּערזענלעכקייט, מיין פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט מיינע לאַנדסלייט, די טראַדיציע פון דער „הצפירה", די העברעיִשע פאַרבינדונגען, די באַציִונגען מיט ענגלאַנד אאַ"וו, און אַ"וו. איך היט זיך פאַר איבערטרייבונג. אָבער מע קאָן זאָגן מיט גרויסער זיכערקייט, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע פּראָפּאַגאַנדע לטובת דעם ציוניזם פון אייביק אָן.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט, אַז די יובליי־פייערונגען, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר סאָקאָלאָווס ליטעראַרישער טעטיקייט, האָבן געשילדערט סאָקאָלאָוון פון אַלע שטאַנדפּונקטן און זייטן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז

ס'איז שוין נישטאָ צוצוגעבן אַפילו די לייכטסטע שאַטירונג. אָבער זייער גיך איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ איז פאַראַן אַ טאָטאַלער טעות, ווייל נאָך דעם האָט זיך אַנטפּלעקט אַ נייער סאָקאָלאָוו, אויסער די פיל סאָקאָלאָווס און אַז ער וועט נאָך צוגעבן צו זיין פילפּנימדיקייט נאָך און נאָך.

[ד]

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַ פּראַקטישע טעטיקייט אין ארץ־ישראל, האָט אויסגעוויילט אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרשן דאָס יידישע אַרבעטספּראָבלעם און די פאַרהעלטענישן פון די אַרבעטער און פּויערים אין ארץ־ישראל. אַלס איר פירער איז געוויילט געוואָרן סאָקאָלאָוו, און ער באַזוכט ארץ־ישראל ממש בעתן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויסער דעם אַנטוויקלט ער אַ גרויסע טעטיקייט אויפן געביט פון די יידיש־אַראַבישע באַציונגען. פון דמשק שרייבט ער צו טשלענאָוון: „אין ביירוט און אין דמשק בין איך געווען זייער פאַרנומען מיט דער אַראַבישער פראַגע, אַ פאַרפּלאָנטערטע, שווערע און אויך זייער געפערלעכע פראַגע. מיר האָבן געהאַט אַ סך באַגעגענישן מיט אַראַבישע מנהיגים אין ביירוט און אויך דאָ אין דמשק, און איך האָף, אַז דער אָנהייב וועט זיין אַ גוטער. איך האָב צוגעגרייט אַ צונויפקום פון אונדזערע באַפולמעכטיקטע מיט די אַראַבישע באַפולמעכטיקטע, וואָס וועט צו שטאַנד קומען אין קומענדיקן חודש". אַזוי אַז ער האָט אַרומגענומען מיט זיין טעטיקייט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון דעם ציוניזם און דעם יישוב.

אָבער אויסער זיין אָפיציעלער מיסיע אין ארץ־ישראל איז אים זיין ערשטע באַגעגעניש מיטן לאַנד און דעם יישוב געווען אַ גרויס איבערלעבעניש. צווישן איין אויפגאַבע און דער צווייטער האָט ער געקאָנט באַטראַכטן זיין „גלוסטיק לאַנד", וועגן וועלכן ער האָט געשריבן צענדליקער יאָרן און געלעכצט נאָך דעם פון זיין פריער קינדהייט. דאָ האָבן אָנגעהויבן אויפצושפּראָצן די קערנער פון זיינע איינדרוקן, וועלכע ער האָט שפּעטער אַרויסגעבראַכט אין אַ סעריע וווּנדערלעכע שילדערונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט. וועגן דער באַגעגעניש מיט סאָקאָלאָוון בעת אָט דעם באַזוך שרייבט בערל קאַצענעלסאָן (ער איז געווען דער באַפולמעכטיקטער פון די אַרבעטער אין יענער קאָמיסיע): „מיר זענען געפאָרן מיט דיליזשאַנסן פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, און צייטנווייז איז אונדזער שמועס אַוועק פון דער טעטיקייטס־ליניע. איר ווייסט, האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט, בלויז איין מענטש ווייס ריכטיק וואָס אַזוינס ס'איז מיין שפּראַך, דאָס איז

רב יחיאל מיכל פינעס. ער האָט געוווסט, וועלכע זענען די מקורות פון מיין שפּראַך און געקאָנט אָפּשאַצן מיין אַרבעט". נימצא, אַז אין אַלע זיינע טעטיקייטן און טרדות איז דאָס העברעיִש, ס'הייסט: זיין שאַפונג אין דער דאָזיקער שפּראַך, געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע, און מיר וועלן נישט איבערטרייבן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז אָט די העברעיִשע וואָרצלדיקייט האָט עס געשפּייזט סאָקאָלאָווס באַזונדערקייט און געגערט זיין צויבער און חן.

דערפאַר איז ריכטיק נישט צו פאַרקוקן, אַז אָט די אַלע יאָרן איז דערשינען די „הצפירה", און סאָקאָלאָוו איז געווען פון די באַשטענדיקסטע באַטייליקטע — האָט דען סאָקאָלאָוו געקאָנט אויסקומען אָן דער „הצפירה"? אָדער צי האָט די „הצפירה" געקאָנט אויסקומען אָן סאָקאָלאָוון? שוין העכער אַ גאַנצן דור ווי די צוויי נעמען זענען באַהאַפטן איינער מיטן צווייטן. און ווירקלעך, די „הצפירה" האָט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך דערוואָרבן אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרשפּרייטונג, און סאָקאָלאָוו, וועלכער איז באַרייכערט געוואָרן פון זיינע נסיעות קיין אַמעריקע און ארץ־ישראל מיט נייע איבערלעבונגען, האָט געשפּייזט די „הצפירה" מיט רייזע־שילדערונגען, און באַזונדערס איז שטאַרק געווען דער איינדרוק פון די „לאַנדשאַפטסבילדער פון ארץ־ישראל", די לאַנדשאַפט, וועלכע איז איצט באַקליידט געוואָרן מיט וווּנדערלעכער פאַרבנרייכקייט פון דער סאָקאָלאָווישער שפּראַך.

די ערשטע וועלט־־מלחמה האָט אויסגעבראָכן זומער 1914, און ס'האָט זיך אָנגעצייכנט אַ זייער שאַרפע ווענדונג אין די אַקטיוויטעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. סאָקאָלאָוו איז שטעקן געבליבן אין לאָנדאָן און אין פּאָליטישער בשותּפותדיקער אַרבעט מיט ווייצמאַנען.

מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה איז געווען נויטווענדיק איינצושטעלן די רעגולערע טעטיקייט פון דער לייטונג, וואָס אירע מיטגלידער זענען געווען פון לענדער און מדינות זיך קעגנזייטיק פיינטלעכע. אויך די אָריענטאַציע פון די לייטונג־מיטגלידער וועגן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה איז נישט געווען קיין איינהייטלעכע — צייטנווייז אַ פּראָ־דייטשישע און צייטנווייז אַ פּראָ־ענגלישע. אָנהייב מלחמה איז אויך סאָקאָלאָוו געווען פּראָ־גערמאַניש. אָבער גלייך דערנאָך איז ער געוואָרן פּראָ־ענגליש און האָט זיך געאיילט קיין לאָנדאָן. די „הצפירה" האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט קערט זיך אום צו תוהו־ובוהו. אין ענגלאַנד האָט סאָקאָלאָוו געטראָפן אַ ביסל מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ציוניסטיש־פּאָליטישער אַרבעט, מיט חיים ווייצמאַן אין צענטער. די ציוניסטישע ביוראָ, וואָס האָט זיך געעפנט אין נייטראַלן קאָפּענהאַגן, האָט געפּרוווט

צוזאַמענגייען די ריסן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די געשפּאָלטענע צווישן די קריגפירנדיקע צדדים. סאָקאָלאָוו איז בכן געווען אין לאָנדאָן דער פֿאָרשטייער און הויפּט־באַפּולמעכטיקטער פון דער ציוניסטישער לייטונג.

אין לאָנדאָן איז שוין סאָקאָלאָוו נישט געווען מער קיין זייטיקער און פרעמדער. ער האָט שוין געקענט אַ סך פּערזענלעכקייטן און איז אימשטאַנד געווען ווייטער צו וועבן די פעדעם פון זיינע פאַרבינדונגען. אויסער זיין פליייסיקער טאָגטעגלעכער טעטיקייט האָט ער זיך מיט אַ סך ענערגיע פאַר־נומען מיטן פאַרפאַסן זיין דערמאָנט ענגליש בוך וועגן דער געשיכטע פון ציוניזם, אַ זאַך, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ פּאָליטישער נויטווענדיקייט לגבי דער ענגלישער וועלט און די ענגליש־רעדנדיקע. אָט די טאָגטעגלעכע טעטיקייט איז געווען אָן אויסשעפּנדיקע, מיט נאָכאַנאַנדיקע דורכפאַלן און נצחונות. דערוויייל האָט פּאַסירט, אַז אין צענטער פון די אַקטיוויטעטן זענען געשטאַנען נאָר צוויי לייטונג־מיטגלידער: סאָקאָלאָוו און טשלענאָוו, און אַלע איבעריקע האָבן זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון דעם קעמפנ־דיקן צד. פּאַקטיש איז איצט די גאַנצע לאַסט געפאַלן אויף סאָקאָלאָוון. איז עס דערום געווען אַ גורלדיקע באַגעגעניש צווישן סאָקאָלאָוון און וויצמאַנען, וואָס פון דעמאָלט אָן האָט זיך געצויגן די שותפות ביז סאָקאָלאָווס לעצטע טעג.ביידע האָבן געווירקט אין פאַרשיידענע ריכטונגען צו דערווערבן הערצער פאַר דער ציוניסטישער זאַך און צוזאַמענגעשטעלט פּלענער בנוגע דער צוקונפט פון ארץ־ישראל נאָך דער מלחמה.

פון פראַגמענטן פון סאָקאָלאָווס טאָגבוך דערוויסן מיר זיך וועגן די פיל ראַנגלענישן, וואָס ער האָט געהאַט דורכצומאַכן מיט די אַסימילירטע יידן אין ענגלאַנד און פראַנקרייך. אין ענגלאַנד האָט ער נישט געהאַט אַזאַ אונטערשטיצער, ווי ס'איז אים געווען אין פראַנקרייך דער „הנדיב הידוע", דער באַראָן עדמונד ראָטשילד. די פאָרשטייער פונעם ענגלישן יידנטום האָבן בשום־אופן נישט אָנערקענט דעם יידישן נאַציאָנאַליזם. סאָקאָלאָוו האָט זיך נישט איין מאָל געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט, כדי דורכצוברעכן אָט די מאַסיווע צוים. אָבער נישט סאָקאָלאָוו איז עס דער מענטש, וואָס אים זאָל אָפּשרעקן צו פּרווון נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. און אזוי האָבן זיך געצויגן די באַגעגענישן און די שמועסן מיט יידן און נישט־יידן אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף.

צווישן די פיל באַגעגענישן און אומצאָליקע שמועסן וויצמאַנס, סאָקאָ־לאָווס און זייערע פריינד זענען צום דעצידירנדיקסטן געווען די שמועסן מיט סער מאַרק סייקס, דער בריטישער ספּעציאַליסט פאַר די ענינים פון מיטעלן מיזרח, און מיטן פראַנצייזישן פאָרשטייער אין לאָנדאָן, זשאָרזש

פיקאָ, אויך אַ ספּעציאַליסט מצד פראַנקרייך פאַר די ענינים פון מיטעלן מיזרח (אויפן נאָמען פון די צוויי ווערט גערופן דער באַרימטער אָפּמאַך פון יאָר 1916, צווישן פראַנקרייך און ענגלאַנד, וועגן צעטיילן די ירושה פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע). און ווייל ס'איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז אַלץ איז איצט אָפּהענגיק פון פראַנקרייך, איז סאָקאָלאָוו געפאָרן קיין פּאַריז, און ווייצמאַן איז געבליבן אין ענגלאַנד פאַרזוזעצן די פאַרבינדונגען און זיי אַנטוויקלען. און אָט דאָס פאָרן סאָקאָלאָווס פון לאָנדאָן קיין פּאַריז איז נישט געווען קיין איינמאָליקס, ווייל נישט מיט איין מאָל זענען באַזייטיקט געוואָרן אַלע שטרויכלונגען, ביז לסוף איז געקומען די אויסגעבעטענע דעקלאַראַציע פון דער פראַנצייזישער רעגירונג. פון אַ געניוער פאַרצייכענונג סאָקאָלאָווס דערוויסן מיר זיך וועגן זיין שטייגער טעטיקייט:

> מיינע אַקטיוויטעטן אין פּאַריז באַשטייען פון די קומענדיקע סוגים: באַהאַנדלונגען מיט אַ רעגירונגס באַפולמעכטיקטן, מיט וועלכן איך האָב פאַרקערט נאָך פאַר זיין ווײלן אין לאָנדאָן (פיקאָ), באַגעגענישן, וועלכע ס'איז בייגעווען דער באַפולמעכטיקטער פון ענגלאַנד הי, פאַרשיידענע און אויספירלעכע שמועסן מיט פּערזענלעכקייטן און פּאָליטיקער, פאַרשמועסן און צוגרייטונגען אין דער פראַגע פון אַן איבערוויו ביים אויסערן־מיניסטער, די אָפיציעלע באַגעגעניש, שמועסן מיטן גאַנצן מיניסטעריום, דאָס ברענגען אין אָרדענונג די טעלעגראַמעס, וואָס זענען געוואָרן באַשטעטיקט און אַרויסגעשיקט דורכן אויסערן־מיניסטער, באַראַטונגען, כמעט טאָג־טעגלעך, מיטן „נדיב", באַשעפטיקונג מיט די מיטגלידער פון „כל ישראל חברים" („אַליאַנס") א. אַ. וו.

אַזעלכע זענען געווען סאָקאָלאָווס אַרבעטסטעג. און ס'איז קלאָר, אַז יעדע באַגעגעניש האָט געפאָדערט צוגרייטונג, וואַרטענישן אין די קאָרידאָרן. בעת אָט דער וואַרטעניש בענקט ער נאָך דער „הצפירה", פון וועלכער ער איז ערשט דערווייטערט געוואָרן, און ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז זיין געמיט איז באַזאָרגט וועגן זיין יידנטום, דאָס פּוילישע יידנטום, וואָס געפינט זיך איצטער אין די מלחמה־פחדים. איין מאָל, בעת איינער פון וואַרטענישן, שרייבט ער אָן אַ העברעישן שיר פון אַ סך סטראָפן וועגן דעם „ווייסן בער", ס'הייסט דעם צאַרישן רוסלאַנד, וועלכער איז געפאַלן דורך דער רעוואָלוציע, און אויף דעם גאַנצן שיר ליגט דער חותם פון סאָקאָלאָוון און זיין באַראָק־סטיל. און באַלד איז פאַראַן אַ נויטווענדיקייט צו פאָרן קיין איטאַליע און באַקומען אַ ליאַדע באַשטעטיקונג פאַר דער ציוניסטישער טעטיקייט פון דעם

פויפס, און ווער ווי סאָקאָלאָוו איז ראוי פאַר דער דאָזיקער שליחות, פאַרט ער אום פרילינג 1917 קיין רוים, זיך צו באַגעגענען מיטן פויפס בענעדיקט דעם פופצנטן. נישט מיט קיין לייכט האַרץ איז סאָקאָלאָוו געפאָרן צום פויפס. אפשר האָט ער זיך דערמאָנט אין הערצלס באַזוך ביים פויפס פּיוס דעם צענטן, וועלכער האָט אויפגענומען הערצלען און אים אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלט וואַסער. אָבער, דאָס מאָל איז אויף דעם שטול פון פּעטרוסן געזעסן אַ ליבעראַלער פויפס, און ס׳איז געווען אַ האָפענונג, אַז היינט וועט דער פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויפגענומען ווערן מיט מער סימפּאַטיע.

אין יאָר 1917 האָט זיך שוין אויפן האָריזאָנט אָנגעצייכנט דאָס פאַרנעמען ארץ־ישראל דורך ענגלאַנד, און די פראַגע וועגן דער צוקונפט פונעם לאַנד איז דערום געוואָרן ברענענדיקער פון טאָג צו טאָג. דאָס קאַטוילישע פראַנקרייך האָט אַוודאי געמוזט האָבן די הסכמה פונעם פויפס, אָדער לכל־הפחות זיין נישט־קעגנערשאַפט צו די צילן פונעם ציוניזם. אַזוי האָט מען געמוזט אַרומוואַגלען צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע, ס׳הייסט: רוים. ווער ס׳לייענט אויפמערקזאַם די פּרטים פון דעם שמועס צווישן דעם פויפס מיט סאָקאָלאָוון און פאַרגלייכט זיי מיט יענע פון הערצלס שמועס מיט פּיוס דעם צענטן, וועט גלייך באַמערקן, אַז די אַטמאָספער איז דאָ לחלוטין אַן אַנדערע, אַן אַטמאָספער פון סימפּאַטיע, און דערפאַר האָט סאָקאָלאָוו געקאָנט „זיך אָנגורטן מיט מוט" און גיין פאָרויס צו זיין עיקרדיקן ציל. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז סאָקאָלאָוו איז געווען דער ערשטער ייִד, וואָס ווערט אויפגענומען דורך דעם דאָזיקן פויפס, און דער הינטערגרונד פון דעם שמועס איז קודם־כל די געשיכטע. דערין איז שטאַרק דער כוח פון סאָקאָלאָוון, וועלכער לאָזט זיך אַריין מיטן פויפס אין די טיפעניש פון דער פאַרגאַנגענהייט און גייט איבער שטאַפּלוויז און מיט אַ סך טאַקט צו די טאָגפראַגן פון ארץ־ישראל און דעם ציוניזם. אַ גוטגעשטימטער האָט זיך סאָקאָלאָוו געשיידט פונעם פויפס, און פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהאַלטן פעסטע קאָנטאַקטן מיטן וואַטיקאַן.

סאָקאָלאָווס שמועסן מיט דער איטאַליענישער רעגירונג זענען אויך גע־קרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, און זיכער האָט דערויף משפּיע געווען די באַגעגעניש מיטן פויפס. צוליב זיין דאָזיקער הצלחה האָט ער געקאָנט פאָרן קיין פּאַריז, פאָרצוזעצן און פאַרענדיקן די שמועסן. און בעת די באַזוכן אין איטאַליע צעאַקערט ער פאָרשטענלעך טיף דאָס איטאַליענישע ייִדנטום, און דערמאָנט זיי זייער פּרעכטיקע פאַרגאַנגענהייט. פון די אַלע אַקטיוויטעטן איז בלויז איין טראָט צום אַמט פון פירער פון דער קאָמיסיע, וועלכע דאַרף

ענדגילטיק פאָרמולירן די דעקלאַראַציע, וועלכע ווערט שפּעטער גערופן מיטן נאָמען: „די באַלפור־דעקלאַראַציע". דאָס איז געווען אַ משא־ומתן אָן אויסשעפּנדיקער איבער יעדער אות באַזונדער און כמעט איבער יעדן שטריכעלע. אין אָט דער קאָמיסיע באַטייליקן זיך פאַרשטענדלעך ווייצמאַן, אחד־העם און נאָך און נאָך. לסוף ווערט פאַרעפנטלעכט די דאָזיקע גורלדיקע דעקלאַראַציע, וועלכע האָט געעפנט אַ נײַ בלאַט אין דער געשיכטע פונעם ציוניזם און דעם יישוב.

קאַפּיטל פינף: אין שפּיץ פון דער באַוועגונג

[א]

דער פּראָגנאָז בנוגע דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה און דער צוקונפט פון ארץ־ישראל, ווי ס׳האָבן געשטעלט ווייצמאַן און זיינע פריינד, האָט זיך פולשטענדיק באַשטעטיקט און פאַרווירקלעכט, און ס׳איז בלויז געווען נאַטירלעך, אַז ווייצמאַן וועט פון היינט אָן זיין דער פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל ער איז דער, וואָס האָט געטאָן די עיקרדיקע אַרבעט אין ענגלאַנד אין צוגרייטן די הערצער, וועלכער האָט לסוף דערפירט צו דער באַלפור דעקלאַראַציע. ס׳איז אויך געווען איצט נאַטירלעך דער צוזאַמענשטעל: ווייצמאַן און סאָקאָלאָוו, וואָס זענען ביידע געווען שותפים אין דעם שווערן יאָך. אויפן צווייטן טאָג פון דעם פאַרעפנטלעכן די באַלפור־דעקלאַראַציע האָבן זיי ביידע און טשלענאָוו פאַרעפנטלעכט אַ קול־קורא צום ייִדישן פאָלק, אין וועלכן ס׳איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די גרויסע שעה פאַר דעם ייִדישן פאָלק און דער ציוניסטישער באַוועגונג, ווייל דער ציוניזם איז צום ערשטן מאָל אַריין אין דער צאָל פון די פּאָליטישע כוחות אויף דער וועלט. פון היינט אָן ליגט די עיקר אויפגאַבע אויף די פּלייצעס פון דעם ייִדישן פאָלק אַליין, עס זאָל פאַרווירקלעכן די גרויסע האָפענונגען, וואָס די מאַסע הענגט איצטער אָן אויף אָט דער היסטאָרישער דעקלאַראַציע, ווייל נאָר דאָס פאָלק אַליין איז אין שטאַנד אָנצופילן די דאָזיקע דעקלאַראַציע מיט אינהאַלט.

דער שווערפּונקט פון דער ציוניסטישער טעטיקייט און בעיקר פון דער פּאָליטישער טעטיקייט איז ערשט אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון קאָפּענהאַגען קיין לאָנדאָן, און אַלע פעדעם האָבן זיך פון היינט אָן געצויגן פון לאָנדאָן, און זענען אויך צו איר געקומען. אין צווישן איז זיך צונויפגעקומען די שלום־קאָנפערענץ אין פּאַריז, און דער ציוניזם צוזאַמען מיטן וועלט־ייִדנטום האָט געדאַרפט פאָרשטעלן די פאָדערונגען פון אונדזער פאָלק צום שלום און די רעגולאַציעס נאָך דער מלחמה. דאָס דאָזיקע פאָרשטעלן איז לחלוטין

נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די ציוניסטישע דעלעגאַציע האָט געדאַרפט דערלאַנגען אירע פאָדערונגען דער שלום קאָנפערענץ אין נאָמען פונעם וועלט-ייִדנטום. אָבער ווי אַזוי באַקומט מען אַ מאַנדאַט אין נאָמען פונעם גאַנצן ייִדנטום, בעת עס איז נאָך דער מלחמה געשפּאָלטן און פאַרווונדעט צוליב דער מלחמה און אירע ליידן. אויסער דעם האָבן זיך אינעם ייִדנטום געפונען גרופּעס, וועלכע זענען געשטאַנען אין אַ האַרבער און שאַרפער קעגנערשאַפט צום ציוניזם, און ס'איז געווען אַ באַגרינדעטע מורא, אַז זיי וועלן זיך נישט קווענקלען אויסצודריקן זייער אָפּגרענעצן זיך פונעם ציוניזם — און אַזוי איז ווירקלעך געשען.

נאָך פיבערהאַפטע צוגרייטונגען און אַ משא-ומתן מיט ייִדישע פאָרשטייער פון דער גאַנצער וועלט איז געקומען דער היסטאָרישער טאָג, דער 27סטער פעברואַר, 1919, אין וועלכן סאָקאָלאָוו איז אויפגעטרעטן ווי דער פירער פון דער ייִדישער דעלעגאַציע. מיר דאַרפן בלויז ברענגען חיים ווייצמאַנס ווערטער וועגן דער דאָזיקער אויפטרעטונג סאָקאָלאָווס פאַר אָט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום:

> סאָקאָלאָוו האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, אַ זייער קאָנצענטרירטע, וועגן דעם ערשטן פּאַראַגראַף, ס'הייסט וועגן דער היסטאָרישער פאָדערונג פונעם ייִדישן פאָלק בנוגע ארץ-ישראל, און זיך געשטיצט אויף דער פריינדלעכער דערקלערונג, וואָס ס'האָבן אָפּגעגעבן פאַרשיידענע רעגירונגען אין דעם ענין. ער האָט געשילדערט די צוגעבונדנקייט פונעם ייִדישן פאָלק פון די לאַנגגאָניקסטע צייטן צו ארץ-ישראל און מסביר געווען ווי די אָרטיקע ייִדישע פּראָבלעמען אין אַלע לענדער דרייען זיך פאַקטיש אַרום ארץ-ישראל. אויפן גרונד פון די אַלע זאַכן, האָט ער פאָרגעזעצט, פאָדערן מיר סע זאָל געשאַפן ווערן אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע היים אין ארץ-ישראל. פון מיין שטייפּלאַץ האָב איך געקאָנט זען סאָקאָלאָווס פּנים, און הגם איך בין נישט קיין סענטימענטאַלער, דאַכט מיר, ווי צוויי טויזנט יאָר ייִדישע ליידן האָבן געהויערט אויף זיינע פּלייצעס. זיין רויִק און באַגייסטערט רעדן האָט געמאַכט אַ זייער טיפן איינדרוק אויף די פאַרזאַמלטע.

פון דעמאָלט אָן האָט סאָקאָלאָוו באַשיינט יעדן כּלל-ייִדישן און ציוניסטישן צוזאַמענקום מיט זיין פאַרזיץ. און ווען ס'איז אויף ס'ניי אויפגעשטעלט געוואָרן די ציוניסטישע לייטונג אין לאָנדאָן, נאָך דער מלחמה, זענען אויסגעוויילט געוואָרן: בראַנדייס ווי דער ערן-פּרעזידענט, ווייצמאַן ווי דער

פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, און סאָקאָלאָוו ווי דער פירער פון דער לייטונג. ס׳איז פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין, אַז סאָקאָלאָוו האָט נישט געפעלט ביי קיין שום טעטיקייט, נישט נאָר אויפן געביט פון ציוניזם, נאָר אויך אין דעם וועלטיידנטום — סיי אין דער „קאָמיסיע פון די יידישע דעלעגאַציעס״ — כּאילו אַ פאַרשטייערשאַפט פון אַלע יידנטום־גרופּעס אין דער וועלט, וועלכע האָט געוואָלט פאָרשטעלן אירע פאָדערונגען פאַר די וואָס שטעלן איין די רעגולאַציעס נאָך דער מלחמה, און סיי אין אַלע אַנדערע טעטיקייט־צווייגן אין יענער צייט און שפּעטער. און ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז אין די ערשטע ציוניסטישע קאָנפערענצן, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען נאָך דער מלחמה, איז סאָקאָלאָוו געווען פון די הויפּט־רעדנער, און ווען ס׳איז געגרינדעט געוואָרן דער קרן־היסוד, אויף צו זאַמלען מיטלען דורצופירן די גרויסע קאָלאָניזאַציע־פּלענער, האָט זיך סאָקאָלאָוו גלייך איינגעשפּאַנט אין פּראָפּאַגאַנדע — און אויפקלערונגס־אַקטיוויטעטן לטובת אים — און אַגב, פון אים שטאַמט אויך דער נאָמען: קרן היסוד.

אין צווישן זענען געקומען די ערשטע פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל און גלייכצייטיק האָט אויסגעבראָכן דער אַראַבישער אויפברויז, ביי דער אָפענער און פאַרמאַסקירטער אונטערשטיצונג פון דער בריטישער מאַכט. דער יידישער יישוב אין ארץ־ישראל האָט מיט גרויס פרייד אויפגענומען די בריטישע איינמעמער און געיובלט, באַפרייט ווערנדיק פונעם טערקישן יאָך, ווייל דער יישוב האָט געהאָפט אויף אַ מאָדערנער מאַכט, אַ געאָרדנטע און דער עיקר אין גייסט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און אָט האָבן די אַנטוישונגען און די זאָרג נישט פאַרשפּעטיקט צו קומען איינע נאָך דער אַנדערער. די חלוצישע עליה, וואָס האָט אָנגעהויבן אָנקומען אין לאַנד ביי די ערשטע מעג־לעכקייטן און מיט אַלע וועגן, האָט געבראַכט אַ סך חלוצים, וועלכע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אין אַלע לאַנדווינקעלעך ביי ברוקיר און בוי־אַרבעטן. און אָט איז אום פרילינג 1921 סאָקאָלאָוו געקומען קיין ארץ־ישראל צו אַמטירן ווי דער פירער פון דעם „ועד הצירים״, אַ מין עקזעקוטיוו, אויפן אָרט פון מנחם אוסישקין, וועלכער האָט דעמאָלט געוויילט אין אַמעריקע.

סאָקאָלאָוו איז אין יענער צייט וואָס ער האָט געווילט אין לאַנד געווען פאַרטאָן אין פיבערהאַפטער טעטיקייט, צוליב דעם פאַרשטאַרקן זיך פון דער אַראַבישער העצע. אין יענע טעג זענען אויך אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אין יפו, וווּ צווישן אַנדערע איז דערמאָרדעט געוואָרן י. ח. ברענער. סאָקאָלאָוו קערט זיך אום קיין לאָנדאָן מיט איינדרוקן פון די געשעענישן אין יישוב, און זיי שפּייזן ערשט זיינע רייזעס איבער אַלע ברייטן פון דער יידישער וועלט. דער צוועלפטער קאָנגרעס, וועלכער קומט זיך צוזאַמען אין קאַרלס־

באַד, סעפּטעמבער 1921, ווערט געפּירט אונטער סאָקאָלאָווס פאָרזיץ, און אַט דער פאָרזיץ וועט פון דעמאָלט אָן באַשיינען אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן ביז זיין ווערן אויסגעווילט צו דער פרעזידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין יאָר 1931. און אַט די אָנפירונג אויף די קאָנגרעסן צייכנט זיך אויס מיט הומאָר, מיטן שאַפן אַ גוטע שטימונג און מיט איינצוימען די ליידנשאַפטן און איבערהויפּט די ליידנשאַפטלעכע פּאָלעמיק אויף די קאָנגרעסן. און אויב דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן, האָט ער פאַרשטאַנען צו שאַפן אַ גוטע שטימונג מיט זיין פּאָפּולער פליגלוואָרט: „אַ שווערער קאָנגרעס, אָבער אַ גוטער". אויף די קאָנגרעסן האָט סאָקאָלאָוו איבערגענומען די ירושה פון נאָרדויען, צו געבן אַן איבערבליק איבערן ייִדנטום פון דער תקופה. ער האָט נישט פאַרמאָגט נאָרדויס גלײַענדיקן פּאַטאָס. אָבער דערפאַר איז ער געווען אויסגעבונדן מיטן לעבנ־שטייגער פון יענע תפוצות, וועגן וועלכע ער האָט גערעדט אויפן קאָנגרעס. די דאָזיקע איבערבליקן זענען נישט איין מאָל אַרויס אויסער דער רוטין־ליניע. און ס'איז אונדז באַגלייביק ווייצמאַנס עדות־זאָגן, וועלכע דערציילט, אַז סאָקאָלאָוו איז געווען איינער פון די ווייניקע, וועלכע האָבן פאָרויסגעזען די קאַטאַסטראָפע וואָס גרייט זיך פאָרצוקומען, און אויפן דרייצנטן קאָנגרעס, אין יאָר 1932, ווען ער האָט געהאַלטן זיין פאָרטראָג וועגן דעם שטייגנדיקן אַנטיסעמיטיזם, „האָבן מיר אַלע געוווסט, אַז ער איז ווייט פון גרויל־פּראָפּאַגאַנדע".

[ב]

פון היינט אָן שטעלט זיך צוזאַמען סאָקאָלאָווס געשיכטע אין דער ציוניס־טישער אָנפירונג און באַוועגונג דער עיקר אין רייזעס, וואָס אויב מיר זאָלן וועלן וועגן זיי אויספירלעך שרייבן, וועלן מיר נישט באַוויזן. און איין רייזע איז נישט ענלעך צו דער צווייטער. די ערשטע רייזע נאָכן קאָנגרעס איז געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי דער פירער פון אַ גרויסער ציוניסטישער דעלעגאַציע. ערשט איז טיף צעאַקערט געוואָרן אויך דאָס ייִדנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אויך די מאַכט־קרייזן, בכדי זיי צו דערנענטערן צו אונדזערע ענינים. דאָס איז געווען די ערשטע רייזע אין נאָמען פון קרן־היסוד, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ שורה פון ענלעכע רייזעס אין אַלע לענדער אויף דער וועלט. און מיר דאַרפן נישט צוגעבן, אַז אין יעדן אָרט וווהין סאָקאָלאָוו איז געקומען, האָט אים באַגלייט דער פּראַכט־אָרעאָל פון דער „הצפירה", הגם צווישן זיינע צוהערער זענען שוין געווען בלויז רעשטלעך פון די „הצפירה"־לייענער. און צום דאָזיקן אָרעאָל האָט צוגעגעבן

דאָס אַרויפשטייגן פון איינעם אַ ווישעגראַדער און פלאַצקער צו דער געזעלשאַפט פון די מאַכט־פּערזענלעכקייטן אויף דער וועלט, און אַחרון — אַחרון — זיין ווונדערלעך און ווירטואָזיש באַהערשן, אין רעדן און אין שריפט, די אַלע שפּראַכן פון די לענדער, וועלכע ער האָט באַזוכט.

דער באַוווסטער מטיף, פון די גרעסטע ייִדישע מטיפים, צבי הירש מאַסליאַנסקי, וועלכער האָט זיכער פאַרשטאַנען די ווערט פון אַ פּאָרטראַג, האָט למשל דערציילט וועגן סאָקאָלאָווס ערשטן אויפטריט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, בעת זיין ערשטן באַזוך (1913):

> און ווען ער איז אַרויף אויף דער בינע אינעם גרויסן קאַרנעגי־זאַל, האָט זיך דער פאָרזיצער געוואַנדן צום פּובליקום מיט אַ ביטע, מע זאָל נישט פאָדערן פון סאָקאָלאָוון צו רעדן ענגליש, ווייל ער איז ערשט צוויי טעג אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, און ס'איז אים דערלויבט געוואָרן צו רעדן אויף איינע פון די צוויי שפּראַכן: העברעיִש, אָדער ייִדיש. ווי ס'איז דער שטייגער אין אַמעריקע האָט זיך דאָס פּובליקום צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: די העברעער האָבן געשריגן: „עברית!", און די ייִדישיסטן: „ייִדיש!". האָט רבי נחום סאָקאָלאָוו געקוקט מיט דורכדרינגענדיקע אויגן און איז מיט זיין לייכט שמייכעלע געשטאַנען שווייגנדיק, ביז זיי האָבן זיך איינגע־שטילט. מיט אַ מאָל האָט ער איבערראַשט זיינע צוהערער מיט אַ ריינעם און קלאַסישן ענגליש, ווי איינער פון די אויסגעצייכנטע אַמעריקאַנישע רעדנער. ביי מיין רעכטער האַנט איז דעמאָלט געזעסן דער באַרימטער רעדנער ד"ר שולמאַן, וועלכער איז געווען דער הויפּט־רב אין דעם עמנואל־טעמפּל, ער האָט זיך צו מיר צוגעבויגן און איינגערוימט אין אויער: „מיין גאָט אין הימל! וואָס איך הער עס פון מויל פון אַ פּוילישן ייִדן, אַ רעדאַקטאָר פון אַ העברעיִשער צייטונג, אַ ריין ענגליש, וואָס איך און מיינע חברים, אַמעריקאַנער געבירטיקע, קענען ווי ער נישט רעדן!". נאָר כדי נישט צו פאַרשעמען די ליבהאָבער פון העברעיִש און זיין פּאָזיציע אַלס רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה", האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ „ריינעם העברעיִש", מיט אַ לייכטער און פּליסיקער שפּראַך.

היינט אויב אין אַמעריקע אַזוי, איז דאָך אין פּוילן און „זיין" וואַרשע אַוודאי און אַוודאי. קיין פּוילן איז סאָקאָלאָוו געקומען נאָך זיין רייזע קיין אַמעריקע, אין יאָר 1923. דאָס מאָל איז ער געקומען אַהיים, און דאָס טוליען

זיך צו אים פון אַלע זייטן איז געווען אָן אַ שיעור. און מע קאָן פאַרשטיין דאָס געפיל פונעם דאָזיקן ייִדנטום, וואָס איז געווען פּילוואָרצלדיק פון אינעווייניק און באַעוולט פון די אַנטיסעמיטישע מאַכטאָרגאַנען פון דרויסן. די־אָ ייִדן האָבן זיך געטוליעט צו סאָקאָלאָוון מיט אַ סך בענקשאַפט, ווייל פאַר איינעם פון זייערע ברידער האָבן זיך לייכט געעפנט די טויערן פון די מאַכטאָרגאַנען און ער רעדט פאַר זיי, אויף פּויליש פאַרשטייט זיך, וועגן דעם ציל פונעם ציוניזם. ער פאָרט אַרויס און קומט קיין רומעניע און קומט אויך דאָרט אין די קרייזן פון די מאַכטאָרגאַנען, און צווישן די פּערזענלעכקייטן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, געפינט זיך אויך מוסאָ־ליני, — און פון אַלע הויכע מיניסטאָרן און דער מאַכט באַקומט ער סימפּאַטיע־דעקלאַראַציעס פאַרן ציוניזם, וועלכע האָבן אַ פּראַקטישע באַדייטונג, ווייל די פאַרשטייער פון אָט־די רעגירונגען זיצן דאָך אין דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פון דער פעלקער־ליגע, וווהין ס'ווערן געבראַכט און דעצידירט די ענינים פונעם יישוב. און פאַרשטענדלעך, אַז אין יעדן לאַנד באַגעגנט ער זיך מיט דעם ייִדנטום דאָרטן, און יעדע באַגעגעניש איז אַן איבערלעבעניש פאַר ביידע צדדים צוזאַמען.

אין יאָר 1929 קומט פאַר אַ געמיש פון צווי גרויסע און טרויעריקע געשעענישן אינעם לעבן פונעם יישוב און דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. באַלד נאָכן פייערלעכן אַקט אין ציריך, ווו ס'ווערט געגרינדעט די ייִדישע אַגענץ, ברעכן אויס בלוט־געשעענישן אין יישוב, וועלכע דערשיטערן אים און שטעלן אונטער אַ פרעגצייכן דאָס פאַרזעצן די פאַרבינדונגען פון דער לייטונג, ס'הייסט פון חיים ווייצמאַן, מיט דער מאַנדאַט־רעגירונג. דער זיבעצעטער ציוניסטישער קאָנגרעס (באַזעל, 1931) שטורעמט שטאַרק אין זיין קעגנערשאַפט צו ווייצמאַנען, אַז ער זאָל עס האָבן דערפירט צו אַזאַ מצב. ס'האָט ווייצמאַנען נישט געהאָלפן די קאָנסעקווענטע אונטער־שטיצונג פון דער אַרבעטער־פראַקציע. ער איז נישט אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר סאָקאָלאָוו. און ס'איז געווען דערין אַ גרויסער טראַגיזם, וואָס אָט די צווי מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען פופצן יאָר אין אמתער האַרמאָניע „נישט בלויז אין דער אַלגעמיינער ליניע פון אונדזער אַרבעט, נאָר כמעט אין יעדער באַזונדער איינצלהייט" (ווייצמאַן), זענען ערשט געשטעלט געוואָרן איינער קעגן צווייטן.

סאָקאָלאָוו נעמט אָן דעם אויסוואַל און אַמטירט ווי דער פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין משך פון פיר יאָר נאָך אַנאַנד (1931—1935), ווייל ער איז אויף ס'ניי אויסגעוויילט געוואָרן אויפן דאָזיקן הויכן אַמט

אויך אויפן אַכצנטן קאָנגרעס (1933), און נאָר אויפן ניינצנטן קאָנגרעס (1935) בערך אַ יאָר פאַר סאָקאָלאָווס פּטירה, קערט ווייצמאַן זיך צוריק צו דער פּרעזידענטשאַפט, און סאָקאָלאָוו ווערט אויסגעוויילט אַלס ערן־פּרעזי־דענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער יידישער אַגענץ און אַלס פירער פון דער דערציִונגס־און קולטור־אָפּטייל און דעם מוסד־ביאַליק.

אויף די פיר יאָר סאָקאָלאָווס פּרעזידענטשאַפט ליגט דער חותם פונעם אויפשטייג פון דעם דייטשישן צורר, און נישט צופעליק האָט זיך סאָקאָלאָוו אין יענע יאָרן פאַרנומען מיט דער גרויל־דערשיינונג, וואָס איר נאָמען איז אַנטיסעמיטיזם, און פאַרעפנטלעכט וועגן איר סעריעס מאַמרים. אין זיין לעבנס־שטייגער האָט דער אויסוואַל צום פּרעזידענטשאַפט גאָרנישט נישט געענדערט, און ער איז ווייטער אַרויסגעפאָרן אין לענדער און מדינות צוליב די פאָנדן פון זיין צייט און כדי צו פירן אַ טעטיקייט אין די קרייזן פון די רעגירונגען און די פּערזענלעכקייטן, וועלכע פירן אָן די מדינות, פון דער צווייטער זייט. ווען ער איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, האָט זיך אויף אים אַ גאָס געטאָן אין דער גאָרער יידישער וועלט אַ רעגן פון ברכות און אָנערקענונגס מאַמרים און באַזונדערס אין מערב־אייראָפּע, וואָס סאָקאָ־לאָוו איז געווען איר לייב און געביין. צווישן די פאַרערונג־אויסדרוקן האָט אויך נישט געפעלט די ברכה פון דער ערשטער יידישער שטאָט — תל־אביב. תל־אביב האָט צוגעטיילט סאָקאָלאָוון ערן־בירגערשאַפט פאַר זיינע פאַרדינסטן בכלל און פאַר דעם שיינעם נאָמען פון דער שטאָט, וואָס זי האָט באַקומען אַ דאַנק סאָקאָלאָווס אויפטו אין דער איבערזעצונג פון הערצלס „אַלטניילאַנד".

[ג]

אין דער מערהייט יובילײ־מאַמרים, פאַרעפנטלעכטע וועגן סאָקאָלאָוון, ווען ער איז אַלט געוואָרן זיבעציק יאָר, גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דער זאָג, אַז דאָס איז אַ ווונדערלעכע דערשיינונג אָט די וואָס איר נאָמען איז סאָקאָלאָוו, סיי מיט די פיל ניואַנסן פון זיין שאַפן, און סיי מיט זיין גאַנג פון דער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור צו דער פּאָליטיק. איז געקומען איינער און רופט אַפילו אָן סאָקאָלאָוון: „ווונדערלעכער לאַבירינט". האָט סאָקאָלאָוו נישט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פון זיין אויסלאַכן און געענטפערט:

> וואָס ווונדערט איר זיך און שטוינט און זעט אין אויס־טערלישקייטן און כאַאָטישקייטן: „אַ ווונדערלעכער לאַ־בירינט"", אַ מין כל־בו א. א. וו. איך בין אַ פּשוטער ייִד בתכלית־הפּשטות. איך ווייס נישט, ווער איז דאָס דער געזעצ־

> געבער, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ געזעץ, אַז אַ מענטש טאָר נישט אַריבערגיין פון איין זשאַנער אין אַן אַנדערן זשאַנער אין דער ליטעראַטור, לויט אירע וויסנשאַפטלעכע אָפּטיילן א.א.וו. איך ווייס נישט, ווער האָט עס גוזר געווען, אַז אַ זשורנאַליסט, אָדער שרייבער צעמישט די גרענעצן און פאַרוואַנדלט די איינגעאָרדנטע וועלט אין אַ תוהו־ובוהו, אויב ערווידמעט אַ גרויסן טייל פון זיין צייט פאַר טעטיקייט פאַר זיין פאָלק. אַ סך זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך און ענגלאַנד זענען געוואָרן מיניסטאָרן און פרעמיערן — און קיינער האָט נישט דערווידערט קעגן זייער צוזאַמענשטעל! און אָט אַזאַ גזירה ביי ייִדן איז בלויז אַן אויסטראַכטעניש! בין איך דען אַ דיפּלאָמאַט, אַ פּאָרטלען־צוטראַכטער און פעלשער, אַ וועבער פון שפּינוועבס און אַן אַלץ פאַרדעקער? מיר דאַרפן נישט אַזעלכע זאַכן און האָבן נישט קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע זאַכן. אונדזער טעטיקייט איז דאָס פאָרטראָגן און אויפקלערן און קאַמף פאַר אמת און גערעכטיקייט, און איך בין אַ רינגעלע אין דער גרויסער קייט פון ייִדישע געלערנטע, ווי דאָן יצחק אַברבנאל און רבי מנשה בן ישראל, — שטויב בין איך אונטער זייערע פּיסזוילן און אַ קליינער קאַרליק אין פאַרגלייך מיט זייער גאונות.

אָבער ביי די אַלע אויפקלערונגען סאָקאָלאָווס, מע זאָל אים באַטראַכטן ווי אַ פשוטן ייִדן, איז מצד דער עפנטלעכקייט נישט אָנגענומען געוואָרן אָט דער באַנעם, ווייל ער האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין דעם געוויינלעכן מאָסשטאַב לגבי שרייבער און געלערנטע. אַזוי, למשל, האָט ער געהאַט אַ גייסטיק באַדערפעניש, און אַלע זיינע באַקענטע זאָגן דערויף עדות, אַוועקצוזעצן זיך לערנען אַפילו אין די אַרבעטסזאַמסטע טעג, — און ביי סאָקאָלאָוון לערנען האָט געמיינט לערנען ממש תורה; קאָן מען מיינען, אַז די פיל רייזעס האָבן אים געשטערט אין זיין כסדרדיקן לערנען? הייבט זיך עס גאָרנישט אָן! און אַזוי, למשל, דערציילט לייב יפה, און דאָס איז איינע פון אַ סך עדותן:

> סאָקאָלאָוו האָט נישט איבערגעריסן זיין לערנען אַפילו אויף איין טאָג. כ׳האָב אים קיין מאָל נישט געזען געניסן פון אָפּרו נאָך מיטאָגצייט. ער האָט מיד געלייענט, אָדער געשריבן זיינע בריוו און מאַמרים און געמאַכט פאַרצייכענונגען אין זיין טאָגבוך. אין דעם־אָ בוך פלעגט ער שרייבן אויך אין דער צייט

פון די צונויפקומען, בעת אַנדערע האָבן פאַרגעטראָגן. אין די פרייע שעהן פלעגט ער שרייבן קאַפּיטלען פון זיין בוך „פערזענלעכקייטן״. די קאַפּיטלען וועגן הערצלען האָט ער געשריבן, נישט באַנוצנדיק זיך מיט קיין דאָקומענטן און באַשטעטיקונגען. אַלץ איז געווען איינגעהיט און פאַרגעדענקט אין זיין געדעכעניש.

זיין שרייבן האָט סאָקאָלאָוו נישט אָוועקגעלייגט אַפילו אויף אַ ווייל. הגם ער איז געווינט געווען צו שרייבן אויף אַ סך שפּראַכן, איז העברעיִש תּמיד געווען זיין פאַרגעניגן. בלויז אויף אים האָט ער געקאָנט אַנטפּלעקן זיין גרויס קענטעניש און פּילטאַלענטירטקייט צו שאַפן אַלע מאָל נייע וואָרטקאָמבינאַציעס — און אַלץ מיט שפּילעוודיקער לייכטקייט. זיין סטאַבילע לעצטע העברעיִשע אַכסניה איז געווען דער „העולם״, און ווי געוויינלעך איז יעדער מאַמר אַרויס פונעם ענגן תחום פון אַ צייטונג און האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט מיט אַ סך המשכים, וואָס זענען שיִער־שיִער אַ גרויס בוך. און ווירקלעך, סאָקאָלאָוו האָט געשריבן ביכער, וועלכע ער האָט געדרוקט אין צייטונגען. אַזוי, למשל, האָט ער נאָך די פּאָגראָמען אין יאָר 1929 און די אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, נאָך זיי פאַרעפנטלעכט סעריעס מאַמרים, געדרוקטע אין המשכים בערך אַ גאַנץ יאָר, און דאָס איז געווען אַ רעאַגירונגס־בוך אויף די געשעענישן. אין יענער צייט האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט לאַנדשאַפט־פאַרצייכענונגען, פעליעטאָנען, לידער און פּאָ־עמעס, וואָס פון זיי איז זייער באַקאַנט זיין שיר וועגן ביאַליקן, וועלכן ער האָט פאַרגעלייענט אויף אַן אָוונט פאַר זיין כבוד וועגן. און ס'איז פאַרשטענד־לעך, אַז ער האָט זיך אַלע יאָרן באַשעפטיקט מיט היסטאָרישער פאַרשונג און באַזונדערס מיט יענעם זשאַנער, וואָס ס'איז אים שווער צו דעפינירן, אָבער ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אים זיין חותם, און איז שטאַרק באַקאַנט גע־וואָרן ווי סאָקאָלאָווס ספּעציעלער זשאַנער, זיין שילדערן געשטאַלטן: „פערזענלעכקייטן״.

און ווירקלעך, אַלע „פערזענלעכקייטן״ סאָקאָלאָווס זענען פּאַקטיש איין „פערזענלעכקייט״, און דאָס איז סאָקאָלאָוו אַליין. טראַכט זיך אַריין אין אָט־די „פערזענלעכקייטן״, און איר וועט אויסגעפינען, אַז אומעטום, וווּ ער געפינט אַ באַרירפּונקט צווישן דעם געשילדערטן און זיך אַליין — שטייגט דער ניווא און עס שטייגט די אינערלעכע שפּאַנונג פון דער שיל־דערונג, און סע שפּרייט זיך פאַנאַנדער די וואַרעמקייט אין זיין טאָן. און מער ווי ער רעדט וועגן דעם צווייטן, שילדערט ער זיך אַליין און ברענגט זיך אַליין אַרויס אין אָט דעם צייכענען. אַזוי לאָזט ער זיך אין אָט די

„פערזענלעכקייטן" נאָך אויסנאַמען, נעמלעך, נאָך די אַלע, וועלכע פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער אָנגענומענער ראַם, נייערט ווייכן אָפּ אין אַ זייט, אָדער אין ווינקעלעך, וווהין אַנדערע קומען נישט. די „פּערזענלעכקייטן", האָט ער אַליין געזאָגט, זענען לעבעדיקע בילדער און מער איז פאַראַן אין זיי די אוממיטלבאַרע באַאָבאַכטונג, איידער דאָס נאָכזוכן אין ביכער".

דערפאַר איז נישטאָ קיין ליטעראַרישער זשאַנער, אין וועלכן סאָקאָלאָוו גופא ווערט „פאַרגעשטעלט", ווי אין זיינע „פערזענלעכקייטן". דערפאַר ווערט שוואַכער די שאַפונג, ווען ער קומט צו פערזענלעכקייטן, וועלכע זענען נישט פון זיין אַרט, ווי ס'האָט מיט אים פּאַסירט, למשל, מיט זיין עסיי וועגן אַחד־העמען, וווּ דער וויכטיקסטער טייל אין דעם עסיי איז דווקא דער פראַגמענט וועגן דער העברעיִשער שפּראַך, אַ זאַך, צו וועלכער אַחד־העם האָט געהאַט אַ שוואַכע שייכות. דערפאַר וועט איר געפינען אין זיין עסיי וועגן בערגסאָנען, נישט נאָר וועגן בערגסאָנען אַליין און זיין פילאָזאָפישן סיסטעם, נייערט אַ פרעכטיקן עסיי וועגן די פוילישע ייִדן און אַלע זייערע גלגולים פון ערגעץ־ווו־דאָרט אין דעם וואָרצלדיקן ייִדישן פוילן ביז צו דער מיזרח־וואַנט פון דער מערב־קולטור בכלל און פראַנקרייך בפרט. דאָס איז עס סאָקאָלאָווס צוציונגס־פונקט, און דערפאַר אויך פאַר די לייענער. ווי ער וואָלט וועלן דערמיט אונטערשטרייכן די וויכטיקייט פון דער־אָ פרעכטיקער פאַרוואָרצלטקייט און ווי ווייט זי קאָן דערגרייכן, ווי ער אַליין.

די היסטאָרישע פאָרשונג, וואָס איז אים זייער באַליבט געווען נאָך פון דער צייט פון דעם „האסיף" און דער איבערזעצונג פון גרעצס און קרויזהאַרס ביכער, זי האָט עס אים געפירט אין יאָרן אַרום נאָכצוטראַכטן וועגן ברידער נאָענטע אין גייסט, הגם ווייטע פון געאָגראַפישן שטאַנדפּונקט. אויך דערמיט איז ער געווען אַ מוסטער און ביישפּיל פאַר כלל־ישראלדיקייט, אַריבערצו־טרעטן דעם שמאָלן האָריזאָנט פון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע און זיך פאַראינטערעסירן מיטן מענטשן פון מיזרח און מערב צוזאַמען. זיין פאַר־אינטערעסירונג מיט דעם ספרדישן ייִדנטום האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט זיין ווערק וועגן „ברוך שפּינאָזע און זיין צייט" (לאָנדאָן, תרפ"ט. פריִער געדרוקט אין המשכים אין דעם „העולם"). דאָס דאָזיקע ייִדנטום האָט אים אינטערעסירט שוין צענדליקער יאָרן פריִער, און אַ באַשטעטיקונג דערויף איז זיין וווּנדערלעכער עסיי וועגן דעם געלערנטן יוסף הלוי, אויך אַ זעליש און גייסטיק נאָענטער צו סאָקאָלאָוון (פון אַדריאַנאָפּאָל צו פּראָפעסור אין פּאַריז!) און אויך אַ שלל מאמרים, וואָס זענען אַרויס פון אונטער זיין פען וועגן דעם ספרדישן ייִדנטום אויף העברעיִש און אַנדערע שפּראַכן. ער האָט אויך געפּרווווט אין זיינע לעצטע יאָרן, ווען ער פלעגט זייער אָפט שטיין

קעגן מאַסן, וואָס טרינקען דורשטיק זיינע רייד, צו פאַרשן די געזעלשאַפט־פּסיכאָלאָגיע, און זיינע באַטראַכטונגען וועגן דעם אַריינגעבראַכט אין זיין העברעיִש בוך: „האַני הקיבוצי" (ניו־יאָרק, תר"ץ. פריִער געדרוקט אין המשכים אין דעם „הדואר"). און בעת אָט די פאַרשונגען ברעכט אויס אין זיין האַרץ אַ לאַווע התלהבות און אַנטציקונג פאַר דער העברעיִשער שפּראַך, וואָס האָט אַלע יאָרן געשפּייזט אים און זיין שאַפן צוזאַמען.

ס'זעט אויס, אַז די זיקנה האָט אויף אים קיין שליטה נישט — אויב מע זאָל משפּטן לויט זיינע שאַפונגען פאַר זיינע לעצטע יאָרן. די בעלעטריסטיק, דער פאַרגעניגן אין זיין יוגנט, ווערט אים אויף דער עלטער אַ לאַקנדיקע זאַך, און ער שענקט איר אַ פּערל, ווי: די לעגענדע פון בעלגיע און איר טויטער מלך, אין וועלכער ס'איז פאַראַן דורכדרינגענדיקע באַאָבאַכטונג און טיפע געשטאַלטונג — און אַלץ מיט דער באַוווּסטער סאָקאָלאָווישער שפּראַך, באַגלייט מיט אַנגענעמלעכקייט און צאַרטקייט. מע פילט, אַז די העברעיִשע שפּראַך געהאָרכט און פאָלגט אים אין יעדער איינצלהייט, ביז צום ריטעם פון אַ סטיל, וועלכער איז אַן אָפּשפּיגלונג פונעם אינהאַלט. און דאָס איז נאָך אַלץ אַ טייל פון זיין באַגאַבונג און קענטעניש, לויט זיי אַנטפּלעקן זיך אין זיינע לעצטע יאָרן. פובליציסטיק, עסייען, פעליעטאָנען און פאַרשאַרבעטן קומען געמישט, און ער ווערט ווי אַ שלאַגנדיקער קוואַל, וואָס פאַרוווּנדערט מיט זיין נאָכאַנאַנדיקער שפּע. אויך נאָך זיין פּטירה געפינט מען נאָך אויף זיין טיש מאַמרים און פראַגמענטן פון מאמרים, אויסער יענע, וועלכע געפינען זיך אין די שופלאָדן פון די רעדאַקציעס און ווערן אָפּגעדרוקט נאָך זיין טויט.

[ד]

עטלעכע ווערטער וועגן סאָקאָלאָוו דעם יידישן שרייבער. זיין שרייבן אויף יידיש איז געקומען פאַרהעלטענישמעסיק שפּעטער, זיכער דערפאַר ווייל ער האָט נישט געהאַט אָט די געלעגנהייט, וואָס ער האָט געהאַט אין העב־רעיִש — איז דאָך אין העברעיִש געשטאַנען צו זיין דיספּאָזיציע אַ גאַנצע צייטונג, וואָס איז געווען אין גאַנצן זיינע! — און פון דעסטוועגן קומט אַרויס איינער פון זיינע ערשטע פּרוּוון אויף יידיש נאָך פון זיינע גאָר יונגע יאָרן. ווען ס'האָט אין די אַכציקער יאָרן אַ שטייג געטאָן דער עמיגראַציע־שטראָם אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט סאָקאָלאָוו גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו פאַרפאַסן אַ לערנבוך פאַר ענגליש אויף יידיש, וועלכער איז אַרויס אין אַ שלל אויסגאַבעס און אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן (די אויסגאַבע וואָס איז געלעגן פאַר מיר פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק

אין ירושלים איז די זעכצנטע, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, 1904). דאָס בוך איז אויף פונקטירטן ייִדיש און אַזאַ איז זיין שער־בלאַט:

נייע פּראַקטישע / מעטהאָדע דער ענגלישען שפּראַכע / אין אַ
קורצע צייט צו ערלערנען אָהנע הילפע איינעם לעהרערס /
לעזען אונד שפּרעכען געלייפיג ענגליש / נאָך איינעם נייעם
זעהר לייכטען סיסטעם אָריגינעל בעאַרבייטעט / פאָן ב״ס.

אין דעם פאָרוואָרט רעדט ער וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער ענגלישער שפּראַך אויף דער וועלט און דער נייטיקייט זי צו קענען באַזונדערס פאַר ייִדן, „וואָס אונזער היימאַטה איסט דיא וועלט, הייטע היר מאָרגן דאָרט, אונד אונזער צושטאַנד אַלס האַנדעלס פאָלק, אַלס קאָמערצמענשין צווינגט אונז דאַצו צו ערקענין די שפּראַכע פון דער גרעסטן אונד ציוויליזירטעסטען נאַציאָן, וועלכע אים וועלטהאַנדעל די גרעסטע ראָללע שפּילט, אונד וועלכע בייא אונזערין לעטצטין פּגעים רעים, אונס ברידערליך געדינט האָט מיט גוטען ווערטערין אונד מיט מעשים טובים, נאָך דעם גראָסן אונד פרייען אַמעריקאַ געהען אונזערע ברידער טויזנטערווייזע, אום דאָרט איין נייעס לעבן צו באַגינען. וויא ביטטער איסט אָבער דאָס לעבן פיר דיא יעניגע וועלכע וויא שטומם אָנגעזעהין ווערדין — דיזע גראָסע אונאַננעהמליכקייט האָפּפע איך דורך מיינע פאָרליגענדע מעטהאָדע אי״ה (אם ירצה השם) צו בעזייטיגען — — ״.

אַזאַן אויסלייג מיט פונקטואַציע איז נישט געווען אויסטערליש אין יענע אַכציקער יאָרן. אָבער זייער משונהדיק איז געווען אָט דער פאַרדייטשמעריזטער ייִדיש, וואָס אויך אין יענע יאָרן איז ער נישט געווען זייער שכיח אַפילו אין דער פּרעסע, וועלכע איז זיכער באַשטימט געוואָרן פאַר דער מאַסע. וועגן דעם דערציילט ער אין דעם דערמאָנטן פאָרוואָרט: „אום די מעטהאָדע פּראַקטיש־ניצליך צו מאַכן פאַר יעדען איינציגען אָהנע אויסנאַהמע, געבילדעט אָדער אונגעבילדעט, בענוצטע איך אין דער ערלערונג אונד אין דער איבערזעטצונג איין לייכטעם יודיש־דייטש, דען מיט גראָבן זארגאָן קאָן מען זיך מיט איינער לעבענדיגען אייראָפּעישן שפּראַכע ניכט אויסגלייכען, דאָרום האַלטע איך מיך אָן דען מיטטעלוועג, ניכט צו ריכטיגעם דייטש, ניכט צו געמיינעם קודערוועלש — — ״.

ס׳איז אָבער נישט אַריבער קיין סך צייט, און סאָקאָלאָוו האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אויף ייִדיש ממש און אויפן „געמיינעם קודערוועלש״ פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן מאַמר אויף ייִדיש אין „די יודישע ביבליאָטהעק״, וואָס ס׳האָט אַרויסגעגעבן זיין פריינד י. ל. פרץ (דריטער באַנד, וואַרשע, 1895). דאָס איז געווען אַ געשמאַקער פעליעטאָן אַ פאָפּולער־פאָלקסטימ־

לעכער, וועלכער איז מסביר די לערע פון דעם גרויסן דענקער ר׳ נחמן קראָכמאַל (רנ״ק), דערציילנדיק זיין ביאָגראַפיע. דאָ האָט ער זיך אונטערגעשריבן מיטן פסעוודאָנים: „אמתי״, מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט שפּעטער — אויך אין פּרעס צייטשריפט־אָרגאַן. צו שרייבן סטאַביל אויף ייִדיש איז ער געקומען ערשט אין יאָרן אָרום און דער עיקר אין דער צייטונג: „דער טעלעגראַף״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1906 (ס׳זענען אַרויס 145 נומערן אין דער צייט פון 27סטן דעצעמבער 1905 ביזן 26סטן יולי 1906). דער פּראָספּעקט, וואָס ווערט געגעבן אין אונדזער בוך אין גאַנצן, איז כאַראַקטעריסטיש סיי פאַר סאָקאָלאָווס גזעולשאַפטלעכער שטעלונג און סיי, און דאָס איז דער עיקר, צוליב דעם וואָס סאָקאָלאָוו איז אין יענער צייט געווען אַן אַ צייטונג, און דערויף איז באַשטימט געוואָרן דער „טעלעגראַף״, צו דינען פאַר אַן אַכסניה פאַר זיין זשורנאַליסטישער און פּובליציסטישער טעטיקייט. די צייטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך צוליב דעם, וואָס זומער 1906 איז ער שוין נאָמינירט געוואָרן פאַר דעם אַלגעמיינעם סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָ האָט ער אַ סך געשריבן, צו מיינסטן מיט פּסעוודאָנימען, און ווי געוויינלעך אין אַ סך און פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנערן.

ער האָט אויך שפּעטער ממשיך געווען צו שרייבן אויף ייִדיש און אויך געגעבן אַ ברייטן פּלאַץ אין דעם „העולם״ אונטער זיין רעדאַקציע פאַר דער ייִדישיסטישער טעאָריע פון מתתיהו מיזעס, וועלכער איז אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ פאַר דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור געווען דער וויסנשאַפטלעכער טעאָרעטיקער פון ייִדיש. דאָס איז נישט געווען פון די געוויינלעכע זאַכן, אַז אַ העברעיִשע צייטונג, און באַזונדערס די צענטראַלע צייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זאָל געבן אַזאַ העברעיִשן מאַמר וועגן ייִדיש. סאָקאָלאָוו האָט געגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַר מיזעסעס מאַמר (אויף דער ערשטער זייט!) און צוגעגעבן אַ באַמערקונג: „מיר ברענגען דערמיט דעם אַרטיקל, וואָס באַלייכט אַ וויכטיקע פראַגע פון נאַציאָנאַלן און וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, און, באַזונדערס, צוליב דער וויכטיקער וויסנשאַפטלעכער באַלייכטונג. וואָס שייך די נאַציאָנאַלע מאָטיוון, איז אונדזער מיינונג אַ גאַנץ אַנדערע ווי די מיינונג פונעם מחבר אין געוויסע ענינים, און מיר וועלן זיך נאָך אומקערן צו דער פראַגע און זי באַהאַנדלען פון אונדזער שטאַנדפּונקט״.

און ווירקלעך, סאָקאָלאָוו האָט זיך אומגעקערט צום ענין־ייִדיש אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און באַזונדערס צו מיזעסעס באַהויפּטונג, „אַז בלויז אין דער ייִדישער שפּראַך איז די ישועה פון דער ייִדישער

נאַציע" (אונטעגעשטראָכן אין אָריגינאַל). סאָקאָלאָווס הויפּט־טענה, איז, אַז מיזעס האָט איבערגעטריבן בנוגע דעם צוגאַנג פונעם נאַציאָנאַלן לאַגער צו יידיש. די נאַציאָנאַלע יידן זענען נישט קעגן יידיש. זיי געבן נאָר אָפּ די בכורה העברעיש פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, אָבער צום עצם ענין ווייזט סאָקאָלאָוו אָן, אַז יידיש איז דאָך נישט בלויז יידיש־טייטש, און ס'איז פאַראַן אויך יידיש־שפּאַניש, יידיש־אַראַביש, יידיש־פּערסיש. דאַקעגן איז פאַראַן בלויז איין יידיש, אָן קיין שום צומיש, און דאָס איז העברעיש. קנאַפּע טויזנט יאָר האָבן יידן בייגעטראָגן פון זייער גייסט פאַר יידיש און פאַר אַלע פרעמדע שפּראַכן, מיט וועלכע יידן באַנוצן זיך אין גאָר דער וועלט. אָבער וואָס שייך העברעיש האָבן יידן בייגעטראָגן פאַר/ דער דאָזיקער שפּראַך פיר טויזנט יאָר בערך. און חוץ דעם אונטערשייד אין עלטער איז נאָך פאַראַן אַ תוכיקער אונטערשייד: צו העברעיש זענען געווען שותפים אַלע יידישע קיבוצים פון דער וועלט.

סאָקאָלאָוו לייקנט, אַז די נאַציאָנאַלע יידן זאָלן געהערן צו די יידיש־קעגנער. „אין ציוניזם, זאָגט ער, איז נישטאָ קיין שינאה צו יידיש און עס שיקט זיך נישט צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער שפּראַך פונעם פאָלק. אַזאַ באַציִונג קאָן מען נישט טרעפן ביי די העברעישע שרייבער, וויניקסטנס ביי זייער מערהייט. פאַרקערט, די מערסטע העברעישע שרייבער שרייבן אויך יידיש". סאָקאָלאָוו האָט געקאָנט מיט רעכט זיך צורעכענען צו די דאָזיקע שרייבער, ווייל אויך ער האָט געשריבן יידיש, און ס'איז שווער געווען אים חושד צו זיין אין פייַנטלעכער באַציִונג צו יידיש. מיט דעם איז ער ענלעך געווען צו די מערסטע העברעישע שרייבער פונעם נאַציאָנאַלן לאַגער, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט יידיש.

אין דער העברעישער שפּראַך זעט סאָקאָלאָוו „דעם לעבנסשטאַם פון דער גאַנצער נאַציע. און ס'מערקט זיך אין גלות אַ דערווייטערונג פון העברעיש, האָט דאָך די שפּראַך אַ גלענצנדע צוקונפט אין ארץ־ישראל. דאָרט בליט העברעיש אויף. מע קאָן זיך קוים פאָרשטעלן, אַז דאָרט זאָל זיך אויספורעמען אַן אַנדער אַלגעמיינע שפּראַך". זיין שטעלונג סומירט סאָקאָלאָוו אין צוויי הויפּטפּונקטן:

א. די ציוניסטישע באַוועגונג וועט בשום־אופן נישט דערלויבן, העברעיש זאָל אָפּטרעטן איר אָרט יידיש; פאַרקערט, אומעטום וועלן געמאַכט ווערן אַלע מעגלעכע באַמיִונגען, איינצופירן אין לעבן העברעיש אַנשטאָט יידיש. אין יעדן פאַל, ווו ס'איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פון אויסוואַל צווישן יידיש און העברעיש, איז דער ענטפער אַבסאָלוט קלאָר: העברעיש.

ב. ווען אָבער דרויסנדיקע פייַנד וועלן פּרווון אַנגרייפן די רעכט פון דער

יידישער שפּראַך און באַצייכענען זי ווי אַ מיאוסן זשאַרגאָן, וועט די נאַציאָ־נאַלע באַוועגונג פאַרטיידיקן יידיש מיט אַלע כוחות. די שטעלונג פון די ציוניסטן צו יידיש איז נישט צו פאַרגלייכן מיט דעם צוגאַנג פון די אַסימי־לאַטאָרן, און מע דאַרף נישט ביידע אַריינגלייגן אין איין זאַק. יעדער איינער, וואָס געהערט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג קאָן זיך נישט באַציִען מיט פאַראַכטונג צו יידיש". „הגם, זאָגט סאָקאָלאָוו אין אַן אַנדער אַרטיקל וועגן יידיש, מיר האָבן ליב יידיש־טייטש און זעען איין, אַז ס'איז נייטיק זיך צו באַנוצן מיט דער שפּראַך, און זענען גרייט זי צו פאַרטיידיקן קעגן בייזווי־ליקע אָנגריפן פון דרויסן, דאַרפן מיר דאָך אָנערקענען, אַז בלויז איין נאַציאָ־נאַלע שפּראַך פאַרמאָגן מיר, און זי איז — העברעיש".

אָט די שטעלונג סאָקאָלאָווס לגבי יידיש האָט געדעקט די שטעלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין אַ געוויסער מאָס אויך פון מדינת־ישראל אין אונדזער צייט. דערפאַר איז סאָקאָלאָוון באַליבט געווען דאָס שרייבן אויף יידיש, כאָטש זיינע וואָרצלען האָט ער געזען, ווי שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט, נאָר און אויסשליסלעך אין העברעיש. ער האָט כמעט ביז זיינע לעצטע טעג פאָרגעזעצט צו שרייבן אויף יידיש, סיי פּובליציסטיק סיי זיינע עסייען און קאַפּיטלעך „פּערזענלעכקייטן", וועלכע זענען איבער־געזעצט געוואָרן דורך דעם גרויסן דיכטער און איבערזעצער אברהם שלאָנסקי. מיט וווּנדערלעכער קינסטלערישקייט האָט שלאָנסקי פאַרשטאַנען איבערצוגעבן די־אַ איבערזעצונגען אין סאָקאָלאָווס העברעיִשן סטיל, און האָט אויך זוכה געווען צו סאָקאָלאָווס באַגייסטערטע אָפּשאַצונג און צו זיין מתנה — אַ גילדענע פען אַלס צייכן פון פאַרערונג. אויף יידיש איז אויך דערשינען אַ קליינער אויסוואַל פון „אויסגעוויילטע שריפטן" (וואַרשע, תרע"ב. אויפן שער־בלאַט איז געשריבן: ערשטער באַנד. אָבער מער איז נישט אַרויס). אויסער דעם זענען אַרויס עטלעכע בראָשורן זיינע אויף יידיש וועגן ציוניסטישער אויפקלערונג און צווישן אַנדערע: „וואָס מיר ווילען" (לאָנדאָן, 1916), „אידישע פרוי" (לאָנדאָן, תרע"ז), „אַרמאַ־געדאָן" (הר מגדו, אַ פאָרטראָג געהאַלטן אויף אַ טרויער־פאַרזאַמלונג פון הערצלס יאָרצייט אין לאָנדאָן. קאָפּענהאַגען, תרע"ז), „די ליכטלעך" (אַ געדיכט אין פּראָזע. לאָנדאָן, תרע"ז) און נאָך.

[ה]

זיינע לעצטע יאָרן? ווירקלעך ער האָט דערגרייכט אַ טיפע עלטער. אָבער לויט זיין פּראָדוקטיוויטעט און שפע אין די־אַ יאָרן איז שווער געווען זיך אָנצושטויסן זיין נאָענטן סוף. אין יאָר 1935 איז דערשינען זיין ענגליש

בוך: „חיבת ציון״, אַ בוך, וואָס איז לחלוטין אַנדערש און נייער פון דעם וואָס איז געקומען פאַר דעם מיט יאָרן צוריק. אויך דאָ פילט זיך סאָקאָלאָווס באַזונדערער סטיל, ווי אויך דאָס טיפע וויסן. ס׳איז דערום קיין וווּנדער נישט, וואָס אַלע יידישע צייטונגען אויף דער וועלט בעטן זיין באַטייליקונג, און באַזונדערס ווערט שטאַרק געזוכט זיין ספּעציפישער זשאַנער „פּערזענלעכ־קייטן״. „מיין מאָסע לייענער, שרייבט ער אין איינעם אַ בריוו, זענען דורשטיק נאָך די „פּערזענלעכקייטן״. און די אַרויסגעבער, וועלכע האָבן זיך צו מיר געוואָנדן אין די לעצטע יאָרן רופן צו מיר: גיט אונדז „פּערזענלעכ־קייטן״, און באמת, ער גיט צו צו די ערשטע „פּערזענלעכקייטן״ אַ נייע סעריע, וועלכע ווערט פאַרעפנטלעכט אין דער גאַנצער יידישער פּרעסע און אויף העברעיש, ווי דערמאָנט אין שלאָנסקיס איבערזעצונג.

זיין בעלעטריסטיק פאַר די לעצטע יאָרן זיינע איז אַוודאי אַ טענדענ־ציעז־ציוניסטישע, אָבער אַ לעבעדיקע און פאַרבנרייכע און שילדערט די לאַנדשאַפט פון זיין געבוירן־לאַנד, פּוילן. ער באַהאַנדלט דעם מאָטיוו פון אַ יידן, וואָס וויל זיך זיך פאַרבינדן מיטן באָדן און לאַנדווירטשאַפט, און באַ־שענקט דעם דאָזיקן מאָטיוו, אין זיינע דערציילונגען „יאָסל דער משוגענער״ און „דער גרויסער משה״, מיט אַ ברייטקייט און טיפקייט, וואָס מיר האָבן עס נישט געטראָפן ביי די אַלע, וואָס דער־אַ מאָטיוו האָט זיי געדינט אַלס הינטערגרונד פאַר זייערע דערציילונגען. ס׳איז דאָ פאַראַן פּוילן, דאָס פּוילישע לומדות און די מאַנאָמאַניע — צו באָדן. אין די דאָזיקע דערציי־לונגען פירט ער אַריין דעם לעבנסשטייגער פון וואָרצלדיקן יידנטום אין דער פרעמד, אַזוי צו זאָגן: אַ וואָרצלדיקייט, וואָס העגנט אין דער לופטן און דרך־נס. איר אַקעגן שטייט אויפן האָריזאָנט די ארץ־ישראלדיקעווירקלעכקייט, אַ וואָרצלדיקייט, וואָס פאַרמאָגט אייגנטימלעכקייט און אומאָפּהענגיקייט. פאַקטיש איז „יאָסל דער משוגענער״ בלויז אַן אַנדער נוסח פון זיינע „פּערזענלעכקייטן״, כאילו אַ קאָלעקטיווע „פּערזענלעכקייט״, אין וועלכער ער האָט געוואָלט אַריינקוועטשן יענע דאָרפסלייט, וואָס זענען צוגעשמידט צום באָדן זייער גאַנץ לעבן. נאָר אָט נעמט און באַטראַכט וואָס פאַר אַ גדלות עס געפינט זיך אין אָט דעם באַגרענעצטן ווינקל און וואָס פאַר אַ זאַפטן זיי טוען אַריין דערין — און אַלץ אומזיסט. סוף־כל־סוף ווערן זיי אָפּגעריסן און אויסגעוואָרצלט. דאָס איז דער טראַגיזם פונעם דאָרפסיידן אין גלות, וואָס אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן זיי געפונען זייערע פּרעכטיקע שילדערער, אָבער אין דער העברעישער בלויז זייער ווייניק — און סאָקאָלאָוו ווערט, צוליב „יאָסל דער משוגענער״, זיכער פאַר־רעכנט ווערן פאַר דעם בולטסטן צווישן זיי.

ער האָט איבערגעלאָזט נאָך אַ סך ליטעראַרישע ווערק, וועלכע ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. צווישן אָט די דאַרף מען דערמאָנען דעם העברעיִשן לעקסיקאָן־ווערטערבוך, וואָס מוסטערן פון אים האָט ער באַוויזן אָפּצודרוקן פאַר זיין לעבן. אויך האָבן זיינע מקורבים געהערט אין זיינע לעצטע יאָרן, אַז ער האָט זיך געגרייט צו שרייבן אַ היסטאָרישן ראָמאַן וועגן רמב״ם. סאָקאָלאָווס טאָכטער דערציילט, ווי ער האָט אַרומגערייזט אויף דער עלטער אין פראַנקרייך און באַזוכט שטעט, שטעטלעך און דערפער, כדי זיך צו דערוויסן וועגן די וואָרצלען און דעם הינטערגרונד פון רש״יס טעטיקייט. אין סאַמע זיינע לעצטע טעג האָט ער גערעדט פון אַ פּלאַן צו דערציילן וועגן דער העלדישקייט ביי יידן, אַ זאַך וואָס האָט זיך אין אים דערוועקט בעת די פּאָגראָמען אין ארץ־ישראל.

אין זיין לעצטן יאָר איז וויצמאַן, ווי געזאָגט, אומגעקערט געוואָרן צו דער פּרעזידענטשאַפט, און סאָקאָלאָוו האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין בעסערס פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג ווי וויצמאַנס צוריקקערן צו דער פירערשטול. אויך האָט סאָקאָלאָוו דער פּיקח פאַרשטאַנען, אַז דער ערן־טיטל, וועלכן ער האָט זוכה געווען: ערן־פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ פּוסטן און פון יעדן אינהאַלט אויסגעליידיקטן טיטל. דערפאַר האָט ער געטאָן אַלץ, כדי אָנצופילן אָט דעם אינהאַלט און געפּלאַנירט פּלענער פון גרויסן שווונג פאַר דער פאַרבעסערונג פון דער העברעיִשער קולטור. אָבער די אַלע פּלענער האָבן נישט געענדערט זיין לעבנסשטייגער ביז די לעצטע טעג, וואָס איז אין זיין גאָרן עיקר: רייזעס איבער דער גאַנצער וועלט מיטן וואָרט פון ציוניזם און דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, סיי צו יידן, סיי צו נישט־יידן.

אינעם טאָג כ״ו אין חודש אייר, תרצ״ו (18.5.1936) האָט סאָקאָלאָוו פאַרמאַכט די אויגן אויף אייביק אין לאָנדאָן, און אין יאָר תשט״ו (1956) איז געבראַכט געוואָרן זיין געביין און באַערדיקט געוואָרן אויפן הר־הרצל אין ירושלים. די ידיעה וועגן זיין טויט האָט אויפגערודערט די גאַנצע וועלט, די יידישע און נישט־יידישע. און לאַנגע יאָרן האָבן נאָך אים געטרויערט זיינע פאַרערער. דער יידישער יישוב אין ארץ־ישראל האָט אים געשטעלט צוויי דענקמעלער: אַ יישוב, גערופן אויף זיין נאָמען: „שדה נחום״ אין עמק בית־שאַן, ביי דער גרענעץ פון עמק יזרעאל (געגרינ־דעם אין טבת תרצ״ו) און דאָס זשורנאַליסטן־הויז אין תל־אביב, וואָס טראָגט זיין נאָמען: „בית סאָקאָלאָוו״. דער תל־אביבער שטאָטראָט שענקט די זשורנאַליסטן אַ פּריז, וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון דעם הויפּט פון

דער העברעיִשער פּרעסע: „סאָקאָלאָוו־פּריז", אויך ווערן אויף זיין נאָמען אָנגערופן אַ סך גאַסן אין שטעט און קאָלאָניעס.

נאָר ס'איז אויפגעקומען אַ נייער דור, וואָס אים האָט זיך נישט אַנטפּלעקט דער נ"ס פון דער „הצפירה", בלויז עטוואָס פון זיין כמעט זעכציקיאָריקן שרייבן וואָס געפינט זיך אין די אויסדערוויילטע ווערק, נישט לאַנג צוריק דערשינען אין פאַרלאַג „הספריה הציונית". אויך די ציִוניסטישע באַוועגונג שפּייזט זיך פון אים און זיין געהויבענעם גייסט, אויסער זיין גרויסער טעטיקייט אין משך פון צענדליקער יאָרן. און נאָך די צענדליקער יאָרן, וואָס זענען שוין פאַריבער פון זינט זיין פּטירה, טראָגט נאָך אַלץ מיט זיך דער נאָמען סאָקאָלאָוו חן און צויבער, וואָס ס'איז שווער אים צו שילדערן; דאָס זענען די וואַלאָרן וואָס צייכענען אויס אויך דעם קלענסטן אָפּקלייב פון זיינע שריפטן, ווייל שוין אין די ערשטע שורות אַנטדעקט ער פון אַלעם זיינע פּיל שרייב־זשאַנערן.

פערזענלעכקייטן

אַנרי בערגסאָן

בלאָנדזשענדיקע געשטאַלטן, כמעט שאָטנס, אָבער ווייס און באַפליגלט, שוועבן און פלאַטערן ווי שניי־פליטערלעך, שימערן און גלאַנצן מיט דער לויטערקייט פון מאָרגנשטערן, פון בריליאַנטן, פון קרישטאָל־ריינעם ים־ווינט, כמעט גאָרנישט מאַטעריעל, עס דוכט אַ גייסטיקייט פון אַ ניגון, אַן אַקאָרד, אַ שמייכל פון אַ קינד, אַ דופט פון אַ רויז, מיטן אויג נישט אויפצונעמען, און דאָך מעכטיק מיט אור־וועלט כוחות.

דורות פיגורן, פערזאָנען, גרופּן גאַנצע, אַ לאַנגע קייט! פאַרביישוועבנדיק וועט דיר איינער פון זיי אַ גלעט טאָן דעם שטערן מיט זיינע פליגל, ווי אין שפּאַס. אַ צווייטער וועט דיר צוטראָגן צום קושן די ספר־תורה, וואָס ער האַלט אין האַנט, און אַלע ווינקען צו דיר ווי אַלטע פריינד; צייטנווייז דוכט זיך דיר, אַז זיי האָבן דיך גערופן ביים נאָמען.

נישט אַלעמען פון זיי האָסטו געקענט, אָבער אַלעמען האָסטו דורכגעלעבט מיט דיינע דינסטע נשמה־סטרונעס. דאַרפסט זיי נישט אויסגראָבן פון שטויב פון דורות, דאַרפסט זיי נישט אַנטפּלעקן פון שיימעס, צי פון אויפשריפטן אויף גרויע מצבות. זיי זענען אין דיר, זיי לעבן אין דיר, אַ סך פון זיי האָסטו פערזענלעך געקענט.

און אויב דו ביסט אַ פּוילישער ייִד, אַ וואַרשעווער דערצו, געדענקסטו געוויס אונדזערע אַלטע גבירים, די פרנסים, די למדנים, די בעלי־צדקה. ערנסטע געזיכטער, פּיקחותדיקע אויגן, געדיכטע בערד, גלאַנציקע אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, סויבעלנע ספּאָדיקעס, שווערע זילבערנע עטרות אויף לאַנגע טליתים, אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ: דאָס איז מיין זיידע, דיין זיידע...

ר׳ שמואל זביטקעווער? ווייסטו ווער ער איז געווען? קוקן אין אַן ענציקלאָפּעדיע? חלילה! דאָס לאָז פּאַר די דייטשן, זאָלן זיי נישטערן אין ענציקלאָפּעדיעס אויף צו וויסן וואָס מיינט אַ גביר, וואָס טייטש אַ בעל־צדקה און וואָס איז זביטקאָוו און ווו איז זביטקאָוו! פּאַר זיי פּאַסט אַזאַ אַרבעט! און וואָס פּאַר אַ טעם פילן זיי אין דעם? און דו ווייסט דאָך, דו געדענקסט דאָך ר׳ ישעיהן עליו השלום, אָדער יאָסל קרעל, צי אפשר האָסטו גאָר געקענט מיין פעטער ר׳ עקיבא פון פּלאָצק? פאָרנעמקייט אין דער שטוב־פירונג, גרויסע געשעפטן, האַנדל־וואַנדל, אָנגעזען ביי נאַטשאַלסטווע און ביי די פּריצים, אָבער נישט קיין „מה יפית”, אדרבא! אַנדערע האָבן פּאַר

זיי געטאַנצט! שטאָט־טאַטעס, פּאַטריאַרכן. מיט פיינע קינדער און איידעמ־לעך, זיידענע יונגעלייטלעך און גאונישע מחותנים, און גרויסע בעלי־צדקה, בסוד־סודות געטראָגן קהל אויף זייערע ברייטע פּלייצעס: גאַנץ קהל — יחסנים און פּראָסטאַקעס. און דרך־ארץ געהאַט נאָר פאַר תלמידי־חכמים. סתם שקצים, עמי־הארצים, מיט טייסטערס מיט אָדער אָן געלט, אויף זיי האָט מען זיך נישט אומגעקוקט. אַ יִדישע דעמאָקראַטיע? אַ יִדישע אַריסטאָקראַטיע? ווייס איך וואָס! דאָס איז אַ טיפּאָגראַפיע פון די ריכטיקע מענטשן־טיפּן, מיט אייגנאַרטיקע מעלות און אייגנאַרטיקע חסרונות, מיט אייגענע כוחות און אייגענע יסורים. נישט קיין פּורים־שפּילער, וואָס קרימען זיך עמעצן נאָך. האָסטו זיי געקענט? און אויב דו האָסט זיי געקענט, האָסטו אויך געקענט ר׳ שמואל פונעם צווייטן זייט ווייסל, פון דאָרט, פון פּראָגע.

פּראָגע! אַריינפאָר צו וואַרשע! אַ ריח פון פאָרשטאָט מיט פעלדער, וואָס ציִען זיך אין די ווייטקייטן. וויפל מאָל איז זי שוין חרוב געוואָרן אין מלחמות און שריפות און האָט זיך ווידער אויפגעבויט! סימנים פון טראַנ־שייען, אַ שלאַכטפעלד און אַ פּי־מאַרק, צו גרויס פאַר אַ פאָרשטאָט, צו קליין פאַר אַ באַזונדערע שטאָט. פאַר אַנדערע — דער טויער פון וואַרשע, פאַר אונדז ייִדן אַן אַלטע קהילה, צונויפגעפּרעסט און צונויפגעדרענגט, ווו עס האָט זיך באַהאַלטן די אַלטע שול און עס איז פאַרזונקען דער אַלטער בית־עלמין, מיט גרויסע שפּייכלערס און קליינע האַנדל־שטעלעכלעך, ווו מען האָט שוין געמעגט וווינען אין דער צייט, ווען מען האָט עס נאָך נישט געטאָרט אין וואַרשע גופא, חוץ ספּעציעל פּריווילעגירטע אָדער צייטווייליק אויף די ירידים און דאָס אויך נאָר אין באַשטימטע גאַסן ווי אין די פאָרשטעט ביי קעלן און אַנדערע גרויסע שטעט, אַ מין „גרייט זיך צו אין פּאָדערהויז, בכדי צו קאָנען אַריינקומען אין פּאַלאַץ". האָבן אַ ביסל ייִדן געוואָרט אין פּאָדערהויז און ביז וואַנען וואָס געכאַפּט קלעפּ.

און ווען דו וועסט אַ מאָל פאָרן, ווי איך, פון וואַרשע קיין סעראָצק, נאַשעלסק, פּולטוסק, מיט אַ פור וואָס טרייסלט אַרויס די אינגעווייד, אויפן אַלטן פּראַגער שאָסיי מיט זיינע אָפּגעשלייפטע שטיינער, און דער וואָגן וועט זיך אָפּשטעלן אויף אַ ווילע ביי אַ גרויסער סטאַנציע מיט שטאַלן און שפּייכלערס און אַ גרויס איינפאָרהויז און אַלטע כאַטקעס האַלב־שטאָט־האַלב־דאָרף, ווו עס וווינען פּויערים, וואָס טראָגן שוין קאַפּעליושן, ווייל זיי האָבן שוין אַריינגעשמעקט קיין וואַרשע, און זענען געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה, און ווו מיין אַלטער פריינד, לייבקע שמיד, זיצט אין דרויסן, ביי דער טיר פון זיין קוזשניע, און קאָוועט אונטער די „לייבן" פון אלחנן בעל־

עגלה, און פונקען פליִען איבערן געמויזעכץ, וואָס טרוקנט נישט אויס אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, און אַרום שטייען די יונגע יאַנקעס מיט די מאַרישקעס, מיט זייערע פלאַקסענע קעפלעך האָר, — זאָלסטו וויסן, אַז דו ביסט אין שמולעוויזנע.

און אויב דו ביסט נאָך אַ שטיקל וואַרשעווער, ווייסטו געוויס וואָס טייטש שמולעוויזנע. דאָס איז דאָס גוט פון שמואל זביטקעווער, דער זון פון יעקב, דערפאַר רופט מען אים יאַקובאָוויטש, פון זביטקאָוו איז ער געקומען קיין פּראַגע, תחילת געהאַנדלט מיט שניט, נאָך דעם מיט תבואה וואָס ער פלעגט אָנלאָדן אויף פליטן און טרייבן מיטן ווייסל קיין דאַנציק. אַליין רייך געוואָרן, די געגנט רייך געמאַכט, געקויפט וועלדער, אויפגעשטעלט טאַרטאַקן, אויס־געאַרבעט בויגעהילץ, געבויט הייזער, געקויפט גרויסע פּאַלוואַרקעס, באַ־שעפטיקט אַ סך מענטשן, אַ מין מאיר אַנשל פון פּראַגע. זיין ווילהעלם דער ניינטער, לאַנדגראַף פון העסן קאַסעל, איז געווען פרידריך ווילהעלם, דער קעניג פון פרייסן, וועלכער האָט אים געגעבן אַ „פּריווילעגיע" צו וווינען אין וואַרשע, דרום־פרייסן, שלעזיע און „אַנדערע מקומות", צוליבן האַנדל פון וועלכן פרייסן האָט אָפּגעלעקט אַ מאַרך־ביינדל. אין אויסלאַנד האָט מען עס גערופן „האָף־יודע", „האָף־באַנקיר", אָדער אין דעמאָלסטיקן פּוילן האָט עס איינפאַך געהייסן אַ פּריווילעגיע. ר' שמואל אַ ייד מיט אַ באָרד און פּאות, אַ זיידענע קאַפּאָטע, אַ ברייטער גאַרטל, שטיין־רייך, פאַרוואָרפן מיט גע־שעפטן און קהלשע עסקים פון ק"ק פּראַגע, אַ סך ייִדן געגעבן פּרנסה, האָט אַריינגאַנג צום מלכות, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין איין בייטן, און איז אַריינגעפלאָכטן און אַריינגעוועבט אין געוועב פון די היסטאָרישע דראַמעס פון יענע צייטן, אָבער אַליין געווען צופרידן מיט דעם, וואָס ער איז באַליבט ביי ייִדן. „אויף זיינע שימחות פלעגן באַדינען גבאים", אַזוי האָב איך געהערט פון אַ תלמיד פון מיין זיידן, ר' אברהמעלע פּראַגער.

ביי דעם אַלעמען וואָלטן מיר פון ר' שמואל זביטקעווער נישט געוווּסט מער פון דעם, וואָס מיר ווייסן פון טויזנטער אַנדערע גבירים וועלכע האָבן געהאַט פּריווילעגיעס, ס'הייסט, מיר וואָלטן אַפילו זיין נאָמען נישט געוווּסט. און מיר ווייסן יאָ עפּעס וועגן אים, איז עס אין זכות פון יענער לעגענדע, וואָס איז באַקאַנט אין וואַרשע אַפילו צו אַ קינד אין וויג, וועגן די צוויי פּעסלעך גאָלד, וואָס ר' שמואל האָט אַרויסגעשטעלט אויף זיין פּראַגער הויף אין 1794, ווען סוואָראָוו האָט איינגענומען די שטאָט: אַ דוקאַט פאַר אַ לעבעדיקן ייִד, אַ רובל פאַר אַ טויטן, און די קאָזאַקן האָבן זיך גע־פּלייסט, געבראַכט „סחורה" און אין איין אויגנבליק זענען די פּעסלעך אויסגעליידיקט געוואָרן.

אַ לעגענדע?

און וואָס איז פדיון שבויים? אַ מת־מצווה? דען נישט קיין פעסלעך פול מיט גאָלד? דעם לעצטן טראָפּן בלוט האָבן ייִדן אָוועקגעגעבן אויף צו ראַטעווען אַ ייִדישן נפש, אָדער ברענגען אַ בר־מינן צו קבר־ישראל. דאָס איז געווען מעשים בכל יום. פּאַניע נעמט איין וואַרשע; אַ קנויל מיט רציחות, קאָזאַצקע נאַגייקעס הוליען, ייִדיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער, און עס איז דאָ נאָר איין וועג צו שטילן די תאווה פון די רויב־חיות; שטייט אויף ר׳ שמואל זביטקעווער, וואַרפט מיט געלט און ראַטעוועט ייִדן. ווייל וואָס אַנדערש מיינט דען ייִדישע ייִדישקייט! אָן דעם וואָלטן מיר דאָך נישט געהאַט די וועלט, די ערד זאָל אונדז טראָגן אויף זיך!

פאַראַן אַ דערהויבנקייט, וואָס ווען זי באַווייזט זיך, קומט רו אויף דער וועלט.

איר נאָמען איז גוטהאַרציקייט. אָפט מאָל ווען מיר קוקן זיך צו צו אַ נאַציאָנאַלער אָדער אַלמענטשלעכער שטרעבונג און גרויסע מענטש־לעכע טאָטן ווערט דאָס האַרץ אָנגעפילט מיט התפעלות און פאַרערונג, אָבער פון ערגעץ־ווו קריכט אַרויס אַ שאָטן פון דערוואַרטונג וואָס פאַר־טונקלט אונדזערע געפילן. אָט ווי דאָס פּובליקום אין טעאַטער וואָס קומט הנאה צו האָבן פון קונסט און מען ווייזט אים וואָס איר ווילט, נאָר נישט דעם עיקר, מאָנט ער זיין „בלויען פויגל״!

אָט, למשל, אַ בילדער־גאַלעריי, אָדער ווידער אַ גרויסער מענטש, אַ פּעיִקער, גרעסער צי קלענער, אַ גאון אויף דעם אָדער אויף יענעם געביט, אַלץ פיין, אָבער דאָס בילד בלאַנקט און שימערט, עס ציט פון איר מיט האַרציקער וואַרעמקייט; ווען עס דערשיינט, למשל, ר׳ נחומקע האָראָדנער, וואָס גייט זיך מיט זיין לאָמטערן ביי נאַכט אין אַ ביטערער קעלט, נאָך אַ תענית, אַ האַלב־פאַרחלשטער, געשליידערט פון שניי־שטורעם און טראָגט זיך צדקה פאַר אַן אָרעמען חולה. אָט פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ר׳ נחומקע פרייט זיך דאָס האַרץ. אָט ער האָט געפעלט! און איצט ווען ער איז געקומען, זענען מיר פעסט און זיכער.

און אָט איז די אמתע ייִדישע דינאַסטיע. ר׳ בער דער זון פון ר׳ שמואל, וועלכן מען האָט גערופן בערעק. ער איז שוין מער וואַרשעווער ווי פּראַגער. געבוירן אין 1764, איז ער בשעת דער סוואָראָוו־שחיטה אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק.

ער פאַרגרעסערט די ירושה, וואָס ער האָט באַקומען פון פאָטער. אַ גרויסער גביר, שטיין־רייך, דערצו אַ וויל־לערנער, אין 1810 באַקומט ער פון שטאָט־האַלטער, גענעראַל זאַיאָנטשיק, אַ פּריווילעגיע צו מעגן וווינען

אומעטום, קליידן זיך יִדיש און באַפּרייט ווערן פון גאָלן זיך. זאַיאָנטשיק איז אַ גענעראַל פון קאָשטשיושקאָס צייטן, געקעמפט אין נאַפּאָלעאָנס אַרמייען, אָנגעשטעקט זיך מיטן גייסט פון פרייהייט און געוואָרן אַ שטיקל אַפּיקורס. אַ הויזפריינד פון בערעק, איז ער גרייט צו דערלויבן אַלץ. אָבער ער מוז עס פאַרברענגען פאַרן צאַר, אַ קלייניקייט אַזאַ פּריווילעגיע! און אַלעק־סאַנדער דער ערשטער באַשענקט די פּריווילעגיע מיטן אויסדריקלעכן תנאי, אַז נאָר בערעק און נאָכן טויט זיין עלטסטער זון זאָלן געניסן פון גרויסן חסד.

געווען אַ פיינער ייִד, מיט לייב און לעבן, געגעבן ספרי־תורה אין די שולן, אַלע יאָר געווען חתן־תורה, אַ גרויסער בעל־דעה אין קהל־זאַכן, און פון דעסטוועגן וואָלט נאָך אים „אַ האָן נישט געקרייעט", ווי מען זאָגט עס, וואָס זשע, קנאַפּ שיינע יידן האָבן מיר געהאַט? קנאַפּ גבירים מופלגים אין תורה? בערעקן וואָלט מען פאַרגעסן ווען נישט זיין ווייב טעמערל.

טעמערל! אויב דו ביסט נאָר אַ שטיקל וואַרשעווער, ווייסטו געוויס דאָס שפּריכוואָרט, וואָס איז נישט אַראָפּ פון די ליפּן פון וואַרשעווער יידן: „טעמערל איז געווען רייכער".

שיין ווי אַ בלום, שטיל ווי אַ טויב, אַ גאָלדענע נשמה, פּרוכטבאַר ווי אַ וויינשטאָק, דריי זין: יעקב, מיכל, לייב (לעאָפּאָלד), געווען דוכט מיר נאָך אַ פערטער, נאָר איך געדענק מער נישט זיין נאָמען, און איין טאָכטער: פּערל־מירל. טעמערל איז אין דער ייִדישער לעגענדע פון וואַרשע אַ מין מוטער־רחל. וועגן בערעקן רעדט מען נישט פיל, בערעק איז געווען דער מאַן פון טעמערל, אַ מין „פּרינץ קאָנסאָרט" און דאָס איז גענוג. ער האָט געלאָזט פינף מיליאָן גילדן, דער גרעסטער טייל פאַר צדקה, קרנות אא"וו.

איך זע זיי אַלע ווי לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן, אָבער נאָך קלאָרער זע איך דעם המשך, עס איז שוין מיין קרייז, אייגענע מענטשן, אַלטע וואַרשע־ווער. ווער האָט זי נישט באַגעגנט אויף נאַוואָליפּקי, דזשעלנע, פּאַוויע, דזשיקע, ווען זי איז געגאַנגען אויף באַזוך צו מאַריאַ בלומבערג, אָדער שרה סלאָנימסקי, ציִ גאָר צו אונדז, ווען די „הצפירה" איז נאָך געווען אַ וואָכן־זשורנאַל? זי איז געווען אָרעם, אַלע מיליאָנען און „אייביקע פאָנדן" זענען פאַרלאָרן געגאַנגען, אָבער אויסגעזען האָט זי ווי אַ קעניגין אַן אַלמנה. אין איר הויב מיט די טונקל־בלויע בענדער, אין טערקישן שאַל, אַ מין אַלטער גאָבעלין, גייט זי זיך טריט ביי טריט ווי אין אַ יום־טוב פּראָצעסיע. אַ גאַנצער דור איז אויך געגאַנגען פון נאַוואָליפּקי דורך דזשיקע, אַ דור פול מיט אַלטן חן, מיט פּרעכטיקער קליידונג און חכמה. וואָלט איר זי באַדאַרפט הערן רעדן יידיש! עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם! מען האָט געשלונגען יעדעס וואָרט. נאָר צוויי פּערזאָן האָבן גערעדט אַזאַ יִדיש:

פערל־מירל און מיין באָבע יטע פון פלאַצק. און ווי זי האָט געקאָנט דערציילן! וועגן ערשטן מיאַטעזש, וועגן קאָנסטאַנטין, פּאַסקעוויטש, דעם אויפשטאַנד פון 1864, וועגן ר׳ בעריש מייזילס, מאַטיאַס ראָזען, קראַשעווסקי, דער רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״. אַלץ מענטשן וואָס האָבן געלעבט אַ שטורמיש לעבן, פון ווונדערלעכער טראַדיציע, זיי האָבן זיך געפילט ווי די יורשים פון די העלדן, וועגן וועלכע זיי האָבן דערציילט. איך פלעג זי אויפ־מערקזאַם הערן און נישט ווילנדיק אַראָפּלאָזן די אויגן אין פאַרערונג. אָט דאָס איז עכטע יִדישקייט! נישט אויף דער סצענע, נאָר אין לעבן, אין אמתן לעבן.

איר ערשטער מאַן איז געווען אַ גרויסער יחסן, ר׳ יששכר הורוויץ, דער פאָטער פון אונדזער יששכר בעריש הלוי איש הורוויץ. יששכר בעריש פאַרנעמט אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ צווישן די אַלטע משכילים און שטרענגע בעלי־דיקדוק, אַ בעל־מליצה און אַ פּאָעט, איר האָט אַלע געקענט אַזעלכע, אַ ווונדערבאַרע קאָמבינאַציע! אַן אייניקל פון בערעק, ס׳הייסט אַ פּוילישער פון פּוילן און אַליין דווקא אַ ליטוואַק, אַ געבירטיקער פון גראָדנע. אַ זון פון אַ מיליאָנערסקער פאַמיליע און אַליין כמעט אַן אָרעמאַן. פאַרצייטן געפירט אַ סך געשעפטן, אָבער כל־ימיו געבליבן אַ פּאָעט, געשריבן שירים אין „המגיד״, געמאַכט גוטע איבערזעצונגען אויף אַ ריינעם העברעיִש און געשריבן קלוגע אַפאָריזמען אינעם סטיל פון אד״ם הכהן און יהושע שטיינ־בערג. אַ סך יאָרן געווען אַן אַריינגייער צו מיר אין הויז. אויף דער עלטער האָט ער פיל געליטן, און וואָס האָט אים גאָר מקצר־ימים געווען איז דאָס, וואָס חברה האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ פרייען העברעיִש. נישט ווילנדיק האָב איך אים אויך פאַרשאַפט שברון־לב, ווען איך האָב אויך אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן דעם העברעיִשן מליציש־אַקאַדעמישן סטיל. פריִער איז ער געווען מיינער אַ הייסער חסיד, אָבער דער נייער סטיל האָט אונז ביסלעכווייז דערווייטערט, ווען אַפילו מיר זענען אין דער ווירקלעכקייט געבליבן פריינד, און איך דערמאָן זיין נאָמען מיט פאַרערונג און ליבע. מען וואָלט געקאָנט פיל שרייבן וועגן יששכר בערישן, אָבער איך דערמאָן אים דאָ נאָר ווי איינעם פון די בערגסאָנס, פון דער מוטערס צד — אַ ווונדערבאַרער גלגול פון ר׳ שמואלן.

דער נאָמען בערגסאָן — ריכטיקער וואָלט געווען בערעקסאָן, — קומט פון ר׳ בער, דעם זון פון ר׳ שמואל. איך האָב פריִער דערמאָנט די זין פון ר׳ בער: יעקב, לעאָפּאָלד און מיכל. וועגן די ערשטע צוויי האָב איך געהערט אַ סך מעשיות, די אָריגינעלערע פון פערל־מירלען, די ליטעראַרישע און ווייניקער אָריגינעלע פון יששכר בערישן. יעקב איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה,

אַ ווויל־לערנער, אַ צוריקגעצויגענער מענטש. מיכלען האָב איך געקענט פערזענלעך. ווען ער איז שוין געווען אַן אַכציקער; ער איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. געבוירן אין 1818 אין וואַרשע. אין 1825 האָבן אַלע ברידער באַקומען אַ פּריווילעגיע צו מעגן וווינען אומעטום און קליידן זיך ייִדיש, ס'הייסט, אַז אין זיין קינדהייט האָט אויך מיכל געטראָגן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אָבער ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מוזיקער.

פון דער פּריווילעגיע, פון דער קאַפּאָטע, פונעם פּאַרמעגן, איז מיכל אַנט־לאָפן — ווי פּערל־מירל פלעגט עס זאָגן — צו די קלעזמער. און ער האָט זיך פאַרליבט אין יענעם גאונישן קלעזמער, וואָס מען האָט גערופן שאָפּען, אין יענער זיסער טרוימערישער מוזיק, אין וועלכער די נשמה פון פּוילן דריקט אויס דאָס האַרמאָנישע געזאַנג פון אירע יסורים און האָפענונגען. דער זון פון טעמערל איז געוואָרן דער פּאָגען־טרעגער פון יענעם גאונישן זון פון אַ פראַנצייזישן פאָטער און אַ פּוילישער מוטער, אין וועמענס נשמה דער מאַמעס איז געווען דער שטאַרקסטער. וואַרשע איז נאָך נישט געווען צוגע־פּאַסט פאַר אַזאַ ענדערונג און מיכל בר׳ בער פאַרט אַוועק קיין אויסלאַנד. דער וואַרשעווער יונגערמאַנטשיק, אַן אייניקל פון ר׳ שמואל מיט די צוויי פּעסלעך גאָלד און אַ זון פון דער רייכער צדקנית — טעמערל, אַ לייבלעכער ברודער פון פּערל־מירל, אַ פעטער פון העברעישן בעל־מליצה, „אונדזער" יששכר־בעריש, איז געווען דער ערשטער צו פּאָפּולאַריזירן שאָפּענס שאַפונגען איבער אייראָפּע. אַליין אַ קאָמפּאָזיטאָר, נאָך מיט דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן, איז ער אַוועק איבער פראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע, ענגלאַנד און אומעטום געבראַכט מיט זיך די מוזיק פון שאָפּען, אַ טיפע צאַרטע מוזיק, תהילים־געזאַנגען פון פּוילישע פידלען, זאַנגענגרינס פון פּוילישע פעלדער, דאָס געזאַנג פון העלדן אין געפאַנגענשאַפט, בענקעניש פון פּוילישע עמי־גראַנטן, בליענדיקע, האַרציקע הימנען, געזאַנג פון בלומען און נשמות, סודות פון די נשמה־טיפענישן. דער זיידע האָט געוואָרפן מיט געלט אויף פּדיון־שבויים אין פּראַגע, די מאַמע האָט באַפּוצט און באַשיינט שולן אין וואַרשע, די שוועסטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַ ליטווישן למדן, און דער זון שרייבט געזאַנגען פון אַזוי פיל און אַזוי פיל נאָטן אין קאַדענצן און ברענגט אַריין זביטקאָוו מיט שאָפּענען אין דער וועלט־מוזיק.

אַ סך אַרומגערייזט, פיל געאַרבעט, ביז ער האָט דערגרייכט צו פאַרנעמען דעם אַמט פון קאָנסערוואַטאָריע־דירעקטאָר אין בריסל, ווו ער האָט אַקטויִרט אַ סך יאָרן, פון דאָרט איז ער געפאָרן קיין פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד, געוואָרן באַרימט ווי אַ ווירטואָז, נאָך מער ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר, אָנגעשריבן צוויי גרויסע אָפּערעס: „לואיז דע מאנפאר", און „סאַלוואַטאָרע דע

דאסא", אַ סך עטיודן, געזאַנגען, הימנעס, מאַרשן. באַפריינדעט געוואָרן מיט די גרעסטע מוזיקער פון זיין צייט און באַזעצט זיך אויף דער עלטער אין לאָנדאָן. זיין פרוי איז געווען אַן ענגליש־יידיש קינד, די צווייטע טאָכ־טער פון ד"ר לעווינסאָן, ער האָט געהאַט אַן אייגן הויז אין לאָנדאָן, אין שעפערדסבוט, דאָרט האָב איך זיך מיט אים באַקענט אין 1896.

ער האָט געבענקט נאָך וואַרשע, נאָכגעפרעגט זיך ווי זעט אויס דער בית־עלמין וואָס הינטער די פילאַרן, ביים אייזערנעם טויער, אין שיליץ, זיין פויליש איז געווען מליצהדיק אָבער מיט אַ סך גראַמאַטיקאַלישע גרייזן, אויסגעזונגען מיט אַ פראַנצייזישן ניגון, באַהויכט מיט אַ יידישן טאָן, מיט וואַרשעווער געכאָרכלטע ריישן, אַן אַריסטאָקראַטישער קינסטלער ביז די שפּיצן נעגל, און ווען ער פלעגט רעדן וועגן שאָפּען, פלעגט ער ווערן ווי אַ בחורל פון צוואַנציק יאָר, די בעקלעך האָבן געפלאַמט, די גלי־ענדיקע, יידישע, יידיש־פוילישע אויגן האָבן געגליט ווי קוילן. איך האָב אים אַ סך דערציילט וועגן וואַרשע, ער האָט זיך אַ סך אינטערעסירט מיטן בית־עלמין, וואָס אויף וואָליע־גאַס, ווו זיין פלימעניק מיכל, דער זון פון גמינע־פּרעזעס, האָט פלייסיק און ערנטלעך געהערשט און מיט די אַרגעטס־הייזער, ווו זיין צווייטער פלימעניק סאַמועל איז געווען פּרעזידענט, און מיטן פאַר־באַנד פון „האַנדלס־אַנגעשטעלטע פון משה־רבינוס גלויבן", אין וועלכן איך האָב אָנטיילגענומען אין משך פון יאָרן.

געשטאָרבן איז ער אין לאָנדאָן אין 1898 שטיל, ווי איינער וואָס דרעמלט איין, ווי מען ציט אַרויס אַ האָר פון מילך, זיינע פריינד האָבן מיר דערציילט, אַז נאָך אַ טאָג פריער האָט ער געשפּילט שאָפּענס אַ נאָקטורן. זיין פרוי, קעט האָט מען זי גערופן, האָט אים פיל איבערגעלעבט.

אין 1900 בין איך געקומען אַ צווייט מאָל קיין לאָנדאָן צום ציוניסטישן קאָנגרעס. פאָרנדיק פון „סעסיל האָטעל" צו „קווינס האָל" דורך אָקספאָרד־גאַס, ווערט מיין קאָטש פאַרהאַלטן צוליב עפּעס אַ טראַפיק־אַקצידענט. און מיט אַ מאָל — ווער זע איך? מיכל בערגסאָן, אונדזער צוקונפטיקן גמינע־פּרעזעס, אַן אַלטער פריינד מיינער, ווערט ששון־ושימחה, איין קליי־ניקייט, פּאַניע מיכאַליע! וואָס זשע טוסטו דאָ? — פרעגט ער מיך. און איך ענטפער מיט אַ ביסל פאַרדרוס, וואָס איז שייך, אַ ציוניסטישער קאָנ־גרעס! איז מעגלעך, אַז דו ווייסט גאָר נישט, אַז דאָ קומט זיך צונויף דער קאָנגרעס?! „יאָ", ענטפערט ער מיר אין פויליש: "צאָש סליכאַלעם" (עפּעס געהערט). און דו? — פרעג איך אים, „איך זוך מיין משפחה, די מומע קומט".

ער איז נישט געווען ר' שמואל זביטקעווער, אַפילו נישט ר' בערעק,

אָבער אַן אָרנטלעכער מענטש געווען, אָרנטלעך ביזן גרונט, אַ מוסטער־האַפטער כלל־טוער. יושר, פּינקטלעכקייט, פײַנקייט, אָרנטלעכקייט אין געשעפט און אין כלל־אַרבעט. פלעגט גיין אין שול, פאַסטן יום־כפּור, האָבן פּתיחה צו נעילה. אַ שטאַרקער כאַראַקטער, אַן אַסימילאַטאָר, אָבער טיף אין דער נשמה — אַ פרומער ייִד. זיין ברודער, שמואל — עטוואָס אַ קרענקלעכער, ווייניק ענערגיש, אָבער גוטע כוונות און אַ מענטש אַ פאַרשוין. און נאָך איין ברודער — יוזעף, אַ באַנקיר, אַן אַריסטאָקראַט, דיסקאָנטאָ־באַנק, אַריינגייער צו לורסן, פראַנצייזישע צייטונגען, פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, אַ מפונק, אַן עסטעט, קיין באַציִונג צו ייִדישע ענינים.

פון די ייִנגערע בערגסאָנס האָב איך מיטגעאַרבעט אין אייניקע קאָמיטעטן מיט גוסטאַוון, אַ הויכער בלאָנדין, קורצזיכטיק, טראָגט אַ בינאָקל, אַ גאַנצער דזשענטעלמען לויטן באַגריף פון יענע צייטן, אַן אַסימילאַטאָר נאָר אויפן מערב־אייראָפּעיִשן שטייגער, אַ לייטישער מענטש, אָבער זיין פּרוּוי איז קעגן דעם, אַז דאָס בילד פון זיידן מיט באָרד און פאות זאָל הענגען אין זאַל, האָט מען בערעקן געבעטן מחילה אין קיך אַריין. דאָ האָקט זיך איבער דער פאָדעם פון דערינערונגען, איך וויל דאָך אייך נישט דערציילן, וואָס איר ווייסט שוין, נאָר דאָס פאַרבאָרגענע, דאָס נישט גענוג דערקלערטע.

לאָמיר זיך אָקאָרשט אומקערן צו אונדזער שאָפּען, צו מיכלען. צוויי זין האָט ער געהאַט. איינער, ווייניקער באַקאַנט, איז געווען אַן ענגלישער שרייבער, געשריבן אונטער פּסעוודאָנימען, נישט אויפגעטאָן קיין גרויסע זיבן זאַכן, פאַרבליבן אַן אַנאָנים. אַ פיינער באַשיידענער מענטש. דער צווייטער איז דער עיקר, דאָס איז פּראָפעסאָר אַנרי בערגסאָן. ער איז געבוירן געוואָרן, ווען זיינע עלטערן האָבן געלעבט אין פראַנקרייך, איז ער אַ פראַנצויז. זיין מוטער, די טאָכטער פון ד״ר לעווינסאָן, איז אַ ייִדיש־ענגלישע דאַמע, פון דאַנען זיינע טיפע קענטענישן הן אין דער פראַנצייזישער, הן אין דער ענגלישער שפּראַך. וואָס בערגסאָן באַדייט פאַר אונדזער דור, איז איבעריק צו זאָגן. ער איז דער הערשער פון דער פילאָזאָפיע, דאָס גרויסע ליכט פון דער סאָרבאָן, פון דער פראַנצויזישער אַקאַדעמיע. ער איז אַ וועלט־פאַרזאָרגער, אַ וועגווייזער. אין קעניגרייך פון גייסטיקע וויסנשאַפטן קיניגט טעמערלס אַן אייניקל.

דער עיקר פון בערגסאָנס לערע איז, אַז דער מענטשלעכער שכל איז בשום־אופן נישט די העכסטע מדרגה פון מענטשלעכער שלמות, און אַז מיטן שכל אַליין קאָן דער מענטש דעם אמת נישט באַגרייפן. לויט בערגסאָנען איז דער שכל די מענטשלעכע פעיִקייט צו אויסטיילן און צו קלאַסיפיצירן די אַלע זאַכן וואָס רינגלען אים אַרום, לויט זייערע פאָרמען און אייגנשאַפטן,

באַצייכענען זיי מיט באַזונדערע נעמען און אַנטפּלעקן די געזעצן וואָס באַשטימען זייער פאָרעם און דעטערמינירן זייער פּאַסירונגען. אָט אויף די יסודות איז באַגרינדעט די מענטשלעכע פאָרשונג פון די אַלע זאַכן און די מעגלעכקייט צו באַהערשן זיי און נוצן זיי צו מענטשנס גונסטן. אָבער נישט די שפּראַך און נישט די וויסנשאַפט, אויך נישט דער שכל, אויף וועלכן זיי באַזירן זיך, איז פעיִק צו דערגרונטעווען דעם אמתן אינערלעכן מהות פון די זאַכן. דאָס קאָן נאָר דערגרייכן די פילאָזאָפיע, וואָס איז גרינטלעך פאַר־שיידן פון וויסן. די וויסנשאַפט איז אויסערלעך און אוטיליטאַריסטיש, די פילאָזאָפיע איז תורה לשמה, זי איז פּראַקטיש, אָבער זוכט נישט קיין שום נוצן. דער כוח, דורך וועלכן מען קאָן דערגרייכן אָט דעם נוצלעכן תכלית, איז נישט דער געוויינלעכער שכל, וואָס גיט זיך אָפּ נאָר מיט דער אויסער־לעכקייט פון די קעגנשטאַנדן, נאָר אַ גאַנץ אַנדער כוח, וואָס מען רופט אינטויציע. דורך אינטויציע קאָן דער מענטש תופס זיין דעם טיפן דופק פון וועלט־לעבן. פון נויט און פון יאָגעניש צו באַפרידיקן די נויטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן באַטראַכט זיך דער מענטשלעכער שכל פאַר אַ „כל־יכול" און שטרענגט זיך אָן און וואַקסט אויפן חשבון פון אויסטערלישן און הויכן כוח פון אינטויציע. נאָר מאָמענטנווייז אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער אמתער מהות פון אונדזער דאַזיין, דער פּלאַץ, וואָס מיר פאַרנעמען אין דער נאַטור, אונדזער אַנטשטייונג און אפשר אויך אונדזער תכלית. קנאַפּ איז די ליכט, די לאַמטערנע איז כמעט אויסגעלאָשן, און פלאַקערט אויף נאָר צייטנווייז און אויף סעקונדן, אָבער זי שניידט דורך די נאַכט־פינצ־טערניש, אין וועלכער מיר זענען פאַרזונקען צוליבן שכל.

אין איינער פון זיינע ערשטע שאַפונגען שרייבט בערגסאָן: „עס איז נישטאָ קיין שום ערנסטע פילאָזאָפישע שיטה, וואָס זאָל נישט זיין באַלעבט, לכל־הפּחות טיילווייז, דורך דער אינטויציע". די לאָגיק איז נייטיק אויף צו קאָנטראָלירן די אינטויציע, זי איז אויך נייטיק אויף צו דערמעגלעכן, אַז די אינטויציע, זאָל קומען צום אויסדרוק אין באַשטימטע פאָרמען און קאָנען איבערגעגעבן ווערן פון מענטש צו מענטש, אָבער זי קאָן נאָר אַנטוויקלען וואָס די אינטויציע, וועלכע שטייט אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, האָט אַנטדעקט. די דאָזיקע צוויי פונקציעס: לאָגיק און אינטויציע זענען זיך אין תוך קעגנעריש, און זיי קאָנען נישט ווירקן אייניייטיק און צוזאַמען. דאָרט ווו עס הערשט די לאָגיק, האָט די אינטויציע נישט וואָס צו טאָן... ווען עס וואָלט מעגלעך געווען אָנצוהאַלטן די אינטויציע מער ווי געציילטע מאָמענטן, וואָלטן מיר געהאַט די זכיה צו זען, נישט נאָר ווי יעדער איינציקער פילאָזאָף דערגענצט גלייך אַלע זיינע געדאַנקען, נאָר

ווי אַלע פאַרשיידענע פילאָזאָפן קומען צו איינשטימיקייט. אָבער ווי מאָ־מענטאַן און בליצאַרטיק די אינטויציע זאָל נישט זיין, איז זי די איינציקע וואָס האָט אַ ווערט אין יעדער פילאָזאָפישער שיטה.

און עס איז קיין ווונדער נישט, וואָס בערגסאָנס טעאָריע וועגן דער אינ־טויציע האָט, חוץ איר וויסנשאַפטלעכן ווערט, אויך געווירקט מאַגנעטיש מיט איר אינערלעכער, קוואַלנדיקער פּאָזיציע. פּאַריז האָט געקאָכט. אַלע סאַלאָנען, אַלע קאַטוילישע דאַמען האָבן גערודערט. אין דער אמתן איז בערגסאָנס טעאָריע אַזוי גוט ייִדיש ווי קריסטלעך. מען קאָן לויט איר נישט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון רעליגיע, אַ שטריך פון מיסטעריע, אינטויציע, רוח־הקודש, דער שכל איז וואָך „פאַרלאָז זיך נישט אויפן שכל", „מצוות דאַרפן האָבן כוונה", „גאָט דאַרף האַרץ" און ענלעכע מאַמרים קומען אַרויף אויפן געדאַנק פון יעדן יודע־ספר.

בערגסאָן האָט דאָס אַלץ נישט געוווּסט. אומגלייביקער, רעליגיאָנסלאָזער, אַ געלערנטער, אַ מאַטעמאַטיקער און לאָגיקער, האָט ער פון אַלע מימרות גאָרנישט געהערט, נישט געזוכט קיינעם צו געפעלן, נאָר צופעליק געקומען צו אַן אויספיר וואָס צעשמעטערט דעם ראַציאָנאַליזם. אפשר האָט ער עס געהאַט אין בלוט? לויט דעם, אַז יעדע גרויסע פּערזענלעכקייט איז אַ פּראָדוקט פון איר ראַסע, פון איר סביבה, פון איר צייט, אָדער פון די אַלע דריי פאַקטאָרן צוזאַמען, — קומט דאָך אויס, אַז קיין אָריגינאַליטעט איז גאָר נישטאָ בנמצא. ווייל אויב עס איז אמת, אַז די גרויסע פּערזענלעכקייט איז נאָר אַן איבערח־זרונג פון זייגע אורעלטערן, ווו זשע איז דער מקור? ווער זשע איז דער אמתער מחדש? אויב „איין צוואַנג איז געמאַכט מיט אַ צווייטער", ווער זשע האָט געמאַכט די ערשטע צוואַנג? איך האַלט, אַז טענס טעאָריע איז אויך נישט תורת־משה, אַ שטיקל אמת, אָבער טאַקע נאָר אַ פּיצעלע, שטעקט אין איר געוויס און דאָס איז גאָר קיין חידוש נישט. בעיקר אין באַצוג צו ראַסע... לאָמיר נישט מגזם זיין. ווייל יעדע גוזמא איז סוף־כל־סוף אַ קאַריקאַטור.

איך דערמאָן זיך, אַז אין 1908 בין איך געווען אין פּאַריז און באַזוכט אונדזער אַלטן לערער, דעם פאַרשטאָרבענעם מאַקס נאָרדוי. מיר האָבן געשמועסט וועגן ציוניזם און אויך אַ ביסל וועגן ליטעראַטור. בערגסאָן האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אַריין אין מאָדע. זיין קאַריערע איז געווען די געוויינלעכע קאַריערע פון אַ דערפאָלגרייכן פראַנצייזישן פּראָפעסאָר. געבוירן אין 1859, צו 22 יאָר אָנגעקומען אין „עקאָל נאָרמאַל סופּעריער", נאָך דעם געוואָרן גימנאַזיע־פּראָפעסאָר אין פּאַריז, אין פּראָווינץ. צו פערציק יאָר געוואָרן פּראָפעסאָר אין דער „נאָרמאַל שולע", ווו ער האָט אַמאָל געלערנט. אין

1900 ווערט ער פּראָפעסאָר אין „קאָלעדזש דע פראַנס", אַ מיטגליד פון „אינסטיטוט דע פראַנס". 1908 ווערן זיינע ווערק צום ערשטן מאָל איבער־געזעצט אין ענגליש. דעם זעלבן יאָר ווערט אָפּגעהאַלטן אין היידעלבערג דער דריטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון פילאָזאָפן. עמיל בוטרע רעפּערירט דאָרט וועגן דער נייער פראַנצייזישער פילאָזאָפיע, זינט 1867, און באַטאָנט צום ערשטן מאָל דעם גרויסן איינפלוס פון בערגסאָנס געדאַנקען. בערגסאָן אַליין האָט זיך נאָך אין יענעם קאָנגרעס נישט באַטייליקט. ער איז געקומען ערשט צום פערטן קאָנגרעס, אין בריסל, און האָט דאָרט געהאַלטן אַ קורצן פאָרטראָג, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט פיל בייפאַל. אָבער אין פּאַריז איז ער שוין געווען באַרימט אויך אין 1908. אונדזער נאָרדוי, דער ראַציאָנאַליסט, דער שאַרפער מתנגד, האָט געשאָטן מיט פייער קעגן דער בערגסאָן־עפּידעמיע. דער פּראָפעסער פון דער „אַנטאַרטונג" האָט זיך געהאַט זיין שיטה, און נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרטיפן זיך אין די ענינים. עס איז אָבער כדאי צו פאַרצייכענען איין שטריך: „די פראַגע פון ראַסע". נאָרדוי האָט מיר אין יענעם געשפּרעך געזאָגט מיט זיין סטיל, וואָס איז געווען ווי אַ האַמער וואָס צעברעקלט אַ שטיין, אַז זיינע טרוימערייען האָט בערגסאָן געירשנט פון זיינע אָבות־אבותיו, וואָס זענען געווען פּאָנאַטישע רביים, טרוימערס. איך האָב אים דערקלערט, אַז ער מאַכט אַ טעות. איך האָב מיר אָבער נישט געקאָנט דערקלערן, פון וואַנען קומט צו אים אָט דער טעות. ערשט אין אַ צייט אַרום איז מיר געקומען צו דער האַנט דער אַמעריקאַנער זשורנאַל „די דזשוּאיש עקספּאָנענט" מיט אַן אַרטיקל פון איזאַק הוסיק, וועלכער זאָגט אַרויס די מיינונג, אַז ר' שמואל זביטקעווער איז געווען אַ פלאַמפּייערדיקער חסיד; ער באַזירט זיך אויף דער מיינונג פון באַקאַנטן יידישן זשורנאַליסט פּיטער ווערניק, וועלכער האָט וועגן דעם ענין פּאַרעפנט־לעכט אַן אַרטיקל אין זשורנאַל „דער אַמעריקאַנער" און האָט אַגב פאַרביטן ר' בער בר' שמואל מיטן באַרימטן יידישן העלד בערעק יאָסעלעוויטש. איך ווייס נישט וועגן קיין שום דאָקומענט, וואָס זאָל באַשטעטיקן, אַז בערגסאָנס אורעלטערן זאָלן האָבן געווען רביים אָדער חסידים, ווי אויך נישט אַז ר' שמואל זאָל האָבן געווען אַ הייסער חסיד. ר' שמואל איז געוויס געווען אַ פרומער ייד. אפשר האָט עד געדאַוונט „נוסח ספרד", אָדער אונטערגעשטיצט וועלכן ס'איז־נישט רבין, אָבער פון דעם אַלעמען קאָן מען נישט ציִען קיין שלוסן וועגן זיין חסידות. איין זאַך ווייס איך יאָ פון די דערציילונגען פון פערל־מירל: אירע עלטערן ר' בער און טעמערל האָבן זייער געהאַלטן פון ר' יצחקן, דעם באַרימטן וואָרקער צדיק, וועלכער איז אויך געווען איינער פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט אָפּגעהיט די פאַרוועדונג פון די צדקה־פאָנדן,

וואָס ר' בער און טעמערל האָבן געלאָזט בירושה. דערפון קאָן מען משער זיין אַז זיי האָבן אים ביי זייער לעבן שטאַרק פאַרערט, אָבער עס איז נאָך נישט געדרונגען, אַז ר' בער זאָל האָבן געווען אַ הייסער וואָרקער חסיד. ווי אין אַלע גרויסע משפחות פון יענער צייט זענען אויך צווישן די בערגסאָנס געווען פרומע און פרייע, און דער ריס צווישן די טיילן איז געווען אַזאַ, אַז זיי האָבן כמעט זיך נישט אָנגעקערט איינע מיט דער צווייטער, און עס זענען געוויס פאַראַן אין וואַרשע ווי אין דער פּראָווינץ אַ סך פרומע יידן וואָס שטאַמען פון דער פאַמיליע בערגסאָן. איינעם פון זיי געדענק איך — אַ משכיל, נאָר מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, פלעגט שרייבן אין „הצופה להמגיד" און האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל איבער „די היסטאָריע פון דער פאַמיליע בערקזאָן". סיי ווי סיי, דאָס חסידות פון בערעקן גופא איז אין ספק. זיין זון מיכל, דער פאָטער פון אַנרי בערגסאָן, איז געווען גאָר אַ פרייער, אַזוי אַז זיין שוועסטער פערל־מירל פלעגט זיך באַקלאָגן, אַז „ער איז צו ווייט אַוועק..."

נישט אין אויסגעטראַכטע רביים, אָדער אין איבערטרייבונגען פון הייסער חסידות איז דער שליסל צו פאַרשטיין די ראַסן־פּסיכאָלאָגיע פון בערגסאָנען. מיכל איז נישט געווען קיין חסיד פון וואָרקע, נאָר פון שאָפּען, איינער פון די ערשטע חסידים שאָפּענס אין אייראָפּע. שאָפּען איז געווען פון געבורט אַ וווּנדערבאַרער ראַסן־מישלינג. מיכל, לויט זיין פאַמיליע, לויט שטורעמדי־קער יוגנט אין געטאָ, לויט זיינע וואַנדערונגען און פילפאַרביקער קינסטלער־נאַטור איז געווען אַן אָריגינעלער מישלינג, און אַנרי, ביי וועלכן עס זענען נאָך צוגעקומען די ענגלישע השפעה דורך דער מוטערס צד און דער איינפלוס פון פראַנצייזישער קולטור און דערציונג, איז נאָך אַ מער קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט. און עס איז נייטיק אַ זייער גרויסע אינטויציע אויף צו באַגרייפן די דינסטע שאַטירונגען. אָבער נישטאָ קיין ברירה, אָן דעם קאָן מען דאָס פּראָבלעם נישט באַגרייפן. און טראָץ אַלעמען איז די גרונטפאַרב פון די אַלע פאַרשיידענע קאָלירן — אונטערבאַוווּסטזיניק ווי ביי שפּינאָזע דעם „מאַראַן" — ספּעציעלער מין פון וואַרשעווער יידיש־גבירישער אַריס־טאָקראַטישקייט, אַ רייך־געוועבטער, מיוחסדיקער גאָבעלין, וואָס האָט זיך זיין אייגענע אַטמאָספער. פעסלעך מיט מטבעות אַרויסגעשטעלט אין דער עפנטלעכקייט. ביי ר' שמואל זביטקעווער — פשוטע מטבעות; ביי זיין אור־איייניקל אַנרי בערגסאָן — מטבעות פון געדאַנקען, און אַלץ באַשיידן, מיט אַריסטאָקראַטישער איינפאַכקייט, וואָס קיין שום אויפגעקומענער גביר, סיי אַ מאַטעריעלער, סיי אַ גייסטיקער, סיי אַ פּאָליטישער, קאָן נישט נאָכמאַכן. צווישן די אַלע פאַקטאָרן, אינערלעכע און אויסערלעכע, וואָס האָבן באַ־

וויגן אַמעריקע אַריינצוטרעטן אין ערשטן וועלטקריג אויפן צד פון די פאַרבינדעטע, זענען עס געווען צוויי מענטשן, איינער געשיקט פון ענגלאַנד, דער צווייטער פון פראַנקרייך, וואָס האָבן געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפעה אויף פרעזידענט ווילסאָן: באַלפור און בערגסאָן. דער ערשטער, דער פאַר־נעמסטער און רעספעקטפולסטער פון אַלע שטאַטסלייט אין דער וועלט, אַ פאַרליבטער אין פילאָנטראָפיע, אַ הויכער אוניווערסיטאַריער, אַן אַריסטאָ־קראַטישער איזראַעליסט פון ר׳ איזראַעליס חדר, צו דעם אַלעמען אַ רעאַל־פּאָליטיקער פון דער בריטישער אימפּעריע, דער ערשטער גרויסער ציוניסט ביי קריסטן; דער צווייטער — אַ שעפער פון אַ נייער פילאָזאָפישער שיטה, וואָס האָט דערעפנט אַ נייע עפּאָכע, אַ טיפער אומפאַרגלייכלעכער דענקער, וואָס זיין פילאָזאָפישער סטיל און רייכע מליצה גיסן זיך ווי אַ מיסטישע מוזיק. אָט די צוויי פּערזאָן האָבן געקאָנט אַמבעסטן באַאיינפלוסן דעם דעמאָלטיקן אַמעריקאַנער פרעזידענט ווילסאָן, וואָס איז אַליין געווען מער פּראָפעסאָר ווי פּאָליטיקער, אַ הומאַניסט און פילאָזאָף. די מיניסטעריומס מיט זייערע געזאַנדטעטע, דער גאַנצער דיפּלאָמאַטישער אָרקעסטער און נאָך ווייניקער דאָס קנאַלן פון קאַנאָנען און שווערדן־געקלימפּער, האָבן נישט געקאָנט באַווייזן דאָס, וואָס אָט די צוויי דענקער האָבן דערגרייכט. ווער ווייס, צי אָן זיי וואָלט זיך דער ערשטער וועלטקריג נישט געווען נאָך לענגער פאַרצויגן, און נאָך שרעקלעכער וואָלט געווען דער חורבן פון דער אייראָ־פּעיִשער קולטור.

נאָך פאַר זיין באַזוך איז בערגסאָן געווען באַקאָנט און באַליבט אין דער וויסנשאַפט־וועלט צווישן פּראָפעסאָרן און סטודענטן אין צפון־אַמעריקע. דער גרעסטער אַמעריקאַנער פילאָזאָף און פּסיכאָלאָג, וויליאַם דזשיימס, איז געווען דער ערשטער צו ברענגען פאַרן ענגלישן לייענער בערגסאָנס טעאָריעס. די פּראַגמאַטישע שיטה, אַ ריין אַמעריקאַנישע שאַפונג, האָט אים באַטראַכט פאַר איינעם פון אירע באַגרינדער. אין 1913 איז בערגסאָן איינ־געלאַדן געוואָרן פון צוויי אוניווערסיטעטן, קאָלומביע אין ניו־יאָרק און האַרוואַרד אין באָסטאָן, אויף צו געבן פאַרטראַגן. די קאָלומביע־אוניווער־סיטעט האָט אים באַערט מיטן טיטל „ד״ר אין ליטעראַטור״.

מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט אַ לאַנגן, זייער האַרציקן שמועס מיט אַנרי בערגסאָן, וואָס צייטונגען האָבן דאַן צעליגנערט און צעבלאָפט. מען כאַפּט אויף אַ וואָרט, אַן אויסדרוק, מען מאַכט דערפון אַ שרייענדיק קעפּל און שוין! זאָלט איר מיר אַלע אַנטשולדיקן! דער ריינער אמת איז, אַז פּראָפעסאָר בערגסאָן איז נישט געוואָרן קיין אַנדער זאַך ווי דאָס, וואָס ער איז פון געבורט. ער איז אַ ייִד, זיין פרוי איז אַ ייִדישע, און ער האָט גרויסע

און טיפע אַלמענטשלעכע אידעאַלן. ער שטייט כמעט איבער אָרט און צייט, ער זוכט דעם עצם־תוך. ער איז אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט ווי זיין פאָטער, מיט מוזיקאַלישער איידלקייט דרינגט ער אַריין אין די טיפסטע סודותפולסטע נשמה־קעמערלעך. זיין פילאָזאָפיע איז אַן אוצר פון פּאָעזיע. זיין נשמה איז דערהויבן און באַשיידן. ער איז נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, עס איז צו וואָכעדיק פאַר אים. און זאָל ער זיין ווי ער איז און ווו ער איז, צי ער פאָרט יאָ, אָדער פאָרט נישט קיין ירושלים; עס איז נישט אויסגעשלאָסן, ער זאָל אין אַ געוויסן טאָג אַהער אָנקומען, דער כוח פון ירושלים קאָן משפיע זיין.

אָבער איך ווער אויפגערעגט, ווען אַן ענציקלאָפּעדיע אָדער אַ ביאָגראַף ווינקען שעמעוודיק אָן אַז: „לויט איך האָב געהערט, לויט מען זאָגט, איז פּראָפעסאָר בערגסאָן פון יידישער אָפּשטאַמונג״, אָדער ווען עמעצער פרעגט מיך: „איז עס אמת וואָס מען זאָגט, אַז פּראָפעסאָר בערגסאָן האָט עפּעס אַ שייכות מיט יידן?״, „יידישע אָפּשטאַמונג״, „מען דענקט״. מיינע בייזע חלומות אויף זייער קאָפּ! וואָס הייסט „מען איז זיך משער״, „אָפּשטאַם״? אַוודאי איז ער אַ ייד! און נאָך אַ פּוילישער דערצו! ווי דען זשע אַנדערש? דער אייניקל פון אונדזער ר׳ בער מיט אונדזער טעמערל, אַ טיפּ פון אַ פּראַגע־וואַרשעווער משפחה, ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך אויף ר׳ בערן, און די צניעות פון דער באָבען, און די גרויסע, טיפע אויגן פון פּערל־מירל, און דער שטערן פון יוזעף (דער באַרימטער דיריגענט), וואָס קאָן ער דען אַנדערש זיין? צי ער וויל, צי ער וויל נישט, אַ ברירה האָט ער? צעפלויגן זיך וואַרשעווער יידן איבער אַ וועלט, ווי די פייגעלעך! פון „פּריווילעגיעס״ ביז „אַקאַדעמי דע פראַנס״. אין פרעמדע נעסטן: גאָלד פאַר קאָזאַקן, פּיאָנערן פאַר מוזיק, פילאָזאָפיע פאַר אַ וועלט.

אוי, וואַרשע. אַלט־וואַרשע!

חיים יחיאל באַרנשטיין

[א]

איך בין נאָך געווען יונג און צאַרט, ווען איך האָב געהערט וועגן אים רעדן מיט העכער פופציק יאָר צוריק דאָס ערשטע מאָל אין מאַקאָוו, אין פוילן. די קלאַנגען זענען געקומען פון „מרחקים": קאָזשעניץ, מאָגעלניץ און נאָך אַזעלכע מפורסמדיקע מקומות צוליב די אַדמו"רים. די משכילים — אפשר אַ האַלבער מנין, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אַרום דער פּאָן פון ר' אברהם יאָסל ראָזענטאַל זכרונו לברכה, דעם מגידס אַן אייניקל — האָבן דערציילט נסים־ונפלאות וועגן דער „פּרעכטיקער בלום, וואָס האָט זיך צעלאָזט פון צווישן שטיינער פון פינצטערניש און טויטשאָטן". און די חסידים, די מערהייט פון שטאָט, האָבן טיף אָפּגעקרעכצט. ער איז געווען, — האָבן זיי מיר דערציילט, זיפצנדיק, — אַ האַרציקער בחור מיט פיינע מידות און געגאַנגען אויפן דרך־הישר, האָט חתונה געהאַט מיט אַ לייטישער פרוי, אַ חסידס אַ טאָכטער, איז געווען אַ „תורה־איידעם", ס'הייסט, האָט געגעסן קעסט ביים שווער, כדי צו קאָנען זיצן און לערנען, און איז אַרויס לתרבות־רעה. מע זאָגט אויף אים, — האָבן זיי צוגעגעבן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון די קליפּות. אַן עבירה, אַן עבירה, אַ שאַרפער מוח, און אויך אַ האַרץ אַ גוטס, אָבער פאַרפאַלן! אַן אַפּיקורס, וואָס גאָרנישט וועט אים שוין נישט העלפן!

איך האָב געגאַרט זיך צו דערוויסן, צוליב וואָס אָט די גרויסע ציטערניש, ווייל איך אַליין האָב זיך געפונען אין דער דאָזיקער סכנה. פון די חסידים האָב איך נישט געקאָנט אַרויסקוועטשן אַפילו אַ טראָפּעלע ידיעה. „ער פאַרלאָזט זיך נישט די פאות און זיין אָנטועכץ דערגרייכט אים נישט ביז די קנעכל". „הכצעקתה"? — איז וואָס איז דער ליאַרעם אַזוי גרויס? מיר האָט דאָס־אַ גאָרנישט דערקלערט. איך האָב זיך געטראַכט: אָט פינצטערע לייט, נישט פונעם יישוב, וואָס געהערן זיך גאָרנישט נישט אַן מיט דערצויגענע מענטשן, — האָבן גענומען און געשטעלט די תורה אויף שניידעריי און דעם שניט פון קליידער, זייער לענג אָדער קורצקייט, צוליב „חוקות הגוי" — גויישן שטייגער; און זיי ווייסן נישט, אַז זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס און זייערע שטריימלען זענען אַמאָל געווען „חוקות הגוי", און זיי האָבן פון דעסטוועגן זיי איבערגענומען.

די גרופּע משכּילים האָט מיר געבראַכט ידיעות, וואָס קלערן אויף די זאַך מער ווי די פּרטים פון דער קליידונג. דאָס שטעטל, ווו באָרנשטיין איז דער־צויגן געוואָרן, — אַזוי האָבן זיי געזאָגט, — איז פול געווען מיט חסידים: די אַריסטאָקראַטישע גערער חסידים, חסידים — לייבן, וואָס פירן זיך מיט אַ שטאַרקער האַנט; די טעמפּעראַמענטפולע וואָרקער חסידים, וואָס זענען מיט איטלעכן נאַש־בראַט, די דעמאָקראַטן; די שאַרפע און צעקאָכטע ביאַלער חסידים; די וויניקע און אַנטשלאָסענע ראַדזינער חסידים; די פּאַריסאָווער חסידים — אַ ליבע אַרטיקע פּראָדוקציע, און נאָך און נאָך, אַלע האָבן אַכטונג געגעבן אויפן דאָזיקן יונגן־מאַן, און די אַרומניוכערס האָבן דערשפּירט אין אים, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. איין מאָל האָבן זיי אַ נישטער געטאָן אין זיינע זאַכן און דערטאַפּט דעם ספר „נחמד ונעים“ פון מהר״ד גאַנז איבער אַסטראָנאָמיע. מ׳האָט נאָכגעפאָרשט וועגן אים: הר״ד גאַנדז, דער „צמח דוד“ — דאָס איז נישט קיין חסידיש ספר; אָבער עס געפינט זיך אין אַ טייל בתי־מדרשים, און „תכונה“ — אַסטראָנאָמיע. האָט זיך דאָרט צופעליק געפונען עפּעס אַ מקיל, וואָרשיינלעך, אויך אַ „געכאַפּטער“ אַ ביסל, און געזאָגט: „תכונה“ איז מותר — הלכות קידוש־החודש!“. האָט מען אַ מיש געטאָן די בלעטער פונעם ספר און געפונען צייכענונגען — הימל עפּן זיך! אויף אַ רגע האָט אַראָפּגעוואָגן די שאָל פון די מחמירים, איז אָבער ווידער געקומען דער מקיל און „געראַ־טעוועט די מערכה“ אַ זאָג טוענדיק: „אויך אין די ספרים פון די קדמונים געפינען זיך אַזעלכע צייכענונגען. איז די חברה שטיל געבליבן. אָבער אין אַ רגע אַרום האָט זיך אויפגעהויבן אַ פרישער טומל, דער שפּיאָן, דער בדקנער, האָט ווייטער גענישטערט און געפונען אַ ספר אָן אַ רוקן און פאַרשימלט אין די זייטן, און זיינע אותיות רייסן אויף די אויגן, פרעמדע אותיות, גויִיש כּתב (ווי כ׳האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, איז דאָס געווען דאָס בוך פון דעם געלערנטן אַלגעבראַיִקער גויס אויף דייטש). דעמאָלט איז געקומען דער סוף! מ׳האָט געפּאַקט באָרנשטיינען מיט „ספרים חיצונים“. ווידער איז געשען אַ מעשה, און ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת וועגן דעם מולד! דער מומחה אין בית־מדרש, אַ ספּעציאַליסט אויף אויסצוחשבונען די תקופות און די מולדס, האָט גענומען און אויסגעחשבונט לויט זיין אַסטראָ־לאָגיע, אַז דער מולד וועט חל זיין אין דעם־און־דעם טאָג, אין דער־און־דער שעה און אין דער־און־דער רגע, און באָרנשטיין, וועלכער האָט שוין דעמאָלט באַשטימט פאַר זיך דעם דאָזיקן געביט, האָט אים איבערגעשפּאַרט מיט מאַטעמאַטישע באַווייזן. דער דאָזיקער חטא זיינער איז אויסגעקריצט געוואָרן מיט אַ שטאָלענער פען. דעמאָלט האָט זיך אויסגעלאָזט זיין שווערס מן!

אַט דער שווער האָט זיך דערזען ווי אַן אָפּגענאַרטן: ער האָט אַראָפּגעבראַכט אַן אײדעם, וואָס זאָל טויגן צו רבנות, און אָנגעטראָפן אויף... אַ בעל־חשבון. אויך באַרנשטיינס פרוי, די צניעותדיקע און אָפּגעהיטע אין מצוות, איז פאַרוואָגלט געוואָרן פון אַ וועלט פון שלום און נחת אין אַ וועלט פון געמיט־אויפטרייסלונגען, פאַמיליע־קריגערייען און דאַגות־פּרנסה. חיימל אַליין האָט פײַנט געהאַט געקריגערײ און געררייסערײ — „אמונת עתיו חוסן ודעת" — צייט איז געגעבן אויף אָפּצושפּאָרן וויסן, איז אים טייער געווען, אָבער מותּר זיין און פאַרלייקענען זיינע אָנשויונגען, קאָן גאָר זיין אַ רייד דערפון? נאָר איין מענטש איז צופרידן געווען: באַרנשטיינס מוטער. זי איז געווען אַ דעליקאַטע וואַרשעווערין, אַ געבילדעטע, האָט ליב געהאַט פיין־דערצויגנקייט, אַ „יושבת אל עקרבים" — לעבט צווישן סקאָרפּיאָנען, און איר גרויסער אידעאַל איז געווען צו זען צום ווייניקסטן איר זון אַרויסגיין פון דער קלעם און אַרייַנבליקן אין דעם פּרוכט־גאָרטן פון דער השכלה. זי איז געווען פון דער דעמאָלט באַרימטער משפחה פון די כהנס אין וואַרשע וואָס פון אַ טייל אירע זענען אַרויסגעקומען גרויסע רבנים (רבי אלעזר, פלאָצקער רב, דער אייִדעם פונעם גאון ר' יעקב מליסא, דער „חוות־דעת") און פון אַ טייל הויך־געלערנטע (ר' משה כהן, מיטגליד פון שול־קאָמיטעט אויף טלאָמאַצקע־גאַס, ר' טוביה כהן, העברעיִשער שריפטשטעלער און דיכטער, אַדאָלף יעקב כהן, אַדוואָקאַט און שרייבער און זשורנאַליסט אין דער פּוילישער שפּראַך אויפן געביט פון יודאַיִזם), דער מוטערס טרוים איז געווען באַרנשטיינס אתחלתא־דגאולה פון דער שטעטלדיקער בטלנות.

די געשעענישן פון דעמאָלט אַן און ווייטער האָבן זיך נישט אויפגעוויקלט אויף אַ רעוואָלוציאָנערן און אַוואַנטוריסטישן שטייגער, ווי: גט, אַנטלויפן קיין אויסלאַנד צו שטודירן (אָדער פריִער אַנטלויפן און שפּעטער גט), נאָר אויפן וועג פון פאַמעלעכדיקער, שטאַפּלווייזער אַנטוויקלונג אָן „שבירת־הכלים" — אָן אַן איבערבראַך. אין יענע משפּחה־חורבנות און אַנטלויפענישן פון די „אחר"ס איז טייל מאָל געווען אַ שטראָמל פון גבורה; אָבער דאָס דאָזיקע שטראָמל איך געווען געמישט אויך מיט אַ געוויסער מאָס אַוואַנטוריזם, נישט־איינגעוואָרצלטקייט, קאָקעטעריע, אָנשטעלערישקייט. צי ווייל באַרנשטיין איז געווען אַ זון, וואָס „האַלט זיך ביי דער מוטערס פאַרטעך", אָדער ווייל ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן דאָס ווייב אין דערשלאָגנקייט, אָדער ווייל ער איז געווען אַ געזעצטער און באַדאַכטער און אָפּגעהיט פון יעדער צווייפלהאַפטער האַנדלונג, — איך מיין, אַז צוליב די אַלע סיבות צוזאַמענגענומען, האָט באַרנשטיינס געוויסן־קאַמפּאַס אָנגעוויזן צו דער גרויסער שטאָט וואַרשע, אַ שטאָט פון אַ קולטורעל לעבן

אין פֿאַרגלייך מיט קאָזשעניץ, וואַרשע — די גובערנשטאָט פֿון זיין געבילדעטער מוטער. אָבער מיט איין מאָל פֿון שטעטל קיין וואַרשע, אויך דאָס איז געווען אַ צו גרויסער דרייסטער שפּרונג! מ'האָט געדאַרפֿט זיך אָפּשטעלן אויף אַ סטאַנציע אין מיטן וועג.

דער נאָמען פֿון דער סטאַנציע: מנישעוו. מנישעוו איז דעמאָלט געווען אַ גרויס דאָרף מיט דער צוקער־פֿאַבריק פֿון דעם גביר אַדיר בראַנשטיין (שמשונס אייִדעם און איגנאַץ בערנשטיינס שוואָגער), אַ דייטשישער ייִד, אַ ברעסלער געבירטיקער, פֿון דער מיזרח־וואַנט אין טלאָמאַצקער שול אין וואַרשע, אַ גרויסער גוטבאַזיצער, וואָס האָט געפֿירט אַ גרויסן שטאָט, מיט זין ווי אַדל־לייט. אין דער דאָזיקער פֿאַבריק איז באַרנשטיין צוגענומען געוואָרן פֿאַר אַ בוכהאַלטער. ווי קליינלעך ס'זאָל נישט אויסזען אין אונדזערע אויגן דער־אַ פּאָסטן אין פֿאַרגלייך מיט חיים יחיאל באַרנשטיין, לויט דער מאָס ווי מיר מעסטן אים היינט, איז דאָס דאָזיקע בערגעלע־פּאָסטן געווען דעמאָלט ווי אַ ריזיקער באַרג פֿאַר אַ יונגן־מאַן וואָס איז געווען אַ חסיד און געקומען פֿון קאָזשעניץ. אַ פֿאַבריק ווי ס'דאַרף צו זיין, אַ ריזיקע אינדוסטרי, אַ פּוילישע סביבה, דער ייִדישער טייל — אַריסטאָקראַטישע באַאַמטע פֿון וואַרשע, דער עולם קונים און קליִענטן — גוטבאַזיצער און גרויסע סוחרים. די פֿולע צוגרייטונג צום דאָזיקן אַמט פֿאָדערט ענדיקן אַ הויכע האַנדלסשול, און דערצו לאַנגע פּראַקטיק און רירעוודיקייט אין פֿאַרקער מיט מענטשן. אויטאָדידאַקטיק אַליין איז ווייניק, — גוטדערצויגנקייט איז וויכטיקער פֿון בילדונג. מע דאַרף זיין דערצויגן אין דער באַנעמונג, אין די מינעס, אין די מאַנירן, אין דעם סטיל פֿון רעדן, העפֿלעך און אָפּגעשליפֿן! באַרנשטיין האָט זיך אַליין דערצויגן. זיין אַרבעט אין יענער פֿאַבריק ווי אַ בוכהאַלטער איז געווען אַ שווערע, און זיין געהאַלט האָט געקלעקט קוים אויף בצמצומדיקער פּרנסה. מיט גרויס געהיטקייט און וווּנדערלעכער פּינקטלעכקייט האָט דאָרט באַרנשטיין אויסגעפֿירט די אַרבעט פֿון זיין בוכפֿירונג. ער איז גליקלעך געווען, וואָס אין די ווינציקע שעהען, פֿאַרבליבענע פֿון דער אַמטאַרבעט, האָט ער געקאָנט פֿלייסיק זיצן איבער זיינע שטודיומס אָן קיין שום איבערשלאָג און שטערונג.

פֿון די ערשטע שמועסן, וואָס איך האָב שוין געהערט וועגן באַרנשטיינען, און דער איצטיקער לעצטער צייט (לאָמיר זי רופֿן: „דער מנישעוו־פּעריאָד") איז אַריבער אַרום אַ יאָר, אָדער עפּעס מער. דעמאָלט איז כמעט אומגעריכט פֿאַרגעקומען אַ משפּחה־געשעעניש, וואָס האָט מיך געבראַכט צו אַ ביסל מחותנימשאַפֿטלעכער נאָענטקייט מיט אָט דעם מענטשן, וואָס פֿריִער זענען די ידיעות וועגן אים אָנגעקומען צו מיר בלויז בדרך־כּלל.

מ'האָט צו יענער צייט געשדכנט איינער אַ מיידל פון מיין משפחה איינעם אַ בחור פון באַרנשטיינס קרובים, זיין שוואָגערס זון, פון די גאָטספאָרכטיקע חסידים און דער גאָלדענער פאַן, אַ באַזיצער פון אַ גרויסן גוט נאָענט צו מני־שעוו, אַן אויסגעצייכנטער מומחה אין לאַנדווירטשאַפט, וואָס אַלע פון די געגנטן אַרום זיין ווינדאַרף וועגדן זיך צו אים, און פלעגט פאָרן צום אַדמו״ר פון פּאָריסאָוו. אָט איז אַ צוזאַמענשטעל פון פאַקטן: אין מנישעוו האָט געוווינט אַ גרויסער יידישער אינדוסטריעלער, מיטן אויסזען פון אַן אַדלמאַן, אַן אויסגעפּוצטער „דייטש״, אַן עושר בן עשירים, אַ באַרימטער באַנקיר פון דער גילדענער פאַן, אַ פּרנס און מנהיג פון דער „דייטשישער שול״, פּרעכטיקע קליידונג, אַ הויכער צילינדער־הוט, תמיד ניי און גלאַנציק, כביכול יענער פּריץ, און ווי אַ צוגאָב צו דעם גאָרן גלאַנץ אויך אַן „אויסלענדער״ (דאָס־אַ איז געווען אַ שבח, ערשט שפּעטער, צוליב דער גזירה אַרויסצוטרייבן די אויסלענדישע יידן, געוואָרן אַ פּלאָג און אַ קוואַל פון צרות־צרורות), און די זין — אויף דער סאַמע העכסטער מדרגה, פּראַכט, רייכטום, ווילטאָג; הערשער געבן אַכטונג אויף דער אָרדענונג, רייטן אויף גאַלאָפּירנדיקע פערד, פאָרן שטאָלץ און ברייט אין פּרעכטיקע קאַרעטן, גייען אויף געיעג, טראָגן זיך פון מנישעוו קיין וואַרשע, און אפשר אויך קיין פּאַריז, אמתע פּרינצן; דער פאַקט, אַז די־אַ פאַרמאָגן אַ צוקער־פאַבריק, אָדער אַן אַנדער פאַבריק, אָדער אַ באַנק, אָדער אַ גרויסן מאַגאַזין, ווי לעסערס מאַגאַזין אין וואַרשע בשעתו, איז געווען פון די טאָגטעגלעכע זאַכן. וועגן אָט־די האָבן דעמאָלט די פּאַליאַקן נישט גערעדט קיין האַרבע שינאה־רייד; אפשר האָבן זיי שטילערהייט זיך געשושקעט וועגן זיי, אָדער אויסגעדריקט מיט אַ קנאַפּן וואָרט־רמז, מיט אַ בליק, עפּעס־וואָס פאַרדרוס פון לייכטער קינאה; אפשר האָט זיי דער נאַטירלעכער חוש אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג — און וועט פאַריבער, ווייל דער דאָזיקער סאָרט יידן וועט זיך נישט דערהאַלטן אויפן באָדן, און אויב ער וועט זיך דערהאַלטן — וועט ער אַראָפּזינקען און זיך אַסימילירן. דער אָפּיציעלער נוסח איז געווען: „אַביוואַטעליע״ — בירגער, און מע דאַרף לעבן מיט זיי בשלום „אַן אונטערשייד פון רעליגיע״, און די אינדוסטרי דאַרף מען דערמוטיקן, ווייל אויף איר באַזירן זיך די יסודות פון דער מדינה — Praca Podstaw און אויך די פאַנאַטישע חסידים האָבן זיך באַצויגן צו די־אַ מיט אַ מין אַכטונג: מילא, „דייטשן״, זאָל זיי ביישטיין, וואָס זיי געבן אַ ביסל צדקה, און וואָס ס'זענען פאַראַן צווישן זיי לייטישע מענטשן; אַגב, קאָן מען ביי זיי פאַרדינען, נישט אַזוי ווי ביי די אמתע פּריצים, אָבער צום וויניקסטן, ווי ביי האַלבע פּריצים. אפשר פלעגן די בטלנים פון הינטערן

אויוון אין בית־מדרש רעדן מיט קנאות וועגן די עבירות פון די־אָ, אָבער אויך די דאָזיקע קנאות איז געווען אַ געמאַכטע; די פּראַקטישע לייט צווישן חסידים האָבן וועגן דעם בכלל נישט גערעדט — „דייטשן״ און געענדיקט אַן עסק! פּאַרקערט, ווען זיי פלעגן זעען אַ שפּור פון אַ יידישן פונק צווישן אָט די, וואָס אויסער דער מחנה, זענען זיי געווען צופרידן און האָבן געזאָגט: פון דעסטוועגן! וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען מער?! די דאָזיקע באַציִונג איז געווען אַ צווישן־באַציִונג פון פריינדשאַפט, מיינס איז מיינס און דיינס איז דיינס, אַן אַנגענעמע שכנותשאַפט, ווי מע זאָגט „מאָדוס וויווענדי״ (לעבנס־שטייגער). דאָס דאָזיקע מנישעוו האָט מיך נישט פאַרווּנדערט. אויך דאָס ווינען פון דעם קאָזשעניצער יונגער־מאַן חיימל ווי אַ באַאַמטער אין דער דאָזיקער רייכער, אַדעלדיקער פוילישער, אַ ביסל אַריסטאָקראַטיש־אינדוסטריעלער יידישער, סביבה, איז וואָס אַן אמת געווען אַ נישט־גע־ווייטלעכע דערשיינונג, אָבער מ'האָט געקאָנט באַנעמען די דאָזיקע שווערע זאַך, נעמענדיק אין באַטראַכט דעם אַלטן כלל, אַז קיין זאַך איז נישט אומצוטרעטלעך פאַר „אַ ייד אַ למדן״: ער האָט געלערנט און ווידער און אָבער געלערנט, און זיך דערשלאָגן צו אַן אַמט, צו וועלכן ער איז פעיִק. דער אייגנטימער איז צופרידן, וואָס ער האָט אַ פלייסיקן און געטרייען, אַ טיכטיקן און קלוגן באַאַמטן, און דער באַאַמטער איז צופרידן וואָס ער האָט פּרנסה במנוחה, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעקראָגן פון קנעכטשאַפט ביי זיין שווער און דער השגחה פון די אַפּיטרופּסים איבער זיין יענער־וועלט, און וואָס ער קאָן ווייטער אָנגיין מיט זיין שטודיום. ס'איז דאָך אַ פיין געשעפט פאַר בײדע צדדים. אָבער דאָס נאָענטע דאָרף פון דאָרטן — שניאַטקאָוו, איז פאַר מיר געשטאַנען ממש אַ רעטעניש, וואָס איז מיר שווער געווען עס צו באַשיידן.

דאָס דאָזיקע רעטעניש האָב איך געזען, געוווינט און געשפּאַצירט דערין אַ שטיקל צייט; איך בין אַהין געגאַנגען זען און פאַרהערן חיימלס שוואָגערס זון; אָבער מער פונעם זון האָט דער טאַטע געוועקט אין מיר די גאָרע נייגעריקייט מיינע. דער־אָ פאַריסאָווער חסיד איז געווען צוגעבונדן צום באָדן מער פון דעם מנישעווער גרויסן אַדלמאַן. ער האָט אָנגעפירט מיט די פּויערים, אַכטונג געגעבן, געעצהט, באַפוילן און געפירט די טייערע און ווונדערלעכע ווירטשאַפט. דער אַלטער שווער, וואָס האָט זיך באַטראַכט פאַר אָפּגענאַרט דורך חיימלען, וועלכער האָט אַנטוישט אַלע זיינע האָפענונגען, האָט געקאָנט געפינען אַ טאָפּעלע טרייסט און פאַרגעלטונג אין דאָזיקן איידעם זיינעם, וועלכער האָט פאַראייניקט אין זיין הויף דאָס אָנפירן די ווירטשאַפט מיטן חסידות. אַ גרויסער הויף, וואָס אַחוץ פיל שכנים קריסטן, אַדללייט,

שליאַכטע, באַאַמטע, פעלדוועכטער, וואַלדוועכטער, גערטנער, פויערים, אַרענדאַטאָרן, שותּפות־אַרענדאַטאָרן, משרתים און דינסטן, — זענען אויך געווען געסט, גבאים, משפּחה פון אַ סך זין, טעכטער, אַ מלמד, אַ לערער (דער זעליקער מיכאל וועבער, פון באַרנשטיינס תּלמידים, איז דאָרט געווען דער לערער). אַ גרויס פאַרמעגן, און גרויסע זאָרגן צוליב אים. גרויסקייט אין די געשעפטן, גרויסקייט אין דער שטוב־פירונג, אַלץ מיטברייטן פאַר־נעם! באַוועגונג, טומל פון די פעלדער, פון די וועגן, אַ שטוב פאַר דאַוונען בציבור, אַ צימער פאַרן מלמד, אַ צימער פאַרן לערער, מע גייט אַהין און אַהער און מע דאַוונט גייענדיק, אָדער מע גרייט זיך צום דאַוונען, זקנים זיצן לעבן דעם שענקל ביים אויוון, די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף די קני, און דערציילן מעשׂיות; עפּעס אַן ערב־רב פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ און איז מעיין אין אַ ספר; דער באַלעבאָס טוט זיך אַ רייס אויף פון זיין אָרט און אַ לאָז קעגן דעם אויפזועער, וועלכער ברענגט אים מוסטערן פון די תּבואות אין שייער, און שלאָגט זיך אָן אין געלויף אויף עפּעס אַ קאָמיסיאָנער, אַ געקומענער פון שטאָט, וואָס גיסט אויס אויף אים אַ מבול פאַרמיטלערישע פאָרשלאָגן; דער באַלעבאָס קווענקלט אַ רגע און קומט שנעל צום באַשלוס, אַז אין די אַלע אָן אַ שיעור רייד איז נישטאָ קיין יאָדערל פון געשעפט, און טרייסלט זיך אָפּ פון אים; נאָר נישט באַוויזן נאָך פון אים פּטור צו ווערן, שטויסט ער זיך אָן אויף אַ וואַלד־סוחר און פאַרהאַלט זיך ביים אָננעמען זיין פאָרשלאָג; לאָזט זיך אריין אין אַ שמועס מיטן אויפזועער, און באַטאַפּט פריילעך און גערן די מוסטערן, משמעות, ער איז צופרידן, און לויפט בחיפּזון צום שייער; און די פרויען מישן זיך נישט מיטן טומלענדיקן עולם, „כּבודה בת מלך פּנימה" — לויטער הערלעכ־קייט איז די בת־מלך אינעווייניק, זיי רוקן זיך אַוועק אין אַ זייט, שמועסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, דאַוונען, פאַרען זיך ביי דער שטוב־באַלעבאַ־טישקייט, שטריקן, אָדער פאַרפלעכטן די הענט מיט זייערע ווייסע פינגער איבער די ברוסטן — ווען זיי טוען גאָרנישט — און האָרכן זיך איין באַשיידן.

איך האָב פאַרהערט, דער שידוך איז צו שטאַנד געקומען! נאָר מער ווי דאָס אַלץ האָט זיך אין מיין מוח געפלאָנטערט אַן אַנדער געדאַנק. דער שוואָגער, וואָס איז אַזוי נאָענט, אַ קאַצנשפּרונג פון שניאַטקאָוו: „חיימל, ווו איז ער?". אין מיין דמיון איז אויפגעגאַנגען אַ געדאַנק, אַז מיין דאָזיקער מחותּן באַטראַכט אפשר חיימלען פאַר אַ פּגם אין דער משפּחה, און האָט אים נישט פאַרבעטן, טאָמער וועט ער קאַליע מאַכן דעם שידוך. כ'האָב באַשלאָסן אים צו פרעגן אָן פאָררעדעס: „מחותּן, חיים יחיאל באָרנשטיין פון מנישעוו איז אייער שוואָגער?". „יאָ" — האָט מיר דער מחותּן געענטפערט מיט

פּאַרפּרעסטע ליפּן, אין וועלכן כ'האָב דערקענט אַ שאָטן פון צאָרן. איך האָב ווייטער גערעדט מיט אַ טאָן פון העפלעכקייט און אַכטונג: „זייט מיר מוחל, איך האָב נישט בדעה זיך אַריינצומישן אין פאַמיליע־ענינים. איך פרעג בלויז דערפאַר, ווייל איך האָב אַזוי פיל געהערט וועגן אייער דאָזיקן שוואָגער, און ווייל איך בין דאָ נאָענט, האָב איך באַשלאָסן אים צו זען". די־אַ רייד מיינע האָבן אַ ביסל ווייכער געמאַכט מיין מחותנס געזיכטשטריכן, און ער האָט מיר ווייטער געזאָגט: אַוודאי ווייסט איר, אַז מיין גאַנג איז אַנדערש פון זיינע גענג, אָבער איך וואָלט גערן זיין, ער זאָל דאָ מיטאַרבעטן מיט מיר. פעלט אונדז דען דאָ אַרבעט און מיר האָבן וויניק זאָרגן?" — און בעת זיין רעדן, האָב איך געזען, ווי איינער פון זיינע פיל קנייטשן אויפן שטערן איז ווי טיפער געוואָרן — „צייטנווייז שטיק איך זיך פון זאָרגן, פון קאָפּפאַרדרייעניש, און וויל זיך באַראָטן מיט עמעצן, צו וועלכן מע קאָן האָבן צוטרוי, און וועלכער קאָן אַרויספירן פון די פאַרפּלאָנטערטע חשבונות. איך פאַרמאָג ברוך השם גענוג, אָבער ס'מאַכט זיך אַ מאָל אָן ענגע צייט, און דער מוח ווערט מבולבל... מ'איז דאָך מער נישט ווי אַ בשר־ודם... און ער, דער מענטש מיטן שאַרפן מוח, דער גרויסער בעל־חשבון — צו וואָס דאַרף ער זיך אַרומוואַלגערן צווישן פרעמדע? ער וויל נישט קיין חסידות, משנה ופירש — האָט געלערנט און וויל ווייטער נישט לערנען? גוט, גאָט איז מיט אים! האָב איך אים געזאָגט: פיר זיך ווי דו ווילסט, איך מיש זיך נישט אין דיין פירעכץ, אָבער זיי דאָ ביי מיר און העלף מיר! — ניין, האָט ער מיך נישט געוואָלט פאָלגן. איך הייב אים נישט אָן צו פאַרשטיין" — האָט ער אויסגעלאָזן מיט אַ צאָרנדיקן און באַשולדיקנדיקן טאָן. אָבער איך האָב באַרנשטיינען פאַרשטאַנען.

פאַר מיין אַוועקפאָרן פון שניאַטקאָוו האָב איך אַזוי איינגעשטעלט מיין רייזעפּלאַן, כ'זאָל זיך באַגעגענען מיט באָרנשטיינען אין מנישעוו. מיינע באַגלייטער האָבן מיר פאַרזיכערט, נאָר לסוף פאַרהאַלטן מיט פאַרענטפער־רונגען און אויסריידן — כ'בין זיכער, אַז זיי האָבן מיך מיט אַ כוונה פאַר־האַלטן. אויך איך בין שוין דעמאָלט געווען חשוד, און זיי האָבן בלי־ספק געטראַכט, אַז דאָס באַגעגענען זיך פון אַזעלכע צוויי מסוכנע אַפּיקורסים איז עלול די וועלט חרוב צו מאַכן. זיי האָבן געהאַלטן פאַר זייער חוב אונדז צו האַלטן איינעם פונעם צווייטן פון דער ווייטנס. „צעטייל און הערש"...

[ב]

אָבער דאָס דאָזיקע צעשיידט זיין האָט נישט לאַנג געדויערט. אין אַ יאָר אַרום בין איך שוין געווען אין וואַרשע, און נאָך אין דריי יאָר אַרום האָט

באַרנשטיין פאַרלאָזט זיין אַמט אין מנישעוו און איז אויך געקומען קיין וואַרשע. דאָרט האָבן מיר זיך באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל מיט אַ פערציק יאָר צוריק.

אַ נידעריקערער פון מיטלמעסיקער הייך, אַ קיילעכיקער קאָפּ, אַ רויִקער און אַ ביסל אַראָפּגעזעצט אין די אַקסל; בלויע אויגן, טיפֿע, קלוגע, מיט אַן אָנגענעמער און חנעוודיקער שיין, זייערע ברעמען געדיכטע, אַ בלאָנד־לעך־ברוין בערדל, אַן אַרומגעשוירנס, אַ קיילעכיקס, דעקט צו די באַקן־זייטן און די גאָמבע, — אין גאַנצן איידלקייט און צניעות, תמימות, באַשיידנקייט און פשטות, העפלעכקייט און דערצויגנקייט, געזעצטקייט און אויסגערעכנטע פּינקטלעכקייט, ערנסטקייט אָן אומעט, געלאַסנקייט אָן פוילקייט, לייכטער צווייפל אָן פאַרצווייפלונג. אויפן ערשטן בליק וואָלט איך געזאָגט: מיט אַ געזונטער נשמה אין אַ געזונטן גוף האָט אים דער באַשעפער געלייטזע־ליקט פון געבוירן אָן. בלויז די אויגן האָבן אויסגעזען ווי קורצזעעוודיקע, ווי זיי וואָלטן זיך נייטיקן אין ספּעציעלער באַהאַנדלונג, הינטער די גרויסע און בלויע ברילן.

דאָס זענען די שטריכן פון זיין ליכטיקן אויסזען און דעם אָנבליק פון זיין פּנים, לויט ווי זיי האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון פאַר פערציק יאָר צוריק.

אויך דער שטייגער פון זיין רעדן איז געווען אַ רויִקער, אַ מצומצמדיקער און פּינקטלעכער, ווי אַ כפל־טאַבעלע, אַ זאַכלעכער, וועזנטלעכער, נישט קיין געפּוצטער און געצירטער; זייער זעלטן אַ שפּור פון אַ שטאַמל, ווי ער וואָלט זוכן אין זיין זכרון דאָס ריכטיקע וואָרט; האַרכט און פרעגט, מער ווי ער רעדט; ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט לערנען פון יעדן איינעם; ווען ער ענטפערט אויף פראַגעס, איז דער „כ׳ווייס נישט" געווען מער פונעם „כ׳ווייס"; ווען דו זאָגסט אים עפּעס וואָס, איבער וועלכן ס׳איז פאַרשפּרייט אַ נעפּל־שאָטן, אָדער ס׳איז פאַראַן דערין אַ ווידערקלאַנג פון אַ וועלכן קנאַקעדיקן וואָרט פון דער פּרעסע, אָדער פון דער גאַסשפּראַך, פרעגט ער איבער נאָך: וואָס איז עס? וואָס טייטש? פון וואַנען נעמט זיך עס? ער האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין פאַקטן, מעג די זאַך זיין אויסגעקלאָרט, אַנטבלויזט ער זי נישט אַרומגייענדיק און אָן דריידלעך. און ער באַצווינגט דיך אָן אַ מינדסטן סימן פון צוואַנג, תקיפות, אָדער אַראַטאָרישער ענערגיע. ניין! ער האָט אַפילו קנאַפּ געפּריידיקט, נישט אויפגעהויבן די שטים, נישט געמאַכט קיין אָנשטעלן, נישט איבערגעשפּאַרט, זיך נישט געכעסט, נישט געבייזערט, נישט געשפּריצט קיין פונקען; האָט באַהאַנדלט געלאַסן, אַפילו אָן באַזונדערער וויכטיקייט, נייערט באַשיידן און ערלעך, און צייטנווייז אַפילו

מיט אַ הערלעכן אָנבליק, נישט מיט קיין שטעכווערטלעך און שפּאָטווערט־לעך, נאָר מיט גוטהאַרציקייט און צוגעלאָזנקייט. ער האָט נישט געבלענדט, נישט איבערראַשט מיט געדאַנקען־פונקען, נישט געשליידערט קיין פּאַראַ־דאָקסן; ס'איז אים פרעמד געווען די קונסט פון שמועסן, ס'איז אים אויך אַ שאָד געווען די צייט; אָבער אַלץ וואָס ער האָט גערעדט איז געווען מיט באַשיידנקייט, מיט געלאַסנקייט, מיט יישוב־הדעת, מיט ליבשאַפט, אָן דעם צויבער פון אַ קינסטלער, אָן דעם שפּילגלאַנץ פון אַ גאון. — מיט געזונטער פשטות און מיט דער כמעט שעמעוודיקער פרישקייט פון אַ קליינשטעטלדיקן, וועלכער האָט מיט זיך געבראַכט אַ היפּש פאַרמעגן, אָנגעזאַמלט מיט מי און אָרנטלעכקייט, אָן דעם פאַרלאַנג מיט אים זיך אַרויסצושטעלן, אָדער זיך צו איילן עס צו פאַרשווענדן אין דער גרויסער שטאָט.

דאָס פאַרמעגן, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך איז געווען: אַן אייזערי־נער פאָנד, תנ״ך און תלמוד. ער איז געווען אַ טיפער, אַ מעכטיקער תנ״ך־קענער, וואַכנדיק פאַר דער ריזיקער אַרכיטעקטור פון די געוואַלדיקע נביאים־בערג, פאַר דעם צויבער פון דער דערהויבענער פּראַכט פון דער שפע פון דער כתובים־שפּראַך, פאַר די קלאַנגען פון דעם אייביקן אומעט פון די תוכחות און די קינות. ער האָט פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן דאָס רייכקייט אין איין קאָנצענטרירט קאַפּיטל פון „משלי״, גלייך ווי וווּנדערלעך פרוכטבאַרער באָדן מאַכט צייטנווייז שפּראָצן אויף אַ שטח פון עטלעכע טפחים, ווו ער האָט אַ פּאַסיק אָרט, אַ שפע פון געוויקסן און פלאַנצן. ס'איז אים נישט באַליבט געווען די ביבל־קריטיק. ווי איך, האָט ער קיין מאָל נישט אָנערקענט די ווויסנשאַפטלעכקייט פון דער דאָזיקער שיטה, וואָס פאַרמאָגט ווייניק וואָרצלען נאָר צווייגן אַ סך. די פעסטגעשטעלטקייט און ריזיקע אומצע־שטערלעכע מאָס, וואָס די מסורה האָט איינגעשטעלט פאַר די כתבי־הקודש האָט פאַר אים געהאַט די פאַרהאַנט איבער די אַלע שפּעטערדיקע גריבלענישן און וואַקלענישן, וואָס צייטנווייז זענען זיי בעיקר איין טעות, און דאָס איז: דאָס נישט באַנעמען די נאַטירלעכע מאַסיווקייט פון דער אוראַלטער סטיכיש־קייט, וועלכע איז געווען פאַר דער לערע פון גראַמאַטיק און פאַר די כללים פון דער אויסגעאַרבעטער לאָגיק און אויסגעאיידלטן געשמאַק, און דערפון די שפּראַך־פעלדזן און סקאַלעס־אויסדרוקן, וועלכע לאָזן זיך נישט איבער־זעצן וואָרט ביי וואָרט, נאָר ווינקען בלויז אָן רמזים און פונקען, ווי אַן איבערבלייב פון אַ טיטאַנען־פּאַלאַץ, וואָס מע קאָן אים נישט אַרומטעסען און אויסהאַקן מיט אַ דלאָט און אַ צירקל, כדי אים ענלעך צו מאַכן צו אַ ניי שפּילכל און צו אַ סקולפּטור, וואָס אַ מייסטער האָט היינט אָפּגעגאָסן. איך האָב זייער אַ סך געאַרבעט מיט אים ביינאַנד אין אָנהייב פון אונדזער

באַקאַנטשאַפט אויף דעם דאָזיקן עיקרדיקן געביט, און מיינסטן־טייל האָבן זיך, נאָך אַ באַהאַנדלונג, אונדזערע מיינונגען אויסגעגליכט. נישט מחמת פרומקייט, נאָר מחמת דעם איידעלען און אַנטוויקלטן חוש פאַר שפּראַך. מיר האָבן נישט ליב געהאַט דאָס פּסוקים־צעהאַקעכץ און די נייע נוסחאות, וועלכע ווערן פאַרגעלייגט דורך יענע קריטיק־צעדערן, די מעכטיקע אַפּי־קורסים, וואָס ביי זייער גאַנצער בקיאות אין די מיזרח־שפּראַכן און זייערע אויסדרוקן און דעם בייט פון די שפּראַכן־אָפּצווייגונגען און זייערע אָפּטיי־לונגען פון הודו ביז כוש, אויף אַן אמתער אָדער אויסגעטראַכטער וויסנ־שאַפטלעכער באַזע פון דער לערע וועגן דער קעגנזייטיקער השפעה פון שפּראַכן און דאָס פאַרגלייכן זיי און פאַראַלעל־שטעלן, קומען זיי צום אויספיר (צום ביישפּיל איינער פון די גדולים, וואָס אַרבעט אויף דעם געביט), גורס צו זיין אָנשטאָט „נשקו בר״ — „החזיקו במוסר״ — האַלט זיך פאַר דער מאָראַל. דאָס איז דאָך דער גרענעצשטריך צווישן אַלע פאַר־שונגען און צווישן דעם וואָס הייבט זיך אָן פון דאַנען אָן און וויטער: דער געשמאַק פון דער שפּראַך און איר סטיל, איר זין און ווילקלינ־געוודיקייט!

ער איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין פּרוכטבאַרער העברעיִשער שרייבער. פראַגמענטן פון קליינע אַרטיקלען און ענטפערס אויף אַלגעבראַיִשע פראַגן פלעגט ער נישט אָפּט שיקן אין דער דעמאָלטיקער „הצפירה״, נאָך פאַר דער צייט פון זיין וווינען אויף דער פּראָווינץ; אָבער ער איז שוין דעמאָלט געווען איינער פון אונדז, פול מיטן גייסט פון ליטעראַריש העב־רעיִש. אַזוי איז אויך געווען דעמאָלט זיין גאַנג אין תלמוד. ער האָט אויפגעהערט זיין אַ פּילפּולדיקער תלמודיסט; זיין לאָגיק פון אַ אַלגעבריע־געלערנטן, זיין פּעדאַנטישער און פאַרזיכטיק־פאַרגלייכנדיקער שכל, וועלכער האָט געפאָרשט פאַמעלעך־פאַמעלעך, מיט קלאָרער ניכטערקייט, פונעם פּריִערדיקן צום שפּעטערדיקן, און פונעם אַלגעמיינעם צום איינצלנעם, האָבן, פאַרשטענדלעך, געפּסלט די פאַרדרייטע און פאַרפלאָנטערטע חריפות, וואָס הענגט בערג אויף אַ האָר; אָבער ער האָט זיך נאָך נישט דערווייטערט ביז צו דער שיטה פון יענע מאָדערנע, וואָס זייער גאַנצער כוח באַשטייט אין איבערנעמען זיך מיטן שטודירן די תוספתא, אָדער די מכילתא, און וואָס טייל פון זיי, נישט אַנצורירן זייער כבוד, זענען נישט אין שטאַנד צו לערנען אַ בלאַט גמרא מיט רש״י און תוספות, ווי ס׳געהער צו זיין. אין דעם זין איז ער געווען כביכול אַ „רעאַקציאָנער״, ס׳הייסט, אַ מענטש פון אונדזער אַלטן בית־מדרש. אַזוי גלייך ווי ער האָט נישט געלערנט קיין העברעיִש פון „מעטאָדעס״ אַזוי האָט ער אויך נישט געלערנט קיין תלמוד פון

מוסטערן און מראי־מקומות און די גירסאות־תורה און מינים צימעסן, נאָר פּשוט אַ סך גמרא און מפרשים, מיט אַ שטאַרקער התמדה, ווי דער שטייגער פון יידן פון לאַנגאַניקע צייטן אין רבינס ישיבה אין קאָזשעניץ, אָדער אין איעדן אַנדערן בית־מדרש אין פוילן; און דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס אין אַ וועלכער קלוגער „מעטאָדע", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן צו פאַרלייכטערן דעם לימוד פאַר די תלמידים, אָדער מיט אַ וועלכן גירסאות־פאַרגלייך לויט כתב־ידן וכדומה; דאָס מיינט בלויז צו זאָגן, אַז די גרונטיקע פילאָסאָפאַרעם פון זיין צוגרייטן זיך פאַרן פאַרפולקאָמען זיך און די וואָרצלען פון זיין למדנות האָבן געשטעקט טיף־טיף אין דעם נאַטירלעכן באָדן און דער זאַפטיקייט פון דעם סאַמע מקורדיקן יידישקייט, נישט קיין פאַרפלאַכטע און נישט אָפּגעשוואַכטע און פאַרוועלקטע דורך איבערזעצונגס־ווידערוווקסן און נאָכמאַכונגען־נאָכוווקסן, שאָלעכצן און ברעקלעך, וויסנשאַפטלעכע בייטן און באַראָזדעס. ער איז געווען, ווי יעדער איינער פון אונדז, פון די פאַרערער פון „חכמת ישראל" אין איר היינטיקן זין, צוליב אירע חידושים און איר פיינער סיסטעמאַטישקייט, האָט פון איר שפּעטער אַ סך געלערנט, מסכים געווען, אָדער אָפּגעפרעגט אירע אויפטוען, נישט דורכגעלאָזט וויכטיקס און ווייניקער וויכטיקס פון דעם אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען אויף דעם געביט, אָבער נישט מיט איר האָט ער אָנגעהויבן, און נישט אין איר האָט ער זיך אין גאַנצן פאַרוואָרצלט. ער איז פּשוט געווען אַ תלמיד־חכם מופלג, אַ בעל־תנ"ך־און־תלמוד, פעיִק צו רעפערירן איבער יעדער פרשה אין תנ"ך און לייענען אַ שיעור פון יעדן דף גמרא פאַר אויסגעצייכנטע תלמידים.

אַלס תלמיד־חכם האָט ער זיך אויסגעצייטיקט שוין פאַר זיין קומען קיין וואַרשע; אַלס אַלגעמיינער געלערנטער איז ער נאָך געווען אַן אָנפאַנגער אויף עטלעכע געביטן, אָבער אויף געוויסע געביטן איז ער געווען אַן אַלצ־וויסנדיקער און אַלצפאַרשטייענדיקער און כמעט אַ מושלם. פון זיין יוגנט אָן האָט ער געגלאַנצט מיט זיין אויסגעצייכנטער פעיִקייט צו מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע. צו צוועלף יאָר האָט ער געענדיקט די געוויינלעכע מאַטע־מאַטיק און געמאַכט די קאָמפּליצירטסטע חשבונות מיטן בלויזן כוח פון זכרון. האָט ווייטער געלערנט דעם מהות פון די ברוכצאָלן און זייערע געזעצן, די געזעצן פון צוניפליייג און אַראָפּנעם, כפל און צעטיילונג, וועגן די וואָרצלען און מדרגות, די מדרגות צעברעקלטע אָדער עלימינירטע, דאָס אַרויסציִען די וואָרצלען און דאָס דערהייבן זייערע מדרגות און דאָס רעכענען פון די צייכנס, וואָס דאָס איז אַן אָנהייב פון אַלגעבראַ. צו פערצן יאָר האָט ער געלערנט וועגן גלייכונגען, ווי אַזוי זיי באַשיידן און אַרויסציִען די

אומבאַוווּסטע צאָל, און איז דערגאַנגען ביזן באַשיידן די אומבאַשטימטע גלייכונגען. צו זיבעצן יאָר איז ער שוין געווען געניט אין דער לערע פון די דרייעקן (ווי אַזוי פון די זעקס ווינקלען אין יעדן דרייעק, וועלכע באַשטייען פון דריי וועגטלעך און דריי ווינקלען, אויב מיר זאָלן וויסן בלויז דריי פון זיי, וואָס צווישן זיי איז אויך פאַראַן איין וועגטל, וועלן מיר זיך קאָנען דערוויסן אויך די איבעריקע דריי ווינקלען), און איז דערגאַנגען צו העכערער מאַטעמאַטיק (וועלכע באַהאַנדלט די צאָלן און די אייגנשאַפטן פון זייער קעגנזייטיקער געבונדקייט וועדליק זיי זענען צונויפגעזעצט פון קליינע טיילן אָן אַ סוף, און לערנט אונדז, ווי מיר קאָנען פון דעם גאַנצן זיך דערוויסן די אייגנשאַפט פון זיינע טיילן, און פאַרקערט פון די אייגנשאַפטן פון די טיילן — פון דעם גאַנצן), און אויך צו דער העכערער געאָמעטריע (וואָס פאַרנעמט זיך מיט די אייגנשאַפטן פון די קרומע ליניעס און זייערע געזעצן, די פלאַכן וואָס ווערן דורך זיי באַגרענעצט, ווי אויך די קעגנשטאַנדן, וואָס זענען אין זיי איינגעשלאָסן דורך קרומע פלאַכן, און דאָס אַלץ באַגרינדעט אויף דער העכערער מאַטעמאַטיק). אויף אַזאַן אופן איז באַרנשטיין געווען אַ געלערנטער מאַטעמאַטיקער מיט פולקאָמע ידיעות פון זיין יוגנט אָן.

ער האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט עטלעכע געביטן פון נאַטור־וויסנשאַפט, צווישן זיי מיט דעם געביט וואָס איז צום נאָענטסטן צו געאָמעטריע, נעמלעך אַסטראָנאָמיע, און איין צווייג דערפון: צייט־רעכענונג, וואָס איז געווען, ווי כ׳האָב שוין אויבן דערמאָנט, זיין באַליבטסטער געביט נאָך אין זיין יוגנט און דעם בית־מדרש אין זיין געבוירן־שטאָט. די מעשה וועגן זיין מחלוקת מיטן מומחה פון זיין בית־מדרש וועגן דעם מולד — איז אפשר אָן אויסטראַכטעניש (כ׳האָב עס פון אים אַליין נישט געהערט, נאָר פון עמעצן פון עמעצנס וועגן); אָבער זיין ערשטן וויכוח מיט ח. ז. סלאָנימסקי געדענק איך גוט. נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן צו פיל אין פּראָפעסיאָנעלע פּרטים; כ׳וועל עס דערמאָנען בלויז גאָר־גאָר בקיצור. ס׳איז באַוווּסט, אַז ר׳ ח. ז. סלאָנימסקי איז געווען דער אָנערקענטער ספּעציאַליסט אין אונדזער ליטעראַטור אויף דעם דאָזיקן געביט — דער אויטאָריטעט. די הויפּט־אָנשויונג פון דאָזיקן געלערנטן איז געווען (פּינעלעס, שוואַרץ, א. עפּשטיין און נאָך אַנדערע זענען אַרויסגעטרעטן קעגן איר), אַז דער סדר פון עיבורן די יאָרן און זיינע געזעצן לויטן מיטלבאַרן חשבון, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז ביי אונדז געשאַפן געוואָרן נאָך דער חתימת־תלמוד־בבלי. אין זיין בוך „יסודי־העיבור" (ז׳ 51) און אין פראַנקלס „מאָנאַטשריפט" (1864) האָט ר׳ ח. ז. סלאָנימסקי געשריבן, אַז נישט באַזיצנדיק די אַלטע טאַבעלן פון

תלמיס צייטן, איז ער זיך משער, אַז דעם אונטערשייד צווישן דער געאָגראַ־
פישער ברייט פון ירושלים און אַלעקסאַנדריע האָבן נאָך דעמאָלט די גרינדער
פון דעם סדר־העיבור נישט געגוי געקענט, און אים געשאַצט פאַר אומגעפער
עלף גראַדן, און באַשטימט דעם חשבון פון די מולדס לויטן מערידיאַן
פון ירושלים. איז געקומען באָרנשטיין פון קאָזשעניץ און אויפמערקזאַם
געמאַכט ר׳ ח. ז. סלאָניסקין, אַז ער האָט אַנטדעקט, אַז שוין אין די טאַבעלן
פון תלמי האָט מען גערעכנט דעם אונטערשייד פון דער ברייט נאָר זעקס
גראַדן; די זאַך איז נישט אַריבער די גרענעץ פון אַ באַמערקונג, און ס׳איז
נישט געקומען צו קיין מחלוקת, ווי מיט אַנדערע, פאַרקערט, ר׳ ח. ז.
סלאָנימסקי האָט באָרנשטיינען באַדאַנקט און זיך באַנוצט מיט זיין באַמער־
קונג (האָסיף, שנה ב׳, ז׳ 273), אָבער דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש, וואָס
דער יונגער חסיד פון קאָזשעניץ איז געווען בקי אין די אַלטע טאַבעלן פון
אַלעקסאַנדריע פון מצרים מער פון ר׳ ח. ז. סלאָנימסקין, וועלכער האָט
זיך זיין גאַנץ לעבן דערמיט פאַרנומען. דעמאָלט האָט נאָך באָרנשטיין זיך
נישט געשטעלט אויף קיינעמס זייט צווישן ר׳ ח. ז. סלאָנימסקי און זיינע
קעגנער. ער האָט זיך נישט געאיילט אַרויסצוטראָגן אַן אורטייל און איז
נישט אַרויס צום געראַנגל פון דעם „דרייסיקיעריקן קריג", וואָס איז אָנגע־
גאַנגען צווישן ר׳ ח. ז. סלאָנימסקין און ר׳ צ. מ. פינעלעס אין דאָזיקן וויסנ־
שאַפטלעכן ענין — מיט התפעלות און ברען, כמעט מיט שינאה, און צום
ווינציקסטן מיט פאַרביסנקייט און שטעכווערטלעך, וועלכע האָבן צוגעצויגן
צום קאַמפּספעלד נאָך אַ סך יידישע געלערנטע אויף די שפּאַלטן פון די
העברעישע און דייטשישע צייטשריפטן פאַר יודאַיסטיק. אַ סך
מאָל ווען מיר זענען געזעסן זאַלבעדריט, ר׳ ח. ז. סלאָנימסקי,
באָרנשטיין און איך דער יונגער, זענען די דאָזיקע פראַגן איבער־
געמאָלט און איבערגעקייט געוואָרן. פון דעם אַלטן האָבן געשלאָגן
פלאַמען, באָרנשטיין האָט גערעדט ווייניק און געלאָסן. ער האָט
נישט ליב געהאַט די וויכוחים, נישט פאַרלאָזט זיך מיט פאַרמאַכטע
אויגן — נישט אויף ר׳ ח. ז. סלאָנימסקי, נישט אויף פינעלעסן, נישט אויף
שוואַרצן און נישט אויף קיינעם פון די ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט;
ער האָט אַליין זיך אויסגעפּלאַסטערט אַ וועג צו זיין שיטה, וועלכע האָט זיך
אויסגעאַרבעט אין זיין מוח אין משך פון אַ סך יאָרן, וואָס דעמאָלט איז
זי נאָך נישט געווען ביי אים קיין גאַנצע און פולקאָמענע, און בלויז פונקען
פון איר האָט ער צעשפּריצט פון צייט צו צייט אין וויסנשאַפטלעכע זאַמל־
ביכער, ביז וואַנען ער האָט איינגעזען די שלמות פון זיין שיטה און
אָנגעהויבן די לעצטע יאָרן צו באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור מיט די

אוצרות פון זיין גרויסן וויסן, און האָט זיך פאַרפולקאָמט אויפן דאַזיקן געביט, ווי קיין אַנדערער ווי ער.

אַ תּלמיד־חכם און מאַטעמאַטיקער — נישט נאָר אין זיינע ידיעות, נאָר אויך אין זיין כאַראַקטער און זיין מהות — אַזוי געדענק איך באַרנשטיינען בעת זיין קומען קיין וואַרשע. אויך אויף די דאָזיקע צוויי געביטן האָט ער זיך געגרייט צו לערנען הונדערט מאָל מער ווי ער האָט געוווּסט, אָבער ער איז שוין דעמאָלט געווען אַן אויסגעצייכנטער און אין אַ געוויסער מאָס: אַ ספּעציאַליסט, אין זיי ביידע. אויף אַנדערע געביטן האָט ער געהאַט וויכטיקע התחלות, אָבער ס'האָט אים נאָך אַ סך געפעלט, זייער אַ סך.

ער האָט געקענט די אַלע ביכער, וואָס ער האָט באַקומען אין זיין שטאָט, זיי זענען געווען איינגעפּעקלט אין זיין מעכטיקן זכרון, דעם אַרומנעמענדיקן און פּינקטלעכן; ער האָט אויך דערהאַלטן ביכער, וויסנשאַפטלעכע זאַמלביכער און צייטשריפטן פון וואַרשע; און בעת ער פלעגט שיקן וויסנשאַפטלעכע באַמערקונגען — אַ מינימום וואָס אַנטהאַלט אַ סך — אין דער „הצפי־רה״, פלעגט ער אויך שיקן באַמערקונגען אין דער פּוילישער וואָכנשריפט ”Wędrowiec” און איז געווען באַפריינדעט מיטן רעדאַקטאָר פון דער דאָזיקער וואָכנשריפט, סולימירסקי (וועלכער איז אויך געווען דער רעדאַק־טאָר פון דעם לעקסיקאָן ”Słownik Geograf” וואָס באַרנשטיין האָט אויך פאַר אים געשיקט געוויסע מיטטיילונגען), און אָט די ווייניקע באַקענטע זיינע פלעגן אים שיקן צייטשריפטן און ביכער, און אויך פאַר זיין מנישעווער פּעריאָד איז אים אויסגעקומען צו באַזוכן אַ מאָל וואַרשע; אָבער דאָס אַלץ איז געווען פול מיט שטרויכלונגען און באַגרענעצט. נישטאָ קיין מייסטער אַן אינסטרוּמענטן, און נישטאָ קיין געלערנטער, באַזונדערס אַן אויטאָ־דידאַקט, אָן ביכער. פילאָזאָפיע, היסטאָריע, לאָגיק, עסטעטיק, קלאַסישע ליטע־ראַטור, געשיכטע פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, אַנטיקע און נייע שפּראַכן מיט זייערע ליטעראַטורן, אַנטראָפּאָלאָגיע, קולטור־געשיכטע, פּסיכאָלאָגיע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און נאָך און נאָך, — האָט ער נישט געהאַט די מעגלעכקייט און נישט די מיטלען צו שטודירן געהעריק. אויך די ליטעראַטור פון די ייִדן אויף דייטש האָט ער בלויז ווייניק געקענט. און אויב אין דער דאָזיקער ליטעראַטור זענען פאַראַנען איבערזעצונגען און איבער־זעצונגען פון איבערזעצונגען, פּראָדוצירט אין אַ גרויסן אויסוואַל, — איז פאַר אַזעלכע ווי באַרנשטיין, וואָס שטודירן פון ערשטן קוואַל נישט נייטיק געווען קיין „כּלי־שני״, און הגם ס'איז פאַראַן אין דער דאָזיקער ליטעראַטור אויך אַ סך פּוסטע פאַנטאַזיע און אַ סך אָנגענעמע און געשמאַקע פּלוידעריי פאַר די לייענער פון דער דאָזיקער

שפּראַך, וואָס זייער וויסן איז אַ רשות און נישט קיין פליכט, איז דאָך אָבער אויך פאַראַן אין איר גרונטיקע ביכער, וויסנשאַפט־פונדאַמענטן און פערל נישט אָפּצושאַצן, וואָס אַ ייד פון אונדזער דור דאַרף הנאה האָבן פון זייער ליכט, און וואָס אַז זיי קאָן ער נישט דערגרייכן צו אויסגעצייטיקטקייט אין זיין בילדונג, נאָר ווערט איינגעשרומפּן בלויז אין דער אַלטער ליטעראַטור — און דאָס דינט אים נישט גוט.

דערפאַר האָבן גוט געטאָן באָרנשטיינס קרובים, און באַזונדערס ר׳ משה הכהן, וועלכן אַלע אין בית־המדרש־קאָמיטעט זענען געווען געהאָרכזאַם, מיט זייער משתדל זיין זיך צו געבן אים דעם סעקרעטאַר־פּאָסטן פון דאָזיקן קאָמיטעט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי טאָרן נישט אָוועקקוקן פון זייער לייב, און נישט געוווּסט, אַז זיי האָבן מקיים געווען די מצווה פון נישט־אָוועקקוקן פון זיין גייסט. זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן יענער משה, וועלכער האָט אַרויסגעשלעפּט באָרנשטיינען פון מגישעוו און דערפירט צו דעם פּאָסטן און דער אַרבעט, וואָס אַנטשפּרעכט אים, ווייל ס׳איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו לערנען תורה און שטודירן וויסנשאַפטן דורך דער טיר פון אַ סאַלאָן, אַנשטאָט דורך דעם לעכל פון אַ נאָדל, וואָס ער האָט געהאָט פריִער.

אַ לעכל פון אַ נאָדל — איך שטרייך אונטער די־אָ ווערטער, ווייל זיי געבן אַ באַשייד דער געשיכטע פון באָרנשטיינס אַנטוויקלונג, און נאָך זיינס גלייכן, יחידי־סגולה פון די יידישע געלערנטע פון אַ געוויסער עפּאָכע. געוויינטלעך, ווען מע דערציילט די געשיכטע פון דעם לעבן און דער טעטיקייט פון אַן אויטאָריטעטן געלערנטן פון די אומות־העולם, אָדער פון די יידן פון דער נייער צייט, באַשרייבט מען זיין לעבנסגאַנג („קוריקולום וויטאַ״) און דעם סדר פון זיין דערציִונג, אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל, אַן ענדערונג און אַ שטאַפּל איבער אַ שטאַפּל, פון דעם פריִערדיקן צום שפּעטערדיקן, לויט אַ גרייטן און פעסטגעשטעלטן שאַבלאָן, אַזוי אַז מע קאָן זיך באַנוצן מיט אַ פון פאָרויס פולשטענדיק צוזאַמענגעשטעלטן פאָרמולאַר מיט באַשטימטע ליידיקע פלעצער, וועלכע מע דאַרף בלויז אויספילן און משלים זיין מיט אויספירלעכע ענטפערס אויף געוויינטלעכע פראַגעס: אַנגעקומען אין אַנפאַנגסשול... אַרויס פון דאָרט... אַנגעקומען אין מיטלשול... אַרויס... געשטעמפּלט זיין רייפקייט־צייגניש... אָנגעהויבן באַזוכן דעם אוניווערסיטעט... אָפּטיילונג... געענדיקט... דיפּלאָמירט געוואָרן... אָנערקענט געוואָרן אַלס דאָקטאָר, מאַגיסטער או״וו... צוליב דער אָפּגעדרוקטער דיסערטאַציע... באַקומען נאָך אַ וויסנשאַפטלעכן טיטל... אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ קאָרעספּאָנדענט־מיטגליד, אַסיסטענט־מיטגליד, פאַר אַ חשובן מיטגליד

אין דער־און־דער אַקאַדעמיע... אין יענעם־און־יענעם יאָר... און ווייטער: אַ רשימה פון די ביכער, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, און דאָס איבעריקע איז שוין אַ פּירוש. אָט דאָס איז דער איינגעשטעלטער און באַשטענדיקער נוסח פון שרייבן די ביאָגראַפיע פון געלערנטע.

אָבער דער דאָזיקער נוסח איז נישט אָנגעמאָסטן באַרנשטיינען, ווייל ער האָט נישט געענדיקט אַן אויסגעליבטער מיט דער אָדער אַן אַנדערער צייגניש, איז נישט געשטעמפּלט געוואָרן מיט קיין שום זיגל. האָט נישט באַקומען קיין זילבערנעם, אָדער גאָלדענעם מעדאַל און בכלל נישט „געענדיקט" דעם קורס פון זיינע שטודיומס; די באַרנשטיינס „ענדיקן" קיין מאָל נישט דעם קורס פון זייערע שטודיומס. דער ענין פון ענדיקן די שטודיומס איז אונדז פרעמד. דער ספּעציפישער געוויינטלעכער אויסדרוק ביי אונדזער פאָלק: „יענער זיצט און לערנט", וואָס ווען מע זעצט אים איבער ווערטלעך, איז נישט מעגלעך אויסצומיידן, אויב נישט לעכערלעכקייט, איז לכל־הפּחות אַ ביסל משונהדיקייט, באַצייכנט מיט זיין וווּנדערלעכן באַטייט דעם באַזונדערן בליק און דעם אַנדערשדיקן געשמאַק בנוגע דעם לימוד פון תורה. מען „ענדיקט" נישט די תורה, נאָר מע לערנט זי דאָס גאַנצע לעבן. ווען מע באַקומט „סמיכה", אָדער אַ „היתר־הוראה", איז עס אַ פּראַקטישער אָנווייז, אַ סוף פון צוגרייטונג צו פּסקענען שאלות, און נישט קיין פאַרענדיקונג פון דעם לימוד.

און נאָך אַ שוועריקייט איז פאַראַן ביים שרייבן די ביאָגראַפיע פון אַ מענטשן ווי באַרנשטיין. לאָמיר אָננעמען, אַז מיר פאַרנעמען זיך מיט שילדערן די ביאָגראַפיע פון אַן אַקטיוון עסקן. אין דעם לעבן פון אַזאַ סאָרט מענטשן זענען פאַראַן טווּנגען און טוערס, פאַרפלאָנטערטע סיבות און רעזולטאַטן, געשעענישן און נייסן, וואָס צאַפּלען־אויף דאָס הארץ און רודערן אויף דאָס געמיט, און אויך ביי די־אַ קאָן מען שטעלן צייכנס, רעכענען און ציילן, אָרדענען און קלאָר מאַכן די פאַקטן, באַצייכענען די ערטער, אויסגעפינען די אינעווייניקסטע פאַרבינדונג צווישן די פּאַסירונגען, וואָס זענען אויס ווי אָפּגעזונדערטע געשעענישן, און זענען אין דער אמתן געבונדן דורך פעדעם פון אויג פאַרבאָרגענע; און ווען מיר אַנטבלויזן זיי פון די אויסערלעכע לבושים, זעען מיר איין, אַז זיי זענען צוזאַמענבאַהאָפטן, ווי די רינגען פון אַ קייט; אָבער דער ערשטער באַדינג איז צו געפינען אַ סך מאַטעריאַל פון אַ מאַסע פאַקטן, דעם טויש פון אַ שלל ענדערונגען, פּאַסירונגען, מנהגים, באַציִונגען, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעצווייגט און פאַרפלאָנטערט, דאָס הייסט: אַ ספּעקטאַקל פון לעבנס־געשעענישן, אָדער אַ גאַנג פון לעבנס־געשעענישן, אַ דראַמע! אויך דער דאָזיקער פאַרש־אופן

קאָן נישט אָנגעווענדט ווערן צו דער טעמע פון אַט דעם גרויסן און טיפן ענין, מיט וועלכן מיר באַשעפטיקן זיך: דאָס לעבן פון באַרנשטיינען. איך האָב דאָך דערציילט — און ווער ווייס, צי נישט צו פיל? — די צרות מיט די קנאים, דאָס אָוועקגיין צו דער השכלה אא״וו. אָבער ווען האָבן נישט געפּלאָגט די קנאים, און ווער פון אונדז איז נישט אַוועק צו דער השכלה? אויך דאָס איז דאָך פאַרגליווערט און שטיין געבליבן, ווי אַ פאַרשטיינערטער נוסח!

ווען מיר וועלן זיך פאַרטיפן צו באַנעמען דעם מהות פון דעם דאָזיקן געהויבענעם מענטשן, וועלן מיר אין אים אויסגעפינען אַ גרונטיקן שטריך און איין עיקרדיקן שפּור, וואָס באַצייכנט זיין לעבן און זיין גרויסע טעטי־קייט: באַרנשטיין איז געווען איינער פון די ווינציקע פאַרגייענדיקע מענטשן, וועלכע פאַרדינען זיך צו דינען פאַר אַ מוסטער פאַר די אויטאָדידאַקטן, ער איז געווען איינער פון יענע, וועלכע האָבן דערפירט די אויטאָדידאַקטן צו דער העכסטער מדרגה, וועלכע זיי האָבן פאַרווירקלעכט פאַר זיך אַליין און זי געמאַכט פאַר אַ שלאָגנדיקן קוואַל, וואָס קוועלט אַרויס בענטשונג און שפע פאַר אַנדערע דורך דער העברעיִשער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור.

די אויטאָדידאַקטיק איז נישט קיין שאַבלאָן: זי איז אַ לעבעדיקע דער־שיינונג און אַ מיוחדת־במינה. יל״ג, וועלכער האָט בשעתו געשריבן: „וויפל לאָמאָנאָסאָווס זענען פאַראַן אין דער יידישער גאַס!", האָט זי גע־וואָלט מאַכן פאַר אַ שאַבלאָן. אָבער ער האָט זיך נישט פאַרטיפט, איז בלויז אויבנאויפיק פאַרבייגעגאַנגען, פאַרגלייכנדיק צוויי דערשיינונגען ענלעכע בלויז אייבערפלעכלעך. אויך אין דער אויטאָדידאַקטיק פון לאָמאָנאָסאָוון איז פאַראַן דאָס גדלות פון ברעכן צוימען, פון האַרעוועז איבער שטודיומס, פון אַ מעכטיקן טאַלענט, פון עלית־נשמה. אין אַט די אַלע הינזיכטן איז פאַראַן אַ ביסל ענלעכקייט. איז שטענדיק אין די אַלגעמיין מענטשלעכע ענינים פאַראַן אַן ענלעכקייט; אָבער חוץ דער ענלעכקייט זענען פאַראַן אַ סך זאַכן נישט־ענלעכע, ס'זענען פאַראַן פאַרשיידנקייטן. ס'זענען פאַראַן קאָ־לירן ראַסאָווע, אָרטיקע, געשיכטלעכע, וועלכע זענען כלל נישט ענלעך. דער יידישער אויטאָדידאַקט אין מיזרח־אייראָפּע, וועלכער איז אין אָנהייב פון זיין אַנטוויקלונג דערצויגן אויף דער תורה און דעם תלמוד, האָט זיך געפונען אין אַ ספּעציעלער לאַגע, געדענקט און געאַרבעט אויף אַ באַזונדער אופן. דאָס איז אַ קאַפּיטל אין אונדזער קולטור־געשיכטע, אַ קאַפּיטל, וואָס ווערט וואָס ווייטער אַלץ טונקעלער, אָבער איז גרויס און גלענצנד געווען בשעתו. מיר זעען עס היינט ווי דורך אַ נעפּל, בלויז ווייניקע פאַרשטייען עס. אַ סך שפּירן עס בחוש; פון איין געשעעניש צום צווייטן, למשל, ווען אַ

מענטש ווי באַרנשטיין גייט אויך פון דער וועלט — און ער האָט געשריבן ביכער, אַ סך און טייערע מאמרים — צי רופט אַרויס די אבדה פון דעם כוח, וואָס שאַפט מאמרים און ביכער, דעם שווערן טרויער? — מע שפּירט, אָבער מע באַנעמט נישט קלאָר, אַז מע טרויערט אויף עפּעס, וואָס איז מער פון די ביכער און די מאמרים און דער ווונדערלעכער פּערזענלעכקייט פון דעם אַוועקגעגאַנגענעם — די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן, די שכינה פון אַ גרויסער עפּאָכע, די שכינה פון די גרויסע אויטאָדידאַקטן, אַן אוניקאַלע זאַך און אַ ספּעציפישער אוצר, אַ דערהויבן ליכט, וואָס עס שרעקט אונדז זיין פאַרשווינדן ווערן!

די קאָנווענציאָנעלע אַפּאָריזמען־מאַכערס זענען געוווינט צו זאָגן: די אויטאָדידאַקטיק איז נישט קיין פולקאָמע און געאָרדנטע לערע, נאָר אַ געמיש פון געווירץ־סאָרטן, אַ געריכט פון אַלערליי שפּעצערייען, טיילשטיקער פון פאַרשיידענע געביטן, אַ שטיקל פון דאַנען און אַ בראָק פון דאָרטן, אויבער־פלעכלעכע ברוכשטיקלעך, אַ געמיש פון שטודיומס, שיטערע, אויבנאויפיקע, אָפּגעהאַקטע און צעוואָרפענע, אָן אַ סדר און צילגעווענדטקייט.

די שופטים פון די־אַ האַרבע אורטיילן ווייסן נישט, אַז אַזאַ כאַראַקטע־ריסטיק איז פּאַסיק נאָר פאַר יענע אויטאָדידאַקטן, וועלכע זענען געווען און פאַרבליבן אויטאָ־פּראָפּאַנען, יענע, וואָס זייער אויטאָדידאַקטיק איז געווען בלויז אויפן נעגאַטיוון אופן, ס'הייסט, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין לערער, נאָר אַליין ערשט אָנגעהויבן צו לערנען; זיי קאָכן זיך, רעגן זיך אויף, פילאָזאָפירן, אָבער לערנען נישט, לערנען צעמישטע אין אָנהייב, דערגייען נישט ביז צום סוף און פאַרבלייבן ביי זייער האַלבקייט; און ווייל זיי האָבן געליטן פון פוילערישער נאַכלאַזיקייט, פון איבערגעאײַלטן איבערשפּרינגען פון איין געביט צום צווייטן, פון מידקייט, פון אַ נטיה צו לאַנגווייל, פון מאַנגל אין התמדה, אוי, פון מאַנגל אין התמדה, וואָס דאָס איז דער ראַק, וועלכער פאַרצערט אונדזער גאַרע מידיקייט, — האָבן זיי גאָרנישט נישט דערגרייכט. ווער ס'איז אַן אויטאָדידאַקט באמת, איז נישטאָ נאָך אַזאַ פולקאָמער שטודיום ווי זיינער, נישטאָ קיין געאָרדנטקייט ווי זיינע.

פון דער צווייטער זייט ווידער — אַן אָפּשפּעטן און אַ קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף דער השכלה און די משכילים, די פאַרשטאָפּטקעפּיקע און אומפאַרביקע, די פּחדנותדיקע בטלנים. „מיר די העלדן, די קריגסלייט, מיר די קעמפנדיקע אַטלעטן!".

ווען איך כאַפּ אַ קוק אויף צוריק צו דער עפּאָכע פון די אויטאָדידאַקטן, און ווען כ'הער די רייד פון פאַרריסנקייט און ביטול פון די קריכעדיקע גרילן און אומפּרוכטיקעביימער, וואָס זייער רויש לאָזט זיך הערן ווייט, פרעג

איך זיך אַליין: נישט שוין זשע איז די שיכחה־קראַנקהייט אַזוי גרויס ?
צי האָבן שוין אונדזערע צייטמענטשן באַוויזן צו פֿאַרגעסן די גאַנצע עפּאָ־
פּייע אַן די מאַרטיראָלאָגיע פֿון די אַיטאָדידאַקטן ? ווער איז אין שטאַנד
צו דערציילן וועגן זייערע פּלאָגן, און ווער קאָן שילדערן זייער עפּאָכע ?
גרויס איז געווען דאָס וויסטעניש אַרום, און זיי זענען געלאָפֿן נאָך ליכט, און
קיין וועגווייזער איז נישטאָ, און קיין וועג איז נישט פֿאַראַן, און אויף טריט־
און־שריט אַ פּלאָנטער פֿון דערנער־געוויקסן. יעדעס ניי העברעיִש בוך
איז זיי פֿאַרבאָטן געווען, אַלץ איז „טרייף־פּסול״, און פֿאַר יעדן פֿרעמד־
שפּראַכיקן בוך האָט מען געפֿירט אויפֿן עשאַפֿאָט. צי קאָנען היינט פֿאַרשטיין
די בחורימלעך־העלדן, צי קאָנען באַנעמען די איינגעאָרדנטע שילער, וועלכע
שטודירן אין זאַטקייט, אין רו און אַ ביסעלע פֿוילקייט, „די שעפּסן, וואָס
פּיטערן זיך אויף זייער פּיטערפּלאַץ״, — דיליידן און די גראַנגלען פֿון
די אויטאָדידאַקטן ? צי וועלן פֿאַרשטיין אָט־די, וויפֿל זוכענישן האָבן דורכ־
געמאַכט יענע, וויפֿל שוועריקייטן האָבן זיי בייגעקומען כדי עפּעס־וואָס
צו לערנען, אָפּצורייסן צייטיקע זאַנגען מיט די שפּיצן פֿינגער ? צי וועלן
זיי פֿאַרשטיין דעם ליידנשאַפֿטלעכן וויסן־באַגער, דעם קאָכעדיקן, ברויזנ־
דיקן, אָנקלאָגערישן, רעוואָלוציאָנערן ? צי זענען זיי מסוגל זיך פֿאָרצו־
שטעלן וויפֿל געטלעכע פֿלאַמען, גייסטיקע אויפֿטרייסלונגען, נשמה־צאַפּ־
לעניש, בענקשאַפֿטן און גאַרונג צו די נייע וויסנשאַפֿטן ס׳האָבן געשטעקט
אין אונדז אין יענער עפּאָכע, ווי ווייניק ס׳איז אונדז פֿרעמד געווען גייסטיקע
שוואַכקייט און שרעקעוודיקייט, וויפֿלווידערשפּעניקייט, פֿאַרביסנקייט און
אַנטשלאָסנקייט האָבן פֿערמענטירט אין אונדז, נישט צו רוען ביי טאָג און
נישט צו שלאָפֿן ביי נאַכט, מיינסטן טייל אין מאַנגל און קעלט, מיט אַן
אַלטגעבאַקן שטיקל ברויט און אַ ציבעלע, אָן דער אָרגאַניזאַציע פֿון שילער
אין אַ שול, ווו איינער קומט אַנטקעגן דעם אַנדערן און העלפֿט דעם צווייטן,
נאָר יעדער גייט זיך מיט זיין וועג און איטלעכער מיט זיין שטעגל, איינזאַמע,
פֿאַרפֿאָלגטע, קעמפֿנדיקע און זיך ראַנגלענדיקע פֿאַר יעדן פּונקט וויסן ?
ריזן־זין האָבן מיר דאָרט געזען — אין דער עפּאָכע פֿון העלדישקייט און
מסירת־נפֿש פֿאַר תורה־לשמה (אַ סך פֿריער פֿאַר דער עקסטערנער־עפּאָכע,
וועלכע איז געווען געבונדן מיט דיפּלאָמען און באַפֿרייונג פֿון מיליטער־
דינסט), אָן אַרומנעמענדיק וויסן, אַ ייִדיש און אַלגעמיין מענטשלעכס אין
זיין פּרעכטיקער רייכקייט, וויפֿל תעניתים און שלאָפֿלאָזע נעכט, וויפֿל
משפּחה־קריגערייען און צרות, און קלעפּ, און ווונדן, באַליידיקונגען און
זידלערייען, שרעק פֿאַר באַשטראָפֿונגען און חרמות, וואָס פֿאַר זייער פּרייז
איז געקויפֿט געוואָרן איין קאַפּיטל אין פֿיזיק, איין אָפּטייל אין געאָמעטריע,

וועלכע זענען צוליב דעם אַזוי באַליבט געוואָרן, ווי טייערע מלחמה־טראָ־פייען דעם מלחמה־העלד! מיר פלעגן פאַסטן טאָגטעגלעך ביז מיטאָגצייט, אויפשטיין פאַר טאָג, צוויי מאָל אין דער וואָך פלעגן מיר וואָך זיין די גאַנצע נאַכט — ווער האָט געוווּסט די ליידן פון די תּלמידי־חכמים, און באַזונדערס פון די משכּילים־אויטאָדידאַקטן?

יאָ! איין קאַפּיטל אין פיזיק, אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, גראַמאַטיק פון לאַטיין — טרוקענע און פוסטע זאַכן! די אויטאָדידאַקטן דעמאָלט זענען נישט אָפּגעקומען מיט אַ הויכן און דערהויבענעם דיספּוט איבער „באַווע־גונגען", „שטרעמונגען", „סעקטעס", „אָפּאָזיציעס" — אַ לייכטע, אָנגענעמע און שפּאַנענדיקע זאַך. זיי האָבן געאַקערט אויף אַ שטיינעריקן באָדן. האָבן נישט אַוועקגעלאָזן אין דער לופטן קיין זייפנבלאָזן, צו באַטראַכטן זיי פאַר פּאַלאַצן, — זיי האָבן געלערנט גלייכונגען און זענען איבערגעגאַנגען פון דער ערשטער מדרגה צו דער צווייטער, ביז זיי זענען דערגאַנגען צום באַשיידן די העכערע גלייכונגען. זיי זענען נישט געווען באַהאַוונט אין יענע „דעמערונגען", „רעפלעקסן", „דערשיינונגען", „מיסטעריעס", „אויגן־פינטל" און אַלוזיעס, וואָס די נאַיווע, אָדער נאַיוו־זיך־מאַכנדיקע ליריק, אין דער היינטיקער דיכטונג און לעבן, טליעט אין זיי מיט גרויסער לייכט־קייט און מיטן צויבער פון רייזע־חלומות; זיי האָבן געלערנט לאָגאַריטמען, און דער עיקר, זיי האָבן נישט אָנגעהויבן און שפּעטער איבערגעריסן, טראַכטנדיק צופרידן, אַז זיי האָבן שוין געענוג. דאָס פּאַרצייטישע שפּריכ־וואָרט זאָגט ליגן: די אָנהייבן זענען נישט שווער. די אָנהייבן זענען לייכט — אין יעדן לימוד, אין יעדער מלאָכה, אין יעדער אַרבעט, וואָס אַ מענטש נעמט אויף זיך. גרויס התלהבות, און שפּעטער לעשט זיך עס אויס, מיט שלעכטע אויסדעמפונגען! זיי האָבן ווייטער פלייסיק געלערנט, און דערפאַר האָבן זיי צו עפּעס דערגרייכט. ווען נישט זיי מיט זייער אַרבעט, ווער ווייס צי מיר וואָלטן נאָך אויך היינט נישט געפונען זיך אין דעם גייסטיקן געטאָ, אין דער אָפּגעשטאַנענקייט און פינצטערניש? ס׳וועט נישט העלפן קיין שום „סעקטע", קיין שום „וועלט־אָנשויונג" און קיין שום „באַוועגונג", אויב ס׳וועלן פריִער נישט קומען די טרוקענע און קאַלטע לימודים. ווער ס׳האָט נישט קיין קלייד פאַר זיין לייב, וואָס וועט אים העלפן אַ האַלדזבאַנד אויפן האַלדז? ווער וועט אַרויפשטייגן אויף אַ הויכן באַרג, אויב זיינע פיס זענען נישט געניט צו שטיין אויף דער ערד? — —

באַרנשטיינס שטודירן און זיין פאַלקאָמענהייט איז געווען דער נצחון פון דער אמתער אויטאָדידאַקטיק אין איר קאַמף מיט דער סביבה, און נאָך מער, אין איר קאַמף מיט זיך אַליין.

[ג]

דער דאָזיקער אויטאָדידאַקט איז בעיקר געווען אַ מאַטעמאַטיקער. איך בין נישט, לויט מיין אָרעמען וויסן, קיין פאַכמאַן צו באַשטימען זיין מדרגה אין מאַטעמאַטיק. לויט די רייד פון די באַהאַוונטע, וואָס איך האָב געהערט זייערע מיינונגען, איז באַרנשטיין געווען אַ באַגאַבטער מאַטעמאַטיקער און אויסגעצייכנטער קענער, אָבער איך געהער נישט צו די פאַנעגיריקער, וואָס זענען „געניינט צו זאָגן הלל". באַרנשטיין איז געווען אַן אויפריכטיקער מענטש און אַן אויסגעשפּראָכן פינקטלעכער, און דאָס אַפּשאַצן אים דאַרף זיין, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, אין דאָזיקן גייסט, אָן פאַנאַטיזם און גוזמאות. באַרנשטיין איז נישט געווען פון די גדולים אין דער מאַטעמאַטיק.

ווען איך באַריר מאַטעמאַטיק, וויל איך דערמיט בלויז אויפקלערן די השפּעה פון דער מאַטעמאַטיק-וויסנשאַפט אויף באַרנשטיינס גאַנצן געמיט און אַרבעטס-כאַראַקטער. נאָר אין אַ באַמערקזאַץ מיט אַ קאָמע אין מיטן דערלויב איך זיך צו מאַכן אַט-די וויניקע באַמערקונגען, וואָס לויט מיין מיינונג האָבן זיי אַ געוויסע שייכות צום גייסטיקן און ליטעראַרישן כאַ־ראַקטער פון מיין זייער געשעצטן.

די מאַטעמאַטיק-געזעצן האָבן פעסטע זיכערקייט. למשל, דאָס געזעץ: 12=5+7 איז חל אויף אַלע זאַכן און אין אַלע צייטן. ווען דאָס קינד וויל קאָנטראָלירן דעם דאָזיקן כלל דורך ציילן, זעט עס אויס לעכערלעך אין אונדזערע אויגן. דער דערוואַקסענער זעט נישט קיין שום באַדערפעניש צו זוכן פאַר דעם דאָזיקן געזעץ אַ באַשטעטיקונג פון דער דערפאַרונג. דאָס זעלבע איז אויך מיטן באַוווּסטן געזעץ אין דער געאָמעטריע-וויסנשאַפט: די ווערטיקאַלע ווינקלען זענען גלייך. דאָס איז דאָך אַ פּשוטע זאַך פאַר יעדן, וואָס ווייס וואָס דאָס איז אַ ווערטיקאַל ווינקל. דאָס דאָזיקע געזעץ איז זיכערער פון יעדן היסטאָרישן פאַקט און פון יעדער דערקענטעניש אויפן געביט פון נאַטור-וויסנשאַפט, ווי למשל, אַז די קאָנישינע איז דרייבלעטער־דיק. די שפּראַך אַליין מאַכט אַן אונטערשייד צווישן די דאָזיקע דעפיניציעס: אין מאַטעמאַטיק איז פאַראַן געזעצן: דאָקעגן אין אַנדערע וויסנשאַפטן זענען פאַראַן פאַקטן, פון וועלכע מע פירט אַרויס געזעצן.

אויך די מאַטעמאַטישע ידיעות שאַפט מען זיך איין אויף אַ באַזונדערן אופן. צו דערקענען די נאַטור-געזעצן דערשלאָגט זיך דער מענטש דורך דער דערפאַרונג; און ס'איז באַוווּסט, אַז די דערפאַרונג איז באַגרענעצט און מצומצם פון פאַרשיידענע זייטן. די פאַקטן, וואָס מיר רופן זיי „היסטאָרישע פאַקטן", האָבן זיי אַנדערע מענטשן געזען, און אויף זייערע רייד פאַרלאָזן

מיר זיך יאָ, אָדער נישט. נישט אַזוי איז מיט די מאַטעמאַטישע געזעצן, די־אָ געזעצן זענען נויטווענדיקע רעזולטאַטן פון דעם דענקענדיקן כוח, וועלכע פאַרמירן זיך אין יעדן איינעם פון אונדז אויף אַ נויטווענדיקן און אומ־פאַרענדערלעכן אופן, ווי דאָס אויף אייז איינפרירנדיקע וואַסער צייכנט־אָן געוויסע שטחים־צייכענונגען, און ווי דער צעבראָכענער קרישטאָל צייכנט־אָן ראַנדן און ווינקלען, ספּעציפישע פאַר זיין נאַטור אויף אַלע אייביקייטן.

אמת, די מאַטעמאַטישע געזעצן וואָס באַציִען זיך צו דער דרויסנדיקער וועלט, זענען אָבער נישט אָפּהענגיק פון אירע ענדערונגען, טוישונגען און אויפטרייסלונגען. די מאַטעמאַטישע באַגריפן זענען געדאַנקלעכע זאַכן, נאָר זייערע וואָרצלען זענען פאַר אַלעמען באַהאַפטן מיט די איינדרוקן פון די חושים, און מע קאָן זיך באַנוצן מיט זיי בנוגע קאָנקרעטע זאַכן. ווען מיר שטעלן זיך פאַר אַ גלייכוועגטיקן דרייעק פון 60 גראַדן, הייסט עס נישט, אַז ער געפינט זיך פאַר אונדז „אין דערווירקלעכקייט". ער שוועבט בלויז אין אונדזער מחשבה און איז נישט מער ווי אַ גייסטיק געמעל, ווי דער פּחד, אָדער דאָס געפיל פון פרייד.

די מאַטעמאַטיק איז ווירקלעך אַ בריק צווישן דעם גוף און דעם דענ־קענדיקן כוח אין אונדז, אין מיטן צווישן די זאַכן, וואָס דער חוש נעמט זיי אויף און צווישן דעם, וואָס גייט פאָר בלויז אין אונדזער באַוווסטזיין. דער מאַטעמאַטיקער גייט צו נאָענט־נאָענט צו דעם הויפּט פּראָבלעם פון דער גאַנצער פילאָזאָפיע, און דאָס איז: די פאַרבינדונג צווישן דעם גוף מיט דער נשמה. געאָמעטריע וואָס איז נאָענט צו מאַטעמאַטיק באַשעפטיקט זיך מיט אויספאָרשן דאָס אָרט און די קערפּערס, וואָס געפינען זיך דערין, וועלכע מיר קאָנען אָנטאַפּן מיט די הענט און זעען מיט די אויגן. צאָלן האָבן אַ יתרון פון די פאָרמען. די צאָלן הערשן נישט נאָר אין דער חומר־דיקער און רעאַלער וועלט. דורך צאָלן קאָנען מיר דעפינירן אויך קלאַנגען־פאַרהעלטענישן; צו צאָלן מוזן אָנקומען אויך די אַסטראָנאָמישע קערפּערס, וואָס באַוועגן זיך אין זייערע אָרביטן לויט פעסטגעשטעלטע געזעצן. די מאַטעמאַטישע צאָל און די געאָמעטרישע פאָרעם דאָס זענען דער טייל פון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס מיר זענען פּעִיק איינצוהיטן אין אונדזער זכרון צום סאַמע פּינקטלעכסטן. זיי זענען עס דער איינציקער איבערבלייב פון אַלע פאַרגאַנגענע חוש־איינדרוקן, וועלכער איז גרייט צו ענטפערן אויף אַלץ, וואָס מיר ווילן אים פרעגן און וועלכער שטייט צו אונדזער באַפעל צו יעדער צייט. אַלץ דאָס איבעריקע קאָן פון דאָס ניי דערקענט ווערן, אָבער נישט פון דאָס ניי געבוירן ווערן אָן אָפּהאַלט אַלס אַ גייסטיק בילד.

אין אַ געוויסן זין איז פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן דער מאַטעמאַטיק און דער מוזיק־וויסנשאַפט. דער מאַטעמאַטיקער און דער מוזיקער קאָנען זיך אָפּזונדערן פון דעם ציבור, לעבן אין איינזאַמקייט און הנאה האָבן פון זייערע רייכטימער, און אויך זיי פאַרמערן, ס׳הייסט: שאַפן פון זיך אַליין. דער אונטערשייד באַשטייט נאָר דערין, וואָס דער מוזיקאַלישער אינהאַלט איז אַ מענטשלעכער, און דער מאַטעמאַטישער אַ וועזנטלעך־אַלגעמיינער.

די מאַטעמאַטיק איז נישט אָפּהענגיק פון ווער, נאָר פון וואָס. זי איז נישט קיין וויסנשאַפט צוליב נוץ, הגם איר נוץ איז גרויס אויף דער וועלט. די כוונה און דער אמתער צוועק פון דעם מאַטעמאַטיקער איז די פרייד און דער גייסטיקער פאַרגעניגן, מיט וועלכע ער קוויקט זיך, פון דער פרייער, פריידיקער און יובלענדיקער מוח־טעטיקייט און פון דעם נחת־רוח פון באַשיידן די פראַגעס און רעטענישן, וועלכע ס׳האָבן שוין דערמאָנט די פילאָזאָפן און צווישן זיי אויך דער רמב״ם.

באָרנשטיינס מאַטעמאַטישע טעטיקייט האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז דערמיט, וואָס ער האָט באַשיידט אַ סך פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען אין דעם ענין פון צייטצייילונג לויט דער מאַטעמאַטיק. דאָס איז אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך. מיין מיין איז וועגן אַ טיפערן ענין, נעמלעך אַז אַלע באָרנשטיינס פאַרשונגען זענען לויט אַ מאַטעמאַטישן מעטאָד. יעדער אויספיר זיינער מאַכט דעם איינדרוק פון צוויי באַהעפטן פון פאַרשיידענע מאָסן, וואָס זענען גלייך איינע צו דער אַנדערער, וואָס די גלידער־גרופּע פון איין זייט פון דעם פאַראַלעל־צייכן איז גלייך מיט דער גלידער־גרופּע פון דער צווייטער זייט — בקיצור: אַ גלייכונג מיט אַ רעכטן אַקסל און אַ לינקן אַקסל, און יעדע פון זיינע היפּאָטעזעס, ריכטיקע, אָדער נישט ריכטיקע אין זייערע פּרטים, דערמאָנט מיר מיטן אופן פון איר קאָנ־סערוויזרונג און באַאַרבעטונג דעם סיסטעם פון דער ריינער מאַטעמאַטיק און די מאַטעמאַטישע פונקציעס ביי אומבאַשטימטע גלייכונגען מיט צוויי געזוכטע, וואָס מיר זענען אין שטאַנד צוצוקלייבן דעם איינעם געזוכטן וואָסער עקוויוואַלענט מיר זאָלן נישט וועלן אאַ״וו.

כ׳וועל דערקלערן מיינע רייד מיט עטלעכע ביישפּילן. די מחלוקת צווישן רב סעדיה גאון און בן מאיר וועגן באַשטימען די יאָרן ד״א תרפ״ב־תרפ״ד — אַ וויכטיק פּראָבלעם, מיט וועלכן הר״פ פראַנקל (אין „מאָנאַטשריפט״ יאָר 1871, ז׳ 555—560, און הר״ש פינסקער (לקוטי קדמוניות, נספחים, ז׳ 36) און נאָך אַנדערע, און באַזונדערס ד״ר ש. פּאָזנאַנסקי (Jewish Quart. Rev. X.153) האָבן זיך פריער באַשעפטיקט דערמיט. ווי

אזוי האָט זיך באַשעפטיקט דערמיט באַרנשטיין כמעט אַלע יאָרן זיינע, אָנהייבנדיק פון זיין גרויסער פאַרשאַרבעט, וואָס דערגרייכט די מאָס פון אַ בוך (אין מיין יובל־בוך) און צײַענדיק ביז זיין גרויס בוך „דברי ימי העיבור האחרונים" (התקופה, כרכים י"ד—ט"ו—ט"ז), ראשית, זעען מיר דעם מאַטעמאַטיקער־אַרכיטעקט ביים זאַמלען דעם מאַטעריאַל. איך רעד נישט וועגן דער בקיאות. דאָס בקיאות איז נישט דער עיקר אין אַזעלכע ענינים; אַפילו דער גענעאַלסטער בעל־זכרון קאָן נישט פאַרגע־דענקען אַלץ. איך מאַך נאָר אויפמערקזאַם וועגן דער התמדה און איבער־געגעבנקייט דער זאַך. אויך שטיינשניידער, שרייבנדיק איבער אַ וועלכן ענין, האָט פריִער פאַרגעשטעלט די ליטעראַרישע ידיעות איבער דעם אַלץ וואָס ס'איז געשריבן געוואָרן אין געדרוקטע און האַנטשריפטלעכע ביכער וועגן דעם ענין; און די יונגע געלערנטע דאָקטוירים, ווען זיי קלייבן אויס אַ וועלכע טעמע פון קליינעם פאַרנעם צו שרייבן אויף איר אַ דאָק־טאָר־דיסערטאַציע, און האָבן אַן אַריינגאַנג אין די גרויסע ביבליאָטעקן אין אייראָפּע, ווו די קאַטאַלאָגן זענען פאַר זיי אָפּן, דאַרפן זיי נישט מער ווי אויסשטרעקן די האַנט, און די פען שרייבט שוין פון זיך אַליין, און בערג פון לאַנגאַניקער ליטעראַטור איז גרייט פאַר זיי אויף יעדן תג און קוצו־של־יוד. אָבער דאָס אַלץ איז נישט אין פאַרגלייך מיט דער טייל פון באַרנשטיינס דאָקומענטאַציע. אָן אַ שאָטן פון מליצה קאָן מען זאָגן: אַלץ איז אים געווען באַוווּסט, יעדעס בוך וואָס איז צום באַקומען, אָדער אַ יקר־המציאות, אַפילו אַן אוניקאַט, יעדער מאַמר אין יעדן זאַמלבוך און יעדע צייטשריפט אויף יעדער שפּראַך, יעדער כתב־יד אָדער פראַגמענט פון אַ כתב־יד, און זינט ס'זענען אַרויסגעקומען וויכטיקע רעזולטאַטן פאַר דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, פון די פראַגמענטן, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין די אַלטע גניזות, אָדער וועגן אונדזער העברעיִשער שפּראַך פון די שריפטן, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן אין די אַנטיקע חורבות מיט די אותיות פון סעמיטישע שפּראַכן, ווי אויך אין דער פלעקל־שריפט. ער אַליין האָט אויף איין אָרט געשריבן:

> „די געשיכטע פון דעם עיבור־חשבון, וואָס האָט תמיד געהאַלטן אין איין ענדערן זיך, טוישט איין פאַרעם אויף אַ צווייטער, האָט זיך פאַרברייטערט און זייער צעוויקלט, און אירע אָפּצווייגן האָבן זיך צעלאָזט אויף אַלע זייטן; און ווער עס וויל זי באַקענען, מוז לייענען זייער אַ סך ביכער פון פאַרשיידענע צייטן אין פאַרשיידענע שפּראַכן, ביכער זעלטענע צו קריגן, וועלכע געפינען זיך נאָר אין די גרויסע ביבליאָטעקן

איינס אין אַ לאַנד און צוויי אין אַ מדינה, אויסער דעם מוז ער זוכן און לייזן אַ סך חשבונות אין דער אַסטראָנאָמיע, צו נעמען אין באַטראַכט די פאָרשונגען פון די קדמונים און זייערע אָנשוויונגען און זיי צונויפפירן מיט די יסודות, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער עיבור־חשבון ביי אונדז" (אין זיין מאַמר „פרשת העיבור", הכרם, ז' 290).

דאָס איז ריכטיק, אָבער צו דעם דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אַזוי איז געווען זיין גאַנג אויך אין אַנדערע ענינים, וועלכע ער האָט באַרירט, אויך אין יענע, וועלכע זענען נישט געווען דירעקט („כיון" — אַ סך בעסער פון „ישר", און אויך דאָס איז געווען איינער פון זיינע פיל חידושים, באָרנשטיינס) ענינים שייכדיקע צו זיין געביט, למשל, אין זיין וווּנדערלעכן קריטישן מאַמר, וואָס ער האָט געשריבן אויפן ספר „ברייתא דמרכבה" פון ד"ר בנימין שערשעווסקי (כנסת ישראל, שנה א' 477—469), אין וועלכן ער באַהאַנדלט די טערמינען און זייערע פאַרטייטשונגען, אָדער אין זיין קריטישן מאַמר אויף דעם „המדרש תנחומא" פון הר"ש באַבער (האסיף, שנה ג' 903—912), און אויך אין זאַכן נישט־וויסנשאַפטלעכע, ווי, למשל, אין דער איבערזעצונג פון מיצקעוויטשעס ליד „פאַריס", וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „הפרש", האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ פאָרוואָרט אויפצוקלערן אויספירלעך, ווער ס'האָט עס געטאָן פאַר אים (ספר השנה, א' 325—333), בנוגע יעדן ענין, וואָס ער האָט פאַרטראַכט צו שרייבן איבער אים איז זיין ערשטע אַרבעט געווען: צונויפזאַמלען דעם גאַנצן ליטעראַרישן מאַטעריאַל וועגן יענעם ענין, אים אויסדרן און צוזאַמענשטעלן און אַוועקשטעלן ממש ווי די גלידער־גרופּעס, וועלכע שטייען פון איין זייט פון דעם פּאַראַלעל־צייכן און פון דער צווייטער זייט. קלאָרקייט! נישט „דער זאָגט אַזוי, און דער זאָגט פאַרקערט", נאָר וואָרט ביי וואָרט, וואָס מע זאָגט און ווו; און אויב ס'זענען פאַראַן גרייזן, געלאָזן די גרייזן אַזוי ווי זיי זענען. די דאָזיקע פּינקטלעכקייט זעט צייטנווייז אויס פּעדאַנטיש און איבערמאָסיק (למשל, אין דעם פראַגמענט פון דער מצרים־גניזה, וועלכן ער קאָפּירט פון ענגלישן זאַמלבוך Jew. Quart. Rev., צייכנט ער אָן יעדעס מאָל, ווו ס'זענען פאַראַן מליצות פון פסוק, דעם מראה־מקום פון דעם פסוק אין תנ"ך, אַ זאַך וואָס ס'האָבן זיך נוהג געווען די שרייבער אין אַנדערע שפּראַכן, און נישט אין העברעיש — („דברי ימי העיבור האַחרונים", התקופה ט"ו, ז' 242), אָבער ס'איז בעסער ס'זאָל זיין איבעריקע פּינקטלעכקייט איידער ס'זאָל פעלן. יעדע ליטעראַטור־מאַטעריע, יעדער וואַריאַנט, יעדע פאַרבליבענע דערמאָנונג איז פאַר אים — כ'וואָלט זאָגן מיט דער שפּראַך פון די מאַטע־

מאַטיקער — est datur (ס'איז געגעבן, ס'איז פאַראַן) ; און אַלץ וואָס געפינט זיך שוין פון לאַנג בנוגע אַ וועלכער פראַגע פאַרדינט זיך געפאָרשט צו ווערן. אַ סך מאָל געפינט מען אין זיינע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן במשך מער פון איין דור, אַז ער דערמאָנט זיינע אַמאָליקע מיינונגען און מראי־מקומס, און בעסערט זיי אויס, און גיט צו זיי צו דאָס וואָס ער האָט זיך נאָך דערוווּסט פון ניי־אַנטפּלעקטע ערטער, אַפילו איין וואָרט, אַפילו איין ציפער. דאָס איז ענלעך צו יענע ריכטער אין קרימינאַל־משפטים, וועלכע זאָגן זיך נישט אָפּ פון רופן יעטוועדן עדות אַפילו פון עק וועלט, אויב איינער פון די צדדים פאָדערט מע זאָל אים אַרויסרופן, אָדער די זאַך פאָדערט עס.

אָט דאָס דאָזיקע ברענגען בשפעדיקע און אומפאַרגלייכלעך־אַרומנעמענדי־קע באַווייזן, וואָס באַגרינדעט יעדן פּרט, און וועבירט גאַנצע גרופּעס עדות אויף יעדן קנייטש, וואָס שלעפּט אַרויס פון די טעקעס אַלערליי דאָקומענטן פון אַלע כתב־ידן צעשפּרייטע, פאַרגרייזטע און מטושטשע, אַזוי אַז ס'בלייבט נישט איבער אין זיינע רייד קיין זאַך וואָס הענגט אין דער לופטן נישט־דערוויזן און נישט־דערקלערט, און דער לייענער וועלכער פאַרשטייט זיך אויף די זאַכן קאָן זיי קאָנטראָלירן און פאָרשן אין זייער ערשטן מקור, — אָט די־אָ גאַנצע אַרבעט איז נישט פון דעם מין בקיאות, וואָס פאַרבלענדט די אויגן און קלינגט ווי אַ גלעקל מיט דער פאַרבאָרגענער כוונה זיך אויסצו־פיינען און אָנוואַרפן אַ שרעק, נאָר אַן אַרבעט, וואָס איז נייטיק פאַר דעם עצם פון דער פאָרשונג, אָן אַן אָפּנייג אין אַ זייט און אָן איין איבעריק וואָרט. די באַווייזן זענען נישט צוגעקלעפּט און באַהעפט צום ענין, נאָר איינגעזאַפּט אין זיינע גלידער. איבער דער גאַנצער רייכקייט פון דעם געוועב און איר שלל קאָלירן ציט זיך דער וועבפאָדעם, פון אָנהייב ביזן סוף, מיט יענער קלאָרקייט, מיט וועלכער דער וויסנשאַפטלער פון הויכער מאַטעמאַטיק דערקענט אין ענינים פון פראַפּאָרצן און זייער צוזאַמענשטעל לויט דער איינגעשאַפט פון די טיילן דאָס גאַנצע. אין דאָזיקן זין פאַרדינט זיך באַרנשטיינס בוך (פאַקטיש זענען אַלע זיינע מאמרים גאַנצע ביכער) „חשבון שמטים ויובלות” (התקופה, י״א 231—260) צו דינען פאַר אַ מוסטער. דאָס־אָ בוך זיינס האָט אַן אינהאַלטלעכן סמיכות־הפרשיות מיט זיין בוך „תאריכי־ישראל” (התקופה ח' ט'), אין וועלכן ער האָט צונויפגעזאַמלט, אין אַ מינימום וואָס אַנטהאַלט אַ סך, די שיטה פון די חז״ל אין דער ציילונג פון די שמיטות און די יובלס און די אויסרעכענונגען פון דעם בעל־„סדר־עולם”, די שיטה פון רב יהודה, די דריטע שיטה אין דער ציילונג פון די שמיטות, די שמיטות, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון בית־שני, אַן אָפּהאַנדלונג

איבער דעם יובל, צי ער איז פאָרגעקומען אין דער צייט פון בית־שני, די מעטאָדן פון רעכענען די שמיטות לויט פאַרשיידענע דאַטעס, די מיינונגען פון די פוסקים וועגן דעם שמיטה־יאָר, דאָס פּאַקטישע באַשטימען די שמיטה־יאָרן נאָכן חורבן־בית־שני; דעם חשבון פון די שמיטות און יובלס ביי די כּותים, דער מעטאָד פון די קאַראַיִמער אין דעם חשבון פון די שמיטות און יובלס, די מיינונג פון די ביבל־קריטיקער אין דעם ענין פון שמיטות און יובלס און דער יובל־פּעריאָד אַלס ציקל פון עיבור.

איך דערמאָן זיך נישט קיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט, געשריבן מיט אַזאַ צימצום. דער מחבר האָט אַהער צונויפגעזאַמלט — אָן אַ גוזמא אַ מין אַלגעבראַיִשע זאַמלונג — אַ דור און זיינע געלערנטע, אַ דור און זיינע אַנשויונגען, סיי די ייִדן, סיי פון די אומות־העולם; ער האָט פאַרגעשטעלט די פאַרשיידענע און געטיילטע מיינונגען בנוגע דעם באַוווּסטן פּראָבלעם, צי דאָס יובל־יאָר ווערט פאַררעכנט אַהין און אַהער, און וועגן דעם פונדאַמענ־טאַלן געדאַנק פון דער שמיטה און דעם יובל; ער דרייט זיך נישט אויף איין אָרט ווי דער גמרא־לערנער פון אַלטן דור בלויז צווישן די מימרות פון תלמוד־בבלי; נייערט באַהאַנדלט אויסשעפּיק דעם ענין אין דעם ירושלמי, באַנוצט זיך מיטן ספר־היובלים, מיטן ספר „התולידה” פון די כּותים. מיטן יוסיפון, מיט ידידיה האַלכּסנדרוני, מיטן בוך פון דעם אַראַבישן געלערנטן אַלביראָני, מיט די תשובות פון די גאונים, מיטן רמב״ם, מיט די פוסקים, מיט דער קאַראַיִמער־סעקטע, מיט די ביכער פון די גרויסע ספּעציאַליסטן גינצעל, סקיאַפּאַרעלי, אידעלער, גאַטערער, צוקערמאַן, שוואַרץ; פאַרביי־גייענדיק פאַרריכט ער אַ סך ווערסיעס, דרך־אַגבדיק איז ער מחדש אַ ריכטיקע פעסטשטעלונג אין דער כראָנאָלאָגיע (אַז דער בית־ראשון איז געשטאַנען נישט פיר הונדערט צען יאָר לויט דער אָנגענומענער מיינונג, נאָר פיר הונדערט עלף יאָר מיט נאָך עטלעכע חדשים. די־אַ אַנטדעקונג אַליין וואָלט קלעקן אָפּצוגעבן איר אַ גאַנצע אָפּהאַנדלונג), באַפּעסטיקט אייזן־שטאַרק אַ סך פון זיינע אַנשויונגען, גיט זיינע לייענער אַ קלאָר בילד, אַ געטרייס, אַ שפּאַנענדיקס. און ווען זיי לייענען אָפּ, און לייגן אַוועק דאָס בוך פון האַנט, פילן זיי, אַז אין זייערע געהירן האָט זיך עפּעס־וואָס אויסגעקלאָרט, אַז זיי האָבן זיך דערוווּסט זאַכן, וואָס זיי האָבן פריִער נישט געוווּסט, אָדער נישט געוווּסט אויף אַזאַ קלאָרן אופן.

איך האָב אויבן (אין קאַפּיטל ב) דערמאָנט באָרנשטיינס נעגאַטיווע באַ־ציִונג צום מעטאָד פון די ביבל־קריטיקער. דאָס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון די יאָרן ווען איך האָב מיט אים צוזאַמען געלערנט. אָבער אַן אָנווייַנק דערויף געפינט זיך אין זיין אויבן־דערמאָנטן בוך, ווו, ער שרייבט:

„די וועלט־פֿאַרשער, וואָס געבן זיך אָפּ מיט ביבל־קריטיק: וועלהויזן, האָפּפּעלד, פראַנק, וועלכע האָבן צעשניטן די גאַנצע תורה אויף שטיק־שטיקער — און נישט בלויז אויף באַזונדערע מגילות (דער גוטער לייענער וועט פֿאַרשטיין אַז דאָס איז אַן אָנווינק אויף אַ מאמר־חז״ל), נאָר אויך אויף באַזונדערע שורות, וועלכע ווייסן ווען ס׳איז געשריבן געוואָרן יעדע פּרשה און יעדער פּסוק אין איר״ (ז׳ 257). אָט איז אַ באַרנשטיין־ישער שפּאָס! ווידער אויף אַ צווייטער זייט פֿאַרבייגייענדיק: „דער פּראָפֿעסער פֿון דורות הראשונים, וועלכער פֿאַרגרייזט אַ סך ציפֿערן ווי עס גלוסט זיך אים״ (דאָרט ז׳ 253) — דער מאַטעמאַטיקער האָט ביטער אַריינגעזאָגט דעם קטיגור פֿון גרעצן און דעם בר־פּלוגתא פֿון רש״ל ראַפּאָפּאָרט, אַ גדול אין תלמוד, אָבער אַ פּייערדיקער בעל־דמיון, וואָס האָלט אין איין קריטיקירן אַנדערע און איז נישט פּינקטלעך אין ציפֿערן. דער מאַטעמאַטיקער, דער ציילער קאָן קיין מאָל נישט מסכים זיין אויפֿן כלל: „ער איז געווען אַ ביסעלע נישט פּינקטלעך״.

אפֿשר נאָך אויסגעצייכנטער איז זיין תלמודיש־געשיכטלעכע פֿאָרשונג „משפּט הסמיכה וקורותיה״ (התקופה ד׳, 394—426). אַלע פֿאַסירונגען און די אַנטוויקלונג פֿון דער סמיכה, איר גייסטיקער אָנבליק, איר רעליגיעזע פֿאָרעם, די גוטע געוויקסן וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט און דעם ווילדפֿלאַנץ וואָס זי האָט אַרויסגעשפּראָצט, איר אַרויסווייזן זיך געהעריק און נישט געהעריק אין אירע פֿונקציעס און פֿליכטן, די צייט ווען זי האָט זיך געפֿונען אין איר ערשטער פֿאָרעם אין רשות פֿון די חכמים און איר ענדערונג ביים איבערגיין אין רשות פֿון די נשיאים, איר כאַראַקטער און ציל אין בבל, און די פֿראַגע מיט וועלכער אַ סך האָבן זיך געמאַטערט וועגן דער צייט פֿון איר בטל ווערן אין ארץ־ישראל, — אַלץ איז געשילדערט מיט גלאַנץ פֿון אַ פֿאָרשער, וועלכער גיט אָפּ פֿאַר אַלעמען אַ פּינקטלעכן און אויספֿירלעכן באַריכט וועגן די עיקרדיקע זאַכן, וואָס זענען שוין אויף דעם געביט געשריבן געוואָרן; און אויף די דאָזיקע פֿונדאַמענטן איז אויפֿגעשטעלט אַ קליין, שיין געביי, סימעטריש אין אַלע זיינע טיילן: אַ קליינע און קלאָרע שילדערונג פֿון דער סמיכה, וועלכע מאַכט צו נישט אַ סך פֿאַלשע היפּאָטעזעס און משונהדיקע פֿאַרקריפּלונגען אויפֿן געביט פֿון דער דאָזיקער הלכה. אָן אונטערקויפּלעכע און זיסלעכע ריידלעך צום לייענער, אָן אַ פֿאַרריסענעם מויל, אָן אַרויפֿציען אויף זיך אַ ברייט־פֿאַלדיקע טאַגע פֿון געלערנטע, אָן אַלגעמיינע עפּיגראַמען, וואָס לאָזן זיך אויסטייטשן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים, און הקדמות־איבער־הקדמות. אויפֿן שטייגער פֿון די פֿילאָזאָפֿי־רנדיקע, נאָר מיט אויספֿירלעכסטע פּרטים, אַרגומענטאַציע און ראיות, וואָס

באַווייזן, אַז די סמיכה אין ארץ־ישראל האָט זיך געצויגן נישט נאָר ביז דעם לעצטן פון די גאונים דאָרט, רב אביתר, וועלכער איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד אין יאָר ד״א, תתנ״ט, נאָך דעם ווי ס׳איז אָקופּירט געוואָרן דורך די קרייצטרעגער, נייערט ביזן סוף לעבן פונעם רמב״ם. און דערפון ווערט קלאָר און פאַרשטענדלעך די גאַנצע אַנטוויקלונג וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר די באַוווּסטע געדאַנקען וועגן דער באַנייונג פון דער סמיכה און דעם מחלוקת צווישן רבי יעקב בי רב און זיין קעגנער רבי לוי בן חביב (דער רלב״ח). וועט איר אפשר אַ טראַכט טאָן, אַז דאָ זענען געלערנט געוואָרן טעאָריעס, אַנטבלויזטע פון מאַטעמאַטיק, אַ קאַפּיטל וועגן דעם מהות פון אַ תלמודישער אינסטיטוציע און פאַסירונגען ביי אונדזער פאָלק, און דער מאַטעמאַטיקער איז אַנטרונען געוואָרן? אַ טעות! אויך אין אָט דער פאָרשאַרבעט איז באָרנשטיין דער בעל־העיבור־וויסנשאַפט באַהילפיק געווען באָרנשטיינען דעם תלמוד־פאָרשער, געפינענדיק די פאַרבינדונג צווישן דעם אויסבעסערן דעם חשבון־העיבור און דעם אָפּשטעל פון דער סמיכה (זייט 414 און 425), און דאָס־אָ איז אים געווען אַ וועגווייזער פעסטצושטעלן די דאַטעם, און אַזוי אַרום זענען פאַרריכט געוואָרן נישט נאָר גרייזן אין דער כראָנאָלאָגיע, נאָר אַ נייע שיין האָט באַלויכטן אויך דעם גאַנצן עצם־הענין, און באַזונדערס דאָס פאַרהעלטעניש פון די חכמי־בבל צו ארץ־ישראל; אויף אַזאַן אופן האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצולייטערן און אויסאיידלען דעם היסטאָרישן מאַטעריאַל און אים אַרויסהייבן פון דער פעדאַנטישער טרוקנקייט, אין וועלכער ער איז פאַרשטיינערט, פון דער נודנעקייט און דעם לאַנגווייל, וואָס שפּרייטן זיך אויף אַרכיוואַלע פאָרשונגען — צו דער מדרגה פון אַ גייסטיקער שילדערונג, וואָס דערהייבט דאָס געמיט; אין דער־אָ אָפּהאַנד־לונג איז פאַראַן, אין די ערטער ווו ס׳ווערט גערעדט וועגן ארץ־ישראל (זייט 415) הערלעכקייט און דערהייבונג.

צי דען דאַרף איך איבערחזרן מיין באַמערקונג אָנהייב דעם קאַפּיטל וועגן די אייגנשאַפטן פון דער מאַטעמאַטיק־וויסנשאַפט אין ציפערן, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין גייסטיקע שילדערונגען, תורה־שלמה און פריידיקייט? די אַלע אייגנשאַפטן צייכענען אויס באָרנשטיינען, און די לעצטע אפשר מער פון אַלע. ער האָט זיך מתבודד געווען און געשטודירט, ער האָט געשאַפן פון זיך אַליין, און ווי גרויס איז געווען אין אים די פרייד! אָט דאָס האָט זיך שוין אַרויסגעשפּירט אין זיין וויכטיקסטן בוך (אין ספר היובל), אויף וויפל ער איז איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצן לייב־און־לעבן אויפצוקלערן דעם ענין פון דעם מחלוקת צווישן רב סעדיה גאון און בן־מאירן און אויף וויפל ער האָט ליב די־אָ אַרבעט און פרייט זיך מיט איר, אַרויספירנדיק

רעכענונגען און אויפדעקנדיק נייע פּרטים. דער דאָזיקער פרייד־געניום האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט פון איין אַרבעט צו דער צווייטער, און ס׳האָט זיך געפילט, אַז יעדער נייער ליכט־און וויסן־שטראָם, וואָס זיין מעכטיקער גייסט האָט אַ פלייץ געטאָן — שטראָם נאָך שטראָם, נישט נאָר אַן מאַטעריניש, נאָר אַפילו מיט אַנוואַקסנדיקער און באַזיגערישער ענערגיע, איז אין דער זעלבער צייט אויך אַ געמיטס־אויסגוס און לויבגעזאַנג פון אַ גרויסער נשמה וועלכע איז פול מיט יענער מאַטעמאַטיק־וויסנשאַפט, וואָס ניטשע האָט זי אָנגערופן, אין הסכם מיט די פאַרצייטיקע גריכן, "Scienza gioia", (די פריילעכע וויסנשאַפט).

אָבער דער אויטאָדידאַקט אַליין, און אויך דער מאַטעמאַטיקער אַליין — וואָלט נישט געקלעקט. ער וואָלט געקלעקט פאַר זיך גופא; אָבער מיר וואָלטן אים נישט געקענט. מיר קענען אים, דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ העברעיִשער שרייבער. מיט אַ שטאָלץ געפיל זאָג איך: אָט דער איז געווען אַ העברעיִשער שרייבער!

באָרנשטיין איז געווען אַ העברעיִשער לינגוויסט פון אויסדערוויילטסטן סאָרט. אין געוויסע הינזיכטן איז ער ענלעך געווען צום געלערנטן זאב יעבץ און צום געלערנטן מיכל פּינעס. אין זיינע תּלמודישע אַרבעטן, וועלכע האָבן תמיד געטראָגן אַ העברעיִשע פאָרעם, איז ער ענלעך געווען צום געלערנטן מענדל האַלפּערין, מחבר פון „אבן בוחן״. אויך ער האָט געשעפּט פון ערשטע מקורות, פון דער תּורה און דעם תּלמוד. אויך ער איז נישט געווען סתם אַן אויפנעם־כּלי און באַנקהויז פון דער אַנטיקער שפּראַך, נאָר האָט ווייטער געשאַפן, פאַרפולקאָמט און באַרייכערט אונדזער שפּראַך. ער איז נישט אין שטאַנד געווען צו אַנטוויקלען און פאַרפולקאָמען די שפּראַך אויף אַלע געביטן, ווייל ער האָט זיך פאַרנומען בלויז מיט אייניקע, אָבער אויף זיינע געביטן האָט ער געשאַפן אויסדרוקן ריכטיקע און פּאַסיקע דעם גייסט פון דער שפּראַך. באָרנשטיין האָט פיינט געהאַט דאָס עפּעמערישע, איבערזעצערישע העברעיִש, וואָס שטרעבט אַראָפּצוואַרפן פון זיך די „ירושה־לאַסט״ און מאַכט צוליב דעם קאַליע איר אָריגינעלע שיינקייט, אירע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן און איר גרויסע טראַדיציע, און זי ווערט פאַרשקלאַפט צו נאָכמאַכונג, צו אַסימילאַציע און צו יעדן צופעליקן ווינטל־בלאָז און פאַרבט זיך און סטראָצלט זיך, נישט מיט אירע אַלטע מליצות, וועלכע זענען צום ווייניקסטן געווען אירע אייגענע, נאָר מיט מליצות גאָר פרעמדע. ער האָט אויך נישט ליב געהאַט די רוטינירטע שפּראַך, וואָס איז ליב דער יוגנט, וועלכע דער עם־הארצישער לייענער לייענט געלויפיק, אָבער ס׳איז נישט פאַראַן אין איר קיין זאַפטיקייט פון תּורה און תּלמוד, און

אפילו ווו ס׳איז נויטווענדיק, דערהייבט זי זיך נישט צום דערהויבענעם און פרעכטיקן; ס׳זענען אים דערווידער געווען די עוולות קעגן דער גראַמאַטיק און דעם סינטאַקס, די פעלערן וואָס אַ סך פון די שרייבער באַגייען זיי מיט אַ לייכט האַרץ. די גראַמאַטיק איז נישט געווען פאַר אים אַ טויטע טראַדיציע, נאָר אַ נוצלעכע דיסציפּלין, אַ לעבעדיקע, נויטווענדיקע, זעלבסטפאַרשטענדלעכע, וואָס אַז מע צעשטערט זי, דערפירט עס צו הפקרות און כאַאָטישקייט. אויך אין זיין גראַמאַטיק־געטריישאַפט איז געווען עפּעס־וואָס פון מאַטעמאַטיק, וועלכע קאָן נישט מוותר זיין. געזעץ שטייט העכער פון אַלץ! ער איז שטילערהייט געווען אויך אַ פאָרשער פון די מיזרח־לשונות. ער האָט ליב געהאַט טיף זיך אַריינצוטראַכטן אין די געזעצן פון אונדזער שפראַך, דעם עצם פון איר מהות און די סודות פון איר פיינקייט, געשמאַק און האַפט, מיט דער גאָרער קראַפט פון זיין יידנשאַפט. די־אָ פאָרשונגען זענען געווען זיין באַליבט דענקען און אַנגענעמער אָפּבייט פון זיין ספּעציעלער טעטיקייט. די העברעיִשע ווערטער זענען נישט געווען פאַר אים סתם ווערטער, וואָס ס׳איז געוווג צו פלאַפּלען מיט זיי אַנשטאָט צו פלאַפּלען מיט ווערטער פון אַנדערע שפראַכן: זיי זענען פאַר אים געווען ווי אותיות פון אַ ספר־יצירה פון דער ספּעציפישער נאַציאָנאַלער געניאַליטעט. ווען ער פלעגט שרייבן מיט זיין זאַפטיקער און פרישער שפראַך, אַ לויטער העברעיִש, אַ מוסטער־העברעיִש, דורכגעשמאַלצן מיטן זאַפט פון דעם תנ״ך און שעפנדיק פון דער גרויסער ליטעראַטור פון אַלע דורות, פלעגט ער שפירן ווי אַן אויפלעבונג, עפּעס ווי אַ גייסטיקע באַהעפטונג מיט דעם אַלץ וואָס איז מעכטיק און נצחדיק ביי יידן.

ער איז געווען אַ מומחה און בקי אין פאַרטייטשן ווערטער; אָבער ווידער היט איך זיך איבערצוכאַפּן די מאָס און פון דער ליבשאַפט, וואָס מאַכט צייטנווייז קאַליע דעם אמתן אורטייל, און באַמי זיך צו זיין פּינקטלעך אין מיין אָפּשאַצונג. אין הינזיכט פון שפראַך איז באַרנשטיין געווען אַ גדול, אָבער נישט קיין גאון. ס׳זענען געווען און דאָ גרעסערע פון אים, וואָס אָט די זאַך איז זייער באַזונדערע ספּעציאַליטעט, גלייך ווי מאַטעמאַטיק און כראָנאָלאָגיע איז געווען באַרנשטיינס באַזונדערע ספּעציאַליטעט. ער האָט געקענט זיין אָרט, וואָס די נאַטור האָט אים צוגעטיילט דורך די צוגרייטונגען און באַגאַבונגען, וואָס זי האָט אים געשענקט, און דורך דער דערציִונג און דעם שטודירן, וואָס זענען אים באַהילפיק געווען; און זיי האָבן אים אָנגעוויזן זיין אָרט אויף זייער באַזונדערן שפראַכגעביט. אָבער חוץ דער שפראַך איז דאָך פאַראַנען סטיל און דער אופן פון פאָרטראָגן, און אין אָט די־אָ אייגנשאַפטן און מעלות זיינע זע איך באַרנשטיינען אויף אַ סך אַ העכערע

מדרגה, ווי וואָס איז נוגע דער שפּראַך גופא. שוין אַ פופציק יאָר ווי ער ווערט נישט מיד צו ברענגען זיינע ביכער און אינהאַלטרייכע מאַמרים; זיין שרייבגעצייג איז געווען ווי אַ פּראָקטיקער ווייַנשטאָק, און ווי אַ בוים גע־פלאַנצט אויף די וואַסערן פון תורה און חכמה און האָט נישט אויפגעהערט צו ברענגען פּירות; און אין דעם אַלץ איז ער געווען גלענצנד, אין זיין פון שטייגנדיקן פאַרפולקאָמענערן זיך, אין זיין סטיל, וואָס פליסט לייכט און שיין אין אַ וויסנשאַפטלעכער שפּראַך, יעדעס וואָרט גערעדט צו דער זאַך. און ווי שיין און געמיטלעך, פּראָפעסאָריש (אין בעסטן זין פון דעם־אַ טיטל) און חשובדיק איז זיין פאָרטראַגן! וויפל איז פאַראַן אין איר נישט נאָר פון דעם וויסן, וואָס יעדער מענטש פאַרמאָגט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, נאָר פון דעם געשמאַק און דער מאָס, פון דער איידלקייט און פיינער חשיבות, אַפילו ווען ער דיספּוטירט (און אויף יעדער זייט און כמעט ביי יעדער אויפמערק מוז ער דיספּוטירן...)! ווי ריין איז זיין פאָרטראַג פון יעדן שפּור פון כבוד־באַגער, פון יעדער קליינקעפּלדיקייט פון די כנופיה־לייט, וואָס רימען איינער דעם צווייטן אויפן שטייגער פון „איך — דיר, דו — מיר", און פון יעדער נישט־פאַרגינערישקייט צום כבוד פון עמעצן אויסער דער כנופיה, פון יעדער ביטערקייט אָפּצורעכענען זיך מיט אַ בעל־חוב פאַר זיין העצן קעגן אים אויף אַ צווייטן אָרט, און פון יענער עקלהאַפטער איכישקייט, וואָס שפּאַרט אַרויס פון די וויסנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אויף דעם געביט צווישן באָרנשטיינס פאַרגייער! וויפל איז פאַראַן אין אים די מידה פון זויבערקייט, באַשיידנקייט און זעלבסטבאַהערשונג! אין דער הינזיכט איז באָרנשטיינס כאַראַקטער אַ פולקאָמענער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער כאַראַקטער, אַ האַפּטיקער און פעסטער, אַ קרישטאָלענער זייל אויסגעהאַקט פון איין בלאָק.

איך וויל אַרויסבולטן דעם סכום פונדאַמענטאַלע שטריכן פון דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער פּערזענלעכקייט: פולקאָמענע בילדונג, טיפער, שאַרפער אינטעלעקט, אַ קלאָרער, ווי סאַפּיר און ווי קרישטאָל, אַ ברייטע אָנשויונג, גייסט פון ערלעכער קריטיק, אַ ריזיקער זכרון, אַן אַנטוויקלטער חוש פאַר סטיל ביז דער מדרגה פון קינסטלערישער שלמות, אַן אויסערגעוויינטלעכע צאָל וויסנשאַפטלעכע ידיעות — האָבן זיך ביי אים צוזאַמענגעטראָפן מיט אַרבעטס־כוח, פלייס און התמדה, ביז אַריבער דער מעגלעכקייט און געוויינ־לעכער ווירקלעכקייט.

ער האָט נישט ליב געהאַט די טאָגע פון גדלות; נישט געוואָלט זיך אויס־פיינען מיט זיין וויסן און זיך באַרימט מאַכן; נישט באַוויזן און נישט געלאָזט אַנדערע באַוועגן דעם גרויסן גלאָק, אויסצוקלינגען אין דער

עפנטלעכקייט זיינע אינטעלעקטועלע מעלות, אָדער די מעלות פון זיינע דערהויבענע מידות, וועלכע זענען באמת געווען מסוגל צו באַקריינען זייער אייגנטימער מיט אַ קראַנץ פון רום. ער האָט פיינט געהאַט דאָס אַרויסרוקן זיך אין פראָנט, דעם מאַרקישן רויש און טומל. צייטנווייז איז ער געווען איינזאַם, ווייט פון דעם טומל פון דעם עולם און דער פּאַרטייען־באַוועגונג, איינזאַם־עלנט כמעט, ווי „ אַ שטאַנג אויף אַ שפּיץ באַרג״, און דעמאָלט איז ער געווען לוסטיק און גוטגעשטימט און האָט געיובלט מיט דער פרייד פון אַ וויסנשאַפט־חסיד, דאָס פנים צעשמייכלט און פריינדלעך, און אַזוי אויך דאָס פנים פון זיין סטיל. צייטנווייז פלעגט ער קומען אין געזעלשאַפט, און דעמאָלט זענען אָפּגעטרעטן די שאָטנס פון זיין נאָכטראַכטן און פאַרטיפן זיך אין געדאַנקען, אָבער ער האָט זיך באַגנוגנט מיט ווייניק געזעלשאַפט און איז געווען איינגעהאַלטן אין איינשאַפן זיך חברים. ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ „נחבא־אל־הכלים״, אַ מענטש וואָס האַלט זיך אין שאָטן. אין דער טיף פון זיין כאַראַקטער איז ער געווען אַ מענטש וואָס האָט ליב שלום, לעכצט נאָך פולשטענדיקער רו, וועלכע פאָדערט זיך פאַר פאַרנעמען זיך מיט תורה און וויסנשאַפט; פול מיט פרישקייט און שטאַרקן גייסט, געלאַסן און געזעצט, קאָנצענטרירט און געהיט, אַנטלויפט פון דברים בטלים, פאַרוויילונג און לייכטזיניקייט, פון כבוד און פּאָפּולאַריטעט. דער צענטראַלער פונקט פון זייע אינערלעכע שטרעבונגען איז געווען די אינטעלעקטועלע שלמות. צו צייטשריפטום, צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער זיך באַצויגן מיט אַכטונג: האָט אַלץ געוווסט, אַלץ געהערט, און וואָס געהערט, פאַרגעדענקט, אָבער די אַלע זאַכן האָבן נישט פאַרכאַפּט זיין האַרץ. ער איז געווען אַן אוניקום אין זיין דור — און מען קאָן צוגעבן צו דעם דור נאָך אַ סך פריערדיקע דורות — אין דער לערע פון צייטרעכנונג און די יאַר־קאַלענדאַרן און אין די סיסטעמען פון דער וויסנשאַפטלעכער כראָנאָלאָגיע. צו דער דאָזיקער מדרגה איז ער דערגאַנגען דורך זיין מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, ליבע צו אמת און נייגונג צו געוויסקייט, אַ באַזירטע אויף אַ זיכערן פונדאַמענט, אַנטוויקלט אין אים פון זינט ער איז געקומען צום באַוווסטזיין, ווי אַ נאַטירלעכע צוגרייטונג פאַר זיינע שטודיומס, און וועלכע האָט זיך אַלץ מער געשטאַרקט אין אים, וואָס מער ער האָט געשטודירט און זיך פאַרפולקאָמט; דורך שטרענגער, נישט־נאָכגיביקער קריטיק, מיט וועלכער ער האָט זיך באַצויגן צו זיינע אייגענע מיינונגען, ווי צו די געדאַנקען פון אַנדערע; דורך אַ גייסטיקער באַדערפעניש צו העלן ליכט, וואָס אַפילו בנוגע די פאַרנעפּלסטע און פאַרפּלאָנטערטסטע פּראָבלעמען האָט ער זיך נישט באַרויקט מיט באַפרידיקונג און צופרידנשטעלונג אויף דער העלפט,

נאָר זיך געריסן און געזוכט די פולע קלאָרקייט, און איז נישט מיד געוואָרן צו פאָרשן און לערנען, ביז ער האָט אַרויסגעפירט קלאָר אַלץ אין דער צאָל, באַשיימפּערלעך, מיט די אויגן אָנצוקוקן, און נישט „זיך אָנצושטויסן". פון פאַרלאָזן זיך אויף דער געוווינהייט האָט ער לחלוטין נישט געהאַלטן, אַפילו דעם מינדסטן טראָט נישט געמאַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן; און אומעטום ווו ער האָט איינגעפונען די אָנגענומענע אָנשויונגען פאַר נישט־צופרידנ־שטעלנדיקע, האָט ער זיך געמיט אומדערמידלעך, דורך שעפערישע און באַנייערישע אויפטוען, צו אַנטדעקן נייע מעטאָדן. אומעטום ווו אים איז אויסגעקומען צו גיין אויף אַ נעץ פון היפּאָטעזן, האָט ער נישט אַרויסגע־שטעלט די היפּאָטעזן ווי אַ געוויסיקייט, נאָר בפירוש אוטערגעשטראָכן, אַז זיי זענען בלויז היפּאָטעזן; און אומעטום ווו ער האָט נישט געוווּסט, האָט ער אַקצענטירט, אַז ער ווייס נישט. אויף אַזאַ אופן האָט ער געענטפערט גאַנצע תשובות, איינע נאָך דער אַנדערער, אויף אַ גאַנצער ריי אַלטע און נייע פראַגן, און פון דעם אויספיר פון אַלע זאַכן זענען ביי אים געבוירן געוואָרן נייע פראַגן. זיין אָנשויונג וועגן דעם מחלוקת פון רב סעדיה גאון מיט בן־מאירן איז אַ גאַנצע לערע און אַ וועגפלאַסטערנדיקער מעטאָד. דאָ איז אים באַהילפיק געווען זיין אויסגעצייכנטע תלמוד־קענטעניש אין איר אָריגינעלן כאַראַקטער, וואָס האָט זיך אינערלעך מזווג געווען מיט זיין מאַטע־מאַטישער וויסנשאַפטלעכקייט. דורך זיי האָט זיך אים איינגעגעבן מחדש צו זיין גרויסע זאַכן אין הגהות און אויסבעסערונגען, האָט אַריינגעטראָפן אין קאָרב און אַריינגעבראַכט אַ ווונדערלעכע אָרדענונג אין דעם שרעקלעכן מישמאַש פון פאַרשיידענערליי וואַריאַנטן און נוסחאות, פון פעלנדיקע און איבעריקע ווערטער אין די הונדערטער ספרים און כתב־ידן, און אין די פירושים און מפרשים, וועלכע ער האָט אַ סך אַרויסגעפירט, אויסגעגלייכט אין זיי די פאַרדרייטע ערטער און פאַרריכט זייערע גרייזן; אָבער אַלץ אָפּגעוויגן באַדאַכט, און אָפּגעוואָרפן און אָפּגעקליבן מיט אַ פעסטער דע־ליקאַטער האַנט; און כאָטש די פירושים פון אַ סך מפרשים, אויך פון די סאַמע גרעסטע, זענען געפאַלן אונטער זיין סערפּ, ווי זאַנגען פאַרן תבואה־שניטער, ווערט אַפילו אַ תמימותדיקער און פרומער בעל־אמונה דערפון נישט גע־טראָפן, ווייל אַזאַ קריטיק צייכנט זיך תמיד אויס מיט אופריכטיקייט און ערלעכקייט, און די ווונדן וואָס זי מאַכט, זענען ווונדן פון אַ גיבור אין דעם תורה־קאַמף, און קיין מאָל נישט קיין קעצישע נעגל־קרעלן פון חוזק און אַרונטעררייסן, וואָס מע טרעפט ביי אַ סך.

און ביי דעם אַלעם איז באָרנשטיין געווען נישט בלויז אַ מאַטעמאַטיקער און פאָרשער פון עיבורן. זיין האַרץ איז וואַך געווען פאַר אַלע אַלגעמיינע

מענטשלעכע פּראָבלעמען, און זיין געמיט געבונדן מיט זיין פֿאָלק און זיין ליטעראַטור. ווער ס'האָט זיך מיט אים באַגעגנט און געפֿירט מיט אים שמועסן, האָט זיך געוווּנדערט און געשטוינט פֿון דער ווונדערלעכער האַר־מאָניע, וואָס ס'איז געווען ביי אים צווישן די צוויי דענקונגס־אייגנשאַפֿטן, וועלכע מייסטן טייל זענען זיי זיך איינאַנדער מבטל: הבנה, געפֿיל און מיטגעפֿיל בנוגע אַלגעמיין מענטשלעכע פּראָבלעמען — און מאַטעמאַטישע פּינקטלעכקייט, קאַלטע און געפֿיללאָזע אויס־רעכענונג, זיין יעדער אַפֿאָריזם האָט פֿאַראייניקט וויסנשאַפֿטלעכקייט פֿון אַ געלערנטן מיט פּיקחות פֿון אַ געהיטן פּראַקטישן מענטשן; אַלץ אין זיין שמועס האָט לאָגיש פֿאַרבונדן דאָס פֿריערדיקע צום שפּעטערדיקן און דאָס שפּעטערדיקע צום פֿריערדיקן, אַלץ איז געווען ווי אַ שיכט אין אַ בנין, און האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פֿונעם צוהערער מער פֿון דעם וואָס ער האָט געלייענט אין ביכער. ס'זענען תמיד געווען גרופּעס יונגע געלערנטע איינגייער צו אים אין הויז, און וועלכע ער האָט מקרב געווען און געגעבן הדרכה מיט פֿאַרשטאַנד און נשמה־איידלקייט. ער האָט משפּיע געווען מיט זיינע גייסטיקע מעלות אויף זיינע צוהערער — נישט ווי אַ „רבי", אין וועלכן מע האָט אמונה, ווי אַ חסיד אין זיינע הייליקע צדיקים, און וואָס יעדעס וואָרט פֿון זיין מויל איז אין זייערע אויגן ווי אַ גזירה פֿון הימל, צו וועלכער מע טאָר נישט זיין סקעפּטיש און נאָכקלערן וועגן איר אַפֿילו אויף אַ האָר. אין באַרנשטיינס קרייז איז נישט געווען קיין אָרט פֿאַר קיין שום חסידישער מיסטיק און פֿאַר קיין שום גוזמא פֿון איבעריקער התפּעלות און פּערזענלעכן קולט. ער איז געווען אַ לערער פֿון פּראָבלעמען, לימודים, קלאָרע געזעצן, אַ לערער אַ קריטיקער און וואָס האָט ליב צו ווערן קריטיקירט, און דערפֿאַר איז זיין ווירקונג געווען זייער אַ גרויסע. באַזונדערס פֿלעגן זיך ווענדן צו אים די יונגע־לייט געקו־מענע פֿון די פּראָווינצשטעט אין פּוילן און האָבן גענאָסן פֿון אים ראָט און חכמה. ער האָט געלערנט וויסן, געגעבן צו פֿאַרשטיין און אויפֿגעקלערט, און טאָגטעגלעך האָבן זיך צו אים געוואָנדן אויטאָדידאַקטן מיט פֿראַגן, און ער פֿלעגט ענטפֿערן ווי ס'געהער צו זיין דעם וואָס האָט ווי ס'דאַרף צו זיין געפֿרעגט, און כאָטש ער האָט נישט דערלאָזן צו קיין שום איבערטרייבונג, געפֿיל־אויסגוס און קיין שפּור פֿון חסידות בנוגע זיך, האָבן זיך זיינע תלמידים באַצויגן צו אים מיט פֿאַרערונג פֿון טיפֿער ליבשאַפֿט.

דאָס בילד וואָלט נישט זיין קיין פֿולס, ווען כ'וואָלט עס נישט פֿאַרענדיקט מיט נאָך איין שטריך: די איבערזעצונג פֿון „האַמלעט". ס'איז באַוווּסט, אַז באַרנשטיין האָט איבערגעזעצט „האַמלעט" פֿון שעקספּירן פֿון ענגליש אויף העברעיש, און ס'איז געדרוקט געוואָרן מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק אין דער

„הצפירה" און דערשינען אין אַ באַזונדער בוך. זיין דאָזיקע דיכטערישע איבערזעצונג איז נישט די איינציקע. כ'האָב שוין אויבן דערמאָנט זיין איבערזעצונג פון מיצקעוויטשן, געדרוקט אין ספר השנה כרך א'. די ספעציאַליזאַציע־פּראַטעקטאָרן זענען דערשיטערט געוואָרן, דערזעענדיק דאָס דאָזיקע בייס. די עיקר פראַגע איז נישט געווען דער וואָס, נאָר דער ווער. ווי איז דאָס אַרויס אָט דער מאַטעמאַטיקער דער עיבור־שטודירער פון זיין געביט צו פּרווון איבערזעצן אַ גרויסע און אייביקע דיכטערישע שאַפונג ווי „האַמלעט". „ביי די אומות־העולם, אין יעדער מוסטערהאַפטער ליטעראַטור, ווילט זיך יעדער שרייבער אויס זיין געביט און אַרבעט אויף אים און שפּרינגט נישט אַריבער פון איין געביט אויפן צווייטן". דאָס־אָ ווערטל איז ביי אונדז עובר־לשרייבער און אַנגענומען, ווי פונעם באַרג־סיני געגעבן. ווייל יעדער איינער פון אונדזערע קריטיקער איז אַזוי בקי אין די „אומות־העולם" און אין דער „מוסטערהאַפטער ליטעראַטור"! דער דיכטער פּעטראַרקאַ איז פאַררעכנט געווען פאַר איינעם פון די גרויסע פאָרשער אין זיין צייט; באָקאַטשיאָ, וואָלטער און רוסאָ, וועלכע זענען ווי ספעציאַליסטן געווען פּיעסן־שרייבער און דיכטער, האָבן פאַרפאַסט וויסנשאַפטלעכע ווערק; מילטאָן, דער עלטסטער ענגלישער דיכטער, האָט געשריבן פּאָליטישע אַרטיקלען; קלאָפּשטאָק און זשאַן פּאָל זענען טעטיק געווען אויפן געביט פון לינגוויסטיק; דער דיכטער אָלאַנד האָט פאַרפאַסט וויכטיקע ווערק אויפן געביט פון מיטאָלאָגיע. ס'איז מיר שווער צו זאָגן, וועגן וואָס ס'האָט געשריבן געטע, אָדער ריכטיקער, וועגן וואָס האָט ער נישט געשריבן? לידער, פאַבלען, עפּיגראַמען, פּיעסן, לעגענדעס, רייזע־באַשרייבונגען, נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, דערציילונגען, קריטישע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען וועגן קונסט, עסטעטיק אאַ"וו, אאַ"וו. אָבער שטויב זענען מיר אונטער די טריט פון דעם „גרויסן אָלימפּייער"! גוט! אָבער לאָמיר באַטראַכטן די „געביטן" און די „פאַכן" פון וויקטאָר הוגאָ, וועלכער איז געווען אַ דיכטער, אַ דערציילער, אַ פּיעסע־־שרייבער פאַר דער בינע, אַ פּאָליטישער רעדנער, אַ פּובליציסט!

און וואָס טויג אונדז זוכן ווייטעביישפּילן? אַזאַ „סקאַנדאַל" איז דאָך פאָרגעקומען ביי אַ פאָלק, וואָס ווערט דאַכט זיך אויך גערעכנט צווישן די „אומות־העולם", און אין אַ ליטעראַטור, וועלכע איז אויך אַ ביסל „מוסטער־האַפט". און קיינער האָט דאָס מויל נישט געעפנט און קיין פּיפּס נישט געטאָן? טעאָדאָר (שלמהס ברודער) ריינאַק, דער היסטאָריקער, דער אַלטערטום־פאָרשער, וואָס אין פלוג, און לויט דער שיטה פון די „געביטן"־קאַפּיטאַנען, שטייט צווישן אים און פּיעסן, לידער און לידער־איבערזעצונגען

אַ מחיצה, ווי די כינעזישע וואַנט, האָט געגומען און איבערגעזעצט דעם־אַ זעלבן „האַמלעט" פון ענגליש אויף פראַנצייזיש, און זיין איבערזעצונג איז געדרוקט געוואָרן אין פּאַריז און קריטיש באַהאַנדלט געוואָרן אין אַלע צייטשריפטן, און קיינער האָט נישט געפרעגט: ווי קומט אַן אַלטערטום־פאָרשער און אינסטיטוט־מיטגליד צו אַן איבערזעצונג פון „האַמלעט"?! משמעות, אַז די „אומות־העולם" און די „מוסטערהאַפטע ליטעראַטור" ווייסן גאָרנישט וועגן דער גזירה, וואָס מ'האָט ביי אונדז אויף זיי גוזר געווען. און דער גאַנצער ענין פון באַשטימען מחיצות איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן.

האָבן טאַקע חכמים געזאָגט, אַז דער שטייגער פון אַ שרייבער איז צו ווערן אַ ספּעציאַליסט אין אַ גרעסערער מאָס, אויף איין געביט, אָבער דאָס הייסט נישט, אַז צוליב דעם איז אים פאַרבאָטן צו האָבן אַ דריסת־הרגל אויף אַנדערע געביטן. די גאַנצע ליטעראַטור איז„ אין אַ געוויסער מאָס, איין געביט. היינע איז געווען דער גרעסטער פעליעטאָניסט פון אַלע דורות, און זיינע לידער זענען די העכסטע פּראַכט אויף אייביק. דיקענס איז בעיקר און אין זיינע מיינסטע יאָרן געווען אַ זשורנאַליסט; דאָס איז געווען זיין פאַך, צו וועלכן ער איז דערצויגן געוואָרן, און זיין ספּעציאַליטעט, און גראָד ער האָט עס געשריבן די בעסטע דערציילונגען אין זיין דור. עדגאַר פּאָ האָט זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע; דער איטאַליענישער דיכטער קאַרדוטשי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן דאָס אַלטערטום; דער דייטשישער דיכטער העמערלינג האָט איבערגעלאָזט נאָך זיין טויט אַ ווערק אין שריפט, וואָס אַנטהאַלט אַ נייע שיטה אין פילאָזאָפיע. אונדזער אהרן בערנשטיין איז געווען אַ נאַטור־פאָרשער, אַ רעדנער, אַ פּאָליטישער טוער, אַ זשורנאַליסט און פעליעטאָניסט און האָט געשריבן די ביכער וועגן נאַטור־לימודים פאַרן פאָלק, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן מערער פון אַלע ביכער פון דעם מין פאַר זיין צייט, און ער האָט אויך געשריבן די וווּנדערלעכע דערציילונגען „מענדל גיבור" און „פייגעלע מגיד", און קיין שום קאָמאַנדיר־קריטיקער איז נישט געשטאַנען אויף דער גרענעץ פון די געביטן און זיך געבייזערט אויף אים: „אַ רייזעשיין איז פאַראַן?" — אוי, צו אונדזער באַדויערן, איז זייער נעבעכדיק די באַהאַוונטקייט פון אַ טייל פון אונדזערע קריטיקער אין דעם ענין „אומות־העולם" און אין די ענינים פון „מוסטערהאַפטע ליטעראַטור".

מיין איך דערום, אַז איך בין נישט צו שטאַרק מקיל ווען איך באַפריי פון אַט דעם גזר־דין אויך באַרנשטיינען. ער האָט איבערגעזעצט „האַמלעט", ווייל ס'האָט זיך אים פאַרוואָלט איבערזעצן „האַמלעט". דעם שרייבערס

פערזענלעכע גייסטיקע נייגונג, אַט דאָס איז דער איינציקער געביט, און נישט קיין אַנדערער! אַט דער גייסט האָט גערוט אויף דעם אַלטערטום־פאָרשער ריינאַק, אים האָט זיך געוואָלט איבערזעצן „האַמלעט" לויט זיין געשמאַק, כאָטש ס'זענען אים פאַרלאָפן דעם וועג אַנדערע איבערזעצער. דער אָ גייסט האָט גערוט אויך אויף באַרנשטיינען, וואָס קיינער פאַר אים האָט עס נישט געטאָן. איך האָב אַ געוויסן חלק אין דער דאָזיקער אידיי, כ'האָב צוגעלייגט אַ האַנט דערצו; איך האָב געהאָלפן דעם מאַן, וואָס איז באַ־גאַנגען די־אָ עבירה, און האַלט זיך ווייטער ביי מיין ווידערשפעניקייט אַז באַרנשטיין האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט איבערגעזעצט „האַמלעט", כ'באַדויער בלויז וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט מערער איבערצוזעצן.

איך דערמאָן זיך אין דער צייט ווען איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט דער פּוילישער ליטעראַטור, ווען ס'האָט דעמאָלט פּאַסירט נאָך אַן אויסטערלישע זאַך, וואָס האָט געמאַכט אַ שטיקל רושם אין די פּוילישע ליטעראַרישע קרייזן. ס'איז דערשינען אַ נייע איבערזעצונג פון „האַמלעט" אויף פּויליש פון אַ יונגן דאָקטאָר אַן אויסגעצייכנטן אין זיין פאַך, דאַכט זיך מאַטלאַקאָווסקי, אַן אויסגעצייכנטער שילער פון פּראָפעסאָר האַלובינסקי; און דער רושם איז נישט געווען צוליב דעם פאַרמישן די גרענעצן צווישן „שאול" — אַ דאָקטאָר און די „נביאים" — שעקספּירס געשווירענע איבערזעצער. דערויף האָט מען זיך כלל נישט אומגעקוקט. דער רושם איז געווען צוליב דער מאָדנער פאָרעם פון דער־אָ איבערזעצונג, אַ ממש ווערטלעכע איבערזעצונג, אין וועלכער ס'איז געווען אַ מין פּראָטעסט קעגן די אויבערפלעכלעכע אי־בערזעצונגען. מ'האָט געשמועסט, אַז דער דאָזיקער איבערזעצער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט און געלערנט ענגליש, כדי צו קענען לייענען שעקספּירן אין זיין אייגענער שפּראַך און אים איבערזעצן פּינקטלעך. איך האָב נישט נאָכגעפאָרשט, צי די זאַך איז ריכטיק, אָדער נישט, און גיב איבער די זאַך אין נאָמען פון דעם וואָס האָט עס געזאָגט, דער געשיכטע־שרייבער פון דער פּוילישער ליטעראַטור פּיאָטר כמעליעווסקי, וועלכער איז געווען איינער פון מיינע באַקענטע און האָט עס מיר דערציילט ווי אַ מעשה־פּלא. דאַקעגן וועגן דעם פאַקט, אַז באַרנשטיין האָט געאַרבעט און אַ סך זיך געמיט צו לערנען די ענגלישע שפּראַך, כדי צו קענען לייענען שעקספּירס ווערק אין אָריגינאַל, קאָן איך עדות זאָגן, ווייל איך האָב אים דערין געהאָלפן. ווען כ'זאָל נישט וועלן זיין פּינקטלעך, וואָלט איך געזאָגט, אַז די געשעעניש מיט מאַטלאַקאָווסקיס איבערזעצונג האָט געווירקט אויף באַרנשטיינען, וואָס הגם ער איז דעמאָלט נישט געווען היימיש אין דער

פּוילישער ליטעראַטור, ווי איך דעמאָלט, האָט ער אָבער געוווּסט אַלץ וואָס ס'קומט פאַר; נאָר ווייל איך האָב די כוונה צו זיין פינקטלעך, וועל איך זיך באַגנוגענען מיט דער באַמערקונג, אַז ס'איז געווען אַן אומדירעקטע פאַרהעלטעניש צווישן די ביידע איבערזעצונגען. אָבער ס'זענען געווען נאָך וויכטיקע מאָטיוון אין דער זאַך. דער ענין פון איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן אויף העברעיִש האָט נישט נאָר אינטערעסירט באַרנשטיי־נען, נאָר אויך גערעגט און אויפגערודערט. ווי אַ לינגוויסט האָט ער געגאַרט די פאַרפּולקאָמונג און אויפלעבונג פון אונדזער שפּראַך, מיט דער גאַנצער שפע פון איר רייכקייט, גוטן געשמאַק און ריכטיקן דענקען. טויזנט מאָל האָבן מיר דעבאַטירט וועגן דער שאָנד פון די איבערזעצונגען, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויף אונדזער ביכערמאַרק, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיי אויסצורעכענען. דאָס רוב איבערזעצונגען זענען געמאַכט געוואָרן פון דייטש, און ס'איז געווען אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז די איבערזעצער האָבן נישט געקענט די דייטשע שפּראַך, בלויז אַ ביסל צוליב איר ענלעכקייט צו יידיש, און אַ ביסל פון דעם וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו לערנען און נישט געהעריק ממשיך געווען. כדי איבערצוזעצן געהעריק פון אַ וועלכער שפּראַך דאָס זאָל נישט זיין, דאַרף מען קענען, אויסער דער שפּראַך אויף וועלכער מע זעצט איבער, קודם־כל, די שפּראַך פון וועלכער מע זעצט איבער, אין אַלע אירע שטריכן און ליניעס, צייכנס און ניואַנסן און די סאַמע דינסטע ניואַנסן פון ניואַנסן. דאָס קענען אַ שפּראַך קומט נישט פון דער לופט, נאָר פאָדערט פלייס און לערנען און אַ סך באַנוצונג אַפילו פון אַזעלכן וואָס האָט טאַלענט און אַן אויסגעצייכנטן זכרון. האַלבע עם־הארצות, וואָס דאָס איז ערגער פון גאַנצער עם־הארצות, איז געווען די ערשטע צרה, די צווייטע צרה איז געווען, וואָס די ווייניקע איבערזעצער, וועלכע האָבן גענוגנדיק געלערנט און זענען געווען באַהאַוונט אין דער שפּראַך, פון וועלכער זיי האָבן איבערגעזעצט, זענען שטיין געבליבן פאַר דער שווערקייט איבערצוזעצן אַלץ פון דעם אָריגינאַל אין אַלע פּרטים און פלעגן זיך איבערהיפּערן די שווערע ערטער, אַרומגיין זיי אַרום־און־אַרום, און פלעגן אָנרופן (אָדער נישט אָנרופן) זייערע איבערזעצונגען „פרייע איבערזעצונגען". אַזאַן אַרבעט איז נישט קיין אָריגינאַל און נישט קיין איבערזעצונג; פון אָריגינאַל איז זי אַוועק, און צו קיין איבערזעצונג איז זי נישט דערגאַנגען, און זי איז פעלשונג און אומבאַוווּסטזיניקע אָפּ־נאַרעריי. די סיבה דערפון איז אַ פּשוטע: דער וואָרט־אוצר פון די־אַ איבערזעצער איז געווען אָרעם אין זיין כמות, אַפילו ווען זייער שפּראַך איז געווען אַ שיינע און זייער סטיל אַ פיינער און אַ האַרציקער. דער

פעדאַנט באַרנשטיין האָט נישט געפונען קיין באַפרידיקונג דערין, וואָס די שפּראַך איז שיין, און דער סטיל פיין; ער האָט פאַרגלייכט דעם אָריגינאַל מיט דער איבערזעצונג, שורה ביי שורה, און יעדעס פאַרפעלט, אָראָפּגעשלונגען און אָפּגעשוואַכט וואָרט און דאָס פאַרטראָגן דעם ענין מיט אַנדערע ווערטער האָבן אים געשטאָכן, ווי מיט אַ נאָדל אין לעבדיקן לייב; און דערצו נאָך האָט דער שפּראַך־עושר באַרנשטיין געהאַלטן, אַז מע דאַרף און מע קאָן געפינען פאַר יעדן וואָרט אַ פּינקטלעכן עקוויוואַלענט אין דער העברעיִשער שפּראַך. דאָס איז געווען זיין וויכטיקסטער מאָטיוו אין דער קליינער איבערזעצונג פון „פּאַריס” און שפּעטער פון דער גרויסער איבערזעצונג פון „האַמלעט”. צי דען דאַרף איך אויפקלערן, פאַר וואָס ער האָט אויסגעקליבן „האַמלעט”? „האַמלעט” איז אַ ריזיקע ליטעראַרישע דראַמאַטישע שאַפונג, אַן אַלגעמיין מענטשלעכע און אייביקע; יעדער פון אונדז האָט זי געלייענט הונדערט און איין מאָל; מיר אַלע וועלן נישט אויפהערן, פון זינט אונדזער יוגנט ביז אונדזער עלטער, זיך אַנטציקן מיט די דראַמעס פון דעם וועלט־גאון שעקספּיר; און דאָס איז ווי אַ מין פּראָבע, צי אונדזער שפּראַך וועט קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט אירע ווערטער און באַגריפן מיט שעקספּירס ענגלישער שפּראַך. לויט דער זאַפטיקייט פון דער שילדערונגס־קראַפט, שאַרפקייט פון געפיל, שטאַרקייט פון דמיון, דער טיפקייט פון די ליידן, וואָס דערגרייכט ביזן תהום, און דער דערהויבנקייט פון דער וויזיע, וואָס דערלאַנגט צו די הימלען, וואָרט ביי וואָרט, ווי אין „האַמלעט”. דעסטגלייכן האָט ער „פּאַריס” איבערגעזעצט וואָרט ביי וואָרט, ווייל ער האָט גוט געקענט די פּוילישע שפּראַך.

אַזוי איז עס, כדי איבערצוזעצן „האַמלעט”, האָט באַרנשטיין געלערנט — און ער איז דעמאָלט געווען בערך אַ בן־המישים — די ענגלישע שפּראַך, ווי זיין שטייגער, גרינטלעך, מיט די כללים פון איר גראַמאַטיק און די געזעצן פון איר סינטאַקס, מיט יענעם אונדזערן אויסגעצייכנטן אויטאָדידאַקטישן מעטאָד, וואָס איז געווען אַן אָרגאַניזירטער און ציל־געווענדטער, נישט ווייניקער פון די לערן־מעטאָדן אין דער בעסטער שול. עס שטייט מיר נאָך דאָס בילד פאַר די אויגן: איך בין זיך פאַרזעסן ביי באַרנשטיינען אין זיין וווינונג, הינטער דער שול אויף טלאָמאַצקע. נאָך האַלבער נאַכט האָב איך זיך מיט אים געזעגנט אַהיים צו גיין. נאָכן אַראָפּגיין, פאַרבייגייענדיק דעם שול הויף, האָב איך זיך אַרומגעקוקט: דער גאַנצער רחבותדיקער, ריזיקער שול־בנין איז פאַרזונקען אין פינצטערניש, סיי די זאַלן, ווו ס'איז דאָס ביוראָ, סיי די קאַנצעלאַריעס, ווו ס'קומען פאַר די חתונות, סיי די ביבליאָטעק, סיי די וווינונג פון דעם מטיף, סיי די וווינונג פונעם חזן,

סיי דאָס הייזל פונעם „שבת־גוי”, דעם וועכטער, — אַלע שלאָפן, רוען אין דער פינצטערניש, בלויז פון איין פענצטער ווינקט די שיין פון אַ לאָמפּ — באָרנשטיינס ווינונג אויפן צווייטן שטאָק, ווען מע גייט אַריין אין הויף פון דער לינקער זייט; אויך נאָך מיין אָוועקגיין איז ער אַלץ געזעסן געבויגן איבערן טיש און האָט געלערנט. ער האָט דעמאָלט געלערנט ענגליש — כדי צו לייענען שעקספּירן אין אָריגינאַל — כדי אים איבערצוזעצן אויף העברעיִש — כדי צו פאַרפולקאָמענען אונדזער שפּראַך. לאָמאַנאָסאָוו? זאָל אים דער אייבערשטער מוחל זיין, י. ל. גאָרדאָנען! קיין שום לאָמאָנאָסאָוו איז נישט פּעיִק דערויף. דאָס איז אַ מין „תיקון־חצות” אונדזערער, אין אַ נייער פאָרעם. און דער מענטש איז שוין דעמאָלט קראַנק געווען אויף די אויגן! זעט, וואָס פאַר אַ געוויקסן ס׳האָט אַרויסגעגעבן אונדזער אַלטער בית־מדרש.

און די איבערזעצונג? איז אין איר פאַראַן דער אָטעם פון דיכטונג, אָדער נישט? אין דער איבערזעצונג פון „פאַריס” האָט זיך ארויסגעהויבן אויך דער אָטעם פון דיכטונג אויף אַ וווּנדערלעכן אופן; אַ פייערלעכע שיינקייט, אַ העלע, אַ גרויסע, וואָס שטייגט אַרויף אויף די פאַנטאַזיע־פליגל איבער די גרענעצן פון צייט און אָרט; דעליקאַטע און שטאַרקע שפּראַך, אַן אויסגעאיידלטע און פעסטע. אין דער איבערזעצונג פון „האַמלעט” זענען דאָ טיילן קרעפטיקע, און ס׳זענען דאָ שווערע און קינסטלעכע. ער האָט זיך געהאַלטן ביי מאָס פון די יאַמבן און וואָקאַלן, און צוליב דעם איז ער צייטנווייז אָפּגעטרעטן פון דעם דיכטערישן געשמאַק, און ווי ס׳האָבן געזאָגט די קדמונים: „והיתד ברקתו, ומחצה וחלפה ראשו” — און דאָס פּלעקל אין זיין שלייף, צעקלאַפּט און געלעכערט זיין קאָפּ; אָבער די איבערזעצונג איז פּינקטלעך אויף דער האָר, און פאַר דעם האָט ער געבראַכט צו פירן „געטעסעטע שטיינער פון די אַלטע בערג” און אַרויפגעבראַכט פּערל פון דעם אָפּגרונט פון אונדזער שפּראַך. דאָס איז נישט קיין אַרבעט פון אַ מייסטער אַ ספּעציאַליסט אין דיכטונג, נאָר אַן אַמאַטאָרישע אַרבעט, ווי די איבערזעצונג פון רייִנאַקן און די איבערזעצונג פון מאַטלאַקאָווסקין, נאָר שטייגט זיי איבער. ווי קאָן מען פאַרגלייכן אַן איבערזעצונג פון ענגליש אויף לעבעדיקע שפּראַכן, פרישע און רייכע, מיט אַן איבערזעצונג אויף דער העברעיִשער שפּראַך מיט איר קנאַפּן ווערטער־פאַרמעג און איר גראָע אַלטקייט? און פון דעסטוועגן איז באָרנשטיינס איבערזעצונג פּינקטלעכער פון יענעביידע. מ׳האָט פאַרגלייכט באָרנשטיינס איבערזעצונג צו זאַלקינסאָנס באַוווּסטע איבערזעצונגען („איתיאל הכושי”, „רם ויעל”), וועלכע זענען פון די בעסטע איבערזעצונגען. זאַלקינסאָנס אי־

בערזעצונגען זענען אַ פאַרגעניגן צו לייענען, שיין, לייכט, אָבער דאָס איז זאַלקינסאָן, און נישט שעקספּיר! שעקספּיר טאָר נישט געמאַכט ווערן אַזוי שטאַרק איבערפלעכלעך, שפּראַכלעך פליסיק, מיט אַ קינדווייז געלערנטער שפּראַך; ער דאַרף זיין געפּרעסט, פעסטפאַרעמדיק, אויס שיינקייט פאַר־כאַפּנדיק! עפנט שעקספּירס אַ בוך, און דערלעבן די איבערזעצונג, און איר וועט זען, אַז דער איבערזעצער גייט אַריבער דעם איבערגעזעצטן אָריגינאַל ווי אַ שוועבנדיקער פויגל, באַרירט און באַרירט נישט; ער האָט געקענט ענגליש, האָט צעקייט און אָראָפּגעשלונגען שעקספּירן, אָבער נישט „ווי אים אָראָפּגעשלונגען, אים צוריק אַרויפגעבראַכט", אַראָפּגעשלונגען שעק־ספּירן, אָבער אויפגעבראַכט זאַלקינסאָנען. דאָס באַחנטע אויסזען, די לייכט־קייט אַליין זענען נאָך ווייניק פאַר אַן איבערזעצונג. ס'דערעסט אונדז די לייכטקייט, וואָס ס'האָבן פאַרמאָגט אַ סך שרייבער פון פאַרגאַנגענעם דור. מע פאַרלאַנגט אַ פּינקטלעכע שילדערונג, אַ נייַ וואָרט; דאָס לייכטע דער־פירט שנעל צו לאַנגווייל. באָרנשטיינס איבערזעצונג דאַרף דינען פאַר אַ מוסטער — אויב נישט מיטן גייסט פון דיכטונג, איז אָבער בלי־ספק מיט זיין וווּנדערלעכער פּרעציזקייט. און דאָס איז געווען זיין ציל. אין דער אמתן איז דאָס אַ לינגוויסטישע אַרבעט, און אין דער הינזיכט שטייט זי העכער, העכער פון מיטעלן ניוואָ.

[ד]

איך האָב אויבן געזאָגט: ווען באָרנשטיין איז געקומען קיין וואַרשע, איז ער געקומען מיט „ברויט אין זיין קערבל", געקומען מיט וויסן, אַ למדן מובהק, אַ קענער פון ברוכצאַל־רעכענען, אַן אַסטראָנאָם אַ באַהאַונטער אין דעם צייט־און מולדס־רעכענונג, און נאָך אַ סך, אַ סך ידיעות, נאָר ס'האָט אים נאָך אַ סך געפעלט, — אָבער שפּעטער טרעפן מיר אים — אין זיינע ווערק — אַ פּילזייטיק געלערנטן, אין בעסטן זין פון דעם וואָרט. ווו האָט ער געשטודירט? זיין אוניווערסיטעט און פון אַ סך אַ סך פון אונדזערע חברים דעמאָלט — וואַרשעווער קענען אים — דאָס איז די ביבליאָטעק ביי דער טלאָמאַצקער שול! ווען די דאָזיקע ביבליאָטעק וואָלט געשאַפן גע־וואָרן בלויז אונדז צו געבן באָרנשטיינען, דעם ד"ר פּאָזנאַנסקי (און נאָך און נאָך) — האָט זי גענוג אויפגעטאָן!

איר ווילט אונדז שאַפן אַ מענטש ווי באָרנשטיין? נעמט אַ יונגן־מאַן, וואָס האָט געלערנט זייער אַ סך תלמוד אאַ"וו. און אַ מתמיד, אַ נזיר כמעט פון קערפּערלעכע ליידנשאַפטן, אַ מאַן, וואָס באַזיצט אַ שטאַרקע, קאַכעדיקע און אומאויפהערלעכע ליידנשאַפט צום אמת און צו וויסנשאַפטן, גיט אַ

לייטישע און רויִקע שטעלע, וואָס זאָל אים קלעקן אויף פּרנסה, און וועלכע פאַרנעמט נישט ביי אים די גאַנצע צייט, — דעמאָלט וועט ער אייך באַשאַפן ווערן... איך קאָן אייך נישט געבן קיין דעצידירטע תשובה, ווייל באמת וועט פאַר אייך אפשר באַשאַפן ווערן... אַ מַפּילע ; ס'איז נאָך נישטאָ דער כימישער פאָרמול, אָדער דער מעדיקאַמענט, דורך וועלכן מע זאָל קאָנען צוגרייטן דאָס באַשאַפן באַרנשטיינס ; און ווען מיר זאָלן פאַרמאָגן אַזאַ מיטל, וואָלטן מיר עס געטאָן ! ס'וועט פאַרבלייבן אויף תמיד אַ ,,תיקו" דער אייביקער סוד, דורך וועלכן ס'ווערט באַשאַפן אַ גרויסער מענטש, און וואָס אויסער אים קאָנען אַלע צוּדאַטן, דאָס דערפילן אַלע באַדינגונגען און דאָס אויסגעפינען אַלע מיטלען און זייער קינסטלעכער צוזאַמענשטעל גאָרנישט העלפן. אָבער, ס'איז אַ פאַקט, אַז אין דעם באַשאַפן באַרנשטיינס וויסנשאַפט־לעכע פערזענלעכקייט האָט אַ גרויסן חלק יענע ביבליאָטעק, יענע שול, ווו איך פלעג יאָר־אויס, יאָר־איין טאָגן און נעכטיקן מיט אים צוזאַמען, זינט דאָס הויז איז געגרינדעט געוואָרן. און אַ געוויסן חלק דערין האָט אויך געהאַט דער ערלעכער און אָרנטלעכער מענטש, אויך אַ פּוילישער ייִד, אַ משכיל און תלמיד־חכם פון אַלטן דור, אויך פון אַ קליין שטעטל (דזשאַ־לאָשיץ) אין פּוילן, פון אַ רייכער מַשפּחה, אַ גוטהערציקער און בעל־צדקה, וואָס פּילט מיט און שעצט תלמידי־חכמים, משה מאָשקאָווסקי ז"ל. אויך ער איז נישט געווען קיין דיפּלאָמירטער, האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף ביבליאָטעקעריי. ער איז געווען אַ ביבליאָטעקאַר אַן אויטאָדידאַקט, אַ פּרייוויליקער. די ביכער זענען דעמאָלט אַריינגעפּלאָסן, ווי אַ שלאַקסרעגן. ער איז נעבעך כמעט פון די פיס געפאַלן אונטער דער כסדר אָנוואַקסנדיקער לאַסט. אין אַ סך פונקציעס פונעם ביבליאָטעק־וועזן, דאָס פאַנאַנדער טיילן די אָפּטיילונגען, דאָס סאָרטירן און אָרדענען די ביכער, דאָס צוזאַמענ־שטעלן די קאַטאַלאָגן און די קאַרטלעך, האָט זיך דער־אַ ערלעכער אַרבעטער געמאַטערט איבער די כוחות, אין אַ סך זאַכן האָט ער געטאַפּט אין דער פינצטער — אָבער איין זאַך האָט ער געוווּסט בעסער ווי עס ווייסן עס די גרויסע קענער ספּעציאַליסטן אין דער קענטשאַפט פון איינאָרדענען ביבליאָ־טעקן. ער האָט געוווּסט, אַז דער צוועק פון אַ ביבליאָטעק, איז נישט עס זאָל זיין אַ ביבליאָטעק — און פּטור, נאָר אַז אַ ביבליאָטעק, באַזונדערס אין די באַדינגונגען פון אונדזער לאַגע, איז אַ מין שול פאַר דערוואַקסענע, און אַז די פליכט פון דעם ביבליאָטעקאַר איז, נישט נאָר, אַז די ביכער זאָלן זיין איינגעשטעלט אין אָפּטיילונגען, פּינקטלעך קאַטאַלאָגירט, יעדעס בוך אין זיין אָפּטיילונג און זיין אָרט, ,,יעדער געפינט זיינס גלייכן", און שוין איז דאָס הויז אין זיין גאָרער פּראַכט, און מע פרייט זיך דאָרט פון

אויבן! נאָר ער האָט אַ וויכטיקערע פונקציע, די פונקציע פון אַ פּאַרמיט־לער צווישן די געלערנטע. וואָס באַזוכן די ביבליאָטעק, און צווישן די ביכער — צו העלפן און געבן אָנווייזונגען, אַנטקעגן צו קומען יעדן באַזוכער, און נאָך מער, צו מאַכן אויפמערקזאַם דעם פּאַרלאַנגער אויף ביכער, וואָס זענען יענעם נישט באַקאַנט. אָט דער־אָ כשרער מענטש, וועלכער איז אַליין געווען אַ תּלמיד חכם, האָט נישט געהאַט קיין גרעסערן פאַרגעניגן און טיפערע פרייד ווי פון צו העלפן אונדז אין אונדזערע שטודיומס, און באַזונדערס יענעם נאָענטן שכן, וועלכער האָט געקאַנט אויסשטרעקן די האַנט פון זיין ווינונג און אַריינגעמען ביכער און כתב־ידן, און נישט נאָר פון די וואָס געפינען זיך אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק, נאָר אויך, דורך בריוו־אויסטויש, פון אַלע ביבליאָטעקן אויף דער וועלט. די וויסנשאַפטלעכע ליטעראַרישע פאַרפּולקאָמונג, וואָס יעדער פאַרשטענדלעכער לייענער זעט אין באַרנשטיינס ווערק, קאָן כלל־וכלל נישט געמאָלט זיין אָן אַ גרויסער ביבליאָטעק. דאָס איז געווען דאָס גרויסע, וואָס וואַרשע האָט געגעבן באַרנשטיינען; דאָס איבעריקע פאַרדינט זיך כמעט נישט אַריינצוגיין אין אונדזער ליטעראַרישן חשבון, הגם עס פאַרדינט זיך אריינצוגיין אין חשבון פון דער שול. פאַרשטייט זיך, אַז באַרנשטיין איז געווען (אין אָנהייב אַ באַאַמטער־קאַסירער) אַ געטרייער סעקרעטאַר, אַ פלייסיקער און פּינקטלעכער, איטלעכער פון די שול־אַריינגייער צו יענער צייט קאָן זיך דערמאָנען דאָס געשטאַלט פון דעם נידעריק־וווקסיקן יידן, דעם צניעותדיקן און שטילן, וועלכער איז געזעסן איינגעהילט אין זיין אַלטן טלית, אַ קאַזשעניצער טלית, אויף דער דריטער באַנק לינקס, און בשעת קריאת־התורה פלעגט ער שטילינקע אַרויפגיין הינטערן גבאי, זיך זעצן דאָרט אויבן אויף דער בימה, מאַכן זיך אַ קרייז אין אַ ווינקל און פאַרצייכענען סימנים וועגן די נדרים, וואָס ס׳האָבן מנדר געווען די אויפגערופענע צו דער תורה, דורך אַ ספּעציעלן אַליין־דערפונדענעם סיסטעם, און דערנאָך זיך אַראָפּגיין אויך שטילינ־קערהייט און זיך זעצן אויף זיין אָרט. און אַז דער פאַרשטאָרבענער ד״ר צילקאָוו פלעגט האַלטן אַ דרשה פון פאַרשריבענעם פּאַפּיר אַרויס, פלעגט ער זיצן און זיך איינהערן אין זיין ריינער פּוילישער שפּראַך; און צי דען ווייס איך, צי ס׳האָט זיך געפונען אַ מנין יידן צווישן יענעם גרויסן עולם, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די ווערט פון דעם־אָ סעקרעטאַר, אויסער זיין אַמטלעכן אָפּהיטן דעם רעכענונגס־בוך און פאַרשרייבן די נדרים און די נדבות.

ווי גליקלעך איז אָט דער מענטש געווען, וואָס מע קוקט זיך נישט אום אויף אים, און מע לאָזט אים טאָן זיין אַרבעט! די זאַך איז נישט געווען

אַזוי פּשוט. ס'איז געווען די צייט ווען ס'האָט געהערשט די אַסימילאַציע, און גאָט האָט קעגן געשטעלט איינס קעגן דעם אַנדערן, ער פּאַרווונדעט, און זיינע הענט היילן, און נאָך מער, ער ברענגט די רפואה פאַר דער מכה: האָט באַשאַפן די שול, וואָס איז דעמאָלט געווען די פעסטונג פון דער אַסימילאַ־ציע (די זאַך האָט זיך שפּעטער עקסטרעם געענדערט), און באַשאַפן פאַר איר די ביבליאָטעק צו לינדערן; האָט באַשאַפן די פאַרוואַלטונג, וואָס האָט די השגחה אויף אָט דער שול, וואָס דער רוב פון אירע מיטגלידער זענען געווען קאַלט, ווי שטיקער אייז, צו דעם יידישקייט, האָט ער באַשאַפן זייער סעקרעטאַר צו לינדערן. די צוזאַמענשטויסן צווישן אונדז און זיי זענען נישט פאָרגעקומען מיט געטומל און רויש, אָבער געווען זייער טיפע. די ביבליאָטעק איז אין משך פון אַ סך יאָר געווען ווי אַ שטיפּטאָכטער. אין אָנהייב האָט מען איר צוגעטיילט אַ גרויסן זאַל און קעגנאיבער אַן ענגע קאַנצעלאַריע, אָבער אין גיכן איז דער פּלאַץ ענג געוואָרן, און די טראָפּנס שטיצע האָבן אויך נישט געגוגנט, און דער איינציקער פילאַנטראָפּ פון דער ביבליאָטעק איז דעמאָלט געווען הרב איגנאַץ בערנשטיין, אָבער די מער־הייט פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער האָבן זיך קעגנגעשטעלט און געוואָרטשעט און זיך געבלאָזן, אַז די קאַסע איז מאָגער אאַ"ו, אאַ"ו, און וואָס פאַר אַ צרה ס'זאָל נישט קומען, איז די ביבליאָטעק געווען דאָס קרבן־שעפּסעלע אויפן מזבח פון שפּאָרזאַמקייט. וויפל גייסטיקע פּיין האָט געליטן באַרנשטיין, ווען ער איז געליגן צווישן דעם האַמער פון די פאָדערונגען פון דער ביב־ליאָטעק און דער קאָוואַדלע פון די קאַסע־חשבונות. אויך די מאַטעמאַטיק האָט אים נישט געהאָלפן. מע האָט געמוזט באַשליסן, און אָט דער מענטש, וואָס האָט לויט זיין נאַטור, אין אַלגעמיין, אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע די ליידן און געבויגן דעם קאָפּ פאַר יעדער כוואַליע וואָס איז אים אַריבער, האָט געקעמפט פאַר עקזיסטענץ פון דער ביבליאָטעק, זיין אוניווערסיטעט.

דער־אָ קרייז איז נישט געווען קיין גרויסער. אין דער ביבליאָטעק פלעגן זיין אַריינגייערס און מאַכן באַזוכן מיט אונדז: זאב יעבץ, זאָסניץ, (זעלטן), גבריאל יידל ליכטנפעלד, אַטלאַס, שפ"ר, אַלבעק, זיבענבערג, דער זקן פאַרעלע (דער פאָטער פון אַן אַדוואָקאַט), וועלכער איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער און רעדאַקטאָר פון יאָר־קאַלענדאַרן, דער אַלטער לערער שווייצער, אליהו נייווידל און נאָך שרייבער, וועלכע האָבן דאָרט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר זייער ליטעראַרישער אַרבעט. כ'וועל נישט מגזם זיין, אויב כ'וועל זאָגן, אַז דער ערשטער מאַטעריאַל צו שאַפן צוויי גרויסע געשיכטע־ביכער, שפ"רס ביכער און יעבצעס ביכער, איז דאָרט געזאַמלט געוואָרן. אויסער די, וועלכע זענען שוין געווען דעמאָלט זקנים מופלגים

אָדער באַיאָרנטע, האָבן דאָרט באַזוכט אַ סך פון די דעמאָלטיקע יונגע, און איך געדענק גוט דעם ד״ר ביכאָווסקי, אַלטשולערן, צ. ה. יפהן, א. הירשפעלדן, ח. גינצבורגן, א. מאַנזאָנען, ש. ל. זילבערמאַנען, מ. גאָרדאָנען, מ. מ. פּראַסן, א. פּאָדלישעווסקין, א. קליינערמאַן און נאָך אַ סך. פון דער פּראָווינץ פלעגן קומען: יאָסל ראָזענטאַל פון סוואַלק, יחיאל מענדעלזאָן פון לובלין, א. י. פּאַפּיערנאַ פון פלאָצק, ה. וויטקינד פון ביאַליסטאָק, ישכר שוואַרץ פון זגיערזש, ישראל פרענקעל פון ראַדאָם, א. א. ראַקאָווסקי פון זעמבראָוו. א. פּערלע און ד״ר קלוגער פון לאָדזש. דער־אָ קרייז האָט זיך מיט יאָרן פאַרברייטערט הונדערטפאַכיק. איך רעד בלויז וועגן דעם ערשטן קרייז. איך בין געווען איינער פון די וואָס האָבן געפייערט דעם ערשטן חנוכת־הבית מיט איגנאַץ בערנשטיינען און האָב דעמאָלט גענומען און אָנגעשריבן אַ בריוו צום פּראַנציייזישן וואָכנבלאַט קיין ישראל Arachives, Israil וועלכער ליגט דאָ פאַר מיר.

צווישן אָט־די איז באַרנשטיין נאָך נישט געווען קיין אויסגעצייכנטע, און נאָך ווייניקער, צענטראַלע פּערזענלעכקייט — אפשר אַ צוויי־דריי האָבן אים גוט געקענט, און די מערהייט האָט אים געקענט ווייניק, אָדער אין גאַנצן נישט — מ׳האָט געוווּסט, אַז ער איז זייער אַ פלייסיקער אין די שטודיומס, אָבער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער וועט מיט דער צייט ווערן אַ גרויסער שטערן אין דער וויסנשאַפטס־וועלט. זיין פּשטות און באַשיידנקייט האָבן פאַרשטעלט זיין געניאַליטעט. אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך אים אַריינגעפירט אין אַן אַנדער קרייז, נישט פון די „מאָנטיקלער" Poniedziatkowcy נאָר אין דעם קליינעם און באַשיידענעם קרייז פון די „דאָנערשטיקלער", ס׳הייסט וועלכע פלעגן זיך צונויפקומען אום פריערדיקן דאָנערשטיק, נישט אין מיין וווינונג, ווי די „מאָנטיקלער", וועלכע זענען געווען אַן אינטעלעקטועלער פאַרבאַנד אויפצוקלערן פּראָבלעמען נאַציאָנאַלע און ליטעראַרישע, נאָר אין די וווינונגען פון די קרייז־מיטגלידער לויט דער ריי, און צווישן זיי זענען געווען: הלל נוסבוים, שמואל פעלטין, יצחק קראַמטשיק, משה מאַשקאָווסקי, זאב אַשכנזי (דער פאָטער פון פּראָפ׳ שמעון), איגנאַץ באַרנשטיין, שמואל (בר׳ יוסף) שיינהאַק, ד״ר צילקאָוו, לעאָן גראָסגליק, יעקב קאָרנגאָלד, מאַרגאָליס, יוסף דאָבזשינסקי און איך. דער־אָ קרייז פלעגט זיך צונויפקומען לייענען תנ״ך, באַהאַנדלען געזעלשאַפטלעכע ענינים און באַווירקן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין דעם קרייז פון דעם פּוילישן ייִדנטום. אין דעם קרייז זענען געווען צוויי מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט ווייניקער פון יעדן אַנדערן און האָבן געוווּסט מערער פון יעדן אַנדערן: ה. י. באַרנשטיין און יוסף דאָבזשינסקי.

דאָ שטיי איך פֿאַרן קדשי־קדשים אין מיינע זכרונות: דער דריילינג, פֿון די צוויי לעצטע מיט מיר, אַ דרייזיקער בונד פֿון פֿעסטער האַרציקער פֿריינדשאַפֿט און חברשאַפֿט, מיטן מינהג פֿון באַשטענדיקן אינפֿאָרמירן, דער־ציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס ער האָט געזען, געפֿונען אין ביכער, און די נייע היפּאָטעזן, וואָס זענען אים איינגעפֿאַלן, יעדער אויף זיין געביט. כדי די דאָזיקע זאַך אויפֿצוקלערן, וואָלט איך דאַרפֿן שילדערן מיין בעסטן פֿריינד, יוסף דאַבזשינסקי ז״ל, ווייל די דאָזיקע פֿריינדשאַפֿט צווישן באַרנ־שטיינען און דאַבזשינסקין, וואָס איך האָב זוכה געווען זי זאָל אַ דאַנק מיר צושטאַנד קומען, האָט געהאַט אַ וויכטיקע השפּעה אויך אויף באַרנשטיינס אַנטוויקלונג; אָבער דאָס שילדערן דאַבזשינסקין איז שווער פֿון צוויי שטאַנדפּונקטן, ראשית, ווייל דאַבזשינסקי קאָן געשילדערט ווערן נאָר ווי אַ סאַמע ערשטקלאַסיקער טיפּ, און נישט ווי אַ ווירקנדיקע קראַפֿט, וואָס האָט פֿאַרנומען אַן אָרט אין דער וויסנשאַפֿטס־וועלט, און שנית, קאָן איך נישט שילדערן אָט דעם הויך באַגאַבטן מענטשן דרך־אגב, און דאַרף אים צוטיילן אַ גרויס אָרט, ווען כ׳וועל האָבן דאָס געלעגנהייט דערצו. דאָ וועל איך זיך באַגנוגען מיט ווייניקע ווערטער. יוסף דאַבזשינסקי איז געווען אַ געבירטיקער פֿון שטעטל קאָוואַל, לעבן וולאָצלאַוועק אין פּוילן, געבוירן געוואָרן אין פֿאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט, אַ זון פֿון אַן אָנגעזעענער משפּחה (אַ פּלימעניק פֿון דעם זעליקן אַברהם דאַבזשינסקי, וועלכער האָט געשריבן אַ סך מאמרים אין דער „הצפֿירה״), האָט געלערנט תורה אין זיין יוגנט אין זיין געבוירן־שטאָט, שפּעטער אין קאָנין און פּלאָצק (אונדזער פֿריינדשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבן אין מיין קינדהייט אין מיין געבוירן־שטאָט) און זיך באַזעצט אין וואַרשע, און צוליב פּרנסה אָנגענומען אַ שטעלע פֿון אַ בוכהאַלטער אין אַ געשעפֿט פֿון אויסלענדישע סחורות, פֿאַר אַ קליינעם געהאַלט, און פֿלעגט זיין מערסטע צייט אָפּגעבן דער דאָזיקער אַרבעט, און די ווייניקע — וויסנשאַפֿטלעכער טעטיקייט. דער־אָ מענטש איז געווען אַ טיפּ פֿון אַן אויטאָדידאַקט, נאָך אפֿשר אַ פֿולקאָמענערער פֿון באַרנשטיינען. אויסער זיין באַהאַוונטקייט אין תנ״ך און זיין ספּעציעלע גראַמאַטיק־קענט־שאַפֿט, וואָס סיי צווישן יידן, סיי צווישן קריסטן האָב איך נישט געטראָפֿן קיין גרעסערע פֿון אים. און חוץ זיין בקיאות אין ש״ס, איז יוסף דאַב־זשינסקי פֿעיִק געווען צו פֿאַרנעמען אַ קאַטעדרע און לערנען אין אוניווער־סיטעט די רוימישע און גריכישע שפּראַכן און די געשיכטע פֿון זייערע ליטע־ראַטורן. זיין ספּעציעל געביט איז געווען פֿילאָלאָגיע. אויך ער האָט גע־לערנט ענגליש, אָבער מער פֿון באַרנשטיינען, האָט ער געלערנט פֿון דער מעטאָדע פֿון טוסען־לאַנגשידט, און ווער ווייס, צי ער איז נישט געווען דער

איינציקער אויף דער וועלט וואָס האָט געענדיקט די דאָזיקע מעטאָדע; יעדנפאַלס, איך האָב נישט געטראָפן צווישן מיינע חברים עמעצן אויסער אים, וואָס האָט דערגרייכט צום דאָזיקן סיום. ער איז געווען אַן איינגעקוואַרט, מאָגער מענטשל, אַ באַשיידענער און שעמעוודיקער, אַ לאַ־יצלח אַ ביסל, אַ גרויסער צדיק. אַ לעכערלעכער אַ ביסל? ניין! אָבער אַ מענטש נישט פון דער וועלט; אַ מענטש, וואָס אין דער טיף פון זיין נאַטור האָט גע־שטעקט דער באַוווסטזיין, אַז ער איז אַ קנאַפּוועדטיקער, און אַז זיין אינטעלעקט, זיינע פעיִקייטן און זיין לעבנס־דאַליע זענען בשפל־המדרגה. זיין גורל האָט אים געבראַכט אַ טונקל לעבן, און ס'איז אין אים נישט געווען אַפילו קיין שאָטן פון פּראָטעסט, פאַרקערט, ער האָט געגלייבט, אַז ס'איז אַזוי אָנגעמאָסטן, און אַז יוסף דאַבזשינסקי קאָן זיין נאָר יוסף דאַבזשינסקי, אַ בוכהאַלטער אין אַ געשעפט פון אויסלענדישע סחורות, פאַר אַ געהאַלט פון זעכציק רובל אַ חודש.: ער פלעגט יעדן מוחל זיין און אַלץ מקבל־באהבה זיין, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. מע פלעגט אים אויסנוצן אויף רעכטס און אויף לינקס, און ער פלעגט טראַכטן, אַז אַזוי דאַרף צו זיין: דער מענטש איז גוט, כדי מע זאָל אים אויסנוצן — לויטן געזעץ פון קלענסטן ווידערשטאַנד, און לויט יענער נאַטירלעכער נויט־ווענדיקייט, וואָס אַ טייכשטראָם הוילט און גראָבט אויס זיין געלעגער — נישט אין דעם האַרטן שטיין, נייערט אין דעם ווייכן ליים. זינט ער לעבט האָט ער הנאה געהאַט פון דער וועלט כמעט נישט מער פון ר' חנינאן. זעכציק רובל אַ חודש, אַ מטופל, און קויפט ביכער, און אַז ער איז אָפּגע־שוואַכט געוואָרן צוליב לערנען, האָט ער געמוזט האָבן צו טאָן מיט רפואות. באַרנשטיין איז קראַנק געווען נאָר אויף די אויגן, דאַבזשינסקי איז געווען אַ חלוש און האָט צייטנווייז געליטן ווייטיקן אויף אַלע אברים.

און אָט דער מענטש, אַ פּעיִקער צו שרייבן גרויסע און גוטע ווערק — זיין העברעיִשער סטיל און זיין סטיל אין אַנדערע שפּראַכן זענען געווען וווּנדערלעכע — האָט געליטן פון אַ ספּעציפישער פּילבאַרקייט: איבער־געטריבענער קריטיציזם בנוגע זיך אַליין. ער פלעגט שרייבן זייער, זייער אַ סך, אָבער שרייבן און מעקן און פאַרריכטן — און לסוף פאַרברענען. איין מאָל האָב איך אָפּגעראַטעוועט צוויי האַלאָוועשקעס ממש: אַן איבער־זעצונג פון אַ קאַפּיטל פון טאַציטן און אַן איבערבליק איבער אַן איטאַליענישן זאַמלבוך. איך האָב זיי אָפּגעדרוקט אין דעם „האסיף", און ווען ער וואָלט נישט געווען זיין גאַנץ לעבן מיך ליב האָבן ווי אַ ברודער, וואָלט ער זיך געווען צעגאַנגען מיט מיר צוליבן דאָזיקן חטא. כ'דערמאָן דאָס, נישט ווייל די זאַך איז נוגע מיך און דאַבזשינסקין, נאָר ווייל דאָס האָט אויך נוגע

געווען באָרנשטיינען. באָרנשטיין איז געווען מסוגל און האָט געדאַרפט שרייבן לערנביכער אויף אַלע געביטן פון מאַטעמאַטיק. מצד דער שפּראַך איז ער בלי־ספק געווען דער איינציקער, וואָס איז געווען אַ ספּעציאַליסט און באַרופענער אויסצופירן די דאָזיקע אַרבעט. איך האָב זיך באַמיט מיט אַלע מיינע כוחות אים צו באַווירקן צו דעם צוועק — און ס'האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. דאָבזשינסקי האָט באַווירקט אויף האַלטן זיך אין שאָטן, אויף אָפּגעזונדערטקייט און לאַמעדוואָווישקייט. באָרנשטיין האָט אויסגע־ווײלט דעם מיטלוועג. האָט באַשלאָסן צו פאַרעפנטלעכן ביכער נאָר פון זאַכן, אין וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ דערפאָלגרייכן ספּעציאַליסט. בנוגע מאַטעמאַטיק האָט ער זיך נישט דערוועגט צו לערנען אַנדערע און נישט געוואָלט אַרויסזאָגן זיין אורטייל פאַר יענע מענטשן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר זיינע לערער, אָדער פאַר גרעסערע פון זיך, — צוליב זיין איבערגעטריבענער באַשיידנקייט. זיין איבערמאָסיקע באַשיידנקייט איז געווען זיין פעלער. ווו ליכט, דאָרט איז שאָטן. אַז ווויל איז דעם מענטשן, וואָס זיינע פעלערן זענען געציילטע און אויף אַזוי פיל איידעלע און שיינע!

בערך צען יאָר פלעגן מיר זיך צונויפקומען, לייענען, לערנען, באַהאַנדלען. יוסף דאָבזשינסקי איז געשטאָרבן שטילערהייט, ווי ער האָט געלעבט שטי־לערהייט, מיט צען יאָר צוריק. און באָרנשטיין — אוי, דער רבי איז אַוועק אין דער הימלישער ישיבה! האָט זיך איבערגעריסן דער דריילינג־פאָדעם, די גרופּע איז זיך צעפאַלן. כ'בין געבליבן אַליין!...

דער פּעריאָד פון די „מאַנטיקלער" איז געקומען שפּעטער. זיי זענען שוין דעמאָלט געווען מענטשן מיט אַנשויונגען, צילן, קאַמפן, מיר האָבן געקעמפט אויף אונדזער שטייגער דורך דער ליטעראַטור און דער פּרעסע, דורך רעפעראַטן, געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס פאַרבאַטענע, און וואָס יעדער איינער פון אונדז איז געווען אויסגעשטעלט אויף שטראָפן, אַרעסטן, פאַר־שיקונג און חורבן; מיר האָבן געקעמפט קעגן דעם אינעווייניקסטן דעספּאָ־טיזם, קעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט און דער אַסימילאַציע. אין די צייטונגען האָבן מיר וועגן דעם גאָרנישט נישט פאַרעפנטלעכט. בכלל, „וואַרשע שווייגט". וואַרשע האָט נישט פּאָפּולער געמאַכט, נאָר זייער זעלטן. דעמאָלט איז באָרנשטיין געוואָרן אַ מיטגליד פון די „מאַנטיקלער", אָבער האָט זיך זעלטן באַוויזן. איז געווען פאַרנומען, און אויך די אויגן זענען שוין ביי אים נישט געווען אין אָרדענונג. דעמאָלט האָט ער זיך שוין געהאַט דערוואָרבן אַ פעסטע פּאָזיציע אין דער שול, ווייל ס'איז שוין אויפגעגאַנגען דער שטערן פון דעם דאָקטאָר פּאָזנאַנסקי, אָט דעם פילזייטיק־געלערנטן און איינעם פון די גאונים פון דער חכמת־ישראל פאַר דעם לעצטן דור. ער

איז געווען אַ גרויסער שרייבער, אויך אַ ספּעציאַליסט אויף איין געביט (די געשיכטע פון די קאַראַימער און זייער ליטעראַטור), וואָס נעמט אָבער אַרום מיט זיינע געדאַנקען, אָנשויונגען, דערקלערונגען אַ סך געביטן פון אונדזער אַנטיקער ליטעראַטור און דער מיטלאַלטערלעכער. איז אויך געווען אַ מופלג אין תורה. אַ העברעיש־שרייבער מיט אַ געלערנטער שפּראַך, אַ קדוש־וטהור, אַ היים־רעליגיעזער און פלאַמענדיק־פרומער, אַ פולער מיטן געשמאַק פון דער אַנטיקער העברעיִשער קולטור, און צוזאַמען מיט דער הויכער בילדונג, וואָס ער האָט געשטודירט אין דייטשלאַנד — איינער פון די פּאָלקאָמסטע פּאָרטרעטן און די סאַמע דערהויבנסטע געשטאַלטן פון אַ פּוילישן נאַציאָנאַלן און ציוניסטישן ייִדן, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין אונדזער דור. וועגן דאָזיקן גרויסן מענטשן דאַרף מען שמועסן באַזונדער. דאָ וועל איך זיך באַגנוגענען בלויז מיט ווייניק ווערטער.

פּאָזנאַנסקי האָט זיך אונדז באַוויזן, ווי אַ יונגער פּלאַנץ, אַ ראַזלעך בחורל מיט שיינע אויגן, אַ געבילדעטער, אַ תלמיד־חכם פון אַלטן דור אין דער שטאָט טשעכאָטשינעק אין פּוילן. האָט געלערנט תורה אין זיין קינדהייט און באַזוכט אַ רעאַלשול, און איז געווען איינגייער צו מיר און צו באַרנשטיינען אין הויז. אין משך פון אַ געוויסער צייט איז ער געווען אַ לערער פון מיינע קינדער, דערצויגן אויף אונדזער העברעיִשער ליטעראַטור, און די געזעלשאַפט „לומדי־תורה" ביי דער שול האָט אים געשיקט אויף באַרנשטיינס השתדלות קיין בערלין, ווו ער האָט געשטודירט עטלעכע יאָר און איז פון דאָרט צוריק געקומען — ד"ר פּאָזנאַנסקי! ער איז געווען באַרנשטיינס תלמיד, חבר און לערער גלייכצייטיק. ער איז אויך געווען מיין תלמיד, חבר און לערער, נאָר אין אַ קליינער מאָס, ווייל איך בין שוין געווען צעשפּרייט „אויף שבעה ימים", אָבער באַרנשטיין און פּאָזנאַנסקי זענען ווייטער געזעסן און געשטודירט, און דאָס אַלץ נישט תמיד אין רו און נחת. וויפל האָט פּאָזנאַנסקי איבערגעטראָגן און זיך אָנגעליטן אין זיין ערשטער תקופה ווי אַ פּיאָנער פון דעם ציוניסטישן געדאַנק אויף דער דאָרטיקער בימה, וויפל נשמה־פלאַטער און הייליקן שוידער, וויפל „חבלי־משיח", וויפל דערשלאָגנקייט און פאַרביטערונג, און וויפל אינעווייניקסטע פרייהייט אין דער פאַרקנעכטונג און דעם צוואַנג פון דרויסן, און וויפל צער און מאַנגל און קערפּערלעכע יסורים און וויפל דעפּרעסיע אין דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן, ווען ס'האָבן זיך אויף אים אָנגעזעצט די צרות פון דער מלחמה און די טאָגטעגלעכע זאָרגן און מאַטערנישן — — און אין דעם אַלעם האָט ער נישט נאָר געטאָן אַ סיזיפישע אַרבעט און זיך איינגעשאַפן שלמות, ווי יוסף דאַבזשינסקי, נאָר דורכגעדרונגען די אָפּגרונט־קוואַלן פון דער יודאַיִס־

טיק, געשריבן אַ בוך נאָך אַ בוך, רייך געמאַכט די חכמת־ישראל אויף דורות, געזאַמלט און וועראַרבירט וויסנשאַפטלעכע אַרבעטער, און ווער קאָן זיך גלייכן צו אים אַלס לערער?

און באָרנשטיין? אוי־ווײ, אַ סך צרות און אומגליקן זענען אַריבער, ווי וואַסער, איבער זיין קאָפּ אין לעצטן לעבנס־פּעריאָד, שרעקלעכע פּלאָגן האָבן אים אַרומגענומען ווען איך בין שוין געווען ווייט פון אים: זיין יוגנט־פרוי, זיין בת־יחידה, זיין בן־יחיד זענען אים געשטאָרבן, ער איז בלינד געוואָרן! אָבער זיין קוואַל האָט זיך נישט אויסגענומען און זיין גייסטיקער פלוס האָט נישט אויסגעטריקנט, זיין געבלעטער איז נישט פאַרוועלקט געוואָרן און זיין פרוכט האָט זיך נישט אויסגעלאָזן, און נאָך אין זיין אָוונט האָט ער פרישע כוחות באַקומען און, ווי אַן אָדלער, זיך צעפליגלט, און ווי אַן אָדלער זיך געריסן אַרויף, פאַרקוקט אין דער זון... מיט זיינע גייסטיקע אויגן, וועלכע זענען נישט פאַרטונקלט געוואָרן, ביז זיינע לעצטע טעג.

ער איז געשטאָרבן אין טיפער עלטער, ווי אין פסוק שטייט, "כעלות גדיש בעתו" — ווי אַ סטויג קומט אַריין אין זיין צייט. אָבער מענטשן ווי באָרנשטיין שטאַרבן תמיד פאַר דער צייט. זיין אַוועקגאַנג לאָזט איבער נאָך זיך אַ גרויסע לערקייט, און ס'איז אַ גרויסער ספק, צי וועלן מיר אין גיכן געפינען אַן אָפּבייט און פאַרגעלטונג פאַר דער־אַ לויטערער אינטעלעקטואַ־ליטעט, פאַר דער דאָזיקער גרויסער פאַכקענערשאַפט, וואָס שטייט העכער פון יעדן אָפּפרעג, פאַר דער־אַ אומדערמידלעכער אַרבעט־קראַפט, פאַר אַט דעם העלן און בליאַסקענדיקן ליכט, וואָס קיין שום פגם און פאַרטונקלונג האָט עס נישט פאַרפינצטערט אין משך פון אַ יובל יאָרן.

ס'איז אָנגענומען ביי אונדזער פאָלק זיך איבערצונעמען מיטן כבוד פון זיינע לערער און געלערנטע, אָפּצוגעבן כבוד און ערע די יחידי־הדור, די באַרימטע מענטשן, וואָס האָבן געהייליקט זייער לעבן פאַר תורה און וויסן. נישט פון שטיין וועלן מיר אויסהאַקן אַ דענקמאָל פאַר חיים יחיאל באָרנשטיין, נאָר פון גייסט, פון אונדזער ליטעראַטור און אונדזער שפּראַך, וואָס דערין איז באַשטאַנען זיין גייסטיק לעבן, און וואָס ער איז געווען זיין גאַנץ לעבן איינער פון זייערע כהנים און וואַכפּאָסטנס, איינער פון די שפּראַכשעפער און די בויער פון דער העברעיִשער וויסנשאַפט־ליטעראַטור. עס ליגט אַ חוב אויף די יידישע געלערנטע צו הייליקן באָרנשטיינען אַן אָנדענקבוך, אַ זאַמלונג פון וויסנשאַפט־מאמרים, און ס'ליגט אַ חוב אויף די פּוילישע יידן, אויף דער וואַרשעווער קהילה, צו גרינדן אין דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים אַ וויסנשאַפט־קאַטעדרע, ווי אַ דענקמאָל פאַר דעם דאָזיקן גרויסן אַרבעטער. הלוואי מיין פאָלק זאָל מיך געהערכן!

ד״ר מיכאַל פרידלענדער

— איר דאַרפט זיך באַקענען מיטן דאָזיקן מענטשן, באַזונדערס מיטן דאָזיקן מענטשן. איר וועט אין אים געפינען — אַ מענטש, ווי איר האָט ליב, — האָט מיר געזאָגט פּראָפעסאָר ראָזענשטיין אין לײדן (האָלאַנד). דעם פּראָפעסאָר ראָזענשטיין, דאָס שיינדל פון די מעדיצין־ספּעציאַליסטן אויף דער וועלט, האָב איך באַקאַנט דורך דעם פּראָפעסאָר אָפּענהיימער, דער באַרימטער יוריסט, וועלכער איז היינט אַ רעגירונגס־מיטגליד אין האָלאַנד.

שרעקט זיך נישט פאַר די דאָזיקע נעמען און שאַצט נישט איבער די ווערט פון דער־אָ באַקאַנטשאַפט! יעדער איינער פון אייך קאָן האָבן אַ שמועס מיט די־אָ פּראָפעסאָרן. צום גרויסן באַדויערן — איז ראָזענשטיין שוין נישטאָ; געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. ס׳האָט אים מספּיד געווען זיין קאָלעגע אָפּענהיימער מיט פּסוקים און מיט אַ ניגון פון אַ מקונן, און ס׳האָט אים באַקלאָגט גאַנץ אייראָפּע. אָפּענהיימער וווינט אין האַאַג, און פרייט זיך צו הערן אַ העברעיִש וואָרט. דאָס איז אַ ייד אַ זקן פון דער שטאָט גראָנינגען. ווען ער וואָלט נישט געוואָרן קיין פּראָפעסאָר, וואָלט ער געוואָרן אַ רב אין גראָנינגען, יעדנפאַלס אַ חזן, אָדער אַ בעל־קורא. ער האָט אַ געוויסע נטיה „צום עמוד״. וועגן אים וועט נאָך געשמועסט ווערן.

פּראָפעסאָר ראָזענשטיין, וועלכער האָט געשאַפן כמעט אַ נייע עפּאָכע אין דער מעדיצין־וויסנשאַפט, איז געווען דער זון פון „רבי חנא״, די דייטשישע יידן וועלן אייך זאָגן: רבי אלחנן ראָזענשטיין. פאַר זיין לעבן, לויט ס׳האָבן מיר דערציילט די זקנים, האָט מען אים גערופן סתם „רבי חנא״. ער איז געווען אַ ייד אַ למדן, ווי איינער פון די יידן למדנים אין פּוילן, און פלעגט לייענען אַ שיעור פאַר די בערלינער בחורים, אָדער לערנען פאַר די געקומענע פון אַנדערע שטעט.

צוויי לומדים מופלגים פלעגן לייענען דעם שיעור אין בערלין: ר׳ יעקב יוסף עטינגער און אָט דער ר׳ „חנא״, וועלכער איז געווען דער פאָטער פון פּראָפעסאָר ראָזענשטיין, וואָס זיין נאָמען וועט איר געפינען אין יעדער ענציקלאָפּעדיע.

דער דאָזיקער פּראָפעסאָר איז עס געווען דער מענטש, וואָס האָט מיר געזאָגט: אַז איר וועט זיין אין לאָנדאָן, גייט אַריין צו פרידלענדערן און זאָגט אים: „רב חנאס״ זון לאָזט אייך גריסן! ער ווייס שוין וואָס ס׳איז

דער „המסס ובית הכוסות״ (מאַגן־קאַמער און הינטערשטער מאַגן־קאַמער ביי בעלי־חיים).

איך האָב שוין דעמאָלט געקענט פרידלענדערן, וועלכער איז געווען דער פירער פון דעם רבנים־סעמינאַר אין לאָנדאָן, אָבער נישט געוווּסט דעם ענין — „רב חנא״ און וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער וועלט־באַרימטער מעדיצין־פּראָפעסאָר — צו אים. האָט מיר דער פּראָפעסאָר אויפגעקלערט:

— אין יענע יאָרן פלעגן יונגע־לייט פון די קליינע שטעט קומען קיין בערלין. זענען געקומען לערנען גמרא, עסן „טעג״ און הערן דעם שיעור ביי ר׳ יעקב יוספן און ביי מיין פאָטער; ס׳זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט שטודירן וועלטלעכע וויסנשאַפטן. מיר האָבן זיי גערופן „אויטאָדידאַקטן״. איר קענט דעם־אַ סאָרט?

— איך אַליין בין פון דאָזיקן סאָרט, — האָב איך שנעל געענטפערט דעם פּראָפעסאָר. נישט געוואָלט וועגן דעם מאַריך זיין, נישט צו פאַרהאַלטן זיין דערציילן. ער האָט געמיינט, אַז איך וויצל זיך, און האָט ווייטער דערציילט:

— מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ חברה געבילדעטע יונגע־לייט אין בערלין, וועלכע פלעגן שטיצן אָט די אויטאָדידאַקטן, אַליין זיי לערנען אומגעצאָלט, אָדער זי באַמיִען צו געפינען פאַר זיי אומזיסטע לערער, אָדער פאַר וויניק געצאָלט — „איין רייכסטאָלער אַ זמן״. מיר האָבן שוין דעמאָלט באַזוכט די אַלגעמיינע שולן; איך בין שוין געווען אין גימנאַזיע, און צווישן יענע געקומענע יונגע־לייט זענען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן נאָך אפילו נישט געקענט לייענען דייטש. איז איין מאָל געקומען צו אונדז, איך געדענק עס ווי היינט, אַ קליין יינגל פון פוילן, אַ קליינגעוויקסיקער, אָבער מיט אַ שיינעם קאָפּ, אַ הויכן שטערן, קלוגע און ברענענדיקע אויגן, און די האָר אויפן קאָפּ געלאָקטע. זיין אויסשפּראַך איז געווען אַ ביסל משונהדיק.

— פון פוילן? — האָב איך געפרעגט, ווייל דאָס איז פאַר מיר געווען ניי.

— יאָ, פון פוילן, פון יאַראָטשין, אַ זייער קליין שטעטל, אַן אַלטע קהילה; היינט איז עס אַ פּרייסישער קרייז, פּויזן, אָבער דעמאָלט האָבן מיר די דאָזיקע ראַיאָנען גערופן פוילן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד איז צווישן יאַראָטשין, קעמפּנע, אָדער קאַליש? ס׳איז געווען איין טיפּ, גרויס־פוילן. איך האָב אויך געקענט דעם פאָטער פון אָט דעם יינגל. מיין פאָטער ז״ל פלעגט דערהאַלטן פון אים בריוו, און יעדעס מאָל זיך אַנטציקן פון דער שיינער מליצה. אַ גרויסער מדקדק, אַ גרויסער תנ״ך־קענער — יהושע

פאַלק! אוי — פלעגט ער שאָקלען אויף מיר מיטן קאָפּ — כ׳האָב מורא, אַז דו וועסט נישט קענען שפּירן די גאָרע זיסקייט פון דער דאָזיקער מליצה. יהושע פאַלק איז אַ וווּנדערלעכער בעל־מליץ! ווען דאָס זאָל נישט זיין אַ ביסל שווערלעך, וואָלט איך דיך געשיקט קיין יאַראָטשין צו יהושע פאַלק! פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן בלויז ווי אַ הלכתא־למשיחא. בערלין איז נישט געפאָרן קיין יאַראָטשין, נאָר פאַרקערט. ובכן איז ער געווען רב יהושע פאַלקס אַ זון... פרידלענדער. און איך געדענק, אַז מיין פאָטער ז״ל האָט אים אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט, און נישט נאָר מיט ליבשאַפט, נאָר אויך מיט גרויס באַגער צו זען מיט וואָס שמעקט ער יהושע פאַלקס זון. האָט אים פאַרהערט אין גמרא — — „אַ גוט יינגל״! אין פּלפּול איז ער נישט געווען זייער געשפּיצט, אָבער אין פּשט ...און אויך אַ בקי איז ער געווען פאַרהעלטעניסמעסיק. דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געלערנט הלכות טרפות. מיין פאָטער האָט זיך געוווּנדערט: וואָס האָט מען זיך אַזוי געאיילט צו לערנען מיט אים הלכות טרפות? זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט? איר קענט אָט דעם איינפיר דאָרט אין פּוילן?

— אויך איך האָב געלערנט הלכות טרפות אין מיין קינדהייט, — האָב איך גלייך געענטפערט. אויך דאָס האָט דער פּראָפעסאָר געמיינט, אַז איך שפּאַס, און ווייטער דערציילט:

איך בין בייגעווען דעם פאַרהער. געשטאַנען אַ ביסל פון וויטן. ווייל מיין פאָטער פלעגט זיך נוהג זיין בעתן פאַרהערן אַנדערע, אויך מיך אריינצוציִען און מיך הייסן: זאָג דו! — — אָבער מיין געהיטקייט האָט מיר נישט געהאָלפן. מיכאַל — אַזוי איז געווען דער נאָמען פון דעם קליינעם פּאָליאַק — זאָגט פאַרן פאָטער די ערשטע משנה אין „אלו טרפות״, זאָגט ביז דער העלפט, און דעמאָלט — אַ קלאָג צו מיינע יאָרן, דער פאָטער רופט מיך, איך זאָל פאַרטייטשן דעם סוף פון דער משנה, ווייל איך בין שוין דעמאָלט עלטער געווען פון אָט דעם יינגל און האָב שוין געלערנט חולין. און איך זאָג ביז די ווערטער „המסס ובית הכוסות״. באַלד! כ׳האָב פארגעסן! אַפילו ווי מע לייענט דאָס וואָרט „המסס״ פאַרגעסן. איז אויב אַזוי, קום דו מיכאַל, — האָט אַ זאָג געטאָן מיין פאָטער, און מיכאַל איז צוגעגאַנגען און האָט פאַרענדיקט. ס׳האָט מיך מנצח געווען דאָס פּוילישע יינגל, דער געקומענער פון חדר.

אין יאַראָטשין, דאָרט אין פּוילן, זענען נאָך געווען חדרים. אמת, ער איז געגאַנגען, ווי ער האָט דערציילט, אויך אין אַ קאַטוילישער אָנפאַנגסשול, יעדנפאַלס האָט ער געקענט שרייבן און רעכענען, אָבער קיין סך האָט

ער נישט געוווסט, ער האָט געוואָלט לערנען! כ׳האָט אים חושד געווען, אַז ער איז געקומען קיין בערלין נישט צוליב דעם שיעור פון מיין פאָטער ז״ל, נאָר צוליב דער גימנאַזיע. און איך האָב געוואָלט זיך אין אים נוקם זיין און אים ווייזן, אַז ס׳זענען דאָ זאַכן, וועלכע איך קען בעסער פון אים. דעמאָלט האָבן מיר אים גענומען אונטער דער אַפּיטראָפּסות פון דער חברה פון די אויסדערוויילטע.

דער חברה פון די אויסדערוויילטע? — האָב איך אַ פרעג געטאָן, ווייל די זאַך האָט מיר אויסגעזען חידושלעך, אַז אין די פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זענען נאָך אין בערלין געווען חברות, וואָס מ׳האָט גערופן מיט דעם נאָמען.

— יאָ, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר, — מיר האָבן געהאָט, נאָר זיי האָבן זיך שוין אויסגעפּוצט מיט אַ דייטשישן נאָמען „שטודיענבע־פאָרדערונגס־פעראיין״.

— אויך מיר האָבן געהאַט אַזאַ חברה אין גראָנינגען, — האָט זיך אָנגערופן פּראָפעסאָר אָפּענהיימער, וועלכער איז בייגעווען דעם דאָזיקן שמועס, — און זי הייסט אויף האָלענדיש... (אַ נאָמען מיט אַ סך חיתן).

— און מיר האָבן אַריינגעגעבן דאָס פּוילישע יינגל, — האָט ראָזענשטיין ווייטער גערעדט, — אין דער גימנאַזיע „צום גרויען קלאָסטער״. זיינע פעיקייטן זענען נישט געווען איבערנאַטירלעך. כ׳האָב געקענט פּוילישע יינגלעך גרעסערע בעלי־כשרונות; אָבער איין ספּעציפישע אייגנשאַפט האָט ער פאַרמאָגט: אַ קליין יינגל, און איז געזעצט רויק, און געלאָסן און באַדאַכט, ווי אַ מענטש אַ באַיאָרנטער. ער פלעגט רעדן וועגן יעדער זאַך ערנסט, ווי אַן אַלטער מורה־הוראה. און ווען ער האָט געלערנט, איז זיין אויסשפּראַך, זיין טאָן און זיין אינטאָנאַציע געווען ווי ער וואָלט לערנען אַנדערע. דעם דאָזיקן איינדרוק האָב איך באַקומען נאָך ווען כ׳האָב אים געהערט דאָס ערשטע מאָל, ווען מיין פאָטער האָט אים פאַרהערט, כ׳האָב זיך דעמאָלט געטראַכט: אָט דער איז אַ מלמד פון געבוירן.

— און ווי האָט זיך דאָס קליינע יאַראָטשינער יינגל געפילט אין דער בערלינער גימנאַזיע „צום גרויען קלאָסטער״? און ווי איז, בכלל, געווען דער שטייגער פון יענע יונגע־לייט? זענען געגאַנגען אַ מאָל צו ר׳ יעקב יוספס שיעור און אַ מאָל אין גימנאַזיע? ווי האָבן זיך אָט די זאַכן געבונדן?

— האָבן זיך געבונדן אויף פאַרשיידענע אופנים, — האָט פּראָפעסאָר ראָזענשטיין גענומען רעפערירן פאַר מיר מיט דער אייגנשאַפט פון שאַרפזין און טיפקייט, מיט וועלכער ס׳האָט זיך אויסגעצייכנט זיין שיחת־חולין, — אַ מאָל האָט גובר געווען דער שיעור, און אַ מאָל די גימנאַזיע; טייל מאָל

פלעגט קומען אויך צו אַ פּשרה צווישן זיי. אין דער גימנאַזיע „צום גרויען קלאָסטער” איז געווען אַ באַרימטער דירעקטאָר, אַ מענטש פון דעם אויפקלערער־דור, באַרימט אין דער דייטשישער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור, זיין נאָמען איז געווען קעלערמאַן. דער־אַ מאַן האָט, למשל, געוווסט, אַז דער קליינער פרידלענדער הערט דעם שיעור ביי ר׳ יעקב יוספן און פלעגט אים אליין דערמאָנען זאָגנדיק: מיין ליבער פרידלענדער, גיב ציצעראָן וואָס געהער ציצעראָן (קעלערמאַן האָט געלערנט לאַטיין אויף די העכערע מדרגות) און ר׳ יעקב יוספן, וואָס ס׳געהער ר׳ יעקב יוספן!

— — און ווי איז עס געווען בנוגע דער אמונה? זענען זיי געווען אמתע פרומע, אָדער פרייע אַ ביסל?

— איך בין געווען, — האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר, — פרומער פון דעם פּוילישן יינגל, הגם אויך ער איז געווען פרום. איך בין דאָך געווען דער זון פון „ר׳ חנאן” און ביים פאָטער אין שטוב. אויך זיין פאָטער איז, פאַרשטענדלעך, געווען פון די פרומע, אָבער מער ווי אַ למדן איז ער געווען אַ בעל־מליצה און אַ בעל־לשון און אַ מדקדק — וואָס מע רופט ביי אייך „אַ משכיל”. איך בין געווען גרעסער פון אים אין יראת־השם. היינט האָבן זיך די זאַכן געביטן...

— און ווי זענען געווען אייערע פאַרהעלטענישן צו פרידלענדערן פון דער גימנאַזיע אָן און ווייטער?

— מיר זענען זיך צעגאַנגען אויף אַ שיידוועג. איך בין אַריין אין דער מעדיצין־אָפּטיילונג, און ער האָט זיך גענומען צו די מיזרח־שפּראַכן און אַ ביסל אויך צו געאָמעטריע. ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו געאָמעטריע; אָבער זיין עיקר־שטודיום איז געווען די מיזרח־שפּראַכן. מיר פלעגן זיך זעען פון צייט צו צייט, באַזונדערס אין איינעם אַ הויז, וווהין די יונגע־לייט און די תלמידים פלעגן אָפט אַריינקומען, ווייל ס׳איז דאָרט געווען אַן אָנגענעמע געזעלשאַפט, פריינדלעכקייט פון הכנסת־אורחים און דער גייסט פון תורה און גאָטדערצויגנקייט, דאָס הויז פון בן־ציון. ער איז שפּעטער געפאָרן קיין האַללע און דאָרט דיפּלאָמירט געוואָרן אַלס דאָקטאָר. די דיסערטאַציע, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען איבער דער געשיכטע פון די פּערסיער. פון דאָרט איז ער צוריק געקומען קיין בערלין און געוואָרן אַ לערער אין אַ קליינער שול, און דערנאָך אַ מטיף אין עפּעס אַ חברה־ש״ס. אָבער, ווי ס׳זעט אויס, איז ער געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מלמד, און נישט קיין דרשן. מ׳האָט דעמאָלט געשמועסט, אַז די דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אום יום־כיפּור אין דער חברה־ש״ס, האָט פּוגע געווען דעם כבוד פון די פירער פון דער חברה, — צוגעטראָפן דעם מאָמענט, אום יום־כיפּור! פאַרשטענד־

לעך, אַז גערעכט איז ער געווען, און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך, אַז גלייך נאָך יום־כיפור האָט מען אים אָפּגעזאָגט, נאָר ער איז געבליבן אין בערלין. יאָ! עיקר שכחתי! ער האָט אויך חתונה געהאַט ביי בן־ציונען אין הויז, און זיין פרוי איז געווען אַ שיינע און ליבע איר גאַנץ לעבן. מיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען קרובים, ווייל פרידלענדער איז אַן אייניקל פון דעם רב ר׳ רפאל בן־ציון, דער אַב־בית־דין פון מאַרגאָנין. שפּעטער איז ער אָוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט געוואָרן דער פירער פונעם רבנים־סעמינאַר. אַז איר וועט אים זען — פאַרגעסט נישט אים צו זאָגן, אַז היינט ווייס איך שוין וואָס ס׳איז „המסס ובית הכוסות״.

דער־אָ שמועס איז פאָרגעקומען מיט צען יאָר צוריק אין דער גרויסער „אַאולע״ פון דעם לײדענער אוניווערסיטעט, אין אַ ווינקל. די פיל קריסטן, וואָס זענען דאָ פאַרבייגעגאַנגען, די אַסיסטענטן, „דאָקטאָראַנטן״ און סטו־דענטן האָבן זיכער געטראַכט, אַז צווישן די צוויי פּראָפעסאָרן און דעם זיי נייעם אומבאַקאַנטן ווערט באַהאַנדלט אַ וועלכער אוניווערסיטעט־ענין — און באַהאַנדלט איז געוואָרן אַן ענין, וואָס האָט נישט דערצו קיין שייכות, נישט האָלאַנד, נישט דער אוניווערסיטעט, נישט די זיבעציק אומות בכלל, נאָר מיר ייִדן בני־ייִדן, זין פון איין משפּחה, איין קולטור, נישט געקוקט אויף דער פילפאַרביקייט, אומעטום ווו זיי זענען.

כ׳בין געקומען קיין לאָנדאָן און האָב, פאַרשטענדלעך, איבערגעגעבן דעם פּראָפעסאָר ראָזענשטיינס גרוס דעם „פּרינסיפּאַל און דזע דזשאוזש קאָ־לעדזש״ ד״ר פרידלענדער. דאָס איז געווען אַ קליינגעוויקסיקער מענטש, אַ געבויגענער, מיט אַ פריינדלעך פּנים — אַ געשטאַלט פון אַן אַלטן צורבא־מרבנן, אַ פּיקח, אַ ווייניק־רעדער, אַ קמצן אין ווערטער און אַן עושר אין געדאַנקען. אַ זון פון אַ מדקדק, און ער אַליין — אַ קענער פון תשבורת און געאָמעטריע, אַ מייסטער פון צייט־רעכענונגען און אַ בקי אין דעם „סוד־העיבור״. מ׳האָט באַדאַרפט נישטערן און גריבלען זיך, „אויספּאָמפּען מיט אַ ליווער״, אויף אַרויסצובאַקומען פון אים אַ וואָסער וואָרט. און לעבן אים — זיין פון דער יוגנט געליבטע פרוי! מאַטקע חב״ד פלעגט זאָגן: פון אַלע רבנים אין פּוילן געפעלט מיר צום בעסטן... די סוואַלקער רביצן. מע קאָן אַזוי זאָגן וועגן מיסיס פרידלענדער. קענטיק, אַ ייִדישע טאָכטער פון יענע גרויסע פאַרצייטישע הייזער, אין וועלכע ס׳איז געווען אַ שפע פון אויפריכטיקייט און ברייטהאַרציקייט, פון ייִדישן חן, אַ קאָנצענטריר־פּונקט און אַ פאַראייניקונג פון די ניצוצות פון דעם אַלץ וואָס איז געווען אויסגע־איידלט, אָנגענעם און לויטער אין דעם ייִדישן לעבן! קאָנסט שמועסן מיט איר, ווי מע שמועסט מיט אַ ייִדישער דאַמע — — אַלץ איינס אין וועלכן לאַנד,

אין דייטשלאַנד, אָדער אין ענגלאַנד, אין פּוילן, אָדער אין עסטרייך — איין טיפּ, איין וועלט! דערציילסטו איר אַ ייִדישן וויץ — פאַרשטייט זי, זאָגסטו איר אויס רייד־געוווינהייט אַ פּסוק — פאַרשטייט זי, וועסטו איר פּאַרטרויען אַ וועלכע דערמאָנונג, וועט זי אים אונטערהאַלטן מיט ביישפּילן. און וויפיל שיינקייט און דעליקאַטקייט איז נאָך פאַראַן אין דער דאָזיקער פרוי, וויפל צאַרטקייט און העפלעכקייט!

און ער „דאָס פּוילישע ייִנגל", ווי ראָזענשטיין האָט מיר געזאָגט איז איצט געוואָרן דער „פּרינסיפּאַל און דזע... אַאַ"וו, אַאַ"וו — אָבער קיין שאָטן נישט פון פּאַרריסנקייט! אַן אויפריכטיקער מענטש, אַ באַשיידענער, אַ שווייגער, אַ מענטש וואָס זיין גאָרע מי און זיינע מחשבות זענען געווען דורכצומאַכן דעם לעבנסוועג נישט פאַרטשעפּענדיק קיינעם אין קיין שום זאַך, אַפילו קיין ווערעמל נישט צו צעטרעטן, אַ מענטש אַ באַשיידענער אין זיין וויסן, אַ באַשיידענער אין זיינע ידיעות, אַ באַשיידענער אין זיין שפּראַך.

מע האָט באַדאַרפט זוכן אין די ביכער־קאַטאַלאָגן, צו באַקומען די ביכער און לייענען. ער האָט איבערגעזעצט דעם „מורה־נבוכים", די פּירושים פון ראב"ע, דעם ספר ישעיהו אויף ענגליש, וואָס קיין בעסערע איבערזעצונג איז נישטאָ. ער פלעגט לייענען פּאָרטראָגן אין זיין סעמינאַר. אמת, ער איז נישט געווען פון די גאונים, אָבער זיין לערע איז געווען אַ קלאָרע און פּינקטלעכע, און זיין איבערזעצן — אַ מייסטער־אַרבעט. כ'האָב געהערט ווי עס זעצט איבער ד"ר האָפמאַן אויף דייטש, דער רב ליימאַן אין פּאַריז — אויף פראַנצייזיש, — אַזאַ איבערזעצן ווי פרידלאַנדס האָב איך נישט געהערט. דאָס יאַראָטשינער ייִנגל האָט אָנגעכאַפּט די ענגלישע שפּראַך ביי איר טשופּרינע און זי געמאַכט זיך אונטערטעניק. ס'איז קענטיק געווען, אַז ס'איז נישט זיין מוטערשפּראַך, אָבער — אַז ער קען זי בעסער ווי אַ מענטש קען זיין מוטערשפּראַך.

כלאַחר־יד פלעגט זיך ד"ר מיכאַל פרידלענדער פאַרנעמען מיט אַסטראָנאָמיע און צוזאַמענשטעלן די רשימות פון די זונאויפגאַנגען און אונטערגאַנגען פאַר דעם קאַלענדאַר פון וואַלענטין, און כלאחר־יד האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ער באַזיצט שוין פון לאַנג אַ געוויסן טאַלענט פון אַ פּייטן אויף דייטש. ער האָט געהאַט אַ בת־יחידה, אַ טאָכטער פון אַ געלערנטן און אַ פרוי פון אַ געלערנטן, מאַדאַם ליוסי, וועלכע האָט חתונה געהאַט פאַר ד"ר משה גאַסטער, דער חכם, ס'הייסט דער רב־הכולל פון די עדהס פון די ספרדים און די פּאָרטוגעזן אין ענגלאַנד, און צו דער פּייערונג פון דער־אָ טאָכטער האָט ער אַרויסגעגעבן פון זיינעם אַ כתב־יד, וואָס ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט געשריבן, די איבערזעצונג פון „שיר־השירים" אין דייטשישע פערזן,

— — שוין פון לאַנג, אפשר דעמאָלט ווען ער איז געווען אַן אַריינגייער אין בן־ציונס הויז אין בערלין, און האָט אָנגעהויבן ליבן דאָס שיינע מיידל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן זיין חברטע און פרוי; און דער כתב־יד איז געווען ביי אים באַהאַלטן, ביז ער האָט חתונה געמאַכט זיין בת־יחידה און איר געגעבן צו איר חופּה־טאָג אָט דעם שיינעם געשאַנק!

אַזוי טוען די באַשיידענע מענטשן: זיי באַהאַלטן. דו טראַכסט אַפילו נישט, און אומגעריכט דערוויסטו זיך, אַז זיי גרייטן צו געאָמעטרישע טאַבעלעס, אָדער זעצן איבער „שיר־השירים״ אין פּערזן.

נאָך דער „אַאולע״ אין לײדן — בין איך אין גאַסטזאַל פון ד״ר פרידלענ־דער. דער דאָקטער איז מיד, עלטער נאָך פון זיינע יאָרן, אָבער ווען איך באַריר די סטרונע פון זיין קינדהייט און יוגנט, כאַפּט ער זיך אויף: יאַראָטשין, זיין זיידע פון זיין מוטערס צד, ר׳ רפאל, און ער איז געווען אַ קרוב פון ר׳ דנען פון פּלאָצק — — מחותנים!

ס׳איז אַוועק די מידקייט, אַוועק די זיקנה!

— — נו, וואָס? און ווי פילט זיך פּראָפעסאָר ראָזענשטיין? זיין לאַגע איז אַ גוטע — — „אויף אַלע ייִדן געזאָגט״? און וואָס? ער פאַרנעמט זיך כאָטש אַ ביסל מיט ייִדישע ענינים?

— — בנאמנות, אַז איך ווייס נישט. איך ווייס נאָר, אַז ער געהערט צו דער קהילה, און די קהילה באַשטייט אין גאַנצן פון עטלעכע מנינים, אָבער ער געדענקט אַלץ און האָט ליב אַלעמען?

— — ער געדענקט אַלץ? פאַר וואָס זשע האָט ער אייך נישט געזאָגט, אַז ער אַליין האָט זיך געגרייט צו רבנות? און פאַר וואָס האָט ער אייך נישט געזאָגט, אַז זיין פאָטער ר׳ חנא האָט נישט געוואָלט דערלויבן אים צו שטודירן מעדיצין, נאָר בתנאי ער זאָל אים צוזאָגן, אַז ער וועט זיין אַ דאָקטער נאָר אין אַ ייִדישן שפּיטאָל, און וועט היילן בחינם, און זיין האָנאָראַר וועט ער באַקומען פון דער קהילה? ער האָט אייך געזאָגט, אַז ער איז פרומער און גאָטספאָרכטיקער פון מיר? ער האָט ריכטיק געזאָגט! דער טעם דערפון איז אַזוי. מיר אין יאַראָטשין זענען שוין געווען משכילים; מיין פאָטער האָט געשריבן אין „בכורי העתים״, געזונגען וועגן דעם פרילינג און דעם געבוירן־טאָג פון פּרייסישן קעניג, אָבער דאָרט אין בערלין האָט שוין געהאַט זיך אויסגעשמדט אַ האַלבע קהילה מחמת דער „אויפקלערונג״,האָט אַ קלײנער טייל ייִדן גענומען ציען זיך אויף צוריק, און דערפאַר האָבן די יחידים פון די געלערנטע נאָך מער מקפּיד געווען. רב יעקב יוסף פלעגט נאָך אַ מאָל אַ זאָג טאָן אין מיטן דעם שיעור אַ דייטשיש וואָרט, ווי „כאָדזע״ — דער פּוילישער „כאָטשיאַזש״, וואָס איז צו אים מגולגל געוואָרן פון גאַליציע,

אָדער פון זיינע חברים, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געלערנט אין ליסע. די השפעה פון ליסע איז נאָך דעמאָלט זייער גרויס געווען — דער לעצטער ליכטשטראַל פון פוילן אין דייטשלאַנד. אין פויזן זענען נאָך פאַרבליבן פונקען, אָבער מען האָט זיי אויסגעלאָשן ביסלעכווייז. און ר׳ חנא איז געווען נאָך אַ גרעסערער פרומער. ווען ער איז געשטאָרבן — בין איך געווען אין האַללע. שפּעטער האָט מיר ראָזענשטיין געזאָגט, אַז ער וויל נישט זיין קיין פּראַקטיצירנדער מעדיקער און וויל זיך בעסער אָפּגעבן מיט דער מעדיצין־וויסנשאַפט. אייער סוף וועט זיין ווי מיינער אַלס מטיף אין אַ חברה־ש״ס, — האָב איך אים געזאָגט, און ער: — ניין! אייך האָט מען צוגענומען און אַרויסגעטריבן — מיך ווילן זיי נישט צונעמען. ווירקלעך, ס׳זענען אַריבער אַ סך יאָרן אידער מ׳האָט אים צוגענומען אַלס געהילףּ־דאָצענט, שפּעטער אַלס דאָצענט, און צו לעצט — האָט ער נאָר אין האָלאַנד געקאָנט ווערן אַן אָרדנטלעכער פּראָפעסאָר. ער האָט געמוזט גיין אין גלות קיין האָלאַנד!

— ווי איר זענט געגאַנגען אין גלות קיין ענגלאַנד, — האָב איך זיך אָנגערופן.

— ווי איך בין געגאַנגען אין גלות קיין ענגלאַנד, — האָט ער מיר נאָכגעזאָגט און צוגעגעבן, — באמת האָב איך נישט געמוזט גיין אין גלות. כ׳האָב געקאָנט ווינען אין דייטשלאַנד. ווען דער ד״ר הילדעסהיימער האָט געעפנט זיין סעמינאַר, האָט ער מיך שטאַרק געבעטן אָנצונעמען אַ פּאָסטן. כ׳האָב נישט געוואָלט. פויזן ציט מיך שטאַרק, בערלין — נישט. און אין פויזן האָב איך נישט וואָס צו טאָן. יאַראָטשין דאַרף נישט, נישט מיינע מיזרח־שפּראַכן, און נישט מיין ביסל געאָמעטריע. דערפאַר, ווען ס׳איז מיר באַוווסט געוואָרן, אַז מען עפנט אַ רבנים־סעמינאַר, האָב איך זיך געטראַכט אָט איז אַ נייַ געביט, אַ נייַ לעבן, אפשר וועט זיך מיר איינגעבן דאָ אַ ביסל אויפצוטאָן. ענגלאַנד! מען דאַרף לערנען די שפּראַך. דאָס האָט נאָר געקאָנט פאַרשאַרפן מיין באַגער צו דער נייער זאַך. יאָ, בין איך געקומען אַהער!

— צי זענט איר צופרידן, פון אייער אַרבעט דאָ?

דער אַלטער האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— כ׳האָב געטאָן אַלץ לויט מיינע אָרעמע כוחות. דאָס לאַנד איז נישט קיין אַכסניה פון תורה. דער קלימאַט איז נישט מסוגל, — האָט ער צוגעגעבן מיט אומעטיקן שפּאַס.

און ווירקלעך האָט דער־אַ רבנים־סעמינאַר נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע רבנים, לומדים מופלגים, באַרימטע אויטאָרן אין יודאַיסטיק. די קענטעניש־מדרגה פון אַן ענגלישן מיטלמעסיקן רב, אַ שילער פון דעם „קאָלעדזש״,

איז ווי די מדרגה פון אונדזערע דרדקי־מלמדים, און פון די ערגערע צווישן זיי איז ווי די מדרגה פון יענע כלי־קודש, וואָס מע דינגט זיי צו זאָגן קדיש און לערנען משניות נאָך אַ טויטן — נישט מער וואָס אויף דער ענגלישער שפּראַך זענען זיי אַלע געלערנטע, אַלע מנהיגים פונעם דור. אָבער די שולד איז נישט דעם זקן פרידלענדערס. דער גאַנצער סדר פון דעם חינוך אין דעם סעמינאַר, אין וועלכן ס׳איז געווען 80% ענגלישע קולטור און ענגלישע שפּראַך, און בלויז העכסטנס 20% תפילה און ברכות אויף לשון־קודש, די גאַנצע אויסערלעכע קולטור־אַרומרינגלונג, וואָס זאַפּט איין די נשמה פון דעם יונגן ייִדן — מאַכט דאָס איבעריקע, דאָס ייִדישקייט, דעם תלמוד, צי ס׳לערנט דער אָדער אַן אַנדערער רב, פּאַר אַ פּינפטע ראָד אין וואָגן, און אויפן בעסטן אופן: פּאַר אַ וועלכן קליינעם צוגאָב, און קיין מאָל נישט פּאַרן עיקר פון געדאַנק און לעבן. די יונגע־לייט לערנען — שטעלט אייך פּאָר — אַ לעקציע פיזיק, זאַכן, וואָס זיי זעען יעדע רגע בחוש, זאַכן וואָס רירן אַן יעדן מענטשן, ווערן פּינקטלעך קאָנטראָלירט דורך עקספּערימענטן, און דער פּראָפעסאָר רעדט צו זיי ווי ס׳רעדט דאָס פּאָלק, וועקט זייער וויסן־באַגער, עפנט זיי די אויגן. ער גייט אַרויס, און ס׳קלינגט דער גלאָק: אַ נייע לעקציע! דער לערער קומט זיי לערנען — אַנטשולדיקט פּאַר דעם־אַ ביישפּיל! — „שור שנגח את הפרה״ — אַן אָקס, וואָס האָט געשטויסן די קו, — ער וועט איבערזעצן די ווערטער אויף ענגליש, ער וועט זיי מאַכן באַטעמט, באַווירצן, דערנענטערן צום תנ״ך — מעג ער הייסן פרידלענדער, אָדער ווער עס זאָל נישט זיין — איך דאַרף אייך נישט זאָגן, אַז אונדז איז ליב דער תלמוד, און מיט זיין יעדן בלאַט זענען פאַרבונדן אונדזערע זכרונות, אָבער ווי וועט ער אויסהאַלטן אָט די קאָנקורענץ, בעת די גאַנצע אַרומרינג־לונג, די סביבה און די נייגונג איז — סאַמע וואָכעדיקייט און סאַמע גויִיש־קייט? די זאַך דערהאַלט זיך, אָבער זי דערהאַלט זיך אין אַ האָמעאָפּאַטישער מאָס, אין אַ מאָגערער און טרוקענער, און דערפון יענער טיפּ, וועלכן מיר זעען אין די מערב־לענדער.

און ווי וועט איר דאָס מאַכן אויף אַן אַנדער שטייגער? די אַלטע רבנים פון יאַראָטשין * ווילן פאַרפלאַנצן יאַראָטשין אין לאָנדאָן, און קאָנען נישט. דערפאַר זענען זיי טרויעריק זייער גאַנץ לעבן. זיי ווילן זיך אומקערן, וויסן אָבער נישט, אַז אויך יאַראָטשין וועלן זיי נישט טרעפן אין איר אַמאָליקער פאָרעם. זיי ווילן זיצן בלייבן אויף זייער אָרט, און האָבן נישט

* יאַראָטשין — געמיינט דאָס דאָרף יוטראָשין, לויט דער פּערזענלעכער אויפקלערונג פון פרוי גאַסטער פון ירושלים, אַן איינקל פון ד״ר פרידלענדער.

קיין נחת. דאָס איינציקע, וואָס באַרויִקט זיי איז דאָס וואָס זיי ווייסן, אַז זיי דערפילן זייער פליכט.

אָט דער זקן האָט געטאָן אַלץ וואָס אַ יידישער געלערנטער קאָן טאָן: געלערנט, איבערגעזעצט, געשריבן ביכער, געהאַט השגחה אויף די שילער אין זין פון אויפריכטיקייט און מאָראַל, זיי מדריך געווען אויפן גלייכן וועג, זיי געלערנט צו זיין באַשיידן אין זייערע האַנדלונגען און רייד, איז געווען פאַר זיי אַ מוסטער — ס'האָט קיין מאָל קיינער נישט געהערט קיין שלעכט וואָרט פון זיין מויל.

דאָס קליינע יאַראָטשינער ייִנגל איז געוואָרן אַ מענטש אַ גרויסער גע־לערנטער, אַ וויכטיקער, אַן אַקטיווער, האָט זיך באַטייליקט אין דער גאַנצער ליטעראַרישער און אויפקלערערישער באַוועגונג פון די ענגלישע יידן. האָט אויפגעשטעלט אַ שיין יידיש הויז, דער זקן מיט דער זקנה — ווי אַ ליבהאָבער מיט זיין געליבטער. און בלויז — אַ בת־יחידה, אַ געלערנטע, אַ חתונה געהאַטע פאַר אַ געלערנטן, אָבער פון דער־אַ טאָכטער איז אויפגעקומען אַ גרויס הויז, ייִנגלעך־אייניקלעך און מיידלעך־אייניקלעך, אָן עין־הרע, צוועלף, און צווישן זיי עילויים און עילויטעס — דאָס הויז פון גאַסטערן, „מצפה" (אַזוי הייסט דאָס הויז) אין „מאודא וועל" אין לאָנדאָן.

מאַכט זיך, דו זעסט אַ מאָל פרידלענדערן אַרומגערינגלט מיט דער־אַ גע־זעלשאַפט, און טראַכטסט: צי וועט אָט־דער נישט אויפשטעלן אַ ניי פאָלק: די בני־פרידלענדער?

און עס פאַרלויפן יאָרן, און דער זקן דעמיסיאָנירט פון זיין אַמט, און מע טוט אים אָן גרויס כבוד, און זיין פיגור בייגט זיך נאָך מער איין, און זיין ווייב פאָרט מיט אים אויפן „קאָנטינענט", און קיין בערלין, און פון בערלין — אויף מיזרח, פויזן ציט, יאַראָטשין ציט, און שוין עטלעכע יאָר ווי אין „קאָלעדזש" איז שוין דאָ אַן אַנדער ראָש־ישיבה, דער גדול ד"ר ביכלער, און דער זקן פרידלענדער פאָרט מיט זיין פרוי, און מיר באַגעגענען זיי אַ מאָל אין בערלין און אַ מאָל אין האָלאַנד־בעלגיע, און ערשט האָבן זיי זיך צייטווייליק אומגעקערט קיין לאָנדאָן און געוווינט דאָרט אין „מאודא־וועל" צווישן די ברייטע ביימער־אַלייען, נאָענט צום הויז פון זייער איידעם און די ייִנגלעך־אייניקלעך און מיידלעך־אייניקלעך, און אין איינעם אַ טאָג —

און דער ד"ר פרידלענדער איז שוין מער נישטאָ. זכר צדיק לברכה.

„דאָס פוילישע ייִנגל" — ווי ס'האָט מיר געזאָגט פּראָפעסאָר ראָזענשטיין.

יוסף כהן צדק

[א]

אַ לעמבעריקער גאַטספאַרכטיקער משכּיל, אַ רינגל פון אַ יִחוס־קייט, געדענקט דעם אינהאַלט פון טויזנטער ביכער, קען צענדליקער טויזנטער מעשׂיות (מעשׂיות־אַנעקדאָטן), אַ באַקאַנטער און פריינד פון „ר' שלמה לייב" (ראַפּאָפּאָרט), „ר' נחמן" (קראָכמאַל), „איטשע" (יצחק מיזעס), „שמשון" (בלאָך) און אַנדערע.

אַלץ, וואָס כ'האָב אים געפרעגט, האָט ער געוווּסט; נישט זייער גענוי, אָבער געוווּסט; אַלע פון מיר געזוכטע ביכער האָבן זיך ביי אים געפונען, נישט ממש, אָבער ער איז אין שטאַנד געווען זיי צו באַקומען. באַזונדערס זענען אים באַקאַנט געווען, ווי אַ לאַנד־שדכן, וואָס האָט געלעבט מתושלחס יאָרן, די ביאָגראַפיעס פון די יִחוסדיקע משפּחות.

אַזאַ מענטש וואָלט אין אַ לייטישער וועלט געוואָרן אַ געשיכטע־שרייבער פון ערשטער מדרגה, און צום ווינציקסטן, אַ באַרימטער גענעאַלאָג. אָבער ביי אונדז ווערן די גענעאַלאָגן זשורנאַליסטן און מוזן קאָנקורירן מיט די פלעבעער־רעפּאָרטערן.

אַז ס'איז נישטאָ קיין מיחיה, ווערט מען דעמאָלט — אין די מקומות, ווו ס'זענען פאַראַן קאַזיאָנע רבנים — אַ קאַזיאָנער רב, מעג מען זיין פון פּאַך אַפילו: אַ ציינדאָקטער; און ווו ס'זענען קיין קאַזיאָנע רבנים נישטאָ, ווערט מען אַ פריידיקער — אין לאָנדאָן, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָלאָניע פון זיינע לאַנדסלייט דאָרטן.

איך האָב אים געזען צום ערשטן מאָל, מיט פערציק יאָר צוריק, אין לאָנדאָן: אַ הייסער ייִד, וואָס דערוואַרעמט איטלעכן, וועלכער דערנעענטערט זיך צו אים, אַ מענטש מיט אַ דעליקאַטן כאַראַקטער, אַ פּיקח אָנגעשטאָפּט מיט אַנעקדאָטן, ווי אַ מילגרוים מיט יאָדערן, אַן אָפנהאַרציקער, פריי און ערלעך אין זיינע רייד, אַ מאַן, וואָס ס'איז לייכט און אָנגענעם צו זיצן מיט אים אַ גאַנצע נאַכט, און נאָך וויפל נעכט, און שמועסן אָן אַן אויפהער און אָן אַן עק.

אָך, מיין יונגער מאָדערנער הער! איר קאָנט זיך נישט פאָרשטעלן יענע וואַרעמקייט פון אַ פאַרבלאַסט־פאַרצייטישן פּוילישן ייִדן. איר, וואָס זענט „פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך ביזן קאָלנער" — קענט נישט יענע

פריינדשאַפֿט; איר, וואָס טרעפֿט זיך מיט אייערע קאָלעגן אין דעם קאַפֿע־הויז, האָט נישט דעם מינדסטן באַגריף פֿון דער מידה פֿון גאַסטפֿריינדשאַפֿט אין דער מדרגה פֿון די דעמאָלסטיקע משכילים. און נאָך איין זאַך: איך האָב נישט ליב די קלעזמאָרים, האָב אָבער ליב דעם ניגון; איך האָב נישט קיין איבעריקע ליבשאַפֿט צו רייכע לייט, האָב אָבער ליב דאָס רייכלעכקייט. איך האָב ליב מענטשן, וואָס ווי עס זאָל נישט זיין זייער פֿאַרמעגן־צושטאַנד, פֿירן זיי זיך קיין מאָל נישט אויף אויפֿן קבצנישן שטייגער, נאָר זענען ענלעך צו דעם קהל, וואָס וועגן אים האָבן די חכמים געזאָגט „קיין אָרעם קהל איז נישטאָ", ווייל ווו זייער אָרעמקייט דאָרט זייער רייכקייט, און ס'איז קענטיק אַז זיי זענען טאַטנס קינדער, נישט געוועזן קיין שמאַטע־קלייבער און קיין ליאַדע־ווער, און אַז ס'איז פֿאַראַן אין זיי אַ ניצוץ פֿון יענער „שליאַכטע", וואָס מיר האָבן אַ מאָל פֿאַרמאָגט, אַן אַריסטאָקראַטישע פֿון „תורה און גדולה אויף איין אָרט".

ווען ר' יוסף כהן צדק האָט זיך מיט מיר באַקאַנט, און מיר האָבן געמאַכט ווייטע און נאָענטע שפּאַצירן, האָב איך באַנומען פֿאַר וואָס ער האָט איבער־געגעבן, אַלט ווערנדיק פֿערציק יאָר, זיין מליצהדיקע זשורנאַליסטישע טעטיקייט זיין יונגן זון, און איז אַוועק זוכן אַ מער פֿאַסיקע פּרנסה.

דער כאַראַקטער פֿון די צייטשריפֿטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, דריקט אויס אַזוי פֿיל דעם גייסט פֿון זייער עפּאָכע, זייער אָרט און זייער רעדאַק־טאָר — אַז ס'איז אוממעגלעך זיי אויסצומיידן ביים אָפּשאַצן דעם אויסגעצייכנטן מאַן, וועלכער האָט זיי געגרינדעט. דער וויכטיקסטער און ווערט־פֿולסטער צווישן זיי איז געווען דער „המבשר" מיט דער ליטעראַרישער ביילאַגע („לוית־חן" אין זיין שפּראַך) מיטן נאָמען „הנשר". דער פּראָגראַם פֿון דעם „המבשר" איז געווען: „אָנצוזאָגן גוטע בשורות און טרייסטונגען דעם איינציקן פֿאָלק דעם צעזייטן און צעשפּרייטן צווישן פֿעלקער, זי וועט ליבן אמת און פֿיינט האָבן שקרים, ווייל זי קומט מישפּטן די וועלט מיט גערעכטיקייט און פֿעלקער מיט ערלעכקייט, מיט פֿרייד וועט זי לויבן דאָס לויבווערטיקע און מיט טרויער טאַדלען דאָס טאַדלווערטיקע — רעדאַקטירט פֿון יוסף כהן צדק". אויסער דעם נאָך אַ קורצער מאָטאָ „יהי אור" מיט אַ מראה־מקום בראשית א'. אויפֿן שער־בלאַט פֿון דעם יאָריקן באַנד איז דער דאָזיקער פּראָגראַם געוועזן קירצער: „אַ בלאַט־צייטונג, וואָס מישפּט אָן נשיאת־פּנים וועגן אַלץ וואָס קומט פֿאָר אונטער דער זון". אינעווייניק אין דער צייטשריפֿט איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום אונטערשייד צווישן דעם יידנטום און דעם מענטשנטום. אין די לייטאַרטיקלען („מאירי הנתיב") האָבן די שרייבער באַהאַנדלט מיטן זעלבן ברען און מיט דער זעלבער

נאַיוויטעט נאַפּאָלעאָנס מלחמות, אַזוי גלייך ווי דעם מצב פון די יידן אין גאַליציע און די רדיפות אין רומעניע. דער רעדאַקטאָר האָט אַרויסגעגעבן אַ באַזונדער אויסגאַבע מיטן נאָמען „הליכות עולם", געווידמעט אויסשליס־לעך געשיכטע און פּאָליטיק און צו איר צוגעגעבן נאָך אַ צווייטע ביילאַגע מיטן נאָמען „אור לנתיבה", וועלכע איז „אַ ליכט פאַר די פיס פון יענע וואָס גייען אויף די אייביקע וועגן". אין די דאָזיקע בלעטער ווערט הערלעך געערעדט וועגן דער אָרדענונג אין דער פּרייסישער רעגירונג, ווערט דערציילט די צייטמענטשן וועגן דעם פיל גוטס וואָס שטייט פאַר עסטרייך, אויב זי וועט ווייטער גיין מיטן וועג פון דער קאָנסטיטוציע, און וועגן דעם אויס־גליטש פון פוילן אין איר מלחמה.

אין דער־אָ וואָכנבלאַט זענען סטאַביל געגעבן געוואָרן ידיעות פון דעם טעלעגראַף (דלוג־רב"), אַ וועכנטלעכער איבערבליק („עולת שבת בשבתו"), אַרטיקלען, ווי אויבן דערמאָנט, „מאירי נתיב" (נישט וועגן דעם שעהען־פּלאַן פון די צוגן, נאָר לייטאַרטיקלען) „בשורות ספרים בלי משוא פנים" (הייסט עס, אַז ס'איז פאַראַן אַ חשד) ; „דברי המעריך לקוראיו" (דער־אָ גרייז אָנצורופן דעם רעדאַקטאָר „מעריך", וואָס די טייטש פון דעם וואָרט איז: אַ שאַצער אויפן אויג, אַ טאַקסירער — אָנשטאָט „עורך", איז געווען פאַרוואָרצלט אין האָרץ פון די שרייבער אין משך פון דורות!) — דער אינ־האַלט פון אָט די זאַכן איז תמיד געווען אַ רוף וועגן דער בויטוועגדיקייט צו אָבאָנירן די צייטשריפט און איבער זיי האָבן זיך געפונען טיטולן־קעפּ פון מליצהדיקער רעקלאַמע, ווי: „מי לד' אלי!" — ווער ס'איז פאַר גאָט — צו מיר! „עושו גושו חושו!" — איילט, קומט, לויפט! „כתר לי זעיר" — וואַרט צו אויף מיר אַ ביסל! (דער מיין איז געווען וועגן דער מטבע קראָן — „כתר"?), „רחמנים בני רחמנים", „לכו לחמו בלחמי!" — קומט עסט פון מיין ברויט (אַ פּאַסיקער נאָמען פאַר אַן אַנאָנס פון אַ רעסטאָראַטאָר), „דרשוני וחיו!" — באַזוכט מיך און איר וועט לעבן! (אַ נאָמען וואָס פּאַסט זיך מער פאַר אַן אַנאָנס פון אַ דאָקטער). אין דער־אָ גייסטיקער נאָענטקייט צווישן דעם רעדאַקטאָר און דעם לייענער איז געווען עפּעס אַ קליינשטעט־לדיק־פאַמיליערע תמימות. אין דאָזיקן גייסט איז אויך געווען דער נאָמען פון דער אָפּטיילונג „שאלות ותשובות" — „תשובה מאהבה" — אַן ענטפער מחמת ליבשאַפט ((אָנצוווינקען די אַרטיקל־שרייבער, וועלכע זענען נישט אָנגענומען געוואָרן — אַז אָט דאָס מדחה זיין איז נישט מחמת שינאה, נאָר מחמת ליבשאַפט, כדי זיי זאָלן אויפנעמען אָט די יסורים מיט אַהבה.

[ב]

דער „הנשר" איז געווען געווידמעט פאַר חכמה און וויסנשאַפט, פאַר מליצה און דיכטונג, און אויך פאַר דערציילונגען און לעבנסבילדער.

איבער נהרדעא און פומבדיתא האָט געשריבן אַברהם יפה, „המכונה ד"ר היבש". די בעלעטריסטישע אָפּטיילונג האָט געטראָגן דעם נאָמען „אמרי נועם" — געשמאַקע רייד. אָנהייב יעדן נומער איז געגאַנגען אַ קורצער מאָטאָ: „חכמים הזהרו בדבריכם!" — קלוגע לייט, זייט געהיט מיט אייערע רייד! — אַ מין וואָרענונג פאַר יענע וואָס קריגן זיך אין וויכוחים, געהיט צו זיין נישט צו זינדיקן מיט די רייד. דער „הנשר" האָט זיך אין גאַנצן געהאַלטן אויף דעם פּראָגראַם, וואָס ווערט אויפגעקלערט מיט אַט־דער מליצה: ער צעשפּרייט זיינע פליגל איינצוזאַמלען תורה און וויסן, פאַרשפּרייט חכמה, אויב זי פליסט אַרויס פון אַ קוואַל פון אמת, דערוועקט קנאת־סופרים און רעדט נאָר צו אַן איינגעהאָרכטן אויער, הויפּנט אָן פאַרשטאַנד, אויב ער איז נישט פיינטלעך צו דער אמונה — און ס'האָט אים רעדאַקטירט יוסף כהן צדק" (לויטן פסוק: „והעריך הכהן").

צווישן די דיכטער זענען צייטנווייז געווען אויך רבנים חופ"קן פון גאַליציע. אין יענע צייטן זענען אויך די רבנים נישט פריי געווען פון דער פליכט צו דיכטן אַ פּרק שירה. צווישן די סטאַבילע האָבן זיך געציילט: הלל די לא טורי האיטלקי, יעקב קאָרן, זעליק לויטערבאַך, אַלכסנדר הלוי לאַנגבאַנק, אויך משה עהרענטהייל, וואָס אין פאַרגלייך מיט אַנדערע האָבן זיינע לידער געמאַכט דעם איינדרוק פון מאָדערניזם, און זענען געווען נישט אין גאַנצן אָן טאַלענט.

אויך שלמה רובין האָט געשריבן — אין זיין מליצה־פּעריאָד — מאַמרים מיטן נאָמען „למנצח משכיל על מַחלת הדת והדעת". בכלל, זענען די נעמען פון די מאַמרים אין דעם „המבשר" און „הנשר" אַ סך כאַראַקטעריסטישער פון זייער אינהאַלט. „צור פּאָליטיק חתום דיפּלאָמאַטיע!" (לויט „צור תעודה חתום תורה בלמודי" — ישעיה), „פוטר מים", „בכל זאת אָנו ליה עינינו ליה", „יודען בגוים" (לויט „ידין בגוים", תהלים). די שפּראַך איז געווען די סאַמע געהויבנסטע מליצה־שפּראַך. „ארץ איטאליען הרה וילדה, כל העמים חיל אחזתם כיולדה" — דאָס לאַנד איטאַליע האָט פאַרשוואַנגערט און געבוירן, אַלע פעלקער האָט אָנגעכאַפּט אַ ווייעניש, ווי אַ געווינערין.

די ווערטער „יהדות" — יודנטום, „לאומיות" — נאַציאָנאַליזם, „ספרות — ליטעראַטור זענען נאָך נישט באַקאַנט געווען; אויך דער נאָמען „חבת ציון"

איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן, אָבער דער עיקר פון דעם געדאַנק איז שוין געווען. אין איינעם אַ מאמר מיטן נאָמען „אהבת ציון וירושלים" שטייט געשריבן אַזוי: „לאַנגע צייטן איז דאָס איבערבלייבעכץ פון די ייִדן, וואָס וווינען אויף דער הייליקער ערד, געווען ווי גרים אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט צוגעשווירן זייערע אָבות, און ערשט, ווי אַלטגעזעסענע, וועלן זיי זיך באַזעצן דערין, און דאָס איז פאַר אונדז אַן אָנהויב פון דער האָפענונג אויפן טאָג, ווען די זין וועלן צוריק קערן צו זייער גרענעץ"... „ייִדן זענען מיר, און אויב אונדזערע באַדריקער און פיינד האָבן אונדז פאַרטריבן פון זיך צו באַהעפטן מיט אונדזערע שטעט, איז נאָך אַלץ צום הייליקן לאַנד די לעכצונג פון אונדזער נשמה און אַלץ דערין איז דאָס לעבן פון אונדזער גייסט" (המבשר, שנה ה', מספר י"ג).

די מאַטעריעלע לאַגע פון דער צייטשריפט איז געשילדערט אין דער מליצה פונעם רעדאַקטאָר „מועף לאשר מוצק בו", דאָס הייסט, מיד מחמת געדריקטקייט. אין דער היינטיקער וויסנשאַפטלעך־מליצהדיקער שפּראַך וואָלט מען געזאָגט, אַז די ווירטשאַפטלעך־עקאָנאָמישע לאַגע איז געקומען צו אַ קריזיס, אָדער געפינט זיך אין נישט־געוווּנטשענע באַדינגונגען. דע־מאָלט האָט מען געזאָגט: מיד מחמת געדריקטקייט. דער מיין איז דער זעלבער, נאָר די אויסדרוקן זענען פאַרשיידענע.

די צאָל אָבאָנענטן פון דער „גרויסער" צייטשריפט — „המבשר" האָט נישט דערגרייכט — לויט דער דערקלערונג פונעם אַרויסגעבער אַליין — ביזן זעקסטן יאָר אַפילו קיין דריי הונדערט. און דאָ הייבט זיך אָן דער ענין־ייִדיש, צו וועלכן מע ווענדט זיך אין אַן ענגער צייט, ווי ס'איז אויך געשען שפּעטער אין אַ סך יאָרן אַרום. „כדי צו דערהייבן דעם קרן פון דער העברעיִשער צייטשריפט", האָט כהן צדק אָנגעהויבן אַרויסגעבן אויך אַ צייטונג אויף עברי־טייטש, מיטן נאָמען „גייעסטע נאַכריכטן". די באַרעכ־טיקונג פון זיין צווייטער אויסגאַבע האָט ער מאָטיווירט דערמיט, וואָס „יעדע תורה, וואָס גייט נישט האַנט ביי האַנט מיט מלאכה, מוז לסוף בטל ווערן" — דערפון איז געדרונגען, אַז די העברעיִשע צייטשריפט איז פאַר אים געווען ווי תורה, און די ייִדישע — ווי אַ מלאכה. דאָס איז געווען די באַציִונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט צווישן העברעיִש און ייִדיש!

אויסער דעם האָט יוסף כהן צדק אַרויסגעגעבן אויך דעם „עברי אנוכי"; אָבער שפּעטער איז די דאָזיקע צייטשריפט אַריבער אין באַזיץ פון הער ברוך ווערבער אין בראָד, און דער ערשטער אייגנטימער פונעם „עברי אָנוכי" האָט געצאָרנט אויף זיין מסיג־גבול און געשאָטן אויף אים זידלערייען און באַ־ליידיקונגען. דער פּאָלעמישער סטיל איז נישט געווען באַזונדערס דעליקאַט.

אין איינעם אַ מאַמר האָט כהן צדק אָנגערופן ווערבערן מיטן נאָמען „גדי בן סוסי״ („גדי״ ווינקט־אָן אויפן צייטוואָרט gadaj אין פויליש, וואָס זיין טייטש איז: דבר—רעד. דעם־אַ צונויפהעפט פלעגן מלמדים קפדנים אָפט באַנוצן אין זייער צאָרן אויף זייערע תלמידים, באַפעלנדיק זיי צו ענטפערן אויף אַ וועלכער פראַגע), און אויף זיין נאָמען „ברוך״ — געבענשט־טער, האָט ער געשריבן, אַז דאָס איז אַ לשון סגי־נהור, און נאָך אַזעלכע קאָמפּלימענטן, וואָס פאַר זייערן איינס פראָצענט פון הונדערט וואָלט אין ענגלאַנד דער שרייבער באַשטראָפט געוואָרן פאַר באַליידיקונג מיט שטראָפן און צאָלן אַנטשעדיקונג, וואָס צו צעטרייסלען די לאַגע פון אַ גביר שבגבירים. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך הער ברוך ווערבער האָט אויסגעפונען האַלבע פסוקים און גמרא־ווערטלעך אויסצוזידלען כהן צדקן. און דער דאָזיקער דועל צווישן לעמבעריק—בראָד האָט זיך געצויגן אַ שטיק צייט.

דער „עברי אָנוכי״ איז געבליבן אין באַזיץ פון ווערבערן, און אין אַ שפּעטערער תקופה האָב אויך איך געדרוקט דאָרט מיינע „יוגנט־זינד״. זיין גאַנץ לעבן האָט ער מיר נישט געקאָנט מוחל זיין מיין חטא, וואָס כ׳האָב אונטערגעהאַלטן דעם „עברי״. איך האָב פאַר מיין לעבן געהאַט אַ סך מינים „שונאים״. אַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון אַ צייטשריפט האָט די גרעסטע געלעגנהייט זיך איינצושאַפן שונאים אַלץ מער און מער — די אַלע שרייבער, וואָס זייערע מאַמרים זענען נישט אָנגענומען געוואָרן צום דרוקן. דו קאָנסט דערקלערן איטלעכן, וואָס לייגט דיר פאָר זיין סחורה, אַז דו קאָנסט זי נישט אָננעמען, אַז דו בייטיקסט זיך נישט אין איר, אַז זי איז נישט לויט דיין געשמאַק; אָבער קאָנסט נישט געבן אַ שרייבער אַזאַן אויפקלערונג, וואָס זאָל רעדן צו זיין האַרצן. איז דערפאַר — שונאים. און אויב דו שרייבסט אין דער צייטשריפט, און נישט אַן אַנדערער, געהערסטו צו דער חברותא, און נישט צו אַן אַנדערער, איז ווידער אַ שינאה מצד יענער, מע וועט דיך פסלן צו זאָגן עדות און שווערן! אַפילו אייניקע גדולים ווערן אומבאַוווסטזיניק געשטרויכלט מיטן גייסט פון אָט דער חברותאָדיקייט; און אַ שרייבער אין יענע צייטן — און נישט נאָר אין יענע צייטן! — האָט געמוזט גרייט זיין צו די דאָזיקע פלאָגן. מע קאָן נישט יוצא זיין קעגן אַלעמען און אַריינטרעטן אין אַלע חברותאָס.

נאָך ברוכס טויט, האָט זיך זיין זון יעקב געשטעלט אין שפּיץ פון דער וואָכנבלאַט, וואָס איז געווען איין וואָכנבלאַט מיט צוויי נעמען: איין וואָך „העברי״ און די צווייטע „עברי אָנוכי״, אַ מין „מכירת־חמץ״ ווייל לויט די עסטרייכישע געזעצן האָט אַן אַרויסגעבער פון אַ וואָכנשריפט געדאַרפט דעפּאָנירן אַ געוויסן סכום ביי דער רעגירונג, און דורך צוויי צייטשריפטן,

וואָס זענען געווען צוויי־וואָכנבלעטער, איז ער פריי געווען פון דער דאָזיקער פליכט.

מער ווי זעקס יאָר האָט זיך יוסף כהן צדק געפּלאָגט מיטן אַרויסגעבן זיינע צייטשריפטן; אָבער נישט געקוקט אויף זיין האָפענונג, אַז „כל־זמן די נשמה איז אין אים, וועט ער נישט מיד און נישט פאַרמאַטערט ווערן, און מיט דעם אייבערשטנס הילף די הענט נישט אַראָפּלאָזן" — נישט געקוקט אויף אַט דעם גאַנצן פּאַטאָס, האָט ער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און, אַלט ווערנדיק פערציק יאָר, זיך באַפרייט פון דער אַרבעט פון אַרויסגעבן צייט־שריפטן און זי איבערגעגעבן זיין יונגן זון דוד, וועלכער איז נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט געווען; און אַט דאָס איבערגעבן די פעדער איז געמאָלדן געוואָרן מליצהדיק אין דעם מאמר „מאיר נתיב" מיטן נאָמען „בן ארבעים לבינה" — אַ פערציקיאָריקער — צו פאַרשטאַנד, וועלכן ער האָט געשריבן לכבוד זיך אַליין, דערגרייכנדיק צו פאַרשטאַנד, און זיך געשיידט מיט אַ ברכה פון זיינע געליבטע לייענער, נאָך דעם ווי ער איז שוין „ענלעך צו אַ זיבעציקיאָריקן, און די כוחות האָבן אים פאַרלאָזט, און דאָס ליכט פון זיינע אויגן האָט זיך אים געפעלט, און זיינע האָר זענען, ווי שניי, ווייס געוואָרן".

„וואַרף אַראָפּ די קינדער־שיכלעך פון דיינע פיס!" — רופט אויס דער רעדאַקטאָר אין אָנהייב פון זיינע רייד צו זיך אַליין — „פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין, פאַר דער טיר הויערט דער טויט, איך קער זיך אום צו דער ווינונג פון מיין מוטער, צו לערנען אַליין אַ סך און לערנען יענעם ווייניק, און אַ האַלבער טאָג וועט פאַר מיר זיין אויף אַרבעט, און די אַנדערע העלפט און די נאַכט אויף צו שטיין אויף דער וואַך, די וואַך פון דער תורה, ווי ס'האָבן מיך דערצויגן און אויפגעהאָדעוועט מיינע ערלעכע תמימותדיקע עלטערן זכרונם לברכה, ווייל אַ פערציקיאָריקער — צו פאַרשטאַנד!" — דער דאָזיקער פערז חזרט זיך איבער, ווי אַ מין רעפריין, אין דעם גאַנצן מאמר. און דערנאָך קומט דעם פאַטערס רעקאָמענדאַציע לכבוד זיין זון און צו הילף אים. „אויף מיין אָרט האָט זיך געשטעלט מיין טייערער זון, אַ יונגער לייב, מר דוד כהן צדק הי"ו (דער אייבערשטער זאָל אים היטן און דערהאַלטןביים לעבן), ער זאָל אייך באַדינען אין דעם הייליקטום (לויטן נאָמען „כהן"), ביטע, היטס־איין פאַר אים אייער ליבשאַפט צו מיר, — אויך אייך, די קריטיקער רוף איך! פון אייך בעט איך, זייט באַהיטעוודיק מיט מיין זון דוד, נעמט אַוועק פון אים די רוט פון אייער קריטיק, צו וואָס זאָלט איר אים שטערן אין זיין אַרבעט? צי וועט איר געווינען כבוד אויף אַזאַ שטייגער? פאַרקערט, אויב איר זענט ערלעך, איז אייער פליכט אים צוציִען צו זיך מיט מענטשלעכע שטריק, נישט מיט קיין שלאָגנדיקן שטעקן... ווייל ווען די

צאַן־קדשים גייען אַרויף, און ס׳וועט זיי אַ קלאַפּ טאָן דער קאָנטראָלירער, וועלן אומגעבראַכט ווערן דער „המבשר" און דער „הנשר" אין איין טאָג".

נאָך אָט דער קריכערישער חניפה די קריטיקער, ווענדט ער זיך צו זיין זון דוד און לערנט אים דעם רעכטפאַרטיקן וועג, ווי זיך צו פירן אין דער רעדאַקטאָרישער אַרבעט און נעמט אויס מיט אים, אַז „יעדע שווערע זאַך זאָל ער ברענגען צו אים", און „יוסף וועט האָבן אויף אים זיין אויג", און ער האָט אים אויך צוגעזאָגט, אַז „ער וועט אים לערנען אויף וועלכן וועג עס רוט דאָס ליכט פון דער תורה, דער אמונה און דער הלכה אין זיינע פאַרשיידענע בריוו, וואָס ער וועט דרוקן אין דעם „הנשר" מיטן נאָמען „מוסר אָב".

אונטער דער האַנט פון דעם יונגן רעדאַקטאָר, וועלכער איז דערווייל אַלט געוואָרן אַכצן יאָר, האָבן דער „המבשר" און דער „הנשר" נישט מאַריך־ימים געווען, נישט געקוקט דערויף וואָס אַ גרויסער (ס׳הייסט דער פאָטער) שטייט לעבן אים. אין דעם ערשטן העפט, וואָס איז דערשינען דורך דעם יונגן־מאַן איז געקומען אַ מאַמר „מאיר נתיב" מיטן נאָמען „ויקם רעדאַקטאָר חדש אשר ידע את יוסף" — איז אויפגעשטאַנען אַ נייער רעדאַקטאָר, וועלכער האָט געקענט יוספן. אויך אַ „שיר תהילה לדוד" — אַ לויבליד דודן לכבוד דעם נייעם רעדאַקטאָר. די באַציִונג צווישן דעם רעדאַקטאָר דעם פאָטער און דעם רעדאַקטאָר דעם זון איז געווען אַ זייער האַרציקע. ס׳איז ביי זיי געווען אַ טאָפּל־תנאי, אַז „מדי שבת בשבתו (איטלעכן שבת, געמיינט איינעם אַ וואָכנטאָג, אָבער צוליב מליצה־פּראַכט האָט מען זיך באַנוצט מיט די דאָזיקע ווערטער) וועט ער אים באַצאָלן די קאָסטן פון פּאַפּיר און דרוק, ווי אַ פרעמדער מחבר, וואָס קומט ביי אים דרוקן, און אויך וועט זיך דער זון נישט דערוועגן צו דרוקן, כל־זמן דער פאָטער לעבט, אַ מאַמר פרוכט פון זיין פאַרשטאַנד, אָדער וואָס אַנדערע וועלן אים צושיקן, ביז ער וועט עס אים פריִער נישט ווייזן, און יוסף וועט טאָן דערויף זיין אויג, און פון צייט צו צייט וועט אויך זיין האַנט אים אונטערשטיצן צו געבן אים מאַמרים, מיט וועלכע גאָט האָט אים געלייטזעליקט"...

דאַקעגן מעג מען זיך משער זיין, אַז די מערכה פון די „נייעסטע נאַכריכטן" אויף יידיש אין גאַליציאַנער נוסח איז געווען אַ בעסערע, און לויטן עדות־זאָגן פונעם רעדאַקטאָר האָט די צאָל פון אירע אַבאָנענטן אין משך פון זעקס וואָכן איבערגעשטיגן די צאָל פון די אַבאָנענטן פון דעם „המבשר" און דעם „הנשר" אין משך פון זעקס יאָר; און די סיבה פון דער דאָזיקער הצלחה, וועלכע האָט געדויערט זעקס וואָכן, און נישט קיין סך מער, האָט אויפגעקלערט דער רעדאַקטאָר אַליין, אַז די „נייעסטע נאַכריכטן" אויף

יידיש זענען — אַ זאַך אַ צוטריטלעכע פאַר יעדן איינעם, און די ליבשאַפט פון די אַבאָנעטן צו איר איז נישט אָפּהענגיק פון דרוקן זייערע לידער און מאַמרים".

אין אָט די לעצטע ווערטער איז פאַראַן מער ממשותדיקער אינהאַלט איידער אין אַלע האַלבע פּסוקים וועגן „יוספן" און „דודן". זיי אַנטבלויזן די קליינלעכקייט און די בטלנות פון יענעם ערשטן פּרווו מיט דער פּרעסע. דאָס איז געווען אַ קליינער קרייז מענטשן, וואָס כמעט יעדער פון זיי האָט געוואָלט זען געדרוקט זיין מאַמר אָדער ליד — אַן ענין פון גראַפאָמאַניע און פּערזענלעכער רעקלאַמע. ווי איז צו דעם „מעריך", וואָס זיינע אַבאָנענטן זענען אויך זיינע שרייבער־מיטאַרבעטער! לסוף האָט דעם פּאָטער אויסגעפּעלט כוח, וואָס נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער בטלנות, איז ער געווען אַ פלינקער אַרבעטער און וווּנדערלעך פלייסיק — און דעם זון, וועלכער האָט נישט באַוויזן אין גאָרנישט מצליח צו זיין; און זיי האָבן זיך נאָך ביידע געפּלאָגט אַ סך יאָרן אין גאַליציע, ביז זיי האָבן זיך אַריבער־געקליבן קיין לאָנדאָן און אָנגעהויבן לעבן אַ ניי לעבן — און זייער אַ שווערס!

[ג]

ווען איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט יוסף כהן צדק — בין איך דערשטוינט געוואָרן... נישט צוליב זיין בקיאות אין די ייִדנטום־וויסנ־שאַפטן, זיין בקיאות אין ש"ס, ווי איינער פון מיינע רביס די פּוילישע גאונים, אין די גראַמאַטיק־געזעצן און סינטאַקסיס, ווי איינער פון די גרעסטע העברעיִשע גראַמאַטיקער און זיין באַהערשן יענעם געביט, צו וועלכן כ'בין צוגעבונדן אַלע מיינע יאָרן: די געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן, — נאָר צוליב זיין פּיקחות. ס'טרעפט, איינער לערנט פלייסיק און „שטאָפּט זיך אָן דעם בויך" מיט ש"ס און פּוסקים, ס'טרעפט ער שטודירט געאָמעטריע, און מעדיצין, און אַדוואָקאַטור און ווערט אַ גרויסער געלערנטער, איז אָבער... אַ שוטה, איז אַ געלערנטער אויף געוויסע געביטן, און אַ שוטה אין אַלגעמיין. ס'איז שווער צו דעפינירן דעם מהות פון אַ שוטה. עפּעס אַ פּערזענלעכע האַלטונג, וואָס שטימט נישט מיט דער סביבה, עפּעס אַן אומ־פעיִקייט אָפּצושאַצן, אַן אומפעיִקייט צו געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, די פּאַסיקע מינע, עפּעס וואָס איבעריקס און עפּעס וואָס פעלנדיקס, עפּעס אַזאַן אומגעשמאַקלעכקייט — ווי אַ מאַכל אָן זאַלץ. און לאָמיר דערמאָנען מיינע זינד: זיין גאַנצע זשורנאַליסטישע ליטעראַטור פון און „יוסף וועט טאָן זיין האַנט" און פון „אַ לויבגעזאַנג צו דודן" האָט מיר שוין דעמאָלט אויסגעזען

ווי איין גרויסער שטות, אַ מטושטשער שטות, אַ וואַקלדיקער, אַ פּאַרפּוצ־טער, אָבער פּאָרט אַ שטות! דערפאַר בין איך דערשטוינט געוואָרן, ווען איך האָב דערקענט יוסף כהן צדק, נישט נאָר ווי אַ למדן מובהק, נאָר ווי אַ קלוגן און פאַרשטאַנדיקן מענטשן, אַ פולן מיט פּיקחות און אָפּגעקליבענעם הומאָר. ווי שיקט זיך עס? צוויי קעגנזאַצן אין איין אָביעקט! די סיבה דערפון איז, וואָס די מליצה איז נישט מער ווי אַ מאַסקע, און דער כאַראַקטער פון דעם שרייבער זעט זיך דורך איר נישט אַרויס, דאָס איז ווי איינער זאָל אָנטאָן אויף זיין פּנים אַ פּאַפּירענע מאַסקע פון אַ צעקרימטער און לעכער־לעכער צורה, נישט באַווייזנדיק זיין פּנים ווי ס׳איז אין דער אמתן, און דו מאַכסט דעם טעות צו מיינען, אַז דאָס איז זיין פּנים, וואָס רופט אַרויס אַ געלעכטער...

ווען אַ מענטש שרייבט מליצהדיקע רייד, ווייס ער נישט געננוי וואָס ער טראַכט און פילט. ער איז פון פאָראויס פאַרשקלאַפט צו געוויסע ווערטער וואָס קומען אים אַליין אויף דער צונג, און געפּענטעט מיט האַלבע פּסוקים: ער דריקט נישט אויס, וואָס זיין פּערזענלעכער און אָריגינעלער געדאַנק קוועלט אָן, נאָר וואָס דער ווערטערבוך, וועלכער שטעקט אין זיין זכרון, זאָגט אים אונטער. אַזאַ מאָס איז אָנגעגאַנגען אין משך פון אַ סך דורות, און אויך אין יענעם דור. דער טאַלענט פון אַזאַ שרייבער איז אויסבאַהאַלטן אין אַ פּוטליאַר פון אַלטע מליצות און נייע וואָרטבאַהעפטן. און נישט נאָר אין די אַמאָליקע דורות און אין דער מליצה. נאָר אויך אין אונדזער דור, וועלכער איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ שלל נייע געשאַפענע ווערטער און מיט אָן אַ שיעור כמו־וויסנשאַפטלעכע דעפיניציעס, טרעפט אַז דער פאַלשער איינדרוק איז אַ פאַרקערטער: דו לייענסט אַזאַ אָפּהאַנדלונג אַ רייכע אין אויסדרוקן, און מיינסט, אַז דער אייגנטימער פון אָט די אוצרות ווערטער איז אַ גרויסער געלערנטער, און אַז דו באַגעגנסט זיך מיט אים און רעדסט מיט אים פּשוט, וועלנדיק אים דערקאָנען ריכטיק און געננוי, ס׳הייסט אַנטבלויזט אים פון דעם פּוטעראַל פון דעם רייכן לשון, ציסט אים אַרויס און טוסט אויף אים אַ בליק, דערזעסטו — גאָרנישט...

אַזוי האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון פון לאַנג די געשטאַלט פון יוסף כהן צדק — אמת, אין איר פּראַכט! — ווי אַ בעל־מליצה אַ בקי אין תנ״ך, וועלכער געפינט אויס וווּנדערלעכע המצאות אין וואָרטשפּיל; דערצו — זייער אַ פלייסיקער און פּרוכטיקער שרייבער; דערצו — אַ פּאַלע־מיסט... דער אויבנדערמאָנטער „גדי בן סוסי״... פון דעם אַלעמען קאָן מען נישט צונויפשטעלן קיין בילד. ס׳איז ווי מאַפּאַסאַן שרייבט אין איינע פון זיינע קליינע דערציילונגען: מיין העלד טראָגט הענטשקעס, דעם און דעם

נומער, און דאָס איז דער גאַנצער מענטש, ס'הייסט דאָס איז דער גאַנצער מאַטעריאַל אויף אַרויסצודרינגען זיין כאַראַקטער.

איך האָב אים דערקענט שפּעטער אין לאָנדאָן אין זיין אמתר באַטור, אָן מליצות. ער איז געווען אַ מטיף אין אַ שול אין איינער אַ קהילה; אָבער דאָס איז געווען אַ זייטיקע זאַך. אין תוך האָט ער געלעבט ביי זיך אין שטוב, צווישן זיינע פיל ביכער, צווישן זיינע שריפטן און זיינע זכרונות. ער איז געווען אַ מטיף, ווי ער איז געווען אַ זשורנאַליסט, נאָר די לייט פון זיין קליינער קהילה אין לאָנדאָן האָבן נישט אויסגענומען מיט אים קיין תנאי, ער זאָל זיי צונעמען פאַר שותפים צום מטיפן, ווי אַמאָל זיינע אַבאָנענטן אין גאַליציע, און האָבן אים אויך באַזאָרגט מיט מערער פּרנסה. איך האָב זיך אַרומגעפירט מיט ר' יוספן פון איין באַזוך צום אַנדערן. איך טראַכט, אַז איך, וואָס בין דעמאָלט יונג געווען, און ער, שוין אַ זקן, האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען. מיר האָבן געפילט, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס וואָס פאַראייניקט אונדז: העברעיִש, זשורנאַליסטיק, פּוילן.

ווענען איז נישט באַקאַנט דאָס דעמאָלטיקע לאָנדאָן? אין אַ סך ערטער, למשל, אַרום די בולוואַרן, איז מען נאָך געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, אַרויף אויף בערג און אַראָפּ אין טאָלן, געפאָרן מיטן צוג אויף דער ערד און אונטער איר, אַרויס פון איין טונעל און אַריין אין אַ צווייטן, אַראָפּגעלאָזט זיך טיף־טיף ביז אַן אָפּגרונט, און טייל טראַמווייען זענען נאָך געווען געשפּאַנט צו פערד, קיין אויטאָמאָבילן־אויטאָבוסן זענען נאָך אין לאַנד נישט געווען, נאָר די ריזיקע „באָסן", געשפּאַנטע צו גרויסע פערד, און אַנשטאָט אַ טאַראַנטאַס, אונדזער דראָזשקע אין וואַרשע, און דעם ווינער פיאַקער, האָבן זיי געהאַט דעם „הענדסום" מיטן אַנטרייבער אויף דער קאָזלע פון הינטן, און דו טראָגסט זיך פון איין געגנט אין דער צווייטער מיט דעם דאָזיקן אַלטן זקן אַ סך תחום־שבתן. פון דעם האָטעל פון הער באָן, ווו איך בין איינגע־שטאַנען, ביז דער וווינונג פון כהן צדקן פלעגן מיר וואַנדערן נאָכאַנאַנדיק און לסירוגין אַראָפּ און אַרויף, טראַמוויי און באָס געמישט מיט „הענדסום" — ביז דעם באַזונדערן הויז, אין וועלכן ער האָט געוווינט, כמעט אויסער דער שטאָט. אין דאָזיקן הויז איז געווען די ביבליאָטעק. ווען כ'בין דאָרט געזעסן מיטן זקן, צעעפנטע ביכער פאַר אונדז, און זיין זון דוד, דער דוד, „וואָס האָט געקענט יוספן", גייט פאַרביי געהיט אויף די פינגערשפּיצן, אַ פאַר־ווירקלעכטע מליצה, אַ גוטער מענטש און פּשוט געררעדט — אַ דערשלאָגענער אָרעמאַן און די טראַגעדיע פון אַ קליינעם זון פון אַ גרויסן פאָטער, — זענען מיר געווען צוזאַמען אין לעמבעריק, אין קראָקע, אין ווילנע, אין לובלין, אין מעזשעבעזש, אין טאַרנאָפּאָל, און אין סך־הכל: מער פון

אַלץ אין ירושלים, און ווייניקער פון אַלץ אין לאָנדאָן, הגם דאָס הויז איז געשטאַנען אויף דער פּעריפעריע פון דער דאָזיקער קרוינשטאָט.

ער איז געווען מיין פירער און באַגלייטער אין דעם יידישן לאָנדאָן, און אַפילו אין בריטישן מוזיי האָט ער מיך נישט געלאָזט גיין אַליין. ער האָט מיך באַגלייט, ווי אַ גוטער מלאך. זענען די טירן געווען געשלאָסן פון דער זייט — האָט ער מיך אַריינגעפירט פון דער צווייטער זייט; אפשר וועט מען אייך נישט וועלן ווייזן יענעם זעלטענעם כתב־יד — וועל איך זיך משתדל זיין פאַר אייך. כ'דערמאָן זיך, אַז דאָס ערשטע מאָל זענען מיר געפאָרן אַהין כמעט אָפיציעל, גאָר הרחבהדיק, אויף די הוצאות פון דער קהילה, און די זאַך איז אַזוי געווען: מיר זענען געווען צוזאַמען ביים רב־הכולל; פון דאָרט האָבן מיר געוואָלט פאָרן, און דער וועג איז אַ ווייטער און לויפט מיט אַרויפן און אַראָפּן, האָט דער רב באַוויליקט אונדז צו שיקן מיט דער פּרעכטיקער קהלשער קאַטש. בעתן פאָרן האָט כהן צדק אַריינגערעדט אין מיין אויער רייזע־ווערטלעך: „אָט די־אָ פּערד פירן נאָכאַנאַנד רעווערענדן — מאַכט נישט אויס, זיי זאָלן איין מאָל פירן פּראָסטאַקעס, ווי מיר" — און ער האָט צוגעגעבן: „פאַר אַזאַ קאַטש זענען די טויערן נישט געשלאָסן".

און איך דערמאָן זיך, אַז מיר האָבן אין מוזיי באַגעגנט דעם אויסגעצייכנטן ביבליאָטעקאַר פען סטרעעלן, אַ האָלענדישער ייד, אין וועלכן ס'איז נאָך געווען אַ ניצוץ פון די אַמסטערדאַמער משכילים פון דער צייט פון דער געזעלשאַפט „שוחרי הטוב" — וואָס אין אַ געוויסער תקופה האָבן אויך זיי געשריבן אויף העברעיִש, ווי אין גאַליציע, און אויך זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ זאַמלבוך, ווי דער „הנשר", און זיין נאָמען איז געווען „בכורי תועלת", און זייער כהן צדק, — ווייניקער בעל־מליצה און מער דיכטער — איז געווען רבי גבריאל פּאָליאַק. און מיר זענען געזעסן זאַלבעדריט, אַ יונגער וואַרשעווער העברעיִשער רעדאַקטאָר, אַ זקן, וועלכער איז געווען אַ לעמבעריקער העברעיִשער רעדאַקטאָר, און אַן אַמסטערדאַמער משכיל, אַ קורא־נכבד און אַ גרויסער העברעיִשער ביבליאָטעקאַר, פאַרטאָן אין אַ שמועס אין משך פון שעהען, ביז ס'זענען געקומען די הויזוועכטער און געזאָגט: הערשאַפטן, ס'איז שוין צייט...

אין צוויי־דריי יאָר אַרום, ווען איך בין שוין געווען אין וואַרשע — האָב איך באַקומען אַ היפּש פּעקל פון לאָנדאָן און דערין אַן אָפּשריפט פון אַ פאַרצייטישן כתב־יד. דאָס פּעקל איז געווען אָן אַ בריוו; כ'האָב אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען פון וועמען און צו וואָס, און דער נאָמען פונעם שיקער איז געווען נישט קלאָר. מיין זכרון האָט זיך געפּלאָנטערט אין השערות. אין אַ געוויסער

צייט אַרום האָט דאָס רעטעניש באַקומען אַ באַשייד. די אָפּשריפט האָט פאַר מיר געמאַכט סטרעעלן, ווייל איך האָב אים דעמאָלט געזאָגט, אַז איך וואָלט זען יענעם כתב־יד, און קיין צייט דערויף איז נישט געווען, האָט זיך אָט דער זקן באַמיט און איבערגעשריבן דעם כתב־יד פון העכער צוויי הונדערט זייטן. אויך דער דאָזיקער צדיק איז ניפטר געוואָרן, און אויסער דעם מוזעאַלן קרייז האָט אים כמעט קיינער נישט געקענט.

מיט יוסף כהן צדק האָב איך זיך באַגעגנט נאָך אַ מאָל אין דער צייט פון דעם פערטן קאָנגרעס מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק אין לאָנדאָן. די פיגור האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן, די קנייטשן אויפן פנים זענען פיל טיפער געוואָרן, אָבער דאָס פנים האָט נאָך שטאַרקער געלויכטן, ס'האָט שוין אַרויסגעבליקט אַ רעפלעקס פון דעם אור־הגנוז פאַר די צדיקים אויף יענער וועלט. די ווייסהאָריקייט איז איצט געווען אָן אַ גוזמא נישט ווי אַמאָל, נאָר פשוטו־כמשמעו: ווייס, ווי שניי. ער האָט מיך זייער געבעטן צו גיין מיט אים, ווי אַמאָל, צו אים אַהיים, אין חדר פון זיינע ביכער, צו זיין שרייבערטיש, און שמועסן ווי צוויי העברעישע שרייבער, ווי צוויי פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך באַגעגנט און האָבן אַזוי פיל ענינים צו פאַרנעמען זיך מיט זיי און אַראָפּצורעדן זיך איינער פאַרן אַנדערן פונעם האַרצן. אָבער איך בין שוין דעמאָלט נישט געווען יענער „פרייער פויגל" וואָס אַמאָל, ווען כ'פלעג מיט אים אַרומוואַנדערן איבער די לאָנדאָנער גאַסן און אָפּזיצן מיט אים אַ האַלבן טאָג אין בריטישן מוזיי. איך בין שוין דעמאָלט געווען דער פאָרזיצער אויף איין קאָנפערענץ, אַ וויצע־פאָרזיצער אויף אַ צוויי־טער קאָנפערענץ, אַ מיטגליד אויף אַ דריטער, און כאָטש איך בין נאָך דעמאָלט געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" און האָב אין איר אַ סך געשריבן, — בין איך אין גאַנצן געווען פאַרטאָן אין ציוניזם, אין קאָנגרעס אאַ"וו, און האָב נישט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט תורה־ענינים אויף יענעם יאַריד. איך האָב געפילט, אַז ער איז כלל נישט צופרידן פון דער ענדערונג, וואָס ער האָט לויט זיין טראַכטן געפונען אין מיר, אַז כ'בין געדולדיק ביי זיך און אַז כ'האָב זיך אַ ביסל אָפּגעפרעמדט פון מיינע חברים. און וויפל איך האָב זיך נישט באַמיט אים אויפצוקלערן אַז ער האָט אַ טעות, אַז דאָס איז נישט קיין אינערלעכע גייסט־און כאַראַקטער־ענדערונג, נאָר אַן ענדערונג פון די אַרבעט־און סביבה־באַדינגונגען, האָט זיך זיין געמיט נישט באַרויקט. ווייל די דאָזיקע אַנטוויקלונג מוז אויסזען ווי אַן ענדערונג, ווייל די מענטשן זענען נישט מסוגל זיך צו האַלטן ביי דעם כלל: „משפט נישט דיין חבר, ביז דו קומסט אויף זיין אָרט". מיר זענען געזעסן אין איינעם פון די ווינקעלעך אין דעם „קעניגין־זאַל", ווו דער קאָנגרעס איז

פאָרגעקומען, אויף דער בימה איז געשטאַנען איינער פון די דברנים און האָט געשאָטן: „אָרגאַניזיישן", „פעדערײשן" און נאָך אַ סך ווערטער, ענלעכע צו די אין לעצטן אויסקלאַנג.

„איך האָב דאָס אַלץ געשריבן אין מיינעם אַ מאַמר מיט אַ סך יאָרן צוריק, — האָט מיר דער זקן אַ זאָג געטאָן און אַרויסגענומען פון זיין פּאַקעט דעם נומער „המבשר", שנה ה', מספר י"ג. מיר האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ סוף צו די פּלוידערייען פון דעם „אָרגאַניזיישן"־דברן און אַרויפפירן דעם זקן אויף דער בימה, ער זאָל פאָרלייענען זיין העברעיִשע מליצה פון מיט פופציק יאָר צוריק, אָבער דער „סדר־היום" האָט געשטערט.

דאָס איז געווען מיין לעצטע באַגעגעניש מיט אַ לעצטן פון די אַלטע משכילים. ער איז ניפטר געוואָרן מיט אַ גוטן נאָמען אין לאָנדאָן אין יאָר תרס"ד (1904) צו די זיבן און זיבעציק יאָר פון זיין לעבן.

שלום יעקב אַבראַמאָוויטש
(מענדעלע מוכר ספרים)

[א]

אין איינער פון זיינע דערציילונגען זאָגט ער:

„פאַר מיינע אויגן שוועבט תמיד אַ טאַרבע — די אַלטע, גרויסע יידישע טאַרבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה־שחורהניק אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, וווהין זאָל איך מיך נישט קערן און ווענדן, זע איך פאַר מיר די טאַרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלן דערציילן אָדער זאָגן, קומט מיר אַפיר די טאַרבע".

דאָס איז געווען איינער פון זיינע דמיונות, מענדעלעס, אין זיין באַשיידנקייט, אָבער מיר זעען זיין קונסט, טאַקע אַ סך מאָל די טאַרבע, פון זיינע פיסזוילן ביזן שפיץ קאָפּ, און ביז זיינע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען. אינעם לעבן פון דער יידישער מאַסע זענען פאַראַנען זייטן און ביי־זייטן, שיינע און העסלעכע, איידעלע און פאַרגרעבטע אויף וועלכע מענדעלע האָט געוואָרפן אַ שיין, זיי זאָלן ווערן אַנזעעוודיק, און זיי געשילדערט מיט דער פעדער, צו דערפירן זיי צו קינסטלערישער אַנטפּלעקונג — צום ערשטן מאָל, ווי עפּעס ביי אַ פּרעמיערע־פאָרשטעלונג.

אַנדערע שרייבער, און צווישן זיי אויך קינסטלער מיט מאָס און טאַקט, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די יידן, די געיאָגטע און געפּלאָגטע, ווי מיט קרבנות פון שינאה און קינאה און אַכזריות פון אַנדערע. ריכטיק, דאָס שטימט מיטן אמת: די יידן זענען, אין זייער מערהייט, אין די מערסטע צייטן און ערטער, „קרבנות" פון דעם מין; און ריכטיק, אָט דאָס וואָס די יידן זענען קרבנות, איז די זאַך, וואָס רופט אַרויס צום שטאַרקסטן אויפטרייסלונג און צום שטאַרקסטן דאָס האַרץ — ווי אַ דערשיינונג פון אומרעכט און פאַרברעכערישקייט, און דעם מוח — ווי אַ פּסיכיש און היסטאָריש רעטעניש; פון דעסטוועגן, ווען דער ייד, אַפילו אַ פאַרפאָלגטער יעדע רגע, זאָל געשילדערט ווערן אויסשליסלעך נאָר פון אָט דער זייט, — וואָלט דאָס בילד זיין אַ פּראָפּילבילד; און ווען עס זאָל אַפילו זיין זייער טרעפלעך, איז נישט מעגלעך עס זאָל נישט זיין איינזייטיק און יוצא־דופנדיק, און וועט נישט געבן דעם צוקוקער קיין גאַנצן באַגריף וועגן דעם אָריגינאַל אין זיין פיזישער און פּסיכישער גאַנצקייט.

כמעט אַלע דערציילער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט כאַראַקטעריזירן יידישע פיזיאָנאָמיעס, האָבן אונדז געגעבן אַ „פּרשה קרבנות". אַפילו „נתן דעם חכם" דערקענען מיר נאָר מצד זיינע פאַרהעלטעניש מיט צלח־אַל־דינען דעם מוסולמענער און דעם קריסטלעכן גלח, וועלכע האָסן, ליבן, זענען מבזה, ערן אים. די גאָרע טראַגעדיע שיילאָקס באַשטייט אין זיין סיכסוך מיט אַ קריסטלעכן אַדלמאַן צוליב זיין טאָכטער, — נעמט און באַטראַכט די גאַנצע גאַלעריע יידישע געשטאַלטן און טיפּן, וואָס נתן דער קלוגער און שיילאָק דינען זיי ווי צוויי אַקסן: אַ פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער, און איר וועט זען כאַראַקטערן און פיזיאָנאָמיעס פון אַלע מינים, אָבער תמיד יענע זייט וואָס אינטערעסירט כלפּי חוץ! מיט וואָס איז נתן געווען — אַ חכם, אויסער זיינע פאַרהעלטענישן מיט די מוסולמענער און קריסטן? און וואָס איז שיילאָק געווען פאַר זיך גופא, ווען ס'וואָלט אים נישט געווען פּאַסירן יענע ווולגאַרע מעלאָדראַמע פונעם אדלמאַן, וועלכן ס'האָט זיך פאַרגלוסט דווקא אָט דאָס מיידל, און דער פאָטער האָט געוואָלט זי ראַטעווען, און מחמת דעם האָט זיך פאַרפּלאָנטערט דער גאַנצער טראַגישער קנופּ, און דער דועל צווישן אַ יונגן סעניאָר, וואָס זיין געשלעכטלעכע תאווה האָט אים באַהערשט, און דעם אַלטן פאָטער, וועלכער איז זיך מוסר־נפש פאַר זיין טאָכטערס ערע? — דערויף איז פאַרשפּרייט דער שלייער. ווי עס זעט אויס, האָבן זיך די דראַמאַטורגן אינטערעסירט מיט די יידן בלויז צוליב די איינציקע מאָמענטן, וועלכע זיי האָבן וועגן זיי אָפּירגעבראַכט אין זייער דמיון.

און אַזוי האָבן זיך אַ סך, ביי יידן און ביי פעלקער, פאַרנומען מיט אונדז ווי מיט קרבנות; און פיל פון זיי האָבן אַפילו אונטערגעשטראָכן אונדזער מאַרטיראָלאָגיע. אויך דאָס איז אַ דערהויבענע כוונה און זייער איידעלער ענין, אין וועלכן עס שטעקט קדושה; אָבער די קדושה איז, פון דער קינסטלערישער זייט, אַ טפּלדיקע און דערעסנדיקע זאַך... טונק איין דעם פענדזל אין דער טובע בלויע פאַרב און שמיר זיי צו אָרעאָלן איבער די קעפּ, ווי ביי די בילדער פון די הייליקע פון די מאָלער אין מיטלאַלטער! כ'וועל נישט לייקענען, אַז איך פאַר זיך אַליין האָב גראָד ליב אָט די פּשטות און תמימות, ממש ווי פון פּשוטע הילצערנע כלים, אָט די דאָזיקע אייביקייט־ניוועלאַציע, וואָס ס'איז פאַראַנען אין די דאָזיקע בילדער; אָבער ווער קאָן דאָס איבערטראָגן אַזאַ איינטאָניקייט? נו גוט, זיי זענען געווען הייליקע און שוין! — און וואָס נאָך?

די דערציילער און מאָלער האָבן פאַרגעסן, אַז זיי, אָט די קרבנות, האָבן געהאַט אויך מענטשלעכע פונקציעס, משפּחהדיקע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע, אָדער נאַציאָנאַלע, אייגענע, אָדער פון פרעמדע פאַראייגנטע;

אַז זיי האָבן געהאַט אויסער זייערע צוזאַמענשטויסן און זייערע ראַנגלענישן מיט דעם „בעסטן גוי", אָדער „ערגסטן גוי", אַן אינערלעך־אַנטיסעמיטישע וועלט, דאַגות, קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און אייגענע גייסטיקע קאַמפן; און אַז זיי האָבן געהאַט אויסער די איינדרוקן פון זיין געהאַסט, אָדער זיין געליבט און פון „וואָס וועלן זאָגן די גוים", נאָך אַ גרויס פאַרמעגן פון שפּאַס, שאַרפן שפּאַט, איראָניע און זעלבסטקריטיק, אַלס אַ וועלט אינעווייניק אין דער וועלט און ווי אַ ראַד אין דער ראָד. און יענע שרייבער און מאָלער, וועלכע האָבן נישט פאַרגעסן, האָבן באַרירט אָט די אינערלעכקייט בלויז ווי אַ דורכשוועבנדיקער פויגל.

אונדזערע מענטשן — לאָמיר זיי צוליב שפּראַך־געוווינהייט, צוליב בעסע־רער פאַרשטענדלעכקייט, אָנרופן די „געטאָ־לייט"! — פאַרמאָגן, ווי אַלע פאַרשיידענע מענטשן אויף דער וועלט, אַ ווילן צום לעבן, צו ליבע און גליק, אפשר צו גאָר אַ קליין ביסעלע דערפון, און אפשר אין אַ פאַרעם, וואָס זעט אויס מאָדנע און גראָטעסק; אָבער נישט די מינימאַלע מאָס (אין כמות) און די גראָטעסקע (אין איכות) זענען ריכטיקע און גענוגנדיקע מאָטיוון אָפּ־צוווענדן פון זיי דעם קינסטלער וואָס פאַרשט די דערשיינונגען, אָדער דעם פּסיכאָלאָג, וואָס פאַרשט די הערצער. צום ביישפּיל „גלופּסק" (בערדיטשעוו) איז ראַדיקאַל אַנדערש פון לאָנדאָן סיי אין כמות, סיי אין איכות, לויט דער אויבן־געזאָגטער נאָרמע. דערפון איז נישט געדרונגען — פאַר דעם אמתן קינסטלער און אויך פאַר דעם אמתן פּסיכאָלאָג — אַז לאָנדאָן איז אַבסאָלוט גוט, און גלופּסק איז אַבסאָלוט שלעכט. ס'איז נישט די אויפגאַבע פונעם קינסטלער אויסצוויילן דאָס גוטע און אָפּוואַרפן דאָס שלעכטע; נייערט אויסצוגעפינען דעם אינערלעכן אמת דורך דער קונסט. אַזוי איז אויך נישט די אויפגאַבע פונעם פּסיכאָלאָג צו זאָגן מוסר; נייערט צו פאַרשן, אין אַ גלייכער מאָס, די מאָראַליטעט און אוממאָראַליטעט, ווי דער מעדיקער, וואָס פאַרשט דעם צושטאַנד פון דער קראַנקייט קעגן מצב פון געזונטקייט.

ש. י. אַבראַמאָוויטש איז געווען כמעט דער ערשטער, וועלכער האָט געפונען די טיר צו די פאַרבאָרגענישן פון דער פאָלקס־נשמה, מיט אירע שטרעבונגען און נייגונגען, מיט אירע וויזיעס און איר הומאָר. אויף אַזאַ אופן האָט ער באַפרייט די שילדערונג פונעם געטאָ פון דער לאַסט פון רחמנות און אַפּאָ־לאָגעטיק און זי אַריינגעפירט אינעם תחום פון דער פרייער וויזיע און דער פרייער קינסטלערישער דיכטונג. אין דער הינזיכט, אין אַלגעמיינעם ליטע־ראַרישן זין, איז אַבראַמאָוויטש אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט געווען פון די רוסישע דערציילער, שטשעדרין, טורגעניעוו און אַנדערע. און זיין רעאַ־ליסטישע נייגונג איז נישט קיין דורכאויס אָריגינעלע. ביי דעם אַלעם איז

ער געווען זעלבסטשטענדיק און האָט געשאַפן אין גלופסק, ווי אַ קינסטלער אויף זיין אייגענעם פלאַץ. ער האָט נישט נאָר אויסגעפּאַרעמט פיזיאָגנאָמיעס, נאָר אויך פּראָדוצירט, אויך געשאַפן געשטאַלטן. ס'האָבן זיך אַריינגעכאַפּט ביי אים פעלערן, איבערגעחזרט, אומקינסטלערישע רייד־מאַנירן, אויף וויפל מע זעט זיי שוין פאָרויס („נישט דאָס בין איך אויסן" און דעסגליכן); אָבער די אַלגעמיינע ליניע איז אַ ליניע פון גדלות, איך וואָלט געזאָגט: פון מיקעל אַנדזשעלאָ אין אויסגעטאַקטקייט, מאַיעסטעטישער דערהויבנקייט. דערין איז ער נישט באַווירקט געוואָרן פון די רוסן. ער קאָן פאַררעכנט ווערן ווי אַ תלמיד ביי די רוסן אין היגזיכט פון רעאַליסטישן שילדערן די פּרטים, אָבער ער איז דערהויבענער; און נישט נאָר ער האָט געקענט „גלופסק" מיט אַ טיפער וויסן, איידער שטשעדרין האָט געקענט זיין סטאַראָ־נאָוואָ־גלופסק און קראַטאָגאָרסק, נאָר אויך זי מער ליב געהאַט. ער איז געווען פאַרבונדן מיט „גלופסק" מער מיט האַרצשנורן, איידער מיט געדאַנק־שנורן. און מע דאַרף זיין דערין פּינקטלעך, כדי נישט איבערצוכאַפּן די מאָס; אַבראַמאָוויטש האָט נישט געשילדערט דאָס יידישע פאָלק מיטן סך הכל פון זיינע תקופות און מיטן תמצית פון זיינע טיפּן, ביירערט די גרויסע יידישע באַפעלקערונג. ער האָט געשילדערט דאָס יידישע לעבן, דאָס משפּחה־דיקע, דאָס געזעלשאַפטלעכע, וואָס איז געבונדן מיט די אַלע: די רעליגיעזע (וואָס ס'איז נישטאָ קיין פלאַץ אַן זיי) פון דעם ריזיקן גלות און געוויסע ערטער און געוויסע פּעריאָדן. די שילדערונגען מאַכן אויף אונדז אַ מעכטיקן איינדרוק, ווייל מיר האָבן געקענט (אָדער זענען אַליין געווען) אָט די אָריגינאַלן. דער ספרדישער ייד, למשל, און כ'שרעק זיך צו זאָגן, אויך דער יונגער נאַציאָנאַלער ייד, אַ געבוירטיקער אין ישראל, וועלכער האָט בלויז זכות־אָבות און אַ פאַרנעפּלטע מסורה, אַ „כלי־שני" פונעם געטאָ אין רוס־לאַנד, וועט נישט קאָנען פאַרשטיין, נישט טונעיאַדעווקע און נישט קאַסריי־לעווקע, נישט די פייזאַזש־שילדערונגען, וועלכע זענען על־פּי־רוב שניי און בלאָטע, און נישט דעם כאַראַקטער פון דעם טאַרבע־טרעגער, וועלכער איז נישט קיין גרונטיקער, אַלגעמיינער און אַרומנעמענדיקער ייד, נאָר אָפּהענגיק פון אָרטיקע פּאַסירונגען און פון אַנטוויקלונג, אָדער איבערקערעניש און קאָמפּליצירטקייט, פון ספּעציפישן מין, וואָס די יידן פון אַנדערע ערטער און פאָלק וויסן נישט פון זיי. סאיז דאָ פאַראַן די מלכות־פּראַכט פון דער קונסט; פון אָט דער זייט קאָן אויך דער ייד, וואָס קען נישט די אָריגינאַלן, זיך אַנטציקן מיט אים, אויב ער האָט נאָר אַ געפיל פאַר קונסט, ווי מיר אַנט־ציקן זיך פון וויקטאָר הוגאָס „נאָטר דאַם דע פּאַריס", הגם די אָרט־באַדינ־גונגען און די פּערסאָנאַזשן זענען אונדז פרעמד; ס'איז אויך פאַראַן דער

געפּיל פון דעם ווײ און דער מיטלײד מיט די געשילדערטע אומגליקלעכע, אָבער דאָס איז שוין אַן אָפּנײג צו רחמנות און אַפּאָלאָגעטיק; בײ די „אויפגעקלערטע״ ייִדן פונעם נײעם דור, מענטשן פון אַ פרעמדער קולטור, איז פאַראַן אויך אַ באַציִונג, געמישט פון ברײטהאַרציקער און אַריסטאָקראַ־טישער ראַסעווער כבוד־לײדנשאַפט און פון ליטעראַרישער נײגעריקײט. ס׳איז אַ גײסטיקע באַפרידיקונג צו זען און װײזן, אַז אויך מיר פאַרמאָגן גרויסע לײט און גאונים, אַ ניצוץ פון אומבאַוווסטזיניקער אַפּאָלאָגעטיק און שאַרפע רײצונג צו װיסן, װאָס „יענע פראים״ שרײבן.

איר זאָלט נישט אויסטײטשן דעם לעצטן זאַץ װערטלעך, כדי נישט צו בלײבן קײן ליגנער. איך מײן לחלוטין נישט צו זאָגן, אַז אונדזערע מאָדערנע ברידער, די װעלטלעכע, האָבן אַפילו אויף אײן רגע אַ טראַכט געטאָן, אַז מענדעלע איז געװען אַ „פרא״? חס־וחלילה! פאַרקערט, זײ שאַפן עס דעם קולט און דעם גרויסן הלל פאַר אַ האַלב טוץ נעמען פון שרײבער העברעיִשע און ייִדישע, װאָס זײ האַלטן זײ מער מסוגל פאַר עקספּאָרט; און פון זײ קומט עס די כוואַליע פון התפעלות אויף צוריק צו די פון אינעווײניק, און אַזוי שטעלן זיך אײן די פאַרמען אין דער געזעלשאַפטלעכער מײנונג. מײן מײן איז נאָר װעגן דער באַציִונג, װאָס מחמת אויבערפלעכלעכקײט און איבערזעצונג פאַרװאַנדלט זי זיך אין אַ מין עקזאָטישער באַציִונג. יענער „מענדעלע״ אונדזערער, װאָס זײן בית־מדרש־און געסל־שמועס איז אַ סימפּאַטיש־נאַטירלעכער, װען מע שרײבט אים מיט רוימישע אָדער גאָטישע אותיות, באַקומט ער אַ ביסל־מיסטישן, אַ ביסל־מאָדערנעם כאַראַקטער, גלײך מע װאָלט איבערגעזעצט אַ דרשה פונעם אינדישן מאַהאַטמאַ גאַנדי, אָדער אַ געדיכט פון סאַן־דאַל־פאַן דעם פינפטן אין כינע, װאָס איז געדרוקט געװאָרן אויף זײדפּאַפּיר... אַ סך מאַכט דער דרוק, אַ סך מאַכט דאָס פּאַפּיר.

און דעמאָלט טוט זיך אַ לאָז די כוואַליע פונעם דרויסנדיקן קרײז פון די עקזאָטיק־חסידים צום קרײז פון די חסידים פון לפני־ולפנים, און עס שאַלט אויף אַ רוף מיט פלאַטערניש: קידוש־השם! די גאַנצע װעלט ציטערט פאַר מענדעלען, און פאַרשװינען, װאָס האָבן נאָך פון פריִער געציטערט פאַר אים, האָבן איבערגעזעצט אײן בוך זײנעם אויך אויף פּויליש! כ׳האָב געזען דעם דאָזיקן פּרט אונטערגעשטראָכן און אַקצענטירט אין אַ סך מאמרים, און אויך אין ענציקלאָפּעדיעס, זיך אַ ביסל פאַרשעמט. װאָס איז דאָ די גדולה! אינעם קינדערישן פּעריאָד פון אונדזער נײער העברעיִשער ליטעראַטור איז בײ אונדז אין הויז גרויס געװען די שימחה, װען מ׳האָט אויסגערופן די גרויסע בשורה, אַז אײנע פון פּרץ סמאָלענסקינס דערצײלונגען, דאַכט זיך „קבורת חמור״, איז איבערגעזעצט געװאָרן אויף אײראָפּעיִשע שפּראַכן.

פאַקטיש איז די דערציילונג געוואָרן איבערגעזעצט אויף אַ שלעכטן אופן, און פראַגמענטנווייז, און בשעתו געדרוקט אין אַ וואָכנבלאַט אין דער דייטשישער שפּראַך „מאַגאַזין פיר די ליטעראַטור דעם אויסלאַנדס". אין יענער וואָכנבלאַט זענען געוואָרן געדרוקט איבערזעצונגען פון אַלע ווייטע ליטעראַטורן צוליב עטנאָגראַפיע, צוליב קוריאָזיטעט. יענע צייטונג האָט זיך באַדאַרפט פרייען, וואָס זי האָט דערין זוכה געווען, ווייל די דערציילונג איז באמת אַן אויסערגעוויינלעך גוטע, און נישט מיר דאַרפן אויספּויקן וועגן דאָזיקן „נצחון" ווי וועגן אַ נס און אַן אויטאָריטעטע אונטערשטיצונג, אַז סמאָלענסקין איז געווען אַ טאַלענט, והאַ־ראיה, יענער גוי האָט אים געגעבן סמיכות. דאָס איז געווען אין אונדזער קינדהייט־פּעריאָד, אָבער אַזאַ בטלנישע קינדערישקייט איז נישט צו דער צייט איצטער, ווען מיר ווייסן, אַז די אַרבעט פון איבערזעצן איז נישט תמיד קיין פעסטער באַווייז אויף דער הויכער ווערט פון דער איבערגעזעצטער זאַך, אז אָט דער עניין, צי אַ בוך ווערט איבערגעזעצט, אָדער בלייבט אין איין אָריגינעלער שפּראַך נישט איבערגעזעצט איז אויך אָפּהענגיק פון מזל, פון צופאַל, פון געשעפט, פון דער קאָניוקטור פון אַרויסגעבער, פון פּראָטעקציע און רעקאָמענדאַציע, פון אינספּיראַציע, פון מאָדע. האָט דער גרויסער שרייבער מענדעלע מוכר ספרים דאָס געדאַרפט האָבן, מיר זאָלן דערפון ברענגען אַ ראיה אויף זיין טאַלענט? — וויפל האָבן געשריבן און ווידער אַ מאָל געשריבן אין זייערע דעפיניציעס צו דער אויפלאַגע פון מענדעלעס ביכער, און איבערגעחזרט אין באַזונדערע מאמרים און צום דריטן מאָל אין ענציקלאָפּעדיעס, אַז מענדעלע איז אָנגענומען געוואָרן אין „אייראָפּע", און ס'איז געקומען דער באַווייז דערויף, אַז קלעמענס יונאָשאַ האָט איבערגעזעצט אויף פּויליש זיין „מסעות בנימין השלישי". אָט די ליטעראַטור־קריטיקער וואָלטן געווען באַדאַרפט וויסן אַ ביסל מער, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך קלעמענס־יונאָשאַ, און וואָס איז געווען דער מאָטיוו פון זיין איבערזעצן. קלעמענס־יונאָשאַ איז זיין נאָמען, אַ שרייבער פון דער זעקסטער, אָדער זיבעטער מדרגה און אַ שטאַרקער אַנטיסעמיט. אָט־אָ דער פאַרשוין, וועלכער האָט געשריבן אייגענע אַנטיסעמיטישע געמיינהייטן, לאַנד־פּראָדוקציע, האָט פאַרטראַכט, ווי ער אַליין האָט פאַרעפנטלעכט וועגן זיך, „צו לערנען זשאַרגאָן", כדי אַריינצודרינגען אין די יידישע יסודות, און האָט געפונען די „ימים אין דער מידבר", ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויך מענדעלע טאַדלט די יידן, און דאָס מודה זיין זיך פונעם בעל־דין איז גלייך ווי הונדערט עדות.

נעמט אַוועק פון דאַנען דאָס גאַנצע אָנגעבלאָזענע פּראָזעאָלאָגישע צאַצקענעז זיך, וואָס אונדזער עקזאָטיק מאַכט מיט אירע גוזמאות; און באַזונדערס

נעמט אַוועק פון דאַנען קלעמענס־יונאָשאַן, וואָס זיינע שבחים פאַר אַבראַמאָוויטשן זענען, אייגנטלעך, רעקלאַמע פאַר זיך אַליין. אַבראַמאָוויטש דאַרף נישט האָבן אָט די קונצשטיק! ער איז אַליין געבענטשט אַזוי ווי ער איז: אַ העברעיִשער שרייבער, אַ יידישער שרייבער, מיט זיין גרויסן עולם, וואָס פאַרשטייען אים מיט אַלע זיינע תגין און וואָס קענען אָט דאָס ייִדישע לעבן וואָס ער האָט געשילדערט, און וועלכע אַכטן און האָבן אים ליב. „מיר לערנען נאָר פון דעם, וואָס מיר האָבן ליב" — האָט געטע געזאָגט. ס'איז אַ קלאָרע זאַך, אַז אַבראַמאָוויטש האָט געהאַט בענקשאַפטן צו יענע לעבנספאָרמען, וואָרעם אָן זיי, וואָלט ער זיי נישט געווען געקאָנט שילדערן אויף אַזאַ שטאַרקן אופן.

ס'איז אַ וווּנדערלעכע זאַך, אויף וויפל די גאַנצע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור איז געבונדן מיטן פאָלקסטימלעכן און רעליגיעזן געטאָ. וואָס וואָלט אָט די גאַנצע בעלעטריסטיק געשילדערט, פון וואָס וואָלט זי אויפגערודערט און באַאיינדרוקט געוואָרן, וואָס וואָלט זי פעיִק געווען צו קריטיקירן און אַנאַליזירן, מיט וואָס וואָלט זי זיך בכלל פאַרנומען, ווען נישט יענע ייִדן מיט גלופסק, מיט זייער ספּעציפישער קולטור, מיט זייער פרומקייט און מינהגים, מיט זייערע אוצרות זכרונות, מיט זייער אַנדערשקייט און אָפּגעזונדערטקייט? פאַר וועלכער וועלט, אויסער דער, וואָלט אָט די בעלעטריסטיק געטויגט צו דינען פאַר אַ שפּיגל? וואָסער אַנדער שטאָף וואָלט זיך געפונען פאַר אַלע שאַפונגען? זי איז דאָך אין גאַנצן אָפּהענגיק פון דער געטאָ־אָרטאָדאָקסיע, ווי אַ פלעמל פונעם קנויט. וואָס וועסטו שרייבן, און וועמען וועסטו שילדערן אויסער זיי? יענע ייִדן, וואָס האָבן זיך אַסימילירט, און זייער פּוסט לעבן, וואָס האָט נישט קיין פאַרב און קיין שורש? אַ גלאַטע לאָקשנברעט, נישט־באַשריבן פּאַפּיר, ביליקע נאָכמאַכונג! צי וועסטו גיין זיך פאַרמעסטן מיט דער אַלגעמיינער בעלעטריסטיק, צו פאַרנעמען זיך שילדערן די נישט־ייִדן? פּירסטו שטרוי קיין מצרים! צי דען נייטיקן זיך די נישט־ייִדן און זייערע ענינים, אַז אונדזער בעלעטריסטיק זאָל זיך מיט זיי אָפּגעבן? „גראָטאָגאָרסק" דאַרף נישט מענדעלען; שטשעדרין איז אין איר באַהאַוונטער. וואָס פאַר אַ קינסטלערישן אויסדרוק וואָלט אונדז געקאָנט געבן, למשל, איזראַעלס, ווען די סופרים וואָלטן נישט געווען אין זיין באַאָבאַכטונגס־קרייז? און וואָס וואָלט ישראל זאַנגוויל אַנטפּלעקט מיטן כוח פון דער קונסט און דערפרייט מענטשלעכע געמיטער מיט זיין חנוודיקן הומאָר און וויץ, ווען ער וואָלט נישט האָבן פאַר די אויגן די ייִדן פון ווייטשעפּל? צי דען איז פאַראַן אָריגינאַליטעט, פּאָעזיע און הומאָר ביי די רייכע ייִדן און די יונגע בחורימלעך וועלכע האָבן זיך אַסימילירט

מיט אַנדערע? דערפֿון דרינגט, אַז דער אינערלעכער בונד צווישן דער ייִדישער קונסט און דעם ספּעציפֿישן פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט לאָזט זיך נישט פֿאַנאַנדעררייסן. אמת, סע זענען פֿאַראַן אַ וועלכע ס'איז וועלטלעכע זייטן אין דער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט, ווי דאָס לעבן פֿון די הויזירער, אָדער דאָס לעבן פֿון די באַלעגאָלעס און דעסגלייכן. אָבער אָט די זייטן וועלן נישט גענוגן פֿאַר דער קונסט מיט זייער באַגרענעצטער צאָל, און נאָך ווייניקער דערפֿון מיט זייער מהות, ווייל די קונסט דאַרף האָבן פּאַטאָס, און פּאַטאָס פֿילט אויס נאָר דער רעליגיעזער יסוד. צי וואָלט יוסף איזראַעלס געקאָנט פֿאַרקערפּערן די ייִדישע פּראַכט אין אַ בילד פֿון אַ וועלכן מאַרקמענטשן, ווי ער האָט עס פֿאַרקערפּערט אין זיין בילד פֿונעם סופֿר, הגם אויך דער מאַרקמענטש פֿאַרמאָגט אייניקע שטריכן פֿון אַ ספּעציפֿישן סטיל? פֿאַר עטנאָגראַפֿיע זענען גענוג אַזעלכע שטריכן, אָבער נישט פֿאַר דיכטונג און קונסט.

דערום איז דער קראַנץ, מיט וועלכן איך פֿאַרפֿוץ אַבראַמאָוויטשעס קאָפּ, נישט קיין רעאַליסטיש שטשעדרינישער.

דעם תמימותדיקן פּסעוודאָנים „מענדעלע מוכר ספֿרים", קאָן מען נישט איבערזעצן ווייל דאָס זענען נישט קיין ווערטער, נאָר אַ באַגריף פֿון אַ צעווייטיקט־באַליבטע געשטאַלט נעבן בית־מדרש מיט זיין קליין וועגעלע, ווי אַ לייוונטן געצעלט, געשפּאַנט צו אַ מאָגערער קליאַטשע מיט אַרויס־געשטאַרצטע ריפּן, אויף וועלכער מיין מוכר־ספֿרים (ביינוש האָט ער געהייסן) האָט אויף איר גוזר־תענית געווען. אַ באַזונדער צניעותדיקער חן איז געווען אויסגעגאָסן אויף אָט דער וואַנדערנדיקער ביבליאָטעק, ווי אויף דער שכינה אין גלות. הייליקע זאַכן, ספֿרים!

— רב ביינוש! רב ביינוש! — איז דער בית־מדרש פֿול געוואָרן מיט באַוועגונג, געזשום און געשעפּטש פֿון ישיבה־בחורים, ציטער פֿון וויסנגיריקייט און נייגער, ליידנשאַפֿט־פֿלאַטערניש צום „בייעם אויסלייזנדיקן וואָרט", דאַרשט צו די דרוקערייען פֿון רב נתן שריפֿטגיסער, רב איטשע בעל־מגיה (יצחק גאָלדמאַן), דעם פֿאַרלאַג פֿון דער אלמנה און ברידער ראָם...

און איך ווער אַריינגעוואָרפֿן, ווי אין אַ זודיקן קעסל, ווען די לייוונטענע בויד ווערט צענומען, און מיין קליאַטשע אינעם געשפּאַן פֿונעם מוכר־ספֿרים נעמט פּאַטשן מיטן עק מחמת פֿאַרגעניגן, האָפּט אויף אַ בינטל היי נאָכן טילטול־הדרך.

— רב ביינוש! רב ביינוש! — אַ קליין, מאָגער ייִדל, הויט און ביין, פֿירט סחורה־תורה פֿון שטאָט צו שטעטל, פֿון בית־מדרש צו בית־מדרש. ס'באַפֿאַלט אים אַ הוסט. ער האָט זיך אין וועג פֿאַרקילט. מיר ווילן אים אַריינפֿירן אין

בית־מדרש צום אויוון. מע לייגט אים פאַר אַ טשייניק טיי. אָבער אַלע קורחס אוצרות וועלן אים נישט רירן פון זיין בויד. ער איז אומרויִק פאַר זיינע ספרים.

— האָט איר עפּעס אַ ניי ספר פון מיינעט וועגן? — לאָק איך אים מיט אַ פראַגע, וואָס שמעקט מיט פּרנסה.

ער שטעלט אָן אַ תמימותדיק פּנים:

— ס'איז דאָ ביי מיר תהילים, תהילים מיט מעמדות... חומשים — מקראות גדולות...

— אָבער אַ ניי ספר, רב ביינוש! — בעט איך אים.

— אַ „חידושי הרי"ם"... פריש פון דרוק אַרויס — פּישטשעט ער איבער מיר, ווי ער וואָלט מגלה זיין אַ סוד־כמוס, אַרויסצוּזָאגנדיק, נישט פונעם וואָגן נאָר פון זיינע ברייטע אַרבל דעם פאַליאָ, אַ נישט־איינגעבונדענער, פייכטלעך אַ ביסל, ווי ס'וואָלט זיך געלייגט אויף אים די ראָסע.

— וויפל?

— צען גילדן!

דער באָדן האָט אַ ציטער געטאָן אונטער מיינע פיס.

— רב ביינוש — רעד איך צו אים ווייך און מיט געבעט — ווער פאַרמאָגט עס צען גילדן, סאַראָ לץ איר זענט! באָרגט מיר אויס דעם ספר אויף אַ חודש, אויף אַ וואָך, כ'על אים אייך אָפּגעבן!

ער האָט צו מיר אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן און איינגערוימט אין אויער:

— נאָ, נעם און גיי, נאָר זאָג נישט קיינעם, וואָרן אַנישט וועלן אַלע פאַרלאַנגען אומזיסט!

כ'האָב זיך אָוועקגערוקט און בין פאַרשוווּנדן; אָבער דער סוד איז באַוווּסט געוואָרן, און ער איז אַרויס נקי פון אַלע זיינע נייע ספרים.

ער האָט אויך געהאַט, אונדזער „בראָקהויז", הורטגעשעפטן — פלעגט צושטעלן חומשים פאַר תלמוד־תורות און איינציקע גמרות פאַר מלמדים, תהילימס פאַר „חברה תהילים" — אַן אויסגעצייכנטע קליִענטור, אַלץ אויף באָרג. קיינער האָט נישט באַצאָלט. דין־תורות ביים רב.

— ווי צו מיר, — האָט ער מיר אַריינגעקרעכצט אין די אויערן — איך מוז לייען און באַצאָלן, שרייבן און מעקן, מַיינע בני־בית הונגערן, און די קליאַטשע...

אַז מ'האָט אים געזאָגט, אַז אין דער תלמוד־תורה זענען פאַראַן יתומים, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. — און געגעבן „צען זאַץ חומשים" און מוסיף געווען — אַז אַ מוכר־ספרים, בין איך שוין, חלילה, קיין ייִד נישט?

גיי דערצייל די נישט־ייִדן, וואָס ס׳איז אַ ייִדישער מוכר־ספרים, וואָס איז מענדעלע, און וואָס איז מיין ביינוש! פּרוּווט „מאַכן שבת" דורך אַ נישט־ייִדישן איבערזעצער, און גיט איבער די זאַכן צו „יוּנאַשאַן", ער זאָל זיי מיטטיילן דער וועלט!

[ב]

אומזיסט מיען זיך קריטיקער אַרויסצוברענגען דורך זייער פּילפּול אַבראַ־מאָוויטשן אין איין גלייכער ליניע. ער איז נישט קיין איין גלייכע ליניע, נאָר אַ געאָמעטריש פּילווענטלדיק געמעל, קרייזן אין קרייזן, אַ קאָנגלאָמעראַט פול ענדערונגען, און אַ קאָלירן־געמיש, ווי די קאָלירן פונעם רעגן־בויגן אינעם וואָלקן. זיין טאַלענט איז נישט אַרויסגעשפּרונגען מַיט אַ מאָל, און מיט איין פּלייץ, פון די טיפענישן פונעם פאַרבאָרגענעם קוואַל, נאָר האָט זיך כסדר, אָן אויפהער אַליין באַאַרבעט. דאָס איז באמת געווען אַ מענטשלעכע, אומ־דערמידלעכע קולטור. ער האָט געבויט זיינע וועלטן און זיי צעשטערט; פאַרריכט און געענדערט, פאַרטוישט און אויסגעבעסערט, זיך באַנייט און פאַרפולקאָמט; איז אַריבער פון העברעיִש צו ייִדיש, און פון ייִדיש צו העברעיִש, פון דער תנ"ך־שפּראַך צו דער מישנה־שפּראַך, און ווידער צוריק. נישט נאָר אין דער שפּראַך, נייערט אויך אין דעם אופן פון טראַכטן און דענקען, אויסשניצן און אויסמאָלן. ער איז נישט געווען איין שרייבער, נאָר אַ שורה דורות. מע קאָן נישט פעסטשטעלן קיין כימישן פאָרמול פון אַ פּיל־זייטיקער ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט, אַ קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנ־טערטע, ווי אַבראַמאָוויטש. אָט ווען מיר פּרוּוון, בלויז נאָענט זיך האַלטנדיק און לויט השערה און אומגענויער אָפּשאַצונג, מער דורך אינטויִציע, איידער דורך אַ ביבליאָגראַפיש־דאַטירט־סטאַטיסטישער פאָרשונג — וואָס עס זעט אויס, וואָס מיר דאַכט זיך אין דער וויזיע.

די האַרבקייט, דאָס טרוקנקייט און די געוואַגטקייט, די באַגרענעצטקייט, די פעסטקייט און איִנטענסיווקייט, די אַסקעטישע אָרעמקייט און די דורך איר סטימולירטע מַיזאַמטקייט, דער גרויסער פלייס פון אַן עמיגראַנט, אָדער געצוווּנגענעם און גרייטן צו עמיגרירן — אינעם געראַנגל פון דעם קיום און דער קאָנקורענץ; די ביזן לעצטן אויסגעשאַרפטע שאַרפזיניקייט, אַ געוואָנ־דענע אין זיך אַריין, כמעט ביזן איראָניע־סובלימאַט, און אַלע אַנדערע גייסט־אייגנשאַפטן, וואָס צייכענען אויס דעם געניוס פונעם ליטווישן ייִדנטום, פון איין זייט; און פון דער צווייטער זייט: די רחבות און באַקוועמ־לעכקייט די תמימות און די נאַכלאָזיקייט, די נאַטירלעכע רייכקייט פון די ריזיקע שטרעקעס, דער מאַסעווער און פילפאַרביקער דלות (דער טאָרבעשער,

ווייל צום ווייניקסטן איז פאַראַן אַ גרויסער שטח צום וואַנדערוועון), די פּאָעטישקייט פון די זאַפטפולע לאַנדשאַפטבילדער, און דערפון אויך פּרומ־קייט, וואָס שוועבט, ווי אַ ווונדערפויגל, איבער די קאָמפּאַקטע ייִדישע ישובים צווישן די כאַכאָלן און די סטעפּעס, און די אַנדערע אייגנשאַפטן פון דער אַלגעמיינער נאַטור און דער כאַראַקטער פונעם ייִדן פון קליינרוסלאַנד, וואָס הייסט היינט אוקראַינע, — אָט דער־אָ צונויפנעם איז דער פונדאַמענטאַלער צוזאַמענשטעל אין שלום יעקב אַבראַמאָוויטשעס פּערזענלעך־ליטעראַרישן כאַראַקטער.

גיט נאָך צו צו דעם דעם פּעריאָד אינעם אַלגעמיינעם רוסלאַנד און אין דעם פילמיניקן ייִדנטום מיט די לענדערייען און גרופּן אין איר, דעם סוף פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און דעם מאָרגנשטערן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס אויפגלאַנץ, ס׳הייסט דעם סוף פון דער באַנאַגלטער אונטערדריקונג, די ווערגנדיקע צוואַנג פון טויזנטער לאַוון, דעם סוף פונעם רעזשים פון פּויערים־פאַרשקלאַפונג, און דעם אָנהייב פון די פרייהייטן און פאַרלייכטערונגען, מיט די לעצטע פלעמלעך פון דער פּויערים־פּאַנשטשיזנע, וועלכע איז בטל געוואָרן אין די געזעצן און דויערט אין דער ווירקלעכקייט, און די קווענק־לעניש — אין באַציִונג צו די ייִדן; און דעם עפּיגאָנישן פּעריאָד פון דער עקזיסטענץ פון אַ קהל, וואָס איז אונדז אין פּוילן נישט באַקענט געוועזן, און מיר דאַכט זיך, אַז די רויבעריי (ביי סאַלטיקאָוון: „כישניטשעסטוואָ״) פון דער העסלעכסטער ביוראָקראַטיע אויף דער וועלט, איז די פון די צאַרן; מיט יענעם קולאַקישן טיפּ אין געשטאַלט פון שתדלנים און ראשי־קהל, וואָס זענען אונדז אין פּוילן נישט באַקענט געוועזן, און מיר דאַכט זיך, אַז זיי זענען נישט באַקענט געוועזן אויך די ליטווישע ייִדן, אָבער שוין זייער אין אוקראַינע, וואָס איז געוועזן פאַרגרעבטער און צוגעפּאַסטער פאַר אויסנוצונג און איזדיעקוועון און אויפכאַפּוועון יענע אַלע גיפטיקע געוויקסן, וועלכע וואַקסן אַרום דעם בלאָטיקן זומפּ פון אַ געדיכטן ייִשוב אַן עקספּלאָאַטירטן דורך אַ רשעותדיקע רעגירונג — דער ייִאושדיקער מצב, וועלכן סאַלטיקאָוו האָט (אין זיין „גובערנסקיע אָטשערקי״) אָנגערופן „פולשטענדיקע צעמי־שעניש״ („אָדין קאַנפוזן!״); „ס׳איז שווער צו גיין פאָרויס, און מע קאָן נישט גיין אויף צוריק״.

און גיט נאָך צו צו אָט די: די רוסישע ליטעראַטור, וועלכע איז אין יענעם פּעריאָד געוועזן כמעט אין גאַנצן ביי גאָרן צענזור־דעספּאָטיזם און דעם פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע דאָס אויסדערוויילטסטע פון די בעסטע פרישע ליטעראַרישע כוחות — איין גרויסער פּראָטעסט קעגן דער פאַרקנעכטונג און דער רויבעריי און איין מעכטיק לויבגעזאַנג לכבוד דער פרייהייט און דער

מענטשלעכקייט. און אויסצורעכענען בלויז אַ צוויי־דרייביישפּילן, דעם איינפלוס פון נעקראַסאָוון, דעם פּאָזיטיוויסטיש־ראַדיקאַלן קריטישן גאַנג דאָבראָליובאָווס, פּיסאַרעווס, נ. נ. מיכאַילאָווסקיס, ק. אַרסעניעווס, א. נ. פּופּינס און דעם גרעסטן בעל־השפּעה סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, און יענע גאַנצע דעמאַסקירנדיקע ליטעראַטור („אָבליטשיטעלנאַיאַ ליטעראַטוראַ״), וועלכע האָט זיך אויך באַנוצט (אַ סך פריִער פאַר דער „קליאַטשע״) מיט משלים און רעטענישן, ווייל אויף אַן אַנדער אופן איז נישט מעגלעך געווען אַנצוווייזן אויף די פאַרדאַרבנקייטן. אָבער דאָס „אינטעליגענטע״ פּובליקום (וואָס איז געווען בעיקר אַ רוסישער באַגריף אויפן גרונט פון איר ספּעציפישער אינערלעכער אַנטוויקלונג) האָט פאַרשטאַנען די משלים־שפּראַך, און ס׳איז געווען אַ געהיימער גייסטיקער בונד צווישן די רוסישע שרייבער און יענער „אינטעליגענץ״, און זעגען געווען פאַראייניקט און געמיינשאַפטלעך אין איין שטרעבונג און אין איין טאַקטיק, אין דער שטרעבונג אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון דער רשעותדיקער הערשאַפט, און אין איין טאַקטיק — צו פּראָטעסטירן, אויב נישט עפנטלעך, איז צום ווייניקסטן: דורך שטעכווערטער און בייסווערטער, אַנצוהערענישן און אַנווינקענישן קעגן אַלץ וואָס דאָס רשעותדיקע מלכות טוט און אַרויסשטעלן אויף לייטיש געלעכטער — אויב נישט די גובערנאַטאָרן, וואָס דער רעזולטאַט דערפון איז געווען סיביר, אָדער תפיסה, און ווער ווייס אויב נישט אויך פייניקונג („פּיטקאַ״), איז יעדנפאַלס די „טאַשקענטער אַדונים״, די „פּאָמפּאַדורן״, די „מרה־שחורהניקעס״ („כאַנדריאַשטיע ליודי״, דער אויסדרוק, וואָס איז אַרויס אויך פון אונטער אַבראַמאָוויטשעס פען, אויפקלערנדיק דעם ענין פון זיין טאַרבע) און די אַלע אויסדרוקן פון דער אינעווייניקסטער אינטעלעקטועלער איבערקערעניש, וועלכע איז געוואָרן אַ מין אמונה, און נאָך מער אַ מין גאָטהייט, וואָס פאַרטראָגט נישט דעם מינדסטן צווייפל, ווייל זי איז אומרוִיק וועגן איר גרויסקייט און אומפעלערהאַפטיקייט. ווייל דאָס איז נישט געווען, בעצם, קיין שולע, ווי, למשל, קאַנטס אין פראַנקרייך, אָדער פיכטעס, אויף דער צווייטער זייט, אין דייטשלאַנד; נאָר אַ פאַרצווייפלטער קאַמף, אַן שטעכווערטער, מיט פאַרבאַרגענער שינאה, מיט אַ באַשטימטער פּאָזיציע.

אָט דער „רוסישער אינטעליגענט״, אָט דער „שרייבער״, אָדער „סטודענט״, מיט אַ גוזמאדיקער מאָס אידעאַליזם ביז מסירת־נפש, מיט אַ ריזיקע מאָס ריינקייט און פּרישות, אַסקעטישער עקשנות, און אין אַ סך פאַלן מיטן אָרעאָל פון מאַרטירער פאַר זייערע מיינונגען, איז באמת געווען די איינאונאיינציקע פּרעכטיקע פּרוכט, וואָס ס׳האָט אַרויסגעבראַכט דער געהיימער און טיפער קאַמף צווישן דער דערדריקנדיקער פאַרשקלאַפונג און דעם דאָרשט נאָך

פרייהייט. אָט דער איידעלער גייסטיקער טיפּ איז אַפילו פאַר זיין צייט נישט פאַרשטאַנען געוואָרן אין אַנדערע לענדער און קולטורן; היינט איז ער כּלל נישט פאַרשטענדלעך; אין רוסלאַנד גופא איז ער געשטאָרבן — און ריכטי־קער, מגולגל געוואָרן און זיך פאַרטווישט אויף אַנדערע. יענער „רוסישער סטודענט" מיט די פאַרטראַכטע אויגן און גלאַטע אָראָפּגעלאָזטע האָר, מיט דער בלוזע און מיטן פּאַסעק איז — צום באַדויערן! אַוועק פון דער וועלט. זיין פּלאַץ האָט פאַרנומען דער באָלשעוויק, אָדער דער נאַצי; דער גלייבט אין אַ פולשטענדיק נייער מענטשהייט, און דער — אינעם זיג פון דער פולשטענ־דיק אַרישער „בלאָנדהאָריקער חיה"; און וואָס צווישן זיי בײדע — איז סתם אַ שילער, אַ שטרעבונג צו אַ דיפּלאָם, נישט זאָרגנדיק וועגן דער מענטשהייט, אָדער דער „ראַסע". אויב איר וועט וועלן דערציילן, למשל, אַן ענגלענדער, וועגן „אינטעליגענץ" — זייט געהיט, ער זאָל קיין טעות נישט האָבן אין אייערע רייד און טראַכטן, אַז איר רעדט וועגן שפּיאָנאַזש, ווייל דאָס איז דער טייטש פונעם וואָרט „אינטעליזשענס" אויף ענגליש. און אויב ער איז נישט קיין פּראָסטאַק און אַ שטאַרק אומצוטרוילעכער, וועט ער אייך נאַיִוו אַ פרעג טאָן: וואָס שיקט זיך זאָגן „אינטעליגענט" וועגן אַ גרופּע? יעדער מענטש, אַפילו אַ בעל־חי, איז „אינטעליגענט", — בלויז צווישן אונדז, ייִדן פון געוועזענעם רוסלאַנד, טליעט נאָך דער פונק פונעם „רוסישן אינטע־ליגענט" אונטערן אַש פון זכרונות און מיטן כּוח פון דער געוווינהייט, נישט געקוקט אויף דער ענדערונג פון די צייטן און די ערטער.

כּדי צו פאַרשטיין אַבראַמאָוויטשן און דעם גרעסטן טייל פון זיין ליטע־ראַטור־געביי און זיין גייסט, באַזונדערס פון זיינע ערשטע פּעריאָדן, דאַרף מען פאַרשטיין דעם גייסט פון דער תּקופה 1840 — 1870 אין רוסלאַנד, נישט כּדי זיך צו גריבלען אַ בטלניש־ביבליאָגראַפיש גריבלעניש און דערווייזן, אַז דער טיפּ פון דער „טאַקסע (1869) און פונעם „פּריזיוו" (1884) און אַ ביסל אַפילו פונעם „דאָס קליינע מענטשעלע" זענען די געשטאַלטן געשיל־דערטע אין די „בריוו צו דער מומען". ניין! אַבראַמאָוויטש איז געווען אָריגינעל, אויף וויפל אַ שרייבער אַ באַווירקטער פון דער סביבה קאָן זיין אָריגינעל — נישט אין אָריגינעלקייט (1864) האָבן זיי אַ פאַרבילד צווישן די „טאַשקענטער" און די „פּאָמפּאַדורס" און פון אַריסטאָטעלן, שפּינאָזען, קאַנטן; נייערט אין דער אָריגינעלקייט פון סאַלטיקאָוון אַליין, פון וואָלטערן, פון הויפּטמאַנען און פון גוסטאַוו פרייטאַג (צו וועלכן ער איז שטאַרק ענלעך מיט זיין וויזיע, מיט זיין באַנעם, מיט זיין שטייגער דערציילן און סטיל, הגם איך בין כּלל נישט זיכער, אַז ער איז געווען באַהאַוונט אין זיין שרייבן). איך שטעל נאָר פעסט, אַז ער איז געווען אַ זון פון אונדזער פאָלק און אַז מע

טאָר אים נישט פֿאַראייניזאַמען, און אַז מע קאָן אַפֿילו נישט פֿאַרשטיין זיין כאַראַקטער אין זיין גאָרער טיף, אַוועקקוקנדיק פֿון זיין סביבה. ער איז נישט געווען שטשעדרינס אַ תּלמיד, נאָר אַ מין ייִדישער שטשעדרין, מיט זיין קריטישער טענדענץ, מיט זיינע שילדערונגען, זיינע אַנטדעקונגען, מיט זיין אַרומנעם, מיט זיין ענציקלאָפּעדישקייט, מיט די האָריזאָנטן פֿון באַטראַכטונג, מיט זיינע בילדער, וואָס באַפֿאַרבן זיינע דערציילונגען, און מיט זיין גרויסן און ריזיקן אַרבעטס־כּוח.

דער פֿאַרשטעלונגס־עלעמענט, ס׳הייסט דער פֿאַנטאַסטישער, וועלכער איז ביי אים זייער שכיח, שוואַכט נישט אָפּ און מאַכט נישט שיטערער, נאָר פֿאַרשטאַרקט און מאַכט פֿעסטער דעם רעאַליזם אין זיין סאַטירע. דורך די גוזמאות, וועלכע זענען טייל מאָל ווי בערג, וואָס הענגען אויף אַ האָר, פֿינקלט דורך דער אמת מיט אַ גלאַנצנדיקער שיין; און די גוזמאות גופֿא — אויב זיי זענען נישט אַלע קיין פֿינקטלעכע שילדערונג פֿונעם לעבנס־שטייגער, זענען זיי אַ פֿאַרויסטרעפֿן די צוקונפֿט. צווישן די צענער טויזנטער דפֿים, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעשריבן, געפֿינען זיך — ס׳איז לגמרי נישט נייטיק פֿאַרבייצוגיין אָט דעם פֿאַקט מיט שווייגן! — אויך אַזעלכע, וואָס דער ערלעכער קריטיקער, וואָס ס׳איז נישט פֿאַראַן ביי אים קיין נשיאת־פּנים און ער איז נישט יוצא זיין פֿליכט מיט סתּם־פּאַנעגיריק, וועט מוזן אַריינרעכענען זיי אינעם זשאַנער פֿון די קאַריקאַטורן. אָבער מע קאָן נישט פֿאַראורטיילן דעם ריזיקן סכום לויט ווייניק קערנדלעך, וואָס זענען אַן אויסנאַם. אמת, עס געפֿינען זיך ביי אים אויסדרוקן בייסיקע און איבערטרייבנע, אָבער בלויז אין סאַטירישע ערטער. מע דאַרף נישט פֿאָדערן קיין גרויסע איידלקייט און העפֿלעכע פֿינקטלעכקייט פֿון דער סאַטירע. וויקטאָר הוגאָ איז נישט אַראָפּגעשטויסן געוואָרן פֿון זיין הויכקייט ווי דער געניוס פֿון דער דיכטונג צוליב דעם וואָס ער האָט אין אַ פֿאַרביטערטן און איבערגעאיילטן פּאָלעמיק מאָמר פֿאַרגלייכט זיין קעגנער (נאַפּאָלעאָן דער דריטער!) צו אַ „חזירל, אַ פּראַנט, וואָס פּיינערט זיך אויס אין אַ פֿעל פֿון אַ לייב״; ס׳איז דערפֿון נישט געדרונגען, אַז יענער קעגנער, וויקטאָר הוגאָס בר־פּלוגתא, איז דורכאויס געווען אַ „חזירל״ אאַ״וו.; ס׳איז אַפֿילו נישט געדרונגען דערפֿון, אַז וויקטאָר הוגאָ האָט באמת־ובתמים אַזוי געטראַכט; בייערט ער האָט אַזוי געשריבן אין אַ געוויסן מאָמענט און אין אינספּיראַציע פֿון פּאָלעמיק. יווועניאַל איז אָנגענומען געוואָרן — נישט נאָר ווי איינער פֿון די קלאַסיקער פֿון דער רוימישער ליטעראַטור, נאָר זיין בוך איז אָנגענומען געוואָרן ווי אַ לערנבוך פֿון דער רוימישער ליטעראַטור אין אַלע שולן אויף דער וועלט, הגם ס׳זענען פֿאַראַן אין אים זאַצן, וואָס אונדזערע חכמים פֿלעגן

זאָגן אויף זיי דאָס באַוווּסטע ווערטל: „דער פּסוק האָט פאַרדרייט אַ סך אותיות, כּדי נישט אַרויסצוברענגען אַ העסלעך וואָרט פון מויל“... אַלע גרויסע שרייבער, וואָס זענען געווען אויף דער וועלט: היינע, בערנע, וואָלטער, באַרביע, ב. ל. קאָדיע, און דער, וואָס ס'איז כמעט נישטאָ זיין גלייכן ווי אַ גרויסער דערציילער, באַלזאַק, און דער וואָס ס'איז כמעט נישטאָ זיין גלייכן אין נשמה־דערהויבנקייט פון מאָראַל און יושר, טאָלסטאָי, דער אַלטער, און דער וווּנדערבאַרער אין דער העכסטער שיינקייט פון בילדלעכ־קייט, העענריק סענקעוויטש, און גאָרקי! דער טיפער, דער עושר אין גייסט־אינספּיראַציעס, און דער לייכטער טשעכאָוו, דער גאון פון געפּלאַטער, און דער מיסטישער מעטערלינק — אַלע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין די זינד פון „קאַריקאַטור“, ווייל ס'זענען דאָ אין זייערע ווערק פראַגמענטן, וואָס ליידן דערויף.

ס'זענען פאַראַן ביי אַבראַמאָוויטשן אַ סך נישט־דערזאָגטקייטן, האַלבע ווערטער, משלים; אָבער אָט די זענען צופעליקייטן, און באַשטענדיק הערט זיך זיין רעדן אויף אַ הויך קול, קלאָר און פריי. ס'זענען אויך פאַראַן ביי אים איבערחזרונגען, נישט צוויי דריי מאָל, נאָר מער און מער; אָבער נאָר אין די ערטער, ווען דער ענין איז פאַר אים פון גרויסער ווערט, און ער וויל אים איינחזרן דעם לייענער. אין דעם זין איז ביי אים שטאַרק די דידאַקטישע מאָס, ווייל צי ער האָט מער אָדער ווייניקער זיך פאַרנומען מיט זיין אומנות, אָבער בטבע איז ער געווען אַ לערער, האָט זיך געגרייט צו זיין אַ לערער, אַן אויפזעער אויף לערער, ווי אַ סך פון די רוסישע אינטעליגענטן פון זיין דור און די חברים פון זיין שול. און אָט די רמזים און משלים זענען געווען געמיינשאַפטלעך פאַר אַלע שרייבער אין רוסלאַנד צוליב דער צענזור. צופעליק איז מיר באַקאַנט איין קאַפּיטל פון אַבראַמאָוויטשעס פלאָגענישן צוליב זיין „קליאַטשע“. מע קאָן שרייבן אַ נייע „קליאַטשע“ איבער דער טערמינאָלאָגיע פון דעם בוך „די קליאַטשע“, וואָס איז געוואָרן פאַרבאָטן און ווידער דערלויבט אויף דער העלפט, און ווידער אַ מאָל פאַרבאָטן, און ס'האָבן זיך געטוישט די ממונים אין יענעם ראַטאַמט, וואָס האָט געהייסן „אַמט פאַר דרוק־ענינים“ („אופראַוולעניע פּאָ דעלאַם פּיעטשאַטי“), און ס'האָט זיך צום גוטן מזל אָפּגעפונען עפּעס אַ „יאַסיע מעג“, אַן אָרנטלעכער רוס, וועלכער האָט דערלויבט דאָס בוך אין זיין ייִדישן אָריגינאַל, אָבער פאַרבאָטן זיינע איבערזעצונגען, און פאַרגעלייגט דעם אָרעמען אויטאָר אים „אויסצובעסערן“, און אָט די אויסבעסערונג זיינע איז, פאַרשטענדלעך, געווען זיין פּלאָג, און ער איז אַרויס צעהאַקט און צעבראָקט; און ווער עס ווייס נישט אָט דאָס קאַפּיטל פון פּלאָגענישן ביי די דרוק־באַדינגונגען אין

דוסלאַנד, וועט שטיין אַ צעטומלטער און זאָגן, אַז אַבראַמאָוויטש „האָט זיך צוגעאייגנט אַ סטיל פון האַלבע ווערטער"! טוביה צענזאָר האָט געזינדיקט, און זיגוד־אַבראַמאָוויטש ווערט געשמיסן.

די „קליאַטשע" צייכנט זיך אויס מיט אַ שפּראַך פון יוגנטמוט, מיט ערנסט און שטרענגער מאָראַל־פאָדערונג, מיט רייכקייט פון לעבנס־וויסן, מיט שטאַרקער באַהאָוונטקייט אין דער נאַטור פון דער מענטשלעכער סביבה און מיט שיינענדיקע פאַרבן אין דער געשטאַלט־פאָרעם פון דער צייט און דעם אָרט. דאָס איז נישט קיין דערציילונג, נישט קיין ראָמאַן און נישט קיין נאָוועלע; און כאָטש ס'איז פאַראַן אין דעם אַ סך פּובליציסטיק און פּאָלעמיק, אַ ביסל באַשולדיקונג קעגן דעם רשעותדיקן מלכות און אַ ביסל פאַרטיידיקונג פאַר דעם זכות פון די ייִדן — איז די „קליאַטשע" בעצם אַ ראַפּסאָדיע, וועלכע דערמאָנט מיר דעם פרעכטיקן בוך „פּילגרימען" Księga Pielgrzymstwa פון אַדאַם מיצקעוויטש (איך צווייפל, צי אַבראַמאָוויטש האָט עס געלייענט). די דאָזיקע ראַפּסאָדיע איז געשריבן אין הויכער גלענצנדיקער פּראָזע, און דער אינהאַלט איז פול מיט קלוגשאַפט, וואָס קוועלט אַרויס פון פיל דערפאַ־רונגס־קוואַלן, סיי אין לעבן, סיי אין ליטעראַטור. דאָס אַריינבליקן אינעם כאַראַקטער פון מענטשן איז טיף פּסיכאָלאָגיש; און דער פאָרהאַנג און די קוליסן פון דער סצענע, סיי פון בעלי־חיים, סיי פון דער נאַטור, פּינקלען ממש. פּרימיטיווקייט און באַחנטקייט זענען פאַראייניקט מיט דער גרויליקייט און דער פּשטות, ווי אינעם יאַפּאַנישן טעאַטער. דער הומאָר און דער פּאַטאָס בילדן אַ ספּעציעלן מין צוזאַמענשטעל און סינכראָניזם. וואָס זענען געווען די פאַרפאָלגער און די פאַרפאָלגטע, די באַליידיקער און די באַליידיקטע אין געוויסע תקופות אין רוסלאַנד? אויב איר ווילט עס וויסן — גייט צו אַבראַמאָוויטש! ער ווייס עס. אַנדערע ווייסן עס נישט, מע דערקענט עס אויפן אויג, אַז זיי ווייסן נישט. זיי ווייסן בלויז יעדן פאַקט באַזונדער, ער ווייס דעם גאַנצן תמצית. ער, ווי ער וואָלט קיין שום זאַך נישט אויסגע־טראַכט, גלייך ער וואָלט אומעטום האָבן געווען בשעת־מעשה. אַזעלכע זאַכן, ווי ער האָט געשריבן, קאָן מען נישט אויסטראַכטן, אויך נישט זען! מע דאַרף זיי האָבן אין דער וויזיע, ווי דאַנטע האָט געהאַט אין דער וויזיע זיין „גיהנום". פאַראַן דאָ דערהויבנקייט פון אומבאַגרענעצטער הערשאַפט, נישט די הערשאַפט פון אַ דורכשניטלעכן קינסטלער, נאָר פון אַ קינסטלע־רישער פערזענלעכקייט. איך וואָלט געזאָגט, אַז אַזאַ בוך דאַרף ווערן געדרוקט אויף פּאָרמעט און איינגעבונדן אין הילצערנע טאָוולען, איבערגעצויגן מיט הירשנפעל, וואָס קנייטשט זיך נישט, מיט מעשענע קלאַמערן, ווי די סידור־רימלעך פון די ספרדישע ייִדן פון די אַמסטערדאַמער דרוקערייען, פון זיבע־

צנטן יאָרהונדערט, און מע זאָל עס ווידער און אָבער אַ מאָל לייענען, ווי מען לייענט די מגילה, און נישט מיט איין כאַפּ, נאָר קאַפּיטלעכווייז.

און דאָס וואָלט געשטאַנען אין סתירה מיט דעם וואָס ס׳האָט געזאָגט איינער אַ חכם עתיק, אַז „די יידן־פאַרפאָלגונג האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ באַנאַלע און לאַנגווייליקע זאַך". מעגלעך — אָבער די „קליאַטשע" וועט קיין מאָל נישט זיין באַנאַל און לאַנגווייליק. ווען דער „זיידע" וואָלט געשריבן בלויז די „קליאַטשע", וואָלט ער אויך פאַרדינט דאָס אייביקע לעבן.

דאָס איז עס וואָס איך האָב געזאָגט: מע קאָן פאַרשטיין אַבראַמאָוויטשן נאָר דורך רוסלאַנד מיט אירע זאָרגן און פּלאָגן, נאָר דורך דער רוסישער אינטעליגענץ אינעם גלאַנץ פון יענע גרויסע מענטשלעכע ליכטיקייטן אירע.

[ג]

ווען איך זאָג דאָס, זאָלן מיינע לייענער נישט מאַכן קיין טעות און מיינען, אַז איך בין מוותר אויף אַבראַמאָוויטשן אַלס זיידע, אונדזער עלטסטער שרייבער, די פּראַכט פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור אאַ״וו. א״א ווייטער. פאַרקערט, איך האַלט אים פאַר אַ יידן־שבייִדן, אַ ליטווישער ייד געטאָפּלט אויף אַן אוקראַינישן, געטאָפּלט אויף אַ רוסישן, אַ וועלטמענטש. אָבער אַפילו אין דאָזיקן גדר זענען מיר אַלע, מיר פון אונדזער צייט און אָרט, און אונדזער גאַנצע ליטעראַטור נישט קיין „בריוול פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן", נאָר — צי מיר זענען מסכים דערויף, אָדער פּראָטעסטירן קעגן דאָזיקן שידוך — זי שפּיגלט אָפּ די באַדינגונגען פון אונדזער צייט און אָרט. ביי דער גאַנצער גייסטיקער געמיינשאַפט און קאַמף־חברשאַפט מיט דער „רוסישער אינטעליגענץ", נישט לויט קיין אָפּמאַך, פאַרשטענדלעך, און אויך נישט דווקא מיט קלאָרן באַוווסטזיין, נאָר וואָס ס׳איז חשובער און טיפער: פון זיך אַליין, איז אַבראַמאָוויטש געווען, ווי מיר אַלע פון אַלטן דור, אַ חדר־ייִנגל און אַ ישיבה־בחור. ער איז געווען צו אַלט און צו אָפּגעלאָזן בנוגע אַזעלכע פראַגן, כדי פּינקטלעך קלאָר צו מאַכן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. אויך דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך. מע זאָגט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין י. 1837, און ס׳איז דאָ אַן אַנדער גירסא, אַז ער איז געבוירן געוואָרן עטלעכע יאָר פריער. דאָס איז נישט אַזוי וויכטיק. די פּרטים פון זיין דערציִונג זענען וויכטיקער. אין זיינע קינדעריאָרן האָט ער געלערנט ביי מלמדים, און זיין פאָטער האָט אַכטונג געגעבן, ער זאָל לערנען אַ סך תנ״ך.

דער באַגלייבטסטער מקור פאַר זיין ביאָגראַפיע איז זיין אויטאָביאָגראַפיע. וואָס איך האָב אַרויסגעגעבן אין מיין בוך „ספר הזכרון", וואַרשע, תרמ״ז,

און ס'איז זיך צו וווּנדערן, וואָס אין דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַ‌יקאַ" צום סוף אַרטיקל וועגן אַבראַמאָוויטשן, אין וועלכן ס'איז אויסגערעכנט די ביב־ליאָגראַפיע מיט אַלערליי בראָשורן און מאַמרים — ווערט נישט דערמאָנט אַבראַמאָוויטשעס אויטאָביאָגראַפיע, כאָטש דער שרייבער האָט זי געזען, ווייל ער דערמאָנט דאָך איין פּרט פון איר אין מיטן זיין מאַמר.

ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר, איז אים דער פאָטער געשטאָרבן, און דעמאָלט האָט ער געלערנט צוויי יאָר אין ליטווישע ישיבות. דער־אָ פּרט איז מיר נישט קלאָר. אַבראַמאָוויטש איז געווען, נישט נאָר ווי מע זעט עס פון זיינע ביכער, נאָר ווי ס'איז מיר קלאָר פון בריוו־אויסטויש און פון די שמועסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט אים, ווען ער האָט באַזוכט וואַרשע, און ווען איך האָב באַזוכט אָדעס, אַ תלמיד־חכם, און דערויף איז ווייניק געווען „צוויי יאָר אין ליטווישע ישיבות". איך בין זיך משער, אַז ער איז געווען אַ סך מער פון צוויי יאָר אין ישיבות — איך וואָלט נוטה זיין אַראָפּצו־נעמען פון די שפּעטערדיקע „וואַנדעריאָרן" און צוגעבן צו די ישיבה־יאָרן: און אויך אָט דאָס „גאַנצע יאָר, וואָס ער האָט יינגלווייז פאַרבראַכט אין וואַלד, נאָך זיין מוטערס חתונה האָבן צום צווייטן מאָל", וואָס די שרייבער, באַזונדערס אין פרעמדע שפּראַכן, שטעלן עס פעסט, כדי אָנצווויינקען, אַז דאָרט איז דאָס יינגל אַריין אינעם היכל פון דער נאַטור און האָט דאָרט געלערנט צו מאָלן זיינע דערהויבענע, ווונדער־איבער־ווונדערלעכע לאַנד־שאַפטבילדער אאַ״וו. אאַ״וו. — אויך אָט דאָס גאַנצע יאָר וואָלט איך, וואָס האָב ליב וועלדער, אָבער נאָך מער ישיבות, צוגערעכנט צו די תלמודישע לימודים, וועלכע פאָדערן אַ סך צייט. דעם אמת געזאָגט, געפין איך איין, אַז אַבראַמאָוויטשעס לאַנדשאַפטבילדער זענען טאַקע שיין, אָבער נישט ווונדער־איבער־ווונדערלעכע אאַ״וו. אאַ״וו. זאָל מיר דערלויבט זיין זיך מתוודה צו זיין, אַז איך ווער מער נתפּעל פון אַבראַמאָוויטשעס פּסיכאָלאָגיע, איידער פון זיינע לאַנדשאַפטבילדער, אין וועלכע סע שטעקט אַ סך חכמה, און אַ ביסל הומאָר, אָבער ס'איז נישטאָ אין זיי גענוג פאַרשיידנפאַרביקייט און גענוג אוממיטלבאַרקייט. איך האָב מורא, אַז יענער וואַלד איז נישט גע־שטויגן, נישט געפלויגן.

אַזוי האָבן אונדז די „דייטשלעך" אויך אַריינגעפירט, דורך זייערע איבער־זעצונגען, דעם באַגריף „וואַנדעריאָרן", וועלכער געפינט אָפּט ביי געטען און אויך ביי זשאַן פּאָלן — דער אַרבעטער־געזעל אין דייטשלאַנד גייט אַוועק אויף „וואַנדעריאָרן" און גייט איבער פון איין מייסטער צום צווייטן. מיר האָבן צו טאָן מיטן בחור שלום יעקב, וואָס זיין פאַמיליע־נאָמען איז אין דער אמתן און אין אָנהייב געווען ברוידע, און שפּעטער איז ער, ווי

ס׳פּירט זיך ביי ייִדן, פֿאַרשריבן געוואָרן אַבראַמאָוויטש, אַ יונג בחורל, וואָס האָט געלערנט תנ״ך און תלמוד און געלעכצט נאָך צו לערנען, און באַזונדערס צו לערנען נאָך לימודים אויסער דעם תנ״ך, און האָט זיך אַרומגעדרייט, און ס׳איז אים ענג געווען אין זיין היים מיט זיין שטיפֿפֿאָטער, וועלכער איז געווען אַ מילנער, און דער וואַלד, ווייזט אויס, האָט אים נישט שטאַרק געצויגן, און איז אַוועקגעפֿאָרן לערנען, ווי דער שטייגער פֿון אַלע בחורים. מען דאַרף זיך משער זיין, אַז זיין מאַמע, דעם מילנערס ווייב, האָט אים געגעבן געלט אויף די הוצאות, און אַז זיין וועג איז נישט געווען אַזאַ טרויעריקער, ווי, למשל פֿרץ סמאָלענסקינס, דעם אויטאָר פֿון „התועה בדרכי החיים״.

דאָס באַנוצן זיך מיט פֿרעמדע קלישעס, גרייטע אין אַנדערע שפּראַכן, ווי די „וואַנדעריאָרן״, דערפֿירט דערצו, אַז אַ געוויינלעכער ייִדישער ענין ווערט אַרויסגענומען פֿון זיין פּשוטן זין, און דורך דעם גיט מען אים, ס׳הייסט לתפארת־המליצה, אַ פֿרעמדן און פֿון אַנדערע אויסגעבאָרגטן כאַראַקטער, און די זאַך ווי זי איז אין דער אמתן ווערט נישט דערזאָגט און פֿאַרשטעלט. די געשעעניש, אין פּשוטן זין, איז אַ זאַך וואָס קומט פֿאָר טאָגטעגלעך: אַ יונגער בחור פֿאָרט אַוועק אין יענע באַדינגונגען פֿון לעבן און דערציִונג, איז עס פֿאַרשטענדלעך, אַז אַוועקגיין צו השכלה; דווקא אָט דאָס, דאָס פּשוט נאַטירלעכע, איז צעשמירט און מטושטש. ס׳איז נישט פֿאַראַן דערין קיין אויסטערלישעס, אָבער ס׳איז פֿאַראַן דערין רעאַליטעט; ס׳איז נישט פֿאַראַן דערין עפּעס וואָס זאָל פֿאָדערן צו קלאַפּן מיט דייטשישע פֿראַזן, אָבער ס׳איז פֿאַראַן דערין פֿון דער ספּעציפֿישער פּסיכאָלאָגיע פֿון דער דערציִונג און דער אָנשטעל־בילדונג אין יענעם דור. דאָס איז אונדזער אַלעמענס געשיכטע, די בחורים, וואָס זענען געוואָרן משכּילים, די אויטאָדידאַקטן, וואָס זענען געפֿאָרן שטודירן, און אין וועג צוגעשטאַנען דאָ און ווייטער, און פֿון דעם געלערנט אַ ביסל און געגעבן לעקציעס אַנדערע און זיך. אַזוי איז עס דער שטייגער פֿון שטודירן. שלום יעקב איז געווען אַ יונגער־מאַן אַ מופֿלג־בתורה, און האָט שוין געהאַט געכאַפּט אַ קוק אין „ספרים חיצונים״, און פֿונעם תנ״ך־לערנען, אויף וועלכן זיין פֿאַרשטאָרבענער פֿאָטער האָט מקפּיד געווען, האָט ער געקענט די העברעיִשע שפּראַך, און איז צוליב דעם געווען אין דער בחינה פֿון „געבוירן געוואָרן אַ שרייבער״; און אויך רוסיש האָט ער געקענט, ווייל אין יאָר 1840 האָבן זיך שוין אין מינסקער קרייז אַרויסגעוויזן סימנים פֿון רוסיפֿיצירונג צווישן די ייִדן גענייגטע צו השכלה; נעקראַסאָוון האָט ער נאָך נישט געקענט (ווייל נעקראַסאָוו איז געבוירן געוואָרן ערשט אין יאָר 1821), אויך נישט סאַלטיקאָוון

(וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1826), אָבער פּושקינען האָט ער שוין געקאָנט קענען, ובכן — אַ משכיל אַן אָנהייבער ווי ס'געהער צו זיין!
אַזוי איז ער געקומען קיין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק, און דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט, אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט אב"ג (אַבֿרהם בער גאָטלאָבער). אָט דער דאָזיקער מענטש איז שוין געווען אַ פּאָטער פאַר די משכילים, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פאַר השכלה (איך האָב אים באַקענט, ווען ער איז שוין געווען אַ באַיאָרטער מאַן אין די זיבעציקער), זיין באָרד ווייס, אָבער דאָס פּנים רויטלעך און פול ענערגיע, אַ וועלטמענטש, אַ ברייטהאַנטיקער, אַ געניסער, אַ צייטונגס-שרייבער, אַ צייטונגס-רעדאַקטאָר, און פייערדיקער קעמפער פאַר השכלה. ס'איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, וויפל עקסטאַז און פּאַטאָס ס'איז געווען אין אים מיט דרייסיק יאָר פריער, און מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפטלעכקייט גאָטלאָבער דער ענטוזיאַסט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם יינגל פון קאָפּיל, מינסקער קרייז, וועלכער האָט געשטרעבט צו השכלה. דעם יינגל! אין דער אמתן — זענען קיין יינגלעך נישט געווען. אַזאַ יינגל איז געווען אַ דערוואַקסענער. אויסער דעם תנ"ך און דער גמרא, האָט ער שוין זיכער געלייענט אַ סך השכלה-ביכער; און האָט אויך געקענט די וועלט. עפּעס אַ קלייניקייט? ער איז געפאָרן פון קאָפּיל ביז קאַמענעץ, און האָט זיך אויף געוויס פאַרהאַלטן אין אַ סך ערטער. גאָטלאָבער האָט אים געהאָלפן ווי געוויינלעך, ווייטער צו לערנען רוסיש און דייטש. גאָט-לאָבערן האָט מען געהאַלטן פאַר אַ ספּעציאַליסט אויף דייטש — ער האָט אייניקע ביכער איבערגעזעצט פון דייטש! איך האָב אים אַליין געהערט רעדן דייטש, מיט גרייזן, אָבער הויכדייטש, אינעם סטיל פון בן-מנחמס איבערזעצונג. און זיכער האָט קיינער פון די משכילים פון יענער צייט אין גאָטלאָבערס קרייז נישט געטראַכט, אַז אין אָט דעם יינגל פון קאָפּיל איז פאַרבאָרגן אַ כּוח פון אַן אַרבעטזאַמען מתמיד, וואָס וועט אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרטונקלען אַלע גרויסע פּאַסירונגען פון אַרום. זיי האָבן אים געגעבן די ערשטע דערמוטיקונג, וואָס איז אַזוי וויכטיק. גאָט-לאָבער האָט אים אַריינגעפירט מיט זיין מאמר אין פּאַנטעאָן: אינעם „המגיד" (אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דערציִונג" פון אַ פּופּצניערינקן! ערשט יאָר, נומ' 37); אָבער פון היינט אָן און ווייטער איז דאָס בחורל געגאַנגען מיט זיין אייגענעם כּוח, פון זיך אַליין און אין אייגענעם זכות, און געוואָרן באמת אַ געבילדעטער שרייבער.

אָבער אָט דאָס בחורל האָט געלערנט. פאַרשטענדלעך, אַז די נאַטירלעכע פעיִקייט איז אַ גרויסע הילף, אַן וועלכן ס'איז גאָרנישט נישטאָ; אָבער אַן באַאַרבעטונג און בהדרגהדיקער, נאָכאַנאַנדיקער אַנטוויקלונג, איז עס ווי

עמעצער, וואָס פאַרמאָגט אויס דער נאַטור אַ מוזיקאַלישן חוש, אָבער האָט זיך נישט געלערנט שפּילן. דאָס גרויסע אין אַבראַמאָוויטשן איז געווען, וואָס ער האָט געלערנט זייער אַ סך; ער האָט נישט אויפגעהערט לערנען, נישט אויפגעהערט לייענען, פאַרשרייבן, פאַרריכטן און אַרבעטן איבער זיך אַליין. מע זאָגט, אַז קונסט ווערט נישט דערוואָרבן דורך לערנען, נייערט דורך אַ ניצוץ, באַגייסטערונג, גאָטס הילף; דער געטלעכער סוד איז ביי זיינע אַכפּערער. דאָס איז אַ גוזמא! אַפילו דער ניצוץ נייטיקט זיך דערין, אַז דאָס לערנען זאָל אים פאַנאַנדערבלאָזן. ס'איז שווער, אָבער נישט אויסגעשלאָסן, זיך צו דערוווערבן שטודיום־שלמות דורך אויטאָדידאַקטיק. אַבראַמאָוויטש איז געווען פון יענע וואָס האָבן באַגליקט אין דעם פּרט.

די גרויסע ליטעראַרישע קאַריערע אַבראַמאָוויטשעס איז נישט אַ פּלוצעמדיקע נס־זאַך פון רוח־הקודש, נאָר דער אַפּאָטעאָז פון דעם ספּעציפישן טיפּ אין דעם מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום: דער געניוס מחמת ריזיקער התמדה, דער געניוס, וואָס ביאַליק האָט אים געגעבן פּראַכט אין זיין געדיכט „המתמיד״. לאָמיר ליבן גאָט, וואָס ער האָט באַשענקט דעם מתמיד מיט נאַטירלעכע פעיִקייטן פון געבוירן; אָבער לאָמיר אויך ליבן דעם מתמיד אַליין, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען זיך צו פלייסן און באַנוצן דאָס געטלעכע געשאַנק צו דערגרייכן זיין שלמות! ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ היפּשע מאָס וויסן פון די ישיבות אין ליטע, אָבער אין אוקראַינע האָט ער זיך איינגעשאַפן הונדערט מאָל אַזוי פיל, סיי אין ייִדיש־וויסן, סיי אין אויסערלעכן וויסן, צו דעם וואָס ער האָט שוין געהאַט גרייט פון פריִער. דאָרט האָט ער זיך איינגעשאַפן די פעיִקייט פון באַאָבאַכטונג, די אייגנשאַפט פון באַנעמען די מענטשלעכע און ייִדישע נשמה אין דעם גרויסן שטאָף, וואָס איז דאָרט בשפע, און דאָרט האָט ער זיך איינגעשאַפן דורך לערנען און לייענען אָן אַ גרענעץ און אייגענע פאַרשונגען און דערפאַרונגען, וואָס נישט אַלע האָבן זיך גלייך איינגעגעבן, נאָר ערשט לסוף, נאָכן שלייפן, לייטערן, פילטרירן און פאַרפולקאָמונג. דאָרט האָט ער זיך איינגעשאַפן דעם קינסטלערישן ריטעם, און איז אַלץ העכער געשטיגן מיט אינטענסיווקייט, מיט ליטווישער עקשנות, „מיט אונטערבערענגען זיך אינעם תורה־געצעלט״, וואָס דאָס איז די מידה, וועלכע צייכנט אויס יעדן ייִדישן תלמיד־חכם, ביז ער האָט דערגרייכט צום הויכפּונקט. ער האָט געהאַט אַ סך איבערגאַנג־פּעריאָדן, אָדער לאָמיר זאָגן: קריזיסן אין זיין לעבן. פון אַלע איז ער אַרויס מיט נצחון, און געוואָרן אַ פולקאָמענער העברעיִש־ייִדישער שרייבער. זיינע לעצטע ביכער, און באַזונדערס „בעמק הבכא״, זענען די העכסטע דערגרייכונג.

די מעלות פונעם „עמק הבכא" ווייזן זיך אַרויס מיט דער שטאַרק בולטער שילדערונג פון די פאַרשיידענע פּערסאָנאַזשן, פאַרוועבטע אין דער קאָנווע פונעם סוזשעט. יעדער פּערסאָנאַזש באַזונדער באַפרייט זיך פונעם אַלגע־מיינעם געפלעכט און דער אַרומנעמענדיקער ראָם פון דער גאַנצער לאַנד־שאַפט און דער סביבה, צו אַ באַזונדער בילד, אַ קלאָרער קאָנקרעטקייט, וואָס שטייט אויף אין איר אייגענעם רשות. עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דער דערציילער קען דיווירקלעכע פּערסאָנאַזשן — נישט בלויז מיט אַלע צייכנס און ליניעס, נאָר אין זייערע אָדערן רינט זייער בלוט; און פון פאַר זייערע אויגן טוען זיך אָפּ אַלע מחיצות, און ס'פאַלן אַראָפּ אַלע אויסערלעכע שאָלעכצן, וועלכע פאַרדעקן דאָס געהיימעניש פון זייער עצם נאַטור, און ער זעט אין זיין דורכבויערנדיקער באַטראַכטונג, וואָס זיי זענען אונטער דער אייבערשטער פלאַך און זייער פאַרבאָרגנסטע טראַכטעניש.

ס'איז נישט מעגלעך צו אַנטרינען פון אָט דעם דעצידירנדיקן איינדרוק.

דעם לייענער איז געוווּנטשן צו געדענקען בעתן לייענען, אַז פאַר אים ליגט אַ ראָמאַן. דאָס לעבן רוישט דאָ מיט אַזעלכע קרעפטיקע טענער, און צייטנווייז — מיט אַזוי פיל ענערגיע און קראַפט, אַז דער לייענער בלייבט מאָמענטנווייז שטיין דערשראָקן און איבערראַשט; און ער וועט זיך באַ־רויִקן פון זיין אויפרעגונג, ערשט ווען ער וועט זיך דערמאָנען, אַז דאָס וואָס האָט אים דערשיטערט — איז סוף־כל־סוף נאָר אַ קונסטווערק, אַז נאָר דער קינסטלערישער טאַלענט פונעם דערציילער אין שילדערן זיינע פּער־סאָנאַזשן און אין צונויפפלעכטן זייערע פּאַרהעלטעניש, האָט דעם געגעבן אַן אָפּגלאַנץ פון אמתן לעבן. און ווי אין דער מערהייט דערציילונגען דעם „זיידנס" — נאָר דאָ אויף אַן אַנטוויקלטערן און אויסגעצייכנטערן אופן, — ווערט דער אייגנטלעכער סיפור־המעשה, ס'הייסט די דערציילטע פּאַסירונג, אָוועקגעשטופּט צו די ראַנדן פון דער סצענע — צום צווייטן שטח אין אַנבליק פון דער פּרעכטיקער שילדערונג פונעם אַרום און דער הערלעכער האַרמאָניע פון די מיט גרויסע שטריכן געמאָלטע געשטאַלטן פון מעכטיקער מאָס און ברייטע האָריזאָנטן.

דאָס איז אַ ווערק אַ סטיכיש, אַ לעבעדיקס, אַן אויפּרודערנדיקס; אין אָנהייב איז עס קנאַפּלעך אין אַקציע, אין באַוועגונג — פּאַמעלעכדיק און מאָמענטנווייז שווערלעך. איך האָב נישט קיין טענות צו אַבראַמאָוויטשן פאַר וואָס ער האָט צעצויגן, אָוועקגעביגט אין אַ זייט, זיך אָפּגעשטעלט און פאַר־האַלטן אויף פּרטים. אַזאַ קריטישע תרעומת זאָגט עדות וועגן מאַנגל אין ליטעראַרישער קולטור. מע דאַרף זיך רעכענען מיטן כאַראַקטער פונעם קינסטלער. אַבראַמאָוויטש איז נישט געווען קיין בעל־מקצר, דאָס איז דער

היקף פון זיין באַאָבאַכטונג, דער סטיל פון זיין אויפנעמען און שילדערן. די וויזיע גייט און אַנטוויקלט זיך, און זיך אויסצ׳יענדיק שפּראָצט זי און בליט און באַקומט מער באַוועגונג און לעבן, און דערגרייכט צו אַן אויסערגעוויינלעכן ריטעם, ביז אויפציטערן פון עלית־נשמה.

פון „למדו היטב" ביז „בעמק הבא" איז אַ גאַנג מער פון אַ ת"קער יאָרן. מע וועט זאָגן: קפיצת־הדרך פון אַ געניוס. איך זאָג: בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון אַ „מתמיד".

איך וויל וואַרפן אַ ביסל שיין אויף איינעם אַ שטריך ביי אַבראַמאָוויטשן, וועלכן די שרייבער וועגן אים זענען פאַרבייגעגאַנגען, נישט לייגנדיק אויף אים קיין אַכט.

אַ סך האָבן דערמאָנט דעם איבערגאַנג־פּעריאָד, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט דורכגעמאַכט פון דער השכלה־תקופה, אין וועלכער ס׳האָבן געשטעקט די וואָרצלען פון זיין וווקס, צו דער תקופה נאָך איר; זיי האָבן אָבער נישט קלאָר געמאַכט, וואָס ס׳איז געווען זיין אויפגאַבע אין דער השכלה־וועלט, און פון וואָס איז ער איבערגעגאַנגען, און צי ס׳איז דערביי געווען אַ וועלכער קריזיס באמת, אָדער ס׳איז נישט מער ווי סתם אַ פּראָזע. די באַהאָוונטע אין אַבראַמאָוויטשעס אַנטוויקלונג דאַרפן וויסן, אַז ער איז נישט, ווי אַ שרייבער, אַריינגעקומען פשוט אין דער השכלה, ווי הונדערט אַנדערע שרייבער פון זיין דור, נאָר גלייך געקומען מיט די „פייערדיקע רייטוועגן" פון דעם השכלהשן פּאַטאָס. די קריטיקער זענען געוווינט גרינגצושעצן די ווערט פון „האָבות והבנים" (אין אָנהייב — „למדו היטב", 1863), דערפאַר ווייל ס׳איז כמעט אַ נאָכמאַכונג, אויב נישט קיין איבערזעצונג פון טורגעניעווס בוך אויף רוסיש, און אויך דערפאַר ווייל ס׳איז געשריבן אין אַ מליצה־שפּראַך, אין וועלכער ס׳זענען נישט פאַראַן קיין שילדערונגמיטלען אויף צו שילדערן פּערסאָנאַזשן און פּאַסירונגען אויף אַ קלאָרן און פאַרן לייענער פאַרשטענדלעכן אופן. וואָס אָנבאַלאַנגט דער ערשטער טענה האָב איך שוין אויבן גערעדט, אין צוזאַמענהאַנג מיט סאַלטיקאָוון, וואָס זיין השפעה אויף אַבראַמאָוויטשן איז געווען אַ פּיל גרעסערע, איידער טורגעניעווס און יעדן אַנדערן שרייבער.

און אָט וואָס מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז דאָ נישט פאַראַן נישט קיין נעמען און נישט קיין געבן, נישט קיין ענלעכע פאַרהעלטעניש צום אַלגעמיינעם גייסט, אַז די מאָטיוון זענען געווען געמיינשאַפטלעכע, און אַז מע דאַרף באַטראַכטן אַבראַמאָוויטשן אין יענעם פּעריאָד נישט ווי קיין אַסימילאַנט און נישט ווי קיין שילער, נאָר ווי אַ פאַרבינדעטער פון דער באַוועגונג פאַר פרייהייט און קריטיק פון דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע

האָט געקעמפט פאַר דער פרייהייט און דער גערעכטיקייט מיטן זעלבן פּאַטאָס און מיט די זעלבע מאָטיוון. און וואָס שייך דער ליטעראַרישער ווערט, איז בלי־ספק ריכטיק, אַז דאָס בוך „האָבות והבנים" ברענגט נישט אַרויס צום מינימאַלסטן אַפילו די שלמות פון אַבראַמאָוויטשעס העברעיִשן סטיל, ווי דעם מוסטער, וואָס מיר האָבן געזען צום סוף פון זיין באַאַרבעטונג; מע דאַרף אָבער אין אַכט נעמען, — און דאָס האָט אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור! — אַז אויך אין דאָזיקן בוך ווי אויך אין אַ סך מאַמרים, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט געשריבן אין יענעם פּעריאָד, לאָזט זיך אונדז אין די אַלע זאַכן דערקענען אַ געבענטשטן שרייבער, וואָס צייכנט זיך אויס מיט אַ האַרציקן און מוטיקנדיקן פּאַטאָס פון אַ קעמפער־פּיאָנער קעגן דער בטלנות און גראָביִנגישער אַטמאָספער, וועלכער וועקט, לערנט און איז מבשר זיך צו באַפרייען פון פרום־פאַנאַטישן געטאָ, און אויסצוּווילן אַן אַנדער וועג אין דער קולטור, אַ ראַציאָנעלן, וויסנשאַפטלעכן, פּעדאַגאָגישן (דאָס איז עס די לאָזונג: „למדו היטב" — לערנט גוט!). גערעכט, אָדער אומגערעכט — פאַר מיר אומגערעכט! — איז היינט אָט דער פּאַטאָס פרעמד געוואָרן אונדזער גייסט, נישט ווייל ער איז נישט אין תוך אַריין נוצלעך און גערעכטעט צום גוטן, נאָר ווייל די באַדינגונגען פונעם לעבן און דער דערציִונג האָבן זיך געענדערט.

אָבער ביים אָפּשאַצן אַבראַמאָוויטשעס גייסטיקע פּערזענלעכקייט טאָר דער געשיכטע־פאָרשער נישט פאַרגעסן, אַז אַבראַמאָוויטשעס וואָרצלען זענען געווען די השכלה, און צי דער השכלה־פּעריאָד איז געווען נייטיק, אָדער איבעריק (לויט מיר איז ער נייטיק געווען צו יענער צייט) — איז די פראַגע אַ צו גרויסע, מע זאָל זי קאָנען אַריינשפּאַרן אין אָט דער אָפּשאַצונג־ראַם, אָבער ס'איז די פליכט פונעם היסטאָריקער צו באַהאַנדלען דעם מעטאַד־מהות פון דעם גרויסן שרייבער, וועלכן מיר באַהאַנדלען אין דעם ווינקל. אין דער בחינה דאַרף מען אונטערשטרייכן צוויי עיקרדיקע זאַכן:

(א) אַבראַמאָוויטש איז געשטאַנען לעבן די קאַפּיטאַנען פון דער השכלה אין דער ליטעראַטור, לעבן רש"י פין, פלונגיאַן, חז"ם, אד"ם הכהן און זייערס גלייכן, ביי זייערע אַלע ניואַנסן־פאַרשיידנקייטן, ווי, למשל, צווייפל דער מאָראַליש־וואָגיקער, אַד"ם הכהן דער דקדוק־באַלאָדענער, חז"ס — אַלגעמיינער וויסנשאַפטלער, פלונגיאַן — ייִדישער וויסנשאַפטלער, אָבער זיי אַלע צוזאַמען זענען געווען מלמדים, כביכול, קלאַסיקער, און זיי האָט נאָכגעפאָלגט אַבראַמאָוויטש און נישט אורי קאָוונער, וועלכער האָט פאַר־אינטריגירט מיט דער קריטיק איבער דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור אין זיין „חקר דבר", וואָס איז פול מיט אויסגעקליגלטע באַמערקונגען און

פונקען פון טאַלענט, וואָס האָט בלוט און לייב, אָבער איז אָן אַ סקעלעט און אָן אַ האַרץ, דאַקעגן האָט אַבראַמאָוויטש געשריבן זיין „משפט השלום" (1860) און נאָך מאַמרים. אין זיי אַלע איז ער באַדאַכט און געלאַסן, רעדט ווי אַ געלערנטער פון אַ קאַטעדרע, און זיין באַציִונג איז אַ דעליקאַטע, פול מיט אָנערקענונג פאַרן העברעישן שרייבער, וואָס אַכטעט זיין הייליקן אָמט, הגם ער טרעט אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק קעגן צווייפלען — און ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגער מענטש. דערפון דרינגט אַרויס, אַז נישט אין אַלץ האָט ער נאָכגעפאָלגט די רוסן, וואָרעם ווען ס׳וואָלט געווען רוען אויף אים דער גייסט פון דאָבראַליובאָוון, אָדער פיסאַרעוון (ווי אויף קאָוונערן בשעתו), וואָלט ער דאָך קיינעם נישט געלאָזט לעבן אין דער דעמאָלטיקער העברעישער ליטעראַטור. אָבער ער האָט פאַרמאָגט דאָס געפיל פון מאָס און דערקענטעניש און ספּעציעלן כבוד פאַר דער שפּראַך, דער ליטעראַטור און אירע פאָנטנטרעגער.

(ב) ער האָט נישט געהערט צו די משכילים די בעלי־מליצה — די מער־הייט פאַר זיין צייט, וועלכע האָבן זיך געפּיעשטשעט מיט סתם־השתפכות־הנפש, געקוואַקעט און זיך נישט געלייגט, וואָלקנס — נאָר ווינט און רעגן איז נישטאָ, און מע האַלט אין איין רופן און מאַניפעסטירן: בילדעט זיך! און קיינער ווייס נישט, ווער זענען עס די „פינסטערלינגע", וואָס די משכילים פלעגן זיי צושרייבן קוואַטש און אַבסורד, און וואָס אַזוינס איז עס אָט דאָס ליכט; נאָר ווי חז"ס, ליכטנפעלד, חיים יחיאל באָרנשטיין, צבי הכהן ראַבינאָוויטש, ד"ר פאַריעס און אַנדערע, — איז ער צוגעטרעטן צו דער אַרבעט צו געבן אַלגעמיינע בילדונג דעם פאָלק אויף דער העברעישער שפּראַך, און האָט בייגעטראָגן פאַרן דאָזיקן אוצר לויט זיין יכולת אין זיין צייט און זיין אָרט, און אָנגעשריבן דאָס בוך „תולדות הטבע" אין דריי טייל (1862—1872), און אין אָט דער אַרבעט, נישט געקוקט אויף דער מליצה־שפּראַך פאַרנומען אַן אָרט אין אויבנאָן פון די שרייבער, וועלכע שרייבן קלאָר אויף דער שפּראַך, וואָס ביי זיין גאַנצער קלאַסישקייט אין ייִדיש, איז זיין נשמה געווען מיט איר געבונדן, פון איר איז ער געקומען און צו איר צוריק געקערט, און אינעם בונד פון איר אייביקייט וועט אויך זיין זעל זיין איינגעבונדן.

איך רעזומיר: נישט דער מאָלער פון דער טאָרבע, נאָר דער פאָרשער פון דעם טאָרבע־טרעגערס נשמה, דער באַפרייטער פון דער אַפּאָלאָגעטיק, דער פאַרבינדעטער פון דער „רוסישער אינטעליגענץ" אין איר גלאַנץ־פּעריאָד, דער בחור פון דער ליטווישער ישיבה, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט צווישן ייִדישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע, דער אויטאָדידאַקט, דער זיגער, דער

פערזענלעכקייטן

קעמפער און ליידנדיקער, וועלכער האָט געשטיגן פון שטאַפּל צו שטאַפּל דורך פאָרגעשריטענער ריזן־אַרבעט ביז דעם העכסטן טרעפּ: דער זיידע פון דער ליטעראַטור, סיי אויף העברעיש, סיי אויף יידיש, — דאָס איז געווען מענדעלע מוכר ספרים, וואָס מיט זיין כבוד שטאָלצירן מיר.

יצחק לייבוש פרץ

[א]

שוין אַרום אַ פערציק יאָר * — זענען שוין טאַקע אַריבער פערציק יאָר ? — ווי ס'האָבן זיך באַגעגנט צוויי „יונגע משכילים" אין דעם „הייליקן עפּלפעלד" פון דער השכלה פאַר יענער צייט, אין קראַשינסקיס גאָרטן אין וואַרשע. ס'איז דאָרט געווען אַ קרייז משכילים, אין דער מערהייט שוין עלטערע. ס'איז דאָרט געווען אַ באַנק פון דער השכלה — „דער טרעפפּונקט פון שרייבער און שרייבער־אָנפאַנגער, אַ מוראַשקע־נעסט פאַר שטרעבנדיקע". און ווער ס'האָט באַוויזן צו פאַרכאַפּן אַן אָרט — איז געזעסן, און ווער ס'האָט נישט באַוויזן, איז געשטאַנען אַרום די זיצנדיקע. דער שמועס פלעגט זיין — אַפּיקורסות „אַ באַזאַלצענע זויבער־הייליק" מיט מליצה; די שפּראַך, וואָס זיי האָבן גערעדט, איז געווען ייִדיש, געמישט מיט גאָר פליגלדיקע דייטשישע ווערטער, ווייל זיי זענען מיינסטנס געווען געלייענע פון די ביכער פון שילער, היינע און בערנע. ס'איז דאָרט געווען שמואל ראָטוואַנד — אַ מושלם, לאַנג געקליידעט, אָבער פאַרפּוצט, קרייזלט פּיין די האָר, וואָס האָבן שוין גענומען זיך זילבערן, איז איידל אין די רייד און אין די באַווע־גונגען — אַן אמתדיקער וואַרשעווער, פון רב איטשעלע עטינגערס שולע, אַ ביסל פריידענקעריש געוואָרן, אַ „גרוש" צוליב זיין השכלה, אַ פרייער פויגל און תמיד אַ לוסטיקער; ס'איז דאָרט געווען אַ מאַן, וואָס מ'האָט אים גערופן וויינבערג — מיר דאַכט, אַ „פּריוואַטער" אַדוואָקאַט, אַ ליטוואַק, אַ רוסיפיצירטער ייִד מיט אַ פאָרנעם אויסזען, אַ מער פּראַקטישער און מער רעאַליסטישער פון די אַנדערע קרייזלייט; ס'איז דאָרט געווען אַ מאַן, וואָס מ'האָט אים גערופן האַכמאַן, מיט אַ צילינדער אויפן קאָפּ און בלויע ברילן אויף די אויגן, זיין השכלה האָט געשטאַמט פון ווין, און ער האָט גערעדט דייטש אינעם סטיל פון דער אַלטער Presse וועלכע ער פלעגט לייענען סטאַביל אין גינטס צוקערניע אויף נאַוואָליפּקי, פון וואַנען ער פלעגט גלייך קומען מלא־וגדוש און צעהיצט פון די דייטשיש־ווינער קיצלענדיקע שטרוי און פלעווס; ס'איז דאָרט געווען איינער אַ יונגער־מאַן, וואָס מ'האָט אים גערופן הייפּלערין און וועלכער פלעגט זיך פּייניקן און

* דאָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1915, „נייע פּרעסע".

גרייטן צו אַ גימנאַזיע־עקזאַמען (אין אַ שפּעטערן פּעריאָד פלעגט מען אים רופן „עקסטערן״) ; אַ מאָל פלעגט זיך דאָרט באַווייזן אויך א. ש. שטיין, אַ ביאַליסטאָקער געבירטיקער, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ בוכהאַלטער אין אַ געשעפט, און האָט געקענט היינען, ווי „אשרי״, און שפּעטער אין דינאַבורג, געשריבן דערציילונגען און פעליעטאָנען אויף העברעיִש.

נישט ווייט פון דאָרט זענען געווען צוויי אַנדערע צענטראַל־פּונקטן פון העברעיִשער השכלה: אליעזר יצחק שאַפּיראָ אויף שוויענטאָיערסקאַ־גאַס און אַברהם צוקערמאַן פון די נאַלעווקעס, פון די גאַסן פראַנציסקאַנער און גענשע און ווייטער. דאָס געוועלב פון יצחק שאַפּיראָ איז געווען אַ מין „אַקאַדעמיע״; צוקערמאַנס — עפּעס פון דעם וואָס מע רופט אָן „אַפּטריני־קייט״. די פעסטע טראַדיציע, דער „תנא קמא״ (צום ביישפּיל דער „המגיד״) זענען געווען ביי שאַפּיראָן; דער אויפשטאַנד, דער אויפטו, די איבערקע־רעניש — ביי צוקערמאַנען, סמאָלענסקיס אַגענט, וועלכער איז געקומען קיין וואַרשע פון דעם ליטווישן שטעטעלע אָשמענע און האָט זיך באַזעצט אין אַ ווינקל פונעם גרויסן הויף אויף די נאַלעווקעס. ס'איז געווען נאָך אַ דריטער: רב נחמיה טשערנאָוויטש, אָבער דער איז געווען אַ בלאָנדזשענ־דיקער שטערן, אַ הויזירער, אַ געמישטער טיפּ פון אַ מוכר־ספרים און אַ פרומען „משכיל״, און אַליין אַ מחבר.

צווישן אָט די געוועלבער, וועלכע האָבן אויך געדינט פאַר בערזעס און ווי קלובן פאַר משכילים פון דער פּראָווינץ, פאַר לערער זוכער פון העברעיִשע לעקציעס, פאַר אַלטע העברעיִשע מחברים, וועלכע פלעגן קומען הויזירן מיט זייערע ספרים און דערנאָך שרייבן „רייזעבריוו פון וואַרשע״, און פאַר יונגע־לייט, קויפער פון השכלה־ספרים און פאַר ליטעראַטור־קאַנדידאַטן, — איז קראַשינסקיס גאָרטן געווען דער גן־עדן־התחתון; און אַז ס'איז געקומען אַ בחור אַ משכיל פון דער פּראָווינץ און האָט דאָרט דערזען אויף איין באַנק ראַטוואַנדן, און ווייַנבערגן, און האַכמאַנען, און געהאָרכט דאָרט „השכלה״ אין משך פון אַ שעה מער ער וויפל ער האָט געקאָנט הערן אין זיין שטאָט אין משך פון אַ חודש, — האָט ער געהאַט עלית־נשמה און זיך אָנ־געפּאַקט אַ פול רענצל צידה־לדרך אויף אַ לאַנגער צייט; און ווער שמועסט אַז דאָס מזל האָט צוגעדינט, און די צייט צוגעשפּילט, אַז אַ באַרימטער משכיל איז פאַרבייגעפאָרן, ווי אַ בלאָנדזשענדיקער שטערן, פלעגן די קליינע משכילים אים ברענגען אַהין, און קומט און קוקט אָן אברהם דוב גאָטלאָבער בכבודו־ובעצמו, משה אהרן שאַצקעס דעם בעל־„המפתח״ בכבודו־ובעצמו — אָדער פון וואַרשע גופא — יענע גרויסע לייט, וואָס זענען נישט געווען קיין הולכי־בטל, צום ביישפּיל, גבריאל יודל ליכטנפעלד, וועלכער פלעגט

קומען אַהער זעלטן, און מ׳האָט אים געפּאַקט און אַרומגערינגלט, אָדער — מרדכילע פרײלעך, דער אַמאָליקער טישזיצער אין קאָצק, װעלכער האָט שפּעטער געװאָרפן דאָס לערנען און איז אַרױס לתרבות־רעה פון אמתער אַפּיקורסות און האָט פאַרפאַסט דעם „המדריך״, אָדער יענע, װעלכע זענען שױן געװאָרן ממש „דײטשן״, װי: פעלטין, רעדאַקטאָר פון „איזראַעליטאַ״, אָדער װען ס׳האָט אַ מאָל אַרײנגעטראָפן ר׳ משה אהרן צילקאָװ אין דער דאָזיקער חברה האָבן אים די משכילים אַרומגערינגלט און אַרומגעקרײזט, װי פליגן — אַ פּעסל האָניק. עפּעס אַ קלײניקײט ? ! ר׳ משה אהרן צילקאָװ ! (דער פאָטער פונעם מטיף ד״ר אײזיק צילקאָװ).

אין אײנעם אַ זומערדיקן פאַרנאַכט — תרל״ג, אָדער תרל״ד * — האָבן זיך דאָרט באַגעגנט, װי אױבן געזאָגט, צװײ יונגע — אײנער שױן אַ יונגער־מאַן, אַ צעבליטער שױן, און אײנער כמעט נאָך אַ ייִנגל. זײ האָבן זיך געפּעדערט צו קומען, צו פאַרכאַפּן אַן אָרט אױף דער השכלה־באַנק. אײנער, דער עלטערער, האָט געמאָלט צװיטעלעך און בלימעלעך: קורצע נאָטיצלעך צום פאַרגעדענקען אױף פּאַפּיר־שטיקלעך. דער צװײטער, דער יונגערער, האָט אים באַטראַכט, געכאַפּט אַ בליק װאָס ער שרײבט. ס׳איז געװען די לײטזעליקסטע צײט פאַר זונאונטערגאַנג, װען די זון איז געשטאָרבן מיט אַ קוש. דער הימל אױף מערב־זײט האָט זיך געטונקען אין רױזנשײנען. פון רגע צו רגע האָט אױפגעשטיגן אַ לײכטער פרעכטיקער נעפּל און קלײנע פלעמלעך, פײערצינגלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, און ס׳האָט זיך פאַר־שטאַרקט די טיפע רױטקײט. רױטלעכע װאָלקנס האָבן פאַרהױלן די זון. די צװײ יונגע לײט האָבן זיך פאַרקוקט אין דער הײך; ליכטגאַרבן ראָזע, בלױע און גאָלדיקע האָבן זיך אײנאַנדער געטױשט; די זון האָט געזאָלט זיך אַרױסרײסן פון צװישן די װאָלקנס, און נישט געקאָנט. דער יונגער־מאַן, װאָס האָט געשריבן, האָט פאַרצײכנט אױף זײן שטיקל פּאַפּיר: אָט די װאָלקנס רױטלען זיך, װי כלות, װײל דער חתן זײערער — דער זונקײלעלך — לאָזט זיך אַלץ נידעריקער אַראָפּ און זינקט... און דער יונגער, דאָס ייִנגל האָט באַמערקט: יאָ, דאָס איז אַ בילד פול אינספּיראַציע, אָבער בלױז אַ רגעלע, װײל אָט װי מע רעדט אַרױס אַ װאָרט, זענען שױן די װאָלקנס געל געװאָרן, און די געבראָכענע ליכטשטראַלן, און דער אָנבליק פון דער זון האָבן באַקומען אַן אַנדער פאָרעם — ס׳איז פאַרשװונדען דאָס בילד דײנס, דיכטער!

אָט די צװײ יונגע לײט זענען געװען: פּרץ דער ענטוזיאַסט פון זאַמאָשטש, און איך — דער פרישׁ געקומענער פון מײן װישעגראָדער זײדנס בית־מדרש,

* 1873—1874.

און פון די בתי־מדרשים פון פלאָצק, לוויוויטש, סאָמפּאָלנע, קויל, קוטנע און אַנדערע, אַ רעקרוט פון דער השכלה און אַ נייגעריקער באַאָבאַכטער, וואָס נעמט אויף יעדן רושם, יעדער ווידערשיין און יעדן ווידערקול.

פּרץ איז געווען איינצייטיק, סיי דאָס „ליבלינגקינד" סיי דאָס „אָפּשרעק־קינד" פון יענעם משכילים־קרייז. מע פלעגט זאָגן: „אַ פייערדיקער מוח", און גלייך אויפן אָרט: „אַ פּרא־אָדם"; אָבער דאָס וואָרט „פּרא־אָדם" האָט מען אַרויסגעזאָגט נישט מיט פּאַרדרוס און מיט אַ מיין לגנאי, נאָר פאַרקערט, מיט אַ טאָן פון ליבשאַפט, ווי מע זאָגט אַ מאָל אויף אַן עילוי, אַז ער איז אַ ביסעלע משוגע, נישט אים צו זידלען, נאָר פאַרקערט, דורכאויס צו פאַרפעסטיקן, אַז ער איז באמת אַן עילוי, ווייל אַן עילוי דאַרף זיין אַ ביסעלע משוגע — אַ געזעץ נישט איבערצוטרעטן; (אין זאַמאָשטש פלעגן לייט זיך ווינצלען — אויך מיט ליבשאַפט: „דער משוגענער לייבוש").

דאָס איז געווען פּרצעס פּעריאָד, ווען ער איז נאָך געווען גבריאל יידלס ליכטנפעלדס איידעם. ס'איז שווער געווען זיך אויסצומאָלן אין געדאַנק — אַ מער פּאַסיקן זיווג, ווי אָט די צוויי מענטשן. אויך גבריאל יידל ליכטנפעלד איז געווען אַ געבירטיקער פון יענע מקומות, אַ געבירטיקער פון אַ קליין און אַלט שטעטל אין לובלינער קרייז: אַפּט. ער איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין וואַרשע, אויך ווי אַ שטרעבנדיקער. אויך ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ היציק געמיט, אַ פיינפילנדיקס; נאָר אין אים האָבן געציטערט די אַקאָרדן פון אַ ליבהאָבער פון דעם תמימותדיקן און פשוטן לעבן און די אַלטע יידישע קהילות; אויך פון אים האָט געשלאָגן אַ קוואַל פון געזאַנג און פרייד, צוזאַמען מיט פּיקחות און איראָניע, אויך ער האָט געקאָנט ווערן אַ גרויסער דיכטער, ווען ער וואָלט נישט געווען פאַרשווענדן זיינע פעיִקייטן — אויף פילאָלאָגיע, ליטעראַטור, תלמוד, מאַטעמאַטיק און יוריספּרודענץ. מע זאָגט אויף זיי, אויף די אויטאָדידאַקטן, אַז זייער שטודיום איז נישט סיסטעמאַטיש און נישט געהעריק פאַרטיפט, נאָר צעוואָרפן און אויבערפלעכלעך איבער פאַרשיידענע ענינים. אפשר איז דאָס ריכטיק בנוגע אַ סך, וואָס האָבן געוואָלט לערנען, אָבער נישט געלערנט, וואָס האָבן אָנגעהויבן, אָבער נישט פאַרענדיקט; אָדער וואָס האָבן געוואָלט מיט זייער פעיִקייט אַליין יוצא זיין זייער התמדה. צווישן די אמתע אויטאָדידאַקטן, פונעם אַלטן דור, האָבן זיך געפונען געלערנטע, נישט נאָר סיסטעמאַטישע און פאַרטיפטע, נאָר אויך פּינקטלעכערע און פּעדאַנטישערע פון די דער־צויגענע אין די שולן. איינער פון זיי איז געווען ליכטנפעלד. נאָר דער לייכטער און העלער הומאָר, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, פלעגט פאַרוויכן די האַרבקייטן פון זיינע וויסנשאַפטן; ליכטנפעלד איז בעיקר געווען אַ מאַטע־

מאַטיקער, אַ מענטש וואָס האָט אַ סך יאָרן געלערנט און פּראַקטיצירט מאַטעמאַטיק, און איז באַהאוונט אין יוריספּרודענץ ווי אַן אַלטער און פּראַקטיקירטער יוריסט. ער איז אויך געווען קלאָר אין האַראַצן און ווירגילן און האָט געהאַט אַ פייגע ידיעה אין פּויליש און פראַנצייזיש. אויסער דעם אַלץ איז ליכטנפעלד געווען אַ ייִד אַ פּיקח, אַ צוגעלאָזענער, אַ באַשיידענער, אַ וויצלער, אַ קינסטלער לויטן כאַראַקטער. אויך ער איז נישט געווען קיין באַלעבעסלדיקער ייִד, וואָס גייט טאָגטעגלעך אין בית־מדרש אַריין מיטן טלית־און־תפילין אונטערן אָרעם, אָדער וואָס טוט אָן אויפן קאָפּ אַ גלאַנ־צנדיקן צילינדער־הוט און גייט זיך שפּאַצירן אין גאָרטן צירלעך־מאַנירלעך. אויך ער איז געווען פון זיין נאַטור אַ פרייער מענטש, איז אומצופרידן פון עטיקעט, דערווייטערט זיך פון דער געזעלשאַפט, „אַ ביסל אַ קונדס", אָדער ווי מע זאָגט עס אויף פּראָסט ייִדיש: אַ שטיפער, נאָר ער איז עלטער געוואָרן און האָט זיך באַרויקט און געוואָרן געשטעלטער. אין זיין יוגנט, און צייטנווייז אויך שפּעטער, פלעגט ער שרייבן נישט נאָר פּשוטע לידער, נאָר אויך — כלאחר־יד „כדי נישט צו לאָזן ליידיק פּאַפּיר" — און ווען ס'האָט גערוט אויף אים די אינספּיראַציע — ווונדערלעכע ליבעלידער, און זיין פּעדער איז צייטנווייז געווען ווי אַ שווערדשאַרף, ווען ער פלעגט שאַפן עפּיגראַמען פון ביטערן, ברויזנדיקן און פיינעם גיפט. ווער עס וויל באמת פאַרשטיין דעם גייסטיקן כאַראַקטער פון די ייִדישע שרייבער און דיכטער, וואָלט באַדאַרפט באַקענען אָט יענעם טיפּ מענטש ווי ליכטנפעלד, אָדער ווי נטעלע שאַפּיראָ, וועלכער איז אויך געווען אַן אַפּטער. ווען מיר וואָלטן האָבן אַ ייִדיש „לאַטייניש קוואַרטאַל", וואָלט איך דאָרט באַזעצט די דאָזיקע מענטשן. דאָס איז געווען די אמתע ייִדישע באָהעמע. טייל האָבן געצויגן פּרנסה פון מלמדות, טייל זענען געווען פּריוואַטע אַדוואָקאַטן־ספּעציאַליסטן, און טייל האָבן בכלל קיין פּרנסה נישט געהאַט, און זענען געשטאַנען איבער דער מאַטעריעלער פראַגע אין דער גייסטיקער השכלהשער וועלט, געפינענדיק זיך אין אַ כראָנישן תענית און שוועבנדיק אין אַן אַטמאָספער פון רוחניות.

און איך גלייב, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַן אָרט־מזל, אָדער אָרט־חן, און ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דעם תוך פון פּרצן, שוועבט אַוועק מיין געדאַנק צוריק, ווי אַ פויגל צו זיין נעסט, צו יענע שטעטלעך און געסלעך, פון וואַנען ס'זענען געקומען ליכטנפעלד און נטעלע שאַפּיראָ. זאַמאָשטש! דאָס איז געווען אַ שטאָט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר כאַראַקטער. ס'זענען דאָרט געווען ייִדן פּיקחים און לוסטיקע; ס'זענען דאָרט געווען משכילים, וועגן וועלכע מע דערציילט מופתים, ווי וועגן חסידישע רביים; פון דאָרט איז עס לאַנג צוריק אַרויסגעקומען רבי דוד פון זאַמאָשטש,

מענדעלסאָנס קאָלעגע; פון דאָרט איז אַרויסגעקומען אייכנבוים; דאָרט איז רייפמאַן געווען אַ לערער אין דעם הויז פון דעם גביר מרגלית; דאָרט האָבן געוווינט די געליבטערס, די אַלטבערגס; ווען דער גייסט פון פּוילישער אַסימילאַציע האָט אויפגעבריזט דאָס יידישע זאַמאָשטש, האָט מען דאָרט געשריבן צו דער Iutrzenka שאַרפע רייד. ווען ס'האָט זיך אַנטוויקלט די באַוועגונג פון קאָלאָניזירן יידן אין פּוילישע דערפער. האָט מען דאָרט, נאָענט צו דער שטאָט, געגרינדעט אַ יידישע קאָלאָניע, און פּייזול שיפּער האָט מיט די ראַקעטן, פונקען און פייערווערק פון זיינע העברעאישע מליצות געשילדערט דעם „שאָטנדיקן געוועלד" און די „שפּיצן פון די מוילבער־ביימער". דאָרט, אין זאַמאָשטש, האָט מען געקאָנט באַגעגענען מענטשן אין מאַרק, וואָס האָבן גערעדט מיט גראַמען; שפּאַסערייען זענען דאָרט געפלויגן אין דער לופטן. דאָרט האָט זיך געפונען יענער „צפונווינט", וואָס בלאָזט אויף דעם משורר פידל און באַוועגט זיינע סטרונעס. מיר איז נישט באַקאַנט, צי האָט שוין עמעצער, מיט אַ פיין געפיל און אַנטוויקלטן געשמאַק פאַר דעם קערנדיקן יידישן לשון, געפאָרשט זיינע סטיליסטישע ניואַנסן אין די פאַרשיידענע געגנטן פון פוילן. איך אַליין האָב ווייניק פאַרבראַכט אין זאַמאָשטש, אָבער געקענט אַ סך מענטשן פון אירע געבירטיקע און געהאַט מיט זיי אַ פאַרקער. אין זייער יידישן סטיל איז געווען עפּעס אַ פרישקייט און פיינקייט, עפּעס אַ באַזונדערער שיינגלאַנץ. איך האָב נישט דערמאָנט צעדערבוימס נאָמען, וועלכער האָט אויך געשטאַמט פון זאַמאָשטש. איך שרייב אים נישט צו קיין שום ליטעראַרישן וויכטיקן טאַלענט, אָבער אַלס געזעלשאַפטלעכן און אויך ליטעראַרישן טוער איז אויך ער נישט געווען פון יענע, וואָס מען טרעפט זיי אין גאַס אויף טריט און שריט. אָט, צום ביישפּיל, שטעל איך זיך נישט פאָר, סע זאָל קומען, למשל, אַ מענטש פון דער שטאָט מלאַווע — קיין אָדעס, זיך אין משך פון ווייניקע יאָר אין איר איינהיימישן, שנעל שלאָגן וואָרצלען, וואָס לאָזן זיך פאַנאַנדער און צעגייען זיך אין דעם אָרטיקן באָדן, ווערן אויסגעבונדן און אויסגעקאָכט אין די לאָקאַלע ענינים און דאָרט גרינדן צוויי נייע צייטונגען — נישט דערפאַר ווייל מלאַווע איז אַ שטעטל; וואַרשע איז הונדערט מאָל גרעסער פון דעם, און פון דעסטוועגן קאָן איך זיך אויך נישט פאָרשטעלן, אַ ייד פון וואַרשע זאָל קומען קיין אָדעס און דאָרט גרינדן צוויי צייטונגען. אָבער איך קאָן זיך דאָס יאָ פאָרשטעלן וועגן אַ מענטשן, אַ געקומענעם פון זאַמאָשטש, און דער זאַמאָשטשער זאַפּט פערמענטירט אין אים. און נאָך בעסער קאָן איך מיר פאָרשטעלן אַ מענטשן וואָס קומט פון זאַמאָשטש און גרינדעט דעם „קול מבשר" אויף אַ שאַרפן יידיש. און אָט דער צעדערבוים, וועלכער איז געווען

אַ מענטש אַ רירעוודיקער, און אויב נישט קיין טאַלענטירטער, איז אויף יעדן אופן אַ געצייכנטער און בולטער טיפּ, איז געווען אַ זון פון אַ זאַמאָשטשער ייִדן, פון יענע „אַלטע אַטענער פילאָזאָפן”, וועלכע זענען באמת גרויס געווען. דער אַלטער צעדערבוים איז געווען אַ באַשיידענער און פאַרבאָרגענער מענטש און אַ פּרעכטיקער וויסנשאַפטלער. ענלעך צו רב חיים זשאַק פון זשאַגער. איך האָב געהערט וועגן אים — פון דעם פאַרשטאָרבענעם אַלטבערג און דעם גביר דעם פאַרשטאָרבענעם לעאָן מרגלית — פינקלענדיקע שמועסן און רייצנדיקע, ווי דער טעם פון אַלטן ווייַן, ייִדישע גלייכווערטלעך טענצלענדיקע און שטיפערישע, וואָס אַזעלכע האָב איך נישט געהערט אויף קיין שום אַנדער אָרט. נישט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען די סיבות, צונויפגעוויקלטע ווי אַ קנייַלכל פאָדעם. ווען כ׳וועל זוכה זיין צו שרייבן מער וועגן אָט דעם פּוילן, צו וועלכן מיין געמיט איז אַזוי צוגעבונדן: דאָס פּוילן פון אונדזערע קליינע שטעטלעך, דאָס פּוילן פון דער אַלטער שליאַכטע, זייער אַריסטאָקראַטיע, — דעמאָלט וועל איך אפשר אויפקלערן, וואָס איז דאָס געווען „דאָס ספּעציפישע” פון זאַמאָשטש, און וואָס — פון פּלאָצק, און אַנדערע. ס׳איז נישטאָ קיין שום זאַך אויף דער וועלט, וואָס האָט נישט איר סיבה. ס׳זענען פאַראַן סיבות פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אַזוי ווייטער, וואָס זענען נישט ענג געקניפּט בלויז מיטן ייִדישן לעבן, נאָר זייער אָרט איז אין דעם אַלגעמיינעם לעבן. אָבער זאָלן די סיבות זיין וועלכע זיי זאָלן נישט זיין, אַ פאַקט בלייבט אַ פאַקט: די גרויסע נשמה פון זאַמאָשטש האָט אויפגעשימערט אויך אין פּרצן. איך זאָג דאָס נישט, כדי מקיים צו זיין טענס געבאָט, צו געפינען דווקא אין די באַדינגונגען פון דער סביבה פון יעדן טאַלענט די יסודות פון זיין אַנטוויקלונג, זיינע נייגונגען און שאַטירונגען; איך זאָג עס אַזוי, ווייל מיין האַרץ האָט עס מיר אַזוי געזאָגט פון דער ערשטער רגע אָן, ווען איך האָב דערזען פּרצן בלי׳ען אין דעם לעבנס-פרילינג, אין דער פּראַכט פון יוגנט-גלאַנץ.

ווען מיר באַטראַכטן דעם דאָזיקן דיכטער, זענען מיר געוווינט צו זען אים ווי אַ מענטשן אַ זייער אייגנאַרטיקן און אויסגעצייכנטן מיט אַן אָריגינעלן כאַראַקטער, דערפאַר ווערן מיר ניכשל מיט פאַרזען די מקורות, פון וועלכע עס קוועלט אַרויס אָט די אָריגינאַליטעט. בנוגע דעם פּראָבלעם פון אָריגי־נאַליטעט, איז פאַראַן אַ גרויס צעמישעניש פון מיינונגען, די אָריגינאַליטעט, אויב מיר זאָלן זי ריכטיק פאַרשטיין, מיינט צו זאָגן: זיין אַליין, איינזאַם און דערווייטערט. איך קאָן זיך עס פאָרשטעלן, ווי איינער אַ הייליקער, אַן אָפּגעשלאָסענער אין זיין צעלע, וואָס לעבט לויט זיין גייסט און זיינע נייגונגען, אַן אָריגינעלער איינזאַמער! מיר זעט תמיד אויס די פאָדערונג,

וואָס מע פֿאָדערט פֿון אַ שרייבער, אָדער דיכטער — ער זאָל זײַן אַבסאָלוט אָריגינעל, ווי אַן אומגעזעלשאַפֿטלעכע פֿאָדערונג. אַבסאָלוטע אָריגינאַליטעט, ס'הייסט אומגעזעלשאַפֿטלעכקייט, זעען מיר נאָר — אָדער ביי אַ הייליקן, אָדער ביי אַן אַנאַרכיסט. אָבער די מענטשן, וואָס זייער קוואַל קוועלט אַרויס ליטעראַטור, זענען תמיד געווען געזעלשאַפֿטלעכע מענטשן; און אַפֿילו ווען זיי זענען אַוועק פֿון דער געזעלשאַפֿט, זענען זיי תמיד געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וועלכן קרייז; און אַפֿילו ווען זיי האָבן זיך באַטראַכט ווי יחידים אין אַ רשות־הרבים, פֿלעגן זיי שטענדיק האַלטן אין איין צוגעבן צו דעם וואָס איז געווען פֿאַר זיי, האָבן פֿאַרגעזעצט וואָס אַנדערע האָבן אָנגעהויבן, אויסגעדריקט אויף אַ נייעם שטייגער, וואָס אַנדערע האָבן שוין פֿריִער אויסגעדריקט. ס'איז נישט פֿאַראַן קיין אַבסאָלוט נייע זאַך, און די אַבסאָלוטע אָריגינאַליטעט איז אַן אויסטראַכטעניש־שבאויסטראַכטעניש. די ביימער געבן נישט אַרויס יעדעס יאָר קיין פֿרוכטן פֿון אַן איבעראַשנדיקער פֿאָרעם; ניין! די זעלבע פֿרוכטן, מיט דער פֿינקטלעכער פֿאָרעם וואַקסן יאָר־אויס, יאָר־איין, און דער עיקר איז — די פֿרישקייט, דאָס שיינקייט, די פֿיינקייט פֿון דער פֿאָרעם און די ווערטפֿולקייט פֿונעם אינהאַלט.

ס'זענען פֿאַראַן שרייבער און דיכטער, וואָס נישט לייכט וועלן מיר אויס־געפֿינען יענע, וועלכע זענען געווען פֿאַר זיי. אויב ס'וועט זיין איינער, וואָס איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פֿון אַ זייער באַרימטן שרייבער, וועט לייכט זיין אויסצוגעפֿינען זיין מקור; אויב די באַווירקונג איז, פֿאַרקערט, געקומען פֿון ערטער נישט קיין באַוווּסטע, פֿאָדערט זיך אַ גרויסע באַהאַ־ווּנטקייט, כדי זי אויסצוגעפֿינען. ביי פּרצן איז נישט לייכט אויסצוגעפֿינען זיינע שטאַמפֿאָטערס. זיין עיקרדיקער מקור איז נישט אַזאַ באַשטימטער: דאָס זאַמאָשטש. נישט פֿיל ווייסן, וואָס ס'איז געזונגען און געטרוימט געוואָרן אין דעם אַמאָליקן זאַמאָשטש. פּרץ פֿאַרענדיקט אַ געוויסע תקופֿה. ער איז ווי אַ הויכגעוויקסיקער פֿאַרשוין, וואָס זיין הייך פֿאַרשטעלט אַלע, וואָס שטייען הינטער אים. און אויסער דעם איז שווער פֿעסטצושטעלן די מקורות צוליב אַן אַנדער מאָטיוו: פּרץ מישט צוזאַמען דעם אַלטן מאַטעריאַל, מיטן לעצט מאָדערנסטן מאַטעריאַל, ביז ס'באַקומט זיך אַ געענדערטע פֿאָרעם.

ווער געדענקט נאָך דעם ד"ר עטינגער דעם זאַמאָשטשער, דעם פֿאַרפֿאַסער פֿון „כתבות" און „סערקעלע"? איך קאָן נישט קיין אַנדער ייִדישן סטיל פֿון אָט דער תמימותדיקער פּשטות, פֿון אָט דער ליבלעכקייט און מילדקייט, פֿון אָט דער לייכטקייט, פּיקחות און אָנגענעמלעכקייט, פֿון אָט דער אמתער פֿאָלקסטימלעכקייט, — מיט וועלכן ס'האָט זיך אויסגעצייכנט עטינגער. דאָס איז פֿאַר מיר אַ סוד, ווייל ס'איז אַזוי פּשוט. מע זעט נישט איין קיין סוד

אין קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע זאַכן; ווי נאָר מ'עַ געפינט אויס די טיילן פון זייער צוזאַמענשטעל, ווייס מען שוין אויך, מער־ווייניקער, ווי מע מאַכט זיי. אָבער די פּשוטע זאַך — ווייס מען נישט, ווי זי ווערט געמאַכט, און דערפאַר איז זי אַ סוד. ווי האָבן עס די אומגעזעענע מלאָכים פון דער מאַמעס חדר, פון דעם געוועלב און דער יידישער גאַס איינגערוימט אין אויער עטינגערן יענע שמועסן, אין וועלכע ס'געפינט זיך דער תמצית פון אַלץ וואָס זיי רעדן און טראַכטן — דאָס איז אַ סוד; ווי מאַכט עס נאָך אַ מענטש ווי ער לאַפּאַנטענען, בעראַנזשען, קראַשיצקין; כמעט יעדער וואָרט איז אויסגעבאָרגט, אַ פרעמדס, אָן איבערגעזעצטס און פון דעסטוועגן איז אויף יעדן וואָרט קענטיק דער חותם פון דער יידישער אייגנטימלעכקייט — דאָס איז אַ סוד, ס'הייסט, נאַטירלעך, פּונק, חסד פון גאָט טאַלענט! עטינגער האָט נישט געהאַט קיין גרויסע אָנלאָדונג, אַז וויל צו דעם, וואָס לאָזט זיך אַוועקשיפן אויפן ליטעראַטור־ים אין אַ לייכט שיפל, און לאַדעוועט עס נישט אָן מיט קיין שווערן באַגאַזש; אַ ביסל לאַסט, אַ ביסל שפּייז, דער זעגל בלאָזט זיך אָן, אַ געווינטלעך ווינטל העלפט צו, ער פאָרט אַרויס בשלום און קומט אָן בשלום אין האַפן.

עטינגער איז נאָך נישט געווען קיין „שריפטשטעלער"; ער האָט „געשריבן" — כלאַחר־יד, איז געגאַנגען און האָט באַזוכט קראַנקע, און געשפּריצט מיט פּונקען, דאָ האָט ער אויפגעהאָנגען אַ פּערל, און דאָרט — אַ טריפל גאַל, און פאַרבייגייענדיק אין גאַס, פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט צעדער־בוימען, אָדער מיט רייפּמאַנען, אָדער מיט ישראל אליעזר מינץ, און ס'זענען געפלויגן די פּונקען און פלעמלעך פון דיכטונג און שפּאַס, פון אַ משל און אַ שמועסל, אַזש די לופט איז פול געווען מיט זייער געזשום. פון אים ביז פּרצן איז אַ זייער ווייטער מהלך; אָבער די אָנהייבן און די צוגרייטונגען פון דעם זאַמאָשטשער פּרץ, האָבן זיך, אָן יעדן צווייפל, געפונען ביי אים און ביי דער גאַנצער גרופּע.

ווייל אויף יענעם מאַרק האָט זיך שפּאַצירט — דער אַלטער פּרץ, אונדזער יצחק לייבושעס פאָטער, אַ ייד פון דעם שבט זאַמאָשטש, אַ ייד נישט קיין גביר, אַ ייד אַ נישטבאַלאַסטעטער מיט שווערע קענטענישן, אָבער אַ לעבעדיקער, לייכטער און תמיד פריילעכער, אַ ייד אַ פרישער, אַ היציקער, אַ וויצלער, מיט מיינונגען און פירעכצן אַ ביסל אויסנעמלעכע, אַ ייד לויטן אַלטן נוסח מיט אַ טראָפּעלע פון אַ משכיל, און רעדט אויף יענעם זאַפטיקן, פון אַלעמען גערעדטן יידיש, — איז נאָך אים אויפגעוואָקסן דער יונגער פּרץ, און אויך ער האָט געדיכטעט, געלערנט און געדענקט, און געחלומט נאָך פאַר זיין קומען קיין וואַרשע.

פאַר וואָס איז זיך צעפאַלן דער פריינדשאַפטבונד צווישן פּרצן און גבריאל ייִדלען? אפשר דערפאַר ווייל זיי זענען געווען, אַ ביסל, פון ענלעכע כאַראַקטערן, אָבער — אַ זקן און אַ ייִנגל, אַ מאַטעמאַטיקער, וואָס איז געווען אַ שטיקל דיכטער, און אַ פּאָלקאָמענער דיכטער, וואָס איז קיין מאַטעמאַטיקער אין גאַנצן נישט געווען. שוין דעמאָלט האָט פּרץ אָנגעהויבן זיינע אויסטערלישע פּרוּוון מיט זיין אייגנטימלעכן סטיל. האָט אָנגעהויבן אויף העברעיִש, אַ שיר אָדער צוויי שירים אין "השחר" — סנדלפון, מטטרון — עפּעס אַ ייִדישע מיטאָלאָגיע. אָבער נישט דערויף האָבן זיך באַזירט די שמועסן פון דעמאָלטיקע משכּילים וועגן פּרצן. דאָס איז אויך געווען כּלאַחר־יד: ער האָט אָפּגעדרוקט, מע האָט עס צעכאַפּט פון אים — נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז, וואָס דאָס איז געווען אַ זייער גוטער קאָפּ, אָבער נישט קיין מאַן מיט אַ שטאַרקן ווילן. ס'האָט אים געפעלט די פעיִקייט פון התמדה — ווי מע פלעגט זאָגן. ס'האָט פון אים געקאָנט ווערן אַ מענטש — אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך דערווייטערט פון ליכטנפעלדן. און מע האָט אים ליב — אַ גוטער חבר, אַן אָפן האַרץ, אָבער — ער ברענט און שטורעמט — אַך, ווען מע וואָלט קאָנען אים איינשטעלן! — יענע משכּילים האָבן נאָך נישט געקענט קיין לייטישן פּרק אין פּסיכאָלאָגיע, אַז אַ שטורעמדיק און ברענענדיק האַרץ דאַרף און מוז שטורעמען און ברענען, און ס'איז נישטאָ קיין עצה און קיין תחבולה עס איינצושטילן.

[ב]

איך האָב שוין דעמאָלט באַנומען דעם גאַנצן פּרצן פולשטענדיק, אַ דורכאויס אַנטבלויזטן מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, און כאַראַקטער־שאַטירונגען, איינע זאָל דאָס פעלן; זייערע וואָרצלען האָבן זיך שוין דעמאָלט אין אים ביינאַנד אָנגעטראָפן, זענען צוגעפאַלן איינער צום אַנדערן, און אַלץ איז נאָך געווען אויסגעמישט צוזאַמען, ווי אין אַ זידנדיקן טאָפּ, נאָך נישט צונויפגעפעסטיקטער באָדן, אַ שאַכט אַ נאָך נישט באַרירטער פון דער גראַבמאַשין, אַ פאַרזיגלטער קוואַל, בלויז גילדערנע אָדערלעך האָבן געגלאַנצט פאַר אַ דורכדרינגענדיק אויג, טריפן, ווי טוי־טראָפּנס, האָבן זיך אָנגעזען; אָבער — דאָס איז שוין געווען פּרץ! זיינע רעיונות זענען שוין געפלויגן, ווי שׂרפים, נישט מיד, נישט פאַרמאַטערט צו ווערן, ער האָט שוין געצאַרנט מיט אויפגעבראַוזטן גייסט, זיינע פיילן זענען שוין געווען בליצן און זיינע בליקן — פלאַמען, זיין גייסט האָט שוין געשפּרייזט מיט מוט, געשטרעבט, געלעכצט, און זיין בלוט אין אים האָט געקרייזט ווי אַ בליצשטראַל.

וואָס איז פּרץ דעמאָלט געווען? נישט קיין בית־מדרש־בחור, און נישט

קיין עילוי, לויטן זין פון יענער צייט, און אויך נישט קיין אויסגעצייכנטער משכיל; זיינע ידיעות אין אַ האַנטהויפּן אַריינצוגעמען, האָט ווייניק גע־לייענט און גאָר ווייניק געלערנט, איז נישט געזעסן איבער קיין ביכער און נישט פיל געזען אין לעבן, נישט געקענט דיקדוק — און דעמאָלט איז עס אַ געזעץ געווען פאַר אַ משכיל זיך אויסצוקענען אין דיקדוק! — און תלמוד האָט ער כמעט נישט געלערנט, אויך נישט געפּטרט זיין צייט אויף צו לערנען שפּראַכן און לייענען אַ סך ביכער, אָבער ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זעלטן געשאַנק, ער איז שוין דעמאָלט געווען — אַ שרף, אַ ברענענדיקער פאַקל און ריזיקער פלאַם. ער איז געווען אַ מאַן, וואָס גאָט האָט אים ליב געהאַט, און מיידלעך האָבן ליב געהאַט; די מוזעס האָבן אים געקושט. ער איז געווען אַ פילנדיקער מענטש. יאָ! דאָס איז אפשר די אויסגעצייכנטסטע אייגנשאַפט, אפשר איז דאָס דער מעסט־צירקל פון אַ וואונדערלעכער נשמה: אַ פילנדיקער מענטש! צי שיקט זיך אַ מענטש וואָס פילט נישט? צו וואָס איז דאָס געגליכן? ווי עמעצער זאָגט, יענער שפּילט פידל, אָדער יענער מאָלט מיט אַ פּענדזל — און געזאָגט האָט ער גאָרנישט. דער עיקר איז: ווי אַזוי יענער שפּילט פידל, און ווי אַזוי ער מאָלט. אַלע פילן, אָבער נישט אַלע פילן אַלץ איינס. איינער פילט זיינע מאַגנקראַמפּן, און אַ צווייטער אויך די זיפצן פון די בלומען און דעם צער פון גראָז, וואָס ווערט צעטראָטן; ווער עס פילט פאַר זיך אַליין, און ווער סע פילט פאַר דעם גאַנצן דור, אַפילו פאַר די דורות, וואָס זענען נאָך נישט געבוירן געוואָרן, — און דער איז עס דער דיכטער!

פּרץ האָט פאַרמאָגט אַן ענטוזיאַזם, וואָס לעשט זיך נישט; האָט געהאַט געדאַנקען פולע מיט געפיל, זיין בלוט און זיין גאַנץ אינגעווייד האָבן גע־שריגן, געדעשט, געמאַנט, אָנגעקלאַגט — צי ס'איז יאָ געווען, אָדער נישט אַ דרויסנדיקע סיבה; די סיבה איז געווען אַן אינעווייניקסטע: אַזוי איז ער געווען דער מענטש! ער איז נישט געגאַנגען זיין וועג אויף אָט דער וועלט געלאַסן, ווייט פון גדולות און נפלאות, פאַר זיין שטאָלץ באַשיידנקייט, און אַלע זיינע שטעגן פרידלעכע, נייערט האָט געשפּאַנט איבער דער ערד מיט שטורעם און צאָרן, אָדער איז געפלויגן הויך, ווי אַ פלאַמענדיקער ווינט; אַזוי איז ער געווען, דער מענטש! דער דאָזיקער ייד איז צייטנווייז פול געווען ווי טויזנט האַרמאַטן, מיט קראַפט, אויפברויז און צאָרן, דונער און געבריל, אונטערערד־שרעקן, גיהנום־פּחדים און נאַכטגרוילן, איז געווען אַ פלאַם פון ליידנשאַפט, אַ פייערשייטער פון ליבע, און צייטנווייז פול מיט חן און פול מיט צויבער, ווי געזאַנג פון אַ קינד; אָבער אומבאַטעמט, צוגע־געסן און פאַרלאַנגווײילנדיק איז ער נישט געווען אַפילו אין קיין איין פעריאָד

פון זיין לעבן; קיין טאָגטעגלעכער און וואָכעדיקער איז ער נישט געווען אַפילו קיין איין רגע אין זיין גייסטיקן דאַזיין. ער איז געווען טענצלדיק און האָט געמאַכט קאָזשעלקעס מיט זיינע טאַלענטן און וויזיעס.

אַ קריטיקער, וועלכער וועט זיך אויפקאָכן די קריטיק לויט געווירצן, ווי די קטורת־געווירצן, קאָכנדיק און וועגנדיק אויף אַ וואָגשאָל, צוזאַמענ־מישנדיק און צוזאַמענגיסנדיק, וועט עלול זיין צו אורטיילן: פּרץ וואָלט געקאָנט זיין נאָך אַ גרעסערער העברעיִשער דיכטער, אַ דיכטער אָן איין און איינציקער. אָבער כדי אַרויפצושטייגן אויפן דאָזיקן דערהויבענעם באַרג, דעם ווערטיקאַל־זייטיקן פּאַרנאַס, האָט ער נישט באַוויזן זיך צו באַזאָרגן און פאַרגרייטן מיט אַלעם נייטיקן. ער איז געווען אַ זייער אויס־געצייכנטער העברעיִשער דיכטער, נאָר כדי די קרוין זאָל זיך פּאַסן, פאָדערט זיך זייער אַ סך אַרבעט, מע דאַרף כסדר צונויפזאַמלען און אַריינ־ברענגען, און אַרומנעמען אַ סך געביטן, און באַהערשן אַלע שפּראַך־אוצרות; און אויב יענער קריטיקער וועט אויך זיין אין דער בחינה פון אַ לערער און מוסר־זאָגער, איז ער נאָך עלול צוצוגעבן: אַ שאָד וואָס פּרץ האָט נישט באַגרענעצט זיין באַגייסטערונג נאָר אויף דער העברעיִשער שפּראַך און האָט אָוועקגעגעבן זיינע מייִנסטע כוחות דער ייִדישער שפּראַך; אָדער: מיר באַדויערן, וואָס פּרץ איז געווען צעוואָרפן און פאַנאַנדערגע־שפּרייט אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט — אַ דיכטער און דענקער, אַ דראַמען־שרייבער און דערציילער, און נאָך און נאָך.

אָבער — אַזוי איז ער געווען דער מענטש, און נאָר אַזוי האָט ער געקאָנט זיין געטריי זיך אַליין, — און ווי ס'דריקט זיך אויס שעקספּיר — „דער קאַפּיטאַן פון זיך אַליין. ער האָט גוט געפירט זיין שיף". פאַרלאַנגט נישט קיין אַנדער פּרץ! אָן אַנדער פּרץ וואָלט זיין צעקנאָדערט און צע־ברעקלט, געפּלעקלט און געשטריכלט. גוט, וואָס מיר האָבן געזען פּרצן ווי ער איז — אַ וווּנדערלעכע צוציִענדיקע דערשיינונג.

פּרץ איז געווען אַנדערשדיק, סיי אין זיין יוגנט און סיי אויף זיין עלטער. ס'זענען פאַראַן אין וואַלד סאָרטן ביימער און סאָרטן פלאַנצן, וואָס זייערע בלעטער און נאָדלען זענען באַדעקט מיט שאַרפן גרינס אַ גאַנץ יאָר, סיי זומער, סיי ווינטער. נישטאָ קיין סך מענטשן אַזעלכע, אָבער זענען דאָ: זיי זענען שטאַרקער פון דער צייט, שטאַרקער פון דער וועלט, וואָס ברענגט אום אַלץ; נאָר דער טויט קאָן זיי בייקומען, אָבער לעבעדיקערהייט אויס־גיין — קאָנען זיי נישט, איינער פון די דאָזיקע ווייניקע איז געווען פּרץ.

מיר האָבן זיך צעשיידט, און יעדער איז זיך געגאַנגען זיין וועג, צאַרטע און יונגע, וואַנדערנדיק און וואָגלדיק. איז ער אַוועק קיין זאַמאָשטש, האָט

זיך אומגעקערט, ווי אוליסעס אין זיין איטאַקע. האָט געטראַכט, ווי יעדער איינער פון אונדז — זיך צו פאַרפולקאָמען, צוגרייטן צו העכערע לימודים — ווער וייס, וואָס ער וואָלט געוואָרן? צי וואָלט צו די מחנות דאָקטוירים צוגעקומען נאָך אַ דאָקטאָר? לאָמיר בעסער נישט זיין קיין קאָרעקטאָרן פון דעם לעבנסבוך! אַזוי איז ער געדרוקט געוואָרן, און אין דער גרייזן־רשימה קוקט מען נישט אַריין.

פרץ האָט זיך אומגעקערט קיין זאַמאָשטש, זיין גוט געמיט האָט אים געפירט אַהין. אַ שטיק צייט האָבן מיר זיך נישט געזען, בלויז זייער זעלטן. מיר האָבן זיך געפרייט צו הערן פון זיך פון דער ווייטן — אַבי מע לעבט. ס׳איז צווישן אונדז נישט געווען קיין באַזונדערע ליבשאַפט, נישט בלויז צוליב עטלעכע כאַראַקטער־און דערציִונג־אונטערשיידן, נאָר פרץ האָט בכלל נישט פאַרמאָגט די מידה פון פערזענלעכער צוגעבונדנקייט אויף אַ סך יאָרן און פון דער זעלבער מאָס. ער איז געווען אַ מענטש אַ חברישער, אָבער ס׳איז געגנוג געווען, אַ פליג זאָל אים מיט ברעג פליגעלע אַ קיצל טאָן אין דער נאָז, ער זאָל אויפשוידערן. אַרום אים פלעגן זיך זאַמלען תלמידים, עפּעס ווי חסידישע הויפישע זינדלעך, און יעדער פון זיי האָט נאַיִוו געגלייבט, אַז פרץ איז אין גאַנצן זיינער. אָבער ער פלעגט מיט אַ גערנדיקער כוונה טוישן לויט דער שטימונג די אַרומיקע — ווי אַרומקריי־זנדיקע שטערן, און ער איז דער פעסטגעזעצטער צענטער אין זיי, און פלעגט זיך אָנברוגזן און זיך איבערבעטן, זיך איבערבעטן און ווידער אָנ־ברוגזן. אמת, אין דעם אַלץ פלעגט ער נישט פירן קיין קליינלעכע חשבונות; פרץ איז פון זיין נאַטור אויס געווען רייך, מיט פיל ענדערונגען און גע־שמאַקן, אָבער איינער. זיינע מאָסן געדאַנקען האָבן תמיד געשוועבט, ווי פליִענדיקע פייגל, מחשבות אין די טויזנטער זענען הין און צוריק פאַרביי־געלאָפן זיין געמיט, די קומען, און יענע פליִען, ווי פייגל, אַוועק.

לויט מיין רעכענונג האָט ער אַ פופצן יאָר געוווינט אין זאַמאָשטש. איך בין דאָרט ביי אים קיין מאָל נישט געווען, אָבער האָב וועגן זיין לעבן געוווּסט סיי פון אים אַליין, און סיי פון אַנדערע. ער איז דאָרט געוואָרן אַ פּריוואַטער אַדוואָקאַט, נאָכן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען. אפשר איז ער צום אויסוויילן אָט די פּראָפעסיע אַ ביסל באַווירקט געוואָרן פון ליכטנפעלדן. אָבער פאַרשיידן האָט די דאָזיקע פּראָפעסיע געדינט דעם אַלטן ליכטנפעלדן אין וואַרשע, און דעם יונגן פרץ אין זאַמאָשטש. ליכטנפעלד איז געווען אַ ספּעציאַליסט פון געזעצגעבונג, אַן אויטאָדידאַקט, אַ מומחה, מיט וועלכן מע פלעגט זיך באַראָטן — ווי איטשעלע ראָזענבלאַט אין זיין צייט, ווי יוסף ראָזענטאַל שפּעטער, ווי ש. אַדעלבערג, וועלכן כ׳האָב געקענט אין מיין

קינדהייט אין פלאָצק. דאָס איז געווען אַ טיפּ אין דער ייִדישער גאַס. אַנדזשעי וואָלף, דאָמיניק זשעלינסקי — די העכסטע אויטאָריטעטן פון דער וואַר־שעווער אַדוואָקאַטור. אַ שווערן ענין, — אַזוי פלעגן מענטשן שמועסן אויף דער ייִדישער גאַס — ברענגט מען צו אַ „קאָנסטעלאַציע" מיט אָט דעם ייִדן, וואָס כאָטש ער טראָגט שוין נישט קיין לאַנגן בגד ביז די קנעכל, איז לכל־הפּחות ביז די קני. אַן איבערגייענדיקער שטאַפּל און אַ „בין־השמשות" — שטעלט פאַר מיט זיך אָט דער ליכטנפעלד. און ווירקלעך, ליכטנפעלד האָט געקענט דעם „קאָרפּוס יוריס" נישט ווי אַן אוניווערסיטעט־סטודענט, נאָר ווי אַ בית־מדרש־מתמיד, ווי דער למדן האָט געקענט דעם חושן־משפּט. אָבער נישט דערצו האָט זיך געאייניקט פּרץ און נישט דערצו האָט ער געשטרעבט. ער איז געוואָרן אַ פּריוואַטער אַדוואָקאַט און האָט זיך אויסגעמישט צווישן דעם עולם, אין אָט יענעם געדיכטן מערעשקעס־הויפן. האָט געאַרבעט, זיך געמיט, איז אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון דעם גאַסן־לעבן, אין די צונויפגעדריקטע און צונויפגעפּרעסטע קראָמען און משפּחה־שטובן. אין יענער קליינער שטאָט האָט ער געפונען אַ וועלט פול מיט סצענעס פון טרויער און ייאוש, פרייד און ציטער, פאַרגעניגן און צאָרן, פרייד און פאַרוויילונג. טאָגטעגלעך פלעגן די ייִדישע קרעמער און באַלמעלאָכעס, די אַלטע ווייבער, וואָס שטריקן זאָקן, די שיינהייטן פון שטעטל און דאָס קליינוואַרג פאַרביישפּאַצירן אויף דער ליניע פון זיין בליק. טאָגטעגלעך איז די גאַרע עשירות פון די פאָלקסווערטלעך, וויצן און שפּריכווערטער געליגן אויסגעשפּרייט פאַר אים, ווי אַן אָפענער אוצר; אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט ער זיך געבאָדן אין אָט דעם שלאָגנדיקן קוואַל — און ער איז אַ מענטש אַ גייסטרייכער, און אַלץ פאָטאָגראַפירט זיך אָפּ אין זיין מוח, אַ מענטש מיט אַ פּען, ווי דאָס כישוף־שטעקעלע, וואָס קוים באַרירט עס קברים, וואַקסן פון דאָרט אַרויס לעבעדיקע באַשע־פענישן. אַ מענטש פון דער מאָסע, ער זאָל אַפילו הונדערט יאָר זיך פאַרנעמען מיט אַדוואָקאַטור, וועט ער אָנזאַמלען אַ קנאַפּ פאַרמעגן און אַ ביסל פּראַקטיק אין זיין פּראָפעסיע; אָבער פאַר אַ מענטש ווי פּרץ איז דאָס געווען אַ גרויסע צוגרייטונג צו ווערן אַ זייער פאָלקסטימלעכער שרייבער.

און פּרץ איז שוין אין יענעם פּעריאָד אין זאַמאָשטש געווען ווי תמיד — באַשעפטיקט, בליציק, ענטוזיאַזמירט, האָט נישט אויסגעקוקט אויף קיין האָנאָראַר, נישט געזאָרגט אויף שפּעטער, נישט אָפּגעזונדערט און נישט דערווייטערט פונעם לעבן; פאַרקערט, האָט ליב דאָס לעבן, שפּריצט עלעק־טרישע פונקען, איז לוסטיק, לאַכט, קאָכט זיך, לאָזט זיך ווילגיין, אָבער לייגט נישט אָפּ קיין געלט, האָט נישט ליב קיין רייכקייט און פירט נישט

קיין חשבונות. אין זיין קליינעם צימער האָט ער שוין געהאַט אַ מין קלוב, פלעגט פאַרבעטן זיינע געסט די יונגע אָנפאַנגער פון אַלע קאַטעגאָריעס און אַריינפירן צו זיך, און האָט זיי אין גאָרנישט אָפּגעזאָגט. וואונדערלעך איז געווען זיין ליבע צו פאַרבייפאָרער און פאַרבייגייער. אביונים האָבן געגעסן זיין ברויט, אָרעמגעקליידעטע האָבן געטראָגן זיינע מלבושים, נישט אויפן שטייגער פון שענקען אַ נדבה און נישט אַ נדבנישן זשעסט, נאָר אויף אַ פרייען אופן, ס'איז דאַ — נעם, וואָלט נישט געווען — פאַרפאַלן. מער ווי ער איז געווען באַלעבאָס, איז ער געווען קינסטלער, געווען ווי אַן אַלטער סטודענט; איז נישט געווען קיין חסיד, אָבער זיין נשמה איז געווען אַ גילגול פון די חסידים: לעבן, געפיל, התפעלות און חברה; און ווי ס'איז דער שטייגער, ווען די זון האָט אים צוגעלויכטן, האָט ער געהאַט אַ סך פרייד, און ווען די זון האָט זיך געזעצט, זענען זייערע שפּורן פאַרשווונדן. אָבער פרץ איז געווען אַ מאַן, וואָס זיין קאָפּ האָט זיך נישט געבויגן, דער רוקן זיך נישט געהויקערט, און די פיס זיך נישט געשטרויכלט.

און ווירקלעך, ער איז געווען מער ווי אַ פריוואַטער אַדוואָקאַט ביי אַלעמען באַליבט, אַ מכניס־אורח, אַ גוטס־און ווױלטוער, אַ זייער אַקטיווער, אַ זאַמלער פון באַאָבאַכטונגען פון דעם פאָלקסלעבן, אַן אויפמערקזאַמער צוהערער צו מענטשלעכע שמועסן. ער האָט סיי געלייענט, סיי געלערנט. ס'טרעפט אַ מאָל, ער שרייבט צו מיר, איך זאָל אים שיקן מיצקעוויטשן, פאַריזער אויסגאַבע, און ס'טרעפט ער בעט ביי מיר גרעצן. ער האָט דעמאָלט געלייענט אַ סך פון דער רוסישער און פוילישער ליטעראַטור. די סאָציאָלאָגיע האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט. ס'וועט מגזם זיין יענער וואָס וועט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ דורכאויס איבערצייגטער סאָציאַ־ליסט, און ס'איז אויך נאַריש צו זאָגן, אַז ער האָט געהאַט פעסט־באַשטימטע ראַדיקאַלע מיינונגען. זיין ראַדיקאַלישקייט, מער ווי זי איז געווען סיסטעם, איז געווען נטיה, און מער ווי זי איז געווען אַ פולשטענדיקע לערע, איז זי געווען אַ געוויסע באַציִונג צו די מענטשן און די ענינים. אָבער אָן אַ שאָטן פון גוזמא קאָן מען זאָגן, אז לויט זיין כאַראַקטער איז ער שטענדיק געווען אַ פאָלקסטימלעכער און פריי־דענקענדיקער, איז תמיד געווען אויפּ־גערודערטקייט און ציטער, פּראָטעסט און צעשטערונג און שינאה צו אַלץ וואָס איז פאַרעלטערט און פאַרטריקנט, צו יעדער הערשאַפט און קנעכט־שאַפט, צו אַלץ וואָס איז קרום און פאַרדרייט, צו דער אונטערדריקנדיקער רוט, און תמיד איז גרויס געווען זיין ליבע צו יעדן און צו אַלץ, וואָס איז אונטערדריקט און געשטיקט געוואָרן. ער האָט נישט נאָר געהאַט אַ בייגונג צום אמת: דאָס איז געווען ביי אים אַ ליידנשאַפט און אַ מין אייפעריקייט.

אויב קאָנסערוואַטיזם מיינט, נישט נאָר לויט דעם טייטש פונעם וואָרט: איינהיטן אַלץ וואָס איז אַלט, נאָר אויך לויט דעם טייטש פון דער זאַך: זיין צופרידן, באַגנוגענען זיך מיט דעם וואָס מע פאַרמאָגט, פאַרבלייבן רויק אויפן פלאַץ — איז אין פרצן נישט געווען אַפילו קיין פונק פון דער דאָזיקער מידה.

און איך האָב געוווּסט, אַז פרץ האָט נאָך אין זאַמאָשטש געשריבן. ער האָט געשיקט צו מיר שאַרפזיניקע עפּיגראַמען (דער אָפּזאַץ פון זיינע דערפאַרונגען מיט די מענטשן), וועלכע פלעגן גיין פון האַנט צו האַנט און האָבן אים צייטנווייז פאַרשאַפט קלאַפּאָטן מיט די נאַטשאַלניקעס (וועל־כע האָבן אין זיי איינגעזען מרידה אין מלכות); אָבער — האָט אויך געשריבן שירים, וואָס פלעגן זיין פאַרשלאָסן אין זיין שופלאַד, אָדער איבער־געגעבן אַ קליינעם קרייז פון יענע, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען ביי פרצן אין שטוב, צייטנווייז אויך צו לייענען פראַגמענטן. און איך האָב געטראַכט וועגן פרצן, בעתן צוגרייטן דעם „האָסיף". ס׳זענען דעמאָלט צווישן אונדז געווען בלויז ווייניקע, וועלכע האָבן נאָך געדענקט פרצן; זיין נאָמען האָט נישט ווייט געקלונגען, אין דער העברעיִשער ליטעראַטור האָבן זיך זיינע שפורן נישט אָנגעזען, און די ייִדישע ליטעראַטור האָט נאָך דעמאָלט כמעט נישט עקזיסטירט. דער ערשטער קרייז איז זיך צעפאַלן, גבריאל ייִדל איז געשטאָרבן אין אָרעמקייט, ווי דיאָגענעס, צווישן זיינע ביכער און שריפטן, אין אַ קליינער שאַלקע אין דעם הויף פון קאַשער, אָדער ווילדער אויף די נאַלעווקעס. אין דער ליטעראַטור האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל: נאַציאָנאַליזם, נייער סטיל, אַ סך שרייבער, און נישט ווי אַמאָל — אַ שטיל רוישן און שאָרכן פון אַ טייך־פליסן, נאָר געפלייץ און שטאַרק געטומל. מיר דאַכט זיך, אַז דער „האָסיף" איז געווען דער ערשטער פאַר אַט דער באַוועגונג. זיין דערפאָלג האָט גורם געווען גוטע און אויך שוואַכע נאָכ־מאַכונגען, און אויך זיי האָבן געהאַט דערפאָלג. דאָס איז געווען פאַר די טאָגצייטונגען, און דאָס איז געווען דאָס אויספלאַסטערן דעם וועג פאַר זיי.

ס׳זענען אַריבער נאָך יאָרן, און איך שרייב און אייל אונטער פרצן, און אין איינעם אַ טאָג שיקט ער מיר צו אַ בינטל שריפטן: „דאָ האָט איר מיינע געדאַנקען־קינדער, פּען־שפּילערייען, אויב זיי געפעלן אייך — דרוקט זיי, אויב נישט — ברענגט זיי אַ קרבן דעם גאָט מולך און שפּרייט פאַנאַנדער זייער אַש, ווי דאָס אַש פון דעם עגל!". כ׳געדענק נישט די ווערטער, אָבער דאָס איז מער־ווייניקער געווען דער אינהאַלט פון זיין בריוו צו מיר. ער האָט מיר דעמאַלט געשיקט זיין ליד „דאָס קליינע שטעטל". איינס פון זיינע ייִנגסטע פּרוכטן. און איך האָב דערקענט פרצן. האָב דעמאָלט גערעדט

מיט מיינע חברים, שפּעטער געשמועסט מיט מבינים — זיי האָבן נישט דערשפּירט אין יענעם ליד דאָס, וואָס איך האָב דערשפּירט. ס'איז אינטערע־סאַנט אַ קוק צו טאָן אויף צוריק אויף אַ משך פון אַ האַלבן דור און דערזען די ענדערונג אין געשמאַק, דעם שפּרונג פון דער קריטיק און די גײַזעל־שאַפטלעכע מיינונג, וואָס ציט זיך נאָך איר, און די ענדערונגען פון דער מאָדע, אין לעבן און אין דער ליטעראַטור! אַ טייל פון די זעלבע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרלייקנט פּרצן און זיך איינגעקשנט, אַז אין אים איז נישט צו זען קיין שום סימן פון טאַלענט, ווייל אָט דער זאַמאָשטשער ייִד איז זיי פולשטענדיק פרעמד געווען, נישט אָנגעהערנדיק אין אָנהייב צו קיין שום קרייז, אָן סמיכה פון קיין שום גרופּע, עפּעס אַ זעלבסטגעקרוינטער תנא־ברא, — האָבן אים אין עטלעכע יאָר אַרום געמאַכט פאַר עפּעס אַ „פּרץ", „פּרץ"; און פּרץ איז געוואָרן. מיט נאָך אַ האַלבער טוץ שרייבער, געטלעכקייט, און די גאַנצע אַטמאָספער אַרום זיי האָט אָנגעהויבן זשומען: אַ מין אַקס, אַרום וועלכער ס'דרייט זיך דער ערדקיילעך, מיט יענער עקסטרעמקייט און פאַנאַטישער חסידות בנוגע איין „רבין", מבטל מאַכנדיק דערביי אַלע רביס פון זינט די וועלט שטייט ביז היינט, צו וועלכער ס'איז פאַרשקלאַפט אונדזער כאַראַקטעריסטישער אינפאַנטיליזם, וועלכער בלאָזט זיך אַלס ליטעראַרישע קריטיק. אין דער ווירקלעכקייט איז פּרץ נישט געווען דאָס, וואָס ס'האָבן וועגן אים געטראַכט די געשמאַקלאָזע קריטיקער, וועלכע האָבן זיך נישט דערקענט אויף זיין טאַלענט אין זיין אָנהייב תקופה, און נישט דאָס וואָס עס חלומען און טרוימען וועגן אים זיינע חסידים און פאַרגעטערער לעצטנס. נאָר ער איז געווען אַ שרייבער מיט אויסגעצייכנטע פעיקייטן, מיט גרויסע שוואַכקייטן און פעלערן. נישט דאָס מבטל זיין פּרצן, נישט די חסידיש־טיפּשותדיקע התלהבות בנוגע פּרצן, נאָר אַ קריטיק פון פאַרשטאַנד און געשמאַק — דאָס איז די פּאַסיקע מאָס לגבי פּרצן.

אויף מיר האָט פּרץ געמאַכט אַ טיפערן איינדרוק דווקא אין אָנהייב פון זיין תקופה, ווען מיין מיטאַרבעטער אינעם „האָסיף", דער פאַרשטאַרבענער אליעזר אַטלאַס, וואָס זיין סאַטירישער געציש איז געווען אַ שלאַנגען־געציש, פלעגט זיך וויצלען איבער אים מיט אַלע זיינע דיבינקע שפּאָטערייען, פון וועלכן מע קאָן, וואָס אָן אמת, קיין ראיה נישט ברענגען, ווייל אַטלאַס האָט נישט געקענט די שיינע ליטעראַטור; אָבער גרעסערע צרות האָב איך געהאַט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם א"ש פרידבערג, וועלכער איז אין משך פון אַ געוויסער צייט געווען איינער פון מיינע מיטאַרבעטער אין דער טעג־לעכער „הצפירה", און ער איז געווען אַ שרייבער און אַ שטיקל מומחה אין דער שיינער ליטעראַטור, אָבער פּרצעס יעדעס וואָרט האָט אים אויפגערייצט

און אַרויסגעפּירט פון די כלים. אַט די זענען פאַרבליבן אין זייער קעגנער־שאַפט; ס׳זענען אָבער אויך געווען אַזעלכע, וואָס זייער אָנהייב איז געווען פולשטענדיקער ביטול, און זייער סוף — התפשטות הגשמיות און קולט, וואָס האָט נישט קיין זין און קיין גרענעץ — באַזונדערס, די יונגע מיט ווייניק דערפאַרונג.

דאָס איז אַ פאַקט, אַז צווישן די שרייבער און רעדאַקטאָרן פון פאַרגאַנגענעם דור בין איך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנערקענט פּרצן. מיר איז פאַראויסגעלאָפן סמאָלענסקין, אָננעמענדיק פּרצעס צוויי לידער אין דעם „השחר", אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אָנערקענונג, נאָר אַ קבלת־פּנים צום דרוקן. נישט נאָר איך האָב אָנגענומען זיינע זאַכן, נאָר אויך אים סטימולירט און אונטערגעטריבן מיט אַלע מיינע כוחות — מיט אַלערליי סטימולן און באַמיונגען, ווייל איך האָב אים זייער ליב געהאַט. איך האָב אים געבראַכט קיין וואַרשע און זיך באַמיט פאַר אים, מע זאָל אים צונעמען אויף אַן אַמט אין דער גמינע. איך האָב געקעמפט מיט די אַסימילאַטאָרן, וועלכע האָבן אים אין אָנהייב נישט געוואָלט, און מיט אים — ער זאָל נישט פאַרלאָזן די ליטעראַרישע אַרבעט. אפשר האָב איך דאָס אַזוי געפּילט, ווייל איך האָב שוין פּרצן געקענט פון אַ לענגערער צייט, אָדער ווייל איך קען דאָס קליינע ייִדיש־פּוילישע שטעטל, ווייל עס לעבט נאָך אין מיר ביז היינט, און האָט נאָך נישט אויפגעהערט מיר צו געבן זיין האָניק. איך האָב געזען אין יענעם ליד און די אַנדערע פּרצעס לידער געדרוקטע אין דעם „האָסיף", די גאַנצע פּראַכט און רייץ פון דעם פּרצישן סטיל פון דעמאָלט אַן ביז היינט צו טאָג.

איך נעם זיך נישט איבער, אַז איך בין דאָס געווען דער האָן, וואָס האָט אויפגעוועקט זיין פּרימאַרגן — ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע הענער, וואָס מיינען אַז די זון גייט אויף, כדי צו הערן זייער קרייען — נייערט איך פאַרצייכן לזכרון אַ פּשוטן פאַקט, אַז פּרץ איז אַריין אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — פאַר מיר מיט מיין פולער אָנערקענונג, פאַר אַנדערע — שטיל און אומבאַמערקט דעמאָלט — אין דעם „האָסיף".

(ווען איך זע ווי מיין דור האָט אַוועקגעוואָגלט אַלץ ווייטער און ווייטער, שפּאַנען דורך געזעמלענוויז פאַר מיינע אויגן, מענטשן לעבעדיקע — און מחנות טויטע, און אַט איז אויך דער צווישן זיי! — אַך, לאָמיר זיך באַהערשן).

ס׳זענען אוועק נאָך געציילטע יאָר, און פּרץ איז געקומען קיין וואַרשע. דאָס אָרט איז אים ענג געווען, און די צייט האָט אים דערעסן אין זאַמאָשטש. ער האָט אויך געהאַט סיכסוכים און שטרויכלונגען, ער האָט שוין געהאַט אין זיך איינגעזאַפּט דאָס אַלץ, וואָס זאַמאָשטש האָט אים געקאָנט געבן.

ער איז פול געווען, ווי אַ מילגרוים, מיט יידישן פֿאָלקלאָר, יידישע לעגענדעס, קענטעניש פון דעם יידישן לעבן און, ווי דער ים, פול מיט פּאָעזיע. אָך, ווי ער האָט עס געגליט, ווי ער האָט עס געשטורעמט, ווי שווער געוואָרן ס'איז די אויסגעצייטיקטע פרוכט אויף דער צווייג, ווי ס'האָבן אויפגעפּוישט, זיך אָנגעפילט די טרויבן פון אָט דעם שטענגל! ער האָט געשריבן העברעיש, אַפילו אַ וווּנדערלעכען העברעיש, אָבער הגם ער האָט אויף אים געשריבן פריי, האָט ער נישט געקאָנט מיט אים זיך אַרויסווייזן אין מלכותדיקן פּראַכט. לאַחר־המעשה וועלן די חקרנים צוטראַכטן פאַר דעם פאַקט אַ באַשטימטע טעאָריע, סע זאָל הייסן: דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, און פרץ איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אין אַן אַנדער זין, אָבער אָט די אַלע חקירות און טעאָריעס ווערן אויפגעשטעלט און איינגעשטעלט שפּעטער, און מע קאָן צו זיי צוגעבן נאָך, און מע וועט נאָך צוגעבן נאָך, נאָר אין תוך און צו אַלעם ערשטן איז די סיבה געווען, אָן צוטראַכטענישן און פּילפּולים, זייער אַ פּשוטע: פרץ האָט נישט געקאָנט זיין אויף העברעיש, וואָס ער איז געווען אויף יידיש. דאָס שווערע פאַרמעגן פון פאָלקסלעבן־קענטשאַפט, דער אָנגעפּאַקטער אוצר פון אָנשוויונגען, מיי־נונגען, רמזים, וואָס צייטנווייז אַנטפּלעקן זיי מיט איין וואָרט ווי דורך אַ שפּרונג, דורך צויבער און וווּנדער, פאַרבאָרגענע וועלטן; די תמימות און די נאַטירלעכקייט, די אוממיטלבאַרקייט פון דער לעבנסשפּראַך, — ווען זיי וואָלטן געדאַרפט ווערן אויסגעדריקט אין זייערע אַלע לעבעדיקע און שטאַרקע פאַרבן און זייערע סאַמע איידלסטע געשניצן אויף העברעיש, וואָלט דערצו נייטיק געווען אַ גאון־שבגאונים אין העברעיש, און אויך דעמאָלט וואָלטן זיי געווען איבערזעצונגען. ס'איז ריכטיק וואָס מע זאָגט: דער גרויסער שרייבער, מער וויפל ער נעמט פון דער שפּראַך, גיט ער איר. און אפשר וואָלט אויך פרץ געווען איר געגעבן מער וויפל ער האָט איר געגעבן, ווען ער וואָלט געווען אַרבעטן איבער איר. אָבער — זיין גאַנצע דערציונג, זיין גאַנצע צוגרייטונג אין זאַמאָשטש, דער גאָרער אופן פון זיין אימפּולסיווער טעטיקייט האָבן גורם געווען דערצו, וואָס ער איז געוואָרן בעיקר אַ גרויסער שרייבער אויף יידיש, און ווי אַ צוגאָב — אַ שרייבער און דיכטער אויך אויף העברעיש.

ס'האָט דערצו צוגעהאָלפן אויך זיין טעמפּעראַמענט. ער האָט ליב גע־האַט צו זיין צווישן מענטשן, צו זיין אַרומגערינגלט מיט אַן עולם, צו זיין אַ ביסל „אַ רבי" מיט „חסידים". די כסדרדיקע התלהבות אין אים האָט זיך געניייטיקט אין צוריקקומענדיקע היצכוואַליעס. דאָס העברעיש איז געווען פאַר אים צו אַריסטאָקראַטיש און פאַרזיכיק; ער האָט נישט געקאָנט

דערמיט פֿאַנאַנדערשפרייטן זיינע ברייטע פליגל. ער האָט נישט געפילט דערין יענע דערקענטעניש פון ווירקן און באַווירקט ווערן מיט צענער טויזנטער פונעם פאָלק, וואָס ער פלעגט פילן שרייבנדיק און דיכטנדיק פון זיך אַליין אויף יידיש. דאָס איז געווען זיין וועלט. די אַרטיקע זאַמאָשטשער לעגענדע האָט זיך פאַנאַנדערגעשפרייט, אַרומגעכאַפּט און אַרומגענומען די עקן וועלט, און אירע געדאַנקען האָבן זיך צעזייט איבער די פיר זייטן פון דעם באַשאַף און אַנטהאַלטן אומענדלעכע ווייטן. אָבער דאָס איז געווען פרץ לויט זיין שטייגער. אַזוי און נישט אַנדערש האָט ער געקאָנט זיין.

פון ערשטן טאָג, אין וועלכן מיר האָבן זיך באַגעגנט, נאָך אַ לאַנגן איבער־רייס אין וואַרשע, איז מיר נישט געווען קיין שום ספק, אַז פרץ וועט ווערן אַ גרויסער אויפשאַלער, אַ שעפער און נאָוואַטאָר, דער עיקר אין דער יידישער שפראַך און אויפן שטח פון קעגנווערטיקן לעבן, און אַז אויף העברעיִש וועלן מיר באַקומען פון אים בלויז פונקען.

[ג]

איך געדענק איינעם אַ טאָג, ווען איך און קאַרנגאָלד זענען געגאַנגען צו זיין עלטערן ברודער, צו ליבער קאַרנגאָלד, וועלכער האָט געוווינט נישט ווייט פון מיין וווינונג אויף מאַריאַנסקי־גאַס, ראָג טוואַרדע, אין זיין אייגן הויז. ליבער איז געווען אַ טיפּ פון אַ גבאי פון דער נייער געזעלשאַפט מיט אַ צומיש פון אַ גבאי פון אַלטן דור — נישט קיין למדן, נישט קיין משכיל, נישט קיין אויפגעקלערטער, נאָר אַ שיינער באַלעבאָס, אַ תקיף, אַ פעדאַנט אַ ביסל, ער האָט אויסגעזען צו זיין אַ שלעכטהאַרציקער, אַ הערשערישער, אָבער אין תוך איז ער געווען אַ גוטער מענטש און איבער־געגעבן קהלשע ענינים — אַ גביר. פלעגט רעדן פויליש מיט גרייזן, אָבער מיט גרויס זיכערקייט אין זיך, און אַז ער האָט גערעדט יידיש, איז דאָס געווען וואַרשעווער יידיש, מיט דער אָרטיקער אויסשפראַך און אָרטיקער נגינה. ער איז געווען אַ גרויסער פאַטריאָט, נישט דווקא אַ פאַטריאָט אין פאָליטישן זין, נאָר אין זין פון היימגעגנט — ס'עקזיסטירט נישט אויף דער וועלט נאָר וואַרשע, און אין וואַרשע גופא — בלויז די מענטשן וועלכע ער קען; אַפילו פראַגע איז שוין אין זיינע אויגן געווען אַ נחות־דרגא, וואָס ס'איז אויף דער צווייטער זייט בריק, איז שוין נישט גלאַט־כשר. ווען מיר האָבן אים פאָרגעלייגט אָט די נייע קאַנדידאַטור, איז זיין ערשטע פראַגע געווען czy tutejszy (אַ היגער?) און איך, אַ יונגער נאָך דעמאָלט, האָב אַרויס־געלייגט פאַר אים מיינע טעאָריעס, אַז אין תוך אַריין איז נישט קיין נפקא־מינה, צי אַ tutejszy אָדער נישט קיין tutejszy אָבער איך בין געווען

ווי עמעץ וואָס וואַרפט אַ שטיין אין דעם געטש מאַרקוליס, אָדער ווי עמעץ וואָס וואַרפט אַרבעס אין דער וואַנט. כל־זמן מיר האָבן גערעדט פּויליש איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט ער זאָל זיך צוריקציִען, אָבער — אָט האָט מען דערלאַנגט טיי און ציגאַרעטן „טראַבאָקאָס", און דער שמועס איז געוואָרן אינטימער, און ביסלעכווייז האָט זיך אַריינגעשלייכט דאָס מאַמע־לשון אין דעם שמועס, און דעמאָלט איז די שטרענגקייט פאַרווייכערט געוואָרן, דער פּרינציפּ פון "tutejszy" איז אויסגערונען, און ליבער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט שטיצן אָט די רעקרוטשינע, און אַז ער האָט צוגעזאָגט, האָט מען זיך געקאָנט אויף אים פאַרלאָזן.

אַזוי אַרום איז פּרץ אָנגעקומען אין קהל־שטיבל, און זיין ווינונג, מיט זיין באַגלייטערין, זיין פרוי, וואָס איז אים געווען געטריי און האָט געלעבט נאָך פאַר אים, מיט זיין בן־יחיד לוציאַן. ער האָט איינגעאָרדנט באָענט דאָרטן אויף צעגליאַנע־גאַס און אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיין אַמט, וואָס האָט אים באַשעפטיקט בלויז אַ האַלבן טאָג. ווי געזאָגט, איז פּרץ געווען אַ זייער פלייסיקער באַאַמטער, נישט מעשה־אויטאָמאַט, נאָר האָט אויך פאַרשטאַנען איינצושטעלן אַן אָרדענונג, און מער ווי ער איז געווען אַ פלייסיקער, איז ער געווען אַ שאַרפזיניקער מיט אַ גוטער תפיסה און פלעגט אויסגעפינען יעדעס מאָל נייע מעטאָדן פאַר דער איינאָרדענונג פון די דאָקומענטן און פּראָצעדורן און מיט דער שנעלקייט פון זיין אַרבעט קאָמפּענסירן דאָס פעלן פון געאָרדנטן אויסדויער, אַז גראָסגליק, דער הויפּט־סעקרעטאַר, וואָס האָט נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון פּרצן, האָט מודה געווען, אַז: „אַלץ ברענט אונטער זיינע הענט". זיין אַמאָליקע טעטיקייט אַלס פּריוואַטער אַדוואָקאַט איז אים בייגעשטאַנען מיט אייניקע ידיעות און אייניקע דערפאַרונגען. ער האָט געהאַט אַ פיינע ידיעה אין דער רוסישער שפּראַך. קיין איבעריקע פּוילישקייט האָט ער שוין לאַנג נישט פאַרמאָגט. אין דעם פּרט האָט זאַמאָשטש אויך אַ באַזונדערע אייגנשאַפט: זאַמאָשטש איז אַן צווייפל אַן אמתע אַלטע פּוילישע שטאָט, אָבער די ייִדן אין איר זענען נישט געווען אָפּגעזונדערט, אָפּגעשלאָסן, ווי די מענטשן פון אַנדערע שטעט אין פּוילן. זאַמאָשטש האָט אַן אויסקוק פון איין זייט אויף וואָלין און פון דער צווייטער אויף גאַליציע און אויך די כעלעמער קרייזן. די זאַמאָשטשער ייִדן פונעם השכלה־טיפּ זענען געווען פּוילישע ייִדן, אָבער ברייטהאַרציקער און צוגעלאָזענער בנוגע אַנדערע רוסישע געגנטן. נאָכן יאָר 1864 * איז אויך אין זאַמאָשטש געווען אַ שטאַרקע נטיה צו פּוילן, אָבער מיטן

* נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד.

גאַנג פון דער צייט איז זי אַלץ שוואַכער געוואָרן. אַזאַ צעריסנקייט וואָס האָט געהערשט, צום ביישפּיל, אין וואַרשע אין די זיבעציקער־אַכציקער יאָרן צווישן די איינגעבוירענע יידן פונעם פאַרגעשריטענעם לאַגער, איז צווישן זיי נישט געווען. פּרצעס אומנות אַלס אַדוואָקאַט האָט אים נישט איינגעשאַפן קיין סך באַציִונגען מיט די פּאָליאַקן, אָדער מיט זייער שפּראַך און ליטע־ראַטור, ער האָט אָבער געהאַט אַ סך קאָנטאַקטן מיט דעם יידישן עולם פון איין זייט, און מיט די וויניקע רוסישע ריכטער און באַאַמטע — פון דער צווייטער. ווען ער איז געקומען קיין וואַרשע און אָנגעקומען אין דער גמינע, און זיינע באַציִונגען מיט יענע, וואָס מ׳האָט דעמאָלט אין וואַרשע גערופן „די אינטעליגענץ", האָבן אָנגעהויבן זיך אַ ביסל צו אַנטוויקלען, איז ער מער פאַרפּויליזשט געוואָרן, דאָס הייסט: נישט אין זין פון אַ וועלכן פּאָליטישן פּראָגראַם, נאָר אין זין פון טאָגטעגלעכן לעבן, אויפפּיר, באַנוצן מיט אָט דער שפּראַך מיט אונדז און ביי זיך אין דער היים און אומעטום, ווו ער האָט פאַרקערט. צום מיינסטן האָט ער געלייענט די רוסישע ליטעראַטור, אָבער אויך אַ סך פּויליש. און איך געדענק, אַז שוויענטאָכאָווסקי האָט געהאַט אויף אים אַ זייער שטאַרקע ווירקונג. ער האָט פאַרערט סלאָוואַצקין מער פון מיצקעוויטשן. פון צווישן די דעמאָלט לעבעדיקע פּוילישע שרייבער איז ער זייער באַאיינדרוקט געוואָרן פון דיגאַשינסקין, שעראָשעווסקין און דער דיכטערין מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ. די אַרבעטער־פראַגע איז אים געווען זייער נאָענט צום האַרצן. אָבער מע האָט אים נישט געקאָנט באַטראַכטן פאַר אַן אַנטשלאָסענעם סאָציאַליסט, וואָס האַלט זיך ביי איין שיטה פון אָנהייב ביזן סוף. זיין גרונטשטריך איז שוין דעמאָלט געווען: זיין גרויסע ליבשאַפט צו אַלץ וואָס איז ספּעציפיש־יידיש, פאָלקסשפּריכווערטער, פאָלקסלידער, יעדער שמועס וואָס האָט אַ באמת פאָלקסטימלעכן, נאַטירלעכן געשמאַק, פון דער יידישער גאַס.

מיר פלעגן זיך דעמאָלט טרעפן כמעט יעדן טאָג, און כ׳האָב געקאָנט דערפאַרשן זיין כאַראַקטער, ווייל כ׳האָב זיך אים קעגן געשטעלט — אָדער לאָמיר זאָגן פּינקטלעכער: איך האָב זיך אים נישט קעגן געשטעלט אידייִיש און אין אויספּיר, נאָר בין געווען אַנדערש פון אים לויט מיין דערציִונג, לויט מיין בילדונג, לויט מיין אויפפּיר און געוווינהייט. פּרצעס וועלט איז געווען די יידישע גאַס, דער באַלמעלאָכע, דער קרעמער, די יידענע, דער יידישער חדר, און דאָס אַלץ איז נאַטירלעך געווען פאַרשפּונען און פאַר־וועבט מיט יידיש. אַזוי איז געווען צו מיינסטן זיין דערציִונג און זיין אויס־לעבן זיך, און פון די דאָזיקע וואָרצלען האָט ער געצויגן זאַפטן. דאָס אומ־גליקלעכע ווייבל, דאָס ליבנדיקע און בענקענדיקע; דער אַלטער באַלעגאָלע,

וואָס די באַן האָט ביי אים צוגענומען זיין חיונה; די נייטאָרין, די דינסט און די קעכין, דער מעקלער, וואָס דרייט זיך אַרום אין גאַס מיטן שטע־קעלע — זענען אים געווען גוט באַקאַנט און האָבן פאַרכאַפּט זיין גאַנצן האַריזאָנט. ער האָט זיי געקענט פון פּראַקטישן לעבן און אָפּגעפּילט מיטן קינסטלער־חוש. מיר דאַכט זיך, אַז אויך איך — און כ'רעד דאָס נישט וועגן זיך אַליין, נאָר וועגן אַ גאַנצן סוג מענטשן, ווי איך — קען זיי מיט זייער שפּראַך און זייערע אויפפירונגען, און אַז אויך איך האָב זיי ליב און בין צו זיי צוגעבונדן, אָבער דאָס איז נישט מיין גאַנצע ייִדישע וועלט: מיין ייִדישע וועלט איז געווען די וועלט פון די לומדים, פון די בחורים, יונגע־לייט און באַלעבאַטים בני־תורה, פון די ייִדן וואָס געבן זיך אָפּ מיט אַ שווערן רמב״ם, די ייִדן פונעם אבן עזרא, די ייִדן וואָס פאַרנעמען זיך מיט חקירה און דעם מורה נבוכים, די ייִדן חסידים, תלמידי־חכמים און אנשי־מעשה, פון די ערב־השכלה־ייִדן פון נפתלי הערץ ווייזלס שניט און די ייִדן די משכילים. דאָס איז געווען מיין וועלט און מיין געביט. צווישן אָט די האָב איך זיך דערצויגן און בין אויסגעוואַקסן, און אָט דאָס לעבן איז נישט געווען אַזוי פיל פאַרפלאָכטן און פאַרוועבט מיט ייִדיש, און דורכאויס ייִדיש. אַוודאי האָבן אויך זיי גערעדט ייִדיש, אָבער דאָס איז אַפילו קיין טאָפּל־זאַך נישט געווען; דאָס איז געווען אַ דרך־אַגבדיקע מאַמע, וואָס איר אַנדענק איז מיר הייליק, און אויך זי פלעגט שבת פאַר נאַכט שעפּטשען „גאָט פון אברהם", און איך פלעג זיך האַלטן פאַר איר פאַרטעך און דורשטיק אויפנעמען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס, ווי אַ פּערל, פון איר מויל. אָבער איך בין זיך מודה־ומתוודה, אַז דער טאַטע האָט געהאַט אויף מיר אַ גרעסערע ווירקונג; און דער טאַטע האָט נישט געלייענט דעם „צאינה וראינה", נישט אַנגעקוואָלן פון קיין פאָלקס־ווערטלעך און מיך נישט געשפּייזט מיט נאַשערייען. זאָג דעם שיעור, תנא־ברא! (אפשר וועט דאָס פאַראינטערעסירן די פילאָלאָגן, פאַר וואָס ער פלעגט זאָגן: תנא־באַרטעק?) וואָס מיינט דער „דו״ק" אינעם מהרש״א? דערקלער דעם אבן עזרא? אָדער — ווען ס'האָט גערוט אויף אים דער השכלה־גייסט — חזר איבער דעם „לוח הפעלים"! — אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט, ווען איך וואָלט אים אַנשטאָט זיי געווען זאָגן עפּעס אַ ייִדיש פאָלקסליד, וואָס די שניידערס זינגען!

דאָ איז נישט קיין אונטערשיד אין אָנשויונגען, נאָר אין געביטן און ספערעס. מע טאָר אין קיין זאַך נישט איבערטרייבן און נישט קוקן מיט איין אויג און פון איין זייט! אין דער ייִדישער וועלט זענען געווען עטלעכע וועלטן, און יעדע איינע האָט געהאַלטן אַז זי איז די איינציקע. ס'איז געווען

אַ וועלט פון לומדים און אַ וועלט פון פּראָסטע ייִדן, אַ וועלט פון „מקראות גדולות עם ל״ב פּרושים״ און אַ וועלט פון „צאינה וראינה״. ס׳איז נישט אונדזער זאַך צו טיילן עליות און געבן אַן אָפּשאַצונג, ווער סע דאַרף אָפּטרעטן וועמען, און ווער ס׳איז פריִער פּאַר וועמען; יעדע נאַציע איז צוזאַמענגעשטעלט פון לאַגערן, סעקטעס און קלאַסן, און אַזוי אויך אונדזער נאַציע.

די זאַכן, וואָס האָבן צום שטאַרקסטן געוועקט פּרצעס גייסט, זענען דווקא געווען פון דער וועלט פונעם פּראָסטן ייִדן, און דאָס איז זיין מאָס. דערצו איז ער געווען צוגעגרייט, דערצו האָבן גורם געווען אַלע אומשטענדן פון זיין לעבן, וואָס איז אייגנטלעך געווען נישט פּילפּאַרביק. פּרץ איז געווען כמעט אַ „יושב־אוהל״ — אַ שטוב־זיצער, און האָט די גרויסע וועלט נישט אָנגעקוקט. דאָס זיצן אויף איין אָרט איז געווען פּאַר זיין טובה וועגן, און איך דערמאָן דאָס פּאַר זיין שבח וועגן, און נישט אים לגנאי. ווער סע פּאַרמאָגט העכערן גייסט, מוז נישט דווקא פּאָרן און אָנקוקן אַלץ מיט די אייגענע אויגן. אָט שרייבן מיר דאָך אויך וועגן דער פּאַרגאַנגענהייט, און די פּאַרגאַנגענהייט האָבן מיר דאָך אויך געוויס נישט געזען! אַז שעקספּיר האָט נישט געזען ווענעציע און וועראָנע, און פון דעסטוועגן האָט ער זיי געשילדערט אין „אָטעלאָ״ און אין „ראָמעאָ און יוליע״ נישט ווי זיי זענען, נאָר נאָך מער — לויט זייערע אידעאַלן זיין — כמעט אַ ווענעציע של־מעלה און אַ וועראָנע של־מעלה, — ווייסן אַלע. נאָר אַפילו שילער האָט נישט געזען די שווייץ, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט, און האָט זי געשילדערט ווי אַ לעבעדיקע אין „ווילהעלם טעל״. וויפל מאָל איך האָב עס מקנא געווען פּרצן! אַ פּשוטער מענטש ווי איך האָב געמוזט אַרומרייזן דאָס גאַנצע לעבן און פּאַרשן דאָס גאַנצע לעבן אָט דאָס בילד און אַ צווייט בילד, און פּרץ האָט צייטנווייז מיטן רוח־הקודש, אָדער מעין־רוח־הקודש פון זיין טאַלענט דורכגעבליקט די וועלט פון איין עק ביזן צווייטן. גלייבט מיר, אַ סך מאָל בין איך מתפּלל: „רבונו־של־עולם! שליס מיך אָפּ אויף עטלעכע יאָר אין מיינע דלד־אַמות״; אָבער אָט די תפילה מיינע ווערט אַפילו אויף דער העלפט נישט מקוים, טראַכט איך מיר ווידער צוריק גערעדט: מע קאָן קיין קאָרעקטאָר נישט ווערן בנוגע דעם אייבערשטן, געבענטשט זאָל ער זיין: יעדער איינער האָט זיך זיין פּאָראויסיקן קער־פּערלעכן געבוי, זיין כאַראַקטער, זיין פיזיאָנאָמיע.

אַ מאָל פלעג אויך איך געשטרויכלט ווערן אין השערות פון דעם סאָרט: וואָס וואָלט געווען — ווען... און ווען ס׳וואָלט געווען אַזוי. פיל מאָל האָב איך געפרעגט זיך אַליין: אַ מענטש ווי פּרץ, מיט זיין מעכטיקן טאַלענט,

ווען ער וואָלט אויך געווען זיין אין דער זעלבער מאָס אַ מומחה מובהק אין העברעיִש און באַהאַוונט אין אונדזער אַלטער און נייער ליטעראַטור; ווען ער וואָלט דערגרייכט דורך דויערנדיקן לערנען צו דער געהעריקער מדרגה פון אַזאַ שלמות; ווען ער וואָלט אין זיך איינגעזאַפּט די יידישע היסטאָריע ביז צום באַנעמען אַלע אירע פעריאָדן און אָפּילן אַלע אירע געשעענישן, שטרעמונגען און אויפטרייסלונגען, ווי ער איז דאָס געווען אין די ענינים פון דער צייט און דער קעגנוואַרט און אין דעם תחום פון יידן, וועלכע ער האָט געקאָנט און געפילט; אָדער — אַ מענטש ווי פּרץ, ווען ער וואָלט זיך געווען איינשאַפן די קענטעניש פון אַ לעבעדיקער שפּראַך פון אַ לעבעדיק און איינגעאָרדנט פאָלק און איז טעטיק אין זיין אייגן לאַנד, אויסדריקנדיק אַלע זיינע מיינונגען, אָנשויונגען און שפּירונגען; אָדער — אַ מער בעענטערע און מער זאַכלעכערע פאָדערונג — ווען ער וואָלט געקענט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין דער קעגנוואַרט לויט זיינע לענדער און לאַגערן, מיט זיין גאַנץ אינערלעך און פאַרבאָרגן לעבן, — וואָס פאַר אַ ווונדער וואָלטן מיר דערזען! וואָס פאַר אַ שאַפונגען וואָלט ער געשאַפן!
— אָבער איך האָב זיך דערטראַכט, אַז אַזעלכע חקירות און גריבלענישן זענען פוסטע רייד. ס'איז מעגלעך, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט ער אונדז נישט געקאָנט געבן אַפילו דאָס, וואָס ער האָט געגעבן. פּרץ דאַרף גענומען ווערן אַזוי ווי ער איז געווען — און דאָס איז גענוג.

און אַזוי ווי ער איז געווען, האָט מען נישט געקאָנט פאָדערן פון אים דעם יידישן היסטאָרישן נאַציאָנאַליזם, ווי אויבן געזאָגט, און אויך נישט דעם יידישן אַלגעמיינעם נאַציאָנאַליזם פון דער קעגנוואַרט. דאָס איז דאָך אַנטי־פאָלקסטימלעך (און נישט בלויז אַנטי־נאַציאָנאַל), וואָס אונדזער בעלע־טריסטיק לייגט אין גאַנצן נישט קיין אַכט אויף די יידן אין די אַנדערע לענדער, וועלכע פאַרמאָגן אויך שפּראַכן, דערציִונגס־מעטאָדן, אַ לעבנס־שטייגער, אויפפירונגען און מינהגים און אַן אייגענעם פאָלקלאָר, אַ פעקל צרות, ראַנגלענישן, האַרצווייען און טראַגעדיעס, און אויך אַן אייגענעם הומאָר, און וועלכע זענען אין גאַנצן נישט פעיִק צו פאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע און די סאַטירע, נישט מענדעלעס און אויך נישט ילג״ס, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אונדזער געסל און אונדזער בית־מדרש אין רוסלאַנד און פּוילן. אַזאַ פאַרקוקן איז אַ שרעקלעכע איינזייטיקייט. מיר זענען נישט קיין בן־יחידס ביים קודשא־ברוך־הוא. ס'זענען נאָך דאָ אויך אַנדערע יידן, און מיר זענען נישט נאָר אַן אייביק פאָלק, נאָר אויך אַ וועלט־פאָלק — חוץ מיזרח־אייראָפּע זענען נאָך פאַראַן דער אמתער מיזרח מיט די ספרדישע יידן און זייער באַזונדער וועלט, און ס'זענען פאַראַן יידן, וואָס האָבן זיך

אַ סך הונדערטער יאָרן איינגעוואָרצלט אין די מערב-לענדער, וועלכע מיר האָבן אין גאַנצן פאַרזען, נישט ווייל די לאָגיק פאָדערט עס, נאָר ווייל צופעליק זענען אונדזערע בעלעטריסטן אין זיי נישט באַהאַוונט. די לאָגיק איז מחייב, אַז די בעלעטריסטיק דאַרף זיך באַזירן אויף אַ סינטעז פון דעם פאָלקסלעבן פון אַלע זיינע טיילן און אָפּצווייגן, און נישט אויף באַשרענקען זיך אין איין באַגרענעצטן קרייז.

איך געדענק, אַז איך האָב איין מאָל געגעבן פּרצן לייענען די קליינע דערציילונגען „מענדעלע גיבור" און „פייגעלע מגיד" פון אהרן בערנשטיין (אויף אַ יידיש-ענלעכן דייטש), איך באַטראַכט יענע קליינע דערציילונגען פאַר קונסטווערק פון ערשטער מדרגה און פאַר לעבנסבילדער פון אונדזערע ברידער אין אַ געוויסן פעריאָד אין פויזן. ער האָט נישט געשפּירט אין זיי קיין שום געשמאַק. אַזאַ געשמאַק-אונטערשייד האָט מיך שטאַרק פאַרוווּנדערט. ס'טרעפט, אַז געוויסע קונסטווערק זאָלן מאַכן אַן איינדרוק אויף איין קריטיקער, און נישט מאַכן קיין שום איינדרוק אויף אַ צווייטן, דאָס נעמט זיך, נישט פון אָביעקטיווקייט, נאָר פון סוביעקטיווקייט און געשמאַק. אָבער אַ צווייט מאָל האָב איך אים אויסגעפּרוּווט מיט קאָמפּערטן און זיינע דערציילונגען פונעם לעבן פון דער יידישער מאַסע אין בעהמען. קאָמפּערט איז לכל-הדעות אַ גרויסער דערציילער, הגם זיין גאַנג איז נישט אונדזערער; און כ'וואָלט זיך כלל נישט געוועזן וווּנדערן, ווען קאָמפּערטס סטיל וואָלט נישט זיין מסוגל אויסצונעמען ביי פּרצן, אָבער ער האָט אים כלל נישט פאַרשטאַנען. צי פּרץ האָט זיך אַזוי אָדער אַנדערש באַצויגן צו אַ זאַך — נישט דאָס איז די פראַגע! די פראַגע איז — נישט בנוגע פּרצן אַליין, נאָר בנוגע דער גאַנצער ליטעראַטור. אַ בעלעטריסטיק, וועלכע קאָן נישט זיין פאַרשטענדלעך פאַר דעם גאַנצן פאָלק, איז אַ בעלעטריסטיק פון אַ לאַנד, פון אַ געגנט, און אפשר פון אַ געוויסן דיאַלעקט, אָבער נישט קיין בעלעטריסטיק פון דעם גאַנצן פאָלק.

יעדנפאַלס האָט פּרץ אַ סך אויפגעטאָן אין זיין באַגרענעצטן געביט, פאַרגרעסערנדיק די גאַלעריע פון טיפּן מיטן אַריינפירן די געשטאַלטן פון פּשוטן פאָלק און די פרויען, בעת די דערציילער פאַר אים האָבן זיך מיינסטנס פאַרנומען מיט ישיבה-בחורים, גלייך דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט באַשטאַנען אויסשליסלעך פון זיי.

צו דעם אַלגעמיינעם יידישן פאָלקסטום אין דער קעגנוואַרט געהערן נישט נאָר די יידן פון רוסלאַנד און פוילן, נאָר די יידן פון אַלע לענדער, און די יידן פון אַלע לענדער קאָנען נישט אַרומגעכאַפּט ווערן מיט איין בליק, קאָנען נישט באַטראַכט ווערן אַלע דורכן שפּאַקטיוו, דורך וועלכן פּרץ האָט

באַאָבאַכטעט זייַנע ייִדן. אַ מאָל טויזנט האָט מיר דער צופאַל געגעבן די געלעגנהייט צו פּרוּוון מסביר זייַן אַזעלכע זאַכן די ייִדן פון אַנדערע לענדער און אַנדערע קולטורן. און צי דען דאַרף איך זאָגן, אַז ביי אַלע אינעווייניקסטע אונטערשיידן וואָס מיר האָבן צווישן זיך, ווען מיר זענען ביי זיך אין דער היים, איז כלפּי־חוץ — האָב איך איין שטרעבונג: צו וועקן אַכטונג, ליבשאַפט און פאַראינטערעסירונג צו אונדזערע שאַפונגען סיי אויף העברעיִש, סיי אויף ייִדיש. מ׳האָט איבערגעזעצט פּרצן אויף דייטש און ענגליש, און ס׳האָבן זיך געפונען געוויסע קריטיקער, וואָס האָבן אַפילו געלויבט די איבערזעצונגען.

ווען מע דערציילט עס ביי אונדז, ווערט — ששון־ושימחה, און ס׳איז אַלץ אין אָרדענונג: מיר הייבן אָן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין אייראָפּע. אָך, ווי גליקלעך עס זענען אָט די תמימים מיט זייער מיזערנער קולטורעלקייט און פראַגמענטאַרישע ידיעות! זיי פאַרשטייען נישט אונטערצושיידן צווישן צושטימונג מחמת עקזאָטישקייט און קוריאָזיטעט און צושטימונג פּשוטער און פולשטענדיקער. די באַהאַוונטע ווייסן, אַז דער אונטערשייד איז זייער אַ גרויסער. מע זעצט איבער אַלס אַ מוסטער פון אַ ווייטער אויסטערלישער זאַך — און דאָס איז אַ סענסאַציע. אויב ס׳וועט עפּעס אָנקומען פון כינע און דערציילט ווערן, אַז דאָרט איז פאַראַן עפּעס אַ משונהדיק לשון און עפּעס משונהדיקע מענטשן, און אויך זיי שאַפן טיפן אין דערציילונגען, און אָט איז אַ מוסטער, — וועט מען עס אָננעמען, ליבן אַפילו, ווייל אָט די זאַכן מעסט מען נישט מיט קיין געוויינטלעכן מאָסשטאַב, נאָר מיט אַ ספּעציעלן, געמאַכט פאַר עקזאָטישע קוריאָזן.

ווען כ׳בין אַ מאָל געווען אין פילאַדעלפיע אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַ געזעלשאַפט, וואָס גיט אַרויס ייִדישע ביכער אויף ענגליש*, האָט איינער אַ געלערנטער פאַרגעטראָגן וועגן עטלעכע ביכער און צום פאַרענדיקן אַ וואָרף געטאָן עפּעס אַ ווערטל, ווי פון רחמנות וועגן, און ווי פון לפנים משורת הדין, אַז די איבערזעצונגען פון פּרצן „האָבן אַן עטנאָגראַפישן ווערט" (דאָס באַקענען דעם כאַראַקטער פון די שבטים און די פעלקער). דאָס האָט מען געזאָגט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַליין אַרויסגעגעבן די איבערזעצונג! איך האָב זיך אויפגעשטעלט און פּראָטעסטירט! וואָס פאַר אַן עטנאָגראַפיע איז דאָ פאַראַן? דאָס איז דיכטונג, דאָס

* דאָס איז די געזעלשאַפט Jewish Publications, וועלכע האָט אין יאָר 1906 אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג דערציילונגען פון פּרצן אין דער איבערזעצונג פון העלענע פראַנק.

איז קונסט, דאָס דאַזיקע פאָלק — דאָס זענען מיר. אָבער יענע לייט האָבן אַפּילו נישט באַנומען פון וואָס איך האָב זיך באַליידיקט. איך האָב זיך איבערצייגט פון אַן אַ שיעור שמועסן, אַז די־אָ לייט פאַרשטייען גאָרנישט נישט. זיי האָבן מיך געפרעגט: יאָ, מען קאָן די זאַכן לייענען, און זיי זענען נישט שלעכט, אָבער צו וואָס די אויפרעגונג? אַזעלכע דערציילונגען זענען דאָ אויף ענגליש אין די טויזנטער אין צענערטויזנטער! האָב איך זיי געזאָגט: מע דאַרף די זאַכן לייענען אין אָריגינאַל און אויך באַקאַנט זיין מיט דעם ענין. וועלן זיי גיין לערנען יידיש? יאָ ס'האָט זיך אָפּגעפונען איינע אַן ענגלישע פריילין, וועלכע איז געגאַנגען און האָט געלערנט יידיש — וואָס אַלץ וועט איר נישט טרעפן אין ענגלאַנד? און איבערגעזעצט ביכער פון יידיש. אָבער דאָס זענען אַלץ אויסטערלישקייטן, ס'מאַכט אַן איינדרוק אויף אַ רגע, און מיט דער צייט ווערט עס פאַרגעסן.

די אַלגעמיינע יידישע נאַציע אין גלות האָט אַ סך טיילן און אַ סך שאַטירונגען, וועלכע האַלטן זיך אין פאַרמערן, און אויך זאַכן, וואָס פאַרבינדן, פאַראייניקן און שליסן צוזאַמען. די באַזונדערע שאַטירונגען וועלן געפינען זייער ליטעראַרישן, אָדער קינסטלערישן אויסדרוק אין עטלעכע סאָרטן יידיש, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט: ביי אונדז אין יידיש־טייטש, ביי די ספרדים אין לאַדינאָ, ביי די האָלענדישע יידן אין יידיש־האָלענדיש, ביי אַ סך פון אונדזערע מיזרחדיקע ברידער אין יידיש־אַראַביש, און די אַלע שפּראַכן ענדערן זיך, ווי די קאָליברי־קאָלירן, מיט אַ שטאַרקער שנעלקייט. אָט די אַלע שפּראַכן פאַרמאָגן נישט נאָר אַ סך צניעותדיקע שיינקייט, תמימות און פשטות, נאָר אויך אַ סך עפּעס יידיש־אַרטיקס פון יעדן לאַנד באַזונדער, — אָבער די זאַכן, וועלכע פאַראייניקן די גאַנצע נאַציע אין גלות, איז די רעליגיע, די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, די האָפענונג אין דער צוקונפט, און אָט דער שטח געהער צו העברעיש. און ווען די באַוועגונג פאַר העברעיש אויף דער וועלט וועט זיך פאַרשטאַרקן, און אַ סך יידן וועלן לייענען און פאַרשטיין העברעיש, דעמאָלט וועלן מיר האָבן אַ העברעישע ליטעראַטור, אין וועלכער ס'וועט זיך אָפּשפּיגלען די גאַנצע נאַציע. נישט נאָר וויייל אונדזער העברעישע שפּראַך איז פאַר אונדז אַ פאַנצער און אַ זון, אַ פעלדזן־פעסטונג און גייסטיקער פעלדזן־שוץ, אַלט ווי די צייט פון אונדזער קיום און אומפאַרגעגנגלעך — נאָר אויך דערפאַר וואָס מיר דאַרפן האָבן אַ יידישע אַלגעמיינע ליטעראַטור, וועלכע זאַמלט צונויף די מחנות און זאַמלט צונויף די דורות און די טיילן, דאַרפן מיר איר אַוועקשענקען אונדזערע מיינסטע כוחות.

דאָס איז געווען דער פונקט, אויף וועלכן איך בין זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען

מיט פרצן, ביי דער גאַנצער אַכטונג וואָס איך האָב געהאַט צו אים און ביי דער גאָרער ליבשאַפט, וואָס איך האָב אים באמת ליב געהאַט. איך האָב זינט איך לעב פיינט געהאַט, און ס'האָט מיך געעקלט פון זיי, פון די וואָס באַציען זיך מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צו ייִדיש. דאָס גאַנצע בלוט קאָכט אויף אין מיר, ווען אַ וועלכער פּאָלאַניזירטער, אָדער גערמאַניזירטער ייִד, אויב ער קען שטאַמלען אַ ביסל אויף זיין לאַנדשפּראַך, דריקט זיך אויס גראָב וועגן דעם „המונישן זשאַרגאָן". איך האָב אַליין אַ סך געשריבן אויף ייִדיש. ((אין פרצעס „פאָלקסביבליאָטהעק" זענען געדרוקט געוואָרן מיינע מאַמרים וועגן נחמן קראָכמאַל און אַנדערע), און איך האָב מיר מיין אייגענעם ייִדיש, וועלכן איך היט אָפּ און בין מקפּיד, ער זאָל נישט פאַרזשאַרגאָניזירט ווערן, ווי ער איז פאַרזשאַרגאָניזירט געוואָרן אין די אַגיטאַציע־און־פּאַרטיי־בראָשורן — מיט פאַרקריפּלטע דייטשישע ווערטער און מיט רוסישן גייסט; און מיין ייִדיש איז נישט דער פון זאַמאָשטש מיט אירע געסלעך און מערק, אַ רעזולטאַט פון דער פּאָפּולאַריטעט פון דעם דאָרטיקן „טשאַסטני פּאָוויע־רענע", ווי ער האָט געשמועסט מיט אַלערליי סאָרטן מענטשן, — נאָר דאָס פלאַצקער־ווישעגראַדער ייִדיש, אין וועלכן ס'איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אַן עלעמענט פון גרויס־פּוילן, און שפּעטער (אין מאַקאָווער פּעריאָד) אויך פון קליין־פּוילן, מיט אַ ריח פון תורה, וואָס כ'טו אים אַריין כלל נישט מיט דער כוונה צו באַווירצן און געשמאַקער מאַכן די שפּראַך, נאָר ער גייט מיר נאָך ווי אַ שאָטן פון מיין עלטערן־הויז און פון די אַלטע בתי־מדרשים, וועלכער איז פאַר מיר, אויב נישט די גאָרע ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט, יעדנ־פאַלס אַ קענטיקער טייל, און נישט דער ערגסטער אין איר. מע דאַרף געדענקען, אַז ס'איז געווען אַ ייִדיש פון באַלעגאָלעס, און ס'איז געווען אַ ייִדיש פון תלמידי־חכמים, דונערן־עכאָס פונעם „דייטש" אין זיין היימלאַנד אין דייטשלאַנד, ווו ס'האָט אים באַשאַפן און גערעדט אויף אים אַ מעכטיק און אונדז זייער פרעמד פאָלק; און ס'איז פאַראַן אַ ייִדיש מיש קלאַנגען, קאָלירן און אויסשפּראַכן, זיפצן און שפּרוכן, שמייכלען און שפּאָטשמייכלען, און אַנעקדאָטן־רמזים פון די דערציִונגס־הייזער (דער חדר, דער בית־מדרש, די ישיבות), פונעם פאַרלאַמענט (דאָס קהל־שטיבל — די פּנקסים זענען אין משך פון די מיינסטע דורות געווען אויף העברעיִש, און ערשט אין אַכצנטן יאָרהונדערט אַריבער אויף ייִדיש). פון די געריכטן ((די גביית־עדותן, וואָס ווערן געבראַכט אין די שאלות־ותשובות פון די רבנים איז די לעצטע יאָרהונדערטער, זענען אויף ייִדיש), און אויך פון דער „שטוב" (וואָס איז בעיקר דאָס מאַמע־צימער), און אויך פונעם מאַרק — און נישט בלויז פון דער שטוב, און נישט בלויז פונעם מאַרק. ס'איז דאָ אין דעם אָפּשאַצן ייִדיש

יענער מאַנגל פון סינטעז און גלייכגעוויכט, וואָס ס׳איז פֿאַראַן ביי אונדז אומעטום. איך האָב אויך נישט געקאָנט מסכים זיין מיטן בליק פון די מענטשן, וואָס זאָגן, אַז יידיש האָט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג נאָר ווי אַ מיטל צו פֿאַרשפּרייטן דורך אים די בילדונג ווי מע פלעגט אַ מאָל זאָגן וועגן העברעיש מיר טאָרן בכלל נישט אָננעמען קיין גזירה־ באַשלוסן און צוטיילן צייגעניִשן פון עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פֿאַר עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס. אָבער ווען מע וויל קריינען יידיש פֿאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך פון אַלע יידן אין גלות, — איז דאָס אַ קרומער אורטייל.

און כדי צו שילדערן דאָס לעבן פון יענע יידן וואָס זייער רעדשפּראַך אויף יידיש האָט אין זיך אַריינגענומען אַ סך פון זייערע געדאַנקען, אָנשווינגען, דינענדיק זיי פֿאַר אַן אינסטרומענט, און דערמיט האָט אויך ביי זיי זיך פֿאַראייגנט פֿאַר געוויסע דערשיינונגען און געוויסע אויסדרוקן, — איז די־אַ שפּראַך, אויסער יעדן נאַציאָנאַלן צוגאַנג, אַ זייער פֿאַסיקע פון ליטעראַריש־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט; און ווען מיר שרייבן העברעיש און ווילן שילדערן אויף די דאָזיקע געביטן אַ וועלכע זאַך אין איר גאַנצן נאַטירלעכן כאַראַקטער, זענען מיר געצווונגען זיך צו באַנוצן מיט אַ סטיל אַ נאָענטן צו איר. אַזוי האָט רייטער געשריבן אַלע זיינע געדיכטן אויף אַ דיאַלעקט, און ער איז אַ גרויסער דיכטער; אַזוי האָט הויפּטמאַן געשריבן זיינע „וועבער" אויפֿן שלעזישן דיאַלעקט, וואָס איז כמעט אַ פולשטענדיקע שפּראַך. וואָס ס׳וועט פֿאַרבלייבן אויף דורות און באַצירט מיט אייביקייט־ליכט פון די שאַפֿונגען פון די גרויסע יידישע שרייבער אויף יידיש, — איז נישט דאָס, וואָס זיי האָבן פֿאַלעמיזירט וועגן פֿאַליטישע סיסטעמען אויף אַ מין לשון, וואָס איך ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר דאָס וואָס זיי האָבן געשריבן אויף יידיש וועגן די יידן און פון דער יידישער גאַס.

אָט דאָס איז עס, וואָס פּרץ האָט מיט זיך געבראַכט פון זאַמאָשטש. וואַרשע האָט דערויף צוגעגעבן פֿאַרשיידענע זאַכן, אָבער דער ערשטער קערן איז געווען זייער וויכטיק, און ער איז שוין אין אים געווען אויסגעפּאַרטיקט און איז אויך בולט געקומען צום אויסדרוק אין זיינע שאַפֿונגען, ווען ער האָט געגרינדעט די "פֿאָלקסביבליאָטהעק".

[ד]

אין אַ סך געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן האָב איך געאַרבעט מיט פּרצן זינט ער איז אַריין אין דער גמינע, און איינער פון אָט די קאָמיטעטן איז עלול, ווען איך וועל אים אָנרופֿן ביים נאָמען, צו מאַכן אַ משונהדיקן איינדרוק מיט זיין נאָמען אַליין: „דער כאָליערע־קאָמיטעט". אַזוי האָט דער קאָמיטעט

געהייסן אַפּיציעל; פּאַקטיש איז דאָס געווען אַ קאָמיטעט פון ביליקע קיכן, פאַר צוטיילן אומזיסטיקע מיטיקן אָרעמע־לייט, אַן אָרט איבערצוגעכטיקן פאַר היימלאָזע און דעסטגלייכן. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין אַ סכנה־צייט, ווען די מענטשן און מאַכט האָבן זיך געשראָקן, טאָמער וועט אויסברעכן די מגפה. דאָס וואָס האָט אונדז געשראָקן איז נישט געקומען, אָבער דער קאָמיטעט איז פאַרבליבן, געווען טעטיק און האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר. ער האָט זיך געפונען אינעם געמיינדע־הויז, און זיינע אָפּטיילונגען זענען צעשפּרייט געווען איבער דער גאַנצער שטאָט, ווייל ער איז געווען באַהילפיק מצד אַ סך פּריווילעגיקע כוחות. איך בין געווען איינער פון די מיטגלידער פון יענעם קאָמיטעט און האָב זוכה געווען באַשטימט צו ווערן אין אים אַלס אַ מין „ערן־סעקרעטאַר”. פּרץ האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט אין דער גמינע און אין דאָזיקן אַמט צוגעהאָלפן די טעטיקייט פון דעם קאָמיטעט. אויב ס'געפינט זיך דאָרט אין דער גמינע איינער פון די אונדזעריקע און אין זיין רשות זענען די שליסלען, וועט ער געפינען פון יענער צייט בענדער פּראָטאָקאָלן, וואָס איך האָב געשריבן. איך וואָלט זיך אַפילו דערוועגט צו זאָגן, אַז אין איינעם פון זיי, אויף די ראַנדן האָט פּרץ פאַרצייכנט אַ וועלכן פּערז, אַ רעפלעקס און האַלבן רעפלעקס. צווישן די מיטגלידער האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט זיי געדינט פאַר אַ קאָרידאָר צום אַמט פון אַ ראָש־הקהל. מיקאָלאַי ברוימאַן, ז. פּרומקין, א. באַראָווסקי און אַנדערע האָבן פון דאָרט באַקומען זייער ערשטע פּאָפּולאַריטעט אין דער געזעלשאַפט. אין קעגנזאַץ צו דער גמינע, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ מין דערהויבענער, איינזאַמער אָלימפּ, האָט זיך דער דאָזיקער קאָמיטעט געמישט מיט מענטשן. מען האָט געמוזט געווינען אַ סך מיטגלידער, באַשעפטיקן אַ סך דאַמען, איינצוואָרדענען בעלער צוליב הכנסה, צוזאַמענרופן פאַרזאַמלונגען און דעסטגלייכן. פאַר פּרצן, דעם לעבעדיקן און ברויזנדיקן, וועלכער האָט זיך געבייטיקט אין מענטשן, אין באַוועגונג, אין כסדרדיקע ענדערונגען, אין נייע איינפאַלן און נייע פּנימער, איז דאָס געווען אַ סימפּאַטיש געביט. ס'איז געווען מאַטעריאַל פאַרן שעפער, גאַרבן גאַנצע פאַרן געמיט, ס'איז געווען וואָס צו באַאָבאַכטן, ס'איז געווען אַ באַאָבאַכטונגס־פּלאַץ און אויך אַן אַרבעטס־פּלאַץ.

פּרץ האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע טיכטיקייט. יענער קאָמיטעט האָט אים פאַרקירצט די צייט פון באַקענען אַ ברייטן קרייז פון דעם יידישן וואַרשע, ווייל ער האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו זען אַ סך אין משך פון אַ נישט לאַנגער צייט. גראָסגליק פלעגט זיך דעמאָלט פאַרקלאָגן פאַר

מיר: „איר נעמט צו דעם גאַנצן פּרצן". אָבער מיר האָבן געהאַט אַ זייער שטאַרקן צד: יוסף קירשראַט, איינער פון די גמינע־פּירער, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אין דער הויכער מדרגה: אַ געשעצטער אַדוואָקאַט, אַ רייכער מאַן, אַ הדרת־פּנים, אַ פּאָפּולערער און אַ מומחה, אַ פּוילישער שרייבער און אַ מענטש מיט אַ גוט און ווייך האַרץ, און אַ מיטפילנדיקער, נאָך אַ זעלכן נישט צו געפינען. ער איז געווען איינער פון מיינע טרייעסטע פריינד אין משך פון אַ סך יאָרן. לויט זיין דערציִונג איז ער געווען אַן אַסימילאַטאָר, אָבער ס'האָט נישט געשטעקט אין אים די אַכזריות פון דעם „פּרינציפּ", און זיין האַרץ איז געווען אַ יידיש האַרץ אַ הייס און מיט־פילנדיקס. ער פלעגט זיך אָפּגעבן מיט ווילטועריי נישט צוליב אויספּיינען זיך און שטאַט, אָדער צוליב אַן ערנטיטל, נאָר מיט ווילן געדאַנק און האַרצלויטערקייט. די האַרטע און הערשערישע אַסימילאַטאָרן האָבן עס געוווסט, און אים נישט ליב געהאַט, אָבער נישט געקאָנט וואַרפן אויף אים קיין פלעק, ווייל זיין פּאָליטישע כשרות איז געשטאַנען איבער יעדן חשד, זיין האַלטונג און אויפפירונג איז געווען דורכאויס מילד, זיין נאָמען איז געווען באַרימט, און ער איז באַליבט געווען צו יענער צייט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, מער ווי אַ זייעריקער. מיר פלעגן אַרבעטן צוזאַמען אין יענעם קאָמיטעט. און שפּעטער אויך אין אַנדערע קאָמיטעטן. ער האָט נישט געקענט קיין סך יידיש — העברעיִש אין גאַנצן נישט — אָבער צוליב זיין פאַרקערן מיט מיר אין משך פון יאָרן האָט ער אַ ביסל פאַרשטאַ־נען און פלעגט זיך באַציִען צו אונדזער ליטעראַטור מיט אַכטונג און ליבשאַפט, און האָט זיך כמעט דערנענטערט צום נאַציאָנאַלן געדאַנק. ער איז געווען דער פּרעזעס פון יענעם קאָמיטעט און גלייכצייטיק אויך איינער פון די גמינע־פּירער, און מיר פלעגן טאָגטעגלעך אַרבעטן צוזאַמען מיט פּרצן.

איך האָב דעמאָלט געהאַט, אויסער דער בשותּפותער טעטיקייט — אויך אַ ליטעראַרישע שייכות מיט די לייט פון יענעם לאַגער: איך פלעג זיי שפּייזן, אָדער ריכטיקער דערצערנען תמיד מיט מיינע פּוילישע אַרטיקלען. וועגן פּרצן האָבן זיי בלויז געהערט פון הינטער די קוליסן; ס'האָט נישט געקאָנט פאַרבלייבן קיין סוד אין משך פון יאָרן, אַז פּרץ איז אַ ליטעראַ־רישער טאַלענט. די געמיינדע־פּירער האָבן אָנגעהויבן שמועסן וועגן דעם, ס'האָט אָנגעהויבן אויפקומען דער געדאַנק וועגן אויסנוצן פּרצעס כוחות צו אַ גייסטיקן צוועק. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער „פאָלקסביבליאָטהעק", און אייניקע מיטגלידער האָבן באַשלאָסן צוצ־העלפן. ס'האָט דערין געשטעקט עפּעס אַ טעות: זיי האָבן באַטראַכט דעם

„זשאַרגאָן״ ווי אַ מיטל, און געקלערט, אַז דאָס וועט צוהעלפן צו אַלגע־מיינער בילדונג — און נישט מער. באַזונדערס האָבן זיי געפּלאַנט, אַ סך צו ווירקן דורך איבערזעצונגען פון פּויליש. ווען די מענטשן וואָלטן געווען זיין שרייבער, וואָלטן זיי געוווסט, אַז מע קאָן נישט אָוועקשטעלן קיין גרענעצן פאַר ליטעראַטור, און נאָך ווייניקער — פאַר ליטעראַרישן טאַלענט, ווי פּרצעס. וואָס ס׳ווערט באַשטימט בלויז פאַר אַ מיטל — ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער אַ צוועק פאַר זיך אַליין. די זאַכן זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען קלאָר, און די לאַגערן זענען נאָך נישט געווען אַזוי פולשטענדיק פאַנאַנדערגעריסן צווישן זיך. איז דאָס אַזוי געשען, וואָס זעט היינט אויס אַזוי מאָדנע, אַז די מענטשן פון יענעם לאַגער זענען געווען צווישן די אונטערפירערס פון דער „פאָלקסביבליאָטהעק״. אין אייניקע זאַכן זענען געווען בשותפותדיקע מיינונגען. איינע פון די לאָזונגען איז געווען „ביל־דונג״ — און ווער איז עס קעגן בילדונג? איינע פון די שטרעמונגען איז געווען — געבן איבערזעצונגען פון דער גוטער פּוילישער ליטעראַטור, פון דער וואָס שרייבט מיט ליוב וועגן ייִדן — מהיכא־תיתא.

איך געדענק איינע אַ זיצונג, וואָס מיר האָבן געהאַט אין הויז פון קירשראָטן, אויף ראָג וולאָדזשימיערסקאָ — אָ׳ם מוצאי־שבועות, דאָס געדענק איך, נאָר דאָס יאָר געדענק איך נישט אַקוראַט. ס׳איז דאָרט געווען די גאַנצע סמעטאַנקע פון דער אַסימילאַציע און אייניקע פון די וואָס שטייען אין צענטער, און די טעמע פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען די פראַגע פון דער „פאָלקסביבליאָטהעק״. די לייט האָבן אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ זעלבשטענדיקע ליטעראַטור, און ס׳האָבן זיך שוין דאָרט געלאָזט הערן אַלע טענות, און ס׳האָט זיך שוין אָפּגעפילט די גאַנצע קעג־נערשאַפט. איך געדענק, אַז איך בין אַרויס מיט אַ שטאַרקן פּראָטעסט קעגן דער עצם אויפגאַבע וואָס זיי האָבן געגעבן דעם זשאַרגאָן, און אַז די מערהייט פאַרזאַמלטע זענען געווען זייער אויפגערעגט און אויפגע־רודערט. קירשראָט האָט אונדז געשיצט, ווי אַן אייזערנע וואַנט, און נאָך דער פאַרזאַמלונג איז צו מיר צוגעקומען איינער פון די עקסטרעמע אַסי־מילאַטאָרן, סטאַניסלאַוו קראַמשטיק, און מיר געזאָגט: „איך בין אַ גוי גמור, און דער גאַנצער ענין איז מיר פרעמד (ער איז געווען אַ באַקאַנטער פּוילישער שרייבער וועגן נאַטור־פאָרשונג), און איך פאַרנעם זיך נישט מיט די ייִדישע ענינים, אָבער ווען איך וואָלט זיך יאָ פאַרנעמען, וואָלט איך עס געטאָן אין אייער גייסט, איך זע, אַז אייער ליטעראַטור איז אַ זעלבשטענדיקע ליטעראַטור״.

פאַרשטענדלעך, אַז די באַציִונגען האָבן זיך געמוזט איבעררייסן. ביס־

לעכווייז האָט פּרץ אָנגעהויבן ווערן אַ זעלבשטענדיקער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר, פריי פון אַלע קרייזן און גרופּעס, אָדער, ריכטיקער, גרינדנדיק פון מאָל צו מאָל קרייזן און גרופּעס און „רבישע מנינים", די קומען אויף, און די גייען אונטער. איך ברענג עס אַרויס פּינקטלעך, ווען איך זאָג: ביסלעכווייז, ווייל — מע מעג עס איצטער זאָגן, נאָך דעם ווי פּרץ איז שוין אַ גרויסער און אָנערקענטער שרייבער — אין משך פון די ערשטע יאָרן איז נישט נאָר, וואָס ער איז נישט אָנערקענט געווען, ער איז בכלל נישט באַקאַנט און נישט פאַרשטאַנען געוואָרן. די העברעישע לייענער האָבן אים נישט געקענט, און די יידישע האָבן אים באַטראַכט ווי עפּעס אַ פּראָווינציאַל. און איך געדענק גענוי, אַז מע פלעגט אָפּלאַכן פון זיינע פּוילישע אויסדרוקן און אַריינטייטשן פּוסטע פּלוידערייען אין זיינע סודות און רמזים. אַ לאַנגע צייט האָט פּרץ געדאַרפט האָבן ביז מע זאָל אים אָנערקענען. און דאָס וווּנדערלעכסטע איז, וואָס באמת האָט זיך פּרץ כלל נישט געענדערט. ריכטיק, אַז מיט די יאָרן איז געשטיגן זיין חכמה, זיינע אַנשויונגען האָבן זיך געמערט מיט זיינע דערפאַרונגען, אָבער אין זיין תוך האָט ער זיך נישט געענדערט. ער איז שוין פון לאַנג נישט געווען איינגעשלאָסן אין איין ליטעראַרישן געביט, און אַזוי איז ער געווען צו דעם סוף פון זיין לעבן; ער האָט זיך שוין פון לאַנג באַשעפטיקט — דורך דער השפּעה פון מעטערלינקן און די סימבאָליסטן פון דעם רעאַליזם אויב מע קאָן אַזוי זאָגן — מיט ניגלה און ניסתר, איז אַריבערגעגאַנגען צו דער פאַנטאַסטיק און דעם רמז, צו די רזין־דרזין און דער אינטויציע, און צוריק צום רעאַליזם. אָט טוט אַ קוק! זיין ערשט ליד אין „השחר" באַשטייט פון נעמען פון מלאָכים, און צום סוף פון זיין לעבן האָט ער זיך פאַרנומען מיט חסידות, דאָס הייסט: האָט ליטעראַריש־דיכטעריש געשטאַלטיקט כוונות, רעפלעקסן, חסידישע תורות פון די באַוווּסטע ספרים: „קדושת הלוי", „אור המאיר", „חסד לאברהם עם המכתבים הק'", „פנים יפות", „דברי שמואל", „מעין החכמה", „אור החכמה", „מבשר צדק", „נועם אלימלך", „כתר שם טוב", „מאור ושמש", „רשפי אש", „אור הגנוז", „נחלת שמעון" און דעסטגלייכן. איך בין נישט פון די שטאַרקע אָנהענגער פון דעם־אָ מין שרייבן און האָב צו אים טענות, אַז ער האָט אַ סך געענדערט דעם אינהאַלט און די פאָרעם. דאָס חסידות איז לויט מיין איינזען און געפיל סוף־כל־סוף באַגרינדעט אויף דער אַבסאָלוטער פרומקייט, די פרומקייט מיט אַ קליינעם צוגאָב פון סודותדיקייט און גלויבן אין צדיקים. אין דער ליטעראַטור מאַכט מען פון איר אַ מין עסייזם, וואָס שוועבט אין דער אַטמאָספער פון

כוונות, און אַ סך מאָל קוקט צו אונדז אַרויס פון הינטער אַ טלית־קטן — באָדלער, און פון הינטער די פאות — ווערלען. איך בין נישט קיין שטאַרקער אָנהענגער — אָבער ס׳איז קיין ספק נישט, אַז צווישן זיי זענען פאַראַן זייער טייערע פּערל. אָדער די משלים און מעשיות — משלים און מעשיות האָט פּרץ געשריבן אין זיין יוגנט אין עטינגערס סטיל ממש, און זיי זענען דעמאָלט גוט געווען ווי הײַנט; און מער ווי ס׳האָט זיך פאַרפּאָלקאָמט פּרץ אַליין, האָט זיך פאַרפּאָלקאָמט דער געשמאַק פון די לייענער.

ס׳איז געווען אַ לאַנגער פּעריאָד אין מיין לעבן, אַ פּעריאָד, וואָס וואַרט נאָך אויף זיין היסטאָריקער, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן אָפט, יעדנפאַלס איין מאָל אין דער וואָך. נאָך די „דאַנערשטיק־קרייזן", איז געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערער קרייז, וועלכן מ׳האָט גערופן „די מאָנטיקלער", אַ מין געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קלוב, וועלכער פלעגט זיך צונויפקומען רעגולער ביי מיר אין הויז — אין משך פון אַ סך יאָרן — אויף פאָרטראָגן און דיסקוסיעס. פּרץ האָט כמעט קיין איין מאָל נישט פאַרפעלט צו קומען. דעמאָלט האָט זיך שוין געהאַט אויסגעקלאָרט זיין גייסטיקע פיזיאָנאָמיע. אַ כוואַליע פון לעבן האָט פון אים תמיד געפלייצט. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען יונג און פריש, ענטוזיאַסטיש און שטרעבנדיק צו גרויסע זאַכן. נישט תמיד האָט זיין ליכט געפירט און אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג, אָבער תמיד האָט עס געבליאַסקעט. דאָרט זענען שוין געקומען צום אויסדרוק די מערהייט פון זיינע אָנשויונגען. דאָרט האָט מען געקעמפט און דיסקוטירט איינער מיטן צווייטן, זיך אויסגעגלייכט און ווידער געקעמפט. דאָרט איז דער עולם געווען אַ גרויסער, אַ יונגערער, אַ פיל קאָלירקערער. ווער פון דעם קרייז געדענקט נישט די לאַנגע אָוונטן, די פאָרטראָגן, דיסקוסיעס און שמועסן, און צווישן זיי — איינער פון די צענטראַלע געשטאַלטן: פּרץ.

סאיז מיר שווער צו שרייבן אָן געררטקייט וועגן יענעם פּעריאָד, ווייל ער איז מיר זייער באַהאַרצט. אפשר וועלן אַ מאָל שרייבן אַנדערע פון די באַטייליקטע. די אויבערפלעכלעכע מענטשן, וואָס זענען נישט באַהאַוונט אין די פּסיכישע געהיימענישן, וועלן טראַכטן, אַז אין אַ משך פון פאַרשיידענע צייטן איז צווישן מיר און פּרצן נישט געווען קיין פולשטענדיקע פריינדשאַפט און אמתע אייניקייט. אמת — ס׳איז אָבער געווען עפּעס־וואָס, נישט געקוקט אויף די איבעררייסן און מחיצות במשך עטלעכע יאָרן, וואָס איז געווען נאָך מערער פון פולשטענדיקער פריינדשאַפט און אמתע אייניקייט. ס׳איז געווען עפּעס־וואָס, וואָס אפילו די „חדר־לייט", די פון פּרצעס חדר, זענען נישט מסוגל געווען צו פאַרשטיין — אַ זאַך וואָס האָט געדויערט פערציק יאָר... איך האָב אַ מאָל געשריבן קורצע זאַכן

וועגן פּרצן צו זיין יובילײ, און כ׳וויס, אַז ווען ער האָט זיי געלייענט — האָט ער געוויינט. און פּרץ זאָל וויינען — דאָס איז נישט צו אָפּט געשען.

ס׳זענען אַריבער נאָך יאָרן, מיר זענען געוואָרן צעשיידט לויט די ערטער, צעשיידט לויט די ליטעראַרישע געביטן, צעשיידט דורך דעם ציוניזם. איך בין זיך געגאַנגען מיט מיין וועג, און ער מיט זיינעם. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון מיינע רייזעס און מיין אַרבעט אין די יידישע תפוצות, און נאָר צייטנווייז פלעג איך קומען צוריק אַהיים, און איך זע ווי פּרץ האַלט אין וואַקסן, גייט אַריין אין גאַנצן אין פאָלק, שטייט בראָש פון אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַ יידיש־ליטעראַרישע, באַווירקט, האַלט פּאָרטראָגן, שרייבט, גליט. אין טייל זאַכן בין איך געווען מיט אים מחולק — אָבער תמיד איז אין מיין האַרצן געווען אַ ליב ווינקעלע פון זיינעט וועגן, אַ פּונקט, וואָס איז נישט מעגלעך געווען פונעם אָרט צו רירן: פּרץ!

[ה]

פּרץ איז באַשענקט געוואָרן מיט אַלע מעלות פון די אויסדערווײלטע שרייבער. ער האָט פאַרמאָגט די קונסט, וואָס געפינט זיך בלויז ביי יחידי־סגולה, צונויפצונעמען דאָס פאַנאַנדערגעשפּרייטע, ס׳הייסט: צו פאַר־בינדן די באַזונדערע קלאַנגען צו איין גאַנצער און פאַראייניקנדיקער האַרמאָניע, איבערצוגיין מיט איין שפּרונג פון דעם אייביקן צום אויגנ־בליקלעכן, פונעם דויערנדיקן צום פאַרגייענדיקן, פונעם טיפן טרויער פון וועלטשמערץ צום לייכטן שמייכל, פון דעם וואָס איז אַלגעמיינ־מענטשלעך און מעכטיק צום קליינעם און דעליקאַטן פּרט — נישט איבער־רייסנדיק דעם פאָדעם, נישט אָפּהאַקנדיק דעם המשך און נישט מאַכנדיק קיין פּגם אין דער שיינער פאָרעם, און אויך, וואָס דאָס איז דער עיקר, נישט ברענגענדיק דעם פונדאַמענטאַלן געדאַנק פאַר אַ קרבן; ער האָט געשאַפן שיינקייט און פּראַכט אין וויזיעס פּיטשינקע, ווי אַ קוצו־של־יוד; ער האָט מילד און וווּנדערלעך צוזאַמענגעמישט די רעאַליטעט מיט דער פאַנטאַסטיק, דאָס אַלטעגלעכע מיט דער דיכטונג; אַ שטרעבונג צום אמת און אַ נאַטירלעכער געפיל פון שיינקייט האָבן באַגלייט אַלע זיינע שילדערונגען און אַרויפגעצויגן אַ וואָל פון חן אויף זיינע בילדער; ער האָט אויך פאַרמאָגט דאָס קרומע, אָפּשפּאָטנדיקע ביטול־שמייכעלע, די פערמענטירנדיקע, שאַרפע און ביטערע איראָניע פון מעפיסטאָ, דעם אַשמדאַיס אַ ניצוץ פון פיבערהאַפטיקער צעשטערונג, וואָס האָט אים טייל מאָל באַליבט געמאַכט דעם פּסעוודאָנים „לוציפער״, גלייך אויך ער איז

אַרויסגעשפּרונגען פון אַ פלאַם! אַלץ אין אים איז געווען לײדנשאַפט: אַ לײדנשאַפט צום אמת, אַ לײדנשאַפט צו פאַרברענען מיטן אָטעם אַלץ וואָס האָט אים אויסגעזען ווי שקר, אַ לײדנשאַפט צו שיינקייט, אַ לײדנשאַפט צו באַווירקן מענטשן, אַ לײדנשאַפט צו ליבן און צו האַסן, און אַלץ — מיט גרויסער קראַפט און מיט שטורעם. דאָס איז געווען אַ ווולקאַן, וואָס שלײדערט אַרויס אַ לאַווע פון גאָלד, צין און שטויב, אָבער זייער אַ סך גאָלד. ער פלעגט אונדז טייל מאָל דערמאָנען אין דער עלעקטרישער באַלײכטונג אין איר ערשטן פעריאָד, ווען זי איז געווען בלויז פונקען און פײערפלעמלעך; ס׳טרעפט אַז די פונקען זענען העלע און קלאָרע מיט אַן אַ שיעור גלאַנץ, און ס׳טרעפן רגעס פון פינצטערניש אין ליכט און אומפאַרשטענדלעכס אין קלאָרן. זיינע פײלן — ווי דער בליאַסק פון בליץ. צייטנווייז זעסטו ווּעלטן, און צייטנווייז — רייד שווער־באַגרייפלעכע, רמזים, רעטענישן. אונדזער געמײנזאַמער פרײנד, דער זייער פּיקחותדיקער און שאַרפזיניקער, דער פאַרשטאָרבענער שמואל שיינהאַק, פלעגט אים זאָגן אין בײזײן פון אונדז דריי, וועגן יענע אומפאַרשטענדלעכע רייד, קורצע שורהלעך און פּאַסיקלעך: ווען זיי זענען געשריבן געוואָרן — האָבן בלויז צוויי געוווּסט דעם פירוש: דער רבונו־של־עולם און י. ל. פרץ. ערשט ווייס בלויז אײנער זייער פירוש: דער רבונו־של־עולם. דאָס איז געווען אַ שפּאַס, אָבער ס׳איז געווען אין אים אַ קווינט אמת.

אין זיין ערשטן פעריאָד איז פרץ כלל נישט געווען קיין אָרגאַניזירטער שרײבער, און דערפאַר איז ער געווען אַזאַ ווּנדערלעכער שרײבער, ער פלעגט שרײבן — אַזוי זיך, דרך־אַגב — אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אויף די ראַנדן פון די דפן, אויף די מאַרגינעס פון דאָקומענטן, ענטוזיאַזמירט, אָדער לאַכנדיק, ווי בליצפונקען, אָדער ווי טוי־טריפן, אָן שום צוגרייטונג, פשוט, אַ מלאך שלאָגט אים און באַפעלט: שרײב! שרײבט ער. געדאַנקען, בילדער, ווערטלעך, משלים בליציקע, פון דעם וואָס ער האָט געלייענט, געזען, אָדער געהערט, — האָבן זיך געשטויסן אין זיין מוח, זענען אַרויס דורך זיין פעדער, ווי אַ פלאַקערדיק פייער, אויף אַלע זייטן, ווי מע זאָגט עס מיטן לשון פון די מליצים: „זיין גייסט איז פאַרבייגעלאָפן די פאַרוועלעניש פון זיין האַרצן״. אַזוי האָט אויך געשריבן אַמאָל אין זאַמאָשטש ד״ר עטינגער, אַזוי האָט געשריבן גבריאל יידל ליכטנפעלד — נישט אין קיין באַשטימטער צייט, נישט כדי עס צו דרוקן און נישט פאַר אַ צייטונג. אָט די אוממיטלבאַרקייט, אָט די־אָ אימפּראָוויזאַציע און אימפּרעסיאָניזם — זענען מעגלעך געווען ביי פרצן נאָר אויף יידיש. אַזוי עס צו טאָן אויף העברעיִש — וואָלט נישט קלעקן קיין שום נאַטירלעכער טאַלענט; דערויף דאַרף מען זיין

אויסגעפֿיילט מיט העברעיִש, אויסגעבונדן און צוזאַמענגעוועבט מיט אַלע טיילן פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור און מיטן בית־המדרש, און אפֿשר וואָלט אויך דאָס נישט גענוג זיין, כל־זמן ס׳איז נישטאָ קיין לעבעדיקע העברעיִשע גאַס, וואָס כאַפּט אַרום דעם מענטשן פֿון אַלע זייטן. דאָס וואָס פּרץ האָט דערגרייכט אויף העברעיִש — און דערגרייכט האָט ער זייער אַ סך — איז בלויז איין פּראָצענט־חלק פֿון אים; וואָס ער האָט דערגרייכט אויף ייִדיש — דאָס איז זיין סך־הכל.

אין פּרצעס אַלגעמיינעם ליטעראַרישן פֿאַרמעגן האָב איך תמיד ליב געהאַט דאָס וואָס איז ביי אים אַ באַזונדער מין, וואָס האָט אַ ריח פֿון ערד, וואָס איז באַהאָפֿטן צום באָדן, וואָס פֿאַרמאָגט — נישט בלויז בלומען, נאָר אויך וואָרצלען, בלומען פֿון פֿייערדיקן שטאָל פֿאַרמאָגט פּרץ אומעטום, אָבער מער טיפֿערע וואָרצלען פֿאַרמאָגט ער אין דעם מין פֿון פּוילן, אין דעם מין פֿון זאַמאָשטש, פֿון לובאַרטאָוו. איר מיינט, אַז ווייל די־אָ זאַכן זענען לאָקאַלע, זענען זיי דערפֿאַר פֿון קלענער ווערט? אַ גרויסער טעות! זיי זענען לאָקאַלע, און דערפֿאַר זענען זיי אייביקע; זיי זענען קליין, דערפֿאַר זענען זיי גרויסע; אַ טוי־פּערל איז קליין, און פֿון דעסטוועגן איז ער גרעסער פֿון פּערציק סאה אָנגעשעפּטער וואַסער. דער „כעלעמער מלמד" איז אַ גרויסע זאַך, ווייל פּרץ האָט געהאַט צו אים אינערלעכע שייכותן. „באַנטשע שווייג" האָט אַן אַלגעמיינע אידיי, אָבער אַן אָרטיקן קאָלאָריט. די „רייזע־בילדער" פּרצעס אין ערשטן באַנד „פֿאָלקסביבליאָטהעק" זענען זאַכן פֿון גרויסער ווערט, נישט דערפֿאַר ווייל פּרץ איז שוין דעמאָלט געווען יענער קעמפֿער, יענער געזעלשאַפֿטלעכער לערער, יענער טריבון, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן — דאָס זענען אַלץ וויכטיקע זאַכן, — נאָר דערפֿאַר ווייל ער איז נאָך דעמאָלט געווען פּרץ אין זיין רעכטער אומשולד, פּרץ אין זיין ליבער און אַ ביסל שטיפֿערישער שיינקייט, פּרץ אין זיין דילעטאַנטישקייט און באַשיידענעם אויפֿבלי, פּרץ אַזוי ווי ער איז. אַזוי האָב איך תמיד ליב געהאַט פּרצן, נישט ווען ער דענקט און פֿאָרשט, נאָר ווען ער פֿילט און רעגט זיך, נישט ווען ער איז פּעדאַנט און גריבלער, נאָר ווען ער טראָגט אַרויס דעם אורטייל, נישט דערפֿאַר ווייל ער טרעפֿט תמיד אַריין אין קאַרב פֿונעם אמת, נאָר ווייל שטענדיק שטורעמט ער צו דעם, וואָס זעט אים אויס אין דעם מאָמענט ווי אַן אַבסאָלוטער אמת. אַלס דענקער האָט פּרצן געפֿעלט די רויִקייט, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, כדי צו זיין פֿעיִק צו באַטראַכטן אַן ענין אָלזייטיק. אַלס פֿילנדיקער מענטש באַנעמט ער און באַהערשט אַ סך מאָל דעם אמת.

ער האָט אויך געשריבן אַ סך פּובליציסטיק, נאָר אויך די פּובליציסטיק

זיינע צייכנט זיך אויס מיט די זעלבע שטריכן. די דענקערישע פּובליציסטיק נייטיקט זיך אין אַ געוויסער מאָס סקעפּטיציזם, דינעם און אויסגעפּיינטן סקעפּטיציזם; מע דאַרף צווייפלען נישט נאָר אין אַנדערע, נאָר אויך אין זיך אַליין, נישט נאָר זיין אַן אַפּיקורס קעגן אָנגענומענע מיינונגען פון אַ צווייטן, נאָר אויך אַן אַפּיקורס קעגן דער אייגענער אַפּיקורסות. פּרץ פאַר־מאָגט נישט אָט די דינקייט, און גוט וואָס ער האָט זי נישט פאַרמאָגט. ער פאַרמאָגט נישט — נישט יענע פּילזייטיקייט, נישט יענע געניטקייט און נישט יענע אויסגעצייטיקטע פּראַקטיק, וואָס אַ פּובליציסט דאַרף האָבן, אָבער ער פאַרמאָגט עפּעס־וואָס שטאַרקערס און שענערס — ענטוזיאַזם, צאָרן, ליידנשאַפט, לעבן, קוראַזש, אַנגעגעמע ראַפּינירטקייט. ער האָט גע־קאָנט אַ שטאָך טאָן — האָט דער שטאָך דערלאַנגט אין דער זיבעטער ריפּ; ער האָט געקאָנט אַ געוואַלדעווע טאָן — האָבן די בערג אויפגעציטערט. פּרץ שטייט מיר שטענדיק פאַר די אויגן ווי אַ מענטש, וואָס זיין פּנים גליט, ווי די זון אין מיטן טאָגצייט; רעדט ער — איז דער אָטעם פון זיין מויל שטורעמס און וויכערס, שרייבט ער — רייסן זיך פייערפונקען פון זיין פען, צאָרנט ער, שטראָפט ער — גיסט ער אויס זיינע געפילן אין פלאַמען. דאָס איז נישט קיין מאַרמאַרזייל, וואָס שטייט פעסט אויף זיין פּיעדעסטאַל; דאָס איז אַ פייערשטראָם, אַ פלייציקער שטראָם, וואָס שטור־רעמט אויף און צינדט אונטער. קיין לעבלעכע רייד זענען ביי אים לחלוטין נישטאָ. אָדער ער בריט מיטן פייער פון דער התלהבות, אָדער ער בריט מיט פראָסטן פון מעכטיקער כפירה און אַבסאָלוטן ביטול, און דעמאָלט איז אויך דער ביטול אַ גליענדיקער, נישט ווייניקער פון דער איינשטימונג.

ווייל פּרץ איז געווען אַ דיכטער — נישט אינעם ענגן זין, וואָס מיר שרייבן צו מחמת געוווינהייט צום דאָזיקן נאָמען: אַ לידערשרייבער און גראַמען־צונויפשטעלער. עס קאָן עמעץ שיטן מיט גראַמען אין יעדן מאָמענט, אַפילו שיין־קלינגענדיקע, און קיין טראָפּעלע דיכטונג זאָל ער נישט פאַר־מאָגן; עס קאָן עמעץ שרייבן זיין גאַנץ לעבן פּראָזע, און זיין אַ גרויסער דיכטער. אַ דיכטער איז דער, וואָס זיין פאַנטאַזיע איז רייך, שיין און שוועבנדיק, וואָס זיין געפיל איז שטאַרק, קרעפטיק און טיף, און ער האָט געזען די וועלט און זיך אַריינגעטראַכט אין איר, און שילדערט זי און ווייזט זי אַנדערע לויט אָט דעם געפיל און דערפירט זיי צו דעם, אַז אויך זיי באַקומען, טיילווייז, אָדער אין גאַנצן, אַן ענלעכן איינדרוק. אַזאַ דיכטער איז געווען פּרץ אין אַלע זיינע שאַפונגס־געביטן, אַפילו אין די מאַמרים, וואָס ער האָט געשריבן, אַפילו אין די קאַפּיטלעך, וואָס ער האָט פאַרגע־לייענט; אַזאַ דיכטער איז ער אויך געווען אין זיין לעבן: יונג און פריש

אַלע זיינע יאָרן, ליבט און האַסט, שטרעבט און פּראָטעסטירט אַלע זיינע יאָרן, בויט און צעשטערט און נעמט בויען אויף ס׳ניי און הייבט אָן לייגן פונדאַמענטן און שאַפן — אַלע זיינע יאָרן.

זיין גאַנץ לעבן איז געווען אַ הימען — וואָס האָט זיך נישט פאַרענדיקט, ווייל אַזאַ הימען ענדיקט זיך קיין מאָל נישט. עס פאַלט דער פאָרהאַנג, אָבער די פאָרשטעלונג האָט זיך נישט אויסגעלאָזט. אַזוי שטאַרבן די אויסדערוויילטע דיכטער, וואָס פּרץ איז געווען איינער פון זיי: די דיכטער פון לעבן.

ווייל פּרץ איז באמת געווען אַ דיכטער פון לעבן. מע קאָן זיך נישט פאָרשטעלן דעם דאָזיקן דיכטער אַן איינזאַמען, ווייט פון דער געזעלשאַפט, אָפּגעשלאָסן אין זיין באַגרענעצטן שטח, זיצן און שאַפן זיינע ווערק. ער האָט זיך געבייטיקט אין דער מאַסע, האָט זיך געבייטיקט אין יענער לעבנסכוואַליע, וואָס שלאָגט פון דער מאַסע, האָט זיך געבייטיקט אין אַן עולם חסידים, אַן עולם צוהערער, אַן עולם לייענער, פאַרערער און מיטשטימער, און אפשר אויך פּראָטעסטירער. זיין גן־עדן איז נישט געווען דער פּרדס פון די יודעי חן, וועלכע קוקן אין אים אַריין דורך די שפּאַרונעס, נישט קיין אַלטער, איינגעדרימלטער פּאַרק, אַ דערהויבענער מיט זיין שווייגן און איינזאַמקייט; זיין גן־עדן זענען געווען: דער מאַרק, די פאַרזאַמלונג, די באַוועגונג, די געזעלשאַפט. איך דערמאָן זיך אין איינער אַ סטאַטוע, וואָס איך האָב ליב צו גיין צו איר און זיך איינקוקן אין איר יעדעס מאָל, ווען איך פאַרוויל אין ווענעציע, און מײַנע אויגן קאָנען זיך נישט אָנזעטיקן צו קוקן אויף איר: די סטאַטוע פון גאָלדאָני. אָט דער גאָלדאָני איז געווען אַ פאָלקסדיכטער אין איטאַליע. ער האָט געשריבן אַ סך פּיעסן פונעם פאָלקסלעבן, און דאָס פאָלק האָט ליב זיינע פּיעסן און זעט אין זיי זיין אייגענע אָפּשפּיגלונג. פאַר דעם־אָ דיכטער האָבן די ווענעציער געשטעלט אַ סטאַטוע אין מיטן פון איינעם אַ מאַרקפּלאַץ, וווהין עס קומט די מאַסע. די סטאַטוע איז אין דער הייך פון אַ מענטשלעכער פיגור, אָן קונסט־איבערטרייבונגען, אָן באַפּוצונגען און באַצירונגען, די הייך פון גאָלדאָנין ווי אין דער ווירקלעכקייט, אויך דער פונדאַמענט מיטן פּאָסטאַמענט זענען נישט קיין הויכע. ווען דער מאַרקפּלאַץ איז פול מיט מענטשן, זעט זיך די סטאַטוע נישט אַרויס אין דרויסן, זי איז פאַרזונקען אין דעם עולם, איינער לענט אָן אויף איר אַן אַקסל, אַ צווייטער זיצט אויף איר פונדאַמענט, און די רויִקע און צאַרטע טויבן פון סאַן־מאַרקאָ קומען צו פליִען און שטעלן זיך אויף איר קאָפּ.

וואָלטן מיר פאַרמאָגט אַזאַ־אָ איינן ווינקעלע, וואָלט איך זיך געווונטשן צו זען אַזאַ מאָנומענט פאַר פּרצן. זיין פאָלקסטימלעכקייט פאָדינט זיך דערויף.

אַט די פֿאָלקסטימלעכקייט איז מער ווי דעמאָקראַטיע. אַפּילו ווען אַלע קריטיקער זאָלן באַשליסן, אַז פּרץ איז געווען אַ דעמאָקראַט, וועל איך זיי נישט געהאָרכן. דאָס איז אַן אויבנאויפֿיקע דעפֿיניציע, אויסגעלייענט פֿון דעם פּאַרטייאישן קאַטעכיזיס, און פּאַסט זיך פּאַר פּאָפּוגייען. פּרץ לאָזט זיך נישט אָנכאַפּן מיט צוואַנגען פֿון אַ טעאָריע און לאָזט זיך נישט אָפּשטעמפּלען מיט אַ זיגל פֿון סעקטאַנטישער טערמינאָלאָגיע. אמת, פּרץ פֿלעגט זיך באַגייס־טערן פֿון דער דעמאָקראַטיע. אָבער איך געדענק, וויפֿל ער פֿלעגט זיך באַגייסטערן פֿון ניטשען, ווי ער פֿלעגט ווי אַ דורשטיקער טרינקען זיינע רייד, וויפֿל ער האָט פֿון אים גענומען, און ניטשע איז דאָך געווען דער עסענץ פֿון דער אַריסטאָקראַטיע. איך געדענק, וויפֿל ער פֿלעגט געררט ווערן פֿון דער לערע: מע דאַרף זיך רעכענען נאָר מיט דער מינדערהייט, נישט די מערהייט, נייערט די מינדערהייט מאַכט געשיכטע, נישט די מער־הייט, נייערט די מינדערהייט איז גערעכט, און „דער יחיד אין דער מאַסע״ — דאָס איז דער אידעאַל! ער האָט זיך כלל נישט גערעכנט, צי מע פֿאַרשטייט אים, אָדער נישט. דער טאַלענט דאַרף הערשן, אונטערטעניקן! די דעמאָ־קראַטיע פֿאַרלאַנגט אויסגעטרעטענע וועגן, אָבער דער פֿאַנטאַסטישער טאַלענט שפּרייט פֿאַנאַנדער זיינע פֿליגל צום פֿליִען. אין פּרצן איז געווען אַ באַגער פֿון גייסטיקער הערשערישקייט און געוועלטיקונג, ס׳איז געווען אין אים אַ דראַנג פֿון פּראָטעסט, און אויב ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער זיך בלאָזנדיקער אַריסטאָקראַטיע, איז ער אויך געווען עלול צו פּראָ־טעסטירן קעגן דער היי־לאַנקע, וואָס ווערט געקאָסיעט מיט אַ דעמאָקראַ־טישער שער, און ווערט אַן „עמק השוה״ — אַ גלאַטע לאָקשנברעט.

אָבער אויב ער איז נישט געווען דעמאָקראַטיש, ווי אין פּסוק שטייט, איז ער געווען מער דערפֿון, נישט לויט אַ טעאָריע, נאָר לויט אַ נאַטירלעכער אייגנשאַפֿט. ער איז געווען אַ לעבעדיקער מענטש אין אַ זייער גוזמאדיקער מאָס, מיט אַ שטאַרקן פּולס און הויכער טעמפּעראַטור. אים האָט געצויגן דאָס קעגנוווערטיקע, ברויזנדיקע און פֿולע לעבן, און דאָס האָט ער געפֿונען נאָר ביי דער גרויסער מאַסע. ער איז נישט געווען קיין לייכטטורעם אויפֿן ים אין אַ נאַכט אַן שטערן; ער איז געווען אַ שטורקאַץ, וואָס ברענט אין מיטן מאַרקפּלאַץ פֿונעם לעבן און מיטן לעבן. דאָס איז געווען מער ווי אַ טעאָריע; דאָס איז געווען זיין נאַטירלעכער כאַראַקטער.

איבער דעם־אַ לעבנסמאַן האָט נישט געקאָנט האָבן די ממשלה דער היס־טאָרישער חוש. דאָס איז געווען די טיפֿע סיבה פֿון זיין נישט־ציוניסטישקייט. אַזאַ מענטש אין ארץ־ישראל, אין אַ וועלט פֿון אַלט־נייע ייִדן, מיט וויזיעס און האַנדלונגען, שטרעבונגען און ממשותדיקע ליידנשאַפֿטן, אין מיטן פֿון

יידישער אוממיטלבאַרקייט, — וואָלט אַוודאי געפונען אין זיי זיין באַפרידיקונג. אָבער אַ פּראָיעקט, אַ רעיון, אַ זאַך וואָס איז ווייט לויטן אָרט, באַציט זיך צו אַ זאַך פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט — האָט נישט געקאָנט שפּייזן זיין לעבעדיקן געפילן־הונגער, באַזונדערס ווען זיין היסטאָרישער חוש איז נישט געווען גענוג שטאַרק אויף צו קאָנען בייקומען דעם חוש פאַר דעם קעגנווערטיקן און נאָענטן לעבן, וואָס האָט איינגעזאַפּט כמעט זיין גאַנצן גייסטיקן וועזן.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין היסטאָרישן חוש. ער האָט אַ מאָל אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג אין דער פאָרעם פון אַ דיאַלאָג: צו וואָס דאַרפן מיר שטודירן געשיכטע, און די אָפּהאַנדלונג איז געווען זייער שיין; אָבער ווידער דאָס אייגענע, דאָס איז נישט געווען פון פּרצעס שטאַרקע זייטן. דאָס איז, סוף־כל־סוף, געווען אַ פאַרשונג — אָן אַ גליענדיק געפיל, אָן יענעם געפיל, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, ווען ער שילדערט געליבטע פאָרלעך, אָדער ליידן פון דערשלאָגענע מענטשן, אָדער אַ לעבן אין דחקות. ציון איז פאַר אים געווען עפּעס אַן „אייכנבוים פון געוויין”, וואָס וואַקסט אין „לאַנד פון פאַרגעסונג”. ער האָט נישט געקאָנט יאָמערן אויף די קברים. ער האָט פאַרמאָגט, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע דיסקוסיעס, אַ גרויסע ליבשאַפט צו דער העברעיִשער שפּראַך. ער וואָלט נישט געקאָנט ווערן קיין גרויסער יידישער שרייבער, ווען ער וואָלט נישט זיין אויך אַן אויסגעצייכנטער העברעיִשער שרייבער; אָבער דאָס איז געווען אַ ליבשאַפט מיט איבעררייסן, וואָס דערוועקט זיך און רייסט זיך איבער, באַנייט זיך און ווערט ביסלעכווייז פאַרשוואונדן, ווייל ער איז געווען אין גאַנצן פאַרטאָן אין קעגנווערטיקן לעבן און אין לעבעדיקן אַרום מיט זיינע אומאויפהערלעכע פלאָגן און שטרעבונגען.

פּרץ איז אַפילו אין דער קונסט נישט געווען דער מאָלער פונעם לעבן, נאָר דער דיכטער פונעם לעבן. ווען איך וואָלט עס אַפילו נישט וויסן פון מיין פּערזענלעכער דערקענטעניש, וואָלט איך עס אויך געוווּסט פון דעם וואָס ער האָט געשריבן, ווייל מער ווי ער איז געווען קינסטלער אויף געשטאַלטן, איז ער געווען קינסטלער אויף קלאַנגען און האַרמאָניעס. צווישן אַלע קונסטן (אָדער קונסטאַרבעט, אַרטיזם) איז מוזיק די פאָלקסטימלעכסטע. דער טעם איז אַ פּשוטער: יעדער מענטש פאַרשטייט, אַז מוזיק איז קונסט און נישט מער, און ער געניסט פון איר ווי פון קונסט. דער פאָלקסגעשמאַק בנוגע מאָלעריי איז מיינסטנס אַ שלעכטער, ווייל די מערהייט אורטיילט וועגן די בילדער לויט דעם וואָס זיי זעען אין דער ווירקלעכקייט. דאָס געמעל איז פאַר זיי נישט קיין קונסט, נאָר אַן אָפּשפּיגלונג פון אַזעלכע

זאַכן, וואָס זענען זיי אַנגענעם אין זייער ווירקלעכקייט. אָבער די מוזיק, צו איר גליק, שפּיגלט נישט אָפּ קיין שום קאָנקרעטע און ווירקלעכע זאַך, און אַפילו די פּרימיטיווע מעלאָדיעס זענען נישט מער ווי קלאַנגען, פון וועלכע מע דאַרף האָבן געניטס אָן שום באַציִונג צו קיין שום זאַך אויסער זיי. די קונסט פון מוזיק איז אַבסטראַקטע קונסט, זי איז די גייסטיקסטע, און דערפאַר געפינט זי זיך צום מיינסטן צווישן יידן, ווייל אונדזער ממשותדיק לעבן, דאָס ווירקלעכע, איז געווען זייער אָרעם, און אונדזער גייסטיק לעבן זייער רייך. די מוזיק איז אויך אַן אַנטרינונגס־אָרט, צו אַנטלויפן אַהין פון דער ווירקלעכקייט, און דאָך געפינט מען דאָרט די ווירקלעכקייט, אָבער נישט קיין ממשותדיקע אָפּשפּיגלונג, נישט קיין וויזיע און געמעל, נאָר עפּעס אַ טעם, עפּעס אַן עסענץ, עפּעס אַ נשמה, וואָס איז פאַראַן אין דער ווירקלעכקייט. דאָס געמעל — ווי עס וואָלט געגאַנגען אין פאַרמעסט מיט דער ווירקלעכקייט, צו זיין ענלעך צו איר, נאָך בעסער פון איר, די מוזיק פאַרמעסט זיך בכלל נישט מיט דער ווירקלעכקייט, ווייל זי איז אַ ווירק־לעכקייט פאַר זיך אַליין. דערפאַר דערציילט דער ניגון מער פונעם טעקסט. דער טעקסט פון „כל נדרי" באַשטייט פון די־און־די ווערטער פון דער מסכת נדרים און זאָגט אונדז, אַז ס'איז פאַראַנען „קונמי" און „קונסי", אָבער דער ניגון דערציילט אונדז נישט קיין ווערטער, ער גייט גלייך אין דער נשמה אַריין און זאָגט איר, אַז דאָס איז די יום־כיפור־נאַכט, דאָס איז אַ הייליקע נאַכט, דאָס איז אַ מקום־קדוש, בקיצור: זאָגט, וואָס די שפּראַך איז נישט אין שטאַנד אויסצודריקן. פּרצעס מוזיקאַליש געפיל איז געווען אָן אַן ערך העכער פון זיין מאָלעריש געפיל, דערפאַר איז דער מאָלערישער טייל אין זיינע לידער און דערציילונגען פּשוט און געוויינלעך, און דער פּסיכאָלאָגישער טייל — טיף און רייך. ער האָט געהערט יעדן קלאַנג, יעדן רויש פון אַ קוסט, יעדן ציטער פון אַ סטרונע, יעדן ברום פון אַ ווידערקול. געפילן, רעגונגען, פאַרהוילענע הערצאייגנשאַפטן, פאַרבאָרגענע הירהורים, נשמה־סודות, באַגערן, האָפענונגען, ליידן — דאָס איז זיין קעניגרייך. דאָ איז קיין שום טויער נישט פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר אים, דאָ איז ער אַרויס־און אַריינגעגאַנגען לפני־ולפנים. פון דאַנען אויס האָט ער טיפער געגראָבן, געגראָבן און זיך פאַרטיפט, ביז ער האָט באַגערט צו דערגרייכן צו „די שטיינער פון ריינעם מאַרמאָר". ער איז אַריינגעדרונגען אין די סודות־נעפּלן, אָבער אויך דאָ האָט אים באַגלייט דאָס לעבן, די זאַכן וואָס ער האָט געזען אין דער קעגנוואַרט: דאָס חסידות! דאָ איז פאַראַנען, לויט ווי איך באַנעם עס אַ סך פאַנטאַסטיק און איבערטרייבונג, אָבער אויך אַ סך פון דער דערהויבענער קונסט.

פערזענלעכקייטן

מיר זעען ביי פרצן די שטרעבונג צו אַלע ליטעראַרישע פאָרמען. ווילט איר דראַמעס? נעמט ער שרייבט דראַמעס. ווילט איר פאָלקסמשלים? נעמט ער און שרייבט פאָלקסמשלים! איז דער סימבאָליזם אין דער מאָדע — נעמט ער און שרייבט רמזים. אָבער דאָס איז נישט צעזייטקייט, דאָס איז נישט קיין ליידנשאַפט זיך אויסצוצייכענען אויף אַלע געביטן. ער נעמט אויף השפעות, ער ווערט ענטוזיאַזמירט, און טראָגט אויס די ליידן פון אַ קינסטלער, די געבורטווייען פון דעם כּוח וואָס שטויסט און צווינגט צו פאַרווירקלעכן דאָס וואָס יוירט אין דער נשמה. אַ סך געראָט אים און אַ סך געראָט אים נישט, אָבער אין דער דאָזיקער צעזייטקייט איז פאַראַן אייניקייט, און אָט די אייניקייט הייסט „פרץ"; און ס'זענען פאַראַן שוואַכע זאַכן, און עס זענען פאַראַן צעשערבלטע זאַכן, אָבער ס'איז נישטאָ קיין געמיינער אויסדרוק, קיין טפלער דיאַלאָג, קיין געשמאַקלאָזער ענין און קיין טעמפּע קאָנווענציעלקייט. אין יעדער זאַך איז פאַראַן הויכער שווונג און אַ תשוקה צו הערשן, און ס'טרעפט, אַז ער קעמפט און באַזיגט, און ס'טרעפט, אַז ער קעמפט און באַזיגט נישט, אָבער תמיד קעמפט ער ווי אַ העלד.

דאָס איז געווען אַ שטורקאַץ, נישט צו באַלייכטן טענץ און פאַרווײַלונגס־אָוונטן. ער האָט געשפּריצט זיינע פונקען אין די טויזנטער און צענער טויזנטער, רויטע פייערפלעמלעך, פיילן פון געשפּאַנטע בויגנס. און ער איז נאָך יונג געווען, בלויז אַ שיטערלעכן שניי האָט די צייט צעשאָטן אויף זיין קאָפּ, ווי שניי אויף אַ ווולקאַן, זיין טאָג האָט זיך נאָך נישט געלאָזט צום פאַרגיין, זיינע שאָטנס האָבן זיך נאָך נישט אויסגעצויגן, ער האָט נאָך נישט געשוועבט מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל — און אין איין מאָמענט האָט זיך דער דאָזיקער שטורקאַץ אויסגעלאָשן! צי טאַקע אויסגעלאָשן? ער איז דאָך באַקליידט מיט אייביקייטס־בליאַסק.

אַך, פרץ איז געשטאָרבן — און איך בין אין מרחקים, און ידיעות נאָך ידיעות קומען אָן, ווי צו איובן בשעתו — נאָר קברים, קברים.

לאָנדאָן, 1915

אליעזר בן־יהודה

[א]

דער צוגאַנג צום פּראָבלעם: „בן־יהודה" דאַרף זיין אַ באַטראַכטונג פון צוויי שטאַנדפּונקטן — דעם פּשט און דעם סוד, דאָס „אַנטבלויזטע" און דאָס „פאַרהילטע". ס׳איז נישט מעגלעך צו באַנעמען דעם מהות פון דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער און כאַראַקטעריסטישער פּערזענלעכקייט, אין דער גאָרער פולקייט פון אירע אייגנשאַפטן, אויב מיר וועלן נישט פּריִער טיף דערפאָרשן דעם יסוד פון איר דואַליזם, וועלכער איז אָנגעוווּנקען שוין אין איר אָנהייב און וועלכער טרעט וואָס ווייטער אַלץ מער אַרויס און העלט אויף מיט פיל גלאַנץ און ממשותדיקער בולטקייט אין זיין סוף.

פון איין זייט איז בן־יהודה געווען די פאַרקערפּערונג פון פּשט־שבפּשט, די גרויסע ניכטערקייט און לויטערקייט, כ׳וואָלט שיִער געזאָגט: די איבערראשנדיקע. זיין אָנפאַנגערישע דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור, מיט מער ווי פופציק יאָר צוריק — אין זיינע מאמרים אין „השחר" — איז געווען אַ נאַיִוו־דרייסט אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן פון אַ נאַציאָנאַל־שטאַט־לעכן ייִדן, אָן באַפּוצונגען, אָן פאָררעדעס און באַדינגונגען. אחד־העם האָט פילאָזאָפירט מיט מער פאַרנונפט, נישט נאָר פון זיין דור, נאָר אויך פון די נאָך אים געקומענע דורות, אָבער פילאָזאָפעוועט; דוד גאָרדאָן האָט אָנגעוווּנקען אויף שטאַטלעכער אויפריכטונג, אָבער די וואָרצלען פון זיינע געדאַנקען זענען געווען צוזאַמענגעפלאָכטן און קאָנצענטרירט אין זיינע אָנשויִונגען וועגן „די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פונעם ייִדישן פאָלק"; אויך סמאָלענסקין האָט זיך געדרייט קרייז־איין, קרייז־אויס: וועלטפאָלק, אַ צייט צו פלאַנצן, תורה קעגן אַסימילאַציע, העברעיִש קעגן איבערזעצונגען. איז געקומען אָט דער ליטווישער יונגער־מאַן, פאַר דער צייט פון זיין ווינען און אָנהייב פון זיין סטודענטישקייט אין פּאַריז, — מיט דרייסטן פּראָטעסט, מיט געשריי פון בונט און קעגנשטעלן זיך, מיט פעסטן באַשלוס, מיטן באַפעל פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס לאַכט אויס אַלע באַדינגונגען פון דער קעגנוואָרט, און גייט זיי פאַרביי מיט אַ זשעסט פון גייסטיקער גבורה: ייִדישע מלוכהשאַפט — און שוין. וואָס הייסט עס? ווי אַזוי? ווען? גאָר־נישט! פּשוטו־כמשמעו: אַ ייִדישע מלוכה. דאָס נישט־זיין שטרעבט צו זיין פולשטענדיקן קעגנזאַץ: צום שטאַרקסטן, הערשנדיקן, שטאַטלעכן זיין.

דער רושם פון יענע מאַמרים איז פריש אין מיין זכרון. ס'איז אין זיי געווען ערשטקייט און פעסטקייט, אומבאַדינגלעכקייט און אוממיטלבאַרקייט, און יענע געבענטשטע זיכערקייט, וואָס איז אייגן דעם, וועלכער האָט גאָרנישט געלערנט, אָדער דעם וואָס איז שוין פון יענער זייט לערנען. ס'איז שווער געווען אונטערצושיידן צווישן דיביידע מעגלעכקייטן. עפּעס אַ פּאַרצייטישער עברי — אַ קינד און קינדס־קינד פון אַ מאַן פונעם דור־המידבר, אָדער פון דער שופטים־תקופה — האָט געבעטן דאָס וואָרט און איז אַרויף אויף דער בינע פונעם „השחר" און גערעדט וואָס ער טראַכט. אַזוי האָבן גערעדט די גייסטיקע פירער. אַזוי וואָלט געשריבן אָדם־הראשון — ווען ער וואָלט געשריבן מאַמרים אין „השחר".

פון אָט דער נישט־פּאַרטיפּטער און נישט־פּראָבלעמאַטישער פּשטות, וויקלט זיך אויף פאַר אונדז די גאַנצע מגילה בן־יהודהס, די ווונדערלעכע אין אינהאַלט און אין פאָרעם. ער שפּרייזט געלאַסן און זיכער אַנטקעגן זיין ציל, פּשוטו־כמשמעו. יידישע מלוכהשאַפט — איז דאַרף מען פאָרן קיין ארץ־ישראל. נעמט ער און פאָרט, פּשוט, קיין ארץ־ישראל. אַנדערע וואָלטן זיך פריער אַנידערגעשטעלט אויף דער בינע און געפרעגט אין האַמלעטס נוסח: „פאָרן, אָדער נישט פאָרן?", און ווער ס'וואָלט געפאָרן, וואָלט געפאָרן מיט בליצן און דונערן, יעדנפאַלס ווי אַ באַפולמעכטיקטער פון אַ וועלכער געזעלשאַפט. בן־יהודה איז זיך אַליין די געזעלשאַפט, אַליין זיין אָרגאַניזאַציע. ער פאָרט קיין ארץ־ישראל, צו יענעם ארץ־ישראל פון דער חלוקה, די אַדמיניסטראַטאָרן, די כוללס און די חרמות און דער „בריסקער רביצין", פון דער רעגירונג יר"ה און זיין הויכקייט דעם פאַשאַ. ער קומט אין לאַנד און פאַרבינדט מיט דעם דעם גורל פון זיין לעבן און משפחה, און מאַכט די העברעישע ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק פאַר זיין פאַך. צוויי געוויסיקייטן, וואָס פאַרזיכערן אייביקע אָרעמקייט.

און צוריק גערעדט איז ער — נישט גלאַט אַ פּשטן, נאָר אַ פּיאָנער... אַ קעמפער... אַ העלד... אַ געפייניקטער פון דער פּשטות. הייַנט צו טאָג איז דאָס אויסחוזקן די „מליצה" אַ טראַפאַרעט־ווערטל עובר־לשרייבער, און ס'איז שוין אַוועק אין דער „שוסטערגאַס". דער ערשטער קעמפער און איינגעמער פון דעם מַליצה־„באַסטיל" איז געווען בן־יהודה. אין זיין פּעדאַנטישקייט אויף דער פּינקטלעכקייט פון דער שפּראַך איז ער געווען אַ מחמיר און פּינקטלעך אויף דער האָר. ער איז ענלעך געווען, אין דער היינזיכט, כמעט צו מיינעם אַ באַקאַנטן מתנגד, וועלכער פלעגט אויפקאָכן און אויפציטערן, דערהערנדיק די ווערטער: „ויצמח פּורקנו", ווייל ער האָט געשפּירט, אַז דערין ווערט אויסגעדריקט דאָס גאַנצע חסידות אָדיאָסינקראַ־

סיע קעגן באַהעפטונגען פון האַלבע פסוקים. איך געדענק, ווי ער האָט איין מאָל פּאָלעמיזירט מיט איינעם אַ מחבר איבער אַ ניי בוך, וואָס יענער האָט פאַרפאַסט. דאָס בוך איז כלל נישט געווען צום ערגסטן, און די שפּראַך, הגם נישט קיין מוסטערהאַפטע, דאָך אַ דערטרעגלעכע. אָבער בן־יהודה האָט געכאַפּט דעם מחבר ביי אַ האַלבן פסוק, און דאָס איז גענוג געווען. צופעליק האָט בן־יהודה אַ טעות געהאַט, ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ האַלבער פסוק, און אין דער אמתן געפינט זיך נישט אַזאַ האַלבער פסוק אין תנ"ך! ווען איך האָב דערויף דערווידערט, האָט בן־יהודה געענטפערט, אַז ס'איז ענלעך אויף אַ האַלבן פסוק, און אויך אַ נאָכמאַכונג איז פסול.

יעדע עקסטרעמיטעט פירט און מוז דערפירן צו אַ קעגנזעצלעכער עקס־טרעמיטעט. די מליצהשע עקסטרעמיטעט איז שוין באמת געווען נישט צום פאַרטראָגן מער. ס'איז באַקאַנט, אַז לויט שטיינבערגן אין זיין ווערטערבוך איז „אַדמיראַל" אַ „מושל בגאות הים ודכיו". — געוועלטיקער איבער דער שטאָלצקייט פונעם ים און זיין גערויש. אפשר דער אָפּגאָט נעפּטון? ניין! אַ פּראָסטער אַדמיראַל! אמת, די דאָזיקע מליצה איז זייער קורץ אין פאַרגלייך מיט דער מליצה, מיט וועלכער מ'האָט זיך באַנוצט אין מיטלאַלטער צו באַצייכענען די דרוקאַרבעט, איידער מ'האָט אַריינגעפירט און צוגעפּאַסט דעם פרעמדן שורש „דפס": צום סוף פון דער ערשטער אויסגאַבע פון דעם ספר מלחמות פונעם רלב"ג ווערט געזאָגט: „די אותיות זאַמלען זיך צונויף, איינער דערנענטערט זיך צום צווייטן, פאַרפלעכטן זיך און צעשיידן זיך נישט, איינער צום צווייטן זאָגט: האַלט זיך פעסט און זאָגט די באַהעפטונג איז גוט" — אַזש אַזוי פיל צוליבן איינעם וואָרט „דפס", וואָס די ריינ־שפּראַכלער האָבן נישט געקאָנט אָראָפּשלינגען. די־אַ טהרת־הקודש איז פאַרבליבן אין גאַנצן, אָדער טיילווייז אין דער גאַנצער השכלה־ליטעראַטור און אין העברעישן בריוואויסטויש.

איך געדענק, אַז אין דער השכלה־צייט האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו, אין וועלכן איינער פון מיינע פריינד אַ ריינשפּראַכלער האָט מיך פאַרבעטן צו קומען צו אים אַהיים וועגן אַ וויכטיקן ענין, און ער שרייבט, אַז ער שיקט צו מיר אַן „עגלה קלה משרכת דרכיה" — אַ פלינקערן וואָגן, וואָס פאַר־דרייט זיינע וועגן, און בעט מיך זייער צו קומען צו אים „חיש־קל בצבים ובכרכרות" — גיך־שנעל אויף טראָגוועגן און אויף יאָגקעמלען. איך האָב געטראַכט, אַז עפּעס אַ קאַוואַלקאַדע אָדער אַ קאַראַוואַן פון פּרעכטיקע קאַרעטעס שטייען פאַר מיין וווינונג, האָב איך אַ קוק געטאָן דורך מיין פענצ־טער אויפן ערשטן שטאָק און דערזען אַ דראָזשקע אין וואַרשעווער סטיל פון יענער צייט, אַ צעלעכצטע דראָזשקע, געשפּאַנט צו איין פערדל, שטייט פאַרן

טויער! איך האָב שפּעטער געפרעגט מיין פריינד דעם בעל־מליצה: וואָס האָט איר אָנגעוואָרפן אויף מיר אַזאַ פּחד מיט וואָגנס, וואָס פאַרדרייען זייערע וועגן, און מיט טראָגוועגן און יאָגקעמלען צוליב אַ קליינער דראָזשקע? האָט ער מיר געענטפערט: „אין תנ״ך איז נישטאָ קיין אַנדער וואָרט פאַר אַ דראָזשקע״. — אָבער דראָזשקע גופא איז דאָך אַ העברעיִש וואָרט״, — האָב איך צוריק געטענהט (צו יענער צייט איז שוין אין מיר אַריין דאָס אַפּיקורסות קעגן דעם מאַנאָפּאָל פון דער תנ״כישער שפּראַך). ער האָט געשטויגט: „נישט שוין זשע?״, „יאָ, — האָב איך אים געזאָגט — דאָס וואָרט „דראָזשקע״ נעמט זיך פון „דראָגאַ״ (אויף פּויליש, „דראָגאַ״ אויף רוסיש, און אַזוי אין די אַנדערע סלאַווישע שפּראַכן), און „דראָגאַ״ און דרך איז איינס און דאָס זעלבע. אָט גיט אַ קוק, וויפל ווערטער און וויפל צייט־ווערטער־גרופּעס זענען געשאַפן געוואָרן אין די סלאַווישע שפּראַכן פון דעם וואָרט „דראָגאַ״ — מער ווי צוויי הונדערט: — אַזוי קאָנען אויך מיר טאָן. ווער שטערט אונדז, אַז אויך מיר זאָלן צעצווייגן אונדזער וואָרט „דרך״ — אַ וועג, אויף „דרכית״, אָדער „דרגית״ — אַ דראָזשקע״ („דרג״ און „דרך״ זענען פון איין פאַרצייטישן און בשותפותדיקן שורש) און באַשטימען איין וואָרט, אָן אָנצוהויפּענען פּסוקים אומנייטיק און אָן אַ מעגלעכקייט פון גענויער באַצייכענונג. דערויף האָט מיר מיין פריינד דער בעל־מליצה געענטפערט: „איך וועל נישט קאַליע מאַכן די שפּראַך צוליב דער דראָזשקע״. האָב איך אים געזאָגט: שטעלט זיך פאָר, אַז די העברעיִשע שפּראַך ווערט איינגעפירט דאָ אין וואַרשע, און איר רופט אַ דראָזשקע, צי וואָלט איר גערופן „עגלה משרכת דרכיה״, אָדער „בואו הנה, צבים וכרכרות״.

מע קאָן אומבאַזאָרגט פאַרבייגיין וועגן די נעמען פאַר אַ דראָזשקע, ס׳זענען אָבער פאַראַן וויכטיקערע פּראָבלעמען, אין וועלכע ס׳איז ממש פאַראַן פון פּיקוח־נפש. איינער פון מיינע באַקאַנטע, אַ יידישער תלמיד־חכם פון אַלטן דור, אַ באַהאַוונטער אין תנ״ך און אַ גראַמאַטיקער, האָט געהאַט אַ בן־יחיד, וועלכער האָט געענדיקט זיין שטודיום אין אַ וואַרשעווער גימנאַזיע, און ס׳האָט זיך אים איינגעגעבן, נאָך אַ סך מי, אַנגענומען צו ווערן אין אוניווערסיטעט אין קיעוו, און ער האָט דאָרט געוווינט און געשטודירט. און זיינע עלטערן זענען באַזאָרגט געווען וועגן אים, ווייל ס׳איז דעמאָלט געווען אַ צייט פון אויסנאַם־צושטאַנד, און אַ סך סטודענטן פלעגן טאָגטעגלעך אַרעסטירט ווערן צוליב זייער אָנגעהעריקייט, אָדער חשד פון אָנגעהעריקייט, צו די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. טרעפט איין מאָל, ווען אָט די עלטערן זיצן אין שטוב ביי דעם עסן, קומט אַריין דער בריווטרעגער און דערלאַנגט דעם אַלטן אַ בריוו, און דער בריוו איז פון

קיִעוו, און ווי נאָר דער אַלטער האָט אים געעפנט און גענומען לייענען, איז זיין פּנים געוואָרן בלאַס, און די קניען ציטערן, האָט די אַלטע אויפגע־שוידערט: „וואָס איז געשען? וואָסער אומגליק?!" און דער אַלטער האָט זיך אָן אויפגערעגטער אוייפגעהויבן, אַ לויף געטאָן צום דערנעבנדיקן ספרים־אַלמער, אַרויסגענומען מיט ציטערנדיקע הענט עפּעס עטלעכע בענ־דער און געזוכט אין זיי און מעיין געווען און ווידער אַרויסגענומען בענדער. „ביסט פון זינען אַראָפּ? — האָט די אַלטע געשריגן — וואָס איז געשען". האָט ער איר דערציילט, אַז דער בריוו איז פון איינעם אַ משכּיל אין קיִעוו, זיינער אַ לאַנגיאָריקער באַקאַנטער און פריינד, און ער טיילט אים מיט, אַז זיין זון דער סטודענט איז „אַריינגעפאַלן צוליב זיין פאַרדאָרבנקייט, און די מאַכט האָט אים איינגעזעצט אין דעם „צינוק" און אין דער „מהפּכת", און מע דאַרף זיך משתדל זיין אים צו ראַטעווען, אפשר זאָל ער זיך ווענדן מיט אַ ביטע קיין וואַרשע זיין געבוירן־אָרט, אָדער אין דער רעזידענץ־שטאָט פּעטערבורג; אָבער — האָט ער צוגעגעבן — איך ווייס נישט וואָס באַטייט „צינוק" און „מהפּכת" אין דעם בריוו, און דערפאַר האָב איך זיך געאיילט מעיין צו זיין אין דעם פּירוש רש"י און אין דעם פּירוש „מצודות ציון" און אין דעם „ביאור". טייל זאָגן, אַז „מהפּכת" הייסט: אויפהענגען דעם אַרעסטירטן מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף, און אַנדערע זענען מקיל, אַז „מהפּכת" איז דאָס אייגענע וואָס „מחתרת" — אַ באַהעלטעניש, איז אויב מע האָט אים איינגעזעצט אין אַ „מחתרת", איז ווי האָט מען אים איינגעזעצט אויך אין אַ „צינוק" — קאַרצער, און אויך די טייטש פון דעם וואָרט צינוק" איז נישט קלאָר, לויטן „מצודות" האָט מען אונדזער לייבקען איינגעזעצט אין אַ הויכן טורעם, און לויטן „רד"ק" איז עס אַ סינאָנים מיט „צינור" — אַ רינשטאָק. וואָס קען איך וויסן? און ווי אַזוי דאַרף איך שרייבן די ביטע? פאַר וואָס האָט מיין פריינד געשריבן מיט אַזאַ געבלימלטע שפּראַך? אָט דער־אַ שוטה און אַכזר! — און ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק צעווייטיקט און באַזאָרגט וועגן דעם זון, און צעטומלט פון די פאַרשיידענע פּירושים על־פּי רש"י, דעם „רד"ק" און אַנדערע.

אַזוי האָבן געשריבן כמעט אַלע מליצה־שרייבער פון יענער תקופה. אין שולמאַנס „מסתרי פּאַריז" רעדן די פּאַריזער שענק־כוליגאַנעס, די אַרכי־טיפּן פון די „אַפּאַשן", ווי ס'האָבן געשריבן ישעיהו און יחזקאל, און נאָך זיי די ווילנער מַשׂכּילים. די געשיכטע אין דעם „דברי ימי עולם" — אַ וווּנדער־לעכע אַרבעט, לויטן געשמאַק פון דער תקופה, אַן אויסערגעוויינלעכע רייכקייט פון תנ"כישע אויסדרוקן, איז דורכאויס אַ סופּערלאַטיווע שילדע־

רונג. ווער איז נאָך אַזוי גרויס ווי אברהם מאַפּו? אָבער די שילדערונג פון דער קאָוונער לאַנדשאַפט ביי די ברעגן פונעם ניעמאַן אין דעם "עיט צבוע" איז אין גאַנצן ענלעך צו דער שילדערונג פון דער לאַנדשאַפט אין „אהבת ציון", דער ארץ־ישראלדיקער, דער מיזרחדיקער. סיי דאָ, סיי דאָרט וואַקסן צעדערביימער און טייטלביימער. און אָט דער מאַפּו, וועלכער האָט געשריבן קאַפּיטלען ענלעכע מיט זייער אַנגעגעמער און ריינער שפּראַך צו קאַפּיטלען אין ספר „רות", זעט אויס ווי אַ שפּראַך־אַפּיקורס אין די אויגן פון הער בענדטסאָן דעם פאַרפאַסער פון דעם בוך „מודע לבני הנעורים", וואָס די משכילים פלעגן אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ „נהרג על פחות משוה דגש", און וואָס זיין מינהג איז געווען צו שפּילן אַ שעה צייט אויפן פידל, איידער ער האָט זיך געזעצט שרייבן העברעיִשׁ, כדי די העברעיִשׁע שכינה זאָל אויף אים רוען. און ווירקלעך, די שכינה האָט גערוט אויף יענעי לייט, אָבער נישט זיי און נישט זייער שפּראַך זענען נישט געווען פון אונדזער דאָזיקער וועלט. זיי האָבן באַקליידט אַלע ענינים מיט תנ"כישע בגדים, מיט שפּראַכלעכער פּינקטלעכקייט, אָבער נישט מיט זאַכלעכער פּינקטלעכקייט. דער צאַרישער קולטור־מיניסטער, ביביקאָוו, איז אין די לידער פון אד"ם הכהן געוואָרן א „לביבי־כאָב תהיה לנו", און ר' יוסף כהן־צדק האָט אין דעם „הנשר" און אין דעם „המבשר" מגייר געווען אַלע גרויסע גויים: „מ'האָט אים אַ נאָמען געגעבן טיער, ווייל ער איז אַ גרויסער „תייר" — טוריסט; טיסאָ — תשא, ווייל דער קעניג האָט אים דערהויבן; קאַלנאָקי — ער איז לייכט און ריין, און דעסטגלייכן. אַזוי אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צו זיין געהאָרכזאַם דעם סינאָנים און דעם ווערטערשפּיל פון דער העברעיִשער מליצה. דערצו זענען נאָך צוגעקומען די וואָרטבאַהעפטן „דלוג־רב" — טעלעגראַף, דע־פּתע" — דעפּעש, און וועגן פעליעטאָן איז געווען אַ מחלוקת צווישן די שרייבער. טייל האָבן געשריבן „עלה־נדף" — אַ געטריבן בלעטל (פאַר וואָס „נדף"?), סמאָלענסקין אין „המביט" האָט געשריבן „עלה־חמד" („חמד" — רייצנדיקס איז לאו־דווקא), און דער גרויסער שפּראַך־מייסטער, יל"ג, האָט געשריבן „צלוחית של פוליטן" — אַ פלאַקאָן רויזנבוימל.

די שפּראַך איז אַ קאָנקרעטער און לעבנסוויכטיקער ענין, וואָס הענגט אָפּ נישט נאָר פון אינטויציע, ווילן און טאַלענט, וואָס אייניקע קריטיקער פאַנ־טאַזיאָרן שאַצן זיי אַזוי הויך. פאַרשטענדלעך, אַז דער טאַלענט איז דער ערשטער באַדינג פאַר גייסטיקער שאַפונג; און ער פאַרקירצט אויך די צייט פון דעם שטודיום, אָבער ביי אַלע טאַלענטן און ווילנס אין דער וועלט, פאָדערט די שפּראַך לערנען און געניטונגען, לערנען און זייער אַ סך גע־

ניטונגען אַפילו פון אַן עילוי און אַ גאון, און ווער ס'הייבט אָן און דערלערנט נישט ביזן סוף — בלייבט אַלע זיינע יאָרן אַן עם־האַרץ אין דער דאָזיקער שפּראַך, אַ האַלבער, אַ דריטל און אַ פערטל.

[ב]

יעדע שפּראַך פאָדערט וויסן, און די העברעיִשע שפּראַך נאָך אין אַ גרע־סערער מאָס. און בנוגע דער העברעיִשער שפּראַך, דעם מאָסשטאָב אָפּצו־שאַצן די מדרגה פון דעם שרייבערס קענען די שפּראַך, איז זיין איבערזע־צערישע אַרבעט אַ סך מאָל מער מסוגלער צו דינען פאַר אַ מאָסשטאָב, איידער זיין אָריגינעלע אַרבעט. אין דער אָריגינעלער אַרבעט קאָנען מיר נישט וויסן וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט שרייבן, און וועלכע געדאַנקען און געפילן ער האָט פאַרהאַלטן אין זיך, ווייל ער האָט נישט געפונען אין דער העברעיִשער שפּראַך די נייטיקע אויסדרוק־מיטלען; און אויב ער האָט זיי נישט פאַרהאַלטן פולשטענדיק, וויפל האָט ער געפּעלשט, געגעבן אויבערפלעכלעך און פאַרוואַסערט צוליבן אויספּעל פון ווערטער. דאַקעגן אין אַן איבערזעצונג, קאָנען מיר דאָך פאַרגלייכן דעם אָריגינאַל מיט זיין ווידערקול און זען צי די שפּראַך פון דעם איבערזעצער גייט טראָט ביי טראָט, שפּור נאָך שפּור, אַזוי צו זאָגן, מיט דער פרעמדער שפּראַך. דאָס איז די באַלערנדיקע אייגנשאַפט, וואָס עס פאַרמאָגן די איבערזעצונגען אין אַלע זיך באַנייענדיקע, אָדער זיך בילדנדיקע שפּראַכן און צווישן זיי אויך די העברעיִשע איבערזעצונגען. די איבערזעצונגען שטעלן די שפּראַך צום עקזאַמען און אויף דער פאַרגלייכונגס־ליניע קעגן גרויסע, אַנטוויקלטע און נייע שפּראַכן — די שפּראַך לויט דער שרייבער באַנוצט זיך מיט איר — און פון זיי דערקענען מיר איר רייכקייט, אָדער אָרעמקייט, איר קלאָרקייט, אָדער איר פאַרנעפּלטקייט.

די איבערזעצונגען אין אונדזער ליטעראַטור זענען נאָך נישט געשטעלט געוואָרן אונטערן ליכט פון וויסנשאַפטלעכער קריטיק. אונדזער קריטיק איז מער אַ מין ערפאַרכטיקע פרומקייט, איידער קריטיק, וועלכע האָט אַנידער־געשטעלט אַ האַלבן טוץ, בודאַ־סקולפּטורן אין איר טעמפּל, כדי זיך בוקן צו זיי, אָדער קוקן אויף זיי מיט אָפּשיי און מילדקייט. ווען זי וואָלט פאַרמאָגט אַן אַרומנעמענדיק און דורכדרינגענדיק וויסן, וואָלט זי לייכט איינגעפונען, אַז אונדזער איבערזעצונגס־ליטעראַטור ליידט אין איר מערהייט פון צוויי פעלערן: (א) אַ נישט גענוגנדיק באַנעמען די שפּראַך, פון וועלכער מע זעצט איבער; (ב) איבערהיפּערונגען און נישט־דערזאָגטקייטן. דער רוב איבערזעצונגען איז געמאַכט געוואָרן פון דייטש. צייטנווייז שרייבט מען,

אַז ס'איז איבערגעזעצט פון ענגליש אאַ"וו, אָבער דאָס איז נאָר, מיט זעלטענע אויסנאַמפאַלן, בלויז „לתפארת המליצה", ווייל אויף איבערצוזעצן אַ װעלכעס קלאַסיש ווערק — און מע זעצט דאָך איבער בלויז קלאַסישע ווערק — פון ענגליש, פאָדערט זיך אַ טיף און אַרומנעמענדיק וויסן, וואָס איז זעלטן ביי די איבערזעצער, און דערפאַר האָבן זיי אין זייער מערהייט איבערגעזעצט פון דייטש. אָבער אויך פאַר דעם איבערזעצער פון דייטש איז ווייניק ער זאָל קענען די־אָ שפּראַך אויבערפלעכלעך, נייערט ער דאַרף זי קענען גרינטלעך, מיט אַלע שאַטירונגען און האַלבע שאַטירונגען, וואָס זענען פאַראַן אין די געזעצן פון דער שפּראַך און אינעם באַנוצן זי אין וואָרט און שריפט. וויפל אַזעלכע דייטש־קענער זענען געווען אויפן איבערזעצער־מאַרק? אויב כ'זאָל אַ כאַפּ טאָן אַ סך, וועל איך זיך משער זיין: פון פינף ביז צען פּראָצענט, די איבעריקע האָבן פאַרשטאַנען דייטש אויבנאויפיק און וואַקלדיק, ריכטיקער: האָבן זיך אָנגעשטויסן און בלינד־דערטאַפּט דעם פּירוש פונעם אָריגינאַל. דעם אמת דאַרף מען זאָגן, אַז קיינער פון זיי האָט נאָך לעת־עתה נישט גענומען זיך די מי צו לערנען די גראַמאַטיק פון דער שפּראַך און די געזעצן פון איר סינטאַקס פון אָנהייב ביזן סוף, און זיך איינשאַפן אַ געוויסע גרינטלעכע באַהאַוונטקייט אין איר, נאָר האָבן בלויז גענאַשט פון איר אַ ביסל, און דאָס זעט זיי אויס צו זיין גענוגנדיק אויף איבערצוזעצן פון איר. כ'וואָלט קאָנען ברענגען גאַנצע פּעק מראה־מקומות צו באַווייזן, אַז די איבערזעצער האָבן נישט פאַרשטאַנען, אין פיל פאַלן, דעם מיין פון די אויטאָרן, ווען ער איז דעליקאַט און פאַרמאָגט אַ ספּעציפישע שאַטירונג, וואָס איז פאַרשטענדלעך נאָר פאַר די באַהאַוונטע אין דער שפּראַך, אָבער נישט דאָ איז דאָס אָרט.

די דאָזיקע פּלאָג פון אויבנאויפיקן פאַרשטיין ווערט באַגלייט פון אַן אַנדער פּלאָג, אַן ערגערע פון איר: די אָפּגעלאָזנקייט פון דער איבערזעצונג, און צוליב איר דאָס סיסטעמאַטישע איבערהיפּערן יעדעס וואָרט, און אַזוי אַרום אויך יעדן באַגריף, וואָס פאַרשאַפט דעם איבערזעצער שוועריקייטן, ווייל ס'איז נישט לייכט צו געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט אויף העברעיִש. און דערפאַר פלעגט ער עס איבערהיפּערן, ווי יענע מלמדים פון אַלטן דור, וועלכע פלעגן אַראָפּשלינגען די דיקדוק־דערקלערונגען אין דעם פירוש רש"י, וואָס ס'איז שווער געווען צו צעקייען. אויף אַזאַ אופן פלעגט די איבערזעצונג אַרויסקומען גרינג און גלאַטיק, און דער איבערזעצער איז אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גרויסן בעל־מליצה מיט אַ לייכטער און אָנגענעמער שפּראַך, און בלויז דער מחבר איז אַרויס בשן־ועין, צעהאַקט און צעבראָכט און אַן הענט־און־פיס — אָדער אויסגעבעסערט און אויסגעפּיינערט, איבערגעשפּיצט און אויס־

געבייטלט־זויבער. איך וואָלט פאַרגעלייגט די קריטיקער און יענע וועלכע האָבן זיך ספּעציאַליזירט, אָדער מ׳האָט באַשטעלט ביי זיי צוזאַמענצושטעלן „כרעסטאָמאַטיעס״ און קלאַסישע איבערזעצונגען — צו אורטיילן וועגן יעדער איבערזעצונג נאָר לויט אַ פּינקטלעכן פאַרגלייכן מיטן אָריגינאַל, און דעמאָלט וועלן זיי זעען די איבערהיפּערונגען און דאָס „גיין הקפות״ אַרום־און־אַרום. אָט דאָס איז עס וואָס האָט פאַראָרעמט אונדזער שפּראַך. דווקא דאָרט, ווו דאָס וואָרט פעלט אויס, איז די אויפגאַבע פון דעם איבער־זעצער דאָס פעלנדיקע אויסצופילן. די איבערזעצונג, דאַרף זיין געטריי דעם אָריגינאַל, אַנדערש איז עס נישט קיין איבערזעצונג, נייערט אַ פעלשונג. דער איבערזעצער מעג זיך זיין אַ חד־בדרא אַלס אָריגינעלער שרייבער, ער מעג זיין גרעסער פון שעקספּירן און געטען — לויט די דאָזיקע שבחים זענען היינט צו טאָג ביליק אויפן מאַרק פון אונדזער פאַנעגיריק — אָבער ווען ער זעצט איבער שעקספּירן און געטען, האָט ער נישט דאָס רעכט צו זיין גרעסער פון זיי, נאָר מוז איבערגעבן פּינקטלעך יעדן זין און ווי אויך שאַטירונג פון זייערע רייד. אין דער דאָזיקער הינזיכט קאָנען נישט פינף און נײַנציק פּראָ־צענט פון אונדזערע איבערזעצונגען, סיי פון די קלאַסישע ווערק, סיי פון וויסנשאַפטלעכע ווערק, אויסהאַלטן די קריטיק פון פּינקטלעכן פאַרגלייכן. ס׳האָט זיך איינגעוואָרצלט דער פאַלשער געדאַנק, אַז אַן איבערזעצונג דאַרף זיין לייכט, „דער לייענער זאָל זי לייענען פליסיק״. דאָס איז אַן אויבער־פלעכלעכער געשמאַק, אַ לייכטזיניקער, אַ פּראָפאַנישער און טרויעריקער. שעקספּיר אין זיין אָריגינאַל איז נישט לייכט. מע דאַרף לערנען די ענגלישע שפּראַך מיט גרויס פלייס אין משך פון יאָרן און זיך פאַרטיפן אין אירע כללים און פּרטים און סודי־סודות, כדי צו פאַרשטיין שעקספּירן געהעריק, און מ׳איז שוין צוגעגרייט פולשטענדיק פון דער שפּראַכלעכער זייט, קאָן מען נאָך אויך דעמאָלט נישט לייענען שעקספּירן, ווי מע לייענט ידיעות אין אַ טאָגצייטונג, נאָר מע דאַרף אַ ביסל אָנשטרענגען די געהירן; און אַזוי איז עס מיט יעדן ווערק פון דיכטונג, אָדער הויכער וויסנשאַפט, און אַזוי דאַרף אויך צו זיין די איבערזעצונג. פון דעם בוכהענדלערס שטאַנדפּונקט איז גוט און נייטיק, אַז אַלץ זאָל זיין לייכט און אָנגענעם. אָבער דער שטאַנדפּונקט פון וויסנשאַפטלעכער קריטיק, אויב ער ליידט פון אַזאַ פּראַקטישקייט, פאַר־דינט ער זיך נישט אויפן נאָמען קריטיק בכלל. דווקא די שפּראַך־ווייען זענען די פאַקטאָרן צו באַנייען און באַרייכערן די שפּראַך דורך איבערזעצונג מערער ווי דורך אָריגינעלן שרייבן. ווו ס׳זענען נישטאָ קיין שפּראַך־ווייען, איז נישטאָ קיין געבורט פון נייע ווערטער, אָדער אַ ווידערגעבורט פון אַלטע ווערטער פאַרגעסענע. אַלץ פליסט פּאָרויס, אַלץ איז פיין און גלאַטיק, די

שפּראַך בלייבט ביי איר אָרעמקייט, זי איז באַחנט און אָנגענעם, ווען ס׳באַנוצן זי שרייבער מיט אַ קלאָרן סטיל, אָבער זי האָט נישט קיין שום ווערט פון אַנטוויקלונג און צוגעפּאַסטקייט צום לעבן. די בלומיקע שפּראַך איז לייכט, אָבער גראָד צוליב איר לייכטקייט ווערט זי לאַנגווייליק, די געדאַנקען, דורך איר אויסגעדריקטע, ווערן געוויינטלעכע און לאַנגווייליקע, די בילדער, דורך איר געשילדערטע, ווערן מאָנאָטאָנע, ס׳פעלט זיי טיפקייט, נייקייט און איבעראַשונג, און אַפילו די באַרימטע שרייבער פון דעם סאָרט, וועלכע זענען באַליבט געווען ביים עולם בשעתם און האָבן אַרויסגערופן אויסערגעוויינלעכע התלהבות, איז שוין היינט שווער צו לייענען זייערע ווערק, אַזוי שנעל זענען זיי אַוועק פון דער וועלט !...

[ג]

אָבער אויף אָט דעם אַלגעמיינעם פאָן צייכנט זיך זייער גוט אָן די געש־טאַלט פון בן־יהודהן אַלס העברעיִשער שרייבער. ער איז געווען דער דיאַמעטראַלער היפוך פון דער מיטל־מעסיקייט־כאַראַקטער פון די העברעיִשע שרייבער פאַר יענער צייט. ער האָט פאַרשטאַנען די אייראָפּעיִשע שפּראַכן נישט אויבערפלעכלעך, נאָר טיף און פּינקטלעך. דאָס האָט אַ וויכטיקייט פון ערשטער מדרגה, נישט ווייל דאָס קענען שפּראַכן איז אין אַלגעמיין וויכטיק, נאָר ווייל בנוגע דעם באַנייען און פאַרפולקאָמען די העברעיִשע שפּראַך אַלס אַ לעבעדיקע שפּראַך, מוז מען ספּעציעל קענען פולשטענדיק אַ צווייטע גרויסע און קולטורעלע שפּראַך, ווייל בלויז דאָס לערנט צו וויסן, וואָס אונדזער העברעיִשער שפּראַך פעלט נאָך, און ווי אַזוי דאַרף מען זי פאַרפולקאָמען, זי זאָל קאָנען קאָנקורירן מיט אַ גרויסער אייראָפּעיִשער שפּראַך, אין דער ליטעראַטור און אין לעבן. בן־יהודה האָט געקענט גוט די פראַנצייזישע שפּראַך, געקענט רעדן און שרייבן אויף איר פּרעציז, און אפשר האָט ער געקענט אויך אַנדערע שפּראַכן, דער עיקר, אַז ער האָט געקענט איין אייראָפּעיִשע שפּראַך פּערפעקט, אירע געזעצן און איר באַנוץ, טעאָרעטיש און פּראַקטיש.

און נישט דאָס איז געווען דער עיקר. דער גרויסער עיקר איז געווען, וואָס ער האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגעשטעלט יענעם גניבת־דעת פון לייכטקייט, אויבערפלעכלעכקייט און גיין־אַרום־און־אַרום, אין וועלכע די מערהייט איבערזעצער האָבן געשטעקט. ער האָט זיך איינגעשפּאַרט אָנצורופן יעדע זאַך ביי איר פּינקטלעכן נאָמען, און אַז נישט געפונען קיין וואָרט, האָט ער עס דערפונדן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שרייבן העברעיִש, ווי עס וואָלטן געשריבן די שרייבער אויף דער־אַ שפּראַך, ווען זיי וואָלטן

גערעדט אויף איר. דאָס אַלץ איז געווען אויף אַן אופן פון תנאי און „ווען־וואָלט", און אָט די אוטאָפּיע איז עס די הויכע מדרגה פון דער זאַך, וואָרעם — אין דער אמתן גערעדט — האָבן דאָך די שרייבער קיין העברעיִש נישט גערעדט, האָט מען דאָך געקענט וויסן, ווי וואָלטן זיי געשריבן, ווען זיי וואָלטן גערעדט. אָבער בן־יהודה האָט, ווי יעדער אידעאַליסט מיט אַ מעכטיקן ווילן און ברייטע האָריזאָנטן אַ סך זאַכן פאָראויסגעזען. ער האָט געהאַט אַן אינטויִטיווע עמפּינדונג, אַז די העברעיִשע שפּראַך איז אַ ווידערקול פון פּאַרצייטנס און דער גרויסער בונד צווישן דעם פאָלק און זיין פאַרגאַנגענהייט, און דאָס איז אַ גרויסער טייל פון דער וויזיע „מלכות־ישראל", און דערפאַר האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער דאָזיקער עקשנותדיק־פּלייסיקער אַרבעט אַליין מקיים צו זיין דאָס רעדן העברעיִש, אַליין און אין זיין שטוב, ליידנדיק צער און יסורים, און אייַנצייטיק מיט אינערלעכער פרייד און דעם געפיל פון נצחון לעתיד־לבוא.

די נשמה פון דער העברעיִשער שפּראַך האָט געזוכט אַ תיקון, האָט געזוכט לעבן און אַ גוף, — אויך אין גלות זענען געווען צווישן אונדז „איינער אין שטאָט און צוויי אין אַ משפחה", וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן דער דאָזיקער אַרבעט מיט אָפּגעזונדערטקייט און זויבערקייט. נאָך אין דעם פעריאָד, ווען מיר האָבן געשריבן אַ ריין־תנ"כיש העברעיִש, זענען צווישן אונדז געווען שפּראַך־באַנייער און באַרייכערער. מיר האָבן געהאַט אין דער צייט פון בן־יהודהס אָנהייב טעטיקייט, און אפשר אַ ביסל פאַר אים, גרופּעס, וועלכע האָבן געשטאַמלט־גערעדט און שפּעטער אויך פאַרגעטראָגן אויף העברעיִש. אין דער אמת — איז דאָס ערשטע רעדן אויף העברעיִש וואָס איך האָב געהערט אין מיין קינדהייט, און וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק נישט צום פאַרווישן, געווען דאָס העברעיִש פון דעם אדמו"ר רבי שמואל אַבא ז"ל פון זשיכלין, וועלכער פלעגט אום שבת רעדן נאָר לשון־קודש. אָט דער אַדמו"ר איז געווען מיין זיידנס ז"ל אַ תלמיד, און ער האָט מיך אויפגענומען ווי זיין רבינס אַן אייניקל. כ'בין דעמאָלט אַלט געווען זיבן יאָר, און ער האָט מיך פאַרהערט מיט גמרא־קשיות, וואָס זענען נישט געווען זייער שווער, און וואָס איך האָב זיי אים פאַרענטפערט כלאַחר־יד, אָבער דאָס רעדן אויף לשון־קודש מיט אַ גמרא־ניגון האָט מיך ממש באַצויבערט, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך פון מיר נישט אָפּגעטאָן דער חשק צו רעדן העברעיִש — נישט אין די שבתים, נאָר אין דער וואָכן, און צו דעם צוועק האָבן איך געגרינדעט פאַרבאַנדן נאָך מיט העכער פופציק יאָר צוריק.

אָבער בלויז בן־יהודה אַליין איז אַריין אין דאָזיקן גאָרטן פול מיט

ברען און אין גאַנצן קאָנצענטרירט אויף איין געדאַנק. זיין שרייבן ווי זיין רעדן, און זיין רעדן ווי זיין שרייבן: פשוט־שבפשוט און וואָכעדיק־שבוואָכעדיק — אין בעסטן זין פון אָט דעם וואָרט. מיט אומפאַרגלייכלעכער עקסטרעמקייט האָט ער מבטל געווע אַלע מאַקאַראָניזמען און די סטיליסטישע מליצות, און די טיטולן מיט דער חניפהדיקער פראַזעלאָגיע, און די קאָנווענציאָנעלע צביעות, וואָס גרייסט זיך מיטן דערמאָנען גאָטס נאָמען, ווען מען דאַרף און ווען מע דאַרף נישט, און אָפּגעווישט און אָפּגערייניקט יעדן שפּור פון דעם „הייליקן זאַלבונג־בוימל", וואָס האָט אַראָפּגעטריפט פון דער שפּראַך, און אָנגענומען די שפּראַך־סובסטאַנץ ביי אירע טרוקענע וואָרצלען און זיך באַנוצט מיט איר וואָכעדיק מיט אַ סיסטעמאַטישן קאַטעגאָרישן קעגנשטעלן זיך יעדער באַפּוצעניש און פאַרצירעניש, אַז ער האָט אַזש אַרויסגערופן דורך דעם אַ פּראָטעסט פון שטאַרקער אויפרעגונג, נישט נאָר מצד די פּוריסטן, וואָס זענען מקפּיד אויף דער אַליינהערשאַפט פון דער תנ״כישער שפּראַך, נאָר אויך מצד אַ סך פון די מעסיקע, און כ׳וועל גאָרנישט פאַרלייקענען, אַז אויך אַ שרייבער ווי איך, וואָס האָט נאָך אין זיין יוגנט אויפגעהערט צו זיין אַ פּוריסט, און וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט צו חידושים אין דער שפּראַך און אַ לעבעדיקן רעדן העברעיש, און איז אַלע זיינע יאָרן אַ פריינד און פאַרערער בן־יהודהס, אויך אַזאַ שרייבער ווי איך האָב אים איין מאָל אַ זאָג געטאָן: „רעדט נישט צו מיר בן־יהודיש, רעדט צו מיר יהודיש, וואָס איך פאַרשטיי".

איז וואָס זאָל איך שוין דערציילן וועגן די אַנדערע שרייבער, וועלכע האָבן כמעט קריעה געריסן און גוזר־תענית געווען אויפן חורבן פון דער שפּראַך און דעם צעברעכן אירע געזעצן! פיל מאָל זענען צו מיר געקומען די משגיחים אויף דער כשרות פון דער שפּראַך מיט תרעומות און טענות אויף דעם אָדער יענעם וואָרט, וואָס דער עקסטרעמער רעוואָלוציאָנער האָט דערפונדן! זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט ווי דעם „תנור של עכנאי" מיט פראַגן: וואָס הייסט עס „חשמה"*? וואָס הייסט עס „לבול״כ" (לא בעד ולא כנגד, דאָס הייסט נייטראַל)? איך געדענק, אַז איין מאָל איז צו מיר געקומען דער פאַרשטאָרבענער שרייבער הר׳ אליעזר יצחק שאַפּיראָ און אָנגעקעלייגט פאַר מיר די צייטונג „הצבי", אָדער „האור" און מיר אָנגעוויזן אויף צוויי ווערטער: זן דרק, און מיך געפרעגט: וואָס איז עס? און כ׳דערמאָן מיין עם־הארצות, אַז אויך איך האָב נישט געקאָנט באַשיידן דעם־אַ היעראָגליף, און ערשט נאָך אַ לאַנג אַריינטראַכטן אין דעם מיין פון די דאָזיקע ווערטער,

* קאָנסטיטוציע — דאָס וואָרט געשאַפן פון בן־יהודה.

האָב איך אויסגעפונען דעם באַשייד, אַז דער מיין איז Jeanne D'arc — דאָס אָרלעאַנער מיידל. דער אויסלייג איז געווען דער בייער (און דער ריכטיקער), און קיין נקודות זענען נישט געווען, איז ווי האָט געקאָנט פאַרשטיין — נישט נאָר אַ „קורא נכבד", נאָר אויך אַ שרייבער און אַ געלערנטער — דעם טייטש פון אָט די צוויי ווערטער און זיי ריכטיק אַרויסזאָגן ?

עס איז נישט נייטיק, און ס'גייט נישט אַריין אין דער ראַם פון דער אויפריכטיקער קריטיק אָפּצופּסקענען אין הורט וועגן די טויזנטער חידושים, וואָס בן־יהודה האָט מחדש געווען און דערפונדן, וועלכע זענען אָנגענומען, אָדער נישט אָנגענומען געוואָרן פולשטענדיק. די אַלע פראַגן אין זייערע פּרטים געהערן צום געביט פון שפּראַך־פאָרשונג. אָבער וואָס מע דאַרף אונטערשטרייכן ביים אָפּשאַצן בן־יהודהן איז, אַז ער איז געווען אַ היסטאָרישע געניאַלע דערשיינונג אין דער באַנייונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך און אַז זיין גאַנץ לעבן, זיין טעטיקייט, זיין שרייבן און רעדן איז געווען אַ הימען אַן ענטוזיאַסטישער און ענטוזיאַזמירנדיקער, אַ פּרוקטטיקער און באַפרוכטנדיקער; דער פּאַנעגטרעגער פון דער עקסטרעמער רעאַקציע אויפן וועג פון דער בלינדער מליצה צו דער געשליפענער פּינקטלעכקייט, פון דער אומקלאָרקייט צו דער רעליעפקייט, פון דער פּראַזעאַלאָגישער אויסדאַכטעניש צו דער לעבעדיקער שילדערונג, פון דער געקינצלטער צונויפהעפטונג פון ברעקלעך פּסוקים צום שאַפן אַ שפּראַך, פון דער אַרכיווזירונג צום לעבנסמאַרק !

און דער מענטש איז געווען ווי זיין סטיל. אין זיינע צייטשריפטן און ביכער, ווי אין זיין לעבן און אין זיינע טעטיקייטן, האָט ער אַריינגעטאָן זיין גאַנצע נשמה אין דער ענערגיע פון זיין גרויסן גייסט און אין זיין אַרבעט, אַן קולות־וברקים, נאָר מיט סיסטעמאַטישער פלייסיקייט און מיט יוגנטברען, וואָס האָט אין אים געפלאַמט פון זיין יוגנט אָן ביז זיין עלטער פאַר דער אויפלעבונג פון פאָלק, זיין באַנייונג און זיין זעלבסטשטענדיקייט. זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין לאַנגער קאַמף קעגן יעדן סאָרט דרשנות און בטלנות, אָנשטעלערישקייט און צביעות — מיט אומרחמנותדיקער קריטיק, אָבער נישט אָן גערעכטיקייט... דאָס איז געווען אַ וואָרצלדיקער ייִדישער טאַלענט, וועלכער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די לעבעדיקע זאַפטן פון דער ראַסע, אַ זון פון זיין פאָלק און זיין עפּאָכע, מיט אַ ייִדישער נשמה, וועלכע האָט געשטעלט אויף דער סאַמע העכסטער מדרגה די פּרינציפּן פון ראַציאָנעלע, פּשוטע ערלעכקייט און יושר, אַ נשמה, וואָס איז פול מיט טריישאַפט און יסודיקער פאָלקסטימלעכער אינטויציע, אַ פּיאָנער פון פּשטות און ניכטער־

קייט אין פרטים, אָבער מיט אַן אידעאַל ווי אַ גערזעץ נישט איבערצוטרעטן און פעסטן געבאָט: די שפּראַך און ארץ־ישראל פאַר די ייִדן — אין פשוטן זין פון וואָרט.

[ד]

און דאָ קום איך צו צו דער צווייטער טייל אין בן־יהודהס פּערזענלעכקייט: די מיסטישע טייל, וואָס איז אויך געווען אינטעגראַל אין דער כאַראַקטער־טיפקייט פון דאָזיקן ווערטפולן מענטשן.

ביי יעדער באַגעגעניש פלעג איך פילן, אַז אין אָט דעם מאָגערן ייִדן איז פאַראַן עפּעס אַ פאַרבאָרגענע ריזנגרויסקייט, עפּעס אַ העכערער געפיל, אַ באַשטענדיקער־אומרו און ציטער, וועלכע האָבן מיר דערמאָנט די גרויליקייט פון קלייסטן, וועגן וועלכער געלערנטע האָבן געזאָגט, אַז זי איז „לאַווע אונטערן אייז פון לויערנדיקער רעאַליטעט". ס׳איז געווען אין אים עפּעס־וואָס אומדורכדרינגלעכס, וואָס שפּרייט זיך נישט פאַנאַנדער, נאָר איז טיף פאַרבאָרגן אונטער די שיכטן פון דערפאַרונגען און דערציונג־לאַסטן, אַ זאַך וואָס איז אין אים פאַרגעקומען אויף אַלע זיינע אַנטוויקלונגס־שטאַפּלען און זיינע גילגולים פון אָרט צו אָרט, פון פּרווו צו פּרווו, אין אַלע זיינע אַרויפשטייגן און אַראָפּשטייגן Ups and downs אין לעבן! דער ראַציאָנאַליסטישער פשט אַליין איז צו שיטער, שוואַך און וואַקלדיק, און ס׳איז נישט מעגלעך ס׳זאָל זיין אין אים אַן אָרט פאַר דעם שריפה־צענטער און דעם פלאַקערפּונקט פון דעם פּאַטאָס, וועלכער מאַכט פעיִק דעם מענטשן זיך אָפּצוגעבן איין געדאַנק אין משך פון זיין גאַנצן לעבן, מיט אַזאַ פעסטער קעגנערשאַפט פאַר דער מינדעסטער פשרה, און מיט יענער קנאות פון דעם אייביקן פייער, וואָס איז געווען ערלעך און ריין פון אַ שמץ פּאָליטיקעריי און טעאַטראַלישקייט.

די צוגעבונדנקייט פון דאָזיקן גרויסן שרייבער צו אונדזער נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דער פאַקט, אַז אַלע זיינע קעגנער און אַלע פּלאָגן פון זיין גורל, פאַרברענגענדיק זיינע טעג און נעכט און די יאָרן אין אַ ים זאָרגן — האָבן אים נישט דערפירט צו גייסטיקער שוואַכקייט און פאַרצווייפלונג, נאָר צו פאַרשטאַרקן די ענערגיע און פאַרמערן זיין זעלבסטזיכערקייט — קאָנען נישט דערקלערט ווערן מיט בלויזער ניכטערקייט און ראַציאָנעלקייט, נאָר ווייזן און ווינקען־אַן אויף איינעם פון די גייסטיקע וווּנדער, און איבערצייגן, אַז אין גרונט פון זיין וועזן און אין עצם פון זיין זיין איז אָט דער מענטש געווען פאַרוועבט און באַהאַפטן מיט אַ משיחישער וויזיע, וועלכע האָט אין אים אַנטוויקלט אַן אידעלע און ספּעציפישע עמפינדלעכקייט און אַ פאַר־

באַרגענע סטיכישע גבורה, פון יענער מיסטישקייט, וואָס מחמת גרויסער אַפּאַטיע פאַרטרייבט זי די גאָרע פאַרנעפּלטקייט, וואָס איז פאַראַן אין איר אין אָנהייב, און דערגרייכט צו דער מדרגה פון ליכט און דער העלער גרענעץ, און ווערט דורכזעעוודיק און לויטער אַזוי שטאַרק, ביז זי זעט אויס פּשוט ווי דער אַלף־בית און ווי אַ כּפל־טאַבעלע. ער האָט געהאַט לגבי דער אומלעבעדיקייט און אומבאַנוצלעכקייט פון דער העברעיִשער שפּראַך יענעם הייליקן טרויער, וואָס געפינט זיך ביי אמת רעליגיעזע ייִדן לגבי דעם גלות־השכינה, אויף וועלכער זיי וויינען, אָבער אַנשטאָט וואָס אין דעם־אָ טרויער איז פאַראַן אָפּהענטיקייט און אומבאַהאָלפענער צער, איז זיין טרויער געווען אַ באַווירקנדיקער, פּרוכטיק־איניציאַטאָרישער און אַריבערשפּאַנענדיקער איבער שטרויכלונגען. ער האָט פאַרמאָגט לגבי די דאָזיקע גייסטיקע יסורים אַ פּראָמעטייִשע מאַיעסטעטישקייט. ס'איז אין אים נישט געווען גאָרנישט פון דעם קאָקעטירנדיקן שווערגעמיט און דער סענטימענטאַלער צעקראָכנקייט פונעם דור פון די „המאַספים", וועלכע פלעגן פאַרגיסן מליצה־טרערן מיטן בלינדן נאָכמאַכן פּסוקים וועגן דער „אָפּגעראַטעוועטער איינאונאיינציקער שפּראַך", און טאַנצן אַ פאַלשן קדוש אויפן נס, וואָס „נאָך איר אַלט ווערן האָט זי געהאַט תענוג". אָט־אָ די סענטימענטאַליטעט איז אַ צווילינג־שוועסטער פון דער חניפה, און לויט קאַרליילס דעפיניציע — Materia Prima פון דעם שטן, וועלכער פאַרוואַנדלט זי גלייך אויפן אָרט אין טעמפּקייט און מאַטקייט, צעפּרעסענע פון ייִאוש־פוילעניש. זי איז אַנגעקומען פון דעם שער־הרחמנות און פון דער מיט פאַרגעניגן־געדעמפּטער עסטעטיק, אַן אָנקום פון אַ שמעטערל, וואָס „הייבסט אויף די אויגן דערויף, און שוין איז עס נישטאָ", זי איז געווען דורכאויס אַבסטראַקט, צוליב אַ צייטווייליקן טענדענץ־מאָטיוו, נישט געשמידט געוואָרן אויף דער פאָלקס־קאָוואַדלע און נישט פאַרפולקאָמט געוואָרן אין אַ לאַנד־פורעם, און ווי זי איז געקומען, אַזוי איז זי אַוועק. אָבער די־אָ, בן־יהודהס, איז געקומען פון אינערלעכע מיסטישע מאָטיוון און פון טיפע געפילס־ווערטן פון דעם שער פון גבורה, פון דער פאַרבאָרגענער לערע פון דעם אויפלעבונגס־געבאָט, ווי פון אַ „שטעג, אים ווייס נישט קיין רויבפויגל", פון דעם וואָס זיין נאָמען איז אונדז נישט באַוווּסט, נאָר מיר ווייסן, אַז ער ווייטיקט און קעמפט, מאָנט און צווינגט אויף, באַשליסט און דערפילט, פון דעם וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין אונדז, די זיכערע און טייערע האָפענונג, פון דור־דורות, און וועלכער וואַקסט און דיריגירט מיט אַ מעכטיקן הללויה פון העברעיִשער טעטיקייט און העברעיִשער דערציִונג צווישן די יהודה־בערג, אין דעם שרון און אין עמק.

דאָס איז געווען בן־יהודהס סוד. אַזוי האָט זיך צונויפגעמישט זיין פּשטות מיט זיין מיסטיציזם.

דאָס גרעסטע ווערק בן־יהודהס איז — זיין ווערטערבוך. אויך דאָ האָבן מיר געזען נאָך אונדזער זען אַפריער דעם דואַליזם, וועלכער גיסט זיך אין פלוג צוזאַמען אין איין גאַנצקייט. אַן אויסטערלישע זאַך: דער באָוואַטאָר, דער דערפינדער, דער אויסדרוק־פּשטן, דער אַבסאָלוט אומאָפּהענגיקער, דער באַפרייטער פון דער פּאַרצייטישקייט — ווי ער וואָלט אַרויס אין דעמיסיע און ווי זיך אָפּגעזאָגט פון דער אומבאַגרענעצטער מאָדערנעקייט, און גיט איבער די שליסלען אין די הענט פון די אַלטע־הייליקע, די קלאַסיקער און פּסעוודאָקלאַסיקער פון דער שפּראַך. קומט און זאַמלט זיך צונויף אַלע, אַלע תנ״כן, אַלע משניותן און גמראס, אַלע מדרשים און ליקוטים, אַלע ווערטער און באַצייכענונגען, אַלע תגין און ראשי־תיבות, אַלע פּייטנים, און אויך די כתב־ידן באַגראָבענע אין די ביבליאָטעקן, אַלע רבנים און אַלע מקובלים! קער זיך אום, קער זיך אום די מסורת, דער געהיטער פּאָנד, דער צונויפגעזאַמלטער פּאַרמעגן אין משך פון דורות!

אַזוי איז לסוף זיך נוקם יעדע ניכטערקייט אין זיך אַליין. אָבער דאָס איז בלויז אַ געדאַכטע סתירה. מע קאָן נישט אַריבערשפּרינגען איבער אַלץ דעם געוועזענעם; מע קאָן נאָר ממשיך זיין, פּאַרבעסערן, פּאַרפולקאָמענען. די קעגנוואַרט זייגט פון דער פּאַרגאַנגענהייט און גרייט צו פּאַר דער צו־קונפט. אונדזער קולטור איז נישט פון נעכטן, און נישט נאָר איר כבוד און איר יִחוס, נאָר אויך איר כוח, איר גדולה אין דער צוקונפט זענען באַזירט אויף דער רייכקייט פון איר פּילפּאַרביקייט, אויפן טויש פון אירע תקופות און אויף איר אַנטוויקלונג אין משך פון אַלע דורות. און די שפּראַך — דאָס איז דער אוצר פון אונדזער גייסט־שפע און די ענציקלאָפּעדיע פון אונדזער געדאַנקען־סימבאָל פון גאָר פּאַרצייטנס ביז היינט, און אָט דעם גרויסן און אַנטיקן אוצר האָט געעפנט דער באָוואַטאָר. אַזוי האָט זיך די תורה צוריק געקערט אין איר אַכסניה.

איך האָב אַ מאָל געשריבן איבער רבי משה חיים לוצאַטאָ — אַז וואָס אַן אמת איז ער קיין משיח נישט געווען (ווי ער האָט געפּאַנטאַזירט אין איינעם אַ פּעריאָד פון זיין קורץ לעבן), אָבער „גילוי אליהו" האָט ער געהאַט אין דעם זין, אַז ס'האָט זיך אים אַנטפּלעקט דער שר, דער געניוס פון דער העברעיִשער שפּראַך. מע מעג דאָס זאָגן, אָן אַ שטויבל גוזמא, אויך אויף זיין אַ סך שפּעטערדיקן זעלבנאָמענדיקן: אויף רבי שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל). איך וואָלט זאָגן, אַז שד״ל האָט געהאַט „גילוי־רש״י". איינער פון די זייטיקע שטריכן וואָס באַצייכענען רש״י איז געווען זיין „בלע״ז" (אין

אַ פרעמדער שפּראַך). דאָ איז קענטיק דער טיפער שפּראַכגעפיל, דער ווילן צו זיין פּינקטלעך אין דעם דערקלערן דאָס וואָרט אויף אַן איינדייטיקן אופן, אָן אַרומגייענישן. אָט איז דאָס וואָרט און אָט איז זיין טייטש. אויב ס׳איז מעגלעך — אויף העברעיִש—איז גוט,אויב ס׳איז פאַראַן אַ געוויסע אומקלאָר־קייט, איז נאַ דיר דאָס דיר־באַקאַנטע פרעמדוואָרט, אַבי סע זאָל דיר נישט בלייבן עפּעס ספקדיקס, אָדער פאַרדעקטס מיט עפּעס אַ נעפּל פון אומבאַ־שטימטקייט. אַזוי שרייבט דער, וואָס האָט נישט די כוונה נושא־חן צו זיין אין די אויגן פון דעם לייענער מיטן צויבער פון לייכטער חנעוודיקייט, נאָר וויל אים עפּעס אויסלערנען, און דווקא דאָס וואָס איז צום שווערסטן. אַזוי שרייבט דער, וואָס קאָן און איז געוווינט צו שרייבן אויך אין אַן אַנדער שפּראַך, און ער וויל שרייבן העברעיִש מיט דער זעלבער מאָס פון אויסדריקן דעם גאַנצן געדאַנק און שילדערן דאָס גאַנצע בילד, אַזוי ווי, און אפשר, מחמת ליבשאַפט צו העברעיִש, נאָך מערער איידער ווי אויף יעדער אַנדערער שפּראַך. אַזוי האָט געשריבן שד״ל. ער האָט געשריבן אַ ווונדערלעך איטאַליעניש און אַ שיין און פּרעציז פראַנצייזיש, און זיין העברעיִש האָט זיך אויסגעצייכנט מיט האַרציקייט און אומִמיטלבאַרקייט, מיט קינדערישער פשטות, מיט אינטי־מער תמימות, און איינצייטיק דערמיט אויך מיט פּרעציזער וויסנשאַפט־לעכקייט, אַזוי אַז אַ סך פון אונדזערע גרויסע דערגרייכן נישט אַפילו צו זיינע קנעכל. ער איז געווען אַן אמתער לערער, און אַז וויל צו דעם וואָס האָט ביי אים געלערנט. ס׳איז אַ פאַרדרוס זיך צוצוקוקן, אַז די מערהייט פון אונדזערע קריטיקער און עסייען־שרייבער פון אונדזער ליטעראַטור־גע־שיכטע האָבן זיך איינגעשלאָסן אין אַ באַגרענעצטן תחום פון אַ קליינעם מנין, וועלכער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרבאַנד פון קעגנזייטיקער פאַרערונג, האָבן פאַרגעסן שד״לן! ס׳איז דאָך ווי מע וואָלט זאָגן, אַז די תנ״ך — און גמרא־לערער האָבן פאַרגעסן רש״י. שד״ל איז געווען דער רש״י פון די משוררים פון אונדזער גלאַנץ־עפּאָכע אין שפּאַניע. שד״ל איז געווען דער רש״י פון דער העברעיִשער שפּראַך. שד״ל האָט באַגריפן די געניאַליטעט פון דער נאַציע אין איר אמתדיקן כאַראַקטער: אין דער גרויסער תמימות און זיסער האַרציקייט. שד״ל האָט באַגריפן דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק אין זיין גייסטיקייט און געקעמפט קעגן דער אויסערלעכער רעפאָרם און קעגן דער אַסימילאַציע. שד״ל איז געווען אַ פשטן און מיסטיקער איינצייטיק, און אין דעם זין איז ער געווען דער אַרכיטיפּ פון בן־יהודהן. ער איז אויך געווען דער פּיאָנער פון דעם רעדן העברעיִש. לויט מיינע פאַרשונגען אין איטאַליע האָט שד״ל גערעדט העברעיִש מיט זיינע תלמידים. איך האָב זיך אַ סך מאָל באַגעגנט אין פּאַדוע מיטן פאַרשטאָרבענעם רב סאַמאָטאָ,

װעלכער האָט גערעדט אַ װוּנדערלעכן העברעיִש, אַ שיין־קלינגענדיק און פּרעציזער. ער איז געװען איינער פון די רעשטלעך אמתע תלמידים שד״לס.

שד״ל און בן־יהודה זענען געװען מענטשן פון פאַרשיידענע תקופות, סביבות, און אין אַ געװיסער מאָס אויך קולטורן, זיי האָבן זיך נישט געקענט איינער דעם אַנדערן, און איינער האָט ביים אַנדערן נישט גענומען. איין גרויסע זאַך איז פאַראַן, װאָס האָט זיי משתף געװען, װאָס האָט אונדז אַלע משתף געװען, און װאָס יעדער איינער פון אונדז האָט זיך באַשטייערט דערויף אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, אויף דעם געביט אָדער אויף אַן אַנדער געביט. נעבעכדיק װאָלט געװען די העברעיִשע שפּראַך, װען ס׳װאָלט זי געמאַכט דער גדול, אָדער אַן אַנדערער. יעדע גוזמא אין דער ריכטונג — איז נישט נאָר עם־הארצות, נאָר אויך דאָס אָראָפּנידערן די נאַציאָנאַלע שפּראַך צו דער מדרגה פון... עספּעראַנטאָ. די גרויסע שרייבער האָבן פאַרפולקאָמט די שפּראַך, אָבער נישט געשאַפן זי אַ יש מאין. דער שעפער פון דער שפּראַך איז דאָס פאָלק.

װאָס איז דער אונטערשייד צװישן שד״לן און בן־יהודהן? שד״ל האָט געהאַט „גילוי־רש״י״ פון דער פאַרגאַנגענהייט, בן־יהודה האָט, פאַר אַלעמען, געהאַט „גילוי־רש״י״ פון דער צוקונפט, ס׳הייסט די אַנטפּלעקונג פון דעם נאָרמאַלן ייִדן װי ער װעט זיין, װי בן־יהודה האָט געטראַכט, אַז ער װעט זיין אין דער צוקונפט, און שפּעטער אין המשך פון דער גרויסער אַרבעט האָט ער זיך צוריק געקערט צו דער פאַרגאַנגענהייט.

די דאָזיקע איינשטימיקייט פון קעגנזאַצן איז מעגלעך געװען נאָר פאַר אַן אויסנעמלעכן מענטשן, נאָר פאַר אַ מענטשן, װאָס די העברעיִשע שפּראַך איז פאַר אים געװען נישט אַ שטודיום־צופאַל, נאָר אַ גייסטיקע דערפאַרונג, אַן אינערלעך געשעעניש, אַ זאַך, װאָס מע קאָן דערויף זאָגן „ויחי״ (אַן איבערלעבעניש — מע זעצט איבער „חויה״, אַ פינקטלעך װאָרט, אָבער אַ צװיידייטיקס). ער האָט געלעבט די שפּראַך, און דערפאַר האָט ער אַ סך מיטגעהאָלפן זי אויפצולעבן, און דערמיט האָט ער זיך געשאַפן אַן אומפאַרגעסלעכן נאָמען.

ירושלים, כ׳ טבת, התרצ״ג

רבי נחמן קראַכמאַל

אַ שמועס אין וואַגאָן

פראַגמענט

פאָרנדיק פון קראָקע קיין לעמבערג, איז געזעסן מיר קעגנאיבער אין וואַגאָן גאָר אַ פיין יידל. געקליידעט האַלב־יידיש, האַלב־דייטש, מיט אַ שפּאָר בערדל שיין פאַרקעמט, און אַ קיילעכדיק בייכל, געקריינט מיט אַ גאָלדענער קייט, — האָט ער אויסגעזען ווי אַ קליין־שטאָטישער גביר.

אויף גאַליציע איז ער מיר געווען צו פיל דייטש, אויף בוקאָווינע — צו פיל יידיש. ער האָט מיך אָבער נישט לאַנג געלאָזט אין ספק. ער האָט מיך באַלד אָנגעהויבן אויספרעגן, ווי דער מלאך דומה: ווי איך הייס און פון וואַנען איך בין, און וואָס פאַר אַ געשעפטן איך האָב אין לעמבערג. טראַכט איך מיר: מיין נשמה איז דאָך אויך נישט קיין ראָזשינקע, און גיב אים אַ פרעג:

„זאָגט־זשע מיר, פון וואַנען זענט איר, ר' קרוב ?".

— איך בין אַ זשאָלקיעווער, בער שמעלקעלעס. — ענטפערט ער מיר מיט שטאַרק גאווה.

„אַ! זשאָלקיעוו!" — פאַל איך אים אין די רייד, וואָרן אין דער מינוט האָב איך מיך דערמאָנט, אַז ר' נחמן קראָכמאַל האָט געוווינט אין זשאָלקיעוו.

מיין „קעגנאיבער" האָט דערקענט, אַז איך בין עפּעס שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דעם נאָמען זשאָלקיעוו.

— קענט איר עמעצן אין זשאָלקיעוו ? איר זענט אפשר אויך אַ שטיקל זשאָלקיעווער ?

„ניין, ליבער ייד, מיר איז זשאָלקיעוו באַקאַנט דורך ר' נחמן קראָכמאַל. איר ווייסט דאָך אוודאי, אַז ביי אייך אין זשאָלקיעוו האָט געוווינט ר' נחמן קראָכמאַל! איז נאָך דאָ עפּעס אַ זכרון פון אים ?

— ר' נחמן קראָכמאַל ?! מיינט איר נישט אַ מאָל דעם געלן ר' נחמן, וואָס האָט אַ סקלאַד פון פאַיאַנס ? ניין, דער הייסט, דאַכט זיך מיר, זילבער־מאַן. עס איז געווען ביי אונדז אַ מאָל אַ געוויסער קראָכמאַל, וואָס האָט געהאַנדלט מיט לעדער — נו, דער איז שוין לאַנג באַנקראָט... איך בין אויך אַריינגעפאַלן... איצט איז ער אַ גרויסער בערזיאַנער געוואָרן אין ווין.

איך זע, אַז מיין שכן ווייס נישט פון זיינע הענט־און־פיס וועמען איך מיין, און פאַרפלאָנטערט זיך אין טרעפעניש וועגן אַלע מינים נחמנס און

קראָכמאַלס, וואָס האָבן געוווינט, געהאַנדלט און באַנקראָטירט מששת ימי בראשית אין זשאָלקיעוו והגליל. איך האָב געבעטן אַ שוועבעלע צו מיין ווירגיניע־ציגאַר, וואָס איז דערווייל פאַרלאָשן געוואָרן — אַנגעצונדן, און נאָך דעם ערשטן צי, זאָג איך צו מיין פאַרשוין:

„איר זענט אין טעות, ליבער ייִד. דער ר׳ נחמן, וואָס איך פרעג אייך וועגן אים, האָט נישט געהאַנדלט, נישט מיט פאַרצעלאַן און נישט מיט לעדער. ער איז געווען אַ גרויסער קענער, אַ חוקר, אַ פילאָזאָף. ער האָט פאַרפאַסט דעם „מורה נבוכי הזמן״.

— פון יענע לייט! — האַקט מיר איבער מיין סוחר און כאַפּט זיך באַלד צוריק — איך לאָז אויך מיינע קינדער לערנען. מיין מאַקס איז אַ „טיכטיקער פראַנצויז״, און ווער שמועסט דייטש! אָבער פון קראָכמאַל הער איך דאָס ערשטע מאָל. וואָס האָט ער — געגעבן שטונדן? אָדער האָט ער געשריבן אין די צייטונגען? איך האָב אַ געשוועסטערקינד — אַ שאַרפן העברעער.

דאָס עסק האָט מיר אָנגעהויבן נישט צו שמעקן, אָבער ווי קריכט מען דאָ אַרויס? גיב צו פאַרשטיין ר׳ בער שמעלקעלעס, ווער ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געווען! און ער פאַרלאַנגט עס דורכאויס! פריִער האָט ער געמיינט, ס׳איז אַ געשעפטסזאַך, דערנאָך אַז ס׳איז וועגן אַ שידוך, צום סוף מאַכט ער צו מיר:

— נו, אַדרבא, זאָגט־זשע מיר, ווער איז געווען דער ר׳ נחמן קראָכמאַל? אפשר וועל איך מיך דערפרעגן אין זשאָלקיעוו.

איך טראַכט מיר אַ שיינע ריינע כפרה! נאָך אַ מאָל לאָז דיך נישט אַריין אין אַ שמועס מיט זשאָלקיעווער גבירים. אַציגד אָבער איז פאַרפאַלן! דו מוזט דיך פעסט אונטערגאַרטלען צו דער דרשה. דערווייל האָבן זיך צוגערוקט אַחינו בני ישראל פון די רעכטע קירה״ס: אַ קראָקעווער ווײַנהענדלער, וואָס פאַרט קיין אונגאַרן, אַ טאַרנער קאָלעקטאָר, אַ לעמבערגער שדכן, אַלע אין פּליושענע קאַפּעליושלעך אַ לאַ ר׳ אברהם יעקוניאַ — מיט די אָפּגע־שאָסענע רעגנשירעמס אין די הענט.

„אַ חרפּה און אַ שאַנד, — הייב איך אָן פון גראָבן עק — איך בין אַ וואַרשעווער און ברויך ענק צו דערציילן ווער ר׳ נחמן קראָכמאַל, ענקער ר׳ נחמן, איז געווען! איך האָב גערעכנט, אַז אַלס פרומע ייִדן, חסידישע מענטשן, וועט עץ נישט האַלטן פון קראָכמאַלן און עץ וועט זאָגן, אַז ער איז געווען פון יענע לייט, אָבער וויסן זאָלט עץ דאָך על־כל־פנים, אַז ס׳איז געווען אַ מאָל אַ ר׳ נחמן קראָכמאַל! מ׳שטיינס געזאָגט! אונדזערע גרויסע! וויפל ייִדן, נישט דווקא אין זשאָלקיעוו, אָדער אין קראָקע, נאָר אַפילו ביי אונדז אין וואַרשע אָדער אין לוויוויטש, וויסן גאָרנישט, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ גרויסער קראָכמאַל, און אַז עס איז דאָ אַ ספר „מורה נבוכי הזמן״.

— אַ פּנים אָן דעם קאָן מען נישט קיין שידוך טאָן און קריגן אַ פּאַטענט צו האַנדלען?"

איך האָב געזען, אַז מיין מוסר־זאָגן איז אַרויסגעוואָרפן, די פּליושענע קאַפּעליושלעך און די רעגנשירעמס האָבן זיך גאָר קנאַפּ פאַרשעמט. מען מוז צוטרעטן צו דער זאַך און דערציילן אין פּראָסטע דיבורים, ווער ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געווען.

דערציילונגען און פעליעטאָנען

דער הויכער משה

[א]

עס זענען פאַראַנען זכרונות, ווי אַ דערעסנדיקער רעגן און ווי אַ טייך, וואָס האַלט אין איין פליסן. זיי קערן זיך אַלע מאָל אום אויף צוריק און קומען־אויף אויפן זינען, אויף אַ ווונדערלעכן אופן און מיט ענערגישער עקשנות, און דער מענטש פאַרשטייט נישט, אין וואָס עס באַשטייט זייער גרויסער כוח מאַריך־ימים צו זיין, וואָס איז דער סוד פון זייער אייביקער יוגנטלעכקייט און פאַר וואָס דערוועקן זיי זיך, פון צייט צו צייט, אַזוי לעבהאַפטיק, — און נאָך מער: אָפּגעפרישטע און מיט נאָך מער גלאַנץ, ווי זיי זענען געווען אין די ערשטע צייטן... און קוקט אָן סאַראַ ווונדער, וואָס טייל מאָל זענען דאָס זאַכן צופעליקע, אומוועזנטיקע — אויפן ערשטן בליק, אָן אַ וועלכער ס'איז פאַרבינדונג מיט דעם איבעריקן לעבן פון דעם מענטשן אויף אַזוי פיל, זיי זאָלן זיך באַפעסטיקן און אַריינוואָרצלען מיט אַזאַ גרויסן כוח. און פון דעסטוועגן פאַרשווינדן זיי נישט, בעת אַ סך וויכטיקע פאַקטן, דערשיינונגען און פאַסירונגען זינקען אַראָפּ אין דעם תהום פון פאַרגעסעניש, און אַ סך פון יענע, וועלכע מע האָט אַ מאָל געהאַלטן פאַר אייביקע זאַכן, וואָס זייער געדעכעניש וועט זיך נישט אויסלאָזן, הילן זיך איין אַלץ מער אין דעם וואַל פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

איינער פון מיינע דאָזיקע זכרונות איז געבונדן מיט דעם הויכן משה. ער האָט געלעבט ווי אַן אַרענדאַטאָר פון אַ גוט אין דאָרף. איך מיט מיין הויז־געזינד האָבן דאָרט פאַרבראַכט צוויי זומער־סעזאָנען, מקיים צו זיין די מצוות־עשה פון דאַטשניקעס.

ער איז דעמאָלט געווען בערך אַ זיבעציקער. די הייך פון אָט דעם פאַרשוין איז געווען אַ זיבן פוס. העגט פעסטע, ווי אייזנשטאַבעס, פיס פון אַן העל־פאַנד. אַזאַ יידישן גלית האָב איך זינט איך לעב ביז דעמאָלט נישט געזען. דערפאַר האָט מען אים גערופן דער הויכער משה. כ'געדענק אויך די אַנדערע איינצלהייטן פון זיין פרצוף: דאָס פנים — אַן אָפּגעברוינטע פאַרמעטהויט באַצויגן איבער מאַסיווע, פאַרהאַרטעוועטע לייב־פאַלדן; אויגן — אַרויסגע־שטאַרצט־קיילעכיקע, בלוי־גרוילעכע, גרויס־גרויסע, וואָס דריקן אויס שטאַרקע תמימות מיט מילדקייט און אַ באַזונדערע ליבלעכקייט; אַן אָנבליק פון אַנטשלאָסנקייט און אומגעוויינלעכער ענערגיע. די באָרד — אויף אַן אַנדער פיגור וואָלט זי אויסגעזען ווי אַ לאַנגע, אָבער אויפן פנים פון אָט

דעם „עוג מלך הבשן" זעט זי אויס ווי ווייניקער פון אַ מיטלמעסיקע. אויך זיינע האָרקרויזן אויפן קאָפּ — זיי זענען נאָך געווען אויפגעשטעלט, די האָרקרויזן! — האָט באַשטויבט אַ ביסל ווייסקייט, וואָס האָט אָפּגעבליאַקעוועט דעם פריִערדיקן געלן קאָליר און געמאַכט פאַר אַן אומבאַשטימטן קאָליר, אַ בין־השמשות פון געל און גרוי. פון דעם ברייטן מויל האָבן זיך אַרויסגעזען ווייניק ציין, אָבער זייער פעסטע. אָט די ציין האָבן געמאָלט גאַנצע הויפנס גרינוואַרג, לאַבנס ברויט, קעז־קאַשעס, און אין די שבתים און ימים־טובים אויך קעפּ פון לעשטשעס און אַן אָקע פלייש. דער הויכער משה איז געווען אַן אַכלער און פלעגט עסן מיט אַן אַפּעטיט גאָר איבער דער מאָס; די גרויסע און אַנגעלייגטע שיסלען פלעגן זיך צוריק קערן אין קיך — אויסגעליידיקטע, גלייך די קאַץ האָט זיי אויסגעלעקט.

און אין קיך האָט געקיניגט זיין פּלוניתטע, אַ כשרע, שטילע ייִדענע, אַ פאַרבאַרגענע צדקנית, אַ גאָלדענע באַלעבאָסטע. אַ שווערע, אַ דיקע, און אין פאַרגלייך מיט איר מאַן — אַ קאַרליטשקע. אויגן מילדע און ליידנדיקע. דאָס פּנים אַן אויסדרוק, ווי אַ ווייסע דעק פון אַ טיש. זי איז זינט זי לעבט נישט שיין געווען. זי האָט דאָרט אין קיך געוועלטיקט געלאַסן, מיט אַ ווייכער און אַ ביסל הייזעריקלעכער שטים. איר גאַנג איז געווען ווי פון אַ גאַנדז. אין דער פרייער צייט פלעגט זי שפּינען ציצית פאַר די אַרבע־כנפותן פון די תלמוד־תורה־ייִנגלעך פונעם נאָענטן שטעטל.

און איך האָב ליב געהאַט דאָס דאָזיקע פאַרפאָלק. זיך צוגעקוקט צו זיי מיט גרויסער ליבשאַפט.

איך האָב געזען — דער מענטש שטייט אויף די פיס פון פינף אין דער פרי ביז ניין אין אָוונט. ניין פלעגט ער זיך לייגן שלאָפן, אָבער דער שלאָף פלעגט צו אים נישט קומען צוליב צוויי סיבות: ראשית, האָבן אים ווי געטאָן זיינע העלפאַנדישע פיס — וואָס גרעסער מען איז, אַלץ שטאַרקער זענען אַ די יסורים; און צווייטנס, האָבן אים די זאָרגן, נישט געקוקט אויף זיין מידקייט, נישט געלאָזן איינשלאָפן. האָט מאַטשעק אָפּגעקאָסיעט דעם פאַריי גראָז, צי נישט? אָפּגעקאָסיעט —: איז אַ צרה! דער פאַריי איז נישט געווען גענוג הויך און וועט נישט געבן קיין שטרוי און מעקענע ווי ס'קער צו זיין; און אויב נישט: האָט נישט אָפּגעקאָסיעט, איז די צרה נאָך אַ גרעסערע, טאָמער וועט גיין אַ רעגן...

אין יעדער לאַנדווירטשאַפטלעכער פראַגע איז פאַראַן דאָס, וואָס מע רופט אַן מיטן נאָמען: „אַ פאַקט, וואָס פרעגט אָפּ דאָס פריִער־געזאָגטע". אויף אַזאַן אופן — איז שלעכט; אויפן פאַרקערטן אופן — איז נאָך ערגער. ס'איז שלעכט אַזוי, און ביטער אַזוי!

חוץ דעם — די צוויי קי זענען נישט אין גאַנצן בקו־הבריאות (ווען זענען עס קי אין גאַנצן בקו־הבריאות ?), און אויפן פערד האָט זיך אויסגעשיט עפּעס אַ קרעצל ; און דאָס וועטער, וואָס אַן אמת, איז גינציק פאַר די זוימען, איז עס אָבער נישט גינציק בנוגע דעם שניידן. און די פּויערים — מאַטשעק און אָטעק — אוי, צרות־צרורות! די עפּל האָבן זיך אויסגעצייטיקט, אָן עין־הרע, זענען פול ; אָבער די פלוימען! קוואַרע, ווי סנה־טרויבן, אַ קערנדל און הויט! „שטראָפן האָט מיך גאָט געטאָן שטראָפן" מיט אָט אַזעלכע פלוימען... מ'האָט געוועזן באַדאַרפט צוזאַמענשאַרן אַ הויפן מיסט אַרום די ביימער — און מ'האָט פאַרגעסן. און דער הויכער משה דרייט זיך איבער אויף זיין געלעגער, מיט די פיל קישנס און קאָלדרעס, פון איין זייט אויף דער צווייטער, און אין דעם מאָמענט ווען ס'הייבט אים אָן נעמען דער שלאָף, קומען אים אַרויף אויפן זינען די קאַרטאָפליעס. ווער ווייס, צי זיי וועלן געראָטן ? קאַרטאָפליעס, קאַרטאָפליעס — און אין מיטן דרינען מיט אַ מאָל — אַ כראָפּעניש! משה איז ראַשיק אַריבער פון דעם וואַכזיין צום שלאָף, און די זאָרג וועגן די קאַרטאָפליעס איז אַריין אין דער וועלט פון די חלומות.

איך בין דעמאָלט געווען יונג און קרעפטיק און בין אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס, ווי אַ פּרינץ. אַ דאַטשניק, אַזוי צו זאָגן! גיי אַרום ליידיק, שפּאַציר, מאַך זיך יום־טוב, און לעבן מיר, ווו כ'האָב זיך אויפגעשטעלט אָט דעם "Sans Souci" * אַ פאָרפאָלק זקנים, אָן אַ רגע מנוחה, וועלכע זיי דאַרפן האָבן און נייטיקן זיך אין איר! כ'האָב דערפילט אַ מין שטאָך פון געוויסנפּיין אין האַרצן.

כ'האָב געפאָרשט און אויסגעפונען : זייער מאַטעריעלער מצב איז געווען אַ גוטער. די זין זענען אַוועק, די טעכטער האָבן חתונה געהאַט ; איין אייניקל איז געווען אין דער נאָענטער שטאָט, און מע דערציילט זיך אָן וועגן אים נסים־ונפלאות ; אין גיכן ווערט ער אַ בר־מצווה, און מ'האָט פאַרגרייט פאַר אים זילבערנע בתים צו די תפילין. פּרנסה איז דאָ בריוח, און אַ ביסל פאַר־מעגן איז אָפּגעלייגט אויף אַן ענגער צייט. אויב זיי קאָנען זיך דערלויבן צו קויפן זילבערנע בתים צו די תפילין איז מסתמא זייער מצב אַ גוטער. זיי יאָגן זיך נאָך גרויס רייכקייט ? ניין! פּשוטע מענטשן, אָבער ס'איז נישט געווען קיין שום שפּור פון קמצנות און לעכצעניש נאָך עשירות. האָבן קיין מאָל נישט געבאָרגט קיין געלט אויף פּראָצענט; האָבן

* דער באַרימטער פּאַלאַץ אין פּאָטסדאַם, אויפגעשטעלט געוואָרן דורך פרידריך דעם גרויסן.

קיין מאָל נישט געפּירט קיין האַנדל־וואַנדל. ווייסן נישט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ באַנק; און די המצאה פון אַ „טשעקביכל" איז נאָך נישט געווען אין לאַנד. די אַלטע האָט געהאַט באַהאַלטן אַ ביסל געלט אין אַ זאָק, און דער אַלטער פלעגט צייטנווייז אויסבאָרגן אַ כשרע הלוואה (ביי מיר גופא איז דאָס געווען!). צו וואָס אַרבעטן זיי עבודת־פּרך?

אין פלוג האָב איך געקלערט, אַז זיי האָבן ליב אַרבעט צוליב אַרבעט. קיין אַנדער באַשייד האָב איך נישט געפונען. צי האָבן זיי געלערנט, אַז ס'איז פאַראַן אַ מצווה: „בזעת אפיך תאכל לחם" — מיט דעם שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט? ווען די קינדער זענען נאָך געווען אין דער היים, האָבן זיי געהאַלטן אַ מלמד אויף קעסט, און ער האָט געלערנט מיט די קינדער חומש, — אפשר האָבן זיי עס דעמאָלט געהערט? און דערפאַר לאָזן זיי רינען דעם שווייס פון פּנים אַז כמעט זיי ווערן דערטרונקען אין אים, ביז דער טויט־שווייס וועט קומען זיי צו באַפרייען?

צי זענען זיי גליקלעך? ניין! צי זענען זיי אומגליקלעך? ניין! צי קלאָגן זיי זיך? ניין! איז וואָס זענען זיי? פאַרהאַרעוועט! בכלל, נישטאָ ביי זיי קיין לעבן, בלויז מי און מאַטערניש, מי און מאַטערניש.

האָב איך זיך גענומען אַריינחקירהן (יעדער ייִד איז אַ שטיקל חקרן; און פרייע צייט האָב איך געהאַט איבערגענוג, נו, האָב איך אַריינגעחקירהט!). אָט די־אָ אַרבעט — זי ברענגט נוצן! אפשר ברענגט זי מער נוצן, ווי אַלע מיינע אַריינטראַכטענישן. אָט זענען קלאָרע פאַרהעלטענישן צווישן בורא־יתברך און דעם מענטשן. אָט איז אַרבעט, פּשוט־פּראָסטע אַרבעט, וואָס ברענגט פּרוכטן ממש: עפּל, פלוימען וכדומה. דאָס זענען נישט די שטאָטישע געשעפטן, וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון דער ערד, פולע מיט הינטער־גענגלעך, דריידלעך און מאַניפּאַרגעס, אַזוי אַז קיינער ווייס שוין נישט, צוליב וואָס זיי ווערן געמאַכט, און צי מע ברייטיקט זיך אין זיי.

דאָס אַלץ — האָב איך זיך געטראַכט — איז פיין. אָבער די זאָרגן! צוואַנציק פעלדער זענען גוט אויפגעצאַנגען, און דאָס איינאונצוואַנציקסטע האָט געליטן, און דער הויכער משה קערט זיך איבער אויף זיין געלעגער פון זייט אויף זייט אין שלאָף־פאַרוואָגלטקייט, ליידט און זאָרגט פאַרן מאָרגן.

ער אַרבעט. זיין ווייב אַרבעט. מאַטשעק און אָטעק אַרבעטן. וואָס פאַר אַן אונטערשייד צווישן זיי? גאָרנישט!

זייט מוחל! ס'איז אַ גרויסער, גרויסער אונטערשייד! ווען די שעפסן און רינדער ווערן פאַרמאַטערט פון דער אַרבעט און עסן אָפּ דערנאָך צו דער זעט, דעמאָלט רוען זיי במנוחה, אָטעמען אָפּ מיט די גאַנצע לונגען און באַלעקן זיך מיט די צינגער. אָבער ווען דער הויכער משה ווערט פאַרמאַטערט

און עסט אָפּ צו דער זעט, ליגט ער און זאָרגט וועגן דעם איינאונצוואַנציקסטן פּעלד. וועפּט זיך אויס אָט די זאָרג — קומט תיכף אַ צווייטע, און אַזוי אָן אַ סוף.

די פּאָעטן זאָגן: דאָס דאָרף איז אַ גן־עדן. ס'אַ גוזמא! אָבער דאָס איז אַ וועלט פאַר זיך: אַ וועלט, אין וועלכער דער אָקס שלעפּט דעם יאָך, קריגט שמוץ און שטורכעס, און די גאַנדז איז פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג און ווערט געשטאָפּט און גרייט צו פון אונדזערט וועגן געגדזענע לעבערלעך, אין דער בחינה פון אַ קינסטלער, וואָס שאַפט פון זיך גופא פאַר די קומענדיקע דורות; און דער הויכער משה גייט פון איין בהמה צו דער צווייטער, גלעט זיי מיט ליבשאַפט איבער די רוקנס, שטופּט אין מויל פון א באַליבט שעפּסל אַ בינטל פּייכט גראָז, און אויפן צווייטן טאָג דערלאַנגט ער עס יענעם שוחט מיט דער געלער באָרד, וועלכער פלעגט פון צייט צו צייט קומען פון דעם נאָענטן שטעטל. אַלץ איז אַזוי פּשוט, אַפילו די עוולות אין דער נאַטור. ניין! דאָס איז נישט קיין גן־עדן, נאָר אַ וועלט אַ נאַרמאַלע, אַ גלייכע און נישט פאַרפּלאָנטערטע.

אָבער דאָס אַלץ האָט מיך נישט באַרויִקט. מען אַרבעט צוליב אַרבעט — פּשוטע פאַרהעלטעניש — אַ וועלט אַ נאַרמאַלע, — איך גיי און חזר זיך איין דעם־אַ „שיעור"; און מיר איז אַלץ נאָך קשה — נישט אומזיסט האָב איך געלערנט אַ סך גמרא! — צוליב וואָס האָרעוועט דער הויכער משה? צוליב וואָס זאָרגט און ליידט דער דאָזיקער ריז?

אָט די דאָזיקע רעטעניש — נישט איך האָב עס באַשיידט. דער באַשייד איז מיר באַוווסט געוואָרן פון דעם שוחט מיט דער געלער באָרד.

[ב]

ס'איז געקומען דער שוחט, און כ'האָב פאַרפירט מיט אים אַ שמועס.

אַ קליינוווקסיקער ייִד מיט אייליקע באַוועגונגען, אַ האַלדזקנאָפּ שטאַרצט אַרויס און הוידעט זיך אונטער דער גאָמבע, ער צעפּירט די עקן פון זיין געלער און לאַנגער באָרד, איינעם אויף רעכטס, און איינעם אויף לינקס („ס'קאָן זיין אַזוי, און ס'קאָן זיין אַזוי"), — ער איז צו מיר צוגעשטאַנען, אָן פאַררייִדעס, האָט פאַרקלעמט צווישן זיינע צוויי פינגער אַ קנאָפּ פון מיין מאַנטל און אַ זאָג געטאָן: „איך האָב צו אייך אַ קליינע בקשה, יונגער־מאַן!".

פון יעדן איינעם וואָרט האָט אַרויסגעשטעקט דער שטאָלץ פון זיין לאַנגער און חשובער באָרד קעגן מיין מאָגערן בערדלשפּראָץ.

„וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך? צי די זאַך איז נוגע שחיטה?" — האָב איך געשטאַמלט מיט אַ ברויזן פאַרוווּנדערונג.

ער האָט געשוויגן אַ רגע, אין פאַרטראַכטעניש, ווי ער וואָלט שאַרפן דעם חלף, און דערנאָך אַ זאָג געטאָן, מיט אַ ניגון־קרייזעלע, ווי ער וואָלט נאָך לערנען דעם ערשטן פרק פון מסכתא חולין:

„נישט וועגן שחיטה שמועסן מיר, וועגן אַן אישה שמועסן מיר. מיין פלוניתטע איז, לא־עליכם, שלאַף, אַ מיחוש אין די נירן, שטיינער, זי דאַרף פאָרן קיין קאַרלסבאַד. איך בין, אַן עין־הרע, אַ מטופל. די פרנסה איז בדוחק. אָבער — פיקוח־נפש. זי מוז פאָרן. מיר זענען געבליבן בעירום ובחוסר כל. „כלו כל הקיצין". די דאָקטוירים דערגייען די יאָרן! נישטאָ קיין הילף, נאָר קאַרלסבאַד"... — האָט ער אויסגעלאָזט מיט אַ טאָן אין גאַנצן אַן אַנדערן פון דער זיכערער באַטאָנונג, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן. און מיין קנאָפּ, געוויגט זיך די גאַנצע צייט צווישן זיינע פינגער, האָט אַריבערגעפירט אין מיין לייב ווי אַ פיבערדיקן נערוון־ציטער. ס'איז קענטיק געווען, אַז צוליבן דערציילן וועגן די יסורים האָט זיך געענדערט זיין געמיט־צושטאַנד.

איך האָב אָפּגעפילט זיין צער, און אין מיין מוח האָט אַ בליצל געטאָן אַ חשבון, וויפל ער דאַרף האָבן, און וויפל האָב איך ביי זיך מזומנים. אָבער איידער כ'האָב פאַרענדיקט מאַכן דעם חשבון, האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טיפער שטים:

„איך ווייס, אַז איר זענט אַ גאַנצער „כל־ולך" ביי דעם הויכן משה, — און גלייך האָט ער דערקענט אין מיינע געזיכטשטריכן, אַז איך פּראָטעסטיר אַ ביסל קעגן דער דאָזיקער באַשטימונג, און אַ ביסל געהעכערט זיין שטים — „יאָ, איך ווייס! ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט. ער האַלט פון אייך אַן עולם־ומלואו. איר וועט ביי אים אַלץ פועלן. אַ וועלכע עטלעכע הונדערט גילדן אויף וועג־הוצאות און די היילונג דאָרטן. נישט קיין מתנה, חס־וחלילה — אַ הלוואה!"

איך האָב אים געענטפערט מיטפילנדיק: „איך באַדויער אייער טעות. איך קען דעם אַלטן אַרענדירער, ווייל איך דינג ביי אים אַ וווינונג. ס'מאַכט זיך, מיר שפּאַצירן אַ מאָל אַ ביסל. אָדער ווען ער זיצט אויף דער וועראַנדע, לעבן דער שטוב, ווען די קי קערן זיך אום פון דער פּאַשע, זעץ איך זיך צו צו אים צו פּלוידערן אַ ביסל. איך האָב קיין מאָל נישט געבעטן ביי אים קיין צדקה. הלוואות? יאָ, איך ווייס, אַז ער באַרגט אויס אַ מאָל אַ כשרע הלוואה. גייט און זאָגט עס אים! איך מיין, אַז ער איז אַ גוטער מענטש, וועט ער אייך אפשר נישט מדחה זיין. ער קען דאָך אייך שוין פון לאַנג — און איך, ביי מיר איז עס אַ צופעליקע באַקאַנטשאַפט. איך בין נישט קלאָר אין זיינע געשעפטן, כ'זע נאָר, אַז ער איז תמיד פאַרטאָן אין זיין אַרבעט. אַ זקן, קרעכצט־אָפּ פון צייט צו צייט פון האַרץ אַרויס, און אַרבעט ווייטער. אַרבעט,

ווי אַ ביק. כ׳מיין, ער איז נישט קיין אָרעמאַן, און פון דעסטוועגן אַרבעט ער אַזוי. גלייבט מיר, איך קאָן זיך נישט איינשטעלן פאַר אייך ביי אַ מענטשן, וועלכן איך קען נישט אַזוי ווי ס׳קער צו זיין. צי איז ער בכלל אַ בעל־צדקה ?״

„אַ ב־ע־ל צ־ד־ק־ה ? — האָט מיר דער שוחט איבערגעחזרט און אַריינגענומען אין דער האַנט זיין לינקן ברעג באָרד און זיין סאַמעטן חסידישפויליש היטל האָט זיך אים פאַררוקט אויף הינטן, — צי ווייסט איר נישט, אַז די גאַנצע וועלט לעבט פון דעם הויכן משהן ? דאָס גאַנצע שטעטל אונדזערס — משה, אַלע שטעטלעך אַרום — משה. די „חברה־קדישא״, די חברה „ביקור־חולים״, „הכנסת־אורחים״, „תלמוד־תורה״, „הכנסת־כלה״, „רב מאיר בעל־הנס־פושקע״, „חברה ש״ס״, „חברה עין־יעקב״, „חברה תהילים״, די שול, דער בית־מדרש און די ישיבה און אַזוי ווייטער, — אַלץ ציט יניקה פון משהס שפע — און איר, גלייך איר וואָלט נישט געוווּסט דערפון ?״

איך האָב באמת נישט געוווּסט. האָב פון צייט צו צייט געזען אַריינקומען און אַרויסגיין פאַרשיידענע ייִדן. האָב איך זיך געטראַכט: תבואה־סוחרים, אָדער מעקלערס פון תבואה־סוחרים, אָדער... גלאָט אַ ייִד וואָס בעט אַ נדבה. אָבער „אַ צענטער״, דאָס איז מיר נישט איינגעפאַלן. מיינע אַכטונגס־געפילן דעם הויכן משהן האָבן זיך מיט אַ מאָל אַ הייב געטאָן זייער הויך. וויפל איך האָב אַלץ נישט געשמועסט מיט אָט דעם זקן, און ער האָט מיר אַפילו קיין איינציק מאָל נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז נישט נאָר אַ צדקה־עסקן, נאָר, ווי מע זאָגט עס היינט, אַ מין אינסטיטוציע.

„אויב אַזוי, וועט ער דאָך אייך זיכער נישט אָפּזאָגן !״ — האָב איך שטיל אַ זאָג געטאָן, ווי וועלנדיק אים מנצח זיין מיט זיין אייגן געוועהר.

„ער ׳עט זיכער אָפּזאָגן״ — ענטפערט יענער, אַ פיר טוענדיק די האַנט איבער זיין לינקן ברעג באָרד — „טייל מאָל שפּאַרט ער זיך איין און זאָגט, אַז ער האָט נישט !״.

„און אפשר האָט ער טאַקע נישט ?״ — האָב איך אַ פרעג געטאָן בתמימות, וואָס מיין בעל־דבר האָט אָנגענומען פאַר כיטרעקייט. מחמת כעס איז דער שוחט צעטומלט געוואָרן, און פון זיין מויל זענען אַרויס אָפּגעהאַקטע ווערטער — „ער האָט נישט ! דער הויכער משה האָט נישט קיין וועלכע עטלעכע הונדערט גילדן ! סאַראַ חכמות ! אַ שפּילכל : דער הויכער משה ! אַלע חברות, אַלע צדקות, די גאַנצע וועלט ! שיקט זיך עפּעס צו זאָגן : ער האָט נישט אַזאַ סכום ? איר חוזקט פון מיר ! אויב אַזוי, ווילט איר מיר נישט העלפן ! זאָגט, אַז איר ווילט מיר נישט העלפן !״ — און האָט דורך די ציין אַרויסגעוואָרטשעט נאָך אָפּגעכאַפּטע ווערטער, האלב פאַרשלונגענע, וואָס

כ׳האָב נישט געקאָנט דערהערן, ווייל זיי זענען פאַרזונקען צווישן קרעכצן און הוסטן, ווי זיי וואָלטן דערשטיקט געוואָרן...

און דווקא אָט די־אָ האָבן געווירקט אויף מיר. כ׳האָב געטאָן אַ שטרעק־אויס די האַנט צום שוחט און אַ זאָג: „כ׳על גיין!״.

אַן שהיות, בין איך אַוועק צום הויכן משהן און אַן הקדמות אים דערציילט וועגן דעם שוחטס ענין.

דאָס באַגעגעניש און שמועס זענען פאָרגעקומען אויף דער וועראַנדע. ער האָט מיך אויסגעהערט מיט אַ צופרידענעם שמייכל, איז אַריינגעגאַנגען אין זיין חדר, צוריק געקומען פון דאָרט מיט דעם פאַרלאַנגטן סכום און מיר אים דערלאַנגט.

כ׳האָב געוואָלט אים באַדאַנקען, אָבער ער האָט מיר איבערגעריסן.

איך האָב אים געזאָגט: „ער וויל דעם דאָזיקן סכום באַקומען נאָר בתורת־הלוואה. ער וויל געבן אַ וועקסל״.

„דעם שוחטס וועקסלען האָבן נישט קיין גרויסע ווערט — האָט ער געענטפערט מיט אַ שמייכל — אָבער אויב דאָס איז צוליב זיין האָנאָר, זאָל זיין״.

דאָס איז געווען מיין ערשטע פאַרמיטלונג. פון היינט אָן און ווייטער האָט אָט דאָס נייע געשעפט מיינס געשטיגן אַלץ העכער און העכער. די צאָל פון מיינע קונדן איז געשטיגן פון וואָך צו וואָך, און דערנאָך פון טאָג צו טאָג. ס׳איז מיר אַרויס אַ שם אויף דער וועלט, אַז איך בין אַ חשוב ביי דעם הויכן משהן. אין אַ וואָך אַרום איז געקומען דער אַלטער חזן, וואָס האָט פאַרלוירן דאָס קול, און די יאָרן האָבן זיך אים אויסגעלאָזט; אין צוויי וואָכן אַרום איז געקומען אַן עגונה, וואָס איר מאַן איז נעלם געוואָרן מעבר־לים; אויף דער דריטער וואָך זענען געקומען פאַר אַ מאָל צוויי משולחים פון ישיבות; אויף דער פערטער — אַ גאַנצע עדה נישרפים. ס׳פעלן נישט קיין צרות ביי ייִדן! ס׳האָבן אָנגעהויבן זיך לאָזן צו מיר מלמדים אָן אַ קנעלונג, שדכנים, וואָס זענען נישט מצליח אויסצופירן שידוכים, בדחנים, וואָס ס׳מאַכט זיך זיי נישט קיין חתונות, יורדים, עלטערן, וואָס זייערע זין דאַרפן שטיין צום פריזיוו, אָדער זייערע טעכטער דאַרפן שוין הערן קלעזמער שפּילן אאַ״וו, אאַ״וו. מיט איין וואָרט, די רו פונעם דאַטשעווען און מיין זומערוווינונג זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ רוישיקן יאַריד. און דער הויכער משה האָט געגעבן און געגעבן — אין אָנהייב גאָר אין הי־פשע סכומען, און דערנאָך ווייניקער, אָבער תמיד מיט אַ צופרידן פנים און מיט דער פרייד פון טאָן אַ מצווה. נאָר ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז פון זיין מויל זענען אים אַראָפּגעפאַלן ווערטער, ווי: „דער מענטש ווייס נישט ווו דעם אַנדערן דער שוך קוועטשט״, אָדער: „אַ פערד האָט פיר פיס, פון דעסטוועגן

ספּאָטיקעט ער זיך אַ מאָל". מיינע נערוון האָבן אָנגעהויבן צערודערט ווערן. צווישן די פיל ניצרכים פלעגן זיך צו מיר אַריינטרעפן אויך חוצפּהדיקע שנאָרערס. אַזאַ מין נפש, ווען כ'האָב נישט געקאָנט שאַפן פאַר אים וויפל ער האָט פאַרלאַנגט, האָט מיר אַ זאָג געטאָן מיט עזות: „אָט דער יִשובניק איז אַ כלב־שבכלבים!". און דעמאָלט פלעגט מיך אוייף איין רגע דער יצר־הרע אויפהעצן, איך זאָל אים אַ פּלעם טאָן אין פּיסק, אָבער כ'פלעג זיך באַהערשן און אים ווייזן די טיר, און ער האָט געפּאַכעט צו מיר מיטן קולאַק און איז אַרויסגעגאַנגען און געשאָלטן. ס'איז מיר אומדערטרעגלעך געוואָרן אָט דער בכבודיקער אָמט. דעמאָלט האָב איך באַנומען דעם מאמר חז"ל: „קיין מענטש ווערט נישט באַשטימט פאַר אַ פּרנס איבערן ציבור, סיידן אַ קויש מיט שרצים הענגט אים אויפן רוקן".

כ'בין געווען געצוווּנגען צו שליסן אָט די קראָם מיינע, וואָס איז געעפנט געוואָרן אומפאַרטראַכט. אָבער דערווייל בין איך געוואויר געוואָרן, וואָס דער הויכער משה שטעלט מיט זיך פאָר, זיין אַרבעט, זיין שלאָפלאָזיקייט און זיינע קרעכצן. ער מיט זיין ווייב האָבן געאַרבעט פאַר דעם גאַנצן עולם אַרום. דאָס איז געווען אויך פאַר מיין קומען אַהין, און איך האָב אפשר בלויז אַ ביסל און צייטווייליק אויסגעברייטערט אָט דאָס געשעפט. ער איז געווען די געשטאַלט און דאָס בילד פון דעם אָפּגאָט, וואָס די גריכן האָבן אים גערופן אַטלאַס, וועלכער טראָגט אויף זיין פּלייצע די ערדקויל. איין מאָל, זייענדיק געצוווּנגען צו לאָזן מיך אַוועקגיין מיט ליידיקן, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „אויב כ'וועל געבן יעדן וואָס שטרעקט נאָר אויס די האַנט, האָב איך מורא, אַז כ'וועל אַליין ווערן אַן אָנזעצער". אָבער דער עולם אַרום האָט אים נישט געגלייבט. „ער איז רייך, ווי קורח", פלעגט מען זאָגן, און שינדן פון אים פאַסן, און אויסנאָגן אים אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן. אַלע צדקות זענען געגאַנגען פון אָט דעם אַרבעטנדיקן ריז: פון יעדער גרודקע ערד, פון יעדן אייעלע אין בעמויזעבץ, פון יעדער בייט און צווישנבייט, פון יעדן וואָרצל און שטענגל האָט געצויגן יניקה אַ וועלכעס נאָענט שטעטל מיט זיין מערעשקעס־בערגל. און דער הויכער משה האָט דערפון קיין צער נישט געהאַט; פאַר־קערט, ער האָט זיך געפרייט, און זיין ווייב האָט זיך געפרייט, נאָר פלעגט זיך שרעקן, אַז ער וועט פאַראָרעמט ווערן, אַז ער וועט מער נישט קאָנען געבן, אַז „ער וועט בלייבן אַ בעל־חוב". אָט דער־אַ פּחד פלעגט מאָמענטנווייז באַפאַלן דעם הויכן משהן; אָבער חוץ דעם — האָט ער געאַרבעט, געאַרבעט נישט בלויז לשם־אַרבעט. האָט געאַרבעט פאַר די שטעטלעך אַרום, איז פאַר זיי געווען דער „המוציא לחם מן הארץ" — וואָס ציט אַרויס ברויט פון בעם באָדן.

און ווירקלעך, ער איז אַרויס נקי פון זיין גאַנץ פאַרמעגן — אָבער אָן חובות, נישט ווייל זיין קאַסע האָט געפּליצט מיט אַ סך געלט, און נישט צוליב די שטעטלעך אַרום: קיין מענטש ווערט נישט פאַראָרעמט צוליב געבן צדקה, נאָר אַנדערע פלאָגן זענען אונטערגעקומען.

[ג]

כ׳בין שוין מער נישט אַרויסגעפאָרן אויף זומערוווינונג אין יענעם דאָרף. דאָס דאָזיקע אָרט איז פאַר מיר געוואָרן אַ רוישיקער פלאַץ, וואָס צערודערט צו פיל די נערוון. ס׳זענען אַריבער עטלעכע יאָר. איך פלעג איין־צוויי מאָל אַ יאָר באַזוכן דעם ריז, מיין אידעאַל, וועלכער איז אַ ביסל גרוי־ווייסער געוואָרן, אָבער זיין עיקר אויסזען האָט זיך אים נישט געענדערט. ער גייט פון פעלד צו פעלד, פון שייער צו די קי־שטאַלן און די פערדשטאַלן, גיט אַכטונג פון דער וועראַנדע, און די אַלטע איז מערסטן טייל אין קיך, אין דער „גאַספּאָדע״ — אַלץ ווי נעכטן־אייערנעכטן. און ס׳קומען אורחים מיט זייערע שטעקנס און קלימעקעס, און אַ מאָל די גבאים, די רבנים און דיינים, די חברה־קדישא, פאַרנעמע לייט און שיינע יידן און באַקומען — דער אַ מנה־יפה, און דער — א קאַרגלערעכע און ס׳טרעפט אויך, אַז עמעץ גייט אַרויס מיט ליידיקע הענט, — לויטן באַשטאַנד פונעם גוט און דער קאַסע. דער־אָ גוט און זיין אַרענדאַטאָר זענען נישט באַשאַפן געוואָרן נאָר צו באַדינען די אַרומיקע שטעטלעך. אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ צאָל יאָרן, אין די ניינציקער פון פאַריקן יאָרהונדערט. פּלוצעם...

באמת וואָלט איך קאָנען דאָ פאַרענדיקן די דערציילונג, אָדער יוצא זיין מיט עטלעכע שורות. אין רוסלאַנד, אין די אַכציקער יאָרן און שפּעטער, זענען די יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די דערפער; אין רוסיש־פּוילן זענען נאָך דעמאָלט נישט גילטיק געווען די „מיי־געזעצן״. * אָבער ס׳איז געווען אַ פּעריאָד, און ס׳זענען געווען ערטער, ווו ס׳זענען אַרויס אַזעלכע גזירות, און חוץ דעם האָט זיך די זאַך פאַרפּלאָנטערט מיט עפּעס אַן אַלטער גזירה וועגן יידן וואָס וווינען אויף פּויערישע באָדנס, וואָס בשעתו איז געווען אַ ספּעציעלע באַגרענעצונג אין אַט דער מדינה. בקיצור, ס׳איז דאָרט אַרויס די גזירה. איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ס׳איז פאַראַן אַ סכנה אויך פאַר דעם הויכן משה דעם אַרענדאַטאָר. אַן אַרענדאַטאָר? ער וווינט שוין דאָרט אַ פּופציק יאָר. אויב נישט אויך זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן פלעגן

* זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 3.5.1882 צו באַגרענעצן די מעגלעכקייט פון יידישן באַזעצן זיך אין דערפער. האָבן עקזיסטירט ביזן יאָר 1917.

„אַרענדירן", ווי ער, דעם אָדער אַן אַנדערן גוט. אַט דער סאָרט יִישובניקעס, אָדער אַרענדאַטאָרס איז אַמאָל געווען זייער פֿאַרשפּרייט. די געמיינערע צווישן זיי זענען געווען די אַרענדאַטאָרס פֿון די מילכעקערייען, די שטאַר־קערע פֿלעגן האַלטן גיטער אין „דזשערזשאַווע" — אַרענדע, און ס'זענען צווישן זיי געווען מענטשן, וואָס פֿלעגן אַליין אַרבעטן מער פֿון אַלע פּויערים און זייערע באַטראַקעס און זענען געווען זייער באַהאַוונט אין לאַנדווירט־שאַפֿט, אַזוי אַז די קריסטלעכע שכנים פֿלעגן זיך מיט זיי באַראַטן. דער הויכער משה איז געווען איינער פֿון די לעצטע פֿון דאָזיקן טיפּ. אין אַ כמעט איבערמאָסיקער פֿאָרעם. אין די קליינע שטעטלעך אַרום האָט מען נישט געגלייבט, דאָס זאָל מעגלעך זיין, אַז דער מאַכט זאָל איינפֿאַלן חרוב צו מאַכן דאָס דאָזיקע דאָרף.

ס'איז אַריבער אַ געוויסע צייט, און מ'האָט דעם הויכן משהן נישט גערירט פֿון זיין אָרט. זיין לאַנג ווינען דאָרט, זיינע גוטע באַציִונגען מיט די שכנים און אַזוי ווייטער האָבן אים אויף אַ שטיקל צייט געשיצט. אָבער הינטער די קוליסן האָט דאָס מזל געוועבט, ווי אַ שפּין, זיינע געוועבן... אין אַ געוויסן טאָג איז געקומען די פּאָליציי אים צו פּאַקן, ווי מע פּאַקט אַ דרויסנדיקן שונא, וועלכער באַהאַלט זיך אויס אין לאַנד מלחמה־צייט, און מיט אַט דער גאַנצער געזעץ־שטרענגקייט און מיט אַט דעם געצייל, בהלה, אַכזריות און פֿרייד פֿון ווילדע, ווען זיי קוקן זיך צו צו דעם אומגליק פֿון דעם אָפּעריִרטן־געפּאַקטן.

די ייִדן אַרום איז באַפֿאַלן אַ בהלה; אין אַנהייב איז געוואָרן אַ בליץ־שנעל לויפֿעניש, שתדלנים לויפֿן בחיפּזון פֿון איין נאַטשאַלניק צום צווייטן, רעקאָמענדאַציעס, תחנונים, אַרומפֿאַדעמישן, שטילע כאַבאַרן, צוזאָגן, אויס־באַהאַלטענישן, תחבולות, — דער גאַנצער אַרסענאַל פֿון זעלבפֿאַרטיידי־קונג על־פּי־שכל, אַלערליי סאָרטן קריכערישקייט, חניפֿה־רייד, אונטער־לעקעריי, זיסע ריידעלעך און באַשווערענישן און שושקענישן פֿון די ספּעציאַליסטן. צוליבן דאָזיקן משונהדיקן געראַנגל פֿאַר עקזיסטענץ האָבן זיך וועלטן געקערט — און דער סוף איז געווען צידוק־הדין, שטומער צער און ייִאוש אָן אַ סוף. דער איינציקער וואָס האָט גאָרנישט באַנומען, איז געווען דער הויכער משה אַליין. ס'האָט אים געפֿעלט דאָס באַוווּסטזיין, ווי אַ קינד, ער איז נישט געוואָרן דערשלאָגן, האָט זיך נישט פֿאַרלוירן און נישט אָפּגעטרעטן, און אַלע מכשולים, אויף וועלכע ער האָט אָנגעטראָפֿן, האָבן נישט אָפּגענומען זיינע כוחות. ביז דער לעצטער רגע האָט ער נישט געגלייבט, אַז מע וועט אים אַרויסטרייבן פֿון דאָרף, וואָס זיין לעבן איז געווען מיט דעם געבונדן, און אין וועלכן ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצן כוח

און זיינע געדאַנקען און עס געמאַכט פאַר אַ מוסטער־ווירטשאַפט און אַ קוואַל פון פרנסה פאַר אַלע שטעטלעך אַרום. ווען ער האָט דערפילט, אַז מע האַלט אים פאַרן קאַרק, — האָט ער פלוצעם אַ שטויס־אָפּ געטאָן איינעם פון די סטראַזשניקעס, אַזש יענער האָט זיך אַ קייקל־אַרויס געטאָן פון דעם אינעווייניקסטן חדר אויף דער וועראַנדע, און פון דער וועראַנדע מיט די טרעפּלעך, וואָס גייען אַראָפּ אין גערטל פאַר דער שטוב; און אַ צווייטן סטראַזשניק, וועלכער איז געקומען צו הילף דעם ערשטן, ווי ער וואָלט זיין אַ פאַרפוילטע קאַרטאָפליע. אָט דאָס צופעליקע געשעעניש האָט פאַר־ערגערט די גאַנצע לאַגע. מ׳האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל. דער הויכער משה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרברעכער „פאַרן באַפאַלן סטראַזשניקעס בעת זיי פירן אויס זייער דינסט", אַ צוגאָב צו זיין עיקרדיקן פאַרברעכן: וואָס ער איז אַ ייִד און ס׳קומט אים אַרויסצוטרייבן. אַ געפער־לעכע קאָמפּליקאַציע. ס׳האָבן זיך דאָרט געפונען נאָך סטראַזשניקעס, אַ לעגיאָן געהיימאַגענטן — קעגן אָט דעם אַלטן ייִדן! מ׳האָט אים אַרעסטירט, אָפּגעפירט אין דער נאָענטער שטאָט. מ׳האָט אים געוואָלט אַריינזעצן אין תפיסה. מ׳האָט גענומען אַ סכום געלט קויציע און אים דערלויבט וווינען ביי זיין התונה־געהאַטער טאָכטער אין שטאָט. דער גוט איז כמעט רוי׳נירט געוואָרן, דאָס ביסל פאַרמעגן איז זיך צעקראָכן.

דאָס איז אַלץ, — דאָס איז זיכער זייער טרויעריק; אָבער איך וואָלט אַזעלכע זאַכן נישט געוועזן דערציילן — צוליב אַ פּשוטער סיבה: כ׳וואָלט זיי נישט פאַרגעדענקט. אַזעלכע זאַכן זענען געווען טאָגטעגלעכע געשעע־נישן. דער חורבן פון אַ פאַמיליע, אַ גירוש, דאָס פאַראָרעמט ווערן פון די קהילות אַרום — וואָס פאַר אַ נייס שטעקט אין די אַלע זאַכן? אַפילו אָט דער זעלטענער טיפּ אַ יישובניק, פון אַ באָדן־אַרענדאַטאָר, איז יעדן באַקאַנט, אויב נישט אין אַ גרויסן פאָרמאַט, איז יעדנפאַלס אין אַ מיניאַטור־פאָרמאַט. אויב די דאָזיקע געשטאַלט איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין האַרצן, נישט אָפּגעווישט צו ווערן, איז עס נישט צוליבן פראַגמענט פון יענע טראַגעדיעס, וועלכע פלעגן אונדז ביזן האַלדז גרייכן אין משך פון אַ סך יאָרן. איך וואָלט קאָנען אייך דערציילן פון יענער תקופה שרעקלעכערע זאַכן; כ׳וואָלט קאָנען זיך פאַרמעסטן מיט דאַנטען, אויב נישט מיט דער דיכטונגסקראַפט פון זיין „גיהנום", איז יעדנפאַלס מיט אַ רעאַליסטיש שילדערן נישט קיין אויסגעדמיונטן גיהנום, נאָר אַווירקלעכן, וועלכן מיר זענען דורכגעגאַנגען אין משך פון אַ גאַנצן דור.

די דאָזיקע דערינערונג וואָלט זייער בלאָס זיין, ווען ס׳וואָלט נישט שטעקן אין איר אַ שטריך, וואָס גליט, ווי פייער, און איז רויט, ווי בלוט, אַ לעבעדיקער

און בליצנדיקער פונק פון אַ טיפן און אמתן מענטשלעכן כאַראַקטער, אַ נאַטירלעכער פונק פון דעם מענטשן־אין־דעם־ייִדן.

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם הויכן משהן אין זיין ווינשטאַט, נאָך זיין חורבן, נאָך זיין אָפּקומעניש אין די געריכט־אינסטאַנצן און די אורטיילן פאַר זיין ראַנגלען זיך מיט די סטראַזשניקעס און א״וו, א״וו, ווען זיין ריזיקע פיגור האָט זיך אַלץ מער איינגעבויגן, ווען ער האָט באַקומען דאָס אויסזען פון עפּעס אַ געשפּאָלטענעם דעמב, אָדער אַ צעזעצטן בוים, אָדער אַ הויכן, פון אַ דונער געטראָפענעם פעלדזנקאָפּ, וועלכער קרישלט זיך. כ׳האָב געזען אָט דעם מענטשן, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן אָוועקגעשענקט און געזאָרגט און זיך געפּייניקט אַלע זיינע יאָרן, ווי צו קענען געבן מערער, פאַרוואַנדלט אין אַן אָרעמאַן, אויף קעסט ביי זיין טאָכטער. האָב געזען די ייִדן פון די אָרומיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן פון אים געלעבט און געגאַסן פון זיינע נדבה־אייטערס, זיי און זייערע חברות און זייערע קאַסעס, גייען אים פאַרביי גלייכגילטיק, ווי פאַרביי אַ חורבה, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פּאַלאַץ, און זי גייט זיי גאָרנישט אָן. איך האָב געזען... איך האָב געזען... אָבער אויך דאָס איז אַ פאַרבייגייענדיקער איינדרוק. וואָס אַלץ האָט דען נישט געזען אַ מענטש ווי איך, וועלכער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אין צענטער פון דער באַוועגונג און דעם לעבן? אָבער ס׳איז געווען איין ספּעציפישע זאַך, וואָס קומט מיר ווידער און ווידער אויפן זכרון און ווירקט אויף מיר מיט אַ מעכטיקער קראַפט ביז היינט צו טאָג, און בלויז אין איר זכות דערמאָן איך די אַלע זייטיקע זאַכן: די אַקסעסואַרן.

זיין טאָכטערס דירה איז געווען אַ פּירצימערדיקע, און מען האָט אים דאָרט צוגעטיילט איין צימער בשותפות מיט זיין זייער געליבט אייניקל. אָבער ער האָט נישט געקאָנט זיין אין קיין צימער: ער איז געווען ווי דאָכ־גראָז, וואָס האָט נישט קיין וואָרצלען אין באָדן. דאָס אָרט איז אים ענג געווען, ער האָט געליטן, נישט אויסערעדנדיק קיין וואָרט, ווי אַ וואַלד־חיה געהאַלטן אין אַ שטייג, אין אַ פרעמדער וועלט, נישט זיין וועלט. ער האָט געשפּירט אין זיין געמיט, אַז ער וועט זיך פון דאַנען קיין מאָל נישט באַפרייען, אַז ער וועט זיך קיין מאָל נישט אומקערן אַהיים, אַז ער וועט שוין מער נישט שמעקן דעם ריח פון דער ערד און דעם גראָז, אַז ער וועט מער נישט אַכטונג געבן אויף די שאָף און רינדער. ער איז אַריין און זיך מצמצם געווען אין זיך אַליין, אָפּגעשלאָסן אויף זיבן שלעסער, און אויף זיין פּנים איז בעוווען אויסגעגאָסן אַ מין ברײַענדיק־גלײַענדיקער צער, אַן אומעטיקער, ווי דער לעצטער זונשטראַל, וואָס גרינט־געלט זיך אויף אַ זעגל פון אַ רודערשיף, וואָס ווערט געשליידערט אין ים און זינקט אַראָפּ אין די טיפענישן

מיט אַלע רייזנדער אין איר, צו וועלכער אונדזער געמיט איז צוגעבונדן, און אַ טרויעריקער — ווי דער געצוויטשער פון נאַר־וואָס אויפגעוואַכטע פייגעלעך, פאַרן אויער פון אַ גוססדיקן מענטשן... ס'איז קענטיק געווען, אַז די סטעליע איז איבער אים געבויגן און דריקט אויף זיין קאָפּ, ווי אַ פעלדז, אַז די פיר ווענט דריקן אים ווי עפּעס אַ פּרעס, אַז ער איז פאַרשפּאַרט אין אַ תּפיסה, ליגט אין אַ טיפן גרוב, איז איינגעקלעמט אין אַ צוואַנג, צאַפּלט זיך, ווי אַ פיש אין נעץ און ווערט פאַמעלעכן־פאַמעלעכן דערשטיקט. וואָס הערט זיך דאָרט אויף די פעלדער, וועלכע זענען געבליבן אָן זיין השגחה? די קי זענען געוווען געווויינט מיט אים, די שעפּסן אין די שאָפגעהעפטן, די פערד און די קי אין די שטאַלן, די ליבע ציגעלעך, וואָס פאַשן זיך אויף דער לאָנקע. זיין שעפּסעלע „לאָלאָ" וועט שוין קיין מאָל נישט נעמען פון זיין האַנט קיין ניס־יאָדערן, לעקנדיק מיטן ציינגל. און צי דערנענטערט זיך נישט דער נייער שניט? וואָרטס! אַ האַלבער תּמוז איז שוין אַריבער — נאָך אַ ביסל וועלן צייטיק ווערן די עפּל... און פּלוצעם דערמאָנט ער זיך, ווו ער געפינט זיך איצטער. נישט קיין פעלד און נישט קיין וואַלד, נאָר הייזער און געטומל! ער גאַרט צו זען אַ פּאַס ערד, פּשוטע ערד, אָן אַ פּאַדלאָגע פון שטיינער — זי איז אַזוי ווייך און רויק, ווי דער חלום פון דעם אייבערשטן, זאָל געלויבט זיין. ווען די וואָלקנס שוועבן און רוקן זיך איבער זיין שטערן, איז נישטאָ קיין ערד און נישט קיין הימל! אין דעם צימער, דאָרט אויפן פערטן שטאָק, איז נישטאָ אַפילו קיין פּאַסיקל הימל; דאָ, אין גאַס, קאָן ער צום ווינציקסטן זען אַ פּאַסיקל הימל, אָבער וואָס פאַר אַ הימל איז עס? דאָרט, ווען מע גייט דורך אַ תּבואה־פעלד, און די ווילקעס גלאַנצן, און די סערפּן און קאָסעס בליאַסקען, און די גאַרבן זענען געלאָדעוועט אויף די וועגענער, און מע פאָרט מיט זיי אין די שייערן, — דאָרט איז דאָ אַ הימל! ער איז געשלאָגן געוואָרן מיט עפּעס אַ מרה־שחורה, וועלכע האָט אים אַרויסגעענדיקט. פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַ וואַסער. די אַרבעט איז אים נימאס געוואָרן, דער שפּאַציר האָט אים פאַרמאַטערט, די איינזאַמקייט האָט אים דערפירט צו מידקייט, די געזעלשאַפט פון מענטשן האָט צערייצט זיינע נערוון; די רחבותדיקע נאַטור, וואָס איז אַמאָל פול געווען מיט בילדער, ליכטער, קלאַנגען, טרייסטן, שפּיגלען, האָריזאָנטן — איז איצט געווען לער אין זיינע אויגן. ער האָט געזען אַלע זיינע לעבנס־האָפענונגען אין אַ קבר באַגראָבן.

די ערשטע צייט איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ געמיט־צושטאַנד פון חלומות; האָט כּסדר געטראַכט, אַז נאָך אַ ביסל וועט ער דערוואַכן פון שלאָף און דערזען, אַז אַלץ וואָס איז געשען אַרום אים, איז נישט געשען אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין עולם־הדמיון. אַ חלום — אָבער ווי שרעקלעך

און העסלעך איז דער־אַ חלום פון דעם מענטשנס לעבן! און אין זיין גייס־טיקער צעטומלעניש, אין אַנגעזיכט פון דעם אומפאַרשטענדלעכן, האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט שוין אויסגעטרונקען דעם אָפּזאַץ פון דעם סם־בעכער. אָבער ווער קען דעם דנאָ פון דעם אָפּזאַץ און זיין ענד! אַ סך אומדערוואַר־טעטע סם־טראָפּנס אַנטהאַלט דער לעבנסבעכער. דער טויט פון זיין יוגנטווייב האָט אָנגעפילט זיין געמיט מיט שוואַרצער פינצטערקייט פון אַבלות. עפּעס אַ שווערער וואָל איז אים אַראָפּ איבער די אויגן. ער האָט זיך דערפילט צעשמעטערט ביז דער טיף פון זיין וועזן. אין זיין געמיט האָט זיך אַנט־ברויזט אַ ברייטער דורכברוך, אַ תהומיקער שפּאַלט, און פון יענער זייט פון אָט דעם שפּאַלט, אַ סך ווייטער, האָט זיך געשפּרייט דאָס לאַנד פון רו און גליק, דאָס לאַנד, צו וועלכן ער וועט קיין מאָל נישט דערגרייכן. זיין טאָכטער האָט מיר דערציילט, אַז צייטנווייז פאַרשאַרט ער די אַרבל פונעם העמד און פאַרקאַטשעט זיי ביז העכער דעם עלנבויגן, ווי אַ מענטש וואָס נעמט זיך פאַר דער אַרבעט, און דערנאָך טוען זיך אים די הענט אַ לאָז און פאַל אַראָפּ, ווי ער וואָלט פאַרחלשט געוואָרן. און אַ מאָל — אַזוי האָט אָט די אומגליקלעכע ווייטער דערציילט, אויסברעכנדיק אַ געוויין, — הייבט ער זיך אויף פון געלעגער ביי נאַכט, גייט אַראָפּ מיט די צעווייטיקטע פיס, מיט שווערע טריט אויף די שטיגן, גייט אַרום אין דרויסן און פאַרקוקט זיך אין דער הייך אויף די שטערן. און ס׳טרעפט, אַז ער גייט אַרויס ביי טאָג און שטעלט זיך פאַרן טויער פון הויז, די הענט פאַרשטעקט אין די קעשענעס און קוקט ווייט־ווייט אַריבער די דעכער פון די הייזער, אַהין אין יענער זייט, וווּ ס׳איז געווען דאָס דאָרף פון זיין גוט; און די שכנים פלעגן זעען זיין הויכע פיגור, אַ געבויגענע, אַ צעוויגטע, הייבט זיך אַרויס דערשלאָגן לעבן דעם טויער, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע מצבה, אַ טרויעריקע, אַן עלנטע, צום אָנדענקן פון עפּעס אַ מענטשן, וואָס איז שוין פאַרווישט געוואָרן פון דער וועלט, און ס׳איז פון אים פאַרבליבן בלויז אָט די אויסטערלישע אָפּ־בילדונג. און די נאַכטוועכטער פלעגן זעען אין יענע גאַסן, וועלכע ווערן אין די שפּעטע שעהען, ווען די לעצטע קראָם ווערט געשלאָסן, ברייטע, ווי גלאַנצנדיקע שוואַרצע ימען, אָט דעם משונהדיקן ייִדן, וואָס האָט פאַרגעסן דעם שלאָף און פלעגט, אַן אַ מאַנטל, מיט אַ גאַנג פון אַ לונאַטיקער, אַרויסגיין, פונעם טויער און אַרומוואַנדערן איבער די גאַסן, וואַנדערן און וואַנדערן, אין אָט דער שפּעטער צייט, אין אָט די ברייטע גאַסן, אַ פאַרוואָלקנטער, אַ זוכנדיקער, אוז איבער זיינע אויגן דער טויטשאָטן.

אַזוי האָט „געלעבט״ דער דאָזיקער מענטש, ס׳הייסט, אַזוי האָט ער געגוססט, זיך געפּייניקט, איז אויסגעגאַנגען עטלעכע יאָר, נאָר אין אייגער

אַ נאַכט, נאָך אַזאַ שפּאַציר האָט ער זיך אומגעקערט און איז געפֿאַלן אויף זיין געלעגער — אַ ציטערנדיקער, אַ פֿיבערנדיקער, מיט אַ פֿאַרטונקלט באַוווסטזיין. אַ בהלה — אַ געשריי — אַ דאָקטער! איז געקומען דער דאָקטער, האָט אים אונטערזוכט און איינגעפֿונען אַ לונגען־אָנטצינדונג! דאָס אייניקל איז אַ צעטומלטער געקומען מיך רופֿן. כ׳בין שנעל געגאַנגען מיט אים, מבקר־חולה צו זיין דעם קראַנקן זיידן. בין אַריינגעקומען אין צימער, און פֿאַר מיינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ סצענע פֿון טרויער און יִיאוש. דער זקן איז געלעגן אויף זיין בעט, מיט אַן אָפּגעצערט פּנים, ווייס ווי קאַלך, און זיין בליק ווי גלאָז. פֿון זיין גוף האָט געאָטעמט אַ שרעקנדיקע שטילקייט, אין וועלכער ס׳האָבן העכער געקלאַפּט די הערצער אַרום. אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן געשווידערט פֿאַר דער דאָזיקער שוואַרצער שטילקייט. זי האָט ווי אַריינגעדרונגען אויך אין דעם מעבל און די זאַכן אין צימער און זיי פֿאַראַליזירט. אויף אַלע ליפּן האָט געשוועבט די בלאַסקייט פֿון טויטשרעק. ס׳איז דאָרט געווען איינער פֿון דער חברה־קדישא, וועלכער האָט געוווינט אין שכנות, און ער האָט שטיל און מיט אַ צוגעשטיקטער שטים געמורמלט עפּעס אַ קאַפּיטל תהילים. די טאָכטער איז זיך פֿאַרגאַנגען אין טרערן און האָט געציטערט אין גאַנצן. דער זקן האָט זיך נישט באַוועגט; זיין אָטעם איז געווען אַ שווערער און קרעכצנדיקער... דער דאָקטער האָט זיך גערוקט אַהינטער פֿון קראַנקנס געלעגער... פֿון זקנס פּנים איז אַראָפּ די פֿאַרשטיינערטע שטילקייט, די ווײַס האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן, די מאָגערע הענט האָבן געמאַכט עפּעס אַ באַוועגונג, אין די אויגן האָט געטאָן אַ פֿלייץ אַריין אַ שיין, און ווי אַ פֿאַרוווּנדערטער האָט ער זיך אַרומגעקוקט. דעמאָלט האָט דער חברה־קדישא־מאַן אַרונטערגעשטעלט זיין האַנט אונטער דעם קראַנקנס קאָפּ, שעפּטשענדיק מיט די ליפּן די פּסוקים תהילים, אים אַ ביסל אונטערצוהייבן. ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט אַ ווייכער שטים:

„ווי פֿילט איר זיך, רב משה?"

דער קראַנקער האָט געקוקט אויף אים מיט פֿאַרשנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט שווער פֿאַרשטאַנען, דערנאָך האָט ער געענטפֿערט פֿאַרמאַטערט, און אין זיין שטים האָט שוין געציטערט אַ קלאַנג נישט פֿון דער וועלט:

„איך פֿיל זיך גוט, — נאָר פֿאַר וואָס ווײַנט איר אַרום מיר, מיינע ליבע קינדער?"

און דעמאָלט האָט זיין קאָפּ אַ פֿאַל געטאָן אויף צוריק, ווי די אָנשטרענגונג פֿון דעם געדאַנק וואָלט אים אָפּגעשוואַכט. ס׳האָבן זיך נאָך אַ מאָל פֿאַרשלאָסן זיינע ווײַעס, די באַקנביינער האָבן נאָך מער אַרויסגעשטאַרצט און זייערע אויסהוילונגען זענען טיפֿער געוואָרן. ער האָט אַ פּישטש געטאָן:

„לאָמיר גיין אין פעלד אַריין... וויינט נישט, ליבע קינדער...", און זיין האַנט האָט אַ טאַפּ געטאָן און געזוכט די האַנט פון זיין טאָכטער.

די לעצטע שיין פון דער שקיעה האָט אַריינגעשימערט אין צימער, און דער זקן האָט איינגעדרימלט. אויף די פליגל פונעם דעמערנדיקן אָוונט איז די דאָזיקע נשמה אַוועקגעפלויגן אין די לויטערע הימלען.

איך בין געגאַנגען אין דעם קהילה־הויז בעטן אַ לייטישן קבר פאַר אָט דעם מת. אַ סך מאָל בין איך געווען דער מליץ פאַר אים פאַר אַנדערע ייִדן; דאָס מאָל — דאָס לעצטע מאָל — בין איך געווען דער מליץ פון זיינעט וועגן פאַר אַנדערע ייִדן. מיר האָבן איינגעאָרדנט אַ באַשיידענע לוויה, אָן אָרעמע, מיט דער קליינער משפחה. פון די שטעטלעך איז קיינער נישט געקומען; אפשר האָבן זיי אַפילו נישט געוווּסט וועגן זיין טויט. דער באַכט־שפּאַצירער איז פאַרשוווּנדן פון די ברייטע גאַסן. אָט דער מענטש איז אומגעקערט געוואָרן צו דער ערד.

פון דעמאָלט אָן, יעדעס מאָל, ווען איך הער די וויכוחים, צי דער ייִד איז מסוגל זיך צוצובינדן צו דער נאַטור און פילן אַ בענקשאַפט צו דער ערד, אָדער די געוויינלעכע דיסקוסיע, צי אַ ייִד איז פעיִק זיך צו פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, אָדער ווען איך הער די בשורות און נחמות, אַז אָט האָט מען ערשט געמאַכט אַ פּרווו אַריבערצופירן אַ צאָל ייִדן פון די שטעט אין די דערפער, און זיי קאָנען פירן די ווירטשאַפט פון אַ גוט — שטייט אויף פאַר מיר, ווי פון יענער וועלט, די ריזיקע געשטאַלט פון דעם הויכן משה, זיין לעבן און זיין סוף. דער ייִד איז מסוגל ליב צו האָבן די ערד — קיינער פון דעם הויכן משהס גויִישע שכנים האָט נישט אַזוי ליב געהאַט די ערד, ווי ער. צי האָט ער געאַרבעט אַליין, אָדער דורך אַרבעטער? מיר הייבט פירן אַריין פּאָליטיק אין דעם שטח. פאַר יענער צייט זענען נאָך די זאַכן געווען פשוט. ס׳זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט, און מענטשן, וואָס האָבן נישט געאַרבעט, און ס׳זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געאַרבעט סיי אַליין, און סיי דורך אַנדערע. אַזוי איז עס געווען סיי אין לאַנדווירטשאַפט, סיי אין האַנטווערק, סיי אין מסחר, ס׳זענען געווען פּוילישאַקעס, שוויל־טאָגערס, וואָס פוצן זיך אין פרעמדע פעדערן, לעבן זיך אָן פון דעם חורבן פון זייערע פריינד און זייערע העלפער, און ס׳זענען געווען אַנדערע — פלינקע און פלייסיקע צו טאָן אַלץ אַליין, און אויך אונטערצוטרייבן אַנדערע צו אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען. אַלע לאַנען, די שייערן, די טשערעדעס שעפסן און רינדער, די פערד, די אַרבעטס־מכשירים זענען געווען אונטער דער השגחה און דעם באַפעל פון דעם אַרענדאַטאָר: ער האָט אַכטונג געגעבן, געהאַט אַן אויג, געפירט, געדענקט יעדעס קלייניקייט, געזאָרגט פאַר אַלץ;

ער איז געווען סיי דער לייטער, סיי דער אויפזעער, סיי דער ספּעציאַליסט, אַן אים וואָלט זיך אָט דאָס גאַנצע געזעמל פּויערים־אַרבעטער צעפּאַלן אויף שטיקער; זיין גייסט האָט זיי צוזאַמענגעהאַלטן, און דער צוזאַמענהאַלט האָט אַריינגעבראַכט יעדן זיין ברויט, אַ גרויסע הכנסה דעם גוטבאַזיצער, און אים אַליין — ברויט צו דער זעט פאַר זיך און צדקה און נדבות פאַר די נאָענטע שטעטלעך.

וואָס ווייסן מיר וועגן אַ גרויסן טייל פון די פּוילישע יידן אַמאָל: די יישובניקעס? אונדזער געשיכטע שוייגט. אויף די שילדערונגען ביי די שרייבער נישט־יידן איז נישטאָ וואָס זיך צו פאַרלאָזן, ווייל דאָס זענען שילדערונגען פון עקל, חוכא־וטלולא. מיר קאָנען זיי זיך אויסמשלען בלויז לויט דערציילונגען פון זקנים און אינטויציע. פאַר מיר איז קיין ספק נישט, אַז אין פאַרשיידענע תקופות זענען געווען מאָסן יידן אין די דערפער — טייל באַלמעלאָכעס, טייל הענדלער און מעקלערס, טייל מילכעקעריי־אַרענ־דאַרן און שענקערס, און טייל אויך גיטער־אַרענדאַטאָרן, און צווישן זיי פּויערים פון פּויערים־לאַנד, וועלכע האָבן געפּרווט איין דור, צוויי־דריי דורות באַאַרבעטן פּרוכטיקע ערד, און זענען יעדעס מאָל אַראָפּגעטריבן געוואָרן פון זייער היימערד דורך דער אָדער אַ צווייטער גזירה, וועלכע קומען ווידער און ווידער, ווי אַן אומפאַרמיידלעך געזעץ, פון וועלכן ס'איז נישט מעגלעך אַנטרונען צו ווערן.

און איך האָב אַ ביסל געפאַרשט דעם ווירטשאַפט־שטייגער פון דעם אַרענדאַטאָר, מיט וועלכן איך פאַרנעם זיך דאָ. דאָס איז נישט געווען קיין ווירטשאַפט, מיט די אַלע וויסנשאַפטלעכע המצאות און חידושים, וואָס מיינסטן טייל ברענגען זיי אויס און ברענגען נישט אַריין; אָבער דאָס איז אויך נישט געווען קיין זייער אַלטע ווירטשאַפט, קיין פאַרצייטישע, קיין אָפּגעלאָזענע. דאָס איז געווען אַ ווירטשאַפט מיט אַ פּינקטלעכן תבואה־אומזאַץ. אַלע פעלדער זענען געווען פאַרזייט; אַ גרויסער סאָד פון פּרוכט־ביימער; אַ וועלדל פון סאָסנעס און בערעזעס — אַלץ אין אַ גוטן און פיינעם צושטאַנד. די פּויערים האָבן נישט געליטן קיין שום מאַנגל: ס'האָבן זיך נישט געמערקט צווישן זיי קיין הונגעריקע, אָדער אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע. דער אַרענדאַטאָר האָט נישט דערלויבט צו עפּעס אַ קראָם פון געטראַנקען אין דעם גוט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרווערן די פּויערים, וואָס האָבן ליב דעם ביטערן טראָפּן, צו גיין, אָדער פאָרן צום שענק אין נאָענט דאָרף, אָבער אין דעם גוט האָט ער נישט דערלויבט. און דערפאַר איז אויך דאָס שיכורן געווען זייער באַגרענעצט. נאָענט פון דאָרף איז געווען אַ קאַטוילישער קאָשטשאָל, און די פּויערים מיט זייערע ווייבער און קינדער

פלעגן גיין אַהין אום זונטיק — אָן קיין שום אַריינמישונג מצד דעם אָרענ־דאַטאָר. איך האָב געהערט, אַז טייל ייִדישע אָרענדאַטאָרן אין אַנדערע מקומות פלעגן אונטערגעבן חשק די פּויערים צו גיין אין קאָשטשאָל; ער האָט נישט — נישט צוגעגעבן חשק און נישט פאַרקערט; ער האָט געהאַט דעם ריכטיקן טאַקט נישט אַריינצומישן זיך אין דאָזיקן ענין. ס׳איז דאָרט געווען אַן אַלטער גלח, וועלכער האָט אים זייער געשעצט און פלעגט קומען צו אים אויף אַ קורצן שמועס. ער האָט קיין מאָל נישט פאַרלאַנגט קיין טובת־הנאה פונעם גלח, נייערט פאַרקערט — און פון דעסטוועגן פלעגט דער הויכער משה דערפילן דעם גלחס בקשה. געליטן האָבן זיי נאָר פון דער רשעותדיקער מאַכט, אָבער חוץ דעם איז דער מאַטעריעלער מצב, דער געזעלשאַפטלעכער, דער מאָראַלישער, געווען — נישט קיין אידעאַלער, אָבער אַ בעסערער ווי ער איז היינט.

איך בין פאַרבייגעפאָרן דאָס דאָרף עטלעכע יאָר נאָכן גירוש. אָפּגעלאָזנ־קייט און אָרעמקייט — אויף טריט און שריט. דאָס הויז, אין וועלכן דער הויכער משה האָט געוווינט אַ פערציק יאָר, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנאָפּאָל־שענק. כל־זמן דער האַנדל מיט געטראַנקען איז געווען אין ייִדישע הענט, האָבן נישט אויפגעהערט די באַשולדיקונגען און געוואַלדן, אַז די ייִדן שיכורן אָן דעם עולם; ווען ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די גויִישע הענט, האָט זיך דאָס שיכורן פאַרגרעסערט אָן אַ שיעור, און קיינער טוט קיין פּיפּס נישט. ס׳זענען אַריבער עטלעכע יאָר, און דאָס גאַנצע דאָרף איז געשטעלט געוואָרן אויף אַן עפנטלעכן אויספאַרקויף: דער דאָרף־אייגנטימער איז געווען ווייט — אויף דער ריוויערע, און האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיטן דאָזיקן גוט, און נאָך דעם ווי די הכנסה האָט זיך מיטן גירוש פון די ייִדן אויסגעלאָזט, האָט ער נישט געהאַט צו באַצאָלן די ראַטעס דער באַדן־היפּאָטעק־געזעלשאַפט, און אַז ס׳איז אַריבער די צייט, און אויך די פאַרלענגערונג און נאָך אַ פאַרלענגערונג, האָט די געזעלשאַפט געמאָלדן אָן עפנטלעכן אויספאַרקויף, און לסוף איז דאָס דאָרף געוואָרן אירע אַ נחלה. זי האָט געשיקט אַהין צוויי אַגראָנאָמען, איין סאַדאָווניק, איין וואַלד־וועכטער, צוויי אויפזעערס, אַ בוכהאַלטער און אַ קאַסירער, און אַז אָט דאָס גאַנצע געזעמל פּלאַקנשיסערס און צעלייגערס איז געקומען, האָט מען אָנ־געהויבן מאַכן „רעפאָרמעס", און דער סוף פון די אַלע רעפאָרמעס איז געווען — אַ גרויסער אַדמיניסטראַציע־אַפּאַראַט, מיט שרייבמאַשינען און מיט באַריכטן אין אַ „קלאָרער שפּראַך" און אויף דיק און גלאַט פּאַפּיר — און דער דעפיציט פון די הכנסות וואַקסט, ווי אויף הייוון. שפּעטער איז די היפּאָטעק־געזעלשאַפט מיד געוואָרן אָפּצונעמען די באַריכטן, האָט זיך אָפּ־

געזאָגט פון דעם גאַנצן עסק און אים געלאָזן אויף הפקר, ס׳הייסט, האָט זיך מייאש געווען פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס זי האָט אָנגעווירן, נישט געוואָלט מער אינוועסטירן, און דאָס דאַרף איז פאַרבליבן ביי די פּויערים — פרייהייט! און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אַ ביסל ביי מיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן באַזוכט דעם מקום, און זיי האָבן מיר געזאָגט: דער שאָסיי איז צערווּינירט געוואָרן; אַרום — אַ סך ליימגריבער; די אַלטע פּויערים זענען אויסגע־שטאָרבן; צווישן די יונגטלעכע זענען פאַראַן אַ סך באַנדיטן, וועלכע פירן אויס איבערפאַלן; בלויז די שענק איז מצליח — פרייהייט!

דער הויכער משה איז געווען אַ זון פון דער פאַרגאַנגענער תקופה, דער לעצטער איבערבלייב פון דעם סאָרט יידן וואָס זענען אַמאָל געווען.

ביבל־בבל

[א]

מיין באָבע פלעגט זאָגן: „אַן איידעם און אַ טשאָלנט קאָן מען נישט וויסן, ווי זיי וועלן געראָטן".

אַ מענטש קאָן זיין אייגענעם זון, אָבער נישט זיין איידעם, אַ פרוי קען דאָס שבתדיקע געריכט, וואָס זי שטעלט אַריין פרייטיק אין אויוון, אָבער צי דער זיווג וועט עולה־יפה זיין — דאָס איז שוין אַ גאָט־זאַך...

און אויב ס'איז דערלויבט צוצוגעבן צו דעם וואָס די באָבע האָט געזאָגט, בין איך מוסיף אַ פאַרצעלע ערד... צום אַרענדירן צוליב אַרכעאָלאָגיע.

ווייסט איר ווי מען מאַכט עס? איר מיינט, אַז דאָס זענען הימלזאַכן? ניין! אַ ביסל בטלנות, אַ געשעפט, און גאָר אַביסעלע — תורה לשמה.

איך האָב אַ פריינד, וואָאס איז אַ מחותן פון איינעם, וועלכער האָט אַ קרוב — אַ חוקר־קדמוניות,* זייט מוחל! כ'האָב געוואָלט זאָגן: אַ חופר־קדמוניות.** אַז איר וועט אים אָנקוקן, וועט איר נישט גלייבן, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַלטערטימלעכקייט. ער פאַרקוקט זיך נישט אויף קיין בתולה פון אַריבער דרייסיק יאָר, הייסט עס — ער איז גראָד אַ שונא פון אַלטערטימלעכקייטן! און זיין האַלדזצירונג — דער שניפּס און זיין קאָליר פון די סאַמע מאָדערנסטע! און וועסטלעך טראָגט ער שטענדיק, אַנדערש פונעם אָנגענומענעם סטיל, נישט לויטן סדר, „ריין פערזענלעך", ווי ס'דריקט זיך אויס פעטער אַלטענבערג: אין גאַנצן לויטן „נייעם גאַנג" און זיין באָרד Henri IV.

און דער טרוים פון אָט דעם יונגן אַרכעאָלאָג איז געווען: חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון איינעם אַ רייכן קאָמערצראַט, און מיטן באַדינג, דער קאָמערצראַט זאָל זיין שוין גאָר אַ זקן, און די טאָכטער זאָל זיין אַ בת־יחידה. אָבער כדי צו פאַרווירקלעכן דעם־אָ טרוים, האָט ער גערדאַרפט „עפּעס אויפטאָן", מאַכן אַ וועלכע גרויסע אַנטדעקונג, וואָס זאָל אויפרודערן אַ וועלט. אַנדערש האָט דער טאַטע נישט געוואָלט...

איך האָב אים באַגעגנט אין וועג — זאָל זאָל עס בלייבן אַ סוד פאַר לייטן! — עפּעס אין אַ פשוטן „טינגל־טאַנגל" און אויך נישט קיין פאַרצייטישן. ער

* אַרכעאָלאָג.

** גראָבעראָלאָג.

האָט זיך דעמאָלט „אַוועקגעלאָזן” קיין „מצרים”. דאָס אויסזען פֿון זיין אַרויסגעשטאַרצטער ברוסט אין איין זייט האָט צוגעצויגן מיין בליק ווי אַ נייס אין דעם קערפּער־געבוי. און ער האָט מיר דערקלערט: ס״ליגן דאָ ביי מיר די רעקאָמענדאַציע־בריוו, וואָס איך האָב קיין מצרים. דער באַדינג נומ׳ 1 איז באַקומען אַ דערלויבעניש פֿון דער רעגירונג אויפֿצושטעלן געצעלטן און אָנהייבן גראָבן — און צו דעם דאַרף מען האָבן פּראָטעקציע, און מיין גראָבערלאָג „האָט באַקומען פּראָטעקציע” — גאָט דער אַלמעכטיקער ווייס ווי דאָס איז אים געראָטן — פֿונעם פּויפּס, פֿונעם גרויסוויזיר, פֿונעם מיקאַדאָ, פֿון דעם כינעזישן קייסער און פֿון וועמען איר ווילט נאָר. איז שוין די ערשטע זאַך געווען זיכער: די דערלויבעניש צו גראָבן וועט געגעבן ווערן.

ער האָט דעמאָלט געזאָגט אַז די קאָנקורענץ איז שוין זייער גרויס, באַזונדערס אין מצרים. אין בבל, אין מואב, אַוודאי אויך אין על־אַריש — קאָן מען נאָך עפּעס אויפֿטאָן, אָבער אין מצרים זענען שוין די וואַרשטאַטן פֿון די אַרכעאָלאָגן אַזוי ענג צוזאַמענגעשטעלט, ווי די קרעמלעך אין בערדיטשעוו, אַ קרעמל לעבן אַ קרעמל, אָבער ער שרעקט זיך נישט פֿאַר דער קאָנקורענץ. אַן אַנדער יתוש האָט אים געפּיקט אין מוח וועגן דעם באַדינג נומ׳ 2. ער האָט זיך געשראָקן, טאָמער וועט ער גאָרנישט געפֿינען. לויט זיין השערה איז ער געווען כמעט ווי זיכער, אַז אויף יענעם פּלאַץ, ווו ס׳איז געווען אַ חורבה מוז איך עפּעס־וואָס געפֿינען. „דאָס זינד וווּנדערבאַרע רעאַלע אויסזיכטן”, — האָט ער געזאָגט — אָבער ס׳איז מעגלעך, אַז נאָכן אויפֿעפֿענען דעם אָנשיט, וועט ער געפֿינען ערד, און אונטער איר ערד, און ווידער ערד, ביז ער וועט דערגרייכן צום גרונטוואַסער. אויך דאָס טרעפֿט אַ מאָל. דאָס איז דאָך טאַקע אַקוראַט, ווי מיין באָבע פֿלעגט זאָגן: „מע קאָן נישט וויסן ווי עס וועט געראָטן”. מע מוז זיך באַמי׳ען וועגן אַ דערלויבעניש אויפֿצושטעלן געצעלטן, צו מאַכן די קאַנאַלן און די דורכגענג — און וואָס דערנאָך וועט זיין, דאָס ווייס איין גאָט!

אַלע מאָל פֿלעגט ער שיקן אַ בילדקאַרטל צו דער טאָכטער פֿונעם קאָמערצראַט. זי האָט באַגערט צו וויסן וועגן יעדן טריט און שריט, ביז ער וועט דערגרייכן זיין ציל. אַלץ איז אָפּגעהאַנגען דערפֿון, און צי ער וועט דאָרט מאַכן אַ גרויסע אַנטדעקונג.

און דעמאָלט האָבן מיר זיך צעשיידט. ער איז שנעל פֿאַרשווּנדן און האָט זיך אַ ריס געטאָן צו די טראָפּייען. נאָך אַ צוויי־דריי יאָר האָב איך זיך נאָכגעפֿרעגט ביי מיין פֿריינד און מחותן און „דער גאַנצער משפּחה” — וואָס ס׳איז געווען דער סוף פֿון יענער רייזע, און זיך דערוווּסט, אַז דער אַרכעאָלאָג האָט מיט מזל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פֿונעם קאָמערצראַט. ס׳איז

זיי שוין געווען איבעריק נאָך צו דערציילן מיר, אַז ער „האָט געפונען די ימים אין דער מדבר״. אָבער באַרעדעוודיקע לייט האָבן מיר אויפגעקלערט די זאַך אין אַלע אירע פּרטים. אונדזער פאָרשער האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו מאַכן אויסגראָבונגען, און האָט טאַקע געגראָבן און געפונען קלייניקייטן. אין דער גרופּע האָט זיך געפונען אַ ספּעציאַליסט פאַר קלייניקייטן, פון צייט פון רעמסס דעם זיבעטן, איז דאָס געווען אַ פעטע שטיק פאַר יענעם ספּעציאַליסט, אָבער נישט פאַר אים. אונדזער פאָרשער איז דעמאָלט געווען נאָענט צו פאַרצווייפלונג. אָבער ער האָט זיך ווייטער משתדל געווען און באַקומען אַ נייע דערלויבעניש צו גראָבן אויף אַ צווייטן פּלאַץ. די קלינגערס האָבן זיך אים אויסגעלאָזן, אָבער דעם קאָמערצראַטס טאָכטער האָט געליִען געלט און אים געשיקט, און ער האָט געגראָבן, מיט התלהבות, מיט עקשנות, מיטן כוח פון דער ליבע. ס׳זענען געווען טעג, ווען ער האָט געטראַכט: אָדער כ׳וועל געפינען אַ גרויסע זאַך, אָדער — פּיף־פּאַף! ער האָט געבויערט טיפער און טיפער ביזן אָפּגרונט — נישטאָ גאָרנישט! נידעריקער פונעם אָפּגרונט — נישטאָ גאָרנישט! און זיין לעווירא שיקט אים טעלעגראַמעס נאָך טעלעגראַמעס: מאָריץ, שטאַרק זיך! מאָריץ, גראָב!

זי איז געווען אַ מוטיק מיידל. זי האָט דאָרט קיין רו זיך נישט געפונען; אין דער היים האָט זי געגראָבן בייננאַנד מיט אים — אין געדאַנק. און נישט אומזיסט! ס׳איז געקומען דער טאָג, ס׳איז אָנגעקומען די בשורה: כ׳האָב אַנטדעקט אַ גרויסע זאַך!

און נישט קיין „זאַך״, נאָר אַ באַלזאַמירטן קערפּער האָט אונדזער אַרכעאָלאָג אַנטדעקט, ממש אַ קערפּער אין אַ טרומנע מיט פאַרצירונגען, אַ מצרישן קערפּער — אַ „צאַצקע״, ווי מע זאָגט אויף ענגליש.

דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער גלאַנץ־פּעריאָד. אָבער ס׳איז נישטאָ קיין גלאַנץ־פּעריאָד אָן שטעכווערטער און בייסענישן. די קאָנקורענטן, און אויך אייניקע פון די קאָלעגן, האָבן אָנגעהויבן אונטערוואָרטשען: אויך מיר אַ גרויסע זאַך! ער האָט געפונען אַ שטרויעלע אין עפּריים! אַזעלכע מומיעס פאַרקויפט מען שוִער נישט אין אַ יאַטקע אויף דער וואָג!

ס׳איז געווען אַ פּלוגתא צווישן די געלערנטע: צי דאָס איז אַ פּראָסטער מצרי, אָדער אַ מצרי פונעם העכערן סאָרט. היות ער איז געפונען געוואָרן אין אַ טרומנע, און היות די טרומנע האָט פאַרצירונגען, און פאַרצירונגען געפינען זיך נאָר אויף די טרומנעס פון די גדולים — איז געדרונגען, אַז דער דאָזיקער בר־מינן איז נישט געווען קיין ליאַדע־ווער, נאָר אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, אַ נאַטשאַלניק, אַ שטייערן־מאָנער, און אפשר אַ געזעלשאַפטלעכער פירער, ס׳הייסט אַ באַנקיר, ווייל נאָר אַזעלכע מענטשן קאָנען

זיך דערלויבן דעם פאַרגעניגן באַגראָבן צו ווערן אין אַרונות און מיט אַזעלכע פאַרצירונגען. אָבער צוריק געשמועסט: אויב דער אָרון איז געפונען געוואָרן אין אַזאַ שטאַרקער טיף, און נישט אין אַ סקלעפּיגיע, און נישט צווישן אַ סך אַרונות אַרום, איז דאָס אַ סימן, אַז דער דאָזיקער פּאַרשוין איז נישט קיין וואָזשנער פּאַרשוין! און ער אַליין שווייגט און זאָגט נישט אויס גאָר־נישט וועגן זיין לעבנס־געשיכטע, אַפילו האַקט אים און בראָקט אים.

פאַרשטענדלעך, אַז דאָרט ווו מע קאָן אויסטייטשן סיי אַזוי, סיי אַזוי, דרינגט יעדער ווי אים לוינט, און אונדזער גראָבעראָלאָג האָט זיך געלוינט אַז דער באַלאָזאַמירטער גוף זאָל זיין אַ גרויסער מענטש. זיין גאַנצע צוקונפט איז אָפּהענגיק געווען פון אָט דעם פּגר! דאָס איז אַ קאַמף פאַרן לעבן! דאָ גייען נישט קיין חכמהלעך... נו, האָט ער אָנגעהויבן צו באַווייזן, אַז ער איז אַ פּרעה, און נישט קיין קליין פּרעהלה, נאָר אַ פּרעה אַ פאַרצייטישער שבפאַרצייטישער! ער איז געווען אַ דורכגעטריבענער סוחר — אונדזער גראָבעראָלאָג! ער האָט זיך אַזוי געטראַכט: אויב איך וועל אָנהייבן באַווייזן אַז דאָס איז אַ פירשט, דעמאָלט וועלן די אַנדערע ארכעס אָנהייבן אַראָפּציען פון אים זיין פּראַכטמאַנטל און אַראָפּנידערן צו דער מדרגה פון אַן עבד־עבדים (איך קען זיי די כלבים!), איז דאָך בעסער, איך זאָל אָנהייבן פון אַ גרויסן פּרעה, און דעמאָלט — אַפילו אויב זיי וועלן אים אַראָפּנידערן, וועלן זיי אים אַראָפּנידערן צום ראַנג פון אַ פירשט.

און איר מיינט, אַז אין דער וויסנשאַפט־וועלט קאָן מען אָפּנאַרן די מיינונג פון דעם עולם מיט אַזעלכע פּוסטע זאַכן? און איר מיינט, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין אויספּרווון, אויספאָרשונג, דערווייז־מיטלען און באַהאַנדלונג? חס־ושלום! יעדע זאַך פאָדערט זיבן און זיבעציק חקירות, אָבער אונדזער גראָבער איז געווען אַ בריה צוזאַמענצושטעלן די אותיות. קוים געפונען, האָט ער שוין די דאָזיקע מומיע פון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט, האָט פאַרגלייכט די פאַרצירונגען פון דעם אָרון מיט די פאַרצירונגען פון די מלכים פון פּרעהס דינאַסטיע. זיי זענען לגמרי נישט ענלעך געווען, אָבער געוויסע שטריכעלעך זענען יאָ ענלעך געווען. און אויך אויף די־אַ שטריכעלעך הענגען וויכטיקע הלכות, און אויך דער סטיל פון די געמעלן זענען באַווייזן, אז ער איז ענלעך געווען אַ ביסל צום סטיל פון אַרונות־פאַרצירונגען פון די פּרעהס. דער סוף פון דער זאַך... ער האָט מיט געזאַנג געטראָגן זיינע גאַרבן, געמאָלן, געשריבן, זיך געפּילפּילט, פּובליקירט, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ גרויסע מציאה און אויך אויסגעפּילט אַ גרויסן בלויז אין דעם סדר־הדורות פון די אַלטער־טימלעכקייטן פון מצרים, און איז געוואָרן אַ יונגער זיגער, און לעווירא האָט פאַר אים חתונה געהאַט כדין וכדת. דער פאָטער האָט געמוזט מסכים זיין.

און איך האָב געהאַט די זכייה צו דערהאַלטן אויך אַ פאַרבעטונג־בריוו אויף דער חתונה, ביי פּרעהס לעבן!

דער באַלזאַמירטער מצרי האָט לחלוטין נישט געוווּסט, אַז ער איז געוואָרן אַ מזווג זיווגים אין טויזנטער יאָרן אַרום.

און די גרויסע לעכערלעכקייט אין דאָזיקן פאַל איז דאָס, וואָס איין יאָר נאָך זייער חתונה האָט אַ פּראָפעסאָר אַן עגיפּטאָלאָג אַ חד־בדרא אַרויסגעגעבן אַ בוך, אַ גראָבן ווי אַ חזיר, אין וועלכן ער האָט דערוויזן, אַז יענער באַלזאַמירטער מצרי, וואָס אונדזער גראַבער האָט געפונען, איז געווען אַן עבד־כנעני, און דרך־אַגב האָט אָט דער פּראָפעסאָר געשאַפן אַן אייגענע שיטה, אַז די גרויסע מצרישע פּערזענלעכקייטן פלעגן זיך נוהג זיין צו באַגראָבן זייערע באַליבטע שקלאַפן אין ארונות מיט פאַרצירונגען, נאָר מע פלעגט זיי באַגראָבן זייער טיף, אַ פיינער מינהג!

ובכן, איז אונדזער טרפונס אייזל אַוועק,* אָבער דעם קאַמערצראַטס בת־יחידה איז שוין געוועזן זיין ווייב, און דער נדן — ביי אים אין קעשענע, און ס'איז ביי זיי למזל־טוב געבוירן געוואָרן אַ בן־זכר, און איך האָב אים געראָטן, ער זאָל אים אַ נאָמען געבן, אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט, פּרעה.

באמת, ביי אַזאַ צושטאַנד לאַכט ער זיך אויס פון די נייע שיטות וועגן דער אַלטערטום־געשיכטע פון מצרים. ס'דאַכט זיך מיר, אַז דער געוועזענער גראָבעראָלאָג איז היינט צו טאָג אַ שותף צון אַ באַנקהויז. הייסט עס, אַז דער טשאָלנט איז געראָטן.

[ב]

אָבער יענע, וואָס טוען באמת עפּעס אויף פאַר דער פאָרשונג פון די פאַרצייטישע מומיעס, באַקומען נישט קיין נדן, און זיי גראָבן נישט פון לכתחילה צוליב לעווויראַס שיינע אויגן.

ס'איז דאָך אייך באַקאַנט, וואָס ס'איז געשען דעם אמתן עגיפּטאָלאָג ברוגעש, וועלכער האָט אַנטדעקט אַ מלך פון פּרעהס דינאַסטיע, און אפשר טאָקע „יענעם בחור אַליין" — רעמסס דעם צווייטן? אויך ברוגעש האָט געשטעלט טשאָלנט, געעפּנט לעכער, גריבער און היילן, געגראָבן, געבויערט טיפער און טיפער — און ס'איז כדאַי געווען זיך צו מיִען און גראָבן!

דאָס אויסגראָבונגס־אַרט איז געווען נאָענט צו אַ קליינער באַנסטאַנציע, ווו אַרום מע פאָרט קיין קאַאיר. ברוגעש איז געקומען אַן אויפגעהייטערטער מיטן בר־מינן אין דער האַנט. ער האָט אים אַרומגעדעקט, אַנגעטאָן, אַרומגע

* אַ תלמודישער אויסדרוק, דאָ אין זין: זיין אויפטו איז אויסגערונען.

וויקלט, געמאַכט פון אים אַ פּאַקעט און געטראָגן דעם פּאַקעט אין האַנט. זיין באַדינער, וואָס איז געגאַנגען הינטער אים, האָט ער געגעבן זיין סאַק־וואָיאַזש מיט זיינע זאַכן, אָבער דעם פּאַקעט האָט ער אויף אַ רגע נישט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט. אָבער ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם באַן־הויף און געוואָלט אַרויסגיין און איינשטייגן אין וואַגאָן, האָבן אים די באַדינער דאָרט פאַרהאַלטן ניין, הער! דעם דאָזיקן פּאַקעט מוזט איר אַריינ־געבן אין באַגאַזש.

— איך קאָן נישט אַריינגעבן אין באַגאַזש, — האָט ברוגעש געענטפערט — ווייל דאָס איז אַ זאַך, וואָס איך קאָן זי פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן.

אָבער איינער פון די פּאָליציאַנטן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַרויס־צונעמען דעם פּאַקעט פון אונטער ברוגעשעס אָרעם, און ברוגעש איז אַריין אין כעס און האָט אַ געשריי געטאָן: — איך מוז נעמען דעם פּאַקעט מיט זיך — איר הערט?

איז צוגעקומען דער הויפּט־נאַטשאַלניק און האָט געזאָגט: — בשום־אופן וועל איך אייך נישט דערלויבן מיטנעמען די זאַך מיט זיך אין וואַגאָן! לויטן געזעץ זענט איר פאַרפליכטעט אַריינצוגעבן זי אין באַגאַזש!

דעמאָלט האָט ברוגעש אַ געשריי געטאָן אויף אַ קול: — צו אַל די טייוול זאָלט איר גיין, איר מיט אייערע געזעצן! צי ווייסט איר, ווער סע ליגט אין דאָזיקן פּאַקעט? פּרעה אַ מלך פון מצרים! צי וועט איר מיך צווינגען אַריינגעבן אין באַגאַזש אַ פּרעה מלך מצרים?

די באַאַמטע און די פּאָליציאַנטן האָבן זיך מיט דרך־ארץ אַ רוק געטאָן אויף צוריק, און דער הויפּט־נאַטשאַלניק האָט זיך צעלאַכט און אַ זאָג געטאָן: — אויב די פּאָרער, וואָס וועלן זיצן מיט אייך אין וואַגאָן, וועלן נישט פּראָ־טעסטירן, גייט אייך מיטן פּאַקעט!

אויף אַזאַ אופן איז דער פּרעה מלך־מצרים געבראַכט געוואָרן אין זיין קרוינשטאָט. און ברוגעש האָט נישט געמאַכט קיין גרויס געשעפט מיט אָט דעם אמתן פּרעה. אויב איר וועט אָנקוקן ברוגעשן אין גאַס, „וועט איר פאַר אים קיין צעבראָכענעם דרייער נישט געבן” — אויב ער וועט, למשל, קומען אום יום־טוב און וועלן אַריינגיין אין דער שול פון אויפגעקלערטע, וועט מען אים נישט אַריינלאָזן, ווייל ער האָט נישט קיין צילינדער אויפן קאָפּ, און אויך זיין פּנים איז ענלעך צו אַ יידיש פּנים — מיט אַ געבויגענער פיגור, נישט פון די פּעטקאַרקיקע און גראָב־בייכיקע, אַן עניוו און פאַרזונקענער אין מחשבות, — אַזוי זעט אויס די אמתע עגיפּטאָלאָגיע!

ווייל דאָס וואָלט דאָך זיין אַ שטות, מע זאָל זאָגן, למשל: אַז ס'איז נישטאָ קיין אמתע עגיפּטאָלאָגיע, אָדער אַז ס'איז נישטאָ קיין אמתע אַסיראָלאָגיע,

ווייל אַ „לײַבלעכער קרוב״ פון מײַן פֿרײַנדס מחותן האָט געגראָבן צוליב נדן.

כ׳האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז די אמתע חכמה איז באַשיידן. איך האָב געזען אין לאָנדאָן אויף איינער אַן אַסיפה דעם קאַפּיטאַן קאָנדער, דעם דירעקטאָר פֿון דער ארץ־ישׂראלדיקער טוריסטיק־געזעלשאַפֿט. איז איך באַקאַנט דער טיף פֿון אַן אויסגעדינטן קאָמאַנדיר, גייט אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שטעקן, טרינקט קעפֿיר, און שרײַבט זיך אונטער אויף באַשטעטיקונגען, אַז דער קעפֿיר פֿאַרבעסערט דאָס געזונט, אָדער... ער היילט זיך מיט האָמע־אָפּאַטיע? אַזוי זעט אויס קאָנדער. ווען איר וועט שמועסן מיט אים, וועט איך נישט אײַנפֿאַלן, אַז דער־אָ מענטש האָט אָנגעשריבן אַ דרײַסיק ווערק וועגן די אַלטערטימלעכקייטן, וואָס ער האָט אַנטדעקט. און כ׳האָב נישט געהערט, מע זאָל קאָנדערן פֿאַרבעטן אויף אַ באַל אין קייסערלעכן פּאַלאַץ.

צי אפֿשר קענט איר דעם פּראָפֿעסאָר הלוי אין פּאַריז, וועלכער וווינט אין פּאַלאַצן? דער דאָזיקער מענטש האָט געריזיקט און אַנטדעקט אַ גאַנץ פֿאָלק, אַ ווונדערלעכע קולטור, די קולטור פֿון די פֿאַלאַשן; און זײַנע פּאַלאַצן — אַ הדרל פֿון פֿיר אויף פֿיר אויפֿן פֿערטן שטאָק, און ער האָט אַ געוווינהייט צו פֿאַרגעסן תּמיד, צי ער האָט שוין געגעסן מיטיק, אָדער נאָך נישט, און דעצידירט תּמיד, אַז ער האָט זיכער יאָ געגעסן. און כ׳האָב נישט געהערט ביז הײַנט, אַז דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק זאָל פֿאַרבעטן אָט דעם סודות־אַנטדעקער צו קומען צו אים קיין ראַמבאָ, אָדער קיין קאָמפּיען, צו גיין מיט אים אויף געיעג.

און הגם איך בין אַ העלפֿט אַ ביסל אַ לץ און אַ העלפֿט אַ ביסל אַ פּראָפֿאַן בנוגע געבאַלזאַמירטע בר־מינגס און האָב נישט קיין עסקים מיט מצרישע צויבערער, און פֿון די היעראָגליפֿן קען איך נישט מער, ווי נאַרדוי, לויט זײַנע אייגענע רייד, קען העברעיִש, פֿון דעסטוועגן איז מיר נאָר פֿאַרבליבן פֿון אַמאָל אַ פֿעלער אין מײַן נאַטור: וואָס איך שעץ געלערנטע, און פֿאַר דער אמתער געלערנטקייט פֿאַרליר איך זיך אין גאַנצן, איך מיט מײַנע לצנות־רייד! און ווער ווייס, צי וואָלט איך נישט „געכאַפּט שיריים״ פֿון די טעלער פֿון ברוגעש, קלירמאַן־גאַנאָ, יוליוש אָפּפּערט, — ווען כ׳וואָלט זיך מיט זיי צונויפֿגעטראָפֿן, איך בין אַן עבֿד־נרצע און פֿאַרברענטער חסיד פֿון אַזעלכע אדמו״רים.

אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז דעליטש וועקט אין מיר אַנדערע מחשבֿות! דעליטש, וועלכער ווערט פֿאַרבעטן אויף אַ מאָלצײַט צו ווילהעלמען און צו בילאָהן, דעליטש, וואָס מע מאָלט אים אויף קאַרטלעך, דעליטש, מיט וועלכן מע מאַכט אינטערוויוען זיבן מאָל אין טאָג, דעליטש דער בבֿלער, וואָס זײַן בראָשור ווערט איצט פֿאַרקויפֿט נאָך מערער פֿון פּרענזענס (דער מײַנסט

געלייענטער אין דייטשלאַנד) — אָט דער דעליטש איז אַ ביסל פּאַרדעכטיק אין מיינע אויגן. זיין אָראַטאָרישער טאַלענט זעט אויס אַ ביסל ווי דער טאַלענט פון אַ רייזנדער־אַגענט; זיין תאווה צו פּאָפּולאַריטעט איז ווי פון „די גאָלדענע 110" אין בערלין, אָדער ווי פון אונדזער ניידיטש, אָדער ווי די „אורסוס־וואַסער" אין אונדזער לאַנד, און זיין גאַנצער אויפפיר איז ווי פון אַן אַגיטאַטאָר, און אויפן בעסטן אופן פון אַ רייזנדיקן פּרעדיקער פון ערגסטן סאָרט.

אויך ער האָט געשטעלט אַ טשאָלנט, און אויך ער האָט נישט געוווּסט פון פּאַרויס, צי סע וועט געראָטן. אַ פּאַרצעלע באָדן האָט ער מיט זיינע אַסיסטענטן, געהאַט, דאָרט, אין בבל, און ער האָט געגראָבן, געבויערט און געטרייבערט און אַרויסגענומען פון דאָרט טאַבעלעס און טאָבעלעס־בראָכ־וואַרג, צעשטיקלט, צעבראָקלט און צעהאַקט, און אַ סך סקולפּטורן און געטשן. ברוכשטיקלעך הענט און ברוכשטיקלעך פיס, אַ גאַנצע ביבליאָטעק געקריצט אויף ציגל, ווייל אַנשטאָט אויף בויגנס פּאַפּיר היינט, פלעגט מען דעמאָלט קריצן, אַן „אינעווייניק־אַריין־קריץ" אויף ציגל און אויף ליים, און יעדעס זייטל פון אַ בוך איז געווען איין ציגל, און אַ גאַנץ בוך — אַ שיכט ציגל, איינער אויפן אַנדערן, אויך ליבעבריוו פלעגט מען שרייבן אויף אַ ציגל, און דער ליבהאָבער פלעגט שיקן צו זיין געליבטער אַ ציגל, מיט וועלכן מע קאָן אָנוועקהרגענען, און אויך קוויטלעך צו די אַדמו"רים פלעגט מען דעמאָלט אוודאי אויך שרייבן אויף ציגל.

טוט נאָר אַ טראַכט, וויפל ציגל איך וואָלט דאַרפן האָבן טאָגטעגלעך, ווען אָט די טראַדיציע וואָלט געווען פאַרבלייבן, און מיר וואָלטן זיך פון איר נישט אָוועקגעקערט? ברצאַנאָווס ציגל־פאַבריקן וואָלטן פאַר מיר נישט געקלעקט. אויף אָנצושרייבן אַזאַ פעליעטאָן וואָלט איך באַדאַרפט האָבן אַ צאָל ציגל נישט ווייניקער ווי די בויער דאַרפן האָבן אויף אַרויסצוענדיקן דעם „בית־הנאמן * אין ירושלים.

אַ שאָד וואָס דער מינהג צו שרייבן אויף ציגל און שטיינער איז נישט פאַרבליבן — פאַר דיסקוסיעס. שטעלט אייך פאָר, אַז מע טוט אַ וואָרף אַזאַ דיסקוסיע־מאמר עמעצן אין קאָפּ.

אָבער אונדזערע דעמאָלטיקע קאָלעגן, די פעליעטאָניסטן פון בבל, האָבן נישט געשריבן אין דעם סטיל, ווי מיר שרייבן היינט, קלאָר און גוט אויסגעטייטשט. מיין רבי האָט מיר דערציילט, אַז דער „מגן אברהם" האָט זיך באַנוצט מיט אַ זייער קורצן סטיל (און דערפאַר האָט ער זוכה געווען

* אַ קערן פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים.

צום פירוש „מחצית השקל״, וואָס איז דער היפוך פון זיין קיצור), ווייל רב אַבעלע איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס, און פלעגט שרייבן אויף פּאַסן פּאַפּיר, וואָס פּאַלט אַראָפּ ווי זעגעכץ פון אונטערן איינבינדערס מעסער. אַך, וויפל בין איך געפּייניקט געוואָרן פונעם רבין, ווייל רב אַבעלע האָט נישט געהאַט גענוג פּאַפּיר!

און וויפל פּייניקן זיך די אַלטערטום־פאָרשער אויסצוגעפינען וואָס „אַ וועלכער בבליער האָט געטראַכט אין הארצן״, און וואָס ער האָט מרמז געווען אין די בילדער, וואָס טייל זענען מטושטש, און טייל אָפּגעהאַקט. למשל, אַ גאַנצן פּעליעטאָן, מיטן נאָמען „דער פרילינג״ האָבן יענע בבליער געשריבן מיט איין צייכן: האָבן אויסגעמאָלט אַ שוואַלב. אָבער ס׳טרעפט, אַז אָט־די שוואַלב איז אַ ביסל ענלעך צו אַ גאַנדז, איז דעמאָלט אפשר האָבן זיי געהאַט די כוונה צו שרייבן „אַ סאַטירע״ קעגן דער חברה־קדישא אין שטעטל קורטשעוו.

די זאַך איז אויך געווען אָפּהענגיק פון דער נאַטור: דאָרט, וווּ האַרטער מאַטעריאַל איז געווען לרוב, האָט מען מאַריך געווען, און וווּ ס׳איז געווען ווינציק, האָט מען מקצר געווען. און דעליטש האָט געהאַט דאָס מזל, אַז וווּ ער האָט געגראָבן, איז דער מאַטעריאַל געווען לרוב.

אָדער אפשר איז דאָ דער כיטראַק געקומען אויף אַזאַ אָרט, וווּ מאַטעריאַל איז דאָ לרוב, זייענדיק זיך משער, אַז דאָרט האָט מען אוודאי אַ סך געשריבן. אויף זיין הערב איז דאָך פאַראַן אויך ליטע, און ס׳איז אין אים פאַראַן אַ ביסל פון דער קלוגשאַפט פון דער ראַסע.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין — ער האָט זייער אַ סך געפונען. און אויך איבערגעלייענט די זאַכן און געפונען אין זיי די דערציילונגען פון מעשי־בראשית, דעם מבול, אויך געזעצן פאַרשיידענע, אויך שפּורן אין וועלכער צייט די זאַכן זענען געשריבן געוואָרן, פאַר מתן־תורה, און ס׳איז פאַראַן אין זיי אַ גרויסע ענלעכקייט צו זאַכן אין דער תורה.

ובכן — „די גובערניע האָט זיך אַ לאָז געטאָן שרייבן״. וועלטן האָבן אויפגעשטורעמט, דייטשלאַנד, האָט אויפגעציטערט, און אויך די „איזראַ־עליטן״ אין דייטשלאַנד זענען צעטומלט געוואָרן.

[ג]

באמת, אויב אַפילו די זאַכן, וואָס דעליטש האָט געפונען, זענען ענלעך צו זאַכן אין די כתבי־הקודש, איז די־אַ ענלעכקייט, ווי די ענלעכקייט פון אַ מאַלפּע צו אַ מענטשן.

אָבער איך בין כלל נישט זיכער, אַז אַזוי איז טאַקע דער נוסח פון די

זאַכן, אַזוי די ווערסיע, אַזוי דער זין און אַזוי די איבערזעצונג. נאָט אייך אַן אויסגעבלאָזן איי פֿאַר די אַלע זאַכן!

און נאָך דעם ווי איך האָב זיך דערוועגט און דאָס אָנגעשריבן קליפּ און קלאָר, שרעק איך זיך אַרויסצוגיין אין דרויסן, טאָמער וועט מיך באַגעגענען מיין פריינד ד״ר קטינאַ און וועט מיך איינשלינגען, ווי דער פיש יונהן. זייט וויסן, אַז מיין פריינד ד״ר קטינאַ איז אַ שרעקלעכער פּעדאַנט.

— אום גאָטעס ווילן! — וועט שרייען ד״ר קטינאַ — איר רעדט דאָך ווי אַ גוייִלע! ווייסט איר דען נישט, אַז ס׳זענען דאָ אוניווערסיטעטן, און פֿאַקולטעטן, און טויזנטער פֿאָרשער; וואָס זאָג איך: טויזנטער פֿאָרשער? ס׳זענען דאָ צענדליקער טויזנטער פֿאָרשער; וועלכע קאָנטראָלירן איינער דעם צווייטן! ס׳זענען פֿאַראַן קאָנטראָל-קאָמיסיעס! מע גיט די זאַכן לייענען איינצייטיק אַ סך געלערנטע, און דערנאָך, ווען אַלע טרעפֿן צו איין נוסח, נעמט מען אָן דעם נוסח, און אויב נישט — נעמט מען נישט אָן. מען פֿאָטאָגראַפֿירט די אויפֿשריפֿטן און מע צעשיקט זיי אין פֿאַר־שיידענע אוניווערסיטעטן. און ס׳זענען שוין אויך דאָ ווערטערביכער! אַסיראָלאָגיע, דאָס איז נישט קיין פּוסטע רייד, נאָר אַ גאַנצע וויסנשאַפֿט. אַ היפּשע ליטעראַטור איז פֿאַראַן אויף יעדן פּרט באַזונדער, און וואָס ס׳איז אויפֿגעקלערט — איז אויפֿגעקלערט. נישטאָ קיין אמונה, ס׳איז נישטאָ דער מינהג צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יענער גדול, אָדער אַ צווייטער, און דערפֿאַר איז די זאַך ריכטיק, ווייל אַ גדול מאַכט קיין טעות נישט; אָדער אַזוי האָט געלערנט דער גרויסער געלערנטער, וואָס איז געשטאָרבן מיט פֿינף הונדערט יאָר צוריק, און מען פֿרעגט נישט אָפּ דעם לייב נאָך זיין טויט, און מען מוז אין דער זאַך זיך מפֿלפּל זיין, כדי צו באַווייזן, אַז ער איז גערעכט, כאָטש דער פּילפּול איז געמאַכט בדוחק-גדול, אַזוי פֿירט מען זיך נישט ביי אונדז! ס׳איז פֿאַראַן בלויז אַ פֿרייע באַהאַנדלונג, און מע נעמט נישט אָן קיין זאַך בקבלה, און מען פֿאַרלאָזט זיך נישט אויף קיינעם, נאָר מען אורטיילט לויט דעם וואָס די אויגן זעען, און אַז מע זאָגט, אַזוי איז דער נוסח, איז עס אַזוי, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

אַזוי — איך ווייס עס פֿון פֿאָרויס — וועט שרייען ד״ר קטינאַ, דער מאַמין אין די אוניווערסיטעטן און דער פּעדאַנט אין די נוסחאות. ער וועט מיך פֿאַרברענען מיט זיין אָטעם, און איך וועל נישט וועלן אים באַגעגענען, און אַז כ׳וועל אים דערזען פֿון ווייטן, וועל איך אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט גאַס.

ווייל אמת איך ווייס, אַז ס׳זענען פֿאַראַן פֿאַקולטעטן און ווערטערביכער און קאָנטראָל-עצות, און קאָמיסיעס, און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, איך

ווייס אָבער נאָך און נאָך זאַכן, וואָס אָט דער רבנו־תם (פון דער הגדה) ווייס נישט.

איך ווייס, למשל, אַז געלערנטע, נישט פון אונדזער פאָלק, לערנען העברעיִש און דאָס לשון פון דער מישנה און דעם תלמוד מיט דער בעסטער מעטאָדע, בעת ס׳זענען נאָך פאַראַן אויף דער וועלט נאָכשטאַמלינגען פון די בעלי־התורה און דער מישנה און דעם תלמוד. און פון דעסטוועגן ווען זיי קומען צו אַ וועלכער הגדה אין תלמוד, שוין אָפּגערעדט פון אַ וועלכער הלכה, איז זיי זייער לייכט אויסצוגעפינען, אַז „אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי״. אויף דעם שטח טאָפּן זיי אויף רעכטס און לינקס, ווי עמעץ וואָס איז אַריין אין אַ פינצטער הויז.

אָט דער געלערנטער זיצט מיטן טייטל אין דער רעכטער האַנט און דעם ווערטערבוך אין דער צווייטער און פאַר אים — דאָס ספר פון תלמוד, און כאַפּט אַ בליק אויף רעכטס און אַ בליק אויף לינקס: מרגלית — אַ פּערעלע, הייסט עס: מרגלא — אַ פּערעלע, — בפומיה, בפומיה — וואָס הייסט בפו־מיה?? בפומיה — אין זיינעם מונדע. „אַ פּערעלע אין זיינעם מונדע״.

אויך פאַר דער אַ זאַך זענען פאַראַן אוניווערסיטעטן און פאַקולטעטן, און פון דעסטוועגן ווען מע זאָל צונויפזאַמלען אַלע פאַרגרייזטע תלמוד־איבער־זעצונגען, וואָס ס׳וועלן איבערזעצן די פרעמדע „למדנים״, וועלן מיר דאָך קאָנען מיט זיי אויסהייצן הונדערטער אויוונס אין משך פון אַ סך ווינטערס.

צי איז אייך באַקאַנט די שיינע געשיכטע, ווי אַזוי רב אברהם יעקב שטערן ז״ל האָט מבייש געווען כיריאַנין — דאָ הי,* אויף אַ צוזאַמענקום פון דער פּוילישער געזעלשאַפט פון געלערנטע — ? Towarzystwo Przyjaciół Nauk.

קרויזהאַר האָט דאָ נישט לאַנג אָנגעשריבן אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן דער־אָ געזעלשאַפט, און ברענגט אין איר אַ סך אַנעקדאָטן, נאָר אָט די מעשה ברענגט ער נישט: ס׳איז אַ געשיכטע, וואָס שטערנס איידעם רב זעליג סלאָנימסקי האָט זי מיר און זיינע באַקאַנטע דערציילט אַ סך מאָל, אַז דאָס איז געשען „אַננאַ אַזוי פיל און אַזוי פיל״.

ס׳איז באַקאַנט אַז רב אברהם יעקב פון ריבישויוו איז געווען אַ מאַטעמאַ־טיקער און אַ קענער פון דער פּוילישער שפּראַך, און דער פּוילישער גע־לערנטער פּאָליטיקער סטאַשיץ האָט אים ליב געהאַט און אויך אַריינגענומען אין דער געזעלשאַפט פון יענע געלערנטע און אַדללייט, און ער פלעגט קומען אַהין אין זיין לאַנגן ראָק, און גאַרטל און שטריימל — און מיט זיין באָרד־און־פּאות, און זיצן צווישן די מירטן.

* וואַרשע.

און ס'איז דאָרט געווען אַ גוי, וואָס אָט דאָס בילד האָט אים זייער אויפגע־רעגט. דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען כיריאַני. ער איז געווען אַ שונא ישראל, און פון צייט צו צייט פלעגט ער צוואַרפן אַ שטעכלקע רב אברהם יעקבן, און תמיד פלאַפּלען אַ מימרא פון תלמוד, אַ רבניש ווערטל, וואָס ער האָט ערגעץ געפּאַקט, ווי מען איז זיך היינט נוהג אָפּערצוברענגען אין גאַס אַריין וואָס די ייִדן שרייבן אויף העברעיִש, אַ ווערטל פון אַ מאַמר, אַן אָפּגעריסענע ידיעה, אַ שמאַטע אויף אַ שמאַטע — צו חוזקן און אָפּשפּעטן.

און כיריאַני האָט זיך דעמאָלט גערעכנט פאַר איינעם פון די באַהאַוונטע אין דער ייִדישער ליטעראַטור, דער איז אַן אויטאָריטעט! און דאָס איז נישט געווען עפּעס אַ פּלינק זשורנאַליסטל, ער איז געווען אַ פּראָפעסער! ער האָט פאַרפאַסט אויך אַ העברעיִש־פּויליש ווערטערבוך! מיט איין וואָרט: ער איז געווען... „אַ גרויסע חיה".

און רב אברהם יעקב איז געווען אַ מענטש אַ פּאַרטיפּטער און פאַרטרודער אין זיינע ענינים; און אין אַנהייב האָט ער זיך נישט אומגעקוקט אויף זיינע אַריינזאָגענישן. שפּעטער האָט ער אים גענומען ענטפערן מיט שטעכווערטער, אָבער איינגעזען, אַז דערמיט וועט ער כיריאַנען נישט אָנלערנען, און מע דאַרף אים פאַרמאַכן דאָס מויל איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

דעמאָלט האָט רב אברהם יעקב אָפּגעטאָן דאָס דאָזיקע פאַרטל.

ער איז געגאַנגען צו אַ חשובן מלמד אין שטאָט און האָט אויסגעקליבן פון דאָרט אַ קלוג בחורל און נישט קיין פּחדן, וועלכער קאָן פאַרלייענען דעם שיעור מיט אַ ניגון און ציקלדיקע טענערלעך, און אים פאַרבעטן ער זאָל זיך געפינען גרייט אין דער נאָענט פון דעם הויז ווו ס'קומען פאַר די זיצונגען פון דער Towarzystwo Przyjaciół Nauk איר ווייסט דאָך, דאָרט ווו ס'געפינט זיך די ערשטע גימנאַזיע, הינטער קאָפּערניקס מאָנומענט?

איר, אונדזערע שטאָט איינוווינער, געדענקט דאָך נאָך דעם בנין אין זיין ערשטער געשטאַלט און זיין אונטערשטן שטח מיט די הויכע פענצטער. דאָרט זענען געווען די סאַליעס פון די זיצונגען. פאַר די פענצטער האָט זיך אַרומגעדרייט דאָס בחורל, מיט אַ צוגעגרייטער מסכתא בבאַ־מציעא אונטערן אָרעם, און שטערן האָט אָפּגערעדט מיט די טויער־וועכטער, זיי זאָלן דעם בחורל אַריינלאָזן, ווען ס'וועט געגעבן ווערן אַ צייכן.

די קאָלעגן זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער סאַליע, און פון כיריאַניס מויל זענען ווידער געפלויגן פּייערווערק. די קאָלעגן זענען געזעסן אַרום טיש. כיריאַני האָט אַ וואָרף געטאָן ווערטער פונעם תלמוד, זיך אַ באַרים צו טאָן, און שטערן האָט אויפגעפּאַסט און אויף אַ קול אַ זאָג געטאָן: — ס'איז נישט ריכטיק אַזוי, מיין הער!

— ווי זאָגט איר „סאיז נישט ריכטיק אַזוי״, — האָט אַ זאָג געטאָן כיריאַני — אַזוי אָבער שטייט דאָך?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז אַזוי שטייט?

— איך ווייס, ווייל איך האָב אַזוי געלייענט.

— הייסט עס, אַז איר לייענט דעם תלמוד?

און כיריאַני האָט שפּאָטיש אַ זאָג געטאָן: — איך לייען טאָגטעגלעך די שטותים אין אים!

— גוט, האָט זיך שטערן אָנגערופן — וועל איך אייך אויב אַזוי פאָרלייגן איבערצולייענען איין זייטל אין תלמוד, אויף וואָסער אָרט איר וועט אַליין אויסוויילן.

אין אַ רגע אַרום איז דאָס בחורל אַריינגעפירט געוואָרן אין הויז, און די מסכתא בבא־מציעא איז געעפנט געוואָרן פאַר כיריאַנין. און ס׳איז פינצטער געוואָרן אין די קוקערס!

און שטערן איז געשטאַנען איבער אים און גערעדט: — אַלץ איינס, אויף דער זייט, צי אויף אַ צווייטער, ווו איר ווילט אַליין!

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן אויסגעשטרעקט די קעפּ און אָנגעשטעלט די אויגן צום קאַמפּס־פּלאַץ. און כיריאַני האָט אָנגעהויבן שטאַמלען: — אַזוי־אָ מאַכט זיך עס נישט! אַז כ׳וועל זיך צוגרייטן, וועל איך לייענען. לייענען אומ־געריכט און גלייך איבערזעצן — קיין מענטש וועט עס נישט באַווייזן.

און שטערן האָט אַ זאָג געטאָן: צי איז עס טאַקע אַזוי? איך אַליין וועל נישט אויפטאָן קיין וווּנדער און נישט באַווייזן, אַז איך קאָן דאָס יאָ. יאַנקעלע! לייען פאַר און זעץ איבער אויף אַ קול! פון וועלכן זייטל איך וועל עפענען צופעליק!

און איבער דער גרויסער סאַליע האָט זיך צעקלונגען דאָס צעניגונטע קול פון דעם בחורל, אויפשטורעמענדיק די „משנה״ און ציקלענדיק די „גמרא״ מיט „רש״י״ אין דעם פרק „אילו מציאות״, ווי אַ זילבערן גלעקעלע.

די הערן האָבן געלאַכט. רב אברהם האָט זיך אָנגערופן: — איך האָב נאָר געוואָלט באַווייזן, אַז איידער אַ מענטש נעמט אורטיילן וועגן דעם תלמוד, איז יעדנפאַלס זיין פליכט צו קענען אים לייענען.

[ד]

וואָס כיריאַני האָט געשטאַמלט — איז נישט באַוווּסט. אויף אַ משך פון עטלעכע וואָכן האָט ער אויפגעהערט צו קומען אויף די זיצונגען „צוליב קראַנקייט״. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגענומען אַן אָרט ווייט פונעם אָרט ווו רב אברהם יעקב פלעגט זיצן, און אויפגעהערט אַרויפברענגען דעם

תלמוד אויף די ליפּן. אַ לעגענדע דערציילט, אַז נאָך דעם האָט ער שוין נישט מאַריך־ימים געווען.

און איך בין מסופק, צי דעליטשעס למדנות אין דעם אויסגעקריצטן אויף די בבלשע ציגל, איז אַפילו גרויס ווי כּיר׳אַניס למדנות דערין וואָס סע שטייט אין תּלמוד־בבלי... אויב אַ לימוד, וואָס דאָס פּאָלק וואָס האָט אים געשאַפן לעבט נאָך, און זיין פּאָדעם האָט זיך איבערגעריסן, איז אַזוי שוואַך און אַזוי צווייפלהאַפט צווישן יענע וואָס זענען מיט אים נישט דערצויגן געוואָרן, איז ווי שוין אַן אַלטער לימוד, בערג וואָס הענגען אויף אַ האָר, איבערבלייבענישן פון אויסטערלישע געמעלן און געזעמלען רמזים!

איר „דער דריילינג ספּעציאַליסטן״ (ראַטעווע מיך! ווייל איך פּאַל אַריין אין דעם ענין־דרייפוס!), וואָס האָבן באַנוצט אַלע וויסנשאַפטלעכע תחבולות און געמאָסטן מיט צירקלען און דורכגעקעמט מיט מיקראָסקאָפּן דעם „באַרדעראַ״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אייער הייגטיקער שפּראַך און שריפט, און אייער גאַנצער וויסנשאַפטלעכער אַפּאַראַט האָט אייך נישט געראַטעוועט פון דעם טעות, זאָגט, איך בעט אייך: וואָס פאַר אַ זיכערקייט קאָן זיין אין לייענען אַ בבלישן טעקסט געקריצט אויף אַ ציגל מיט טויזנטער יאָרן צוריק!

און איר, פירגאָוויטש און שאַפּיראָ, וואָס האָבן אָפּגענאַרט די גאַנצע וועלט, אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן און קאָמיסיעס, קומט אַרויף, ווי גייסטער, פון אונטער דער ערד און זאָגט, וויפל מע קאָן זיך עס פאַרלאָזן אויף די גרויסע פאַרשער? און צי נישט גראָד די גרויסע פאַרשער איז לייכט אָפּצונאַרן, ווי קינדער? אין אַזעלכע לייענכצן, וואָס דעליטש לייענט פון די ציגל, ענדערט איין נישט ריכטיק וואָרט דעם גאַנצן זין! ער האָט אויסגעפונען די יאָרן, ווען די זאַכן „זענען געשריבן געוואָרן״? איין „טויזנטל״ ווייניקער, אָדער מער — איז דאָס אַזאַ גרויסע זאַך?

ביז איצט וועגן דעם לייענען און דער מדרגה פון געוויסקייט וואָס ס׳איז פאַראַן אין דעם. ווען מיר וואָלטן געפונען בלויז דעם ספק, איז שוין אויך גענוג. אָבער ס׳איז נאָך פאַראַן „צוויי צום ערגערן״, נאָך צוויי זאַכן וואָס וועקן פאַרדאַכט.

איינע איז דאָס, וואָס דאָס אייניקל פון דעם ליטווישן ייִדן, וועלכער האָט איבערגעלאָזן קינדער אין לייפּציג, איז וואָס מע רופט אויף דייטש אַ „שטרעבער״ אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. ס׳זענען געווען גרעסערע פון אים אַנטדעקער פון געהיימענישן און האָבן געלעבט אין הונגער, און ער ווערט פאַרבעטן אויף מאַלצייט פון מלכים. ס׳זענען געווען נאָך אַנדערע, וואָס האָבן נישט געהונגערט, אָבער אַפילו אַ העלפט כבוד פון דעליטשן

נישט באַקומען. ווי ס׳ווייזט אויס, איז ער מערער ווי אַן אַלטערטום־פאָרשער אַ צופּאַסלער, אַ מקורב פון אַלע רעפּאַרמאַטאָרן. אַלע יאָרן וואָס איך לייען אין צייטשריפטן דעליטש, דעליטש, ביז אַן אַ סוף, געדענק איך דעם יונגן עגיפּטאָלאָג, וועלכער האָט חתונה געהאַט, אַ דאַנק דעם צווייפלהאַפטן בר־מינן, מיט דער טאָכטער פון דעם קאָמערצראַט. אמת דעליטש וועט נישט חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ קאָמערצראַט, און נישט ווערן קיין שותף פון אַ באַנק, אָבער זיין אַריינקומען אין די הויכע ערטער מיט זיין „בבל״, זיינע שטענדיקע מאָלצייטן אין דער געזעלשאַפט High-Life, זיינע ווערק וואָס ווערן פאַרקויפט ווי די דערציילונגען וועגן דרייפוסן בשעתו, זיינע רייזעס, ווי איינע פון די פּרימאַדאָנעס, פאָרצוטראָגן קאַפּיטלעך, זיין סטיל, אַ סטיל פון פּראָספּעקטן, — די אַלע זאַכן צוזאַמען שוואַכן אָפּ אין אונדז די זיכערקייט אין דער טיפער באַטראַכטונג, אין דער גייסטיקער באַהערשט־קייט, אין דער געלאַסענער באַהאַנדלונג און אין דער פּרעציזקייט פון די זאַכן.

און דער צווייטער פּגם, רבותי, איז — וואָס דער זון פון דעם פרומען קריסט פראַנץ דעליטש איז ווירקלעך געכאַפּט אין דעם וואָס מע רופט אַנטיסעמיטיזם, און לויט מיר נאָך איז דאָס אַן אַנטיסעמיטיזם פונעם סאַמע נידעריקסטן און סאַמע געפערלעכסטן סאָרט. איך וועל זיך נישט רייסן די האָר פון קאָפּ, ווען מע וועט מיר, למשל, זאָגן, אַז אברהמעלע פּאָק איז נישט קיין לייטישער מענטש, ווייל ער באָרגט געלט פּויערים אויף אַ הויכן פּראָצענט, אָדער אויב מע וועט אין אונדז געפינען פעלערן די אָדער יענע — וועל איך נישט פאַרצווייפלט ווערן.

ס׳איז אָבער דאָ אַן אַנדער סאָרט אַנטיסעמיטיזם: דער ייִדישער גאָט איז אַן אַכזר, אַ שרעקלעכער, אַן אַפּיטרופּוס פון איין איינציק פאָלק, אַ געשווירענער צו פּאַרטיידיקן איין איינציקן שבט; דער אַלטער טעסטאַמענט איז אַ בוך פון האַרבע און באַרבאַרישע געזעצן און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער, זע וואָלטער, זע דירינג, און נאָך.

איך געדענק, אַז דער פּוילישער שרייבער אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי האָט מיך אייניקע מאָל מכבד געווען אין דער „פּראַוודאַ״ מיט אַזעלכע סאָרטן זיסיקייטן. אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי איז איינער פון די בעסטע פריידענקער און פון די פאַנטרעגער פון דער אויפקלערונג אין דער פּוילישער ליטעראַטור, — אָבער אַזעלכע זענען זיינע געדאַנקען בנוגע דעם יסוד פון די ייִדן.

און כ׳געדענק, אַז ווען כ׳האָב געשריבן דעמאָלט אויף אַ פרעמדער שפּראַך קלאָרע דיבורים, האָבן עטלעכע ייִדעלעך אויף מיר געצאָרנט. הייִתכן?

שוויענטאָכאָווסקי! צי פּאַסט זיך עס צו אים אַזוי צו רעדן? ער איז דאָך אַזוי ליבעראַל! און ער האָט זיך דאָך קעגנגעשטעלט די פּאָגראָמען!

די־אָ ייִדעלעך, אַפילו ווען די ליבעראַלן וועלן זיי שפּייען אין פּנים, וועלן זיי זאָגן, אַז בלויז אַ רעגן שפּריצט זיי אין פּנים.

דאָס פּנים פון די ייִדן איז — די תורה און די נביאים, זייער אוראַלטע קולטור, די ירושה פון זייערע אָבות, די פאַרקערפּערונג פון זייער וועזן, דער סימבאָל פון זייער נשמה־אידעאַל, דער מוסטער פון זייער נשמה־שטרעבונג, — און אַז מען איז אין אָט־די פּוגם, איז מען עוקר־מן־השורש דעם עיקר.

און אָט קריכט דעליטש אַרויף אַ ביס צו טאָן די תורה און די נביאים. ער וועט נישט איינוואַלגערן די דאָזיקע גיגאַנטישע דענקמעלער; ער בייסט מיט די ציין דעם מאַרמאָר פון דעם פּאָסטומענט. אַ האַרטער מאַרמאָר, הער פּראָפעסאָר! און וויפל ציין זענען שוין אַרויסגעפאַלן, בייסנדיק אים! און אַז עמעץ וועט זיך אַנידערשטעלן, למשל, ביים אייפלטורעם אין פּאַריז און בייסן דאָס אייזן אין אַ ווינקל זיינעם — וועט דער טורעם איינפאַלן? און אַז עמעץ וועט פּרוּוון בייסן מיט די ציין די פּיראַמידן — וועלן זיי איינפאַלן?

נישט דאָס איז די פראַגע, אָבער — דאַמען און הערן! אויב דעליטש האָט זיך מיט אַזאַ כוונה אַראָפּגעלאָזט אין די בבלער היילן, צי קאָנען מיר זיך נאָך אויף אים פאַרלאָזן?

דאָס איז דאָך ווי ראַלינג בנוגע דעם תלמוד. נאָך ווייניק וואָס ער איז אַ בורילע און אַן עם־הארץ, נאָר ער איז אויך אונטערגעקויפט צוליב זיין ציל. ער וועט תמיד אויסגעפינען דאָס וואָס ער וויל געפינען. ער איז אַ פּאָדריאַ־טשיק, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן ציגל, אָדער שטרוי, און דעסטגלייכן. זאָגט זיך אָפּ פון יעדער האָפענונג... אויפן אמת — איר, וואָס קומט אַריין... אין דאָזיקן געביט!

צי האָט איר פאַראיבל אויף מיר, לייענערינס און לייענער, וואָס איך האָב געמאַכט אַ גאַנצע דרשה אויף שבת־הגדול דורך דעליטשן? נישט איך בין שולדיק דערין, נייערט יענע, וואָס פּייניקן מיך, שוין וויפל חדשים, לאָזן מיך פשוט נישט לעבן, — יעדע זייט פון אַ ייִדישער צייטשריפט, זאָל זי הייסן: „יוד' פּרעססע", אָדער „יודנטהום", אָדער „איזראַעליט", אָדער אַן אַנדער „איזראַעליט", אויף זיבעציק לשונות, אין הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות — דעליטש און דעליטש!

כ'האָב שוין אויפגעהערט צו לייענען, בלויז געמאַכט זיך אַ סטאַטיסטיק: הונדערט און זיבעציק לייטאַרטיקלען, הונדערט און זיבעציק פעליעטאָנען,

הונדערט און זיבן און ניינציק גלאַט מאַמרים. ריבונו־של־עולם! ביי וועמען די געדאַנקען האָבן זיך נישט צעמישט, ווי אייער געשלאָגן אין אַ שיסל, בין איך זיכער, אַז ער וועט שוין קיין מאָל נישט אַראָפּ פון זינען.

מ׳האָט געשריבן צען מאַמרים — האָב איך געשוויגן; ס׳האָבן געמויל־מלאָכהוועט די פעליעטאָנען — איך שאַ־שטיל; נו, האָב איך זיך געטראַכט: איך וועל אייך אָנשרייבן איין מאָל, אַז די ליפּן וועלן אייך איינטריקענען פון זאָגן: גענוג שוין, גענוג!

רב לייזער יאַשינאָווקער פלעגט זאָגן: ס׳איז נישט מיין שטייגער צו צאָלן ראַטעווייז, נאָר מיט אַ מאָל אין גאַנצן. אום חנוכה: איין ליכטל, צוויי ליכטלעך, מע גיט אָלץ צו ביז אַכט; און אין ספירה: איין טאָג אין עומר, צוויי טעג, דריי טעג און אַזוי ווייטער. איך בין זיך נישט נוהג אַזוי: כ׳וואַרט ביזן סוף, וויפל קומט דיר? אַכט ליכטלעך. נעם איך און צינד אָן! און ערב־שבועות פאַרענדיק איך דעם חשבון פון ציילן דעם עומר.

אַזוי האָב אויך איך געטאָן: נישט טריף־טריף, נייערט מיט איין מאָל! אָט דער דעליטש איז געלעגן אויף מיר ווי אַ מילשטיין, איז געקומען די צייט פון אים פּטור צו ווערן, און כ׳טו אַ נדר, אַז כ׳וועל מער נישט רעדן וועגן אים, אַפילו ער וועט אַנטדעקן, אַז תתק״ט אלפים יאָר פאַר דעם וועלט־באַשאַף האָבן די בבלער אויסגעקריצט אויף ציגל אַפילו אַ... הכשר אויף טיי.

[ה]

תוך־כדי־דיבור בין איך זיך מתיר דעם נדר און גיב נאָך צו אַן „עיקר שכחתי״, אָבער נישט וועגן דעליטשן, נאָר בנוגע די מרנן־ורבנן, „פון אונדזער גלויבן״, די איזראַעליטן פון מערב און אַזוי ווייטער.

איך שפּיר אַ טיפן צער־בעלי־חיים, צוקוקנדיק די זעלישע יסורים פון אַ ייִדן פון דעם „יודנטהום״, וועלכע פאַרמאָגן נישט מער ווי אַ געדעכעניש פון דעם אַלטן ייִדנטום און זיינע זכותים, און ס׳קומט אַ רייזנדער און וואַרפט איין דעם גאַנצן פּאַלאַץ!

כדי פּטור צו ווערן פון די־אַ יסורים היינט און להבא — איז פאַראַן איין עצה: אַ ייִד מוז זיין אַ זון פון זיין פאָלק, און דעמאָלט וועלן אים קיינע ווינטן אין דער וועלט נישט אַוועקרירן פון זיין אָרט. אַ סך מאָל האָבן מיר אַליין אָפּגעלאַכט פון יענעם סאָרט ציוניסטן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון דעם, וואָס די לעצטע פּאָסט טיילט מיט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. און איר זענט נידעריקער פון זיי: איר זענט אָפּהענגיק פון דער לעצטער ווערסיע פון אַ געאָלאָג און פון לעצטן ציגל, וואָס וועט אַנטדעקט ווערן אין בבל!

איז נישט ריכטיק דעליטשעס ווערסיע — האָט איר דאָס רעכט אויף קיום; איז זי ריכטיק — טוט איר אַ פאַל אַראָפּ...

נישט אַזוי איז דער קוק פון אַ לעבעדיק פאָלק. איר זאָלט אונדז נישט חושד זיין, אַז מיר שעצן גרינג די אַלטערטום־פאָרשונג! האָט אַ רייזנדער אויסגעפונען נאָך אַ באַוויז, אַז מיר האָבן געהאַט אַ גלאַנץ־תקופה אין אַלטערטום, האָט אַנטדעקט אַ װעלכע מומיע, אַ װעלכע אויפשריפט, מהיכי־תיתא! מיר הערן עס, ווי מע הערט פאַרצייטישע זאַכן, און חשובע מחמת זייער פאַרצייטישקייט. האָט ער נישט אַנטדעקט, אָדער אַנטדעקט דעם היפוך דערפון — הערן מיר אַזוי ווייט נישט אויף צו זיין ייִדן, ווי ס׳וועט נישט דער דייטש, אָדער דער פראַנצויז אויפהערן צו זיין דאָס וואָס ער איז, אויב אַן אַלטערטום־פאָרשער האָט אויסגעפונען, אַז דע הונני פּאַמפּעדיקל איז געװען דער לערער פון דעם רוימער ציצעראָ.

מיטן לשון פון פשוטע מענטשן װעלן מיר אייך זאָגן: אויף טויזנט כפרות דאַרפן מיר אייערע הסכמות וועגן אונדזער געשיכטע, אָדער וועגן אונדזער ראַסע. מיר עקזיסטירן דאָך, נישט אין דער טיף פון דער ערד, נאָר אויף אָט דער ערד און דער זון אַנטקעגן. הערן געאָלאָגן! איר מאַכט נישט קיין סעקציע אין אַ טויטן קערפּער, בייערט איר שניידט, ווי שיילאָק, אַ פונט פלייש פון אַ לעבעדיקן גוף! אויב איר וועט דערווייזן מיט אייערע פּילפּולים, אַז די זימזומים, למשל, האָבן נישט עקזיסטירט ווי אַ פאָלק, נאָר געשטאַמט פון די חיתים, אָדער אַז די בבלער האָבן געטאָן אַזוינס און אַזעלעכס — וועט קיינער פון די זימזומים און קיינער פון די בבלער נישט אַרויסטרעטן צו פּראָטעסטירן קעגן אייך. אויף זייער חשבון קאָנט איר דערציילן „אויפן הימל אַ יאַריד״, אָבער מיר — ס׳איז דאָ אַ ראַסע, נישטאָ קיין ראַסע, די מאָס פון אונדזער שאַרבן איז אַזעלכע, אָדער אַן אַנדערע, ס׳געפינט זיך די אויפשריפט אין מואב און אַן אַנדערע אין מצרים, אוי, בטלנים, לאָזט איבער מואב און מצרים, און קומט אַריין אויף איין הויף אויף פראַנציש־קאַנער גאַס אין אונדזער שטאָט, וועט איר דאָרט זען... אַנדערע ייִדן.

קומט אין דער סדר־נאַכט, וועט איר זען די ייִדן ביים סדר, פון מצרים ביז היינט — דאָס איז געשיכטע!

ביים זיידן

א שטיקל פאַרעדע וועגן יידישער קונסט און קינסטלער

צי איז געווען פאַראַן עפּעס אַ שייכות, פאַרצייטנס, צווישן אַ בעל־מחבר און אַ מאַלער? אַ פאַרצייטישער בעל־מחבר איז געווען אַ ייד אַ למדן, אַן אָפּגעהיטענער, ס׳רוב אַ ייד, וואָס האָט געהאַט טעכטער אויסצוגעבן, און אַ מאַלער — אַ פּראָסטאַק, וואָס דאַוונט צו השכמה, די בגדים פאַרשמירט, אַ ביסל קורץ געקליידעט, גאָר קיין זיווג נישט.

דערנאָך איז געקומען דער משכילישער בעל־מחבר און דער מאַלער, אויך נישט קיין מחותנים. דער ערשטער — אַן אַפּיקורס, אַ שטיקל חקרן, לאַנגע, געקרייזלטע האָר, אַ קאַלטער אבן־עזרא־מענטש, אַ היטעלע אויפן קאָפּ, די הויזן איבער די שטיוול, חציו להי׳ וחציו לעזאָזל — און דער מאַלער, אויב ס׳איז פאַראַנען געווען איינער, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט שטודירן מאָלן — צי ער האָט זיך אויסגעלערנט, צי נישט, איז דערווייל געוואָרן אַ גוי גמור.

אין דער משכילישער עפּאָכע איז געווען איין קאַטעגאָריע, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקל צוזאַמענהאַנג מיט מאָלערס: די קאַטעגאָריע פון מושלמים!

ווייסט איר וואָס אַ מושלם איז? איר מישט אַוודאי אויס דעם מושלם מיטן משכיל. דאָס איז נישט ריכטיק. דער מושלם איז געווען פריִער פאַרן משכיל, דער מושלם מוז קענען לערנען און דקדוק, און טאַקע אַ שטיקל אבן־עזרא, און אַ ביסל שפּראַך, און אַ קאַפּ מאָלן, און אַ ביסל שניצן, און טייל מאָל מוז ער זיך קענען אַפילו אויף אַ זייגער.

די מושלמים־עפּאָכע איז געווען אונדזערע ענציקלאָפּעדיסטן־עפּאָכע, און אַזוי ווי פון ענציקלאָפּעדיסטנטום איז אַרויסגעקומען ביניהם „אויפקלערונג״, איז ביי אונדז פון מושלימימטום אַרויסגעקומען השכלה.

דער מושלם האָט יאָ געהאַט אַ שייכות מיטן מאָלער, אָבער נישט פיל מער ווי מיטן זייגערמאַכער. דער מושלם האָט דעם ספּעציאַליסט באַטראַכט פאַר אַ פּראָסטן באַלמעלאָכע און דער ספּעציאַליסט אים — פאַר אַ „יונגנמאַנ־טשיק״, וואָס האָט אַ שטיקל ידיעה, אָבער ער ווייס דאָך נישט, ווי מען מאָלט אויף אַ הירשעלע, אָדער ווי מען פאַרריכט אַ זייגער.

און דאָך זענען געווען געוויסע באַרירונגס־פּונקטן צווישן דעם יידישן

בעל־מחבר, איך מיין, דיכטער, און צווישן דעם ייִדישן — ווייס איך, ווי איך זאָל דאָס רופן? מילא, זאָל זיין: קינסטלער.

דער, וואָס האָט געשריבן דעם פּיוט, און דער חזן, וואָס פּלעגט אים זינגען.

דער, וואָס האָט געשריבן מצבות, און דער מצבה־קריצער.

אַ שטענדיקע מלחמה צווישן דעם פּייטנס עברי און דעם חזנס קאָלאָראַטור, שטייגער.

באַקאַנט איז דער אַנעקדאָט, ר׳ יעקב עמדין האָט אַ מאָל געהערט אַ חזן אָפּדריידלען דעם „השכיבנו״, „ושמור צאתנו ובואנו״, איז אים, דורך פיל שטייגער, אויסגעקומען: ושמור צאָתנו, דערויף האָט ר׳ יעקב עמדין געגעבן אַ הילך מיט אַ דונער־קול פון זיין שטאָט צום חזן: וכסית את צאָתך!

נאָך איין עלטערער אַנעקדאָט איז באַקאַנט וועגן רבינו תם, אַז ער האָט אַ מאָל געהערט אַ חזן זינגען: את יום חג... הזה ואת יום המנוח הזה (אַנשטאָט יום המנוחה), האָט דער רבינו־תם צו אים געזאָגט, מיט אַ פיינער אַלוזיע אויף אַ מאמר פון תלמוד: מנוח עם הארץ היה.

אָבער דאָס פאַרדרייען איז נישט געווען מכח עם־הארצות, ניין, ס׳רוב איז דאָס געווען: מען האָט דער קונסט געאָפּפערט דעם טעקסט. דער ווירטואָז, דער חזן, פלאַם־פייער פון זיין געפיל, באַוועלטיקט פון זיין קול, ניתפעל פון ניגון — איז בשעת־מעשה דער עכטער קינסטלער. אים איז וויכטיקער זיין מוזיקאַליש געפיל ווי דער פירוש־המלה. צי איז דער אָרט דערפון אין שול, איז אַ באַזונדערע שאלה. אַוודאי, האָט אַ פאָלק געברויכט צו האָבן מוזיק באַזונדער און גאָטס עסקים באַזונדער — ביי אונדז איז דאָך אָבער אַלץ אויסגעמישט, אָרעם, קליין, חושך.

און ביי דער מצבה — אַ קלאָג צו אונדזערע קונסט־דערשיינונגען — זענען ביידע דיכטערס: דער, וואָס שרייבט און דער, וואָס קריצט. דער קריצער, אויב ער איז אַ קינסטלער, איז דאָס אויך אַ פּאָעזיע. און די ביידע קאָנען זיך קיין מאָל נישט אויסגלייכן.

אַ מאָל ווערט דאָס אין איין פּערזאָן: שרייבער און קריצער. כמה פאַמיליעס „שטיינשניידער״ זענען געווען פון דעם מין.

פון דעם סופר האָט זיך געקאָנט אַנטוויקלען אַ קונסט, ווייניקסטנס אַ קליין־קונסט, די קליין־שרייבעריי. זי האָט זיך אויך אַ ביסל אַנטוויקלט. ווען נישט מען זאָל דאָס סופרישקייט אַזוי באַזאָלבן און באַהייליקן, וואָלט אפשר געוואָרן דערפון אַ רעכטע קונסט. נאָר ס׳איז געשען ווי אין ביצאַנץ. מען האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל געפּסקנט, אַז די הייליקע בילדער מוזן אַזוי און אַזוי אויסזען. נישט אַ האָר אַנדערש. דערמיט האָט מען געממיתט די רעליגיעזע מאָלעריי — ווי אַ „סוויאַטוי״ האָט אויסגעזען פאַר 400 יאָר, ווערט

ער געמאָלט שטענדיק — נישט אַנדערש. עס איז אַזוי, ווי מען באַלזאַמירט אַ פּאַלמע. איר האָט דאָך געזען באַלזאַמירט פּאַלמעס־מומיעס, ס׳פעלט נישט אַ האָר, נאָר דאָס לעבן.

מען זאָל געבן פרייהייט, וואָלטן פון די תגין געוואָרן, ווייניקסטנס, אָראַ־בעסקען. ס׳איז אָבער נישט געווען דער קאָפּ דערצו. דאָס זאָל זיין די גרעסטע זאָרג, וואָס פון תגין זענען נישט געוואָרן קיין אַראַבעסקען. איך מיין, אַז אַפילו היינט גייט עס אויך אַריין אין דער לינקער פּאה, צי עס זענען יאָ געוואָרן, צי עס זענען נישט געוואָרן אַראַבעסקען, צי די קרוין פון די זיילע, דאָס „קאַפּיטל" האָט זיך אַנטוויקלט פון „יאָנישן" צי „קאָרינטישן" — אָדער נישט.

אַ שטיקל ברויט גיט, אַ טפח ערד, אַ קאָפּ אַוויר!

און אַזוי ווי מיר זענען היינט פּאַרדרייט, פּאַרדולט, נערוועז, פּאַרטומלט פון רעוואָלוציע, אַזוי זענען יידן געווען הונדערטער, הונדערטער, יאָרן מיט גזירות און מיט גירוש אַהין און אַהער.

די קונסט ברויכט עשירות! איר וועט דאָך אוודאי פרעגן: איז עפּעס יענער מאָלער אַן עושר? אָסור, אַ קאָפּיקע אין קעשענע! אָבער איר ווייסט נישט, אַז די קינסטלער מאַכן פון אָרעמקייט אַ „באָהעם", אַ ציגיינעריי, אַ לוסטיק, באַשימחהטן דלות, וואָס איז רייכער פון ראָטשילדן.

אַ גרינגן קאָפּ מוז מען האָבן, אויב נישט אַ שווערן בייטל.ביידע צוזאַמען: אָרעמקייט און ערנסטע געזעצטקייט זענען נישט קיין באָדן פאַר קונסט.

און מיינט נישט, אַז יידן זענען טומטומס אויף קונסט, ווייל ס׳שטייט אַזוי אין די הייליקע ספרים. די הייליקע ספרים האָבן דאָך אויך יידן געשריבן, און ס׳איז פאַראַנען פאַרשיידענע, איינס איז נישט גלייך צום אַנדערן, און די צייטן פלעגן זיך ענדערן און די יידן פלעגן זיך ענדערן. אַ ביסל געלט, און אַ ביסל אַ גרינגער קאָפּ פלעגט אָנצוהייבן שפּראָצן יידישע שיינקייט, לוקסוס מיט געשמאַק, שיינע, טייערע דרוקן, שיינע קידושין־פינגערלעך, שיינע גרויסע שולן מיט שניצעריי, מיט גרויסע זיילן.

און ווידער געוואָרן צרות: טייל רייכע פלעגן זיך אויסשמדן, און דאָס פאָלק איז פאַרקראָכן אין מויזלאָך אַריין, און אַלץ איז געוואָרן פאַרוואָרלאָזט און מיאוס פאַר אָרעמקייט, פאַר שווער געמיט, פאַר קאָנקורענציע: נישטאָ די שיינע דרוקן, נישטאָ די אַלטע עטרות, נישטאָ די כסא־של־אליהוס־רענעסאַנס.

אַזוי איז געוואָרן אַ בעל־מחבר און אַ מאָלער, אַפילו דערנאָך די משכי־לישע — אויס מחותנים.

און עס טוקט זיך דער סופר אין מקווה, און דער יידישער מאָלער אין

וואַרשע איז פּ.פּ.ס., און אויס מצבה־קריצערס, און אויף דער מצבה שטעלט מען די פּוילישע דאַטע, און דערנאָך קומט מען און מען פאַרדרייט דעם קאָפּ אין קאָנצעלאַריע פון סינאַגאָגע, ווען עס איז יאָרצייט.

*

דאָך איז אַ ביסל אַנדערש געוואָרן. מען טרעפט שוין צוזאַמען אַ ליליען מיט אַ פּיוול, אַן אַש מיט אַ ניימאַן, און נאָך כמה וכמה.

און איך לויף אין רוים צו גליצנשטיינען, און זוך אין מינכען בוכבינדערן, און אין בריסל כאַפּ איך מיר אָוועק פון דער קאָנפערענץ און לויף אַרונטער צום גרויסן יידישן סקולפּטאָר שאַרל סאַמיסט, וואָס אַפילו אין „אָסט און וועסט" איז נאָך גאָרנישט געשטאַנען וועגן אים.

זאָגט, וואָס איר ווילט! עס האָט זיך געפונען עפּעס אַ זאַך, וואָס דער־נענטערט דעם יידישן שריפטשטעלער מיט דעם יידישן קינסטלער, אַפילו ווען דער ערשטער שרייבט נאָר וועגן דער וועלט, און דער לעצטער מאָלט נאָר די וועלט.

ווי דאָס הייסט? זאָלן עס די וואָרט־מאַכערס אָנרופן. ווי אָדם הראשון, וואָס האָט געגעבן נעמען איטלעכע חיה און בהמה. אָבער פאַר דעם נאָמען עקזיסטירט דאָך די זאַך. רופט עס אָן: ראַסע, נאַציאָנאַליטעט — עפּעס איז פאַראַנען אַ זאַך, וואָס פאַראייניקט, ווען די צערייסערס זאָלן זיך אַפילו שטעלן אויפן קאָפּ.

אין ברייטן יאַדן־שטראַט אין אַמסטערדאַם האָב איך געהערט אַ נייעם סימן: אַלע יידן רייכערן שטאַרקערע ציגאַרן. סטאַטיסטיש־פאַקטיש באַוויזן. מילא, אַז אַלע סימנים וועלן בטל ווערן, וועט נאָך דער סימן בלייבן. זאָל זיין שטאַרקערע ציגאַרן, פאַרט אַ סעפּאַראַטיזם.

און איך גיי צום זיידן, צום אַלטן רבין, צו איזראַעלסן אין האַאַג. פּשוט, ווי אַ חסיד גייט צום אַלטן רבין, מיט דבקות, מיט דרך־ארץ. אַ קלייניקייט, דער אַלטער רבי? יין־המשומר, דאָס יוסטקייט פון אַ ראשון, דער אור הבהיר, דער פונדאַמענט.

און מיינט איר אפשר, אַז ביי קונסט איז אַנדערש? ייִנגלווייז האָב איך געהערט צווישן חסידים, אַז רוח־הקודש איז פאַראַנען נישט דווקא אין די תורות, נאָר אַפילו אין די ניגונים. מילא, אויב ס'איז דאָ רוח־הקודש אין די קולות, וואָס ברומען און דונערן און גיסן זיך און זענען זיך מזדווג אין דעם הייליקן זיווג, וואָס מע רופט אים: האַרמאָניע — אפשר איז פאַראַנען דער זעלבער רוח־הקודש אין די פאַרבן, וואָס לייכטן און פינקלען, און ברענען און פלאַקערן, און רעדן ווערטער? איך וויל גיין צו דעם אַלטן רב פון מאַלעריי, צו דעם בעל־שם פון פאַרב, צו דעם בעל־הנס פון מאַכן מופתים

מיטן פענדזל, און תורות־זאָגן און ניגונים־זינגען און מאכלים באַשאַפן מיט אַ מין ווונדערלעך גאונישקייט אויף אַ שטיקל לייוונט.

אַ גילגול פון בצלאלן, אַ רבי, אַ מקובל פון „תפארת", אַ גוטער ייִד פון שיינקייט, אַ גדול־הדור פון עולם־הקונסט, אַ תכשיט פון לאַנד, פיל מאָל געוואָרן צעקאָכט, צעפלאַמט, נבהל ומשתומם, טייל מאָל צוגעדריקט עד שאול־תחתיה, און טייל מאָל דערהעכערט ביזן זיבעטן הימל, זיך איינקוקנדיק אין זיינע מייסטערווערק, וואָס די וועלט שפּיגלט זיך אין זיי; באַקאַנט מיט זיין גאַנג, מיט זיין שטייגער השגה, מיט זיינע השבעות און צרופים, וואָס ער איז משביע און מצרף ליכטער און שאָטנס, פאַרבן, האַלבע, פערטל, צענטל־פאַרבן, מיט ניצוצות. איצט וועל איך אים זען: דעם אַלטן, דעם חד בדרא פון ייִדישע קינסטלער.

און זיך געקליבן צו אים טאַקע ווי נטע־נח ווישעגראַדער פלעגט אַריינגיין אין קאָצק, מיט אַ התלהבות, מיט אַ באַגער, מיט אַ בענקשאַפט. אָבער האַאַג איז נישט קאָצק, און אַן אַדרעס־בוך ברויך מען, און איך בעט ביי דעם פּאָרטיע אין האָטעל אין אַמסטערדאַם אַן אַדרעסבוך פון האַאַג. ער זוכט און פרעגט מיך הייזעריקערהייט (האַלב אַמסטערדאַם איז אַן אַ קול סוף שבט, ווען עס רעגנט איבער די גראַכטן און קאַנאַלן) ווען ברויך מיין הער אין האַאַג.

— איך וויל וויסן — זאָג איך — דעם אַדרעס פון איזראַעלס.

— איזראַעלס — לאַכט ער הייזעריקערהייט — דער אַדרעס פון איזראַעלס! ווער ווייס נישט איזראַעלס? אונדזער איזראַעלס. דער קליינער, דער אַלטיטשקער, דער גרעסטער פון דער מדינה, וואָס מען האָט באַצאָלט 35,000 הולדן פאַר איין שטיקל געמעל זיינס, איטליכעס קינד אין האַאַג וועט דיר וויזן דעם אַדרעס!

און איך האָב מיך געוואָלט אַריינלאָזן אין אַ וויכוח וועגן „אונדזער" איזראַעלס. וואָס עפּעס „אונדזער"? מיט אייך חזרים געפּאַשעט? פון די שיפערס קומט ער אַרויס? פון די „קעז־מאַכערס"? איך בין אָבער געווען אַזוי צופרידן פון דער פּאָרטיע, אומות העולם הסכמה, אַזש פשוט אַ מחיה.

— צו איזראַעלס אַן אַדרעס? אַ שטייגער פרעגן זיך אין אַדרעס־ביוראָ, ווו וווינט די לבנה.

און אַוועק בין איך קיין האַאַג מיט דער אינפאָרמאַציע, און געפאָרן אין טראַם, און געשטאַנען ביים שמייסער, און געגעבן אַ פרעג דעם שמייסער, אויב ער ווייס נישט, ווו איזראַעלס וווינט.

אַוודאי ווייסט ער: קעניכן־גראַכט, דעם נומער ווייס ער נישט, אָבער אַ ווייס הויז, און קינדער וועלן וויזן.

אַראָפּ פון טראַם און זיך אַריינגעלאָזט אין אַ דיסקורס מיט קינדער. אוי, ווו נעמט מען עספּעראַנטאָ?

אַפילו אַט דעם דאָזיקן איזראַעלס רעדט מען אַ ביסל אַנדערש אַרויס. ס׳איז אַן אַנדער חיתוך־הדבור, בפרט ביי קינדער. לייענען אַפילו די מאָדערנע ליטעראַטור — דאָס איז גאָרנישט. אָבער רעדן מיט קינדער אויף אַזאַ לשון אין אַ פרעמד לאַנד — אויף מיינע שונאים געזאָגט!

אוי, אַרויסגעקומען אויף קעניכין־כראַכט, און שלעפּ מיך אין די פּעטערבורגער מיטינג־קאַלאָשן (פּאַרטוישט אויף אַ מיטינג) מיט אַ פּאָרטפעל, וואָס וועגט אפשר אַ פּוד. אַ נס איז מיר געשען: דערזען אַ פּאָר יידישע פּנימער, צווײ ווייבלעך מיט אַ קליין מיידעלע, אויסגעזען ווי גייענדיק פון שול אויף טלאָמאַצקע אין וואַרשע. ס׳איז אַפילו נישט פּאַסנד דאָמען צו פאַרהאַלטן מיט אַ פראַגע וועגן אַן אַדרעס, מען קאָן כאַפּן אַ פּסק, אָבער די קאַלאָשן מיט דעם פּאָרטפעל האָבן געצווונגען.

— צי ווייסן זיי נישט, ווו איזראַעלס וווינט?

— פאַר וואָס זאָלן מיר נישט וויסן?

אָט זענען מיר דאָך אין דער היים. און געקומען בשלום צום ווייסן הויז, נישט קיין וואַשינגטאָן, נאָר אין „קעניכין־כראַכט" אין האַאַג.

איך זאָג אייך אַן אַלס פּראַקטיקער: שטענדיק קוקן אין אַדרעסבוך — און מיטן פּאָרטיע נישט זיין סענטימענטאַל.

אונטער דער באַנק

נישט איין מאָל האָט איר געזידלט און געשלאָגן, וויפל איר האָט אַליין געוואָלט, די, וואָס פאַרגנבענען זיך און פאָרן אויף דער באַן מיט פאַלשע, אָדער גאָר אָן בילעטן. מיר אָבער שטעלט זיך פיל מאָל פאָר אַזאַ שטייגער „גנב״, ווערלכן איך האָב אַליין נאָך באַשיצט, און ביז היינט נאָך באַדויער איך אים.

די מעשה איז געשען מיט פיל יאָר צוריק.

איך בין געפאָרן אויף דער באַן אין דריטן קלאַס. עס איז געווען אויף אַ וועג, ווו די געגנט אַרום איז אַלץ ייִדישע שטעט און שטעטלעך, און אַלע פאַרער זענען געווען אַחינו בני ישראל, סוחרים קליינע און גרויסע, שפּילי־טערס און גלאַט ייִדן, וואָס פאָרן ווער צו אַ רבין, און ווער אין אַן אַנדער שטאָט אַריין זוכן פּרנסה: אוי, איז דאָס אַ נסיעה! אַן ענגשאַפט, אַ גע־שרייעריי, אַ געפּילדעריי אַ געזידלעריי, און אַ געשפּאָטעריי, אַז איין גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען! דאָרט גייען נישט אָן די דינים פון שלי שלך: מיינס אָדער דיינס, אַפילו וואָס אָנבאַלאַנגט אין דיינע אייגענע אברים. דו ווערסט געקוועטשט, זיצנדיק, און געשטופּט שטייענדיקערהייט. און טאָמער טרעט דיר איינער אָן אויפן פוס און טרעפט דיר, ווי להכעיס, פונקט אויפן בעסטן אָרט, אויף די נאַגניאָטקעס פון די שפּיץ פינגער, אַז עס פלאַקערט דיר אַזש אין האַרצן — ווייסטו אַפילו קיין פּשעפּראַשאַם, אָדער פּאַרדאָן נישט הערן; דו מוזט נישט ווילנדיק — אַפילו ווען דו רייכערסט נישט און האָסט דיר שוין אויסגעזוכט אַ „ביע־קוראַשצי וואַגאָן״ — אין דיר איינשנעפּן דעם רויך פון אַ ליולקע, אָדער פון אַ „טראָטואַר־ציגאַר״, וואָס יענער בלאָזט דיר גלייך פון זיינעם אין דיין מויל אַריין; היינט די קאָסטנס, די קויבערס, די פּעק און די זעק — די פאַרצאַמען דיר גלאַט דעם וועג, זאָלסט נישט קאָנען נישט אַהער און נישט אַהין.

נאָך פיל מי איז מיר געלונגען צו פּאַקן אָן אָרט נעבן פענצטער. דאָרט איז מען, אַמווייניקסטן, זיכער מיט איין זייט: מיט דער זייט, וואָס נעבן דער וואַנט, זאָל נישט ליידן קיין שטורכען און שטויסן, און צו קאָנען איבער־הויפּט אַ ביסל פרישע לופט אָטעמען, אַראָפּלאָזנדיק דאָס פענצטערל פון וואַגאָן. אָבער קוים האָב איך נאָר־וואָס אַרונטערגעלאָזט דאָס פענצטערל ביז אין דער העלפט, איז איינער צו מיט אימפּעט פון דער אַנדערער זייט

וואַגאָן, נישט באַמערקט צי טרעט ער אויף מענטשן, צי אויף געפּעק, און מיט כעס צוריק עס פאַרמאַכט.

— עס זיצט דאָרט אַ פרוי מיט אַ קראַנק קינד! די שלעכטע ענגע לופט און דער רויך איז פאַרן קינד פּראָסט סם־המוות! זאָל אַ ביסל דער עיפּוש אַרויס! לאָז אַריין אַ ביסל ריינע לופט!

און דער גאַנצער עולם האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ וואָלף צווישן אַ סטאַדע שעפּסן, ווי איינער, וואָס טוט די גרעסטע עוולה. נאָר לאָז זיין אַזוי, אָבער צו האַלטן מיינע פיס אונטערן באַנק, אונטער מיין שטיקל פּלאַץ, ווו איך זיץ, קאָן מיר, דאַכט זיך, קיינער שטערן.

און מען שטערט מיר נישט... אָבער קיין אָרט איז נישטאָ. אויך דער „אונטער דער באַנק" איז פאַרנומען. איך קאָן קיין פוס נישט אַרונטערשטעקן. איז דאָרט מיט פּעקלעך פאַרפּולט? וועל איך זיי קאָנען אַוועקרוקן אין אַ זייט! און איך טאַפּ מיט די פיס: אַ גרויסער פּאַק, גרויס און רונד פאַרפּולט דעם גאַנצן „אונטער דער באַנק"! טאַפּנדיק מיט די פיס, האָב איך געשפּירט, ווי עס רירט זיך עפּעס. וואָס איז דאָס? און איך האָב מיך דערמאָנט, אַז עס געפינען זיך אויף פאַרבאָרגענע „אונטער דער באַנק"־פּאַסאַזשירן, און איך דענק: — אפשר ליגט דאָרט אַן אָרעמאַן, ער האָט נישט אויף קיין בילעט, און ער מוז פאָרן, עס גייט אים אום לעבן? אָבער אַן אָרעמאַן טאָר דאָך אויך נישט גנבענען. און אַ גנב דאַרף מען דאָך אַרויסגעבן, — עס איז אָבער נישט שיין צו זיין אַ מוסר. — נאָר טאָמער איז זיין באַהאַלטן זיך עפּעס אויך נישט גלאַטיק... עס איז אָבער פאָרט נישט אָרנטלעך צו זיין אַ מוסר... דער דין זאָגט: כאַפּ אים, גיב אים אַרויס, די וועלט אָבער פירט זיך נישט אַזוי, און ווער ווייס אויב אַ מינהג איז נישט שטאַרקער פון אַ דין? די דינים קומען דאָך אויך נאָר, אייגנטלעך, אַרויס פון די פריִערדיקע מינהגים...

ווער עס קלערט אַ סך, דער טוט גאָרנישט.

איך זיץ און היט זיך, נישט אָנצורירן מיינע פיס אין לעבעדיקן באַגאַזש פון „אונטער דער באַנק". אַך, וואָלט איך קאָנען עפּעס אַ מין כישוף מאַכן, ער זאָל נעלם ווערן... און דאָס האַרץ טוט מיר שרעקלעך וויי! אונטער דער באַנק וואָס איך זיץ אויף איר, ליגט אַ מענטש צונויפגעוויקלט און צונויפּ־געקאָרטשעט, אַ מענטש, אַזוי ווי איך! און שיִער האָב איך אויף אים גע־טראָטן מיט מיינע פיס, ווי אויף בלאָטע און מיסט! זאָל איך אים אָפּירנעמען און באַצאָלן פאַר זיין בילעט? טאָמער שאַד איך אים נאָך? טאָמער מוז ער זיין באַהאַלטן? און ווי אַזוי פאַרשעמט מען דאָס אַ מענטשן! און רעדן צו אים האָב איך נישט געקאָנט.

די קאָנדוקטאָרן זענען אַריין אין וואַגאָן און איך הער, ווי דער לעבעדיקער

באַגאַזש טוליעט זיך נאָך מער איין, און נאָך זייער אַרויסגיין גלייכט ער זיך ווידער עטוואָס אויס.

מיד בין איך געוואָרן פון דער ענגער לופט, איך שוויץ פון דער גרויסער היץ און ענגשאַפט, עס דאַרשט מיך שרעקלעך! צום גליק זענען מיר צו צו אַ סטאַציע, די באַן האָט זיך געשטעלט און איך בין אַרונטער, אַ ביסל זיך אויסגלייכן און פרישע לופט איינאָטעמען. שטייענדיק אויף דער פלאַט־פאָרמע, האָב איך נאָך מער רחמנות געקריגן אויף דעם פון „אונטער דער באַנק", פאַר וואָס זאָל ער אויך נישט געניסן אַ ביסל ריינע לופט! ער קאָן דאָך פראַסט דערשטיקט ווערן דאָרט, ליגנדיק! נאָכן צווייטן קלונג — צום צייכן, אַז די באַן הייבט באַלד אָן צו רירן — בין איך צוריק אַרויף, אָבער מיין פלאַץ איז שוין פאַרנומען. איך האָב מיין רייזע־טעשל דאָרט געלאָזט ליגן צום צייכן, אַז דער פלאַץ איז פאַרנומען, אָבער וועלכער ייִד קוקט אויף אַזעלכע קלייניקייטן ?... אַ רויטער קרעמער מיט אַ לאַנגער קאַלטענעוואַטער באָרד, און גיי רעד מיט אים פון עטיקעט! ער האָט דעם רייזע־טעשל, חלילה, גאָר נישט געטאָן, נאָר אַראָפּגעלייגט עס אויף דער ערד און אַליין זיך אַנידערגעזעצט.

איך בין שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן און געקלערט אָנגעמען אים ביים קאָלנער און אַראָפּוואַרפן, ווי ער האָט געטאָן מיט מיין רייזע־טעשל. אָבער באַלד בין איך אָפּגעקילט געוואָרן און, אָנקוקנדיק דעם קרעמער, האָב איך צו זיך אַליין געלאַכט אין געדאַנק.

— אַ שיינער משל איז דאָס — האָב איך מיר צו זיך אַליין געוויצלט — דער רויטער קרעמער מיט דער קאַלטענעוואַטער באָרד ווייס נישט וואָס עטיקעט איז ? ער ווייס נישט, וואָס הייסט דרך־ארץ. אוווּאַ! געפונען אַ שטרוי אין אַ שטרוי־זאַק, אַ פעדער אין אַן איבערבעט! פאַר וואָס קעמט ער זיך נישט אויס זיין קאַלטענעוואַטע באָרד ? קולטור, קולטור! בין איך געשטאַנען קעגנאיבער מיין רויטן ברודער און געקלערט: צי וועל איך דעם נאָך מאַכן אַ מאָל פאַר אַ מענטש ? אים ? אָדער זיין זון ?

אָנגעלענט צו דער באַנק פון דער צווייטער זייט, בין איך געשטאַנען פאַרטראַכט. איך האָב שוין כמעט ווי פאַרגעסן אין דעם פון „אונטער דער באַנק". פון מיין רויטן ברודער מיט דער קאַלטענעוואַטער באָרד איז מיר קיין שלעכטס נישט געשען, נאָר דעם "שוכן־עפר", דעם פון „אונטער דער באַנק", יאָ. דער רויטער, אָנטאָפּנדיק מיט זיינע פיס דעם לעבעדיקן באַ־גאַזש, האָט געשפּירט ווי עס רודערט זיך עפּעס און האָט אָנגעהויבן מיט די פיס שטאַרקער צו שטויסן. און פון אונטער דער באַנק האָט זיך געהערט אַ מין קרעכצן. און דער סוד איז אַנטדעקט געוואָרן! דער ערשטער איז

געוועזן דער רויטער, וואָס האָט אָנגעהויבן טאַפּן אונטער דער באַנק מיט די הענט און מיט די פיס, און נאָך אים אַלע אַנדערע, וואָס זענען דערנעבן געזעסן און דערביי זיך געוויצלט און געלאַכט, נישט, חלילה, לשם מסירה, נאָר אַ ביסל זיך פריילעך צו מאַכן.

— עפּעס אַ לאַפּסערדאַק ליגט אונטער מיינע פיס, לאָמיר אים אַרויס־שלעפּן, — האָט דער רויטער געזאָגט צו אַ קריסט, וואָס איז געזעסן קעגנ־איבער אים, כדי פאַרצושטעלן זיך אַלס ערלעכן מאַן.

באַלד האָט מען דעם אומגליקלעכן אַרויסגעשלעפּט. עס האָט געשניטן ביים האַרצן אים אָנקוקנדיק. זיין פּנים איז געוועזן פאַרשמירט מיט בלאָטע פון שטויב און שוויס. זיין היטל און קאַפּאָטע מיט גרויסע פלעקן פון זאַמד, און איז געשטאַנען צעבראָכן, איינגעבויגן, פונקט ווי עס וואָלט זיך אים דאַכטן, אַז ער ליגט נאָך אַלץ אונטער דער באַנק.

— ווער ביסטו? וואָס איז דיין געשעפט?

אָבער ער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט.

אַ יידישער בחור פון בית־המדרש, אַן אָרעמער בחור, אַ יונגער — דאָס האָט מען דערקענט אין אים. און דאָס רעדל אַרום אים האָט זיך פאַרגרעסערט און פאַרברייטערט, און די יידן אַרום האָבן זיך אָנגעהויבן וויצלען. און וואָס איז, באמת, אַזעלכע יידן מער געבליבן, ווי דאָס ביסל וויצלען זיך?

— ער האָט זיך געקאָלערט גילגול־מחילות, און איז פּלוצלונג אויפגע־שטאַנען תחית־המתים, ווייס ער נישט, ווו ער איז אין דער וועלט.

— ער פאָרט אַוודאי אין אַ ישיבה אַריין און לערנט זיך מקיים־זיין: ועל הארץ תישן.

— לאָזט אים אָפּ! ווי זאָל ער רעדן, אַז ער פאָרט דאָ אַלס באַגאַזש?

און די קריסטן, וואָס זענען געוועזן אין דעם רעדל, האָבן אויך פון אים געלצעוועט, אָבער שוין מיט די הענט: איינער האָט אים געגעבן אַ ריס ביים אויער, איינער ביי דער פּאה, און גלאָט אים אָנגעהויבן וואַרפן אַהין און אַהער. דעמאָלט האָבן די יידן אָנגעהויבן שרייען:

— לאָזט אים אָפּ! שאַ, שאַ!

אויף דעם שרייען זענען אָנגעקומען אַ פּאָר קאָנדוקטאָרן. זיי האָבן אים געוואָלט נעמען, און איך האָב מיך צוגעשטופּט צו זיי, זאָגנדיק:

— ער איז מיין, מיין משרת, ניין, מיינס אַ קרוב, ער פאָרט מיט מיר.

— ער האָט דאָך נישט קיין בילעט!

— איך צאָל פאַר אים.

— עס קומט פון אים שטראָף, טאָפּלט, פאַר דער גאַנצער שטרעקע.

— איך צאָל.

— מיר וועלן אים אַראָפּנעמען צום נאַטשאַלניק, — האָבן זיי נאָך אַלעם געזאָגט — ער האָט זיך באַהאַלטן, און איר זאָגט, אַז ער איז אייערער אַ קרוב. האָט איר אים באַהאַלטן ? פאַר דעם איז מען פאַראַנטוואָרטלעך.

— אַז עס וועט זיין פאַר וואָס, וועל איך פאַראַנטוואָרטלעך זיין. דאָ האָט איר מיין בילעט, מיין פּאַספּאָרט, און געלט וויפל עס קומט.

און זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט.

דער בחור האָט זיין קאָפּ אויפגעהויבן. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגאָסן פול מיט טרערן, און וויינענדיק, האָט ער עפּעס געמורמלט. איך האָב פאַר־שטאַנען אַז ער דאַנקט מיר. אייניקע האָבן זיך נאָך געוויצלט, אָבער שוין שוואַכער. עס האָט אויף זיי געווירקט מיין אַרויסשטעלן זיך און איבערהויפּט מיין געלט געבן, און זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס.

*

דער, פון „אונטער דער באַנק", איז געווען אַן אָרעמער, חסידישער בחור פון אַ קליין שטעטל. ער איז געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אַריין זוכן וויסנשאַפט. זייער שווער איז מיר אָנגעקומען, איידער איך האָב דאָס פון אים אַרויסגעקראָגן. ער האָט זיך אויך פאַר מיר געוואָלט באַהאַלטן. „ער פאָרט נאָר דאָרט אַהין, ווייל דאָרט זענען אויך דאָ ישיבות און לומדים און, ער וואָלט וועלן לערנען אויך דאָס, וואָס אין דער היים לאָזט מען אים נישט" — האָט ער זיך פאַר מיר פאַרענטפערט.

אין יענע צייטן האָט זיך שטאַרק געוואָלט פאַרברייטערן די השכלה. מיר האָבן זיך גאַנצע טעג באַשעפטיקט צו דערלייכטן אַ ביסל די אויגן פון די פינצטערע „קנאים". עס זענען דעמאָלט אויך געווען נדבות און צייט דערצו, און איך האָב מיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דעם בחור.

נאָר קלערט נישט, אַז פון דעם „אונטער דער באַנק"־בחור איז אַרויסגע־קומען אַ מין גרויסער פּראָפעסאָר. ניין, ער איז, ליידער, געבליבן שטענדיק ווי „אונטער דער באַנק".

יעדער איינציקער מענטש שטרעבט און אַרבעט מיט אַלע כוחות צו קומען צו אַ מין צוועק. ער אָבער האָט קיין מאָל נישט געזוכט. ער האָט זיך געקוועלט, געאַרבעט נאָך איבער די כוחות, געזוכט און געשטרעבט, אָבער אָן אַ צוועק... אַלע מיינע קרעפטן האָב איך אָנגעווענדט דעם וועג אים אויסצוגלייכן, די אויגן אים צו עפענען, דעם קאָפּ אים אויפצוהייבן, אָבער אומזיסט איז געווען מיין אַרבעט, און ער איז שטענדיק געבליבן הינטער־שטעליק. זיין פריערדיק לערנען אָן אַ סדר, אָן אַ טאַלק, דאָס האָט אים פאַרדרייט די געהירן, און ער האָט זיך בשום־אופן נישט געקאָנט צוגעוווינען לערנען מיט אַ פּראָגראַם: אָנהייבן פון אלף און לערנען מיט אַ סדר ביז

תיו. וואָס פאַר אַ לימוד ער האָט אָנגעהויבן, האָט ער באַלד אים געוואָלט דערגרונטעווען אָן רעגעלן, אָן גראַמאַטיק, און איז דאַדורך געבליבן שטענדיק אָן אַ בילעט, אַזוי ווי אויף דער אייזנבאַן, אַזוי אויף זיין גאַנצער לעבנס־באַן.

אין זיין היים, אין זיין קליינעם שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, האָבן אים אַרומגעיאָגט פאַרשטעלטע מענטשן, און דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, האָבן אים נישט קיין מענטשן געיאָגט, נאָר רעגעלן און געזעצן.

— דו מוזט דיר אויסלערנען די לעקציע פון דאַנען ביז אַהער.

אָבער ער האָט עס באַין־אופן נישט געקאָנט אויספירן; אַ מאָל איז ער אַריבער צו ווייט און אַ מאָל צופיל צוריק געשטאַנען, און ווען נאָר דער לערער האָט אים אויסגערופן צו דער לעקציע, האָט אים שטענדיק דער בילעט געפעלט, און ער האָט געמוזט זיך באַהאַלטן אונטער דער באַנק.

פאַר זיינע אומרעגעלנדיקע מעשים איז ער, דאַכט זיך, קיין שטיקל ברויט נישט ווערט געווען, און דאָך האָב איך אים ליב געהאַט פאַר זיין שטרעבן צו וויסנשאַפט. וויסנשאַפט, אָדער השכלה — ווי מען האָט זי דאַן גערופן, איז ביי אים געווען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע. עס איז געווען זיין גאַנץ לעבן, זיין גאַנצע טרייסט, ער האָט קיין מאָל נישט באַדויערט, פאַר וואָס ער איז אַרויס פון זיין היים, ער האָט גאַנץ זיכער געוווסט, אַז ווי לאַנג ער וועט לעבן, וועט ער צו קיין שום צוועק נישט קומען. דאָך האָט אין זיין האַרצן געברענט אַ העליש־פייערדיקע ליבע צו וויסנשאַפט.

קיין שטאַרקע פעיִקייטן האָט ער אויך נישט געהאַט, קנעלן האָט ער נאָר געקענט, אַ סך לייענען און אַ סך קלערן, און ער איז אויסגעמאַטערט געוואָרן. זיינע אויגן זענען אים קאַליע געוואָרן, ער האָט קיין זאַך נישט געענדיקט, און דאָך ביי זיך געווען גאַנץ צופרידן. ער האָט אין זיין לעבן קיין זאַך נישט אויפגעטאָן, קיין מאָל זיך נישט אָנטקעגנגעשטעלט, נאָר שטענדיק דעם קאָפּ איינגעבויגן און זיך באַהאַלטן. און איך זע אים נאָך היינט אין געדאַנק, ווי ער איז געלעגן אונטער דער באַנק.

ווי אַ חלום איז ער מיר נאָך דעם פּלוצלונג פאַרשווונדן געוואָרן, און האָב זיך דערפאַרן, אַז ער איז צוריק אין זיין שטעטל אַריין, שוואַך און קראַנק. דאָס פייניקן זיך און דאָס שטענדיקע נישט עסן האָט שטאַרק געווירקט אויף אים. ער איז צוריק אַוועק צו זיין אַלטער מוטער, זי שפּייזן אויף דער עלטער.

מען האָט מיר שפּעטער אויך דערציילט, אַז מען האָט אים דאָרט אָנגעהויבן פריש צו יאָגן. ער האָט געוואָלט דאָרט געבן שטונדן, אַלס לערער. אָבער חברה זענען אַרויס דאַקעגן, און נישט דער רויטער קרעמער, נאָר אַנדערע האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער באַנק, און ער האָט נישט געהאַט

שוין וועמען צו הילף. ער איז שרעקלעך פֿאַראָרעמט און געדריקט געוואָרן, נאָר דער טויט האָט אויף אים רחמנות געהאַט און פֿון אַלעס באַפֿרייט.

דאָס איז וואָס איך ווייס. עס איז מעגלעך, אַז מען האָט אים אויך באַגראָבן „קבֿורת חמור": הינטערן פֿאַרקאַן, ווי דער סדר איז צו מאַכן מיט אַזעלכע חבֿרה־לייט, און צוליב דער מליצה פֿון דער דערציילונג וואָלט געפּאַסט צוריק צו קומען צום אָנפֿאַנג — און צו ענדיקן: ער איז געשטאָרבן אויך אַזוי, ווי ער האָט געלעבט: „אונטער דער באַנק". אָבער דאָס ווייס איך נישט אויף זיכער. איך קאָן עס מיר נאָר פֿאָרשטעלן.

די אַלטע הגדה

אַ געפּאַנגענע מוטער, אירע הענט געבונדן אויף הינטן, אירע פיס געשמידט אין קייטן, איר גאַנצער גוף איינגעבויגן, איינגעהויקערט, און אין דעם דאָזיקן צושטאַנד בייגט זי זיך נאָך מער אַראָפּ צום קליינעם קינד, דערלאַנגען אים די איינגעדאַרטע ברוסט.

אָט דאָס בילד פון סטעפאַן סטענדינג, וועלכעס שטעלט אונדז פאַר די מאַכט פון דער ליבע, וואָס דערגרייכט ביז ווילדקייט, בלייבנדיק אין די גרענעצן פון שיינקייט און עסטעטיק — אָט דאָס בילד איז פאַר אונדז נישט קיין נייס.

אָרעם און וויסט, צעקנייטשט און פאַרחושכט איז אונדזער הגדה. נישט אַזוי דערציילט אַ גליקלעך פאָלק זיין פאַרגאַנגענהייט, נישט אַזוי פליִען די פאַנטאַזיע־אָדלערס פון אַ פאָלק, וואָס זיינע אויגן זענען געווענדט אין דער הייך, צו דער זון.

דאָ, אין דער דאָזיקער הגדה, ווערן נישט געשליידערט קיין בליצן ווי אין ישעיהו, דאָ שפּירט זיך נישט דער ריח פון די טענענביימער, ווי אין תהילים, און ס'עפנט זיך נישט פאַר אונדז מיט זיין גאַנצער מוראדיקער פראַכט דער אָפּגרונט, ווי אין איוב.

אַלץ איז דאָ קליינלעך. — קאַרליקעס! ווי דער „יוסיפון" קעגן דעם העלד יוסף בן מתתיהו, אַזוי ווי דער מיטלאַלטערלעכער לשון־קודשדיקער שרייבער אַלחריזי קעגן דעם גרויסן, געטלעכן פּאָעט שלמה בן גבירול.

מיר שפּירן דאָ שווייס, טרערן און זיפצן, וועלכע זענען אונדז באַקאַנט! די גלות־פּאָעזיע, וועלכע הייבט זיך פלוצלונג אָן צו פּשטלען און צו מפלפל זיין! עס ליגט אין איר אַ מין שווינדל, דער גלות־שווינדל.

מיר אָטעמען פריי אָפּ, אַז מיר קומען צו צוויי, דריי פּסוקים, וועלכע זעען אין דער הגדה אויס ווי פעלדזן צווישן צעריבענעם זאַמד, ווי אַ שטיקל גמרא צווישן דעם גרויסן ים פון די מפרשים.

און אַז זי געפינט שוין יאָ אין זיך די רעוואָלוציע־קראַפט און ברעכט שוין אויס מיט אַ פּראָטעסט־שטורעם און גיט אַ געשריי: שפוך חמתך! — גיסט זי שנעל אָן דעם כוס פאַר אליהו הנביא — מ'זאָל, חלילה, נישט פאַרשטיין וואָס זי מיינט.

געפאַנגען און געבונדן איז אונדזער גלות־הגדה, געפּאַנגען און געבונדן

איז אויך די פרייהייט, וואָס די דאָזיקע הגדה שטעלט אונדז פאָר; איר סטיל איז טרוקן, נאָר איינצלנע שפּורן פון דער פאַרצייטיקער שיינהייט, די פּראַכט פון דער פאַרגאַנגענהייט געפינען מיר אין איר.

און אין דער אָרעמקייט אירער בייגט זי זיך נאָך איין צו איר זייגקינד, צום פאָלק, וועלכעס זי זייגט אַ דור נאָך אַ דור, אַ דור נאָך אַ דור.

דען דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן די פעיִקייט צו זייגן דעם טוי פון פרימאָרגן, די ראָסע פון די ביימער — און קאָן נישט פאַרטראָגן דעם שטאַרקן, אומרויִק־ברויזנדיקן וויין, מ'קאָן אים העכסטנס געבן איינציקע טראָפּן אין אַ גאַנצן עמער זיסע מילך.

און דאָס פאָלק ווערט אַנטוויינט און עס דערזעט זיין געפאַנגענע הגדה, אירע הענט געבונדן אויף הינטן, און זי בייגט זיך צו אים איין מיט אַ וואַרעמער מוטערלעכער ליבע — אים צו שטאַרקן, אַריינצופליסן אין זיינע אויסגעטריקנטע אָדערן אַ שטראָם פון לעבן און האָפענונג!

עס קומט אַ מאָל אַריין אַ געדאַנק אין זיין האַרצן, אַז ער וועט שוין קאָנען זיך האַלטן אויף די פיס אָן איר אויך. אָבער וואָס וואָלט פון אים געוואָרן אָן איר? צי דען וואָלט ער געלעבט, ווען זי וואָלט אים נישט ביז היינט נאָך אָנגעזויגן, ווייניקסטנס, מיט לעבלעכער זיסער מילך?

און ווער ווייס, צי קאָן ער נאָך היינט לעבן אָן איר? ווער ווייס, צי איז ער שוין פון דער ברוסט אַנטוויינט געוואָרן און קאָן שוין אויך אָן איר האָבן אַ קיום?

דו הגדה, אונדזער הגדה!

דו האָסט אַריינגעשיקט אַ שטראַל פון העלן ליכט אין דעם פינצטערן געטאָ־געפענגעניש, דען דו האָסט אויפגעהויבן אין דער הייך דעם צעטראָ־טענעם מיסט־וואָרעם, כאָטש אויף איין רגע, און האָסט אין אים אַריינגעבלאָזן אַ ביסל ריינע פרילינגס־לופט — זיי זשע דערפאַר געבענטשט!

דען דיך האָט אויסגעוועבט אונדזער נידערגעשלאָגענער גייסט מיט טרערן און טרויער, דען דו ביסט געוועזן דער טונקעלער און זיסער נעפל, וועלכער פלעגט פאַרוואָלקענען און פאַרגליווערן די לופט פון גלות.

דען דו ביסט געוועזן אַ וואַנדערנדיקער ליכטשטראַל, וועלכער פלעגט שוועבן איבערן האָריזאָנט, אַ שטערן, וועלכער פלעגט, פאַלנדיק, דורכבליצן דורך די גוואַלדיקע כוואַליעס פונעם אָקעאַן.

דען דו פלעגסט אונדז וויגן, ווי אַ קינד אין וויגעלע, דו פלעגסט באַרירן און אויפמונטערן די סטרונעס פון אונדזער נשמה, וועלכע וואָלטן אויף אייביק שטום געוואָרן.

דען דו האָסט אונדז געגעבן אַ שטילע בענקעניש נאָך אַ שענערער צוקונפט.

דורך דיר פלעגן מיר ווערן דערזען, כאָטש אויף איין רגע, דעם גלאַנץ פון דער גינגאָלדענער זון, וועלכע ציטערט און פלאַטערט אין דער פינצטערניש — געבענטשט זאָלסטו מיר זיין!

מיר זענען דיר מוחל, וואָס דו האָסט אונדז נישט געלאָזט הערן די תפילה פון די פעלדער, וועלדער, בערג, די תפילה, וועלכע ברענט מיטן גאַנצן גלאַנץ פון אירע פאַרבן — די תפילה פון „שרון" און „לבנון".

דו ביזט דאָך אונדזער הגדה!

דורך דעם שווערן, וויסטן וועג האָסטו אונדז נישט געפירט אין אַ לאַנד פון בלומען און פּאָעזיע, און העלדן־געזאַנג האָסטו אונדז נישט געזונגען.

דו האָסט אונדז אויסגעלערנט צו זיצן איין מינוט, ווי אַ „בן־חורין", נאָר צו גיין שטענדיק אין דעם וועג צו אונדזער צוועק האָסטו אונדז נישט געלערנט.

הגדה, אונדזער הגדה!

דו האָסט נישט געקאָנט זיין קיין אַנדערע ווי דו ביסט — אַ פאַרוווּנדעטע טויב, אַ פאַרווייַנטע!

מיר, יונגע באַגייסטערטע קעמפער פאַר דער צוקונפט, פאַרבייגייענדיק פאַר דיר, בייגן איין פאַר דיר אונדזערע פאָנען. בענטש די פאָנען!

הגדה, אונדזער הגדה.

פּאָליטישע סעודות

דעם לעצטן זונטיק אָוונט איז אין חשמונאים־קלוב אין גרויסן צענטראַל־האָטעל, לאָנדאָן, וועסט, געווען אַ סעודה לכבוד דעם ניו־יאָרקער אורח, וועלכער האַלט זיך איצט אויף אין לאָנדאָן, דעם באַוווסטן אָסקאַר שטרויס, וועלכער איז געווען אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ס׳איז אַ מינהג ביי די „חשמונאים", אַז זיי מאַכן טייל מאָל אַזעלכע קבלת־פּנימס די געסט, ייִדן און אויך קריסטן, וואָס האָבן אַ צוגעהערעניש צו ייִדן.

דער חשמונאים־קלוב איז געגרינדעט געוואָרן מיט 13—14 יאָר צוריק. צו זיינע חברים געהערן געקליבענע מענטשן פון גילדענער פּאָן און פון אינטעליגענץ פון דעם ביסל ענגלישע ייִדן. דער חשמונאים־קלוב האָט נישט קיין שיטה, ד.ה. ער איז נישט אַסימילאַטאָריש, אָדער ציוניסטיש, ער איז נישט אָרטאָדאָקסיש, אָדער פריי — דאָך איז ער, לויט דעם רוב פון זיינע חברים, גיכער אַסימילאַטאָריש. דער נאָמען איז נאָר אַ נאָמען. ער האָט קיין שום המשך נישט מיט די חשמונאים — אפשר מיט די לעצטע, וואָס האָבן זיך שוין געלאָזט ווילגיין — מיט די ערשטע אָוודאי נישט.

די לייענער פון ייִדישע ציייטונגען וועלן זיך אפשר דערמאָנען, אַז דער דאָזיקער קלוב האָט אַמאָל הערצלען אויך מקבל־פּנים געווען, און הערצל האָט דעמאָלט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע. ביי אונדז, ווען מען לייענט אויף 2—3 זייטן פון „דזשואיש קראָניקל" אַ גענויע באַשרייבונג פון אַזאַ סעודה, אויסגערעכנט די געסט און איבערגעגעבן אַלע וויין־רעדעס און מי־שברכס, איז מען נוטה צו האַלטן די זאַך מער, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. די סיבה איז פּשוט — עס קלינגט דאָ מער; עס איז אַ בעסערער רעזאָנאַנס־באָדן. איך קאָן מיך גאַנץ גענוי דערמאָנען, אַז מיר פלעגן האָבן אין וואַרשע, אין נאָוואָהאַרמאָניע סעודות, וועלכע זענען באמת געווען גרעסער, דער טאָן פון די רעדעס העכער, די פאַרזאַמלונג צאַלרייכער, די מדרגה פון דער אינטעליגענץ, קנאַפּ צו זאָגן, געוויס נישט נידעריקער. אַפילו דער זאַל שענער. אָבער ביי אונדז איז דאָס אַלץ געווען באַהאַלטן, כמעט בגנבה. מען פלעגט נישט אָפּדרוקן טאָסטן, ווייל מען האָט נישט געטאָרט און ווייל מען איז אין דער הינזיכט ביי אונדז ערנסטער, און ווען מען זאָל זאָגאָר אָפּדרוקן — אין פּויליש, אין ייִדיש — ווער וואָלט דערפון געוווסט אין דער גרויסער וועלט? עס איז נישט קיין קלוב, עס הייסט נישט מכבייער, עס איז

נישט ענגליש, עס איז נישטאָ קיין פּרעסע, וואָס זאָל אַזעלכע קליינינקייטן באַשרייבן און אילוסטרירן. און מיר האָבן נישט קיין מענטשן מיט גרויסע מיטלען, למשל, אַמבאַסאַדאָרן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דער אָסקאַר שטרויס, דער „אַמבאַסאַדאָר פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל”, איז אַ ייִד פון אַ יאָר זעכציק, אַ נידעריקער, מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ „וועלט־מאַנישע גלאַצע”, זעט אויס אַ ביסל ליידנדיק, מיד פאַרזאָרגט — מיט מנוחה, גרויע, גלייכגילטיקע אויגן, אַ ברייטער, ערנסטער שטערן, אַ טיפּ פון אַן אַלטן דיין מיט באַשיידנקייט, וואָס דאָס איז אפשר דער שטאָלץ; נישט קיין גרויסער רעדנער, אָבער אַ מענטש מיט אַ געוויסן ישוב־הדעת, אַ דייטשער ייִד, פון באַנקירן און אַן אַדוואָקאַט, אָבער מער וויסנשאַפטלעך ווי פּראַקטיש; אַ ייִד מיט הומאַניטעט־ייִדישקייט, רחמנות, געמישט מיט „דיפּלאָמאַטיע”, זייער שטאָלץ אויף אַמעריקע, און דערבאַרעמט זיך אויף די גלויבנס־גענאָסן.

מען האָט אים געזעצט, ווי ס'פּירט זיך, אויבן אָן, נעבן פּרעזידענט, און פּרעזידענט אין דעם אָוונט איז געווען מיסטער מעריען ספּילמאַן, איינער פון די דריי ברידער ספּילמאַן — איין ברודער איז געווען דעלעגירטער פון אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיישן (צוזאַמען מיט הער קיש) ביי דער בריסעלער לעצטער קאָנפערענץ, דער אַנדערער איז סער איזידאָר ספּילמאַן — ער איז דער פּעיִקסטער, אַן אמתער ליטעראַט, אַ קונסט־קריטיקער, אַ דין מענטשעלע, גלאַט ראַזירט, ענגליש — אָבער נישט קיין יונגער־מאַן, אָפּיציעל באַטייליקט ביי דער איט"א, אָבער, דוכט זיך, אַן גרויס מסירת־נפש, אוודאי באַטייליקט ביי נאָך 100 געזעלשאַפטן, קריסטלעך און ייִדיש.

בכלל איז די איט"א געווען שטאַרק באַטייליקט: זאַנגוויל, סאָלאָמאָנס, אַלע דריי ספּילמאַנס, און שטרויס אַליין. טראָץ דעם וואָס ער האָט מוסר־מודעה געווען, אַז אים איז אַלץ איינס — אַבי העלפן, דאָך האָט זאַנגוויל דערקלערט, אַז ער, ל.ה. שטרויס, געהערט צו דעם אויבערראַט פון דער איט"א.

אַלע פּאַרטייען זענען געווען אויף דער סעודה. די „חשמונאים” — אַלס חברים, אַנדערע — אַלס געסט. פון רוסיש־ייִדישן קאָמיטעט הער זעליגמאַן און הער נעסן (נתן) דזשאָזעף. זעליגמאַן — פון די באַקאַנטע ניויאָרקער באַנקירן, וואָס מען האָט אַמאָל גערעכנט, אַז ער האָט אַ שטיקל סימפּאַטיע צום ציוניזם. דזשאָזעף, ענגליש־אַסימילאַטאָריש־אָפּיציעל, פון די, וואָס האָבן געשריבן די דעקלאַראַציע קעגן ציוניזם מיטן טעריטאָריאַליזם צוזאַמען, און אַלעקסאַנדער, דער פּרעזידענט פון באָרד אָף דעפּיוטיס, די העכסטע פאַר־טרעטונג פון ענגלישן ייִדנטום. דער לאָרד אַליין איז נישט געווען. נישט זיין כבוד איז געווען צו קומען, אָבער זיין חברה איז געווען, קלאָר מאָנטעפיאָרע

איז אויך נישט געווען, ער איז פּאַרטייזט נאָך דער שוויץ. געווען אויך די רעפּרעזענטאַנץ פון ענגלישן ציוניזם: גרינבערג און כהן; געווען הער הערבערט בענטוויטש, אַלס באַלעבאָס פון קלוב, און זיין שוויגערזון, אונדזער אויסגעצייכנטער פּראָפעסאָר פרידלענדער. אונדזער וואַרשעווער פרידלענ־דער — אויס ניו־יאָרק; געווען אויך עטלעכע רעווערענדס. דער גאַנצער עולם — פּילייכט 50—60 פּערזאָן.

די סעודה, ווי אַן ענגלישע יידישע סעודה: אַ רעווערענד מאַכט „המוציא" בקול רם. און נאָכן עסן בענטשט אַ רעווערענד און מען טוט אַן קאַפּעלעך. מען האָט דאָס מאָל נישט געטיילט קיין פּאַפּירענע קאַפּעלעך. אַ פּנים, מען האָט די סעודה נישט געהאַלטן פאַר שטאַרק אָפיציעל.

עס איז געווען ענגליש־געמיטלעך, אַ לעבהאַפטע אונטערהאַלטונג.

סאָלאָמאָנס, ג. סאָלאָמאָנס, דער באַרימטער מאָלער, דער „קעניגלעכער אַקאַדעמיסיאַן", זיצנדיק מיט מיר אין שכנות, האָט מיר נישט נאָר דערציילט, אָבער אויך אויסגעריסעוועט די קאָלומנע פון מיקדש־הורדוס, לויט ווי ער האָט אויסשטודירט פון ביכער און ערשט דעם זעלבן טאָג פון פּראָפעסאָר פּעטרי — ער געפינט אַ הורדוס־סטיל; ער וועט האַלטן אַ פּאַרלעזונג אין קעמברידזש. ער האָט זיך שוין פאַרשטענדיקט מיט אַבראַמסאָן.

נאָכן עסן און נאָכן בענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס, די טאָסטן — אַלץ ענגליש, און אין ענגלישן סטיל. עס איז אַ באַזונדער סאָרט: נישט ערנסט, נישט חוזק. אַ ביסל ערנסט, געמישט מיט המצאהלעך. ווו מיר וואָלטן גאָרנישט אין זינען געהאַט צו לאַכן, לאַכן זיי, און פון צייט צו צייט רופט מען: „הערט, הערט" — ווי דער שטייגער איז.

דער ערשטער מי־שברך — דעם קעניג, וואָס קיניגט איבער גאַנץ גרויס־בריטאַניע — אויך געמישט אַ ביסל מיט וואָרטשפּיל און מיט לייכטן הומאָר. געהאַלטן די דרשה האָט הער מעריען ספּילמאַן. פון די וויצן איז געווען, אַז עס איז דאָ אַ צוזאַמענהאַנג צווישן ענגלישן קעניג און צווישן אַמעריקע, אַ והאָ־ראיה, דער קעניג איז, אַלס קרוינפּרינץ, אַמאָל געווען אין אַמעריקע, און ער האָט דאָרט געמאַכט אַזאַ גוטן איינדרוק, אַז אַ צייטונג האָט געשריבן, אַז ער וואָלט געקאָנט זיך שטעלן אַלס קאַנדידאַט, צו ווערן געוויילט אַלס פּרעזידענט. מען הערט אויס דעם טאָסט, און מען רופט: קעניג, קעניג, אַזוי איז דער שטייגער נאָך איטלעכן טאָסט.

דערנאָך איז ערשט געקומען דער רעכטער טאָסט צוליב דעם גאַסט: אויך געהאַלטן הער מעריען ספּילמאַן. ער האָט גערימט דעם גאַסט אין פינף אייגנשאַפטן, אַלס אַמעריקאַנער, אַלס אַדוואָקאַט, אַלס שריפטשטעלער, און אַלס ייד — פינף פינגער. דער לענגסטער פינגער איז געווען דער אַמערי־

קאַנער: דער ייִד איז אויסגעקומען ווי אַ שפּיץ פון אַ למד פון אַ „טל ומטר" אין אַ קליין סידורל.

פון הונדערטער רעדנערס, וועלכע איך האָב געהערט אויף מיטינגס, אין געזעלשאַפטן, אויף גרויסע סעודות און אויף קליינע סעודות — איז הער מעריען ספּילמאַן איינער פון די בעסטע. מען פילט טיפע, סובטילע, אויס־געאַרבעטע ענגלישע ליטעראַטור בילדונג, מען פילט דעם קינסטלער, דעם געאיבטן וואָרטמייסטער; מען פילט, אַז דאָס איז קיין דעמאַגאָגישער שרייַ־בער, נאָר אַ באַלעזנדער, דורך און דורך געבילדעטער עסייִסט, פּשוט, אַ מחיה פאַר מבינים, פאַר געקליבענע.

דער אינהאַלט לאָזט זיך נישט קריטיצירן. עס איז אַ טאָסט. עס איז ווייניק צו זאָגן: גוזמאות, עס איז אַ טאָסט. אַזוי איז דער מינהג.

נאָר געקומען בין איך נישט אויף אַ סעודה און נישט צו הערן טאָסטן. מען האָט איצט נישט דעם קאָפּ צו טאָסטן, און נישט דעם אַפּעטיט צו סעודות אין דער טרויעריקער שווערער צייט. געקומען בין איך הערן אַ לעבעדיקן וואָרט וועגן די זאַכן, וואָס טוען וויי, וועגן דעם יאָמער, וועגן דעם, וואָס קיין מענטשלעכע שפּראַך קאָן עס נישט אויסדריקן, אָבער מען מוז עס דאָך אויסדריקן.

איך האָב צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו שטרויס רעדע. ער האָט זיך נישט געוויצלט, ער איז געווען זייער ערנסט, גערעדט פּראָסט ענגליש, מער ווי אַ ביזנעס־מאַן, און איך מוז מודה־זיין, אַז וועגן די רציחות און די גרוילן אין רוסלאַנד האָט ער געפונען ענערגישע אַקצענטן, און עס האָט זיך געהערט אַ יידיש־פילנדיק, צעריסן האַרץ.

אָבער דער עיקר אינהאַלט פון זיין רעדע איז געווען — שלום. נישט ציוניזם, נישט איט"א, נישט איק"א, נישט רוסיש־יידישער קאָמיטעט, נאָר אַלץ צוזאַמען, דען נאָר אין דעם פאַל איז פאַראַנען אַ האָפענונג צו די גלויבנס־ברידער. קעגן דער אַלטער רוסישער „רעגירונג" האָט ער גערעדט נישט ווי אַ דיפּלאָמאַט, נאָר ווי אַ מאָראַליסט, נישט שפּיציק־שאַרף, נאָר גלייך און איינפאַך, מיט אַן אומגעהויער שטאַרקן פּראָטעסט.

דער טאָן האָט זיך געענדערט ביי זאַנגווילן. ער האָט געקריגן די עליה (אַלץ ווערט פון פריִער באַשטימט און די עליות פאַרטיילט) צו האַלטן אַ טאָסט אויפן רוסיש־יידישן קאָמיטעט. עס איז גלייך ווי מען וואָלט ראַדיטשע־ווען מכבד געווען, ער זאָל מאַכן אַ „מי שברך" דער שטערן־פּלאַטע. ער האָט אויף דעם מאָטיוו געמאַכט עטלעכע בריליאַנטענע וויצן. די רוסיש־יידישע קאָמיטע, — האָט ער געזאָגט, — איז גלייך צו דעם אַלטן רעזשים. לאָרד ראָטשילד איז אפשר אַ גוטער מענטש, אָבער ער האָט שלעכטע

יועצים. רוסישע יידן — האָט ער געזאָגט — זענען צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי די נאַרוועגער, וואָס האָבן איצט געקרוינט אַ קעניג. יידן בכלל זענען צוויי מאָל אַזוי פיל, ווי ענגלענדער זענען געווען אין טודאָרס צייט. ווען מען קוקט זיך צו — צו דער גרויסקייט און שרעקלעכקייט פון זייערע צרות, און צו דעם קאַפּעלע, וואָס זיי טוען זיך צו רעטן — ווערט מען נבהל ונשתומם. פון איין פּאָגראָם ביז צום אַנדערן טוען זיי גאָרנישט. ער האָט זיי פאַרגליכן מיט אַן אירלענדער, וואָס איז געשטאַנען און געאַרבעט אין שאַפּע, ווו דער דאַך איז געווען געלעכערט און עס האָט מוראדיק אַריינגערעגנט און אַריינגעבלאָזן. „פאַר וואָס פאַרריכסטו נישט דעם דאַך?" — האָט אים אַן ענגלענדער געפרעגט. „עס איז נישט מעגלעך, ס'רעגנט דאָך"? — אָבער פאַר וואָס פאַרריכסטו נישט, בשעת עס רעגנט נישט? — „אַז עס רעגנט נישט — האָט ער געענטפערט — ברויך איך דאָך נישט צו פאַרריכטן!". צום סוף האָט זאַנגוויל אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע פאַר דער קליינער אַרבעט, פאַר דעם פלייס און די אויסדויער פון דעם רוסיש־יידישן קאָמיטעט. סיזיפוס — האָט ער געזאָגט, איז סימפּאַטיש. טויזנט מאָל שלעפּט ער דעם שטיין ביזן שפּיץ באַרג, און טויזנט מאָל האָט זיך דער שטיין שוין אַראָפּגעקייקלט. ער איז סימפּאַטיש!

ס'איז געווען אַ בריליאַנטענער טאָסט.

גערעדט האָבן נאָך הער זעליגמאַן, הער ענריקעז און נאָך איין מאָל הער ספּילמאַן. דער לייט־מאָטיוו פון אַלע רעדעס איז געווען שלום.

איך בין וויניקער, ווי אַלע, איצט נוטה צו מחלוקת, און אויב מען זאָל קאָנען אַלע זיך צוזאַמענעמען קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא — וואָלט דאָס געוויס געווען גלייך — דאָך האָט מען נישט געהערט קיין איין קלאָרן געדאַנק: דער רוסיש־יידישער קאָמיטעט—בלייבן רוסיש־יידישער קאָמיטעט; מען איז שוין געגאַנגען צו מיניסטאָרן, זיי האָבן שוין געענטפערט, אַז „מען קאָן זיך נישט אַריינמישן"; מען האָט שוין פיל מאָל פאַרגעשטעלט רוזוועלטן, און ער האָט שוין געטאָן, וואָס ער האָט געקאָנט. שטרויס אַליין האָט געזאָגט, אַז „מער קאָן מען נישט פאַרלאַנגען". מילא, פרעגט זיך, אויב מען קאָן מער נישט פאַרלאַנגען, ווייל „קודם כל, זענען מיר אַמעריקאַנער, ענגלענדער א.אַז.וו." — טאָ וואָס וועט זיין, ווען מיר וועלן זיך צוזאַמענעמען? צוזאַמענעמען ווענן קאָלאָניזאַציע? מילאַ, איק"א טוט דאָך, וואָס זי קאָן, און די איט"א וועט טאָן, וואָס זי קאָן — און ציוניזם האָט דאָך זיין פּראָגראַם. אויף פּאָגראָמען, תיכף, קאָן ציוניזם נישט העלפן.

איין זאַך האָט מיר פאַרשטערט די שימחה: די „גלויבנס־ברידער"! די עקזיסטענץ פון איין יידישער נאַציע האָט מען נישט פּראָקלאַמירט. ווידער

און ווידער האָט זיך געהערט אַלץ רחמנות אויף די געפּייניקטע, געמאַטערטע, נעבעך, רוסישע יידן.

זאַנגוויל האָט מיר געזאָגט נאָכן עסן: זעט איר, ווי איך ברענג דעם עולם נעענטער צו ציוניזם! — איך האָב אים אַריינגערוימט אין אויער: ביאַליס־טאָק! ער באַשטייט נישט. ער האָט דעם עולם געבראַכט נעענטער.

איך וואָלט מיר געוווּנטשן צו מסכים זיין. דערווייל האָב איך געהערט נאָר רחמנות און סתם־מענטשלעכקייט און מיטליד. און אַ גוטן רצון צו מאַכן שלום און צו ווירקן צוזאַמען. איך דערמאָן מיך, אַז דאָס איז באַשלאָסן געוואָרן אויך אין בריסל. וואָס איז אַרויסגעקומען!

נאָכן עסן האָט מען נאָך אין אַ קליינע גרופּע גערעדט: ס'וואָלט גלייך געווען מען זאָל זיך צוזאַמענקומען, נישט פיל, עטלעכע מענטשן, זען עפּעס טאָן.

מיט געמישטע געפילן בין איך אַרויס פון דער חברה חשמונאים — מיט מיין לאָנדאָנער אידעאַל. איר ווייסט דאָך, וואָס דער לאָנדאָנער אידעאַל איז? נאָר כאַפּן דעם באָס. מיינער הייסט: מעסט־קילבורן.

אַזוי לאָזן זיך, מ'שטיינס געזאָגט, אויס פּאָליטישע סעודות.

די ליכטעלעך

אַ געדיכט אין פּראָזע

[1]

און עס האָט געטראָפֿן אין יענע טעג...

שוואַרצע כמאַרעס האָבן אויסגעשפּרייט זייערע ברייטע פלעדערמויז־פליגלען איבער דער ערד, און אונדזער לאַנד איז געשלאָפֿן און שווער געחלומט. עלנט, פאַרחלשט, דאָס פּנים פאַרשלייערט מיט פינצטערניש, דער גאַנצער גוף פאַרשוואַרצט אין נעפּל. איז עס געלעגן פאַרשמאַכט, און וואָס עס האָט געחלומט — ווייס איין גאָט!

און ווי פון כוואַליעס אין ים ביי שטורעם, שפּרינגען אַרויס שוואַרצע, הויכע, זייער הויכע בערג. דאָרט, אויף יענע שפּיצן בערג, איז געווען ליכטיק, בלענדנדיק ליכטיק, ברענט אָן אויפהער אַ ריזן־פייער פון גבורה און ווילטאָג. אָבער אונטן, אין די כמאַרעס, איז געלעגן אַ קליין לאַנד, אָן גבורה, און אין אַ שווערן שלאָף, ווי אין היגערפלעט. דאָך האָט עפּעס געקאָכט דאָרט אונטן אין דער ברייטער, טונקעלער טיפקייט. כוחות געוואָרן געבוירן, פאַרלוירן און ווידער געבוירן.

מענטשלעכע ברואים, דוכט זיך, רירן זיך דאָרט. זיי לעבן, אַ פּנים, אויף זייער שטייגער. זיי באַוועגן זיך. עפּעס קלינגט! שווערדן? ביין! קייטן! עס הערט זיך אַ משונהדיק געפילדער. דער שונא בושעוועט אין לאַנד. זיין ווילד געוויש איז מפסיק די שטילקייט. און עס גיסט זיך צונויף מיט גוואַלדן פון די קרבנות, בשעת מען קוילעט זיי. טייל מאָל כאָרכלט דער גאַנצער תהום מוראדיק, ממש ווי אַ גוסס. דעמאָלט ציטערן די שוואַרצע כמאַרעס פון קלעמעניש און קאַמף. צווישן די קרבנות טרעפט זיך אַ קרעציקער שעפּס, אַ וואָלף אין שעפּסנפעל; לאַשטשעט ער זיך צום שונא, און וויל ווערן עמלקס אַ שותף. און עס פאַלט זאַלץ אויף די אָפענע ווונדן. דער סם־המוות פון מסירה עקבערט. היימישע פאַלשקייט קריכט און העלפט אונטערגראָבן דעם שוואַכן בנין.

און מען זעט נישט, ווער איז דער שונא, און ווער דער אייגענער. עס איז שטאָק־פינצטער. אָבער אויבן פלאַקערן העלע פלאַמען. דאָרט איז שטענדיק שימחות. נאָר מען זינגט! דער גריכישער געטערבאַרג אָלימפּ שטראַלט אין הערלעכקייט. גריכן, סיריער, רוימער לאָזן זיך ווילגיין. פון

גאָלדענע בעכערס טרינקען זיי די משקה פון גליק. ווי אַ רעגן־בויגן שטראַמט זייער לעבן אין אַלע פאַרבן. דאָרט קלינגט אַ שטאָלצער, אַ שטאַרקער, אַ מחוצפדיקער טריומף־נגון. דאָרט בליט יוגנט, תאוות ברענען, פאָנען פלאַטערן. דאָרט ווינען די שטאַרקע.

[2]

און עס האָט פּאַסירט, אַז אַ מענטש פון דעם קליינעם, אָרעמען לאַנד, האָט אַרויפגעקלעטערט אויף יענע שפּיץ־בערג און פאַרלאַנגט — יושר! און מער: ווי כעס האָט געברענט אין זיינע נביאישע אויגן, און זיינע לענדן זענען געווען אָנגעגאַרטלט, און געבראַכט אַ קרבן זיין גוף און זיין נשמה, זיך אָפּגעזאָגט פון אַלעם, פאַר איין פונק, איין קליינעם פונק פרייהייט, פון יענע גרויסע פייערן, וואָס ברענען דאָרט, צווישן די שטאַרקע. און געטענהט:

„זעט, אין מיין לאַנד איז פינצטער! דאָרט לעבן מענטשן! מען רופט זיי ייִדן, זיי זענען אויך מענטשן! און זיי ווילן מער נישט ווי זיין וואָס זיי זענען, אַזוי ווי אַלע אַנדערע מענטשן זענען, וואָס זיי זענען! קיינעם גייען זיי נישט אין וועג אַריין. זיי זענען נישט קיין מלחמה־פאָלק. זייער שטיקל נחלה און זייער פרייהייט... מער ווילן זיי נישט. זייערע טענות קאָנען נישט דערגרייכן אַזוי הויך ווי דאָ, אָבער מיר צערייסן זייערע צרות דאָס האַרץ אויף שטיקער. נישט מיט דעם ריח פון זייער פעלד, וואָס גאָט האָט געבענטשט, נישט מיט דער פרישקייט פון וואַלד און באַרג, נאָר מיט אייביקן שמערץ און צער זענען זייערע טעג פול! ליכט וויל איך! פייער וויל איך אָנצינדן! זאָלן די קרבנות זען, ווער זיי קוילעט! און ווען דער רוצח טוט זיין בלוטיק ווערק, זאָל ער זיך נישט קאָנען באַהאַלטן אין דעם שוואַרצן מאַנטל פון דער נאַכט!"

געפּאָדערט, געמוסרט, געסטראַשעט, און די אַלטע שווערד, פון קדמונים פאַרראָסטעט, אַרויסגענומען פון די באַהאַלטענע אַנטיקן, און געציקט ווי אַ בליץ, אומזיסט, אומזיסט!

נאָר אַ בייז געלעכטערל האָט געהילכט פון די הויכע פעלדזנשטיינער: „די כמאַרעס די פינצטערע וויל ער פאַרטרייבן פון זיין לאַנד! די קרבנות, וויל ער, זאָלן זען זייערע רוצחים! נישט דערהאַרן זאָל ער דאָס! אויף אונדז זאָלן יענע מענטשן קוקן, און אונדז נאָכמאַכן, כדי מיר זאָלן קאָנען לאַכן! אונדזערע אָפּן זאָלן זיי זיין! דאָס איז זייער באַשטימונג! אַפילו זייערע אייגענע, די געניטע, די כיטרע... דער רוח זאָל זיי נעמען!... האַלטן מיט אונדז. לופט וויל ער, דער פּעטעך! אַ העזה, אָדער אַ תמימות אַ נאַרישע? פייער? כדי צו קאָנען אָנצינדן מרידות! היט זיך! מיר פאַרשטייען נישט

קיין קאַטאָוועס! פּייער פאַר זיי ווען אונדזערע דונערן שמעטערן, און ליכטבעגדער פון בליצן שלענגלען זיך אין די וואָלקנס, זאָלן זיי קוקן דורך די שפּאַרעס פון זייערע געצעלטן און באַוווּנדערן אונדזער ליכט!"

אומזיסט, אומזיסט, אומזיסט!

און אויף ס'ביי, האָט דער גרויסער עולם זיך גענומען פרייען. און מען האָט געלאַכט אין די פּויסטן. אין דעם קליינעם לאַנד זענען אויך געווען מענטשן, וואָס האָבן מיטגעלאַכט. מענטשן? מען האָט זיי גערופן „גריכ־לינגע", ד. ה. געבוירענע ייִדן, אָבער פאַרשטעלט פאַר גריכן. מאַסקעס האָבן זיי שטענדיק געטראָגן אויפן גוף און אויף דער נשמה, און די מאַסקעס זענען שוין אין זיי אַריינגעוואַקסן.

[3]

אָבער וואָס מער מען האָט געלאַכט, אַלץ מער האָבן זיך אין יענעם מענטשנס ברוסט געיאָגט ווילדע שטורעמווינטן, און עס האָט אין זיין מוח געדונערט און געבליצט. מיט די הענט וואָלט ער צעריסן די פעלדזן און די בערג צעשמעטערט, זיי זאָלן פאַלן, ווי צעבראָכענע שאַרבנס, אויף די פּוסטע קעפּ פון די לאַכערס און זיי באַגראָבן.

נאָך לאַנג האָט מען געהערט דעם קלאַנג פון שימחה, ביז עס איז שטיל געוואָרן. עס רוען די שטאַרקע! פול מיט סודות איז די נאַכט. אַ באַהאַלטן ציטערניש. מלאָכים שושקען זיך. אַ מאָמענט, אַ מעכטיקער, אַ באַשאַפער, פון יענע מאָמענטן פון ששת־ימי־בראשית, ווען וועלטן ווערן געבוירן, ווען צייטן בייטן זיך.

עס שטייט אַ מענטש? ניין! אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק, פאַראייניקט אין איין מענטש.

אַ רגע איז געקומען? ניין! הונדערטער דורות, צונויפגעקליבן אין איין רגע. די וועלט־געשיכטע וואַרט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם. אַרום דעם גרויסן פייערבראַנד פון מאַכט און גליק זיצן די שטאַרקע. אין מיטן דער מסיבה פאַלט דער מענטש אַריין. ווי אַ ים, איז זיין ברוסט פול מיט שטורעמ־דיקע נקמה, דער מוח איז איין געדאַנק: כבוד, און פאַר די אויגן פינקלט דאָס ליכט פון פייערבראַנד, רויט, ווי בלוט.

„האַ, חיות!", — רופט ער מיט אַ קול, וואָס הערט זיך נאָר איין מאָל אין טויזנטער יאָרן, איר לאַכט? זען וועט איר! אין איין מינוט וועל איך מאַכן פייער אין דער פינצטערניש! ליכטיק זאָל ווערן אין מיין לאַנד! אייער סוף איז געקומען, נאַכט־וועכטערס! אויף אַלע פעלדזן פון יהודהס בערג קריצט איין טיף, טיף, מיט אייזערנע פעדערן, די ווערטער: עס איז געקומען דער

טאָג פון צאָרן. לאַנג האָט אונדזער לאַנד געוויינט פון זיינע זילבערנע קוואַלן, פון זיינע איידעלע שטראָמען! לאַנג האָט אַפילו דער מלאך פון לאַנד געוויינט. גענוג, נישט איין רגע לענגער! ווי מיר זענען געווען בלויז ליבשאַפט, אַזוי וועלן מיר איצט זיין בלויז צאָרן! אונדזער שיינקייט, אונדזער כוח, אונדזערע יוגנט זאָל זיך שטעלן געוואָפנט ווי איין מאַן — אַפילו די חכמים, אַפילו די כהנים זאָלן זיך אויך אָנגאַרטלען שווערדן! די אַלטע טאַטעס זאָלן זיך אַרומגאַרטלען צו מלחמה! די אַקער־בויער זאָלן פאַרלאָזן דעם פאַרטיקן שניט — זאָל זיך דאָס לאַנד אַליין שניידן און זייען און אַקערן! מיט שווערדן זאָל עס זיך אַקערן, מיט בלוט טרינקען, און מיסטיקן מיט אונדזערע געקוילעטע, ביז מיר וועלן ווידער ווערן פרייע מענטשן! נישט דאָס איינע לעבן! ווען עס זאָלן זיין אין איטלעכן פון אונדז הונדערט לעבנס, ווי אַ ביין פאַר אַ הונט, זאָל זיי איטלעכער פון אונדז אַוועקוואַרפן פאַר איין רגע כבוד! מער ווערט ווי מאַריך־ימים זיין אין צרות און קנעכט־שאַפט. אָ, חיות, ווילדע און גנבהשע חיות, זייט אייך מכין! זייט מכין אייערע שטיינערנע הערצער צו די קאַלטע הענט פון טויט, און אייערע געטער, די ליגנערס, די יושר־זאָגערס און ברודער־מערדערס, זאָלן זיך מכין־זיין צו אַ מוראדיקן יום־הדין! אָפרעכענען! אַ, ירושלים, ירושלים! מיר גייען צו דיר, מיר האָבן דיך פריער פאַרגעסן, מיר האָבן פאַרגעסן דיינע פּאַלאַצן, דיינע זיילן פון העלפאַנדביין און גאָלד, דיינע פאָרהאַנגען פון זייד און פיינע ליינען, דיינע גאַסן געברוקירט מיט איידלשטיינער, דיינע מויערן פון פּערל און גאָלד, דיינע טויערן פון דאַנקבאַרקייט, דיינע פענצטער פון רום, דיינע וואָלקנס פון בענטשונג, דיינע כרובים פון ליבשאַפט און רחמנות. אָ, ירושלים, ירושלים! ישראל איז געוואָרפן צום טעפּער, און זיינע קינדער צו די בוימייסטערס. צו בויען אַנטיוכוסעס רעזידענץ, ווייל זיי האָבן פאַרגעסן ירושלים. מיטצוהעלפן בויען די אַנטיוכוס־שטאָט, וואָס אירע מויערן זענען נשמות פון מענטשן, אירע טויערן — יאָמער־געשרייען פון פעלקער, אירע טורעמער — צרות פון פאַמיליעס, אירע גאַסן — ברוקירט מיט צעשטערונג, אירע הייזער — געבויט מיט טויט, אירע פלאַנצן — מיט גיהנום און קברים. אָ, ירושלים, ירושלים! מיר האָבן דיך פאַרגעסן, אָבער מיר האָבן אונדז דערמאָנט, אָ, ליבלעך ביסטו געווען, ווי אַ זומער־וואָלקן ביסטו געווען איבער אונדזערע בערג! די לוסט פון אונדזער האַרץ ביסטו געווען אין די צייטן פון יונגער ליבשאַפט. ווען אונדזערע זין זענען געגאַנגען צו דיר מיט מתנות, און דו האָסט זיי אַהיים באַגלייט מיט בענטשונג אויף זייערע ריינע הענט און לייכטע פיס, מיט ברכות פון גאָלד און פּערל און בריליאַנטן, און אונדזערע טעכטער האָבן געזונגען אין דיינע פּאַלאַצן!

מיר גייען צוריק צו דיר, גאָט פון אונדזערע אָבות! צוריק צו דיר, לאַנד פון אונדזערע אָבות! מיר געדענקען ווידער, און מיר זעען ווידער. דיינע קינדער זענען פאַרטריבן פון דיין ברוסט און גייען פאַר דיר פאַרביי אַהין און אַהער. דיינע פייגל זענען שטום געוואָרן אויף דיינע בערג, דיינע סטאַדעס פאַלן טויט אויף דיינע לאַנקעס, דיינע געצעלטן זענען איינגעפאַלן, דיינע שופרות און דער זיסער טאָן פון דיינע האַרפן זענען שטיל געוואָרן אויף דיינע וואָלקן־באַקליידעטע בערגלעך. די מילך פון דיינע קי, דער האָניק פון דיינע בינען און די פרוכט פון דיין גילדענע ערנטע (תבואה) ווערן געמאַרנעוועט אין ברענענדיקער היץ און שטורעמדיקן גאָסרעגן. דיין קאָרן איז געוואָרן דערנבער און דיינע עפּלען — גיפט, דיינע זינג־פייגל זענען געוואָרן מערדערישע וואָרנעס, דיינע פרידן — ביטערע קרעכצן, די קולות פון דיינע קינדער אין דיינע געצעלטן — אַ געיאָמער פון גוססדיקע פאַר־לאָזענע זויגלינגען. און בחינם זענען געווען די תפילות, רחמנות האָבן מיר געבעטן, אָבער דאָס רחמנות האָט אונדז געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט, און אויף אונדז געוואָרפן אַ מצבה פון בליי און אייזן און בערג ערד צו פאַרדעקן אונדזער בלוט. אָ, חיות, דורשטיקע חיות, אונדזער בלוט האָט איר ליב אָן אַ שיעור! געטרונקען האָט איר אונדז, ווי וואַסער, און ווי ווייַן האָט איר אונדז געגאָסן אין אייערע פעסער! אונדזערע טעכטער האָט איר געטרעטן אין אייערע קעלטערס, און אונדזערע זין זענען געווען אַ שפּילעכל פאַר אייערע בופל־אָקסן זיי אויפצושטעכן אויף די שווערע שטעכעדיקע הערנער און זיי אַרומצוטראַמפּלען, ווי ליים. גענוג! אָ, הערט נייע קולות, מיר גייען צוריק נעמען אונדזער פלאַץ ביים געטלעכן טיש. דער טראָמפּייט פון מישפט שמעטערט! דער מיזרח ציטערט! ער לעבט אויף! איבער דער קרישטאָ־לענער וויג פון ניי־געבוירענעם טאָג פינקלען ליכטיקע שטערנס. קולות רופן ביי די גאָלדענע טויערן פון פרימאָרגן: זיי רופן אין דעם בית־המיקדש פון יידישן האַרץ, זיי בענטשן די העלע ליכטיקייט פון זונאויפגאַנג, אין וועלכן אונדזערע נייע נשמות בליען. פון די הייליקע פרוכתן, מיט בלוט באַפלעקט, פון די הימלבלויע תכלת־געוועבעכץ, מיט די ציצית־פעדים פון זכרון, אויף וועלכע די שוואַרצע כמאַרע פון שיכחה, פינצטער און שמוציק, איז געפאַלן פון די שניי־ווייסע בגדי־כהונה, וואָס זענען באַשמוצט געוואָרן פון פרעמדער שקלאַפעריי און אייגענער שאַנד — זאָל ווערן אַ מלחמה־פאָן! און מיט פליגלען פון שטורעם — אַ ריזן־אָדלער — זאָל ער פלאַטערן פון דן ביז באר־שבע! און ווי שפינוועבס זאָל ער צעפליקן די וואָלקן־כמאַרעס אויבן, די הימלען זאָל ער עקבערן און שפּאַלטן, ווי די שאַרפע הויכע שפּיצן פון אונדזער גוואַלדיקן לבנון. באַנייען אונדזער מנורה.

ווי איר ליכט, וועלן מיר שפּרינגען אין מלחמה, ווי אַ פלאַם איבערן מבול פון טויט! מען האָט דאָס גאַנצע אייל מטמא געווען? „נישטאָ מער קיין ריינע אייל״ — האָט איר געטענהט, אָ, חיות, און איר, אונדזערע קריכעדיקע, אייגענע שלאַנגען, שלאַנגען, וואָס ייִדישע מאַמעס האָבן געוואַרעמט ביי זייערע ברוסטן, אין ליבשאַפט און יסורים, אָ, איר וואָס וואַלגערט אייך אין שטויב פאַר די שטאַרקע, און זענט העלדן מיט צוהעלפן טרעטן מיט אייזערנע פּאַדקאָוועס די קעפּ פון אייערע אייגענע שוואַכע טאַטע־מאַמעס. אָ, דו קנעכטשאַפט געפּאַנצערט מיט מסירה, דו ציטערדיקע פאַלשקייט, געגאַרטלט מיט גאָלד, דו הוילע שווינדזיכטיקע פאַררעטער־נשמה, וואָס קוויטשעט שאַרפער ווי דער גוי מיט דעם שניידיקן משונהדיקן קול פון סריסים און די קאַצן־מוזיק פון אונדזערע שונאימס אָרקעסטער „אויס ייִדישע מנורה, די גריכישע מנורה זאָל לייכטן״! אָ, הערט די נייע קולות פון ייִדישן כוח! איר וואַלגערט דאָך אייך נאָר פאַר שטאַרקע, איצט וועט איר אייך וואַלגערן פאַר דעם ייִדישן כוח! גערופן און אַרויסגעריסן פון פרייהייטס־בראַנד אַ ליכטעלע, אַ קליין ציטערדיק פלעמעלע, וואָס האָט געוווּנקען, ווי אַ רמז, און געבליצט האָפענונג״.

[4]

דער שר פון שרעק, ווייס ווי קאַלך, און פול מיט אויגן, ווי אַ קאָפּ מיט האָר, האָט אים פלוצעם אָנגעכאַפּט פון הינטן פאַר די ווייסע לאָקן, און האָט אים איינגערוימט אין אויער: „משוגענער! נישט אַ טריט ווייטער! זיי שטייען אויף! וואַרף צוריק דעם פּונק! זיי דיך מיישב! שטיי! בעט מחילה! אַ טרויעריקן סוף וועסטו האָבן! קיין שום זאַך וועט דיך נישט ראַטעווען פון זייער נקמה! אויסשיטן וועלן זיי אַלע יסורים פון גיהנום אויף דיין קאָפּ! מיט אַ פעלדזנבאַרג וועלן זיי דיר די ברוסט צעקוועטשן! דאָס האַרץ וועלן זיי דיר אויסרייסן, און טרעטן מיט די פיס, און די צעטרעטענע שטיקער וועלן זיי וואַרפן אין בלאָטע! און דיין אויסגעהוילטע ברוסט וועלן זיי מאַכן אַ נעסט פאַר גיפטיקע שלאַנגען! הערסט נישט? גייסט שפּילן מיטן פייער? מיינסט אַז מיט קרבנות קאָן מען העלפן דעם פאָלק, דו בעל־דמיון איינער? דיין האָפענונג איז אַ חלום! ביסט דיך אומזיסט מקריב! פאַרלעשן וועלן זיי דיין פייער, איידער עס וועט באַלייכטן דאָס לאַנד! טויזנטער אומשולדיקע וועלן געטריבן ווערן אין טויט אַריין, און דו, איינגעשפּאַרטער, וועסט נאָך, צום שפּיץ, אַליין האָבן חרטה!״.

און דער מענטש איז אַ רגע געבליבן פאַרטומלט, הערנדיק דאָס ציטערדיקע קול, דאָרט, ווו עס שיידן זיך די וועגן, און ווו דער ספק לויערט. אויף אַ

רגע האָט אים די שרעק געבויגן די קניען, און דער פּונק איז אים שיִער פאַרלאָשן געוואָרן. אָבער פון זיין אָרעם, פינצטער לאַנד, זענען דערווייל געפלויגן תפילות, הערצלעכע, הייסע, ווי זילבער־ווייסע מחנות פון טויבן, און שטעקן געבליבן אין האַלבן וועג, קיין עליה נישט געהאַט, ווייל מען העלפט נישט דעם, וואָס העלפט זיך נישט אַליין. און זיי האָבן אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן, ווי מידע, הונגעריקע פייגל אין די לופטן. אָבער ער האָט זיי געהערט, אין זיין האַרץ האָבן זיי זיך אָפּגערופן ווי שטורעמגלאָקן! קיין שום כוח אין דער וועלט האָט אים מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, ער זאָל נישט ענדיקן זיין אַרבעט. דער גרייזגרויער מתתיהו האָט געטראָגן דעם פּונק.

[5]

און עס איז געוואָרן אַ מהומה! נישט שדים און רוחות, נישט מכשפות מיט צעפלאָסענע האָר און ברענענדיקע שמאַטעס, רייטנדיק אויף בעזעמער, נאָר פאַרציטערטע, שוואַרצע כמאַרעס פון שקלאַפעריי, אומוויסנהייט, קריי־כעריי, זענען געפלויגן צו יענע בערג מיט אַ געיאָמער: „דער נייער פּונק האָט אונדז פאַרטריבן! אומגליקלעך זענען מיר! אויס אונדזער ממשלה!". און זיי וועקן די שטאַרקע, און בייסן זיי אין די אויגן, און שושקען זיי אין די אויערן שרעקלעכע בשורות. אין לאַנד צעגיסט זיך, ווי אַן איבערפלייצונג, אַ גוואַלטיקער בראַנד. דער מענטש מיט דעם נייעם פּונק לויפט. פאַר אים אַנטלויפן די כמאַרעס, און נאָך אים צינדן זיך אָן וואָס אַ מאָל נייע פייערן, אויף אַלע בערגלעך. שוין ברענט דאָס גאַנצע לאַנד, ווי אַ ים פון פלאַמען. און דאָס אויפגעוועקטע, ניי־געבוירענע פאָלק לויפט אים נאָך מיט רעש און אימפּעט, מען הערט פרייע קולות. די יידישע גבורה איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים, אָט, זענען אונדזערע שטאַרקע! איז ווידער דאָ אַ שאול? אַ דוד? ער הייסט איצט יהודה! עס איז דער אייגענער! און מאַמעס הייבן אויף זייערע קליינע קינדער, זיי זאָלן זען דעם דערלייזער. רויטע פלאַמען פליִען, ווי פייגל, איבערן הימל. פאַרציטערט געוואָרן יענע הויכע אָלימפּן. טויזנט קדחתן האָבן געטרייסלט די וועלט־געוועלטיקער.

וועלטן פון חיילות צעריבן ווי שטויב, זייערע העלדן געטריבן ווי שעפּסן, צעקנאַקט די מאַרמאָרנע געצן, צעשטערט די ריזיקע פעסטונגען, פאַריאָגט די בלוטהינט, די רוצחים־טיראַנען, אויסגעקערט דעם טינוף פון אויסמישונג מיט די נאָכגעמאַכטע יידישע גריכן און יידישע סיריער, און דער בית־המקדש ווידער געמאַכט מלכותדיק, ריין, הייליק! די גרויסע צייט פון דעם קליינעם פּונק! אַך, די גרויסע צייט! אַך, איר ליכטעלעך פון דעם קליינעם פּונק!

[6]

דורות פון פרייהייט און הייליקייט. אַלץ צוליב די ליכטעלעך. אָבער פון די הויכע בערג האָט מען ווידער זיך געשטאַרקט אויסצולעשן. שטורמען האָט מען געקאָמאַנדעוועט, וואַסערן פון אַלע ימים האָט מען אַרויסגעלאָזט פון זייערע בעטן, איבער אונדזערע טאָלן און אונדזערע פעלדער, אויסצולעשן די ליכטעלעך. אַלע עלעמענטן האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזט אויף אַ געוועט. מיט גרימצאָרן האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַר די פּאַלעס און זיך געקייקלט איבער אונדזער ליכטיק לאַנד, שטיינער געריסן, בערג צעזעצט, גריבער אויסגע־הוילט איבעראַל, לאַנג האָט די צעשטערונג געבושעוועט, לאַנג האָט די איבערקערעניש מחריב־עולמות געוועזן. צום סוף איז שטיל געוואָרן. חרוב! אַ בית־עולמדיקע מנוחה איז געפאַלן אויף אונדזער לאַנד. פאַרברענט! אַ גראָער, אַ בייסנדיקער, אַ שאַרפער רויך האָט זיך צונויפגעקליבן און גע־קרייזלט אין וואָלקנס, און ווידער ליגן שוואַרצע כמאַרעס. אָבער מיר האָבן מיטגענומען די ליכטעלעך, און מיר וועלן זיי ווידער אָנצינדן אין אונדזער לאַנד.

[7]

עס איז אַן אַלטע מעלה פון יענעם דערלייזער. אָבער ביי אונדז איז נישט דאָ קיין אַלטע מעלה און קיין נייע מעלה, נאָר איין מעלה. ביי די טויערן פון יענער אַלטער שטאָט, וועלכע איז געבויט אויף זיבן בערגלעך, וווּ מלכות אדום הרשעה האָט אַמאָל געוועלטיקט, — זאָגט די לעגענדע — זיצט אַ מענטש, געבונדן און געפּענטעט און געשמידט אין קייטן. דער ייִדישער משיח! ער זיצט ווי אַ פעלדזנשטיין, ער זיצט און וואַרט.

מיאוסע פאַרזעענישן קייכן און שפּאָטן פון זיין וואַרטן און זיינע יסורים. זיי טריפלען אים אַריין אין די אויערן, ווי טראָפּנס גליִענדיק, צעגאָסן בליי, וויצן און גלייכווערטלעך:

„אַ סך האָסט דו אויסגעפירט!”, ברומען זיי, „זע, ווי דיין לאַנד האָט זיך פאַרענדערט אין אַזאַ לאַנגער צייט! ווו אַמאָל שטעט, זענען היינט מדבריות! ווו אַמאָל פעלד, ציִען זיך היינט זאַמדן! ווו אַמאָל וואַסערן, איז היינט טרוקן, און ווו אַמאָל טרוקן, איז היינט אַ זומפּ! און וויפל קרבנות פאַרפּיי־ניקט! דאָס לאַנד דורכגעזאַפּט מיט בלוט און טרערן! וויפל מלחמות, און וויפל... חצותן! ביסט טאַקע אַ מלך־המשיח, אָבער אַ מלך־אביון!”

און ער זיצט און וואַרט. אַ מאָל שמייכלט ער. ער שמייכלט, ווען מיר צינדן אָן ליכטעלעך. אויף זיינע מידע אויגן פאַלט פון זיי אַן אָפּגלאַנץ. זיי

פלאַקערן אויף. זיין שטיינערנע ברוסט הייבט זיך. ער לעבט! און ער צינדט אָן די נשמות, און מאַכט בליִען דאָס לאַנד. יענע רוים איז שוין לאַנג צעשטערט. עס איז אַ גרויסער תל מיט חורבות־אַנטיקן. מאַסיווע אַרקאַדן, שווערע זיילן און אַלטע טעראַסן.

געזוכט אין „בעדעקער", ווו איז אַ שטיינערנער משיח. פאַראַנען אַ סך שטיינערנע צלמים, אָבער נישט אונדזער משיח.

ער וואַרט מער נישט ביי יענעם טויער, ער וואַרטביים טויער פון ייִדישן האַרץ. שוין איז דאָ אַ קליינטשקע עפענונג ווי אַ לאָך פון אַ נאָדל. אַ בייער פונק, אַן אייניקל פון יענעם אַלטן בלישטשעט אונטער אַ באַרג אַש. ער אַמפּערט זיך, ער ראַנגלט זיך, אַ מאָל שיסט ער שטראַלן. דעמאָלט אַלאַרמירן אונדזערע ליבהאַרציקע נייע גריכלענדער די פייער־ווערק, מען שטעלט שפּריצן, מען שפּריצט מיט וואַסער, מיט גאַל, מיט בלאָטע... עס העלפט נישט! ער ברענט אין אָנהייב קליין, און ווערט אַלע מאָל גרעסער. ער מאַכט ווידער ליכטיק אונדזער לאַנד און אונדזער פאָלק.

[8]

אַ, ליכטעלעך איר מיינע, ליכטעלעך איינציקע, איר העלפט אונדז געפינען די פאַרבלאָנדזשענע נשמות אונדזערע, וואָס פלאַטערן אין בענקשאַפט, אָן מנוחה, אין דעם פינצטערן חלל פון אַ פרעמדער קאַלטער וועלט! ליכטעלעך איר מיינע, ליכטעלעך איינציקע, איר זייט ווי די שיינוואַרפערס, וואָס ליִנירן איבער אונדזער הימל לאַנגע, באַוועגלעכע ליכטשטרייכן, זוכנדיק די באַהאַל־טענע פינצטערנישן, פון ווו דער פליִענדיקער שונא וויל אַראָפּוואַרפן אויף אונדזער רויִק געצעלט צעשטערונג און פאַרניכטונג!

ליכטעלעך זיסע, אין אייערע דערקוויקנדיקע שטראַלן לעבן נישט נאָר אונדזערע לאַנג־געשטאָרבענע, הייליקע העלדן; אין אייך לעבט אויך דאָס וואָס איז דאָס לעבעדיקסטע אין אונדז. דאָס וואָס איז אַפילו נאָך נישט געבוירן געוואָרן! אין אייך לעבט אונדזער צוקונפט!

מיר ציילן אייך: איינס, און נאָך אַ מאָל איינס, און ווידער איינס, וואָס אַ טאָג מער, ביז עס ווערט אַכט. ליכטיק געוואָרן די גאַנצע מנורה! דעמאָלט זאָגן מיר: זאת חנוכה, אָט, דאָס איז חנוכה! פון אַ קליינעם אָנהייב איז דאָס געוואָרן, פון אַ זאָמענקאָרן איז דאָס געוואַקסן! אַזוי וועט אונדזער דערליי־זונג וואַקסן. אָבער כדי דאָס זאָל וואַקסן ביז עס וועט ווערן אין גאַנצן ליכטיק, מוז מען דאָס ערשטע ליכטל דערהאַלטן! און דאָס ערשטע ליכטל... איז אונדזער איצטיקער ייִשוב אין דעם חשמונאים־לאַנד!

וואָס מיר זענען נישט געקומען מיט שווערדן און ביקסן, נאָר מיט די

געבענטשטע כלי־זין פון שלום און פון שווערער אַרבעט: מיט אַקער־אייזנס. הער, מיין ברודער, די אַקער־אייזנס קלינגען! ווי פון דוד המלכס האַרפע, איז זייער ניגון קרישטאָל־ריין, און גליִענדיק, ווי די שרפים. פון זיי שטראָמט אַ קאַפּיטל תהילים, אַ ניי קאַפּיטל תהילים! פון זיי ברילט דאָס אַלטע לייבנקול פון חשמונאים: „ליכט וויל איך! מוט און האָפענונג, און לעבן ווי מענטשן... פאַר וואָס זאָלן מיר זיין ערגער ווי אַלע?"

און דו קאָנסט זיין זיכער, מיין ברודער, די פאָן מוז זיגן! די ליכטעלעך מוזן איבערלייכטן און גובר זיין אַלע ימים פון פייער. אָבער אין מיטן געזאַנג וויינט אַ קול פון נויט. אונדזער לאַנד איז ווידער פאַרטונקלט פון שווערע כמאַרעס. נישט נדבות, נישט העלפן, פשוט, ווי אָרעמע לייט! ניין! זיך אַליין ראַטעווען! גוואַלד! דאָס ערשטע ליכטל! דאָס העמד פאַרקויפן, און דער־האַלטן דאָס ערשטע ליכטל! גוזר־תענית זיין, דעם ביסן פון מויל זיך אָוועקנעמען, און דאָס ליכטל מוז דערהאַלטן ווערן, כדי עס זאָל ווערן גרויס, און עס מוז ווערן גרויס.

אַזוי טענהן, ווינקען, פאָדערן, שרייען היינטיקס יאָר — די ליכטעלעך. שוין זשע ווערסטו דו נישט הערן, מיין ברודער!

אין גלות

די פּאַרטריבענע און די פאַרוואָגלטע, פאַרשפּרייט אין אַלע עקן, באַקעט און בלויז, געשוואָלן פון הונגער, שוואַרץ ווי די ערד, וואָס זענען אַנטרונען געוואָרן פון שאַנד און פון פּיין און פון טויט, שלעפּן זיי זיך אַרום — אוי, גרויסער גאָט! פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד — און אויך אין האָלאַנד, ביי די געמויזעכצן פון וואַסער, קריכן זיי אַרום, און זייערע האָר־לאָקן טריפן פון דעם פוילן שבת־רעגן, וואָס גיסט זיך אָן אַן עק.

צווישן שלש־סעודות און הבדלה — אַזוי האָב איך אַמאָל געהערט אַ בבא־מעשה — קילן זיך די מתים אין וואַסער, כדי זיי זאָלן קומען אַ ביסל קילער אין גיהנום אַריין.

אַזוי צוואָגן זיך דאָ די פאַרשטויסענע, איידער זיי וועלן אַריינפאַלן אין דעם ניו־יאָרקער קעסל.

איך האָב געזען אַ ייִדענע אין אַ צעריסענער סאַמעטענער סאַליפּע, בלויז פעדערן, אַ פאַרשטויבטן קאַפּעליוש אויפן קאָפּ, נאָ באַקיער, פון אונטערן האָר־שייטל האָבן אַרויסגעקוקט זיידענע, יונג־גרויע האָר.

מען האָט זי אַרומגעפירט אין יודען־ברייט־שטראָאַט, ווייסע חברה איז נאָכגעלאָפן: „אַ משוגענע! אַן עמיגראַנטקע!" זי איז אַרויסגעפאָרן מיט זעקס קינדער פון דער היים, אויפן וועג האָט זי פאַרלוירן דריי, פשוט פאַרלוירן! שריי: „חי וקים!" זי ווייס נישט, אַ שווער געמיט, אַ געטומל, אין וואַגאָן אַן ענגשאַפט, שטייג־איין, שטייג־אויס — קינדער, ברעקלעך, צוויי אין שויס, איינס אויפן אָרעם — די גרענעץ, מען באַזוכט, פרעמדע גויים, מען קלינגט, אין איילעניש, אויסגעגאַנגען פון הונגער, געלאָפן אויף אַ סטאַנציע נאָך אַ ביסל וואַרעם וואַסער, זיך פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אַנדער וואַגאָן.

— ייִדן בני־רחמנים, ווו זענען מיינע קינדער? זעקס שטעגגלעך הדסים האָב איך געהאַט, און געבליבן זענען נאָר דריי! פאַר וואָס אַ זינד האָב איך פאַרלוירן די קינדער, ווו זענען די עופעלעך מיינע?

— אַ שיפסקאַרט האָט ער מיר געשיקט, ער אַרבעט נעבעך שווער, — מיין שפּייזער, מיין דערנערער! — איך זאָל קומען מיט די קינדער! אוי, ווי וועל איך קאָנען אים קוקן אין פּנים אַריין?

פאַרבייגערוקט אַ געגאָלט ייִדעלע מיט אַ קרום נעזל — אַ וועגעלע, און שרייט מיט אַ הייזעריק קול: סינאָאַס עפּל, סינאָאַס עפּל! (פּאָמעראַנצן), —

און ער דערלאַנגט מיט זיין וועגעלע אָט דער יידישענע אַ שטויס אין דער זייט.
ס'איז ענג אויפן ברייטן־יאַדען־שטאַאַט, פעלט נאָך דאָ ברייגע פון זינקעוו מיט איר יאָמערן וועגן קינדער!

*

דער קטב־מרירי הערשט, און די טעג זענען גרייט, חס־ושלום, צו פורעניות. אַ תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף מיין פאָלק! בייזע רוחות יאָגן אונדז; מען באָדט זיך אין אונדזער בלוט, און מיר מוזן לויפן, ווי די רוצחים — אין ערי־מקלט אַריין.
שטאַרק דיינע לענדן און הער ווייטער, מענטשנזון!
אַ יינגעלע פון אַ יאָר צוועלף, פון צווייטן קלאַס, פון גימנאַזיע, אויס אָדעס — פאָרט אַליין קיין אַמעריקע. דער טאַטע איז געשטאָרבן יונגערהייט; די מאַמע איז געהרגעט געוואָרן אין פאָגראָם, אַ פעטער אין אַמעריקע; צוזאַמענגענומען אויף הוצאות, און געשיקט דעם וואָרעם אין דער וועלט אַריין.
און ער פאָרט מיטן גימנאַזיסטישן היטל, מיטן רוסישן גימנאַזיסטישן היטל, נישט דערשלאָפן, נישט דערעסן, געל ווי וואַקס — און רעדט רוסיש, נאָר אַ פאָר ווערטער יידיש.
און רוסיש פאַרשטייט קיינער נישט, נאָר יידיש קומט אַ ביסל צונוץ.
צו פרי האָט מען געוואָלט אָפּשאַפן דאָס העברעיִש מיטן זשאַרגאָן, די פאַרוואָגלטע קינדער — ווי וואָלטן זיי גערעדט, און ווי וואָלט מען זיי פאַרשטאַנען.
און עס טריפט אַ זיסקייט פון דאָרן פנימל, און אַ טרויעריקייט גלאָצט אַרויס פון די אייגעלעך, די נאַסע. — דער טאַטע געשטאָרבן; די מאַמע — דערהרגעט!
אוי, יידעלע קליינס, יידעלע — אין דעם ביטערן גלות!
ווי נאָך אַ מת גיי איך נאָך דיר, און מיינע לעפצן ברומען: „מיט זיינע פליגל וועט ער דיך באַדעקן; קיין פלאָג וועט נישט גענענען אין דיין געצעלט!"
פאָר פאָר, יידעלע קליינס!
ווי אַן איילבערט וועט שפּראָצן דיין שיינקייט, ישראל!
אַ יונגער־מאַן פון קיִעוו, מיט אַ צעבראָכענער האַנט, באַנדאַזשירט מיט אַ שמוציק געל האַנטעך, פאַרשלומפּערט מיט רוסישער, דייטשער און האָלענדישער בלאָטע, גלעזערן־גלאָצעדיקע, האַלב־ווילדע אויגן, אויפן קאָפּ אַ מיצל פון אויסגעקראָכענע, אויסגעצופּטע באַראַנקעס, דער שטערן פאַרבונדן מיט אַ שנופּטוך, אַ צעקראַצט פנים, שטיוול — צעריסן, די פיס — קוים־קוים זיי שלעפּן זיך.

אין גלות

אַזוי זעען אויס די אויסדערוויילטע פון די אומות־העולם, וואָס השם־יתברך האָט זיי אויסגעוויילט צו טאָן זיין געבאָט.

און געטאָן האָט ער זיין געבאָט — דער יונגער־מאַן פון קיִעוו. און צעבראָכן האָט מען אים אַ האַנט, און צעקראַצט דאָס פּנים, און פאַרפינצטערט די צורה — און אַרויסגעשיקט אין דער וועלט אַריין, כדי צו באַשיינען דיין נאָמען, באַרעמהערציקער פאָטער!

אין ראָטערדאַם גייט ער אַרום. איך האָב געמיינט, אַז ער וויל פאַרשפּרייטן „די אידייע דעם מאַנאָטעאיזמוס״ — „די אויפגאַבע דעם יודענטומס אונטער דען נאַציאָנען״.

אַזוי פיל האָב איך מיך אָנגעלייענט און אָנגעהערט פון די דייטש־איזראַעליטישע פּריידיקערס.

ניין! ער וויל — 50 גילדן, כדי צו קאָנען צוגרייטן טאַנדייט־מכנסים איבער די דערפער.

ער טענהט: וואָס זאָל איך מיר ברעכן די פיס קיין אַמעריקע — איך וויל דאָ האַנדלען!

עס איז דאָך אָבער דאָ נישט קיין פּלאַץ, מען דאַרף נישט דיין האַנדלען, יידעלע!

וואָס דען קאָן ער טאָן מיט איין האַנט?

איינער פון די פּרנסים זאָגט, מען זאָל אים קויפן אַ קאָטערינקע. גענוג איין האַנט.

דער רוב אָבער זאָגט, מען זאָל אים שיקן נאָר ווייטער, ווייטער!

און עס איז אָוונט, און די לבנה שיינט — אַז מען מעג זי מחדש זיין ביים ים, און איך באַגלייט צום שיף דעם ייד מיט דער צעבראָכענער האַנט.

— פאָר, ליבער ייִד, פאָר ווייטער!

דער מלאך פון רעגן

אַ פּאָר־שבועותדיקע זאַך

ס'איז געווען פּאָר שבועות; מיטן אין טאָג; אין בית־המדרשל ביי „חברה תהילים" האָט מען שוין געמעגט דאַווענען „מנחה גדולה"; ביי דער ראָגאַטקע, דאָרט, ווו מיין שטאָט לאָזט זיך אויס, אַקוראַט דאָרט, ביי דער גרענעץ, איז געשטאַנען אַ לינדנבוים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערציילט אַז אָט דאָ עקט זיך דער שאָסיי, וואָס מען פאָרט קיין פלינסק *, און אַז דאָ — ליבע קינדערלעך! — הייבט זיך אָן פלאַצק! ער האָט דערציילט, און דערביי געשאָקלט מיט זיינע דינע, באַחנטע צווייגן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס יונגע, געלבלעכע בלאַטוואַרג שושקעט צו: יאָ, קינדערלעך! דאָ הייבט זיך אָן פלאַצק, דאָ איז שוין גאָר אַן אַנדער וועלט, דאָ איז שוין ר' אלעזר מרא־דאתרא, דאָ גייען שוין די דאָזאָרעס „די הויזן איבער די שטיוול", דאָ איז שוין דאָ אַ גראָדסקע־גאַס מיט גרויסע קאָמעניצעס, מיט „דייטשן", דאָ האַנדלט מען שוין מיט „דאַנסק", דאָ זענען שוין גאָר אַנדערע מינהגים, ווי אין עפּעס אַ פלינסק אָדער אַ ביעלסק, דאָ זאָגט מען שוין נישט „אל ארך אפּים" פון פּסח ביז ר"ח אייר!

פון אָט דעם לינדנבוים ווייטער זענען געשטאַנען אַ מאַסע קשאַקעס, מיט טונקעלע, טיף־גרינע בלעטער. זיי זענען געווען אַזוי פאַרשטויבט, אַז מען האָט קוים געקאָנט דערקענען, אַז די דאָזיקע קשאַקעס וואַקסן, כדי צו פאַרזאָרגן „גאַנץ פלאַצק" מיט ערבות. איבער די קשאַקעס, צווישן וועלכע אַ קליין טייכל האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, זענען אַרויסגעשטיגן עטלעכע עפּלביימער; עפּל האָט מען דעמאָלט נישט געזען, די ביימער זענען געווען קונדסים, הפקר־ביימער, די עפּל זייערע פלעגן ערשט צייטיק ווערן אין די „דריי וואָכן" (אַז מען האָט געוואָלט פּטור ווערן פון חדר, האָט מען געגעבן אַזאַ מין פּרי), נאָר די קיילעכדיק־צוגעשפּיצטע, געקאָרבט־געזעגטע בלומענבלעטער האָבן שוין איצט רויזנפאַרביק געפלאָקערט פון דער ווייטנס. זיי זענען געווען אַזוי חוצפּהדיק רויט, אַז אַלע ייִדן, וואָס זענען פאַרבייגעפאָרן אין די בוידן פון פלינסק קיין פלאַצק, ווי מיד און פאַרשלאָפן זיי זענען נישט געווען, האָבן געמוזט אַרויסקוקן אויף די רויטע

* פלינסק — געמיינט פלאָנסק.

בלעטער. נישט לאַנג זענען די דאָזיקע בלומענבלעטער געבליבן רויט. גרוי, ווי אַש, זענען זיי שפּעטער נעבעך געוואָרן, אָבער שבועות־צייט זענען זיי נאָך געווען רויט, ווי די קרעלן. נאָך די עפּלביימער איז געשטאַנען דאָס „וועלדל". דאָס „וועלדל" איז שוין געווען פון יענער זייט ראַגאַטקע. אין „וועלדל" האָט מען שוין נישט געטאָרט טראָגן, „אויס שטאָט־עירובֿ!" ס'„וועלדל" איז געשטאַנען „שמונה־עשרה"; איז די לופט געווען רויִק, איז עס געשטאַנען, ווי אַ פעסטער מתנגד, ערנסט, מיט הקפּדה, שטייף. איז אָבער די לופט געווען ווינטיק, האָט עס זיך געוואָרפן און געשאָקלט, ווי אַ קאָצקער שאַרפער חסיד ביי „כתר" צו מוסף יום־כּיפּור, דעריבער האָבן מיר עס טייל מאָל גערופן: „דער גרויסער מתנגד". טייל מאָל: „דער גרינער חסיד", מחמת גרין איז דאָס שטענדיק געווען, אַפילו ווינטער. ס'האָט שוין געהאַט אַזאַ טבֿע. די קליינע פייגעלעך זענען דאָרט געגאַנגען איין און אויס, ווי „אורחים" אין אַלטן בית־המדרש; עס האָט געפּייפט און געררוישט און געשושקעט, ווי אין אַ דרדקי־חדר.

דאָס אַלץ האָב איך געקאָנט זען, ווען איך בין אַריין־און־אַרויס איבער דער ראַגאַטקע, און אין עטלעכע מינוט אַרומגעהאָפּסעט איבער שטיינער און איבער ביינער. איז מען אָבער געלעגן אין שאָטן פון די בלומענבלעטער אונטער אַן עפּלבוים, מיטן רוקן צום טונקל־ברוינעם פּיען, און געקוקט אַהין צום שאָסיי, אַנטקעגן דער שטאָט — און איינער איז טאָקע אַזוי געלעגן — האָט ער געזען, קודם־כּל, זיינע „רגלים", דערנאָך אַ קליין בערגל, באַדעקט מיט קרייטער און קשאַקעס, ווייטער — אַ פּאָר נידעריקע געוויקסן באַרג־אַפּ מיט שמאָלע, זיידענע, גלאַנצנדיקע, באַהאָרטע בלעטער און בלי'עכצן, וואָס באַוויזן זיך שוין ל"ג־בעומר־צייט — די קאַרליקעס־ערבֿות, אַ שטיקל וועג, וואָס ציט זיך ביז אין שטאָט אַריין, אַ שטיקל פון רויטברויענעם ציגלדאַך פונעם הייזל ביי דער ראַגאַטקע, וואָס איז געווען אַרום און אַרום באַוואָקסן מיט קלעטערדיקע צווייגן און בלעטער, פונעם הייזל, וואָס דער „ראַגאַטקער־ייִד" גרונם דער הויקער, האָט באַוווינט מיט זיין יתומה, בלימעלע. און צום סוף: יענעם הימל, וואָס מע זעט פּאַר שבועות, אין פלאָצק, ביי דער ביעלסקער ראַגאַטקע.

גרונם דער הויקער האָט געהאַט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און איז געשטאַנען אין דעם געלבלעך־טונקלען טלית־קטן פאַרן הייזל, געשטאַנען און אויסגע־קוקט די באַלעגאָלעס, וואָס צאָלן ראַגאַטקאָווע. ס'איז געווען הייס און דושנע. אַ טיפע שטילקייט איז געלעגן אַרום און אַרום, נאָר זעלטן איז די שטילקייט איבערגעהאַקט געוואָרן פון דעם רויש פון אַ פאַרבייפאָרנדיקער בויד, אָדער ברישקע. די געצאַקטע, מיט הערלעך באַוואָקסענע בלעטער

פון ווערבעס האָבן געהאָנגען אויף די קשאַקעס און געחלומט אַוודאי הושענאַ־רבה־חלומות, געחלומט פון זייער שוואַרצן סוף. נאָר דעם רבונו־של־עולמס „קיִעלעך", די „זון־קעלבעלעך" און „גאָטס־שעפעלעך" און „משה־רבנוס פערדעלעך" זענען געשפּרונגען און געפלויגן איבער די קשאַקעס אויפן בערגל מיט זייערע ווייס־געלע שטערן־פלעקלעך און קאַרמאַזין־רויטע פליגעלעך, און זענען געווען שטאַרק פאַרנומען דערמיט, די קליינע בלעטער־ווערעמלעך אָן שום רחמנות אויפצולאָכן. אויף דער גאַנצער חתונה פלעגט צוקומען אַ מין שניי פון בליִעכץ אַנצופליען, אָן שום ווינט, נאָר פון דער ברענענדיקער זון אויסגעדאַרט, געבּרענט און געבראָטן. דער דאָזיקער שניי איז געפאַלן שווער אויפן זאַמד, אויפן שאָווער פון שאָסיי, אויף דעם שטויב, וואָס האָט באַדעקט די פאַרקאַנעס און דעם שליאַבאָן — און אויף אַ מענטש, וואָס איז געלעגן אונטערן עפּלבוים, באַדעקט מיט בליִעכץ, ווי ער וואָלט אַרויסגעקראָכן פון אַ פוכענעם פעדערבעט.

ער איז געלעגן, ווי דער דיקער גבריאל, דער שענקער, פלעגט ליגן פּרייטיק נאָך מיטאָג אין מרחץ אויף דער העכסטער פּאָליצע, געשנאָפּט לופט, אָן שום רעיון, בלויז גוף, אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין אייגענעם גוף, דערקוויקט, משונהדיק פאַרמאַטערט, אָבער מיט נחת. ער האָט געקוקט אין ביכל אַריין, נישט ווי מען קוקט ביים דאַווענען, נישט מיט הכנעה, גלאַט געקוקט אין הויכן תכלת אַריין, אָן חשבונות, אָן פּחד. זיינע טונקעלע, פאַרחלומטע אויגן האָבן אַזוי ווי געזוכט עפּעס ווייטע מקומות, אַ מאָל געפלויגן מיט אַ מין בענקעניש דורך דעם גרינוואַרג, און געבליבן העפטן מיט גרויס ליבשאַפט אויפן הייזל ביי דער ראָגאַטקע. אַ מאָל האָט געגעבן אַ פלאַקער עפּעס אָן אומגעדולדיקע, גרויסע פאַרגליסטונג, אַ רגע אַרום — האָט דער דאָזיקער מענטש זיך פאַרקוקט, פאַרטראַכט און פאַרטיפט אין די בלומענבלעטער, וואָס האָבן מיט אַ ווידערשיין אויף זיין בלאַס פּנים אויסגעגאָסן אַ גאַנצע שרפה פון רויטע פלאַמען. פּלוצעם האָט זיך דאָרט אויבן אַ וואָלקן פאַרטונקלט, אין אַ רגע־כמימרא איז געוואָרן אַ קליינער, קיילעכדיקער, ברוינער פלעק אויפן גרויען שטויב ביים עפּלבוים, נאָך איינער, דריי, פיר, אַ סך, נאָך מער. ס׳גאַנצע שטיקל לאַנד איז געוואָרן גרוי־טונקל. אַלץ איז געוואָרן ווייך, דערקוויקט און אויפגעלעבט.

אויפן פלינסקער וועג זענען געשטאַנען די הויכע, גלייכע ברעזעס אין די גלאַנצנדיקע ווייסע קליידער, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן געווען האָנאָראָווע דעפּוטאַציעס פון מיידלעך, ווייס געקליידעט, מקבל־פּנים צו זיין די מלכים... די ייִדן, וואָס קומען אָנצופאָרן פון ביעלסק און פון פלינסק קויפן צוקער און נאַפט, זיי האָבן אַנטקעגנגעוואָרפן דעם העלגרינעם, ווונדערלעך־דעליקאַטן

שלייער, און דאָס פיינע, געקרייזלטע לאָקן־בלעטערוואַרג. די דאָזיקע ברעזעס האָט מען קוים געקאָנט זען פון דאַנען, אָבער דער האַרבער פרישער ריח זייערער איז געקומען פון ווייטנס און האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט די בליִענדיקע בשמים פון לינדנבוים.

דאָ נעענטער, ביים „וועלדל" איז געשטאַנען די סאָסנע, די כלה, לעבעדיק און דורכגעציטערט, אַרומגעקושט און אַרומגעהאַלדזט פון אַן עזותדיק ווינטל, און ס'האָט אויסגעזען אַ שטייגער, ווי מ'וואָלט איצט געגעבן אַ סיגנאַל — נו, לעבעדיק! — געוואָקסן זאָל ווערן, געשפּראָצט און געבליט, גיט אייך אַ נעם! און דער עולם גיט זיך אַ נעם. די גאַנצע חברה פון געמוי־זעכץ ביז צו דער לופט, דער ווייסער בעז און דער בלוילעכער, די ווייסע קיילעכדיקע בלומען, וואָס מע רופט זיי „שנייענע פּילקעס", און די געלע פּיצעלעך, וועלכע זעען אויס ווי גינגאָלד־אויסגעגלעך, איינגעפּאַסט אין ווייסע רעמלעך, וואָס מע רופט זיי „,„גאָלדרעגן", — אָט דער גאַנצער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פּאָיען און זייגן פון דעם רעגן, ווי קינדער פון דער ליבער מאַמעס ברוסט.

די ליפּע האָט געעפנט אירע באַהנטע כוסות, ווי די גלאָקן, די וויערזשבעס האָבן אויפגעלעבט, די קשאַקעס מיט די גלאַנצנדיקע צווייגן, מיט די צוגע־שפּיצטע שאַרף־געזעגטע, בלוי־גרינע בלעטער האָבן געגלאַנצט און גע־פּערלט און געשפּיגלט זיך אין פייכטקייט. אַרום דעם גראָבן בערגל און גרונם דעם הויקערס הייזל ביי דער ראַגאַטקע האָט דער ליכטיקער, ליבער אַוויר געוועבט און געשפּונען זיינע סודות און זיינע נסים, וואָס זענען אַלט, ווי די וועלט, און שטענדיק יונג און פריש, ווי דאָס לעבן גופא, טיף־טיף — ס'האָט געקאַפּעט, געפּלאָסן, געהילכט דורכן גאַנצן אַוויר, וואָס איז געווען פּשוט שיכור פון די שטאַרקע בשמים, געהילכט ווי אַן אַלטער, אייביקער מזמור. דאָס געררויש אין די שפּיצןביימער און אין די צווייגן האָט זיך געלאָזט הערן ווי אַ קדושה. קלאַנגען האָבן זיך געצויגן איבערן פעלד, ווי דאָס געזאַנג פון דוד המלכס האַרפע, ווייך און מיט נחת. די עפּלביימער האָבן מיט אַ האַלב קול געמורמלט, די שטרייכער האָבן שטיל צוגעלאַכט און איינער דעם אַנדערן איינגערוימט, ווייס איך וואָס פאַר אַ גלייכווערטלעך, מעשהלעך, רעטעניש, אפשר אויך מופתים פון רבין, אוודאי פון יענעם גרויסן קשאַק זכרונו לברכה, וואָס האָט געברענט און געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן.

די ליפּע האָט געזונגען חניפהדיק, אַ ביסל פאַרשיכורט, געמאַכט חנדעלעך, און אַליך אָפּן געהאַלטן דעם כוס־של־ברכה, צו כאַפּן די משקה, און די זומער־פייגעלעך מיט די רויט־געפאַרבטע לאַפּקעלעך, מיטן שוואַרצן חושן־

ואפוד אויף די בריסטעלעך און מיט די ווייסע פלעקעלעך אויף די לייבלעך האָבן גאָר לאַבוזעוואַטע געשטיפּט און אָנגעגעבן מעשים! אַ מין לעבן!

ס׳וואַסער האָט גערוישט זילבער־קלאָר. באַלד ווי עס איז אַריין אין גראָז, איז דאָס געוואָרן ברוינדלעך־גרין און געשפּרונגען און געבלישטשעט און זיך געוואָרפן און געשאָסן מיט אַזאַ עשירות אין טויזנט פּערל, אין מיליאָנען־מיליאָסן פונקען און פינטעלעך און שטערנדלעך, געטאַנצט און געיאָגט און איינס ס׳אַנדערע געוואָרפן און געמאַכט קונדסישע קאָזשעלקעס פון בערגל אַראָפּ־צו צום טייכל, וואָס האָט דאָרט, אונטן, געוואָרט, פּאַרטיק, שיין געבעט, אַרומגערינגלט מיט ווילדע קשאַקעס און צום הייזל דאָרט, ווו בלימעלע, גרונם דעם היקערס טאָכטער, האָט אַרויסגעשטעלט אַלע טונען און באַליעס, וואָס זענען געווען אין שטוב, אויפצופאַנגען — געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען! — ס׳ביסל רעגנוואַסער נאָך אַזאַ חמימה, רבונו־של־עולם!

צווישן די עפּלביימער און דעם הייזל, ביים בערגל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט בלישטשענדיקע וואַסער־אָדערן, וואָס האָבן זיך געצויגן און געדרייט און געפלאָנטערט איינס אינעם אַנדערן, איז געשטאַנען דער מענטש, וואָס איז פריער געלעגן אונטערן עפּלבוים אין גאָסרעגן, און האָט געלאָזט פאַלן די טראָפּנס אויף דעם קאָפּ, אויף די ברעמען, אויף די אויגן, אויפן האַלדז און אויפן מויל, געהויבן דעם קאָפּ און געקוקט אין הימל אַריין, אויסגעשפּרייט די אָרעמס, געשאָקלט מיט די פּלייצעס, געעפנט די הענט, צעשפּרייט די פינגער און אַרומגעטאַפּט אין לופטן. מיט אַ מאָל האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען, אַזוי פאַר זיך, אָן שום מחשבות, דאָס שטיקל פּייט פון גשם:

„אף ברי אתת שם שר מטר"

„אף ברי" איז גערופן געוואָרן דער מלאָך פון רעגן.

מיטן בלויזן קאָפּ! אַפילו אָן רעגן וואָלט דאָס געווען עפּעס אַ מוראדיקע זאַך; מען וואָלט גלאַט גאָר זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי וועלוול, דער גמרא־מלמד, קאָן אויסזען מיטן בלויזן קאָפּ. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין וועלוול טראָגט צווייערליי אויפן קאָפּ: אַ היטל און אונטערן היטל אַ קאַפּל. דער דרך־ארץ איז היטל און קאַפּל. מילא, אַז ס׳מאַכט זיך אין דער היים, אָדער צווישן אייגענע מענטשן, מעג זיין קאַפּל אַליין. אָבער אַזוי גאָר מיטן בלויזן קאָפּ און ביי אַ גאַס־רעגן און דערביי זינגען אַ שטיקל פּייט — אַזאַ משוגעת קאָן זיך טרעפן פאַר שבועות.

פאַר שבועות! פּשוט, אַ הפקר־וועלט! גלאַט אַנאַרכיסטן! אין חדר רייסט זיך אַריין דער מיי ביד־חזקה. דאָ פאַרגנבעט זיך אַריין די זון דורך די קליינע פענצטערלעך און צינדט אָן אין פאַרחושכטן, אומעטיקן

שטיבל אַ פּייערדיקע רויטקייט, אָדער זי לאָזט פליִען אַ רינגעלע איבער די גמרות, און הו־האַ: אויפן רביס באָרד, און אין אַ רגע־כמימרא איז עס שוין גאָר אויפן קיילעכדיקן אויוון. דאָ — זיצן מיר פּאָר נאַכט, כאַפּט זיך אַריין דער בין־השמשות און דאַווי! וועבן אַ שלייער איבער אַלע טויזנט זאַכן אין שטוב. מען לערנט נאָך אַלץ: „אָמר אַביי", „אָמר רבא" — האָט אַביי געזאָגט, האָט רבא געזאָגט, אָבער איבער די גרויסע, שווערע ש"ס־גמרות פון דירענפאָרטער דרוק, שוועבט דער דרויסן, דער מיי, עפּעס אַזוי גוואַלטיק, ווי א רבא בר־בר־חנהס בר־יוכני, אַן עוף, אַ ריז, מיט אויסגעשפּרייטע פליגלען. וואַרעמע לופטלעך פלאַטערן צו. אַלע בליִעכצן, אַלע גרעזעלעך ציִען ווי מאַגנעטן, איבער די פענצטער פּישטשען די שוועלבלעך, און דאָס פּייפעניש זייערס מישט זיך אַריין אין דעם גערויש פון קנעלן, אין דעם מלחמה־געפילדער פון בית־שמאי און בית־הלל, וואָס קריגן זיך אַלץ אין איינעם, אין דעם ליאַרעם פון די „קשיות", אין דעם גערויש פון די „תירוצים", אין דעם האַרמאַטן־דונער פון די „ראשונים" און אין דעם ביקסלעך־קנאַלן פון די „אחרונים". ס'איבערהילכט אַפילו די מוראדיקע קאַנאָנען פון רי"ף, פון רמב"ם, און די שווערע אַרטילעריע פון רשב"א, פון ריטב"א, פון שיטה מקובצת — איך מיין: אין אונדזערע אויערן, וואָרעם דער רבי אַוואַזשעט נישט אויף שוואַלבן; נישט נאָר שוואַלבן, גאַנצע וועלדער מעגן זינגען, אַפילו נישט אויף אַ רגע וועלן זיי קאָנען מבלבל זיין וועלוולס שיעור פּאַר אים אַליין. נאַרישקייטן.

וועלוול איז נישט געווען קיין פּראָסטער מלמד, פון גאַס־אַראָפּ. ניין! נאָך דער צורה זיינער האָט מען באַלד געקאָנט דערקענען, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדער מין מענטש. די שוואַרצע אויגן זיינע האָבן אויסגעזען, אַז זיי באַהאַלטן עפּעס אַ רייכע טיפקייט, די ליפּן האָבן שטענדיק געציטערט, און די גאָמבע איז געווען שטאַרק און ענערגיש — עפּעס נישט קיין געוויינלעכער פּאַרשוין, ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ מין עקשנות, אַ מין נצחון, פאַרשלאָסן, פאַרקוקט אין זיך אַריין, נישט ליב געהאַט זיך אָפּצוגעבן מיט מענטשן, נישט קיין רעדער! אינעווייניק האָט געקלאַפּט, אפשר גאָר ווילד, אַ יונג האַרץ, אָבער ער האָט דאָס גאַנצע געקלאַפּער און אַלע הירהורים מיטן גאַנצן יצר־הרע, מיטן האַק־פּאַק געבונדן און אַנידערגע־לייגט, ווי שעפּסן צו דער שחיטה. געלעבט אין פּלאַצק, צווישן בית־המדרש און חדר? אָסור! געלעבט אין אמת אַריין עפּעס ערגעץ אין בבל, אין מתא מחסיא, אין נהרדעא, אין פומבדיתא, צווישן תנאים און אַמוראים! האָט איר געזען, שפּינגעוועבס כאַפּט זיך אַריין אין אַ גרויסן סאָסנעווען שפּייכלער, ווער עס ציט זיך איבער דעם סופיט און איבער די ווענט און איבער די טירן,

אַזוי, אַז מען קאָן דאָס שוין גאָר נישט דורכקוקן, אַזוי אַז עס פאַרשליסט דעם אָטעם און די ליכטיקייט? אַזוי איז װעלװל געװען אַרומגעשפּונען, בפרט אין די לעצטע יאָרן, צייט ער איז געװאָרן אַן אַלמן. װעלװל איז געװען טאַקע אַ פּלאַצקער באַלעבאַטיש קינד, דער פאָטער איז געװען אַמאָל אַ ייִד אַ נגיד, גוט געגאַנגען, אים אַליין אויך; חתונה געהאַט גאָר אַ קינד. געקלונגען פאַר אַן עילוי, געבליבן אין עטלעכע יאָר, השם ישמרנו, מחוסר־פּרנסה, זיך גענומען צו מלמדות און געהאַרעװעט שטילערהייט, שװער, װי אַ האַלצהעקער. געטאָן זיין חוב, זיך קיין מאָל נישט געקלאָגט, נישט אַ װאָרט. ער איז געװען משונהדיק פרום, געפאַסט תעניתים, געאַרבעט, אַריינגעטאָן אין חסידות, כמעט אויסגעטאָן פון דער װעלט. דאָס, װאָס ער איז געװאָרן אַן אַלמן, האָט אויך נאָך מיט־גורם געװען. ס׳זענען פאַראַנען זאַכן, װאָס טרעפן אַ מענטשן און זיי קערן זיך אָן צו אים, זיי װערן אַ חלק פון אים אַליין, זיי טראָגן אים, װי דער אייגענער רעיון, װי די אייגענע נשמה. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז װעלװל מוז, אַ פּנים, זיין אַן אַלמן. אָרעם און עלנט איז געװען זיין חדר אויך — אַ חדר אָן אַ רביצין! אָבער װעלװל האָט דעם חדר פול געמאַכט מיט זיין התלהבות. אין זיין שיעור איז געװען אַלץ: בענקעניש, כװנה, פאַרגעניגן, שימחה, שאַרפקייט, אמונה, װילדקייט, דבקות, זיסקייט, טייל מאָל — אַפילו כעס. מבינים האָבן פאַרשטאַנען זיין התלהבות און האָבן שטאַרק געהאַלטן פון װעלװלען — זיי האָבן אים געגעבן די קינדער אין חדר אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז מבינים זענען נישטאָ אַ סך, און נישט פון די גרויסע נגידים. ס׳איז אויך װעלװלען געגאַנגען נישט אויפן גרויסן אופן. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַפילו אַ גאונישן, אָבער איין זאַך פלעגט ער שטענדיק צו פאַרגעסן — דאָס עסן. נאַרישקייטן.

פאַרשטייט זיך, אַז װעלװל איז נישט געװען אַ שפּאַצירן־גייער. נאַרישקייטן! ער פלעגט צו זאָגן אַ המצאהלע: ס׳װייזט אויס, אַז דער עולם האָט גאָרנישט װאָס צו טאָן — לייכטע קעפּ! אָדער זיי גייען שפּאַצירן, אָדער זיי זיצן שפּאַצירן — אַ טשיקאַװעס, װי עס נעמט זיך דער כוח אויסצוהאַלטן. „דו, שייגעץ, זאָג דעם מהרש״א!״ — דאָס איז געװען שטענדיק דער סוף פון פּסוק. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן. איינגעבויגן די פּלייצעס, אַריינקוקן אין די דראָבנע אותיותלעך פון מהרש״א און אין דעם ייִנגלס פּנימל. האָט ס׳ייִנגל געקענט דעם מהרש״א גוט, איז דאָס געגאַנגען גלאַט, איז װעלװלס פּנים געװאָרן ליכטיק און ליכטיקער, אַ נאַצער הימל פון ליכטיקייט און פון װאַרעמקייט איז געװען אין די אויגן. האָט אָבער דאָס ייִנגל געװיזן, אַז ער איז אַ װויטעק, אוי, האָט זיך װעלװל געגעבן אַ דריי אָװעק מיט אַראָפּ־געלאָזענע אויגן און צוזאַמענגעביסענע ליפּן, און געגעבן אַ שװערן קרעכץ.

געשלאָגן האָט ער נישט, אָבער דאָס קרעכצן האָט געברענט, ווי פייערדיקע ריטער.

דאָס אַלץ איז געווען אַ גאַנץ יאָר, אָבער צווישן פסח און שבועות איז דער כוח אויך אָפּגענומען געוואָרן. אין אָנהייב איז דאָס נאָך געגאַנגען פּול־בידע, אָבער ווי ל״ג־בעומר פלעגט זיך צורוקן, האָט דאָס התלהבות מיט די קרעכצן אויך נישט גענוצט. מיר, יינגלעך, האָבן געהאַט צו פיל צו טאָן: די פייל־און־בויגנס, די שטריק, די גומענע פילקעס, די הילצערנע פיסטאָלעטן, די שטיינדלעך, אַזוי שפּיציק און שאַרף און מיט אַ סך קאָלירן, די קנייפּערלעך, די פייפלעך — דער גאַנצער מאַגאַזין, ס׳גאַנצע ביסל כלי־זין פון די קונדס־דיקע קליינע יידעלעך און די ליבע, טייערע און אַזוינע קורצע וואַקאַציעס, וואָס האָבן סך־הכל געדויערט קוים אַ וואָך, — אָט די דאָזיקע נאַרישקייטן האָבן געפירט מיט ווערלווולען אַ מלחמה, אין וועלכער ער האָט געשטריטן און געראַנגלט מיט אַלע כוחות, — צום סוף אָבער פאַרשפּילט די מלחמה, און וואָס פאַר אַ מלחמה, אַז גאָט זאָל שומר־ומציל־זיין!

— רבי, איר וועט מיט אונדז גיין אויף די מייוווקע, דאָרט אַהין, אויפן פלינסקער וועג, צו ביעלסקער ראָגאַטקע, — גיב איך אים אַ זאָג, ל״ג־בעומר, געשיקט פון גאַנצן חדר מיט אַזאַ מין פּראָפּאָזיציע.

ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אָנגעלענט אויף דער האַנט, און האָט אַריינגעקוקט אין אַ שאלות־ותשובה־ספר. ווי ער האָט דערהערט די פּראָפּאָזיציע, האָט ער צוזאַמענגעביסן די ליפּן און איז געוואָרן אויף איין שאָטן נאָך ערנסטער ווי פריִער, אַזוי, אַז איך האָב געפילט אַ וויי אין אַלע אברים, ס׳האָט מיך אָנגענומען אַ גרויסער דרך־ארץ פאַר דער דאָזיקער שטילער אומעטיקייט.

— וואָס ברויכט איר מיך?

— איר וועט זיך אַ ביסל זאַבאַווען, ס׳איז דאָך ל״ג בעומר!

איך בין געווען שטאַרק פאַרוווּנדערט, דער רבי האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט, האָט זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען מיט מיר, נישט אַ וואָרט אַנטקעגן! אין אָנהייב איז ער געגאַנגען אַזוי נודנע, אַ ביסל מידלעך, אָן שום הרגשה. ווי מיר זענען אָבער אַרויס פון שטאָט און געזען די ביימער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אויף זיין שטערן זעט זיך אַזאַ פעסטקייט, און אין זיינע אויגן שיינט אַזאַ ליכטיקייט, ווי איך וואָלט געזאָגט דעם מהרש״אָ! — גוט!

ביי דער ראָגאַטקע זענען מיר געלאָפן איבערן בערגל און איבערן ראָוו: מען האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַפילו אין וועלדל. אין וועלדל האָט זיך דער רבי געזעצט אויף אַ בערגל ערד, אויסגעטאָן דאָס קאַשקעטל און געבליבן

זיצן אין סאַמעטענעם קאַפּל. זיינע שוואַרצע, אַ ביסל פאַרפּלאָנטערטע האָר האָבן געשפּילט מיטן ווינט. איין שוואַרץ רינגעלע האָט זיך פאַרקרייזלט און איז געפאַלן אויפן ווייסן שטערן.

— נו, קינדער, איצט וועט מען איבערחזרן דעם מהרש״אַ!

פּלוצעם איז פון דער סאָסנע, — ס׳איז געווען אַ סאָסנע, ווו ער איז געזעסן — אַראָפּגעפאַלן אַ גרין צווייגעלע. האָט אַ קלאַפּ געטאָן אויפן סאַמעטענעם קאַפּל, געגעבן אַ רוק ס׳קאַפּל אויף דער זייט, זיך אַרונטער־געריטשט איבערן פּנים און אַריין מיט די גרינע נאָדלען אין שוואַרצן בערדל. דאָרט איז עס געבליבן זיצן. דאָ האָט חברה געגעבן אַ לאַך, אַז ס׳וועלדל האָט געציטערט. דער רבי האָט געהויבן די פּלייצעס און געזאָגט:

— ס׳איז דאָ נישט דאָס אָרט צו רעדן פון מהרש״אַ. מיר גייען, קינדער!

הכלל, מיר זענען געגאַנגען און אַריין אין גרונם דעם הויקערס הייזל טרינקען פרישע מילך. בלימעלע האָט דערלאַנגט די מילכקאַן, און מיר האָבן געטרונקען אָן אַ שיעור. בלימעלע איז געווען שיין, סכנהדיק שיין, אַ ייִדיש־פּוילישע דאָרפסשיינקייט מיט בלויע, גרויסע אויגן, וואָס האָבן געמעגט דערציילן אָט יענע אסתרקע־מעשהלעך. האָר האָט זי געהאַט אַזוינע ליכטיק־בלאָנדע און אַזוינע פיינע, אַז ווען זי וואָלט זיי צעלאָזט און געלאָזט פאַלן אויף די פּלייצעס, וואָלטן זיי אַוודאי אויסגעזען אַזוי גלאַנצנ־דיק, ווי אַ גאָלדענער שלייער. געטראָגן האָט זי אָבער די האָר געפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, וועלכע זי האָט, ווי די בייגל, צוזאַמענגעקאַמט און פאַרלייגט איבערן קאָפּ. פון דעם הייטערן, פרישן פּנים, מיט די רויטע לאַכנדיקע ליפּן, פון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעגלאַנצט געזונטע, ווייסע ציין, האָט געלויכטן אַ מין שימחה, גלאַט אַזוי אַ שימחה, וואָס מען ווייס נישט פאַר וואָס, אָבער מ׳איז מקבל־נחת און מען פרייט זיך מיט. און דאָך איז זי געווען אַ יתומה. ערשט פאַר צוויי יאָר איז די מוטער געשטאָרבן. געווען איין איינציק קינד, ס׳באַלעבאַטישקייט אין שטוב האָט אויסגעזען אָרעם, אָבער באַחנט, מען האָט געפילט מיידלשע הענטלעך, גרונם איז געשטאַנען פאַר דער טיר און האָט געהאַקט האָלץ. אין מיטן האַלצהאַקן פלעגט ער גיין אַרומהאָפּסן ביי וואָגנס, וואָס זענען דורכגעפאָרן דורך דער ראָגאַטקע.

ס׳האָט מיך געחידושט, אַז אונדזער רבי־לעבן רבי איז געוואָרן שטאַרק רע־דעוודיק, גערעדט מיט אַזאַ מין אַריכות פון אַלע זיבן זאַכן, וואָס פלעגט אים נישט צו קומען איבערן מויל. זיינע אויגן האָבן טונקל געבלישטשעט, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ס׳האָט זיך אין אים דערוועקט עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט לאַנג געדרעמלט, און אַז זיין נשמה שפּרייט אויס די פליגל. פון מהרש״אַ קיין שום וואָרט.

דערנאָך איז מען געגאַנגען צו די ווערזשבעס און צו די עפּלביימער. וועלוול האָט מיט אונדז געשפּאַצירט, געקלעטערט, געשפּרונגען, ווי אַן אמתער חבר. טייל מאָל האָט ער אַפילו אַ ביסל צוגעזונגען, אַנטפּלעקט אַ גאַנץ נייע וועלט, ביימער, פייגל, זומער־פייגעלעך. ווער וואָלט זיך דאָס פאַרגעשטעלט! מיר האָבן אים שוין גאָרנישט געברויכט צו בעטן, ער זאָל אונדז באַגלייטן צו דער ראָגאַטקע.

ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז אַ זאַך, וואָס ער האָט ביז איצט נישט געקענט, האָט אין אים קונה־שביתה געווען, און האָט אַלץ וואָס איז פריער אין אים אַדער אַרום אים געווען, פּשוט מבטל געווען.

אַפילו ווינטער פלעגט דער רבי מיט אונדז צוגיין צו דער ראָגאַטקע. „ווינטער איז דרויסן נאָך שענער, ווי זומער" — פלעגט ער זאָגן. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך ווידער אָנגעהויבן הלכות־ראָגאַטקע. „זומער איז שענער ווי ווינטער" — האָט ער ווידער געזאָגט פאַרקערט. בשעת שפּאַצירן דורכן גרינעם וועלדל פלעגט דער רבי דערציילן די אייגענע מעשיות, וואָס טייל מאָל, כטוב לבו, אין אַ יומא־דפגרא, צווישן איין שיעור און דעם אַנדערן, אין חדר: פון ר׳ יוסף די ליאָן, פון ווילנער גאון, אָבער די מעשיות האָבן גאָר אַנדערש געקלונגען, גאָר אַנדערע מעשיות, ווילד זענען זיי געווען, געבליט האָבן זיי, געשטאָכן און גערייצט, מען האָט נישט געקאָנט אָפּאָטעמען. איין מאָל איז ער אויך געגאַנגען שפּאַצירן, נישט געוווּסט, אַז חברה האָט זיך גוט צוגעקוקט. האָט ער געהאַט אַ פרייען טאָג, אַן אויסרייד, אַ שטיקל יום־טוב, נישטאָ מיין רבי! ווו איז ער? ביי דער ראָגאַטקע! די זון האָט געמעגט גליִען — וועלוול איז געגאַנגען שפּאַצירן. מילא, וואָס פאַר אַ שאָטן די גאַנצע עפּלביימער מאַכן? נישט ווערט אַ שישקע פּולווער. וועלוול איז געלעגן און האָט זיך געקוויקט אין שאָטן.

אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפן, אַז דער רעגן איז אים באַפאַלן און ער האָט זיך געלאָזט באַרעגענען פון קאָפּ ביז פוס. אַנטקעגנאיבער איז געשטאַנען דאָס ליבע הייזל, און ביים פענצטער אַ בלאָנדער מיידלשער קאָפּ, דאָס חנעוודיקע הייזל מיט דער האַרציקער באַלעבאַטישקייט. וועלוול האָט זיך געפרייט און געלאַכט פון זיך אַליין. געזען אַ מעמד! ווי דאָס גיסט! ווי דאָס הערט גאָרנישט אויף! און דאָ האָט ער זיך געזונגען אַ שטיקל פּייט פון רעגן. אָט פלאַטערט אויבן דער שר פון רעגן. און ער גיסט און ער גיסט אַ גאַנצן ירדן. אַ מחיה.

וואָס איך האָב אַלץ געזען! געזען האָב איך, ווי וועלוול איז אַריין אין הייזל, און ווי שיין און ציכטיק בלימעלע האָט אים מקבל־פּנים געווען. דערנאָך זענען זיי צוזאַמען אַרויס. ס׳האָט אויפגעהערט צו רעגענען. און

זיי זענען געשטאַנען אונטער אַ בליִענדיקן עפּלבוים, וואָס האָט אַראָפּגעבויגן זיינע צווייגן טיף איבער זייערע קעפּ, פּונקט ווי אַ חופּה. די שווערע פּאַליעס פון אַלערליי ריחות, וואָס זענען אַרויס פון דעם עפּלבוים, ווי חיילות פון לעבעדיקע מיי־נשמות, האָבן זיי אַרומגענומען אַלץ ענגער און ענגער. אין טייכל האָט איצט דאָס וואַסער געבלישטשעט העל־גרין, מיט גאָלדענע און זילבערנע ליכטעלעך, ווי בריליאַנטן אין שווער־צעגאַנגענעם גאָלד. די רויטע בליִעכצן און די קשאַקעס האָבן געלאָזט זייערע גלעקלעך קלינגען, און די בלויע גלאָקנבלימעלעך האָבן זיך געבוקט „מודים" זייער טיף. אַ גאַנצע מחנה פון בשמים־לופטעלעך איז געקומען אַנצושווימען פון סאָסנאָוון וועלדל. אין דער ליפּע איז געזעסן אַ פייגעלע און האָט געוואָרפן זיינע טאַקטן אין דער אויפגעפרישטער לופט אַריין, אַ פּנים, ווי ס'וואָלט אונטערגעהאַלטן וועלוולס „אַף־ברי"־ניגון. די זון האָט זיך אויף ס'ניי אויפגעפלאַקערט. אַ פּאָר וואָלקנדלעך, ווי די לעמער, האָבן זיך איר געקייקלט צו די פיס. די געגנט האָט זיך אַזוי ווי פאַרגרעסערט; מען האָט געזען ווייט ווייט די גאָלדענע קאָרנזאַנגען, די גרינלעכע האָבער־פעלדער... און איבער אַלעם — דעם בלויען הימל. און ווייט־ווייט, גאַנץ עק־וועלט, דער וואַלד, אַ תכלת־פיאָלעטער שטרייף. דער מאַנספאַרשוין און דאָס מיידל האָבן זיך ערנסט און אינערלעך געזען איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן. פּלוצעם האָט זיך אויפן הימל באַוויזן אַ הערלעכער רעגן־בויגן.

*

איך בין שוין לאַנג נישט מער געווען וועלוולס תלמיד. געהערט האָב איך, אַז ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. אין חדר זענען נאָך געשטאַנען די אַלטע, ערנסטע ש"ס־גמרות מיט די ברוינע רוקנס, פון דירענ־פורטער דרוק, און די גרויסע רמב"מס. אָבער לייכט און אָן גערויש, ווי אַ בליץ פון אַ זומער־נאַכט, האָט אַריינגעשוועבט אַ שטראַל פון אַ ניי לעבן און אַריינגעבראַכט יִונגקייט אין דעם עלנטן נעסט. און אַביי און רבא און דער מהרש"א — אַלע זענען געוואָרן אַזוי ליכטיק, אַזוי יונג, אַזוי שמעקנדיק!

ס'זענען אַריבער יאָרן. וויפל מאָל איך האָב וועלוולען געטראָפן, פלעג איך אים צו זאָגן „גוט מאָרגן", ווי ס'געהערט זיך אָן צו אַ געוועזענעם רבין. נאָר איין מאָל האָב איך נישט געקאָנט דעם לץ אין מיר איינהאַלטן, און האָב אים געזאָגט:

— רבי, דער מלאך „אַף ברי" איז גאָרנישט קיין שר מטר, אַ שדכן איז ער דער קיסלער!

יידישע פרוי!

„אין דעם זכות פון אידעלע יידענעס, — אַזוי ברומט אונדזער אַגדה ווי אַ טויב — איז אונדזער פאָלק אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים". דו ביסט געווען משה רבינוס שוועסטער, און דו האָסט געהאַט די גבורהשע התלהבות און די לאַכעדיקע, לעבעדיקע חדווה, וועלכע האָט פאַרהילכט דעם מידבר מיט דעם ערשטן הידד פון אונדזער פאָלקס פרייהייטס־הימנען.

ביי די קוואַלן מיט די קרישטאָלענע וואַסערן, אויף די הויכע פרייע בערג, פון וווּ דער הייליקער שטראָם פון אונדזער נבואה האָט אָנגעהויבן צו פליסן און צו דערקוויקן די לעכצנדיקע נשמות, ביסטו געשטאַנען ווי אַ פּאַלמע, און פון דיר האָט געקלונגען דער געטלעכער הלל מיט אַ גוואַלדיקער העלדישער התעוררות אויף דער יונגער יידישער גבורה... דבורה!

...ווו איז אַ פייער, ווו דו האָסט נישט געברענט, ווו אַ טייך, אין וועלכן דו האָסט דיך נישט אַריינגעוואָרפן, טאָכטער פון מיין פאָלק?

געדענק איך דיך נישט פון די מאַראַנען־שטיקעניש און שחיטות און לויפעניש? געדענק איך דיך נישט, דאָנאַ מאַריאַ נוניעז פערעיראַ, דו פרומע מאַרטירערין פון פּאָרטוגעזישן גיהנום? און דיך, דאָנאַ גראַציאַ נשיא, פייערדיקע אשת־חיל, וואָס האָסט דיך געראַנגלט מיט אַ וועלט פון שונאים, געיאָגט און געפלאָגט פון אַלע מלאכי־חבלה, און דיין טאָכטער, די טייערע פרוי, דאָניאַ ריינאַ, דאָן יוסף נשיאס ווייב, אָ, איר ליכטיקע, הויכע, ריינע נשמות, פונקען פון אונדזער גרויסער זון, אונדזער כבוד און איידלקייט?!

...די יידישע שטוב מיט איר צער, מיט איר נחת, איר בטחון, איר רחמנות, מיט איר ערנסטקייט, מיט איר טיפקייט, מיט איר צוגעבונדנקייט, מיט איר, מאַראַלישן כוח, — צי קאָן מען פון איר דערציילן, אויב מען האָט זי נישט דורכגעלעבט, אויב מען האָט זי נישט אין בלוט?

יאָ, די יידישע שטוב איז אָט די געטלעכע האַרפע, וועלכע האָט פאַרזיסט די ביטערקייט פון אונדזער לעבן, און דער איינגשטימיקער אַקאָרד פון אַלע אירע סטרונעס צוזאַמען איז די פאַראייניקונג פון אַלע גוטע מידות, וועלכע דער קאַלטער פאַרשטאַנד האָט נישט געקאָנט קאַליע מאַכן, ווייל זיי ציען זייער יניקה פון האַרץ. אָט, דער געזאַנג האָט געפירט אונדזערע העלדינס צום קאַמף, אונדזערע מאַרטירערינס צום אויטאָ־דאַ־פע, און ער איז באַשטימט צו פירן אונדזערע פיאָנערקעס צו דער נייער באַפרייונג פון אונדזער פאָלק.

זיי אַלע זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער ייִדישער שטוב. די ייִדישע שטוב האָט זיי געשטאַרקט, די ייִדישע שטוב האָט זיי געאַדלט, די ייִדישע שטוב האָט זיי געהייליקט. און איך זאָג נאָך מער: די ייִדישע שטוב האָט אויף זיי אויסגעגאָסן שיינקייט; שיין ביסטו, ייִדישע טאָכטער, אַזוי לאַנג ווי דו ביסט אַנדערש, דיין שיינקייט דויערט אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דו ביסט געטריי צו דיין גאָט, צו דיין נאַטור. פאַרחלומטע בר־תמידס ברענען אין דיינע אויגן, רויזן פון שרון בליִען אין דיינע באַקן, און דער טוי פון חרמון שמעקט פון דיינע האָר. דו ביסט שולמית! דיך האָט די זון פון ליכטיקן מיזרח געקושט, און דו האָסט אָפּגעהיט דעם ברילױאַנטענעם ניצוץ פון דעם קוש, וועלכער שוועבט נאָך איבער דיר.

...דו האָסט געמאַכט דאָס פאַמיליע־לעבן ווי אַ טייערע, אַנטיקע אויס־העפטעכץ, ווי אַ פּרוכת געוועבט מיט איידעלער קונסט און מיט טיפע כוונות און האַלב טונקעלע רמזים, אין וועלכע די שבתים און ימים־טובים זענען געוועזן די פּערל, און די חתונות און בריתן אין פאַמיליע די בלומען, אָ ייִדישע פרוי.

איבער דיין זונס וויג האָסטו געוואַכט, אָ, ייִדישע פרוי, דאָרט האָבן זיך פון דיין כשר האַרץ געגאָסן בענטשונגען און געבעט.

...איבער אונדזער וויג ביסטו געשטאַנען, ווי אַ פּאַלמע איבער אַ הייליקן קוואַל אין די בערג, אָ, ייִדישע פרוי!

אין דיר האָט געאַרבעט דאָס גרעסטע, דאָס טיפסטע: דאָס „אומבאַוווּסטע". דעם בוים פון ייִדישער געשיכטע מוז מען באַאָבאַכטן און גרינטלעך אויס־פאָרשן פון אויבן אָן ביז אונטן אַראָפּ, פון דער גלענצענדיקער שפּיץ־הויכקייט ביז צו די באַהאַלטענסטע טיפקייטן פון די וואָרצלען, מיט אַלע וווּנדערלעכע פאַרצווייגונגען און היעראָגליפישע רעטענישן, כדי דאָס דאָזיקע „אומבאַוווּסטע" אַרויסצוקריגן פון יענע באַהעלטענישן און פון די שאָלן און כלים, אין וועלכע עס אַרבעט שטילערהייט, און באַלייכטן מוז מען עס מיט דער ליכטיקייט פון פאַרשטאַנד.

דעמאָלט פאַרשטייט מען, אַז אַזוי ווי דער ייִדישער שטאַם האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן פאַרניכטונג אין דיין געבענשטער פרוכבאַרקייט, און אַזוי ווי דאָס בלוט פון אונדזער ראַסע האָט זיך געראַנגלט מיט די בייזע כוחות פון טומאה און באַשיצט דיין ריינקייט און דיין צניעות, און אַזוי ווי דער דעליקאַטער אַדל פון ציון האָט געבליט אין דיין חן, — אַזוי האָסטו געהאָלפן, אַפילו אין דער צעבראָכענער כלי פון גלות, באַוואָרענען און ראַטעווען די תורה, פון וועלכער דו פלעגסט זינגען איבער דער וויג פון דיינע קינדער, אַז „זי איז די בעסטע סחורה", און געטריבן די מענער, זיי זאָלן לערנען.

אַזוי ביסטו געווען כל־זמן דיין לעבן איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דעם פֿאָלקס מזל, אין וועלכעס עס איז דאָ גרויסקייט, פּאָעזיע, שטרעבונג, און מיט וועלכן דער יחיד דאַרף זיין צוזאַמענגעוואַקסן און אינערלעך אָרגאַניש פֿאַרבונדן. די פֿאַרבינדונג אַנטוויקלט אין דעם יחיד אַן אמתן אידעאַליזם פֿון געדאַנקען און געפילן, זי שטאַרקט זיין האָרץ, און שפּייזט זיין נשמה. דאָס איז נישט קיין שטילשטאַנד, דאָס פֿאָלק טאָר נישט בלייבן שטיין, עס מוז וואַקסן, עס מוז זיך ענדערן, אָבער עס מוז וואַקסן און ענדערן זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער.

די געטאָ־טיפּן זענען נישט אייביק. ווי איך זאָל נישט בענקען נאָך דער פֿרומער ריוועלען, וואָס איז געווען עוסק במצוות; נאָך חנה פּייגען, וואָס האָט געטראָגן „לאָבונג" צו די חלאים אין הקדש; נאָך טויבען, די אישה חשובה, וואָס האָט געהאַט אַ באַהאַלטן קניפּל מיט עטלעכע רובל און האָט געבאַקן האָניקלעקעך און אייערקיכלעך פֿאַר אָרעמע ישיבה בחורים; נאָך געלע חיים שמואלס, וואָס האָט געזוכט געפֿאַלענע באַלעבאַטים, יורדים, און זיי געליִען כלומרשט גמילות־חסדים; נאָך יענטע יעקב אהרנס, די אייביקע עגונה, דאָס צעבראָכענע האָרץ, וואָס האָט געפּאַסט מאַנטיק און דאָנערשטיק און חתונה געמאַכט אָרעמע יתומות פֿון דעם געלט, וואָס זי האָט פֿאַרדינט אַלס סאַרווערין אויף גבירישע שימחות; און נאָך אַלע יענע אידעלע נשמות, וועלכע עס געדענקט זיך פֿון קינדווייז אויף... וויליידנשאַפֿטלעך מען זאָל נישט וועלן דעם טיפּ דערהאַלטן אין זיין אַלטער פֿאָרעם, איז עס אַ ברכה לבטלה!

...טויזנטער יאָרן האָבן אין דיר געלעבט, אַזוי לאַנג ווי דו ביסט געווען איינס מיט דיין פֿאָלק, אָבער אַ פֿליג פֿון איין טאָג ביסטו געוואָרן, זינט דער אינעווייניקסטער בונד מיט דיין פֿאָלק איז געוואָרן צעריסן, ווייל דורך דעם ביסטו צעריסן געוואָרן מיט דיר אַליין. דו האָסט פֿאַרלוירן דאָס גלייכ־געוויכט פֿון אַ גאַנצער נאַטירלעכער פּערזענלעכקייט, אַ, יידישע טאָכטער!

די גלייכגעוויכט האָסטו פֿאַרלוירן דורך דעם וואָס דו האָסט אָנגעהויבן צו דערשטיקן אין דיר דיין אייגענע טבע און זיך געחכמהט און געקינסטלט אַריינצופּלאָנצן אין זיך דורך אָפּקוקן פֿון יענעם און אָפּשפּיגלען אין זיך וואָס נאָר אַ פֿרעמדע מידה און מאָדע פֿון אַ באַגרענעצטער צייט און אַ באַגרענעצטן אָרט.

...און אַזוי אויך מיינסטו, אַז דו קאָנסט זיך אויסלערנען די אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע, אָבער דו ווייסט נישט, אַז דאָס, וואָס די אייראָפּעיִשע ציווי־ליזאַציע האָט געגעבן דער מענטשהייט איז קודם־כל: דער מאַן, אָדער די פֿרוי: אַ פֿרייע, באַוווסטזיניקע פּערזענלעכקייט, מיט אַן אידעלען שטאָלץ,

מיט אַן אייגענעם כבוד, אַן אייגענעם יִחוס, אַן אייגענעם טיפּ, וועלכער אַרבעט זיך אויס אויף זיין אייגענעם שטייגער, וואָס אַ מאָל שענער און פֿולקאָמענער, אָבער מיט דעם אייגענעם „איך", און אַז צוליב דער פּערזענ־לעכקייט געפינט מען באַקוועמלעכקייט, און אַרבעט מען אין וויסנשאַפט און קונסט, אָבער דער עיקר איז אָט די פּערזענלעכקייט, וועלכע איטלעכעס פֿאָלק מוז אויסבילדן אָריגינעל און אין טיפער האַרמאָניע מיט דער אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט און צווישן זיך אַליין, כדי צו האָבן אַן אמתע באַדייטונג אין דער וועלט.

...געפינען דיך ווידער! דיין „איך" איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן צו דער גוואַלט פון אַנדערע, באַפריי דיך פון דער גוואַלט! דער מענטשלעכער „איך" איז איינער. דו האָסט אים צעטיילט אויף טיילן, דעריבער ביסטו געוואָרן שוואַך. נעם צוזאַמען אַלע דיינע קרעפטן אונטער איין פּאַן, אונטער דער פּאַן פון דער אייגענער פּערזענלעכקייט! פיל דיך אין דיין האַרץ אַזוי דייטלעך ווי דו פילסט פרעמדע גייסטער אין דיר, פיל דיך, טראַכט און רעד מיטן האַרץ! ווער בלויז האַרץ, וועט נישט וועט דיר קיינער נישט העלפן. דער קאָפּ צעשיט זיך, אַן צוזאַמענהאַנג, ווי שפּינוועבס, איבער דער גרויסער, פרעמדער וועלט, דאָס האַרץ אַליין קאָן דיך צונויפנעמען. די געדאַנקען פליִען אַרויס און בלאָנדזשען אַרום און אַרום, די געפילן ציִען צום מיטלפּונקט. צום אינערלעכן מענטש. די געדאַנקען בייטן זיך, די געפילן בלייבן.

און פרעג נאָר דיין געפיל, וועסטו שוין וויסן, וואָס דו האָסט צו טאָן, כדי צו מאַכן אַן עק צו דעם תוהו־ובהו און צוריק צו דערגרייכן דיין מדרגה אין דעם לעבן פון דיין פאָלק.

אין דער בהלה און אין דעם בלוטיקן גירוש, וועלכער האָט זיך אויסגעגאָסן, ווי די לאַווע פון אַ פייערשפּייענדיקן ווולקאַן איבער יעקבס געצעלטן, האָסטו געהאַט דיין חלק, אָ, דו היסטאָרישע מאַרטירערין, יידישע פרוי! דו האָסט אפשר געהאַט דאָס גרעסטע חלק, ווייל דו האָסט געהאַט צו זאָרגן פאַר די קליינטשיקע, די עופעלעך, וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן פון די קינדער־שטובן און פון די וויגן, און פאַר די פאַרשמאַכטע, פאַרחלשטע, וואָס האָבן מיט די אייגעלעך געבעטן אַ טראָפּן מילך, אַ קרישקע ברויט...

...אָבער אַלץ, וואָס אַנדערע קאָנען אונדז געבן איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר אַליין האָבן צו טאָן, און מיר אַליין, ד.ה. די יידישע פרוי נישט ווייניקער ווי דער יידישער מאַן.

בוי, אָ בוי, בוי צוריק אויף דיין הויז, אָ, יידישע פרוי!

אין דינסט פֿון פֿאָלק

וואָס ווילן מיר

מיר ווילן אַ היים אין ארץ־ישׂראל!

אין דעם יום־הדין, ווען איטלעכע היסטאָרישע רעכט אויף אַ לאַנד, פֿון דעם גרעסטן ביז צום קלענסטן, ווערט געמעלדעט, דערהויבן, פּראָקלאַמירט און געפּאָדערט; ווען אַפֿילו די שוואַכסטע, די צווייפֿלהאַפֿטסטע טענות פֿון האַלב־פֿאַרגעסענע, ערשט נעכטן דערוועקטע פֿאַרוואָרפֿענע אומהלעך, שלעפּן אַרויס פֿון די אַלטע שיימעס און גניזות פֿון מטושטשדיקע זכרונות און קוים נאָך פֿאַרשטענדלעכע לעגענדעס זייער אייגנטומס טיטל; אין דער עפּאָכע, ווען מען זעצט אַוועק אויפֿן ברייטן בית־דין־שטול די היסטאָריע אַלס „לערער פֿון לעבן", און די נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע אידיי ווערט אָנערקענט אַלס וועלט־קאָדעקס, אַלס פּאָליטישער שלחן־ערוך צו פּסקענען אַלע דינים, אויסצוגלייכן אַלע מחלוקתן אין די ימי־תשובה; ווען די גרויסע זאָגן און טענהן, אַז מען מוז תשובה טאָן אַנטקעגן קליינע, שוואַכע נאַציאָנען, — אין דער צייט, זאָגן מיר, ציוניסטישע פֿירער, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז מחויב צו מעלדן זיין אַלט, הייליק, היסטאָריש, געטלעך רעכט אויף די ירושה פֿון זיינע גבורים, פֿון זיינע נביאים, פֿון זיין ציוויליזאַציע, פֿון זיין רעליגיע, פֿון זיין שפּראַך און פֿון זיין אַרבעט!

ס'איז אַן אַלט רעכט, אָבער עס איז נישט פֿאַרלאָשן געוואָרן. עס איז די אַלטע שבועה, דער אַלטער ברית. קיין שום רעכט איז נישט ערלעכער פֿאַרדינט געוואָרן, קיינעמס איז נישט מיט מער בלוט און מיט איידעלער בלוט באַצאָלט געוואָרן, קיינעמס איז נישט אַזוי הויך באַשטעטיקט און אַזוי טיף באַגרינדעט.

אונטער די טענות פֿון פֿאַריאָרונג, פֿון אָפּדאַנקען, פֿון פֿאַרלירן, מוז אונדזער אומשטערבלעך רעכט אויף ארץ־ישׂראל געמעלדעט ווערן דורכן ייִדישן פֿאָלק. עס איז דער הייליקער חוב פֿון געטרייע קינדער. נישט פֿאַרלאַנגען ארץ־ישׂראל, הייסט שטילערהייט זיך אָפּזאָגן, און אָפּזאָגן פֿון ארץ־ישׂראל הייסט זיך אָפּזאָגן פֿון אַלץ, פֿון טראַדיציע, פֿון כבוד, פֿון רעכט, פֿון תורת־משה, און פֿון דער היסטאָרישער אידיי בכלל.

דעם מענטש, וואָס זאָגט זיך אָפּ פֿון זיין מוטער, טרוי איך נישט, אַז ער קאָן זיין באמת אַ פּאַטריאָט אין זיין לאַנד, ער איז אַן אָפּאָרטוניסט, אָבער נישט קיין פּאַטריאָט, ווייל פּאַטריאָטיזם איז אידעאַליזם.

אין דינסט פון פאָלק

אין דער הינזיכט ד.ה. אין דעם פולן אויסרופן אונדזער רעכט אויף אונדזערע היסטאָרישע אידעאַלן קאָן מען אונדז מיט קיין זאַך נישט אָפּשרעקן, נישט מיט אַנטיסעמיטן, נישט מיט אַראַבער און נישט מיט אַלע דיפּלאָמאַטישע שפּיצלעך. דאָס איז אונדזער חוב, און דעם חוב וועלן מיר טאָן. מיר וועלן לײַדן דערפֿאַר? סבול ומקבל! הפנים, אָן דעם לײַדן מיר נישט? מיר זענען צו אַלטע מאַרטירער פֿאַרן אמת זיך צו לאָזן אָפּשרעקן דורך קלייניקע חששות פֿון אומבאַקוועמלעכקייטן. אָבער מיר האָבן צו זאָגן גלײַכצײַטיק נאָך אַן אַנדערן אמת.

דער ציוניזם איז אַ פֿרידלעכע באַוועגונג. אַזוי ווי מיר זענען טרײַ צו דער שבועה, זענען מיר טרײַ צו אונדזער אידעאַל פֿון אונדזערע נביאים. נישט מיטן שווערד, נישט דורכן מורד־במלכות זײַן, נישט דורך פּאָליטישע אינטריגעס, נישט דורך אַזאַרט און אַוואַנטורעס, ווילן מיר האָבן אַ היים אין ארץ־ישראל. מיר ווילן ארץ־ישראל דורך אַרבעט, דורך דעם העלדנמוט פֿון פּיאָנערן, דורך קרבנות פֿון טאַלאַנט, פֿון גייסט, פֿון געלט, פֿון ענערגיע. מיר זענען געוועזן לאָיאַל, און מיר וועלן בלײַבן לאָיאַל, וועלכער צושטאַנד און וועלכע באַדינגונגען עס זאָלן נישט זײַן. מיר ווילן קיינעמס עוולה און קיינעמס גזלה. דאָס ייִדישע לאַנד זאָל זײַן אַן אידעאַל פֿון נאַציאָנאַלער גערעכטיקייט, פֿון סאָציאַלן יושר און פֿון מענטשלעכער ברודערשאַפֿט.

די רעכטס־פֿראַגע אין די לענדער

נישט מען זאָל אונדז געבן רעכט, נאָר מען זאָל אויפֿהערן גזלענען אונדזערע מענטשלעכע און בירגערלעכע רעכט, ווו מיר טראָגן אַלע לאַסטן, ווו מיר זענען פֿאַראייניקט מיט אַלע בירגער, און פֿאַרגיסן אונדזער בלוט צו פֿאַרטיידיקן ביז צום טויט דעם באָדן פֿון געבורטסלאַנד; נישט מען זאָל אונדז עמאַנציפּירן, נאָר מען זאָל זיך עמאַנציפּירן פֿון רישעות, פֿון גזירות, פֿון פּאָגראָמען, פֿון באָיקאָטן, פֿון די שוואַרצע נבלות, פֿון די הימל־שרײַענדיקע רציחות און פֿון די עלילות־הדמען, און מען זאָל אונדז נישט אײַנשליסן אין שטײַגן, ווי די ווילדע חיות, מען זאָל אונדז נישט פֿאַרשטאָפּן די קוואַלן פֿון פּרנסה, מען זאָל אונדז נישט טרײַבן און נישט יאָגן, מען זאָל אונדז נישט פֿאַרלעשן די מנורות פֿון בילדונג, מען זאָל אונדז נישט באַטראַכטן ווי אַ סם־המוות, וועלכן מען טוט אַרײַן אין אַ רפֿואה אַ געוויסן פּראָצענט; די ציוויליזירטע וועלט, די גרויסע מלוכות, מאַכנדיק אַ סוף צו דער מלחמה, זאָלן פֿאַרבײַטן, פֿאַרדאַמען אויך דעם סאָרט מלחמה, וועלכע האָט נישט דעם העלדישן כאַראַקטער פֿון צוויי גלײַכע באַוואָפֿנטע קעגנערס,

נאָר פשוט, דעם אינסטינקט פון רציחה און גזלה, — אָט דאָס איז וואָס מען רופט „רעכטס־פּראַגע".

פּאַראַנען איבערשפּיצטע מוחות, וועלכע פּשטלען זיך, אַז ווען מען וועט זיך אָפּזאָגן פון ארץ־ישראל, ווען מען וועט פאַרלייקענען דאָס אייגענע פאָלק, וועט מען גיכער, ווי זיי זאָגן אין זייער זשאַרגאָן, „באַקומען רעכטע". פאַרשטיינערטע, פאַרבאַלזאַמירטע אָרטאָדאָקסן פון פּאָליטיק גייען נאָך אָרום, ווי נאַכטוואַנדלער, היינט אין נאַציאָנאַלן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט די שלאָגווערטער פון ענדע פון אַכצנטן יאָרהונדערט! פּעדאַנטישע בטלנים מאָלן זיך, אין ביזאַנטינישן סטיל, אַ מאָדערן בילד מיט עפּל: אין איין האַנט ארץ־ישראל, אין די אַנדערע — רעכטע: וועלט! ענטווע־דער־אָדער...

קינדער קאָנען אַזעלכע בילדער געפעלן, נישט מענער — וויל קינדער זענען אומשולדיק און פאַרשטייען נישט די געזעצן פון אמת, די געזעצן פון גערעכטיקייט. מענער פאַרשטייען, אַז עס איז נישט דאָ קיין צווײ אמתן און קיין צוויי גערעכטיקייטן, נאָר איינע, פון דעם איינעם אמת, פון דער איינער גערעכטיקייט, ווען זי וועט נאָר זיין, קומט אונדזער היסטאָריש רעכט, און דער חוב זייערער איז צו מאַכן אַ סוף צו אונדזערע רדיפות.

זייט זיכער! ארץ־ישראל וועט אונדז נישט מאַכן ערגער אין גלות — אויב עס קאָן נאָך זיין ערגער? — זי אַליין וועט אונדז געבן אויטאָ־ריטעט און פּרעסטיזש אין דער וועלט. פאַלט נישט אַריין אין דעם אַלטן פעלער, זאָגט אייך נישט אָפּ, שטייט ווי מענער ביי אייער פאָן, ביי אייער גערעכטיקייט!

אונדזער פּאָליטיק

גרויסע זאַכן, גוואַלטיקע שינויים זיינען מעגלעך, ווען אויך נישט זיכער. פון אומזיכערע זאַכן ווילן מיר נישט רעדן; אָבער איין זאַך איז זיכער: אַז די אומגליקלעכסטע, די אַמשווערסטן ליידנדע פעלקער וועלן וועגן, מוזן וועגן אויף די וואָגשאָלן פון די קומענדיקע שינויים אַן ערך פון זייער מדרגה, זייער גייסטיקע אויטאָריטעט, וועלכע קיין שום פרעמדע איבערגוואַלד קאָן נישט דערשטיקן — און די גייסטיקע קראַפט פון אַ פאָלק, וועלכע קאָן זיך שטענדיק אַנטוויקלען, אַנטוויקלט זיך אַמשנעלסטן אונטער דעם באַלעבאַ־דיקן איינפלוס פון אַזעלכע מאָמענטן, ווי דער איצטיקער.

אונדזער פּאָליטיק איז דער אמת! צוליב דעם ווילן מיר זיין גערעכט צו אַלע, אַפילו צו אונדזערע שונאים. וואָס ביי זיי איז פאַראַן גוטס, וועלן מיר אָנרופן גוטס. ס'מעג אַ טייל קורצזיכטיקע מענטשן נישט ניחא זיין — דער

אמת איז קודם כל, אַז ווען מיר זאָלן זען פון איין זייט דעם אמת, און פון דער אַנדערער וואָלט זיך געדאַכט ישועות ונחמות, וואָלטן מיר, אָן שהיות געווײַלט דעם אמת, און געזאָגט: אַוועק מיט נאַרעריי! נאָר דער אמת, נאָר יושר, נאָר דאָס גוטע קאָן דעם ייִד דינען: ווו נאָר עס פאַלט אויף זיי אַ שאָטן, איז פאַר אונדז קיין אָרט נישטאָ.

קיין שום אומגערעכטע זאַך, אַפילו ווען זי ווייזט אויס אויפן פלוג צו ברענגען אַן אויגנבליקלעכע הילף, און ווערט געפירט פון די וועלכע ווינטשן אונדז דאָס רעכטע, פאַרדינט קיין מאָל נישט אונדזער אונטערשטיצונג, און להיפּוך, איטלעכע גערעכטע זאַך, אַפילו ווען זי שיינט צו זיין קעגן אונדז, און ווערט געפירט פון מענטשן, וועלכע זענען אונדז גלייכגילטיק, אָדער אַפילו פיינטלעך, ווען זי איז נאָר גוט — ברויך זי צו ווערן פון אונדז אונ־טערשטיצט, ווייל הויך איבער די פריינדלעכע, אָדער פיינטלעכע פלענער שטייט די אויבערשטע זאַך, וואָס איז גורם, אַז דאָס אומגערעכטע זאָל נישט קאָנען, און דאָס גערעכטע זאָל מוזן אונדז העלפן.

אונדזער פּאָליטיק מוז זיין אַ פּאָליטיק פון פּרינציפּן, און נישט פון גע־לעגנהייטן. און אַ פּאָליטיק פון פּרינציפּן קאָן זיך נאָר שטיצן אויפן אמת. נאָר דעמאָלט קאָן פרעמדע הילף אונדז דינען, ווען זי זעט אונדז אין אונדזער אמת, אין אונדזער נאַטור, אין אונדזער מאַסע, אין אונדזער רוב, אין אונדזער געשיכטע, און זי וויל אונדז העלפן אַזוי ווי מיר זענען. נישט עמעצנס פלענער, פּערזענלעכע, אָדער אַלגעמיינע, נאָר אַ ריכטיקע געטריישאַפט צו די עיקרים פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער מאָראַל קאָן אונדז קומען צו הילף, און אויב עס איז מעגלעך צו קריגן אַזאַ הילף פאַר אונדזער פאָלק, איז עס נאָר מעגלעך דורך אַ פּאָליטיק פון פּרינציפּן, פון אמתער גלייכהייט, נישט פון אַסימילאַציע.

דער פעלער פון אונדזער פּאָליטיק אין אָנהייב פון פאַריקן יאָרהונדערט איז געווען די שיטה פון געלעגנהייטן, געפעלן ווערן דעם, אָדער יענעם, אויסנוצן אַ פרעמדע פּאָליטישע סיטואַציע, — דאָס איז די געלעגנהייטס־פּאָליטיק. ניין, די באַפרייונג וועט מער נישט גיין אויפן וועג פון נאַפּאָלעאָ־נישן סנהדרין.

אפשר איז דאָס געווען פריִער אַ געלעגנהייט — איצט איז דאָס אַ נעכטיקער טאָג. דער מענטשלעכער פאָרשריט, ווי איטלעכע אַנטוויקלונג, גייט פעסט אַלץ ווייטער און ווייטער. ער ווידערהאָלט זיך נישט. איטלעכער נייער שריט צו אַ נייער מדרגה, צו וועלכער מען האָט נאָר געקאָנט קומען דורך די פריִערדיקע, און איטלעכע מדרגה, צו וועלכער מען האָט נאָר געקאָנט קומען דורך די פריִערדיקע, און איטלעכע מדרגה, וועלכע מען האָט שוין דערגרייכט,

וואָס ווילן מיר

האָט מען זי נאָר דערגרייכט, כדי זי ווידער צו פאַרלאָזן. ווען אַ געוויסע מדרגה איז געוואָרן אין גאַנצן דערגרייכט, איז שוין די צייט רייף פאַר איר פאַרלאָזן־ווערן.

דאָס איז די טיפע סיבה, פאַר וואָס אונדזער פראַגע איז איצט אויך אַ נאַציאָנאַלע פראַגע. מיר ווילן דעם אמת. מיר ווילן נישט די פּאַפּירענע עמאַנציפּאַציעס פון רומעניע. מיר ווילן אונדז נישט פאַרשטעלן.

מען זאָל נאָר נישט מיינען, אַז ווען מיר וועלן אונדז האַלטן אין אַ פּרינ־ציפּיעלער פּאָליטיק, וועלן מיר דאַדורך ווערן אומפעיִק צו פּראָפּיטירן פון גינסטיקע געלעגנהייטן, צו באַנוצן אַ גליקלעכן מאָמענט, וועלכער קאָן קומען און קאָן ברענגען אין אַ מינוט מער ווי צענדליקער יאָרן שווערע אַרבעט. פּונקט פאַרקערט. גיכער וועלן מיר קאָנען בייגן די גליקלעכע אָנגעלעגנהייטן אונדז צו העלפן, ווען מיר וועלן זיין פרייער אין אונדזער רצון, און דער שווערפּונקט איז אין אונדז אַליין.

דער שווערפּונקט אין אונדז אַליין איז אונדזער רצון. אונדזער זעלבסט־באַוווּסטזיין, די אומאָפּהענגיקייט פון אונדזער גייסט, אונדזער באַגריף פון יושר.

אין דער וועלט, וועלכע צעקריכט זיך אין שמוץ, אין בלוט, אין ליגן, זאָל דאָס ייִדנטום בלייבן ריין, קלוג, רויִק, מאָראַליש שטאַרק, און ווען די וועלט וועט זיך דערוועקן און אָנהייבן צו רייניקן און צו בעסערן, זאָל דאָס ייִדישע פאָלק זאָגן וואָס אים קומט מיט איין האַרץ, מיט איין קול.

מיר רופן צו די פאָנען פון ציוניזם. זיי פלאַטערן הויך איבערן טאָג, זיי ווייזן די מאַיעסטעט פון אומשטערבלעכן ייִדישן פאָלק און זיי לאָזן זיך אַראָפּ מיט ליבשאַפט און ברידערלעכקייט אויף דער צעשלאָגענער און פאַר־מאַטערטער אומה אין דעם פינצטערן מעמד פון דער קעגנוואַרט. זיי האָבן געזען די פאָנען פון אשור, פון בבל, פון רוים, פון די באַרבאַרן — און האָבן זיי איבערגעלעבט. אונטער די פאָנען וועלן מיר זיגן!

וואָס זאָל מען טאָן?

1) אין דער ערנסטער צייט פאַראייניקן זיך אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און געמיינדעס און באַשליסן צו מאַכן אַלע נייטיקע הכנות דורך אַלע געזעצלעכע מיטלען, פון פּראָפּאַגאַנדע, פּרעסע, ליטעראַטור און פּערזענלעכע באַמיִונגען צו קריגן די אָנערקענונג פון אַ ייִדישער היים פאַר אַ גרויסן ייִשוב און אַלס מרכז פון אַ פרייען ייִדישן קולטורעלן לעבן אין ארץ־ישראל, די אָפּשאַפונג פון אַלע אויסנאַמס־געזעצן קעגן ייִדן אין אַלע לענדער און די אָנערקענונג פון ייִדן אַלס פולבאַרעכטיקטע בירגער.

2) אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס גייען האַנט אין האַנט און זאָרגן דערפֿאַר, אַז דער פֿאָלקסווילן זאָל קומען צום אויסדרוק אין די ריכטיקע געלעגנהייטן, ווען די פירונג פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן ווערן געוויילט אויף אַ ברייטער־דעמאָקראַטישער גרונטלאַגע, וועט איינזען די נוצלעכקייט פון דער אַקציע.

3) אין אַנבאַטראַכט, אַז די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האַלטן פֿאַר זייער חוב צו זאָרגן פֿאַרן עתיד פון ארץ־ישראל און פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג און בעסע־רונג פון ייִדישן צושטאַנד אין דער גאַנצער וועלט, באַשליסן די פֿאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס צו טאָן אַלעס, אום איצט שוין צו דערהאַלטן און צו באַשיצן מיט אַלע מעגלעכע געזעצלעכע מיטלען און וועגן — דעם ייִשוב אין ארץ־ישראל און אונדזערע ליידנדיקע ייִדישע מאַסן אין מיזרח־אייראָפּע.

ייִדן! אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „למה נמשלו ישראל לזית? מה זית אינו מוציא שמנו אלא על ידי כתיש, כך ישראל אין חוזרין למוטב אלא על ידי יסורין". נאָר דורך ליידן ווערט אונדזער פֿאָלק דערמאָנט אין זיינע לעבנס־אויפגאַבן.

מיר מעגן דאָס היינט זאָגן: גענוג יסורים. גענוג אויך דער פּירוד מיט די קינאה־שינאה צווישן אונדז אַליין. פֿאַראייניקן מיר זיך אויף די דאָזיקע באַשלוסן. וועלן די דורות, וועלכע קומען נאָך אונדז, אונדז דערפֿאַר בענטשן.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס

דער מאַטערהאָרן

איין מאָל, דערמאָן איך זיך, בין איך געפאָרן אין דער שווייץ, מיט דער כוונה צו זען דעם מאַטערהאָרן. איך האָב שוין פון לאַנג געגאַרט אים צו זען, אָבער, צו מיין באַדויער, איז יעדעס מאָל, ווען כ׳האָב באַקומען אַ געלעגנהייט, איז דאָס וועטער נישט געווען פּאַסיק פאַר דעם. איך פלעג יעדן טאָג אַרויסגיין פונעם האָטעל און האָב תמיד געזען דעם באַרג אָנגעטאָן אין כמאַרעס, און זעענדיק די באַרגרוקנס און זיינע פעלדזן איינגעהילט אין נעפּלען ביז זייער שפּיץ, האָב איך זיך נישט־ווילנדיק דערמאָנט אין משהס אַלטער תפילה: „באַווייז מיר, כ׳בעט דיך, דיין הערלעכקייט״. לסוף האָט דער באַרג ווי פאַרנומען מיין תפילה און מיר געוויזן זיין הערלעכקייט. און ווען איך בין אין איינעם אַ טאָג אַרויסגעגאַנגען כאַפּן אויף אים אַ קוק, ווי געווינטלעך, האָב איך דערזען, אַז ער איז אַנטבלויזט פאַר די אויגן. אַ שטאָלצער פּיראַמיד האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיין פּראַכט אויפן שניי־אויסשפּרייט אין דער אייביקער שטילקייט אונטער דעם בלויען הימל פון די ריזיקע בערג.

אַן אַנדער בילד

דאָס מאָל בין איך געפאָרן אין דער שווייץ מיט אַן אַנדער כוונה, נישט צו געניסן פון דער שטומער נאַטורפּראַכט. בין געפאָרן זען די אומאונטער־דריקטע ענערגיע אינעם מענטשנס נאַטור, דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, די אייביקע ברידערלעכקייט צווישן די זין פון צעשפּרייטן און געפּייניקטן פאָלק, וועלכעס באַנייט זיך אָבער מיטן כוח פון דער אמונה פון מענטשן, וואָס קיינע גרענעצן וועלן זיי נישט פאַנאַדערשיידן.

איך האָב געוואָלט זען אויף דער וואָר, וואָס איך האָב שוין לאַנג געזען אין חלום, וואָס איך האָב געטראַכט לייענענדיק די הייליקע ספרים, אונדזערע אַגדות, אונדזערע זמירות, אונדזערע תפילות. מיטן גאַנצן האַרצן מיינעם האָב איך געגלייבט אין דער שבועה, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געשווירן: „אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים״... צוויי טויזנט יאָר לײדן און פּיין און צוואַנציק גלותן פון די פאַרשיידענע אייראָפּעישע לענדער, אָנהייבנדיק פונעם עלפטן יאָרהונדערט און פאָרזעצנדיק ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט, און

די גאַנצע מגילה פון יסורים, וואָס נישטאָ זייערס גלייכן, אין אונדזער דור, וועלכע זענען נישט מער ווי אַן איזדיעקעווען זיך איבער אַלע פּראָגרעסיווע געדאַנקען פון דער מענטשהייט, און דער גאַנצער שטראָם פון די אומענד־לעכע וואָגלענישן פון די פאָלקסמאַסן אין די פּורעניותן וואָס זיי פאַראורזאַכן, — דאָס אַלץ האָט מיר אַנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַרווירקלעכן דעם אַלטן חלום.

אָבער ביז היינט איז דער חלום געווען, ווי אַלע חלומות, אַ זאַך פון גייסט, הגם פול שיינקייט, קדושה, שטאָלץ. אין אַ מאָמענט פון דערשלאָגנקייט, ווען ס׳האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון שוואַכקייט און מידקייט, פלעגט טרעפן, אַז דער פּייניקנדיקער צווייפל זאָל זיך אַריינכאַפּן אין האַרץ: צי איז אונדזער שבועה נאָך אַזוי אמתדיק ווי דעמאָלט, ווען זי איז צום ערשטן מאָל אַרויס פון אונדזער מויל? צי וועלן מיר זיין געטריי זיך אַליין? צי פאַר־מאָגט אונדזער שטרעבונג אַ פּראָגראַם פון פּשוטער, קלאָרער טעטיקייט, צי קאָן זי פאַרווירקלעכט ווערן, אָדער דאָס איז נישט מער ווי אַ פּוסט און רעטאָריש ווערטל, נאָך וועלכן ס׳קומט נישט קיין טאַט? און אויב זי איז אמתדיק און טיף, צי וועלן מיר האָבן דעם כוח אויסצודריקן עפּנטלעך דאָס פאַרבאָרגענע ביי אונדז אין האַרצן?

„באַווייז מיר כ׳בעט דיך, דיין הערלעכקייט". באַווייז מיר, אַז די ייִדן זענען איין פאָלק, אַז זיי האָבן איין ציל, אַפילו דעמאָלט ווען אין פלוג זענען זייערע מיינונגען צעטיילט, אַז אונדזער הייליק לאַנד איז דאָס לאַנד פון טיפע בענקשאַפטן אין דער נשמה פונעם פאָלק און איר לעצטער ציל, הגם עס טיילן אונדז פאַנאַנדער און מוזן אונדז פאַנאַנדערטיילן די אַלע אָרטי־קע פּראָבלעמען, וואָס שטייען אויף דער טאָגאָרדענונג אין די תפוצות פון אונדזער גלות. זאָל זיך דאָס אַלץ אַרויסווייזן און פאַרווירקלעכן אין אַ שעפע־רישן, אויסקריסטאַליזירטן און געאָרדנטן רעיון אַלס אַ ווילן צו אומענדלע־כער מי, אַ ווילן צו ברענגען קרבנות, זאָל זיך מיר דאָס אַלץ באַווייזן ווי אַ התחלה פון לעבן און אַקטיוויטעט.

און אָט האָט זיך אַ וווּנדערלעכע שטים אויפגעהויבן און איז אָנגעקומען פון מערב. אַ מאַן, וואָס ביז היינט האָבן מיר זיין נאָמען כמעט נישט גע־הערט, איז מבשר צו באַווייזן די „הערלעכקייט". וועל איך פאַרן אָנקוקן דעם וווּנדער. דאָס איז געווען אין אויגוסט יאָר 1897. דאָס איז געווען מיין פּערטע רייזע אין דער שווייץ. און דאָס מאָל האָט נישט דער באַרג מאַטער־האָרן, נאָר עפּעס וואָס חשובערס און פּרעכטיקערס, געפאַנגען מיין האַרץ.

די חובבי־ציון

נאָך פּאָר דעם האָב איך זיך דערמיט פאַראינטערעסירט. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָס האָט עקזיסטירט אויך ביז היינט, נאָר ס'איז פאַרהילט געווען אין נעפּל. מ'האָט עס גערופן „חיבת־ציון", און אירע אויסגעצייכנטע פּיאָנערן, אירע טרעגער, האָט מען גערופן „חובבי־ציון". מיט זייער אומדערמידלעכער אָנשטרענגונג האָבן זיי, וואָס אַן אמת, אַ סך דערגרייכט. ווען נישט זיי, וואָלט קיין אָרט נישט געווען פאַרן נייעם ציוניזם. כמעט דער גאַנצער ישוב אין ארץ־ישראל איז זייער אַרבעט, אָבער פון דעסטוועגן קאָן מען אויף זיי זאָגן, אַז ס'האָט זיי געפעלט עפּעס וואָס צום דערפילן זייערע שטרעבונגען. ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס ס'האָט זיי געפעלט, אָבער... ס'האָט זיי עפּעס געפעלט.

דער ד"ר דזשאָן בראַון דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פונעם לעבן פון סער ריינולדס *. מ'האָט אים איין מאָל פאַרבעטן צו באַטראַכטן אַ בילד. ער האָט זיך געטראַכט, אַז דאָס בילד פאַרדינט זיך אויף דער שטאַרקסטער לויב, און עס באַטראַכט אויפמערקזאַם און מיט אַריינטראַכטונג. „אַ פיינע קאָמפּאָזיציע, פּינקטלעכע צייכענונג, פאַרבן און ליכט פּרעכטיקע, אָבער... ס'פעלט עפּעס וואָס"! — האָט ער אַ זאָג געטאָן און געזוכט מיט די פינגערשפּיצן, און אַן אָט דעם „עפּעס" איז דאָס בילד נישט דאָס וואָס עס דאַרף זיין. און דאָס זעלבע איז אויך אין גייסטיקע ענינים, אין די פאַרשיידענע שיטות און פאָלקס־באַוועגונגען, וואָס דאָס גליק שפּילט זיי נישט צו, ווייל ס'פעלט זיי אָט דער עפּעס.

„די חובבי־ציון" זענען נישט זייער ווייט געווען פונעם ציוניזם, זענען אים נאָענט געווען, אָבער קיין ציוניסטן זענען זיי נישט געווען! אויך דער נאָמען זייערער האָט אויסגעדריקט עפּעס אומבאַשטימטס, עפּעס פון סימפּאַטיע, פון חסד, פון פילאַנטראָפּיע. די באַציונג פון סימפּאַטיע און גענייגטקייט צו אַ זאַך זאָגט נאָך נישט, אַז מען איז אַ טייל פון איר. די באַציונג פון סימפּאַטיע קומט פון אַ שטייענדיקן מן־הצד. אויף אַ נישט־ייִדן זאָגט מען אַ ייִדנפריינד, און מע רופט אים פילאָסעמיט, אָבער ס'איז לעכערלעך אָנצורופן „ייִדנפריינד" אַ ייִדן דעם זון פון זיין פאָלק. אַ נישט־ציוניסט קאָן זיין אַ „חובב־ציון", אָבער אַ ציוניסט אַ „חובב־ציון" שיקט זיך נישט. דער ציוניסט האָט נישט ליב ציון ווי אַ קאַפּריז, ווי אַ געפאַנגענער פון אַ געפיל. ער קאָן נישט ליב האָבן ציון, פונקט ווי אַ גריך, למשל, קאָן נישט ליב האָבן

* אַ באַוווּסטער ענגלישער מאָלער (1723—1792).

גריכנלאַנד, און דעם נאָמען „חובב־העלעניזם" וועט ער איבערלאָזן פאַר אַנדערע.

אָבער אויסער דער דינקייט אינעם אונטערשייד פון די נעמען, איז נאָך אַ שיידליניע דורכגעצאָגן צווישן די צוויי באַוועגונגען. אויך די „חובבי ציון" זענען געווען דורכגענומען מיט די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און דער גרויסקייט פונעם געדאַנק. אויך זייער מחשבה איז געריכטעט געווען צום פּאָליטישן ציוניזם. נישט נאָר פּינסקער, נאָר אויך אַ סך פאַר אים האָבן שוין אָנגעצייכנט פּאָליטישע פּראָגראַמען, אָבער זאַכן לעבן נישט אָן קיין מעשים, און די „חובבי־ציון" האָבן זיך געשראָקן נכשל צו ווערן אין אַ פּאָליטישן ענין, האָבן זיך געשראָקן צו שאַפן אַ וועלט־אָרגאַניזאַציע, צו־זאַמענרופן קאָנגרעסן, פאַרפאַסן פּראָגראַמען. זיי פלעגן זיך צונויפזאַמלען געהיים, רעדן שטילערהייט און האָבן זיך קיין מאָל נישט דערוועגט צו אַנטפּלעקן זייער חלום פאַר אַנדערע. אַ מין מיסטיציזם פון קדושה האָט אים אַרומגענומען.

„חובבי־ציון" און ציוניסטן

זיי זענען געווען אונדזערע לערערס, און מיר זענען זיי שולדיק אַ דאַנק. זייער הארץ איז פול געווען מיט לויטערע און דערהויבענע האָפענונגען, וועלכע האָבן געקלאַפּט מיט זייערע צאַרטע פליגל אין די ווענט פון דער ווירקלעכקייט. זיי האָבן אונדז געלערנט וועגן, וואָס מיר האָבן פריער נישט געקענט — די וועגן צו באַזעצן ארץ־ישראל. זיי האָבן אונדז געלערנט זיך מתגבר צו זיין איבער די שטערונגען אויפן וועג פון באַזעצונג און ווי אויפצולעבן אונדזער אַלט היימלאַנד. זיי האָבן אונדז געוויזן די וועגן, וואָס פירן אונדז צו אונדזער היים, און זייער אויפטו וועט אויף אייביק נישט פאַרגעסן ווערן. אָבער זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט אומצוטרוי און סקעפּ־טיציזם צו יעדן דרייסטן שריט, וואָס איז פאַרגעלייגט געוואָרן דורך אַנדערע. טעאָרעטיש, אין דער ליטעראַטור, איז „חיבת־ציון" געווען אמתער ציוניזם, און פאַקטיש איז זי געווען אַ שוואַכער ציוניזם, אַ גלותדיקער ציוניזם. זיי זענען געווען ווייכהאַרציקע, האָבן תמיד זיך אַרומגעקוקט אין די זייטן און זיך געשראָקן צו טאָן עפּעס וואָס ענערגישעס און שטאַרקס. זייער שוואַכקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס זיי זענען געניגט געווען צו פיל זיך צוצוהערן צו די וואָרענישן פון יענע, וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף שטרויכלונגען. זיי האָבן זיך נישט דערקענט אויפן מעכטיקן כוח וואָס שטעקט אין דער נשמה פונעם פאָלק.

זיי זענען געווען אויסגערעכנטע, און מיר אַלע ווייסן, פאַרשטענדלעך, דעם

ווערט און די חשיבות און מעלות פון אויסגערעכנקייט, פאָרזיכטיקייט און דאָס וויסן אויסצוווילן אַ צייט פאַר יעדער זאַך, אָבער דער באַפעל פון פליכט איז איינער פון יענע מאָמענטן, אין וועלכן די אומה גייט פאַרזייען איר פעלד, און חלילה זי זאָל זיך רעכענען מיטן אָנקום פון אַ בלאָנדזשענדיקן ווינט.

קיין מאָל זענען נישט אויפגעטאָן געוואָרן קיין גרויסע זאַכן דורך מענטשן, וואָס האָבן זיך געשראָקן פאַר שטערונגען. דער אמת און די דרייסטקייט דאַרפן גיין געאָרעמט. מע דאַרף זיך נישט גריבלען: „צי וועט די אָדער יענע זאַך ווילגעפעלן דער מערהייט, צי איז זי נישט געפערלעך, צי וועט זי הייבן אונדזער כבוד, צי איז עס נישט פאַרבונדן מיט אַנטוישונג פאַר אונדזערע פריינד און נחת־רוח פאַר אונדזערע שונאים?" ניין. מע דאַרף פרעגן בלויז איין זאַך: „צי איז די זאַך ריכטיק?" און אויב איז זי ריכטיק — איז אַ פליכט זי צו פּראָקלאַמירן, צי עס וועט יאָ, אָדער נישט עמעצן געפעלן. אַ פּיאָנער איז נאָר דער, וועלכער פאַרמאָגט דערהויבענע דרייסטקייט, דער מאַן דער מתחיל. און דאָס זעלבע איז סיי בנוגע אַ יחיד, סיי בנוגע אַ גאַנץ פאָלק. דאָס איז עס דער שטיין, אויף וועלכן עס באַזירט זיך דאָס לעבן. אָן אים קערט זיך אַלץ אום צו תוהו־ובוהו.

די שטרויכלונגען אויפן וועג צום ערשטן קאָנגרעס

ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען עס זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען די וועגן פון „חיבת־ציון" און פונעם ציוניזם. ס'זענען מיר אָנגעקומען בריוו, וואָס באַיקאָטירן דעם קאָנגרעס, פונעם באַקאַנטן פראַנקפורטער רב, ד"ר האָראָוויץ, פונעם פילאַנטראָפּ, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין געלערנטקייט העברי מאיר כהן פון בערלין, פונעם געלערנטן רב ד"ר גידעמאַן פון ווין און פון אַ סך אַנדערע. די אַלע האָבן געפּאָדערט צו פירן אַגיטאַציע קעגן צוזאַמענרופן דעם קאָנגרעס. ווילי באַמבוס און צבי הירש הילדעסהיימער, פּייערדיקע „חובבי־ציון", האָט אַרומגעכאַפּט דער יי‍אוש. די ייִדישע קהילה אין מינכען האָט פאַרמאַכט אויף שלעסער אירע געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן, אין וועלכע ס'וואָלטן זיך געקאָנט צונויפקומען פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. „משוגעת, „געזעלשאַפטלעכע געפאַר," „אימפּערטינענץ", „בונט פון רעאַק־ציאָנערן", — אַזעלכע זענען געווען די דעליקאַטסטע אויסדרוקן, מיט וועלכע די אַזוי גערופענע ייִדישע ליבעראַלע פרעסע האָט באַפלעקט דעם קאָנגרעס־געדאַנק, און הונדערטער איינלאַדונגען און צירקולאַרן וועגן דעם קאָנגרעס זענען אומגעקערט געוואָרן צו די אַרויסשיקער צוזאַמען מיט אויסדריקן פאַראַכטונג, אָדער פאַרביטערונג. אָבער אין דער אמתן זענען

זייער ווייניק געווען די אמתע קעגנער צום קאָנגרעס גופא. די מערהייט האָט געהאַנדלט ווי זי האָט געהאַנדלט, פשוט, צוליב פּחדנות. אַ שווערן נסיון האָבן דורכגעמאַכט די „חובבים״, אָבער ער האָט געבראַכט נוצן: ס׳האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט די פלעווע און אָפּגערייניקט דער ווייץ. די קאָנסעקווענטע, די שטאַרקע און דרייסטע זענען צוגעשטאַנען צו דער נייער באַוועגונג, ווו זיי האָבן גלייך דערוואָרבן די קענטיקסטע השפּעה.

דער ערשטער קאָנגרעס

ס׳זענען פאַנאַנדערגעשפּרייט געוואָרן די כמאַרעס פון דער קעגנערשאַפט, די שפּאַלטונגען, אונטערשיידן, טעמפּער אַפּאַטיע, שווערן שלאָף, און אויפן ערשטן קאָנגרעס אין יאָר 1897, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם קליינעם, פרייען, וווּנדערלעכן לאַנד, אונטערן הימל פון די אַלפּן, האָב איך געזען אַזוינס, וואָס כ׳האָב זינט איך לעב נישט געזען, דעם אַפּאָגיי פון ייִדישער התלהבות אין איר גאָרער לויטערקייט. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די סצענע. באַקליידט מיט דעם ליכט פון דער צייט, וועט די דאָזיקע סצענע, תמיד פאַרבלייבן אין מיין זכרון ווי אַ דויערהאַפטע אַנטפּלעקונג.

צי וועט זיך מיר איינגעבן אַרויסצוגיין פון דער פאַרוויסטעניש, פול מיט שינאה און פאַראַכטונג, דער רעזולטאַט פון דער מלחמה, און זיך דערהייבן צום הויכפּונקט פון זוניק ליכט, וואָס פאַרמאָגט די לויטערע אידיליע פון אַ לעבן אין ברידערלעכקייט, ליבע און האָפענונג, — אַרויסצוגיין פון פינצטערניש צו ליכט? צי וועט איר זיך אומקערן צו מיר, נחת־רוחדיקע טעג, דורכגעלעבטע אין באַזעל אין יאָר 1897? צי וועט איר אויפגיין און פאַרביי־גיין פאַר מיינע אויגן, יענע וויזיעס און לעבנס־חלומות, און אויך דו, די טייערסטע וויזיע, הערצל?!

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט הערצלען

צום ערשטן מאָל האָב איך באַגעגנט הערצלען אינעם לייענזאַל אין האָטעל „די דריי קעניגן״ אין באַזעל, עטלעכע טעג פאַרן קאָנגרעס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט מיך צו באַגריסן, און כ׳האָב דערזען פאַר זיך אַ הויכגעוויקסיקן מאַן. דער ערשטער איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, איז געווען פון אַ מאַן מיט אַ שיין, ערנסט און חשוב פּנים, וואָס האַלט אין כסדרדיקן בייטן זיין אויסדרוק, אַ רגע אין לעבעדיקן שמועס און די צווייטע פאַרטיפט אין די געדאַנקען. זיין שטייגער איז צו קוקן גלייך קעגן זיין מיטשמועסער מיט זיין דורכדרינגענדיקן בליק, דעם בליק פון אַן אָדלער, מיט אויגן, וואָס באַצויבערן מיט זייער שיינקייט און מיט זייער באַהערשנדיקער קראַפט.

נאָכן דריקן די האַנט בין איך אַריבערגעגאַנגען צום עק פונעם צווייטן צימער צו באַגריסן די אַנדערע זיצנדיקע, און ס'איז מיר שוין מער נישט אויסגעקומען צו שמועסן מיט אים אין יענעם טאָג. איך האָב ווייטער באַאָבאַכטעט הערצלען מיט אויפמערקזאַמקייט. פון ערשטן מאָמענט אָן איז געווען דער רושם פון אַ זעלטענער פּערזענלעכקייט. עפּעס־וואָס פון אומעט איז געווען אין זיין אויסערלעכקייט. אַ צוציִונגס־כוח איז געווען אין אים, אָבער אויף זיין פּנים איז געווען דער חותם פון טראַגישן שטאָלץ. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ זיבן און דרייסיק יאָר, און זיין יונג פּנים האָט מיר אויסגעזען ווי געהילט אין אַן אומענדלעכן טרויער, ווי זיין נשמה וואָלט זיך תמיד איינגעהאַרכט אינעם לעבנסגאַנג, איידער ס'איז אַרויס זיין גזר־דין. זיין קאָפּ איז געווען אַ גרויסער, לענגלעך אַ ביסל, פון אַ וווּנדערלעכער סימעטריע — אַ צוזאַמענגאָס פון קראַפט און חן. ס'איז געווען אין אים פונעם געשטאַלט פון די העכסטע אַשורישע מלכים, לויט זיי זענען אויסגראַווירט אין זייער פּראַכט אין די אַנטיקע רעליעפן, און צו אַט דער ענלעכקייט האָט באַזונדערס צוגעהאָלפן זיין שוואַרצע און שיינע באָרד. אויף זיינע ליפּן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס אונטער דער וואָנץ, האָט געשוועבט אַ שמייכעלע פון הומאָר. אַ ביסל אין קעגנזאַץ צום גלאַנץ און דער פּראַכט פון אַט דער יונגער, מיזרחדיקער, מאַיעסטעטישער פיגור זענען געווען זיינע גרויסע און שטאַרקע האַנטפלאַכן, ווי זיי וואָלטן עדות זאָגן אויף זייער באַלעבאָס, אַז ער איז אַ מענטש פון טאַט.

אויף די שטולן אַרום אים האָבן פאַרנומען פּלאַץ די אַלע, וואָס האָבן געוואָלט אַריין מיט אים אין אַ שמועס, אָבער הערצל האָט נישט געשמועסט, נאָר דערוויידערט און געענטפערט. אין דער מסיבה זענען געווען דער פּראָפ' שאַפּיראָ, דער ד"ר ליפּאַ, מיין לאַנגיאָריקער פריינט יאַסינאָווסקי, פּינעלעס, דער ד"ר אלכסנדר מינץ, די צוויי ברידער אָסקאַר און אלכסנדר מאַרמאָרעק, שאַליט, קאָקיש, ד"ר לעאָפּאָלד כהן און דער זקן גוסטאַוו כהן. נאָרדוי, די בולטסטע און צוציִענדיקסטע פּערזענלעכקייט אויפן קאָנגרעס נאָך הערצלען, וואָס אַלע האָבן אים אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד, האָט נאָך נישט געהאַט געקומען. אויב עמעצער האָט זיך געוואָנדן צו הערצלען, איז זיין ענטפער געווען צאַרט און מילד, אינעם סימפּאַטישן סטיל פון די ווינער. ער איז געזעסן, האָט געררייכערט, געקוקט ערנסט, אַ ביסל אָפּגערוקט פונעם קרייז פון די געסט. נאָך דעם ווי איך האָב מיך מיט אים מער באַקאַנט, פלעג איך הערן, אַז ער קען אָפּשילדערן דעם כאַראַקטער פון יעדן איינעם אין קורצע, שאַרפע און גלענצנדיקע זאַצן. און איך, אַז איך האָב געוואָלט מער דערלערנען הערצלען, פלעג איך זיך נוהג זיין צו פרעגן ביי יענע, וועלכע

האָבן אים געקענט פריִער, ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט אין ווינער אוניווערסיטעט, אָדער שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ שרייבער. און דער ענטפער איז מיינסטן טייל געווען אַזעלכער: „אין אוניווערסיטעט איז זיין שטייגער געווען צו באַאָבאַכטן דאָס לעבן. ער פלעגט אַ מאָל קומען, זיך אַנידערזעצן און קוקן. ס'איז נישט געווען זיין שטייגער צו רעדן, בייערט בלויז געהאָרכן. זיינע האַרצגעפילן האָבן מיר נישט געוווּסט". אויך איצט איז זיין אָרט געווען אויסער דעם קרייז, פון דאָרט האָט ער באַאָבאַכטעט און אָפּגעשאַצט מיט זיין שאַרפן שכל יעדן איינעם אינעם קרייז, צי ער איז אַ קלוגער, אָדער אַ נאַר.

אויף מאָרגן איז פאָרגעקומען מיין ערשטער שמועס מיט אים, וועלכער האָט זיך פאַרצויגן עטלעכע שעה. ער האָט געוואָלט דערלערנען דעם כאַראַקטער פון אָט דעם פאָלק און זיינע נשמה־אייגנשאַפטן, און האָט געזאָגט און איבערגעחזרט, אַז מע דאַרף זיי געהעריק אַנטוויקלען. „איך דאַרף נאָך אַ סך לערנען" — האָט ער צוגעגעבן. „די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די ייִדן דאַרפן אַרויספליסן פון זייער אינערלעכער דערקענטעניש. וואָס מער די ייִדן וועלן זיך צוגעווינען צו דער אייראָפּעיִשער קולטור, אַלץ מער וועלן זיי דערקענען זייער נאַציאָנאַליזם. זיי דאַרפן שטרעבן צו אים, אָבער די אויפלעבונג פון דער נאַציע אין גלות איז נישט מעגלעך. אין די גלות־צעשפּרייטקייטן קאָנען די ייִדן בלויז צוגרייטן די יסודות פאַר אַ פריי לעבן אין זייער לאַנד, אין פאַלעסטינע. פאַר וואָס זאָלן די ייִדן זיין אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע פעלקער? בלויז פּחדנות און מאַנגל אין מיטלען קאָנען זיין די סיבה דערצו". ער האָט גערעדט מיט אומווילן וועגן די פאַרריסענע ייִדן און מיט התלהבות — וועגן די פשוטע ייִדן פון מיזרח־אייראָפּע. און אויפן קאָנגרעס האָט ער געלייגט די אָפּטימיסטישע האָפענונגען. „אין אָנהייב איז געווען תוהו־ובוהו, — האָט ער געזאָגט — דערנאָך איז געקומען די טאַט, און נאָך איר — דאָס געזעץ. אַזוי האָט גאָט באַשאַפן זיין וועלט, און איך מיין, אַז אַזוי וועט זיך אויסבילדן אויך דער ציוניזם. פון אָט דעם קאָנגרעס וועט דער ציוניזם אַרויסגיין מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג פון געדאַנק און טאַט, אָרגאַניזאַציע, אונטערנעמונג, „פּראָגראַם, געזעץ".

הערצל דער מנהיג

מער פון אַלץ האָט מיך פאַרחידושט נישט דאָס וואָס ער האָט גערעדט, נאָר ווי אַזוי ער האָט גערעדט. ער איז געבוירן געוואָרן אַ מנהיג פאַר מענטשן, אַ הערשער. ער האָט געוווּסט צו וואָס ער שטרעבט און געוווּסט ווי צו באַשטיין אויף זיינעם, זיך נישט אומקוקן אויף קעגנערשאַפט, אויף

חוצפּה און רכילות. ס'איז געווען אין אים אַ תמימותדיקע, לויטערע פּשטות, אַן ערשטיקע שלמות, אַ יסודיקע אוממיטלבאַרקייט, אַ פּראָדוקט פון אַ צווייג פון אַן אַלטן דערהויבענעם גזע. הערצל פונעם ערשטן קאָנגרעס איז געווען דער אמתער הערצל, אַ מאַן פון דער עפּאָכע, אַ דורכגענומענער מיט די רעיונות פון פרייהייט, פול איידלקייט און זעלבסטזיכערקייט. ער האָט זיך פאַרהאַלטן צו אונדזער נאַציאָנאַלער פראַגע, ווי עס וועט זיך פאַרהאַלטן אונדזערער אַ מיטצייטלער צום פּראָבלעם פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליזם, מיט אַנטשיידנדיקן כוח, מיט געוואַגטקייט, אָן שרעקעוודיקייט. ער איז געווען דורכאויס לויטער, אָן קיין שום פּניה, אַ פרייער פון פאָראורטיילן, און זיין רעדן איז געווען פּשוט, נאַטירלעך, לאָגיש־בויטווענדיק, אומפאַרגלייכלעך.

הערצל איז דערשינען פאַר אונדז ווי אַ צויבער־רעטעניש. אויפן ערשטן בליק האָט אונדז אויסגעזען דער גורל פון אָט דעם גרויסן מאַן ווי אַ טראַגעדיע, אָבער ווען מיר וועלן זיך אין אים פאַרטיפן מיט מער אַריינטראַכטונג, וועלן מיר אים זען פון אַ צווייטער זייט, און מיר זען זיין נצחון.

די אויפגאַבע פון די גרויסע מענטשן איז זיך מתגבר צו זיין אויף די פּלאָגן פון זייער צייט, אָבער כדי צו דערפילן די דאָזיקע אויפגאַבע ווי ס'געהער צו זיין, פאָדערט זיך, אַז זיי אַליין זאָלן געפּרווּט ווערן מיט אַלע נסיונות. האָט הערצל געדאַרפט, דערום, איבערטראָגן די פּיינען פונעם פאָלק אין זייער גאָרער טיף, אָבער זיינע פּיינען האָבן נישט פּוגם געווען אין זיין קלאַסישער רויִקייט, אין זיין לעבנס־שיינקייט. העכסטנס האָט אַ דורכדרינגענדיק אויג געקאָנט דערקאָנען אין אים אַ שאָטן פון איידעלער מעלאַנכאָליע. שטאָלץ און גלייכגעשטערעקט איז הערצל געגאַנגען איבערן טרערנטאָל, שאַפנדיק גוטס, און ברענגענדיק מיט זיך באַלזאַם, טרייסט און ליבשאַפט.

אונדזער האַרץ איז פול געווען איבער די ברעגן מיט גרויסן, שווערן וויי, טרויער מיט קיין ווערטער נישט אויסצודריקן, — דעם טרויער פון אונדזער פאָלק. מיר האָבן געלעכצט צום היימלאַנד פון אונדזערע אָבות. די־אַ לעכצונג האָט זיך אַריינגעוועבט אין אונדזער חלום, און בלויז ער האָט געקאָנט באַהערשן די דאָזיקע בענקשאַפט מיט אַ פעסטער האַנט, באַדעקן זי מיט אַ שלייער, אַ געוועבטן פון ערד־ריח, לופט און זונשיין. ער האָט געשאַפן פאַר איר אַ פאָרעם, איר געגעבן אַן אויסדרוק אין ווערטער און מעשים. ער האָט דאָס געקאָנט מאַכן, ווייל ער איז גרויס געווען. און גאָר וווּנדערלעך איז געווען זיין איבערגעבנקייט דער זאַך, אָן קווענקלעניש. אויף וויפל זיין וועג איז נישט געווען פאַרפלאָנטערט, איז ער פאַרבליבן דער מאַן פון שלמות. ער האָט זיך געשאַפן אַ ספּעציעלע פּאָזיציע צווישן מענטשן; האָט מכניע געווען אַלעמענס הערצער, דאָס האַרץ פון זיין פאָלק און דאָס

האַרץ פון פרעמדע, פון זיינע אָנהענגער און קעגנער; סיי די, סיי יענע האָבן אים פאַרערט פון גאַנצן האַרצן. און זיין האַלטונג וואָס איז פול געווען מיט זעלבסטווערט, דער אידעלער טאַקט, וואָס האָט אים אויף קיין רגע נישט פאַרלאָזט, זיי זענען געווען זיין דערהויבן געווער אין זיין קאַמף. יעדער איינער האָט געצאָלט אומצאָליקן צינז געניוס פון דער פרייהייט און דעם גוטן.

אַלע האָבן געבראַכט צינז, אומבאַוווסטזיניק, דעם געניוס פון דער פריי־הייט און דעם גוטס פון זיין נשמה.

הערצל אַלס מענטש

הערצל איז געווען אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט. זיינע גייסטיקע מעלות זענען נישט באַשטאַנען בלויז אין די געשאַנקען פון אינטעלעקט. אויף וויפל ס'האָט געשיינט זיין אינטעלעקט, איז זיין האַרץ־וואַרעמקייט געווען נאָך גרעסער. ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט קיין גערעכטע פאָדערונג. ער האָט נישט פאַרלאַנגט פונעם לעבן קיין זאַך אויסער אַ גוטן נאָמען, ווייל ער האָט געוווסט, אַז דאָס געגונגט אינעם לעבן. זיין גאַנץ וועזן האָט זיך געבונטעוועט קעגן די וואָס באַגייען אומרעכט. ער איז געווען אַ טרייער פריינד פאַר אַלע, וואָס זענען געווען פון אים אָפּהענגיק. האָט נישט געפאָדערט קיין זאַך, וואָס איז נישט אין גדר פון מעגלעכקייט און אַ גוטע כוונה פאַר־רעכנט פאַר אַ טאָט. בעלי־דינים פלעגן קומען זיך שטעלן פאַר זיין מישפּט, ווייל ער האָט פאַרמאָגט אַן אמת געפיל פון גערעכטיקייט און ערלעכקייט. זיין באַציונג צו שקר, כיטרעקייט און רכילות איז געווען האַרב און אַן מיטלייד. ער האָט מיטגעפילט יענע וואָס בלאָנדזשען צוליב שוואַכקייט און איז תמיד געווען גרייט מוחל צו זיין בעל־תשובהס. אין געזעלשאַפט האָט ער זיך גערעכנט מיט די געפילן פון אַנדערע. האָט קיין מאָל נישט אויס־געלאַכט דאָס וואָס זיי איז הייליק. באַזונדערס איז ער וואָך געווען צום אומגליק פון אַנדערע און האָט נישט געהאַט קיין שאַדנפרייד צוליב זיינע קעגנער נאָכן באַזיגן זיי. מיטן גאַנצן האַרצן האָט ער געהאַסט דעם איינגע־עקשנטן דעספּאָטיזם און פאַרריסנקייט. ער פלעגט פאַרריכטן איבערגעאײַלטע האַנדלונגען פון אַנדערע און אָפּן מודה זיין אויף זיינע אייגענע פעלערן. ער האָט קיין מאָל נישט געגומען קיין נקמה פאַר אַ באַליידיקונג, ווייל ער האָט געגלייבט אינעם אייביקן אמת און אַז זיין כבוד וועט ווידער איינגע־שטעלט ווערן. ער האָט אויך געגלייבט אינעם אייביקן אמת אין דעם לעבן פון נאַציעס, דערפאַר איז ער געווען דער פאָטער און שעפער פונעם נייעם ציוניזם.

מיט גאָלדענער שריפט איז זיין לעבן פאַרשריבן אין אונדזער האַרץ;

דאָס איז פּאַר אונדז ווי דער הויפּטזייל, וואָס די שיכחה וועט אים קיין מאָל נישט אומוואַרפן. אַז מע הייבט אָן די שילדערונג פון זיינע מעלות, שאַפט זיך פון איר אַ תהילים־געזאַנג, ענלעך צו דער שילדערונג, וואָס דער געט־לעכער משורר באַשענקט מיט אים דעם פּאָרצייטישן ייִדישן צדיק.

צי האָט הערצל נישט געקעמפט ווי אַ העלד, נישט געליטן די יסורים פון די געלערנטע, נישט געשטאָרבן מיט אַ טויט פון קדושים? זיינע כוחות האָבן זיך אים אויסגעלאָזן מיטן שטראָם פון זיין מעכטיקן, זיך אַרויסברעכנ־דיקן ווילן. זיין האַרץ און מוח האָבן תמיד געאַרבעט מיט פיבערדיקער שנעלקייט. קיין שום זאַך איז נישט געווען אין שטאַנד אים אָפּצוהאַלטן פון זיך אָנשטרענגען און אויפברויזן. ער האָט זיך געצאַפּלט צווישן ייאוש און האָפענונג, צווישן פרייד און ציטער, האָט זיך באַצויגן צו יעדער זאַך מיט אויפמערקזאַמקייט און געדולדיקייט, זיין געדאַנק איז תמיד געווען איידל, אָן אַ שאָטן פון עגאָיזם און פּוסטער גאַווה ער איז אַריבערגעוואַקסן דאָס גאַנצע פאָלק אויף דער הייך פון אַ באַרגשפּיץ איז ער געשטאַנען און האָט געשיקט זיין בליק אין די מרחקים פון דער צוקונפט און אַלץ, וואָס ער האָט געזען, האָט ער געזען מיט די העלע אויגן פונעם גאון.

די אייגנשאַפטן, וואָס הערצל אַליין האָט געשעצט מער פון אַלץ, און מיט וועלכע אויך זיין לעבן האָט זיך אויסגעצייכנט מער פון אַלץ, איז געווען די האַרטנעקיקייט און די איבערגעגעבנקייט. די טריישאַפט צו זיין פאָלק, די טריישאַפט צו זיין לאַנד — זיי האָבן אויסגעפילט און משלים געווען זיינע לעצטע יאָרן.

היסטאָרישע נויטווענדיקייט

הערצלס גייסט וועט נויטווענדיקערווייז לעבן נישט נאָר אין זכרון פון די קומענדיקע, נאָר אויך אין אַלע אונדזערע האַנדלונגען, ווייל זיין גייסט איז געווען דער גייסט פונעם פאָלק. אָט דער גייסט איז אים איבערגעגעבן געוואָרן בירושה, און ער האָט אים איבערגעגעבן בירושה די קומענדיקע נאָך אים, נאָך זיין איינגעזאַמלט ווערן צו זיין פאָלק. דאָס וואָס הערצל האָט געגעבן, איז געווען אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט. עפּעס וואָס איז פרעמד דעם גייסט פונעם פאָלק, קאָן מען נישט אין דעם איינגרייפן אויף אַ קינסט־לעכן אופן. טאַלענטירטע מענטשן שטעלן קליינע טריט, די גאונים — מאַכן דורך ריזיקע מרחקים אין די פאָלקס־באַוועגונגען. זיי זעען פאַר און שפּירן די צוקונפט, און באַקומען אַ דאַנק דעם די מעגלעכקייט אויסצופלאַסטערן אַ וועג, מיט וועלכן די מאַסן וועלן גיין זייער זיכערן גאַנג. אָן מנהיגים איז נישט פאַראַן קיין גיין פאָרויס.

נישט אומזיסט דעריבער פילט דאָס פאָלק דאָס לעבן פון זיינע גדולים, אָבער גלייכצייטיק זענען אויך די לעצטע שולדיק דאַנק־אָוואַציעס זייער פאָלק. אויב ס׳איז פאַראַן אַ פולשטענדיקע האַרמאָניע צווישן דעם מנהיג און דעם פאָלק, וועט אין רעזולטאַט קומען דער פאַראויסגאַנג. ווען אָט די האַרמאָניע דריקט זיך אויס אין איר שענסטער פאָרעם, אין דער פאָרעם פון ציוניזם, פילט זי אָן אונדזערע הערצער מיט פרייד און בטחון. גרויסע מנהיגים קאָנען פירן זייער פאָלק נאָר צו יענעם אָרט, וווהין אַלעמענס אויגן זענען געווענדן. אַלע — איז נישט דער טייטש, די גאַנצע פאָלקסמאַסע, וואָס לעבט אין אַ געוויסער תקופה. די אָרעמע מאַסע קאָן פאַרבלייבן אינעם געמויזעכץ פון איר קליינלעכן לעבן, דורכגענומען מיט דער טעמפּקייט פון געפיל, און אַ פעדלער אין איר גייסט. אין יעדער נאַציע לייזן אַזעלכע מענטשן פון צופיל פאַרזיכט, פון דער פאַרשטיינערטער געוווינהייט און קליינקעפּלדיקייט. „אַלע" לגבי אַ וועלכער נאַציע — איז דער טייטש: אַלע דורות, אַלע תקופות, אַלע לענדער, אַלע טיילן פון פאָלק, די דענקער, די עמפּפינדלעכע, די געוואַגטע. אָט די „אַלע" זענען טריי געבליבן דער נאַציע, ווייל זיי זענען דאָס אַליין די ייִדישע נאַציע. פאַר זיי איז הערצל געוואָרן אַ מנהיג, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען וווהין עס שטרעבט זייער גייסט. ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף א וועג וואָס פירט צו דער הייך פונעם ציל, צו וועלכן זיי האָבן געשטרעבט. הערצל איז בכן נישט געווען דער ערשטער שעפער פון דער באַוועגונג, נאָר דער גרויסער וועגן־אויסלייגער.

דער ווילן וואָס איז גובר אַלץ — הערצלס וויכטיקסטע אייגנשאַפט

וואָס ס׳האָט צו מיינסטן אויסגעצייכנט הערצלען, איז געווען דער עקסטאַז אין ערשטן זין פון דעם וואָרט: עק (פון)־סטאַז (דער מצב). ער האָט זיך געפונען אויסער די באַדינגונגען פון דער מעסיקייט און דער געוויינלעכער דורכשניטלעכקייט, אויסער דעם וואָכעדיקן לעבן. דער עקסטאַז לייטערט, גיסט אַריין ליכט אין דער נשמה, ער וועקט דאָס לעבן און שטאַרקט די קראַפט פונעם פאָלק. פון שטאַרקער גייסטיקער אָפּשאַצונג ווערט געבוירן דער אידעאַליזם, דער ווילן צו שטאַרבן אַ קדושים־טויט, די גרייטקייט מקריב צו זיין דעם נפש פאַר דעם שיינעם און דערהויבענעם.

איך האָב נישט בדעה צו געבן אַ פולשטענדיקן אַנאַליז פון הערצלען. אָבער אויך אָן דעם וועט נישט שווער זיין צו פאַרשטיין, וואָס ס׳איז געשטאַנען אין צענטער פון אָט דער פערזענלעכקייט. איך האָב אים באַאָבאַכטעט אַ סך יאָרן. אויף אָט דעם קאָפּ, וואָס איז געווען העכער פון זיינע ברידער

אין הערצלס יונגע יאָרן, מיטן הויכן און שיינעם שטערן, מיט די סמאָלע־שוואַרצע האָר, אויף אַט דעם מעכטיקן קאָפּ מיט זיינע פאַרשטייפטע שטריכן, אויסגעקריצטע אין זיינע לעצטע יאָרן, ווי אַרומגענומען מיט אַן אָרעאָל, איז געווען אויסגעגאָסן צער, דער יידישער צער. דער איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויפן ערנסטן באַאָבאַכטער, איז געווען אַ גרויסער און טיפער. אין די יוגנטיאָרן האָט זיך די שיינקייט פון דעם קאָפּ אויסגעדריקט אין זיין באַוועגונג און וואַכזאַמקייט, אינעם קלוגן גלאַנץ, וואָס האָט זיך געשפיגלט אין זיינע אויגן. שפּעטער, ווען איבער זיין פּנים איז אַריבער דער צייט־שטראָם, דער פלייצנדיקער און שטורמישער, האָט זיך באַוויזן אַ נייע שיינ־קייט, די אַרומנעמענדיקע און פאַרטיפטע שיינקייט פון אינטעלעקטועלער קראַפט. ס׳האָט זיך שוין מער נישט אַרויסגעבולט דאָס שטיפערישקייט פון די כוחות, נאָר דער גרויסער טאַלענט פון אַרבעט. דאָס איז שוין מער נישט געווען דער סאַלאָן־מענטש, נאָר אַ חכם־עתיק, איינער פון די יידישע גע־לערנטע, מיט די גייסט־אייגנשאַפטן פונעם הייליקן נביא. נאָר איין זאַך איז פאַרבליבן אין איר קראַפט אין אַט דעם מעכטיקן קאָפּ מיט זיינע גרויסע און דורכדרינגענדיקע אויגן: ער האָט פאַרגעזעצט אַרויסצואַנטפּלעקן דעם עיקר פון זיין כאַראַקטער — דעם ווילן, וואָס איז גובר אַלץ. איין לעבנסציל האָט זיך דער דאָזיקער ווילן געשטעלט. אָן אַ חשש פון איבערטרייבונג, קאָן מען זאָגן, אַז דעם ציל, וואָס הערצל האָט זיך געשטעלט, קאָן מען אויסדריקן מיט אַט די ווערטער: „ס׳איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו פאַראייניקן דאָס יידישע צעזייטע און צעשפּרייטע פאָלק. אָבער איך וועל עס מאַכן״.

הערצלס ווערק

אין פלוג איז די זאַך געווען אויסער דעם גדר פון מעגלעכקייט. די נאַציע האָט זיך געטיילט און געשפּאָלטן לויט רעליגיעזע און קלאַסן־השקפות, קולטורעלע און לענדישע. די אונטערשיידן זענען געווען אַזוי בולט, אַז מ׳האָט זיי נישט געקאָנט גובר זיין. אין אַ סך קרייזן האָט מן פאַרלייקנט דעם עצם געדאַנק פון דער יידישער נאַציע, און דאָס לאַנד פון די אָבות איז פאַר זיי געווען נישט מער ווי אַ לעגענדע. די ווייניקע חובבי־ציון האָבן, פאַרשטענדלעך, געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער נאַציע, אָבער די מער־הייט האָט דערפון גאָרנישט געוווּסט, און די דרויסנדיקע וועלט האָט אַפילו נישט געהערט וועגן דעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

הערצל האָט געטאָן אַלץ. ער האָט געשאַפן אַ יידישע אָרגנע אין געשטאַלט פונעם קאָנגרעס. ער האָט פאַראייניקט די אַלע יידן, וועלכע זענען געטריי געבליבן דעם נאַציאָנאַלן געפיל. אַפילו דאָס וואָס איז אין פלוג געווען אַ

אין דינסט פון פאָלק

חסרון — דאָס פעלן פון אַ קאָנצענטרירט ייִדנטום אויף איין אָרט — איז אין זייַנע הענט פאַרקערט געוואָרן אין אַ מעלה: די גאַנצע וועלט איז געוואָרן אַ פעלד פאַר זייַנע אַקטיוויטעטן, געריכטעטע צו שאַפן אַ צענטער אין דער צוקונפט.

די יסודות וואָס האָבן מיטגעהאָלפן הערצלען

מיר האָבן דאָס געזאָגט מיט עטלעכע ווערטער, אָבער כדי דאָס צו פאַרשטיין אין גאַנצן, צו באַנעמען, וואָס דער מענטש האָט אויפגעטאָן, וויפל טאַלענט און קרבנות זיין ווערק האָט געפאָדערט, קאָן נאָר יענער, וועלכער האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצן אַנטוויקלונגס־וועג פונעם דאָזיקן מענטשן; פון טאָג אויף טאָג האָט הערצל ווייטער געוועבט גאָלדענע חלומות אַרום די גרויע וואָכעדיקע טעג. אָט די חלומות האָבן פול געמאַכט זיין געמיט מיט טריישאַפט און אומדערשראָקענעם גלויבן. ער האָט זיך אָנגעלעגט אויף דער גרויסקייט פון דער שטרעבונג צו גערעכטיקייט. און צו דער זעלבער צייט איז ער פאַרבליבן רויִק און פעסט ווי אַ מאַרמאָרפעלדז. דאָס איז געווען דער מאַגנעט, מיט וועלכן ער האָט צוגעצויגן צענדליקער און הונדערטע פאַרכישופטע מענטשן. וואָס האָט באַזונדערס משפיע געווען אויף הערצלען? אויב מירן זיך אַראָפּטויכן אין די טיפענישן פונעם ציוניזם, און אויב מיר פאַרמאָגן אַ פּסיכאָלאָגישן חוש, וועט עס נישט שווער זיין צו אַנטפּלעקן די יסודות פון זיין ענטוזיאַזם. פון די זכרונות פון דער גרויסער פאַרגאַנגענהייט איז געבוירן געוואָרן די דערהויבענע קאָלעקטיווע זעלבסטדערקענטעניש. וויפל רייכטום־אוצרות זענען פאַראַן אינעם דאָזיקן עבר! אַ געוויסער טייל פונעם דאָזיקן עבר לעבט דאָך אייביק, אין דער לעבעדיקער ממשות. אונדזער קעגנוואַרט באַקומט איר גאַרע שיין, איר חיות פונעם דאָזיקן עבר. די קעגנוואַרט דערקענט זיך אַליין נאָר נאָך דעם, ווען זי האָט באַנומען דעם עצם פון דעם וואָס איז אַריבער. דאָס איז דער פּראָטעסט־כוח קעגן דעם נעגירן דאָס רעכט פון אַ פאָלק אין משך פון טויזנטער יאָרן. דאָס איז דער צויבער־כוח פון דער פרייהייט. זיך באַפרייען פון געפענקעניש און קנעכטשאַפט — דאָס איז אַ פאָדערונג פון דער נאַטור.

מיר קערן זיך ווידער אום צו אונדזער הייליקן אָבות־לאַנד, קערן זיך אום פון די געטאָס, אַלטע און נייע, כדי צו באַקומען פון דעם און פון זיך אַליין דאָס אַלץ, וואָס מיר קאָנען געבן, און כדי צו שאַפן אינעם עקאָנאָמישן לעבן, אין דער וויסנשאַפט און אין דער קונסט, ווי אַנדערע שאַפן. ווען מיר שטעלן זיך אָט די צילן, פילן מיר זיך אָן מיט אַזאַ ענערגיע, אַזוי אַז אַלע שטערונגען און שטרויכלונגען זעען אונדז אויס ווי זיי וואָלטן גאָרנישט

עקזיסטירן, ווייל ס׳איז באַזיגט געוואָרן אונדזער שרעקעוודיקייט, אונדזער גייסטיקע קנעכטשאַפט. דאָס איז דער עקסטאַז פאַר העלדנטאַטן. פון די אויסגעפלאָסטערטע וועגן — צוריק צו יענעם אָרט, ווו ס׳איז געווען אונדזער ערד פאַרצייטנס. אויפן נייעם וועג וועלן מיר באַווייזן, וואָס אַ ייד קאָן אויפטאָן, און ווי גרויס ס׳איז דער כוח פון זיין געדולד. אַזוי וועט אָנ־וואַקסן די געוואַגטקייט ביז אָן אַ שיעור. און אויב צו אָט דעם כוח וועט נאָך צוקומען דער וועקנדיקער כוח פון הערצלס השפעה אויף די מאַסן, זיין גרויסער טאַלענט אַריינצובלאָזן אַ נייעם גייסט אין מענטשן און מאַכן פון זיי איין געמיינשאַפט — וועט דעמאָלט באַשאַפן ווערן אויך דער עקסטאַז פון ברודערשאַפט און געזעלשאַפטלעך לעבן. דער מענטש ווערט דעמאָלט אַ טייל פונעם גאַנצן, אַ פאַראייניקטער מיטן געפיל פון דער נאַציע, אַ צוזאַמענגעבונדענער מיט שנורן פון אָרגאַניזאַציע, פולשטענדיקער אחדות אין פרייד און אומגליק צוזאַמען. דער עגאָאיזם איז פאַרשווונדן, דער יחיד ווערט בטל אינעם רבים, און דער רבים שפּירט זיך ווי אַ יחיד.

דער מהות פונעם ציוניזם

אָט דאָס איז ער דער ציוניזם. אָט דאָס איז זי די גרעסטע שאַפונג הערצלס. ניט נאָר אַ מיטל, נייערט אַ גרויסער נצחון פאַר זיך אַליין. מיט אַ פּשוטן מאָסשטאַב קאָן מען נישט אויפדעקן זיין מהות. די קאַלטע קרעמערישקייט, די אויסגעחשבונטע, די נאָכלאָזיקע קלוגעטשקע, די צופרידענע און קורצ־זעעוודיקע האָט תמיד די קינדערישע פראַגעס — צי איז דען מעגלעך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל אַ מיליאָן, אָדער צענדליק מיליאָנען יידן, צי איז איר באָדן אַ פּרוקטיקער, אָדער נישט, צי קאָן מען באַוועלדערן די בערג, אָדער ס׳איז בעסער זיי צו לאָזן אין זייער פליכיקייט? נעבעכדיקע בעל־חשבונות! אָט די דאָזיקע וואָלטן וועלן באַקומען אַ לאַנד, וואָס איז שוין פון לאַנג באַאַרבעט געוואָרן פון זייערע וועגן, און זענען נישט פעיִק צו פאַרשטיין, אַז ווען זיי וואָלטן עס באַקומען, וואָלט די זאַך גאָרנישט ווערט געווען, אַפילו ווען איר באָדן וואָלט געווען די פרוכטבאַרסטע, און איר פרוכט — אַ הונדערטפאַכיקע. אָט דעם מיליאָן, אָדער די צען מיליאָן יידן, וועלכע מע וואָלט באַזעצט אין לאַנד, וואָלט די באַזעצונג קיין שום נוצן נישט געבראַכט, אויב זיי וואָלטן נישט געפילט אין זיך קיין עליית־נשמה, אויב זיי וואָלטן נישט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פאַראייניקטן כלל און זיך נישט געשפּירט ווי זין פון אַן אַלטער ראַסע, אויב זיי וואָלטן זיך נישט דערהויבן איבער דער וואָכעדיקייט פונעם לעבן, איבער דעם איינשלינגענדיקן בלאָטיקן געמויזעכץ. אָט די עליית־נשמה איז מעגלעך נאָר נאָך דעם ווי ס׳וועט

אין דינסט פון פאָלק

זיך באַנייען אין זיי דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, וועלכן זיי וועלן טייער האַלטן און קולטיווירן, זייענדיק גרייט צו אַנטוויקלען זייערע פּערזענלעכע מעלות אַ פולע אַנטוויקלונג ביזן הויכפּונקט, און זיך שעמען מיטן געדאַנק פון פאַרלירן זייער אייגנטימלעכקייט אין דער מאַסע פון די פרעמדע, וועלכע צייכענען זיך נישט אויס און זענען מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. נאָר נעמענדיק אין אַכט אָט די אינעווייניקסטע טרייב־כוחות פונעם מענטשלעכן גייסט, וועלן מיר קאָנען פאַרשטיין, ווי די פאַנטאַזיע איז געוואָרן אַ כוח, און דער חלום — אַ ממשות.

הערצל דער שרייבער

אָט דעם ציוניזם קאָן באַשאַפן נאָר אַ דיכטער פון אייבערשטנס גענאָד. און הערצל איז געווען אַ דיכטער. זיין נשמה האָט אָראָפּגעטויכט אין די טיפעניִשן פון אַלע דורות און תקופות. ער האָט אין זיך פאַראייניקט דאָס אַלץ, וואָס זיין פאָלק האָט געזונגען, מתפלל געווען און געקלאָגט. דאָס איז געווען אַ ליריק פון אַ ספּעציפישן אינטימען אַרט. לויטערע אַריינטראַכטונג, רויקער געדאַנק, אומענדלעכע מעלאַנכאָליע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן מיט פּלוצעמדיקע און ריטמישע נשמה־פלאַקערן, בענקשאַפטן, בלאָנדזשענדיקע טענער אויפן יסורים־פידל, וועלכע טראָגן זיך צום הימל — און הינטער זיי, ווי פון אַ שטורעם אין מרחקים — אַ גרויס געשריי — אַ געשריי פון נצחון, אָדער אימה און ווייען? — וואָס האָט איינגעשטילט די פאַרבאָרגענע יסורים, אָפטער טראָגן זיך טענער פון אַ דערהויבענעם הימען, אַן אָנגעזעטיקטן מיט ייִדישן צער, דעם טיפן, דעם אומענדלעכן, ווי אַ דערמאָנונג פון די אַלטע תהילים־געזאַנגען.

הערצל דער זשורנאַליסט, דער פעליעטאָניסט ,דער דראַמאַטורג, דער שאַרפער קריטיקער — צייכנט זיך תמיד אויס מיט זיין צאַרטקייט, ער איז תמיד מילד, זיין סטיל שאַרף און גלאַט — די אייגנשאַפטן פונעם ייִדן פון אייביק אָן. אָבער אין זיינע שריפטן איז אויך געווען אַ געוויסע אויבער־פלעכלעכקייט, אַ געוויסע לייכטקייט. דאָס איז געווען אַ לעבנס־געזאַנג, — איך וואָלט עס אָנגערופן פּאָעטישע זשורנאַליסטיק. וואָס ס'איז אַריין און זיך איינגעזאַפּט אין זיין גוף, בלוט, נערוון, אַלץ, וואָס ער האָט געזען, אָדער געשפּירט, איז גלייך אַריבער אין זיין נשמה און האָט זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריטמישער שורה בילדער, וואָס איינס איילט זיך נאָכן צווייטן, וואָס גייען איינס נאָכן צווייטן. דאָס לעבן האָט געבראַכט נייעם שטאָף יעדן פרימאָרגן פאַר זיינע שאַפונגען. ער האָט דערויף געקוקט מיט די אויגן פון אַ קינסטלער. זיך צו דעם צוגעקוקט מן־הצד און הנאה געהאַט פונעם גלאַנץ פון זיין

שיינקייט. אַפילו דאָס האַרבע און טראַגישע, וואָס ער האָט געזען און געפילט, האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ער האָט זיך אַ ביסל געגרייסט דערמיט, וואָס ער איז אין אַ געוויסן זין געשטאַנען איבער דעם לעבן, און ס׳איז אים געגעבן געוואָרן די געטלעכע מעגלעכקייט אויסצודריקן מיט ווערטער, וואָס די מערהייט מענטשן מוזן שטומערהייט טראָגן אין זייער נשמה.

אָבער דער ציוניזם האָט נאָך פאַרטיפערט דעם שעפערישן טאַלענט, מיט וועלכן הערצל איז באַשענקט געוואָרן. ער איז דערשינען אין זיין לעבן, ווי אַ דונער אין אַ לויטערן טאָג, ווי פראָסט אויף גרינע לאָנקעס, ווי האָגל אויף אַ פאַרזייט פעלד, אָבער ער האָט אים אויך פריי געמאַכט. ערשט דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיין לעבן דאַרף זיך ענדערן פון ראַנד ביז ראַנד. אָבער זיין פאַרגאַנגענהייט איז נישט געווען אומזיסט. דאָס פריערדיקע גאָרע לעבן זיינס, מיט זיינע אומעטיקע און גלענצנדיקע פאַסירונגען, זיין גאַנצע ליבשאַפט, בענקשאַפט, זיין קענען די וועלט, — דאָס אַלץ איז נייטיק געווען, כדי ער זאָל שפּעטער באַנעמען פולשטענדיק יענעם איינציקן אמת, וואָס איז שוין געווען אָנגעצייכנט אין זיין בלוט, דעם אמת דעם יידיש-מענטשלעכן, דער אמת פון זיין פאָלק און זיין גורל, זיינע ליידן און האָפענונגען.

הערצלס פריוואַט לעבן

הערצלס פריוואַט לעבן איז נישט באַזונדערס וויכטיק צום אָפּשאַצן זיין טעטיקייט, וואָס נאָר זי איז פאַר אונדז חשוב. ס׳איז אויך נישט פּאַסיק פאַר אונדז זיך צו גריבלען אין די פערזענלעכע לעבנס-סודות פון אַ גרויסן מענטשן, ווי הערצל. דאָס דרויסנדיקע לעבן פון אַ גרויסן מענטשן קאָן אינטערעסירן נאָר דעם המון, וועלכער האָט ליב צו הערן וויצן און רכילות וועגן יעדן מנהיג און וואָרטזאָגער אין זיין פאָלק.

אָבער דאָס דרויסנדיקע לעבן פון אַ וועלכן מנהיג האָט נישט קיין באַזונדער שייכות צו דעם וואָס קומט פאָר ביי אים אינעווייניק. הערצלס דרויסנדיק לעבן איז אַריבער אונטער דער השפעה פון אַ סך געשעענישן און מער אָדער ווייניקער טרויעריקע באַדינגונגען, ווי דאָס לעבן פון יעדן אַנדערן מענטשן. דאָס גאַנצע דרויסנדיקע לעבן הערצלס האָט קיין שום שייכות נישט צו יענער הייליקער מיסיע, וואָס ער איז גערופן געוואָרן צו דערפילן און נעמלעך: אַרויסצוברענגען מיט דער גאַנצער אומפאַרויסגע-זעענער קראַפט די ווירקלעכקייט פונעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

אָט די מיסיע הערצלס האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר אין זיינע אַקטי-וויטעטן, נאָר אויך אין זיינע שריפטן און פאָרטראָגן, סיי זיי זענען פון אַ

ציוניסטישן אינהאַלט און סיי זיי זענען פון אַן אַלגעמיינעם. זיין דיכטונגס־גייסט, ווי זיין מוח, איז מיט דער צייט און מיט זיין גייסטיקער פאַרטיפונג, געוואָרן גרעסער און טיפער, אמתער, דאָס הייסט, מער „יידישער". ווער האָט געקאָנט קלאָגן אויף זיין פאָלקס יסורים מער פון אים? ווער האָט געקאָנט האָפן און קעמפן אַזוי ווי ער?

הערצלס וויזיע

איבער די תהומות פון יאוש, איבער דעם ים פון טרערן און בלוט, איבער די ווייַנענדיקע ווערבעס אַרום די בית־עלמינס, הייבט זיך שטאָלץ דער גייסט פון דער נאַציע, וועלכער וואַרט אויף אויפלעבונג.

זע, דער קבר איז נאָך נישט פאַרשאָטן! די ערדשטיקלעך, דורכגעזאַפטע מיטן בלוט פון קדושים אָן אַ שיעור און אָן אַ סוף, פאַלן אַריין אין קבר, אָבער קאָנען אים נישט פול מאַכן. די קבר־דעק רירט זיך און באַוועגט זיך, ווי ס'וואָלט קלאַפן אונטער איר דאָס ליבנדיקע און ציטערנדיקע הארץ פונעם ריז.

הערצלס נשמה, מיט פולן טרויער, האָט אַרויסגעבראַכט ווי פונעם קבר די גליענדיקע ארץ־ישראל־וויזיע, די איינגעהילטע אינעם לעבנס־פורפור, די וויזיע פון אַ היימלאַנד און אַן אַנטרינונגס־פלאַץ פון פרידן און מנוחה. ס'האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע קברים אַלע, די אַלע געפאַלענע ביי די ווענט פון ציון, די אַלע וואָס האָבן געזייט אין די יהודה־בערג. ס'זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים די שופטים, מלכים, נביאים — און זיי פאַרויס שפּרייזט אין גאַרער גרויס און פּראַכט דער גייסט פונעם פאָלק.

דערפאַר ווייל הערצל האָט דאָס געזען, דערפאַר ווייל ער האָט דאָס געפילט, דערפאַר ווייל ס'האָט אים צוגעלויכטן די ווייטע געטלעכע שיין, דערום האָט הערצל געקאָנט שרייבן און פאַרטראָגן וועגן ציוניזם אַזוי, ווי ער האָט געשריבן און פאַרגעטראָגן. דען אַ נביא פון אונדזער צייט איז געווען דער מאַן. אָבער הערצל האָט דאָס נישט באַטראַכט ווי דיכטונג און נבואה. דאָס איז געווען דאָס לעבן אין זיין שלמות.

דער יידישער נאַציאָנאַליזם

צי איז הערצל געווען אַ נאַציאָנאַליסט? די אַסימילאַטאָרן וואַרפן זיך אַרויף אויף ווערטער און מליצות און באַנוצן זיך מיט דער ענלעכקייט, וואָס ס'איז אין פלוג פאַראַן צווישן דעם יידישן געדאַנק פון נאַציאָנאַליזם און דעם נאַציאָנאַליזם פון אַנדערע פעלקער, ס'הייסט זיי באַמיען זיך אויסצומישן די גערעכטע און באַשיידענע מענטשלעכע שטרעבונג פון אַן אַלט קליין פאָלק, וואָס גייט אויס אין זיינע יסורים, מיט יענער תאַוותדיקייט פון די גראָבע

יונגען, מיט יענעם ווילדן טאַנץ פון שינאה און רויב־תאווה, וואָס הייסט אויפן פּאָליטישן זשאַרגאָן „נאַציאָנאַליזם" משטיינס געזאָגט. מיר קאָנען זיך נישט פאָרשטעלן קיין שרעקלעכערן און בייסנדיקערן שפּאָט, ווי דאָס צונויפמישן אָט די שטרעבונגען.

הערצלס געדאַנק פון נאַציאָנאַליזם איז געקומען אַריינצופּאַסן די ייִדן־פראַגע אין דער ראַם פונעם אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ. זיין שטרעבונג איז געווען פרייע און רויִקע אַרבעט פונעם ייִדישן פאָלק אין פולשטענדיקער איינשטימיקייט מיט די איבעריקע פעלקער און האָט ביי האָט מיט זיי. ער איז געווען אַן אָנהענגער פון ענדעמיזם, און האָט געזען דאָס גליק ווי אַן אידעלע באַנוצונג אין לעבן, ווי אַ רעזולטאַט פון פליכט־דערפילונג מחמת ליבשאַפט. זיין נאַציאָנאַלער אידעאַליזם, אָט ווי פון די אַנדערע ציוניסטן, איז באַצירט מיט אַ ריינעם מענטשלעכן געפיל, מענטשלעכקייט אין און דרויסן פונעם ייִדישן פאָלק. זיין פּראָגראַם אויף דער צוקונפט איז געווען געבויט אויף די דערהויבנסטע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע הנחות. אין זיינע דרייסטע פאָדערונגען בנוגע דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן בנין האָט פאַראייניקט די דעמאָקראַטיע מיטן שעפערישן כוח פונעם יחיד, די פרייע קאָנקורענץ מיט דער סאָציאַלער פּאָליטיק און מיט די מלוכיש־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. די־אַ געדאַנקען האָבן ביי אים אָפט געפונען אַ קלאָרן אויסדרוק און גאָר אינטערעסאַנטע באַהאַנדלונג.

דער ציוניזם — אַ געדאַנקען־סיסטעם

אין דער אמתן, ווען מיר קומען רעדן וועגן הערצלען, דאַרפן מיר פאַרגעסן דאָס אַלץ וואָס איז געווען צופעליק און צייטווייליק אין זיין לעבן; מיר דאַרפן זיך בוקן צו דער ערד פאַר דעם אַנטפּלעקן אָט די קדושה פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס הערצל האָט איר בלויז געדינט פאַר אַ סימבאָל. איך חזר איבער מיט אַנדערע ווערטער: הערצל איז געווען דער העראָלד, וואָס די פאָלקס־נשמה האָט אים גערופן מבשר צו זיין איר גרויסקייט, כוח און ווילן. וואָרעם וואָס איז דער ציוניזם? פאָרשטענדלעך, אַז ער איז בעצם און אין ציל — ארץ־ישראל, אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער אויך דער אויסדרוק פון גאָר דעם טיפן, דעם מעכטיקן און וויטאַלן, וואָס ס'איז פאַראַן אין ייִדנטום אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז די שיטה פון געדאַנק און געפיל, וועלכע דערמעגלעכט אויך דעם ייִדן, וואָס איז אַזוי געפאַלן אין זיין גלות, זיך צו באַפרייען פון זיין אינערלעכער קנעכטשאַפט דורך דער גייסטיקייט פון זיינע אָנשטרענגונגען און העלדנטאַטן. ווייל הערצל קאָן זיך זיך באַנוצן מיט אַזאַ ברייטער האַנט מיט יענע אַלע אוצרות, וואָס האָבן זיך

אָנגעזאַמלט אין דער פאָלקס־נשמה אין משך פון טויזנטער יאָרן: פלאַמיקע געפילן, זעלבסטדערקענטעניש, בטחון, זכרונות, וואָס דערוואָרעמען דאָס האַרץ, וועלכע גייען אויף ווי פייערצונגען פון די טיפעגישן פון דער נשמה, נצחון־אויסרופן פונעם גייסט, שטרעבונגען, וועלכע שטורעמען אינעם האַרץ פונעם פאָלק, ווי אַ דונערהילך, אָדער גיסן זיך אויס, מיט אַ רויקן אויפשטייג צום הימל, צו די אין־סוף־מרחקים, אָדער קערן צוריק און כאַפּן אַרום דעם מוח מיט אַ שטורעם און טונקען אונטער די וויזיעס, וואָס זענען אין אים פאַרבאָרגן פון לאַנג, אין אַ ים פון ליכט, און בלאָזן אַריין אין זיי אַ לעבנסאָטעם, און באַקליידן זיי מיט לייב, צו זיין נייע שאַפונגען, פולע מיט שיינקייט און נייע כוחות.

דער יידישער פּאַטאָס, וואָס איז אונדז אַזוי נייטיק, דער ווילן און דאָס אויסלייזנדיקע, באַגייסטערנדיקע וואָרט; משה רבינוס פּנים, וואָס שטראַלט מיט לויטער ליכט; די גליענדיקע קויל אין ישעיהס מויל; דער גאָלדענער פידל אין דודס הענט; די רופן פון מתתיהו דעם חשמונאי; די קלאַנגען פון יהודה הלויס ציון־געזאַנגען, יאָ דער שם־המפורש, וואָס דער מהר״ל פון פּראָג האָט אַריינגעלייגט אין מויל פונעם גולם — רופט מיר בעל־חלומות, אויב איר ווילט — אָבער איך חזר איבער מיינע רייד, אַז דערין שטעקט אונדזער כוח, און אָן דעם זענען מיר עפר־ואפר.

קיין זאַך איז מיר נישט אַזוי דערווידער ווי דער פּערזאָנען־קולט, אָבער אונדזער קולט איז נישט קיין פּערזענלעכער, דאָס איז דער קולט פון דער פאָלקס־נשמה. אויף הערצלען האָב איך תמיד געקוקט נישט ווי אויף אַ פּער־זענלעכקייט, נאָר ווי אויף דער פאַרווירקלעכטער גרויסקייט פון אַ זאַך אַ נישט־פּערזענלעכע, ווי אויפן אינסטרומענט פון דעם כוח, וואָס האָט אונדז אַלע אַרומגעכאַפּט און גענומען געפאַנגען מיט דער מאַכט פון זיין כישוף.

די קאָנגרעס־מיטגלידער

דאָס איז געווען דער גייסט, וואָס האָט אויסגעפילט דעם ערשטן קאָנגרעס. אָבער דערמיט איז נאָך נישט אַלץ געזאָגט געוואָרן וועגן דעם קאָנגרעס. מע דאַרף אָנווייזן אויף נאָך איינעם זיינעם אַ ספּעציעלן שטריך. לויט מיין מיינונג איז דער דאָזיקער קאָנגרעס געווען אין דער בחינה פון אַן איבער־קערעניש. ער האָט זיך געגרייסט צו זיין אַ פאַרשטייער פונעם יידנטום, בעת אין דער אמתן איז נישט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע געשטאַנען הינטער אים. ער האָט נישט געהאַט קיין שום באַפולמעכטיקונג אויסער זיין אייגענע. ער איז נישט געווען די פּרוכט, נייערט דער וואָרצל פון אַלץ. ער איז געווען אַן אומגעזעצלעכער, ווייל ער האָט ערשט באַדאַרפט שאַפן דאָס געזעץ. ער

איז נישט געווען אָרגאַניזירט, ווייל ער האָט ערשט געדאַרפט שאַפן די אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ געוואָלטאָקט פון אַ געוויסער צאָל יידן, וועלכע האָבן אויף זיך גענומען די פליכט צו שאַפן עפּעס־וואָס נייס. און דאָס איז דער סוד פון דער גרויסקייט פונעם קאָנגרעס.

איך זע נאָך קלאָר פאַר מיינע אויגן אָט די אויסטערלישע, פילקאָליריקע פאַרזאַמלונג. רבנים און פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים און אינזשענירן, שרייבער און אַדוואָקאַטן, מאַטעמאַטיקער, כימיקער, באַנקירן, סוחרים, גאַסנהענדלערס, סטודענטן, לאַנדווירטשאַפטלער, בוכהאַלטערן, באַאַמטע, — פון יעדער פּראָפעסיע און פאַך אין דער וועלט. אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיסטן, מעסיקע, חסידים, רעפאָרמאַטאָרן, אויפגעקלערטע, אַשכנזים, ספרדים, גאַליציאַנער שטריימלען און פאַריזער צילינדערס, מטיפים פון דייטשלאַנד און ראָש־ישיבות פון ליטע, פינאַנסיסטן און סאָציאַליסטן, פילאַנטראָפּן און אָרעמע סטודענטן, פון די פּוילישע סטעפּעס און פון די בערג פון שווייצאַריע, פון די ווילנער געטאָס און די ווינער קרייזן, מענטשן, וואָס רעדן רוסיש, פּויליש, דייטש, ענגליש, פראַנצייזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, מאַדיאַריש, אַראַביש, האָלענדיש, בולגאַריש, סערביש, דעניש, העברעיש און יידיש, — אַלע זענען געקומען אַהער פאַראייניקט מיט איין ווילן, טראָגן איין פאָן. מיט אַ מאָל האָבן אַלע פאַרגעסן די חלוקי־דעות צווישן זיי, די אַלע קליינלעכע אָרטיקע פראַגן, אַלע זייערע פּריוואַטע זאָרגן, און עס קלאַפּט אין זיי איין גייסט, זיך אָפּצוגעבן צו איין גרויס ווערק, און זיי דעבאַטירן, באַהאַנדלען, אורטיילן מיט אַזאַ התלהבות און זיכערקייט, גלייך ווי די דאָזיקע פראַגע וועגן דעם היימלאַנד פון דער נאַציע איז תמיד געווען די נאָענסטע לעבנס־פראַגע פאַר יעדן פון זיי.

דאָס איז געווען אַ גרויסער מאָמענט אין אונדזער געשיכטע, דער נצחון פונעם גלויבן, ביים אויפהייבן דעם פאַרהאַנג פון דורות — און דאָס באַוווּנדערנדיקע פאָלק זעט פאַר זיך דעם גלאַנץ פון זיין אייגענעם שטאָלץ. דער גייסט, וואָס באַפרייט פון פּחדים און ספקות, וואָס גייט אַרויס פונעם צעטומלעניש פון ביטערע זאָרגן, האָט אַרויפגעשטיגן צו צו די הייכן און סוף־כל־סוף אָנגעהויבן הערשן אַליין.

די חשיבות פון געדענקטאָג און אונדזערע האָפענונגען

דאָס איז — דער זכרון פונעם ברענענדיקן סנה אין מידבר, מיט זיינע זאַמד און שטיינער, מיט זיינע רויטע היגלען און דעם ברען פון דער גליענדיקער זון. ווען דער צווייפל קומט מיך פייניקן, באַמי איך זיך אויפצולעבן

אין מיין האַרצן דאָס געדעכעניש פון יענע ווונדערלעכע טעג. און ווידער זע איך דעם סנה, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרצערט און ווידער הער איך די ערשטע שטים אויפן באַזעלער קאָנגרעס, — ווידער הער איך ווי ס'ווערט איבערגעחזרט די שבועה: „אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים!...” און איר פייערלעכן קלאַנג צווישן די ווענט פון דער באַזעלער קאַסינאָ, בעת אַרום איז גלות און גלייכגילטיקייט, — און באַלד נעם איך זיך אָן מיט מער ענערגיע און זעץ פאָר מיין אַרבעט ווי פריִער. ווען עס ווערט צו נישט איינע פון מיינע האָפענונגען, דאַרף איך נישט מער ווי אומקערן זיך אין שוים פון יענע טעג, און ווידער באַפּאַלט מיך די כוואַליע פון אידעאַליזם אין דעם מידבר פון ירידה און נאַציאָנאַלער אומבאַהאָלפנקייט.

פינף און צוואַנציק יאָר!* ס'איז מיר שווער עס צו באַגרייפן. אָט דאָס רעטעניש ווער וועט עס מיר באַשיידן? ווי איז דאָס געשען, וואָס אין איין רגע האָבן זיך אונדזערע שטרעבונגען אָ הייב געטאָן אין דער הייך, האָבן זיך פאַרברייטערט אונדזערע געדאַנקען, פאַרטיפט אונדזערע געפילן, אונדזער גלויבן האָט זיך געשטאַרקט, אונדזערע ליידנשאַפטן האָבן זיך געלייטערט, אונדזער ווילן האָט זיך אָנגענומען מיט קראַפט, און אַלע אונדזערע איבערלע־בענישן זענען אויפגעקומען צו אַ נייַ לעבן, דורכגעדרונגען מיט איין גרויסן געדאַנק? און ווי איז דאָס געשען, וואָס אַ הייפל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלקסמאַסע, התלהבות פון יחידים — אין אַן אָרגאַניזאַציע און מעכטיקן כוח אין דעם יידישן געדאַנק און אינעם לעבן פונעם פאָלק? אָבער מיר זעען דעם פאַקט. אַ נס איז געשען, אין אונדזער דור איז געשען דער וווּנדער.

צי דאָס קומענדיקע מאָל וועט אונדז נישט צום מאַטערהאָרן און נישט צום באַזעלער קאָנגרעס, נאָר גלייך קיין ארץ־ישראל פירן אונדזער וועג? און צי וועט נישט דערשיינען פאַר אונדזערע אויגן די פּראַכט פונעם כרמל, היינט אַ פאַרהילטער אין וואָלקנס?

„הראני את כבודך! — ”באַוויַיז מיר דיין פּראַכט!

(לאָנדאָן)

* דאָס איז געשריבן געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר נאָכן ערשטן קאָנגרעס, אין „ספר הקונגרס”, וואָס איז דערשינען אין יאָר תרפ״ג אונטער דער רעדאַקציע פון ל. יפה.

צי קאָן ארץ־ישראל לייזן די יידן־פּראַגע?*

דער נוסח פון דער פראַגע איז גרונטאויס אַ טעות. צי דען איז פאַראַן אַ וועלכער אַקסיאָם, אָדער אַ פּראַגמאַטישער מוסטער, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט די אָנשויונג, אַז דער ציוניזם איז „די פולשטענדיקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע״? אמת, איך אַליין — מיין אַזוי; און ס׳איז אויך ריכטיק, אַז איין מאָל האָט זיך אַזאַ וואָרט אַרויסגעכאַפּט פון הערצלס מויל, אָבער קיינער האָט עס נישט פאָרגעלייגט אַלס אַ פּרינציפּ, וואָס מ׳איז מחוייב אין אים

* אין „התקופה״, כ״ח (תל אָביב, תרצ״ו, ז׳ 235—236) האָט י. כ. (דער משורר יעקב כהן, רעדאַקטאָר פון „התקופה״) פאַרעפנטלעכט אַ מין „אַנקעטע״ וועגן דעם ענין: „צי קאָן ארץ־ישראל לייזן די יידן־פראַגע״. אין דער דערקלערונג צו דער אַנקעטע גיט צו דער משורר: „אמת, אַז מיינסטן טייל שלינגט מען אַראָפּ די פראַגע, אַקצענטירנדיק די זייער גרויסע ווערט פון ארץ־ישראל פאַר דער אויפלעבונג פונעם פאָלק, פאַר זיין עקאָנאָמישער געזונטמאַכונג און זיין פּאָליטישער אויפשטעלונג. און מע רעדט נישט און באַהאַנדלט נישט וועגן דעם עיקר: אויף וויפל קאָנען אָט די אַלע זאַכן ברענגען די פאַרהאָפטע גאולה פאַרן גאַנצן פאָלק אין זיינע הונדערטער, צענערטויזנטער היינט און אין דער נאָענטער צוקונפט; אויף וויפל קאָנען די אַלע זאַכן געבן די פולשטענדיקע לייזונג פון דער פראַגע פון די יידן, צעשפּרייטע איבער דער גאָרער וועלט? — — — די־אָ פראַגע מאָנט איר ראַדיקאַלע לייזונג, און דער ציוניזם גרייסט זיך דאָך צו געבן די דאָזיקע לייזונג — איז ווו איז זי? פאַר וואָס רעדט מען נישט קיין קלאָרע דיבורים וועגן אַזאַ וויכטיקער און יסודיקער זאַך? און זאָל מען נישט זאָגן: מיר שטייען ערשט ביים אָנהייב פון אונדזער ווערק, און קאָנען נישט, ווי רעאַלע פּאָליטיקער, זיך פאַרנעמען מיט פראַגעס, וואָס זענען נוגע דער ענדע פונעם ווערק. קיינער פאָדערט נישט פון די רעאַלע פּאָליטיקער און פון אַלע אַנדערע פּראַקטישע מענער, זיי זאָלן די דאָזיקע זאַך אַריינפירן אינעם פּראָגראַם פון זייער נאָענטער טעטיקייט; אָבער פאַר זיי אַליין, און פאַר אונדז און אונדז אַלע, דאַרף דאָך די פראַגע זיין אַ קלאָרע: צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו לייזן די יידן־פראַגע אין איר גאַנצן אַרומנעם אין ארץ־ישראל? צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן אַזאַ מעגלעכקייט אין דער נאָענטער צוקונפט? יאָ, אָדער נישט?״

סאָקאָלאָווס ענטפער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „התקופה״ כ״ט (תרצ״ו, ז׳ 205—211). די דאַטע, וואָס געפינט זיך צום סוף פונעם ענטפער (כ״ז מרחשון התרצ״ו), ווייזט, אַז דאָס איז איינס פון סאָקאָלאָווס לעצטע זאַכן.

צו גלייבן, צו דערווייזן זיין אמת מיט אותות־ומופתים, און ווער ס'גלייבט נישט אין אים, איז אַן „אַפּיקורס", ווי, צום ביישפּיל, דעם פּרינציפּ, אַז מיר זענען אַ פאָלק, און אַז מיר דאַרפן זיך באַנייען צו לעבן אַ נאָרמאַל פאָלקסלעבן, און אַז דאָס באַשטימטע אָרט דערצו, איז — ארץ־ישראל. אָט די לעצטע זאַכן זענען קלאָרע פּרינציפּן, מחיצות, וואָס טיילן פאַנאַנדער אונדז פון אונדזערע קעגנער; אָבער ווי ס'זועט געלייזט ווערן „די ייִדן־פראַגע" אינעם גאַנצן גלות דורכן ציוניסטישן געדאַנק אָדער ווערק — דאָס, זאָג איך נישט, אַז מיר האָבן וועגן דעם נישט געטראַכט, אָדער מיר זענען זיך דערפון מסיח־דעת, מיר האָבן וועגן דעם מיינונגען און היפּאָטעזן, אָנשויונגען און האָפענונגען; אָבער מיר זענען נאָך ווייט פון פעסטשטעלן פּרינציפּן אויף דעם שטח; נישט צוליב צווייפל און וואַקלדיקייט, נאָר צוליב דער אומבאַשטימטקייט און פילדייטיקייט פונעם פראַגע־נוסח אַליין.

כדי צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָט מען ראשית־כל געדאַרפט קלאָר מאַכן וואָס מיינט עס דער טערמין „ייִדן־פראַגע". איך בין זיכער, אַז ס'זענען פאַראַן אַ סך, וואָס מיינען דערמיט די פּאָגראָמען וואָס ווערן אויף אונדז געמאַכט אין איינעם לענדער, וועט אויב אַזוי זיין די פראַגע: צי נאָך דער פולשטענדיקער רעאַליזירונג פון דער ציוניסטישער שטרעבונג אין ארץ־ישראל, איז פאַראַן אַ ריכטיקער יסוד פאַר דער אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז די גויים וועלן קיין פּאָגראָמען נישט מאַכן, אָדער — (לאָמיר די זאַך אויסברייטערן), צי וועלן זיי נישט ארויסגעבן קיין גזירות פון רויב און פאַרוויסטונג קעגן אונדזערע ברידער אין דעם, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד?

נאָר ווער ס'איז לייכטזיניק, וועט זיך דערוועגן צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע, אויף אַ דאָגמאַטישן אופן, מיט אַ יאָ, אָדער מיט אַ ניין, — ווייל די לייזונג פון אָט־דער פראַגע ליגט נישט אין אונדזערע הענט, נאָר אין די הענט פון די גויים, און ווייל דאָס איז נישט קיין לאָגישע פראַגע, נאָר אַ זייער דין־פּסיכאָלאָגישע, און ס'איז אין איר פאַראַן אַ סך פון נעוואָראַסטעניע; און איך צווייפל, צי אַפילו פרויד און זיינע נאָכגייער וועלן קאָנען געהעריק ענטפערן אויף אַזאַ פּסיכאָ־אַנאַליטישע פראַגע, בנוגע דער גויישער באַפעלקערונג; זיי וועלן קאָנען, אויב ס'וועט זיך זיי גלוסטן, באַשענקען אונדז מיט קייטן דייטשישע ווערטער, געבונדענע אויפן פּרעכטיקסטן אופן אין אַ וויסנשאַפטלעכן סטיל; אָבער זאָגן פאָרויס קלאָר די ריכטונג פון דער פּסיכאָלאָגישער אַנטוויקלונג פון דער גויישער מאַסע אין היטלערס לאַגער, אָדער אין אַן ענלעכן לאַגער: צי זיי וועלן מאַכן פּאָגראָמען אויף ייִדן, וואָס וועלן איבערבלייבן אין זייער לאַנד, אָדער נישט? — דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס הענגט אָפּ מער פון פּסיכאָפּאַטיע, איידער פון פּסיכאָלאָגיע; און ווער פון

אונדז קאָן געבן אַ תשובה אויף אַזאַ פּראַגע, אויפן חשבון פון די גוייִם ? זאָלן זיי ענטפערן, אויב זיי קאָנען, — איך האָב מורא, אַז אויך זיי קאָנען נישט.

ס'איז פאַראַן אַ טיפערע אויפפאַסונג פון דער דאָזיקער פּראַגע, נעמלעך: צי וועט אייביק אָנגיין די שינאה צו די ייִדן (וואָס זי איז די סיבה פון די פּאָגראָמען און פאַרפאָלגונגען), נאָך דער פאַרווירקלעכונג פונעם ציוניסטישן געדאַנק? איך פאַר זיך אַליין, האָב אין מיין פּריוואַטע מיינונג אין דעם ענין תמיד נוטה געווען צו פּעסימיזם. האָב איך דאָך מיט מער ווי פופציק יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט מיין בוך וועגן דער ייִדן־פּראַגע און אים אַ נאָמען געגעבן: „אייביקער האַס צום אייביקן פאָלק״ — אַ נאָמען, וואָס אַנטהאַלט אַ גאַנצע וועלט־אַנשויונג. אויפן דאָזיקן שטאַנדפּונקט שטיי איך זינט דעמאָלט ביז היינט. דער האַס צו די ייִדן האָט זיין מקור אין געפילן, באַדערפענישן, געשעפטן, ירושה פון עלטערן, קאָנווענציאָנעלע שקרים, דערציִונג און געוווינהייט; ביי אַ סך — אין האַרצפאַרדרוסן, וואָס נעמען זיך פון רעליגיע; און ביי נאָך אַ סך מערער — אין קינאה און קאָנקורענץ אויף די געביטן פון בילדונג, האַנטווערק, מיסחר, אין פאַרכאַפּן דעם צווייטנס פּלאַץ און צונעמען זיין חיונה, און ביי נאָך אַ סך אַנדערע — אין ראַסנהאַס, אַ טיף־טיף פאַרוואָרצלטן, ווי אַ מין נאַטירלעכע אידיאָסינקראַסיע, וועלכע נייטיקט זיך נישט אין קיין שום מאָטיווירונג, אַזוי אַז ווען ס'וועט בטל ווערן איינע פון די טויזנט סיבות, בלייבן נאָך איבער 999, וואָס קלעקן די־והותר אויף אייביקער שינאה; און ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר שמועסן וועגן „אייביק״ אין טראַדיציאָנעלן זין: פינף טויזנט זעקס הונדערט זינט דער וועלטבאַשאַפונג, און נישט אין קאָסמישן זין, וואָס אַ טאָג ביים אייבערשטן אין וועלטשאַפן איז געווען אפשר טויזנטער יאָרן.

נביאות צו זאָגן וועגן דעם וואָס וועט זיין, אַפילו אין אונדזער קליינער כראָנאָלאָגיע, אינעם ענין פון שינאה צו ייִדן, אָדער אין ענין פון די ראַסן־קעגנזאַצן, אָדער אין ענין פון די מלחמות, אָדער די קעגנזעצלעכע מיינונגען, אָדער, בכלל, די מעטאַפיזישע רעליגיעזיטעט און וויסנשאַפטלעכן ראַציאָנאַליזם, — לאָז איך איבער פאַר בעלאַמין און וואַלאַסן *). אָט די אַלע נביאותן זענען נישט מער ווי פאַנטאַזיע־שפּילערייען. אויף אַ לאָגישן אופן איז נישט פאַראַן קיין שטיצפּונקט פאַר אָט די נבואותן אויסער דער פאַרגאַנגענהייט, דאָס מיינט צו זאָגן, מע קאָן בלויז פאַרגלייכנדיק אָראָפּלערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט אויף דער צוקונפט; און דאָס איז דאָס שוואַכע אָרט אין חקירות פון דעם מין, ווייל ס'איז זייער מעגלעך, אַז די צוקונפט וועט באַ־

* ה. ג. וואַלאַס און עדוואַרד בעלאַמי, אויטאָרן פון באַקאַנטע אוטאָפּיעס.

שאַפן נייע כוחות און שטרעמונגען, וואָס זייער גלייכן איז אין דער פאַר־גאַנגענהייט נישט געווען, איז ווען אַט דער יסוד פון אַנאַלאָגיע פאַלט אָפּ — צעטרייסלט זיך דער גאַנצער בנין.

הערצל האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אַט דער מעטאַפּיזיק פון גריבלען זיך און טרייבערן: וואָס וועט זיין דער גורל פון דער מערהייט יידן, אָדער אַ ביסל, וואָס וועלן איבערבלייבן, אויב זיי וועלן איבערבלייבן, אין גלות: צי וועלן זיי די גוים ווייטער פאַרפאַלגן, אָדער נישט, צי וועלן זיי ווייטער זיי האָסן, אָדער נישט? ער איז אויך ווייט געווען פון דער אַפּאָלאָגעטיק־טענדענץ, וועלכע איז, אין דער אמתן, דער מקור פון אַט אַזעלכע חקירות אינעם אונטערבאַוווסטזיין. ער האָט באַהאַנדלט דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אַ פאַקט, ווי מענטשן דריקן זיך אויס „אַ קשיה אויף אַ מעשה?", אַזוי איז עס און מיר מוזן זיך באַשליסן צו זוכן אַן אויסוועג! דער נבואה־גייסט, וואָס איז אין אים בלתי־ספק געווען, האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אינעם געפלאָנטער פון חקירות וועגן „די פאַרבלייבענע יידן", און וואָס וועט זיין מיט זיי, און צי די אַנטיסעמיטן וועלן זיי ווייטער האָסן, אָדער נישט? ער האָט בלויז געזען, מיט זייער גרויסער קלאָרקייט, די שפּראָצן פון דער אַנטיסעמיטיזם־אַנטוויקלונג. ער האָט דערשפּירט, אַז היטלער האַלט אין קומען; און אַלע זיינע באַטראַכטונגען און שטרעבונגען, סיי פאַרן ערשטן קאָנגרעס אין זיין בוך „די יידישע מדינה" (וועלכע איז געווען בעיקר אַ נאַציאָנאַל־טעריטאָריאַלע, און נישט ארץ־ישראלדיקע), סיי נאָכן קאָנגרעס, אינעם באַזעלער פּראָגראַם, — האָבן זיך מצמצם געווען אין באַמיונגען צוצוגרייטן דאָס לאַנד, אָן קיין שום אַכט לייגן אויף דער סטאַטיסטיק, וויפל דאָס לאַנד וועט קאָנען אַבסאָרבירן, און אין וואָס פאַר אַ גרענעצן, שוין אָפּגערעדט פון נעמען אין אַכט יידן, וואָס וועלן איבערבלייבן אין חוץ־לארץ. — נישט אַז ער האָט ווייניקער פון יעדן איינעם פון אונדז געליטן, זיך געזאָרגט און געוויייטיקט מיט אַ צעריסן און פאַרקלעמט הארץ בנוגע די „איבערגעבליבענע יידן", נאָר ער האָט נישט דערלאָזט, אַז די דאָזיקע פּראַגע זאָל אים צעמישן די געדאַנקען און אָפּציִען זיין אויפמערקזאַמקייט פון זיין עיקרדיקן ציל.

איך געדענק, אַז אפילו קעשעניעוו האָט בשעתה נישט געמאַכט אויף אים קיין רושם. מיר אַלע געפּרוווטע אין צרות, זענען פון דעסטוועגן געווען איבערראַשט פון די רציחות אין קעשעניעוו. יעדער איינער פון אונדז איז „אַרויס פון די כלים" — צי דען דאַרף איך דערמאָנען ביאַליקן ז"ל, אין דער זעלבער צייט איז הערצל כלל נישט געווען איבערראַשט. איך בין זיכער, אַז ווען ער וואָלט היינט געלעבט מיט אונדז, וואָלט ער אויך נישט איבערראַשט געווען פון היטלערן. אַט־די אַנטוויקלונג, מיט איר גאַנצער אויסגעלאַסנקייט

און ווילדקייט, האָט אים אויסגעזען ווי אַ נויטוועגדיקער און זעלבסטפאַר־שטענדלעכער רעזולטאַט פון דעם הערשנדיקן מצב. ווען איך האָב אים גע־שריבן, ממש פונעם בלוט און פייער פון קעשעניעוו, פּראָטעסטן און געוויין און געקלאָג, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מע דאַרף דאָרט גרינדן אַ ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען דער מיך־גייט־עס־נישט־אָן פון אַ דערהויבענעם קנאי, „דאָס פּרעכטיקע אַליינזיין" אין איין־און־איינציקער שטרעבונג, פון טיפער דערקענטעניש, אַז קיין שום זאַך אויסער איר וועט נישט העלפן.

פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ גלייכגילטיקייט בנוגע אַ קאַטאַסטראָפע אין דער קעגנוואַרט, איז אַוודאי הונדערט מאָל גרעסער בנוגע אַ גריבלעריש־ספּעקו־לאַטיווע פראַגע, צי סע וועט זיין „קעשעניעוו" — נאָך ציוניסטישער פאַר־ווירקלעכונג, אָדער נישט? צי די קעשעניעווער וועלן אונדז האַסן ווי אַמאָל, אָדער נישט? אויף וויפל איך בין באַהאַוונט אין הערצלס שיטה, אין זיין געדאַנקען־גאַנג און אין זיין ליטעראַרישן געשמאַק, ווען ער וואָלט געלעבט מיט אונדז, און עמעץ וואָלט זיך צו אים געוואַנדן און געפרעגט אָט די פראַגע, וואָלט ער אין זיין ערלעכקייט געענטפערט: „איך האָף, אַז מע וועט נישט מאַכן קיין פּאָגראָמען, אַז מע וועט נישט האַסן און אַזוי ווייטער, אָבער איך ווייס נישט".

נעענטער צו דער דאָזיקער פראַגע איז געווען הערצלס אויסגעצייכנטער קאָלעגע, מאַקס נאָרדוי. איך געדענק נישט גענוי, אין וועלכן אַרטיקל, אָדער צופעליקן פאָרטראָג (די עיקרדיקע פּאָרטראָגן געדענק איך אין גאַנצן) ער האָט געזאָגט, אַז די ייִדן, וועלכע וועלן איבערבלייבן אין גלות, וועלן זיך אַלע אַסימילירן, און אַזוי אַרום וועט געלייזט ווערן די ייִדן־פראַגע. פון שמועסן מיט נאָרדויען קאָן איך באַשטעטיקן, אַז אַזוי איז געווען זיין מיינונג; אָבער ער האָט נישט קלאָר אַרויסגעזאָגט, צי אָט די אַסימילאַציע — איז דער טייטש שמד; און צי ער איז געווען זיכער, אַז נאָכן שמד וועט מען די משומדים נישט רודפן און האַסן ווי אַמאָל אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אויך ער האָט אין „פּרדס נישט אַריינגעבליקט".

„מע פרעגט נישט אָפּ דעם לייב נאָך זיין טויט". איך האָב פאַר נאָרדויען די העכסטע אַכפּערונג, אָבער מיין מיינונג איז אַן אַנדערע ווי זיינע צוליב צוויי מאָטיוון: א) מיר טאָרן נישט מוותר זיין אַפילו אויף איין ייִדישן נפש, און דער ביטול לגבי די „איבערגעבליבענע ייִדן" איז אין מיינע אויגן אַן אומ־נאַציאָנאַלע באַציִונג. מיר זענען מחוייב זיך צו פאַרנעמען מיט די „איבער־געבליבענע ייִדן", זוכן עצות בנוגע זיי און זיך באַמיען זיי אויפצומונטערן און ראַטעווען, נישט ווייניקער ווי בנוגע אונדזערע ברידער, וועלכע האָבן

שוין דערגרייכט זייער ציל, אָדער אַ טייל פון זייער ציל אין ארץ־ישראל, ווייל מיר זענען אַלע איין פאָלק און „די פאַרשטויסענע פון ישראל וועט ער אויפ־קלייבן״; ב) דער גאַנצער ענין פון אַסימילאַציע לויט נאָרדויען, אין זיין היסטאָרישן פאָרטראַג און אין אַ סך פון זיינע מאמרים, האָט אָט דעם געלערנטן אויסגעזען ווי אַ ייִדישער ענין. אָבער די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן אין דייטשלאַנד האָבן דערוויזן, אַז נאָרדויס השקפה איז געווען אַ זייער איינזייטיקע. די קעגנערשאַפט צו אַסימילאַציע מצד די גוים איז מער אַב־סאָלוט און קאָנסעקווענט איידער די נטיה פון די ייִדן זיך צו אַסימילירן, און קיינער וועט נישט זאָגן איצטער, אַז די „איבערגעבליבענע ייִדן״ וועלן זיך אַסימילירן און אַ סוף צו דער זאַך. דאָס איז נישט אָפּהענגיק פון זיי — זאָל גאָטס נאָמען געבענטשט זיין, וואָס די זאַך איז נישט אָפּהענגיק פון זיי! שטעלט אייך פאָר, וואָס פאַר אַ לאַגע ס'וואָלט זיך געשאַפן, ווען היטלער וואָלט געגעבן די דייטשישע ייִדן די ברירה — זיך צו אַסימילירן, אָדער זיך פאַרקנעכטן צו די אַלע גזירות און אַרויסגעטריבן ווערן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן פון לאַנד! ייִדן זענען הייליקע, און ס'וואָלט זיך זיכער גע־פונען אַ געוויסע צאָל נאַציאָנאַלע, אָדער רעליגיעזע ייִדן, וועלכע וואָלטן אויסגעוויילט אַ נאַציאָנאַל, אָדער רעליגיעז לעבן, איידער דעם גאָרן דייט־שישן „סיר־הבשר״; אָבער וויפל!

נימצא, אַז אויך די לייזונג, וואָס געהער נאָרדויען, איז קיין לייזונג נישט; און אַז פון דער זייט קאָן מען נישט באַשליסן, אַז די ייִדן־פראַגע זאָל זיך אַ ריר טאָן פון אָרט דורך אַסימילאַציע. דער גאַנצער שרעקלעכער קריזיס אין דייטשלאַנד, אויף וויפל ער איז אַ קריזיס אין דער ייִדישער לאַגע, איז דאָך מערער אַ קריזיס אין דער באַציונג פון דייטשישן פאָלק און זיין איצ־טיקער רעגירונג צו דער שיטה און דעם פאַקט פון אַסימילאַציע.

און ווי קאָן אַפילו אַ נביא פאָרויסזען, נישט נאָר צי וועט זיך באַנייען, אָדער נישט באַנייען אַזאַ קריזיס פאַר די ייִדן, וואָס וועלן איבערבלייבן אין לאַנד, אין אַ דור, אָדער צוויי דורות אַרום, אויב אַלע חכמים פון מיזרח און מערב און אַלע נביאים פון מיזרח און מערב קאָנען נישט וויסן, צי דער דאָזיקער קריזיס וועט אָנהאַלטן, אָדער אָפּגעשוואַכט ווערן אין אַ יאָר אַרום, אין אַ חודש אַרום? מיר האָבן דאָך צו טאָן מיט אַ ריזיקן געפּלאָנטער פון פאַקטאָרן און כוחות, פאַרוויקלטע אינטערעסן און פאַרטייִשע הינ־טערוועגלעך, אינסטינקטן און לעכצונגען, שטרעבונגען פּאָזיטיווע און נע־גאַטיווע, מעגלעכקייטן פון נצחונות און מפּלות, אויפשטייגן און ירידות סיי אין אויסערלעכע, סיי אין אינערלעכע פאַרהעלטענישן; און אויך מיט יענעם אומבאַוווסטן קוואַנטום געשעענישן, צופאַלן און אַלערליי אומפאָרויסגעזע־

ענע פּלאָגן, אַז, למשל איין מאָל פּרוּווט אַ גרופּע אַרצע־מחוצף־פּנימניקס מאַכן אַ „פּוטש", און זייער מי איז געווען אַרויסגעוואָרפן; און ווייטער — די צייט שפּילט צו אַט אַזאַ פאַרשווערונג, זי פאַרכאַפּט די אַרמיי, דעם פונקען־טעלעגראַף, די פּרעסע, דעם טעלעגראַפן־און טעלעפאָנען־קנופּ, און זי איז דער „אוחז־ביד".

אין אַט דער קנויל איז דאָך פאַרוויקלט און פאַרהילט אויך די ייִדן־פראַגע אין גלות! מע קאָן זי נישט אַרויסבאַפרייען פון די קנופּן און פאַרבינדונגען פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק און דער שטימונג פון מלחמות און וואָס נאָך די מלחמות; און מע קאָן זי נישט אַרויסנעמען פון די פּלאָנטערנישן פון דער עקאָנאָמיע און די אַלגעמיינע גרופּעס, אָפּהענגיקע פון איר. דאָס איז קיין באַזונדערע און גאַנצע איינהייט פאַר זיך אַליין, נייערט אַ חולה פונעם רוקנזייל, אַ רינגל אין אַ קייט. און ווער עס זאָגט נביאות וועגן איר לייזונג, דאַרף, ראשית, נביאות זאָגן וועגן דעם נאַציזם, וועגן דעם באָלשעוויזם, וועגן דעם אונטערגייענדיקן ליבעראַליזם, וועגן דעם זייער זיך פאַרצווייגנדיקן סאָציאַליזם, וועגן די אויסזיכטן פון מלחמה און שלום, וועגן דעם פּרינציפּ פון גלייכע רעכט, וועלכער איז דערגאַנגען צו אַ קריזיס, וועגן דעם מלוכישן סאָציאַליזם, וועלכער גראָבט אונטער דעם עקאָנאָמישן קיום פון אונדזער פאָלק, באַוווּסטזיניק, אָדער אומבאַוווּסטזיניק, אויף אַ פאַטאַלן אופן.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין די אַלע פראַגן, וועט אַ קורצער ענטפער, ווי: „מע וועט האַסן", „מע וועט נישט האַסן", „די ייִדן־פראַגע וועט געלייזט ווערן", „וועט נישט געלייזט ווערן", „נאָך אין פופציק", „נאָך אין הונדערט יאָר", און דעסטגלייכן נביאות, — זיין ענלעך צו די ווערטער פון האַהאַוּוער באַסטראַדאַמוס *, אָדער פון פּיטיען, די אָראַקול־רייד פון די אַלטע גריכן.

נאָך איין געלערנטער האָט באַרירט די דאָזיקע פראַגע אויף אַ פאַרקירצטן אופן און אומדירעקט, דער קלאַסיקער פון חיבת־ציון, ד"ר פּינסקער. ער, ווי אַן אויסגעצייכנטער דאָקטער מער ווי אַ שרייבער, האָט געשטעלט אַ דיאַגנאָז פון דער שינאה צו ייִדן: דער גלויבן אין שדים און רוחות, און די אימה, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן: דעמאָנאָמאַניע. מענטשן זענען מסוגל זיך צו שרעקן פאַר יעדער אומנאַטירלעכער זאַך. די לאַגע פון אונדזער פאָלק איז אומנאַטירלעך דערמיט, וואָס עס האָט נישט קיין אייגן לאַנד און געפינט זיך אומעטום.

דאָס ביכל „אויטאָעמאַנציפּאַציע" איז באמת געשריבן מיט גוטן געשמאַק

* אַן אַסטראָלאָג (1503—1566), וועלכער האָט פאָרגעזאָגט געשעענישן ביז יאָר 3,000 לויט קריסטלעכער צייטרעכענונג.

און מיט לאָגיק, הגם דער דיאַגנאָז איז נישט קיין אָריגינעלער און נישט גענוג באַגרינדעט. אַ סך שרייבער פאַר ד״ר פינסקער האָבן זיך שוין געעסקט מיט דער היפּאָטעזע. אַזאַ זאַך, דאָס צוזאַמענפאַלן פון מיינונגען, טרעפט זייער אָפט, אָבער די צרה איז, וואָס דער־אַ דיאַגנאָז לאָזט זיך אָפּפרעגן. אַפיאַן און טאַציט האָבן געזידלט די יידן, נאָר איידער מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד. די שינאה צו יידן צווישן די געצנדינער, און אויך צווישן זייערע געלערנטע, האָט זיך נישט געשטיצט אויף דער אומנאַטיר־לעכקייט פונעם יידישן לעבן, נייערט אויף זיין נאַטירלעכקייט.

מע קאָן פאַרשטיין דאָס נישט־דערזאָגטע פונעם קלאָר־געזאָגטן, אַז לויט פינסקערס מיינונג, אויב מירן האָבן אַן אייגן לאַנד (אויך פינסקער האָט אין אָנהייב נאָך נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף ארץ־ישראל), וועט אונדזער לעבן ווערן נאַטירלעך, און אַז ס׳וועט זיין נאַטירלעך — וועט אויפהערן די דאָזיקע אימה, און דעמאָלט וועט מען אונדז נישט פיינט האָבן. אויב ס׳איז פון באַרג סיני, וועלן מיר עס אָננעמען, נאָר אויב ס׳איז צום באַהאַנדלען, קאָן מען אָפּפרעגן: די שינאה צו יידן איז נישט אין גאַנצן די אימה פאַר שדים און רוחות; און זי איז נישט אין גאַנצן קיין רעאַקציע קעגן דער אומנאַטירלעכ־קייט פונעם יידישן מצב אויף דער וועלט. ס׳זענען געווען דורות, ווען די עיקר שינאה איז געווען דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם. אָט דער עיקר עקזיס־טירט היינט נישט, און יעדנפאַלס איז ער געוואָרן אָפּגעשוואַכט און אויסגעוועפּט, און די שינאה האָט זיך נישט איבערגענומען. ס׳זענען געווען דורות, ווען מיר האָבן געוועקט שינאה מיט אונדזער העסלעכקייט און שמאָדער אין געטאָ. איז בטל געוואָרן דער געטאָ, און די שינאה האָט זיך נאָך מער געשטאַרקט, און מע וויל באַנייען פאַר אונדז דעם געטאָ. איז דעריבער נישט פאַראַן קיין שום סיבה מצד אָט דער היפּאָטעזע, אַז די שינאה זאָל אויפהערן מיטן פאַרשווינדן פון דער אומנאַטירלעכקייט אין אונדזער לאַגע.

איז דעריבער נישט פאַראַנען קיין איינמאָל־פאַראַלעמאַליקער פסק, נישט פון די גרינדער פונעם ציוניזם, און נישט פון די חובבי־ציון וואָס פאַר זיי בנוגע דער פראַגע, ווי וועט זיין דער מצב פון אונדזערע ברידער, וועלכע וועלן בלייבן אין חוץ־לאָרץ; נישט, אַז זיי גייען אונדז נישט אָן, זיי גייען אונדז שוין דווקא יאָ אָן, נאָר ס׳איז נישט מעגלעך אָנצושטעלן פאַר זיי קיין נביא פאָרויסצוזאָגן זייער צוקונפט צווישן די פעלקער, אַזוי ווי ס׳איז נישט מעגלעך אָנצושטעלן אַ נביא פאַר די פעלקער אַליין, מע זאָל היינט וויסן, וואָס עס וועט זיי פאַסירן, נישט אין די אחרית־הימים, נייערט אין נאָך זעקס חדשים. צי וועט מוסאָליני פאַרטיליקן אַביסיניע? צי וועט דער מלך

פון איטאַליע ווערן דער קייסער פון אַביסיניע, אָדער — דער מלך פון איטאַליע ממש? צי וועט די פעלקער־ליגע האָבן אַ קיום? וואָס וועט זיין דער גורל פון די מינדערהייטן־רעכט? צי וועט דער נייער מיליטאַריזם האָבן אַ קיום? צי וועט דער סאָציאַליזם איינשלינגען די דעמאָקראַטיע, און דער באָלשעוויזם דעם סאָציאַליזם? צי וועט דער אָנגענעמער אינטערנאַציאָנאַליזם גובר זיין דעם דריקנדיקן נאַציאָנאַליזם? און צי וועט די רעאַקציע תמיד האָבן מיט אונדז צו טאָן? זאָמלט מיר צונויף די פרומע, הייליקע פּאָרויסזאָגער, זיי זאָלן געבן אַ קלאָרע תשובה כאָטש אויף איינע פון די דאָזיקע פראַגעס, און דעמאָלט נעם איך זיך אונטער צו ענטפערן, אַ נבואה פאַר אַ נבואה, אויך ווי ס׳וועט זיין דער מצב פון די יידן.

און דאָס איז דער יסוד אינעם לעבן פון דער מענטשהייט און דער געשיכטע, אַז ס׳איז נישט מעגלעך פּאָרויסצוזען דאָס קומענדיקע — אין אַבסאָלוטער קלאָרקייט, נייערט דורך אַ נעפּל. דער יסוד דער פּערמענטירנדיקער, דער אָנטרייבנדיקער, וועלכער פרישט אָפּ דאָס לעבן, איז אָן אומפּאָרויסגעזעענער. ווען אַלץ וואָלט זיין פּאָראויסגעזען, ווי אין אַ רעכענונג־אויטאָמאַט, וואָלט נישט געווען קיין פּאַנטאַזיע אויף דער וועלט, וואָלט נישט געווען קיין שטרעבונג אויף דער וועלט, נישט קיין ליידנשאַפט און נישט קיין האָפענונג, נישט קיין אויסוואַל און נישט קיין ווילן, און מיר וואָלטן אַלע געשטאָרבן פון לאַנגווייל. ס׳איז גענוג פאַר אונדז, אָרעמע מענטשן, צו וויסן די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און די גאַנצע קעגנוואַרט; צו וויסן אויך די צוקונפט — איך וויל עס גאָרנישט, אפשר ווייל „די וויינטרויבן זענען הויך געשטויגן״.

אָבער, הגם איך נעם צו פון דעם ווערטל „דער ציוניזם איז די אַבסאָלוטע לייזונג פון דער יידן־פראַגע״ דעם אָרעאָל פון נבואה און די פּרעטענזיע גערעכנט צו ווערן פאַר דעם וויכטיקסטן פון די ציוניזם־פּרינציפּן, לאָז איך עס איבער אַלס ווערטל, וואָס פאַרמאָגט לאָגיק פון אמת און ריכטיקן אורטייל. דאָס פאָדערט אויפקלערונג.

דעם ווער עס באַטראַכט דעם ציוניזם נישט מער ווי אַ מעכאַניק פון אַריבערפירן פון איין אָרט אויפן צווייטן, וועט דער זין פון דער אַבסאָלוטער לייזונג זיין: אַריבערצופירן אַלע יידן פון זייערע תפוצות קיין ארץ־ישראל. אויף אַזאַ אופן ווערט די יידן־פראַגע נישט פאַרענטפערט, נייערט נעמט אָן אַ נייעם פאָרעם. אין די צוזאַמענשטויסן און ראַנגלעניש פון אַ פאָלק, וואָס זיצט אויף זיין ערד, מיט די פעלקער, וועלכער דריקן עס, וואָס הלוואי זאָלן זיי נישט זיין און וואָס מיר וועלן זיך באַמיען מיט אַלע כוחות צו באַוואָרענען זיי זאָלן נישט זיין, איז נישט פאַראַן פון קיין פּאָגראָמען, נאָר ס׳איז פאַראַן אין זיי פון נאַציאָנאַלן קאַמף. אפילו די שינאה, וואָס קאָן זיך איינשטעלן

און אונדז פיל שאָדענען און וואָס מיר דאַרפן זי אויסמיידן אויף וויפל ס'איז מעגלעך, איז נישט פאַראַן אין איר פון גלות־שינאה, נאָר פון פּאָליטי־שער שינאה, וועלכע האָט אין גאַנצן אַן אַנדער כאַראַקטער. דאָס איז אַן אַבסאָלוטע ווערטן־ענדערונג בנוגע דעם יידישן פאָלק, דעם באַוווינער און בירגער פון זיין נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. די יידן־פראַגע, אין געוויינלעכן גלות־באַגריף הערט אויף אין ארץ־ישראל, און אַנשטאָט איר קומט די פראַגע פון אַריינוואַרצלונג, פון פיזישן און גייסטיקן כוחות־אַנזאַמל, פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, פון קולטור און דערציִונג, פון עקאָנאָמישער פאַר־פעסטיקונג און אַזוי ווייטער, ווי ביי יעדן פאָלק. אין דער בחינה קומט פאָר, סיי אין דער טעאָריע, סיי אין דער פראַקטיק, אַ פולשטענדיקער טויש אינעם שטייגער און אַ טויש אין די האַנדלונגען. עס הערט אויף די אייביקע אַפּאָלאָ־געטיק, וואָס וויפל מיר ווילן פון איר פּטור ווערן אין גלות, קאָנען מיר פון איר נישט פטור ווערן אַבסאָלוט. עס דאַרף אויפהערן די שתדלנות, וואָס באַרויבט אונדזער אייגנאַרטיקייט און דעם גייסטיקן כוח פון אונדזער פאָלקס־טימלעכקייט. עס הערן אויף די אַסימילאַציע און די צופאַסלערישקייט, אין יענער ברייטער מאָס ווי זיי זענען פאַראַן און אַנטוויקלען זיך אינעם גלות. דאַקעגן וואַקסט און אַנטוויקלט זיך די שטרעבונג צו נאַטירלעכער זעלב־שטענדיקייט, וועלכע פאַרפעסטיקט זיך אויפן באָדן און דער באַזונדערער קול־טור. אין דעם אַלץ איז נישט פאַראַן קיין באַוועגונגס־ענערגיע (קינעטישע), נאָר אַ פּאָטענציעלע ענערגיע, אָדער אַ פאַרבאָרגענער כוח, אַ וואָרצלדיקער, אַ נאַציאָנאַלער; און זי האָט נישט קיין שום דמיון צו דער צופעליקייט און דעם געמיש פון פרעמדע עלעמענטן, וועלכע זענען דער רוב־בנין און רוב־צעשטערונג פון דער יידן־פראַגע אין גלות.

איך וויל זיין פּינקטלעך אויף דער האָר נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט איבערטרייבונג. איך זאָג נישט, אַז אָט דער פּראָצעס אין ארץ־ישראל איז אַ סך גרינגער פון די פּלאָגן פון דעם וואָס מע רופט „די יידן־פראַגע אין גלות". פאַרקערט, איך טראַכט, אַז ער איז שווערער. וואָס איך וויל אַרויסברענגען בולטער, איז דאָס, אַז ער איז אַנדערש און באַזונדעראַרטיק אין זיין כאַראַקטער, אַז ער שטרעבט צו אַן אַנדער ציל, ס'הייסט, אַז ער האָט אַ צילגעווענדטקייט. איך דענק, אַז בנוגע דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל איז נישט פאַראַן קיין שום חילוקי־דעות בנוגע דעם אויבן־געזאָגטן, און אַז קיין שום דענקענדיקער מענטש קאָן נישט פאַרווישן די שיידליניע צווישן ארץ־ישראל און דעם גלות בנוגע דער כאַראַקטעריסטישער קוואַ־ליטעט פון דער יידן־פראַגע — דאָ און דאָרטן.

אָבער „כאן הבן שואל" — פרעגט דער פרעגער: און די זעכצן מיליאָן

יידן, וואָס וועט זיין מיט זיי? און ווי וועט געלייזט ווערן זייער פּראָגע אין זכות פון דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל?

איך געהער נישט צו די יעניקע, וואָס זאָגן זיך אָפּ מיט גלייכקייט און ביטול פון אָט די זעכצן מיליאָן יידן. אַזאַ באַציִונג באַטראַכט איך נישט נאָר ווי בטלנות, ווי ווילדע דאָקטרינערישקייט, נאָר אויך ווי אַן אומנאַציאָנאַלע אָנשויונג; און נישט נאָר דערפאַר ווייל ארץ־ישראל ווערט געבויט און דאַרף געבויט ווערן דורכן גלות. ווען מע וואָלט אַפילו נישט געדאַרפט אָנקומען צו אָט דער פאַרבינדונג, און ארץ־ישראל וואָלט געקאָנט אויפגעבויט ווערן פון זיך אַליין און פון אייגענעם געביין, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס אָפּזונדערן די נאַציאָנאַלע היים פונעם יידישן גלות איז אַ שלעכט פאַרהאַלטן זיך צוליב אַ שעדלעכער מיינונג. — אַדרבא, ארץ־ישראל דאַרף זיין דער סימבאָל און די פאָן, דער אינהאַלט און דער תמצית פון דער יידישער אייניקייט.

די אַבסאָלוטע לייזונג איז די מעכאַניק, דאָס הייסט, דאָס פּאַקטישע אַרי־בערפירן. וויפל פון אונדזערע פאָלקסזין ס׳וועלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ־ישראל — אַזוי פיל וועלן געבוירן ווערן, ס׳הייסט, וועלן אַרויס פונעם תחום פון דער גלותדיקער יידן־פּראָגע און אַריין אין אַן אַנדערער יידן־פּראָגע. דאָס איז די ראַדיקאַלע לייזונג, אויף וועלכער ס׳האָט אָנגעווויזן הערצל. אַרויסגאַנג פון גלות און אַן ענדע.

וואָס איז אויסער דער־אַ ממשותדיקייט איז אַ רעלאַטיווער באַגריף, וואָס מע קאָן אים נישט אַנידערלייגן אויף דער האַנטפלאַך, אין דער בחינה פון „כזה ראה וקדש״ — אַזוי געגנוי וועט דאָס זיין. דאָס־אַ פאָדערט אַ טיפערע פאַרשטענדעניש און אַ דינערן פּאָליטישן חוש: דער וויכטיקסטער אויספיר צו וועלכן מיר קומען דורכן באַנעמען די דאָזיקע פראַגע, פאַר איר לייזונג, איז נוגע דעם אינהאַלט פונעם טערמין, וואָס הייסט „יידן־פראַגע״, לויט דער שיטה פון דער ליבעראַלער אינדיווידועלער עמאַנציפּאַציע איז די פּראָגע נוגע אַ גרעסערער אָדער קלענערער צאָל — דער קוואַנטום האָט נישט קיין באַדייטונג! — מענטשן יחידים, וועלכע לעבן אין זייערע ווינקלענדער און ווערן פאַרפאָלגט און באַרויבט פון רעכט, אָבער זיי ווילן ווינען יעדער אין זיין לאַנד און באַקומען די זיי גייטיקע באַשיצונג. די לייזונג פון דער־אַ פּראָגע איז גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער לויט דער לערע פון נאַציאָנאַליזם איז די פּראָגע מער אַרומנעמענדיקער און דרינגט אַריין טיפער אין דער זאַך: דאָס איז די פּראָגע פון אַ פאַרפאָלגט פאָלק, וואָס וויל זיך אומקערן און אויפבויען זיין היסטאָריש היימלאַנד און פאָדערט צוליב דעם, מע זאָל פאַר אים פלאַסטערן דעם „וועג פאַרן דורכגאַנג פון די אויסגעלייזטע״, נישט

אַלס עמיגראַציע און חסד פון הכנסת־אורחים, נאָר אין דער בחינה פון „ושבו בנים לגבולם״ — די קינדער וועלן זיך אומקערן צו זייער גרענעץ (רעפּאַטריאַציע). דורך דער פאַרשטאַרקונג פון דאָזיקן צענטער, אַט־די נאַ־ציאָנאַלע איינהייט, צי מע וועט זי רופן „מאַנדאַט״, „נאַציאָנאַלע היים״, „מלוכה״, „מדינה״, „דאָמיניע״, „קאָמאָנוועלט״, אָדער לויט דער מיינונג פון די עקסטרעמיסטן, משטיינס געזאָגט, „סאָוויעט״, — נישט דער נאָמען איז דער עיקר, און נישט מיר קאָנען דוחק זיין דעם קץ פון באַשליסן דעם נאָמען; אָבער דער עיקר איז, אַז אַט־די נאַציאָנאַלע איינהייט זאָל זיין אַ גרויסע און פאַרזיכערטע און אַנטוויקלטע בתכלית־השלמות, און דעמאָלט קאָן מען משער זיין, אַז אָט די איינהייט, מיט איר כוח און איר גרויסקייט און אין זכות פון אירע פרידלעכע דערגרייכונגען אין אַרבעט און קולטור, און דורך אַ פּאָליטיק, נישט קיין שרייענדיקע, נייערט אַן אינ־טענסיווע, אומאויפהערלעכע, קאָנצענטרירטע, — וועט אַריינגענומען ווערן אינעם אַרעאָפּאַג פון די מדינות, סיי סע וועט זיין דער אַפּאַראַט פון דער פעלקער־ליגע, אָדער אַן אַנדערער מער פּראָגרעסיווער אַפּאַראַט, און זי וועט רעדן אין נאָמען פון איר דיאַספּאָרע, און דעמאָלט איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז די יידן־פראַגע אויף דער גאָרער וועלט זאָל באַקומען אַן אַנדער כאַראַקטער, און אַז יענע פון אונדזערע ברידער, וואָס די מעכאַניק פון אָרט־ענדערונג און פאַקטישע אַריבערפירונג וועט נישט בכוח זיין זיי פונעם אָרט צו רירן, וועלן איבערבלייבן אין דער דיאַספּאָרע נישט אומבאַ־שיצט, נאָר איינגעבירגערט און איינגעאָרדנט. דאָס הייסט אַ פרייער אויס־וואַל, אַן אַלטערנאַטיוו: אַ פריי אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל, גערנוויליק, אָן צוואַנג און דראַנג, יעדער מיט זיין פאַמיליע און זיין פאַרמעגן, אָן תחבולות און טראַנספערן, ווי די גריכן פון אַנאַטאָליע האָבן צוריקגעקערט קיין גריכנלאַנד, און די פעלקער־ליגע האָט זיי געהאָלפן זיך אומקערן; און די יעניקע וואָס, צוליב דער, אָדער אַנדער סיבה, קאָנען נישט, אָדער ווילן נישט, זיך אומקערן, — זיי זאָלן וווינען בשלום און אָרנטלעך אין זייערע ווינלענדער.

דאָס איז די אַבסאָלוטע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם, וואָס דער ציוניזם לייגט פאָר. דאָס איז בעצם און פאַר אַלעמען געווען די אידיי פונעם מאַנדאַט. דערפאַר איז אין דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע אויסגענומען געוואָרן אַ בפירושער תנאי, נישט אָנצורירן די פּאָלי־טישע רעכט פון די יידן אויף דער וועלט. וואָס פאַר אַ זין האָט דער־אָ תנאי, אויסער דעם וואָס מ׳האָט געלייגט אַכט דערויף, אַז אויפן חשבון פון ארץ־ישראל זאָל קיין שום פאָלק נישט אָנרירן די יידישע רעכט אין זייערע

תפוצות? דאָס איז געווען אַ גאַנצער פּראָגראַם פון דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל אין פאַרבינדונג און צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער ייִדן־פראַגע אויף דער וועלט. די סיבה, פאַר וואָס די שפּעטערע פּאָליטיק (ריכטיקער: די פּראַקטיק) האָט אָפּגעקערט פונעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, איז דער דעפעקט פונעם מאָראַלישן יסוד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין אַלגעמיין. איך האָף, אַז נאָך אַלע רעאַגירונגען וועט זיך די אַלגעמיינע וועלט אומקערן צום דאָזיקן אידעאַל. אין דער דאָזיקער ריכטונג דאַרף מען אַ סך אַרבעטן אויף דער גאַנצער וועלט און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין דער דאָזיקער ריכטונג איז קיין שום קרבן נישט איבערגעטרייער צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן די נאַציאָנאַלע היים. דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער באַשייד.

כ״ז מרחשון, התרצ״ו